STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05133

# YIDN FUN A GANTS YOR

Iehoshua Perle

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Dr. Jennie Ann Freiman*
*in memory of*
*Joseph & Tema Freiman*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יהושע פערלע

# יידן פון אַ גאַנץ יאָר

דאָס דאָזיקע ווערק איז אין יאָר 1937
פּרעמירט געוואָרן אין וואַרשע מיט דער
פּרץ־פּרעמיע פון יידישן פּען־קלוב אין פּוילן
און ליטעראַטור־פּרעמיע פון „בונד” אין פּוילן.

LIBRARY
CANCELLED
NOV 30 1997
NOV 18 1997
UNIVERSITY OF TORONTO

די איצטיקע אויסגאַבע איז אַן איבערדרוק פון דעם בוך אַרויסגעגעבן דורכן צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע ייִדן אין אַרגענטינע אין דער ביכער־סעריע „דאָס פוילישע ייִדנטום״, בוענאָס־איירעס 1951

דאָס בוך ווערט אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון דעם סאָניע און בצלאל קאַסטנער־פאָנד א״נ פון מלך ראַוויטש ביים י. ל. פרץ־פאַרלאַג.

יהושע פערלע

# יידן פון אַ גאַנץ יאָר

הקדמה פון

לעאָ פינקעלשטיין

*

פאַרלאַג י.ל. פרץ ישראל

תל־אביב 1990 — תש״ן

IEHOSHUA PERLE

# IDN FUN A GANC IOR

I. L. Peretz Publishing House
14, Brenner Str., Tel-Aviv

©

פארלאג י. ל. פרץ, ברנר 14, תל־אביב

נדפס בישראל תש״ן
Printed in Israel, 1990
נדפס בדפוס אופסט „ראם״, ת״א



יהושע פערלע

(צייכענונג פון פעליקס פרידמאַן)

לעא פינקעלשטיין

# יהושע פערלע

(אומגעקומען על קידוש השם מיט אלע פוילישע יידן)

צי קאַנט איר אפשר די טיף־פוילישע פראָווינץ? איז אייך נישט אַמאָל אויסגעקומען אַריינצושמעקן אין אַן אַמאָליקער פוילישער „גובערניע״־שטאָט, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַן איינגעזעסן און באַגלייך אויפגעוועקט יידיש לעבן. אויב איר זענט דאָרט געווען, האָט איר מסתמא באַמערקט יידישע אוניפאָרמירטע „סטודענטלעך״ גיין אין דער שטאָט־גימנאַזיע און אַ כאָפּטע אָפּגעריסענע חדר־ייִנגלעך איז זיי נאָכגעלאָפן און געוואָרפן שטיינער. דאָס פאַרביסענע שטיינער־וואַרפן איז נישט געקומען בלויז פון הפקר־שקאָצעריי, נאָר ס׳רוב פון קנאה. ס׳אָרים אָפּגעשליסן ייִנגל האָט נישט געקאָנט פאַרגינען דעם באַהייביקן שכנס בחורל צו גיין אַן אויסגעסטראָצטער „אין אַ מונדיר מיט מעשענע קנעפּ״. יאָ, די גימנאַזיע וועט פאַר דעם שכנס זונדל עפענען די ברייטע וועלט, און ס׳אָרימע ייִנגל וועט נעבעך שוין אויף שטענדיק פאַרבלייבן אין בלאָטיקן געסל. נישט איין ייִנגל האָט זיך נישט באַגנוגנט רק מיט הפקרדיקער קנאה, נאָר זיך געפּרוווט פאַרקלערן איבערן אייגענעם גורל און מיט געוויין מאָנען ביי דער מאַמע גערעכטיקייט.

צווישן אָט־דער כאָפּטע שטיינער־וואַרפער האָט איר געקאָנט זען דעם קליינעם שיעלע מיט זיינע לעבעדיקע טונקל־בלויע אויגן און פיין־געשניטן מיילעכל. ער איז אַריינגעלאָפן צו דער מאַמע מיט אַ געוויין: „יאַך וויל ווערן אַ סטודענטל״. די מאַמע, וועלכערס ערשטער מאַן איז געווען אַ פעלדשער און איז איצט ביים צווייטן מאַן אַראָפּ פון מעמד, האָט געפּרוווט איינגעמען איר וויינענדיקן זונדל מיט גוטע רייד און שפּעטער איבערגעשמועסט דערוועגן מיטן טאַטן. דער טאַטע, אַ וואָכעדיקער

דאָרפס־ייִד, אַן אָרימאַן אין זיבן פּאָלעס, וועלכער פירט אַ משטיינס־געַ־זאָגטן גראָשנדיקן מסחר מיט היי, האָט זיך אויסטערליש צעלאַכט פון דער מאַמעס „ווילדע" פאַרלאַנגען. פונדעסטוועגן איז באַשלאָסן געוואָרן צו מאַכן פון ייִנגל „אַ לייט"; מ׳וועט אים אַרויסנעמען פון חדר און אַריינגעבן אין אַ שניט־קראָם פאַר אַ געהילף־„סוביעקט". נישט קשה, מ׳האָט שוין געזען ווי אָרימע משרתים ווערן שפּעטער גרויסע סוחרים. עלע־היי: נתן ניימאַן, יענקל אייפּער, יוסף וויינריב און חיים פוקס. זיי זענען דאָך לכתחילה געווען „מענטשן ביי יענעם". אַזוי אַרום איז שיעלע מיט מזל געוואָרן אַ שיק־ייִנגל ביי יוסל גרין אין דער גרויסער שניט־קראָם אויף דער לובלינער גאַס. אין חמימהדיקע טעג פלעגט ער אָפּטראָגן גרויסע פּעק שטיפּליוונט צום סקאַרשעווער אָמניבוס. ווידער אין דער „פרייער" צייט האָט ער געמוזט וויגן ס׳קינד פון דער באַלעבאָסטע, וועלכע האָט אים, שיעלען, גערופן אויף דייטשמעריש „דער יונגע".

אָבער דער „יונגע" האָט עפּעס נישט געפונען קיין מנוחה אין זיין אַרבעט, תמיד אַרומגעגאַנגען פאַרחלומט. אַמאָל פלעגט ער צווישן איין קונה און דעם אַנדערן זיך אַ לאָז טון מיט חברה יאָגן טויבן איבערן רייטשול־מאַרק, צילן אין זיי שטיינדלעך פון אַ גומענעם ציפער. אָדער גלאַט לויפן נאָך אַ וואָגן שמעקדיק היי, וואָס אַ פויער האָט געפירט איבער דער שטאָט. דער באַלעבאָס האָט אָפט בייז אונטערגעברומט, אַז שיעלע איז צומאָל אַ ליימענער גולם און צומאָל אַ לאָבוזל, אָבער אין קיין פאַל נישט קיין שניט־סוחר...

ביסלעכווייז האָט די מאַמע, אַן אָפּגעקומענע באַלעבאָסטע, וואָס האָט זיך געגוידערט מעשה־גבירטע, איינגעזען, אַז ס׳איז נישט קיין תכלית ווייטער צו לאָזן ס׳ייִנגל אין „געשעפט". זי האָט מיט גרויס קאָפּ־דאַרעניש צונויפגעסטריגעוועט אַ גראָשן מיט אַ גראָשן און געלאָזט אים לערנען ביי אַ פּריוואַטן לערער מיטן חלום, אַז פון איר געראָטן שיעלע וועט אַמאָל אַרויסוואַקסן אַ לייט. ס׳איז איר נישט אָנגעקומען אַזוי גרינג, אָבער שיעלע האָט זיך געלערנט פלייסיק. במשך פון צוויי יאָר האָט ער דורכגעמאַכט אַ פיר־קלאַסיקן גימנאַזיע־קורס. די מאַמע האָט דעמאָלט געהאַלטן, אַז איר זון איז שוין גענוג געבילדעט און דאַרף ווערן אַ פאַר־דינער, אַ „קאַנטאָרשטשיק", וואָס האָט זיך דעמאָלט גערעכנט פאַר אַ געהויבענער באַשעפטיקונג.

שיעלע איז איצט שוין אַן אויפגעקלערטער זעכצניעריקער בחור; ער הייבט זיך אָן אַריינלייענען אין רוסישע און פּוילישע ביכער, וואָס וועקן ביי אים כסדרדיקן אומרו. ער האָט צום ערשטן מאָל געפּרוּווט אויפשרייבן אַ ליד אויף רוסיש א. נ. „געשטאָרבן הערצל" און עס פאַרגעלייענט פאַר די שטאָטישע גימנאַזיסטן. ער האָט געהערט, אַז אין וואַרשע געפינען זיך פּרץ און אַש. ס'האָט אים געצויגן די גרויסע שטאָט. ענדלעך איז ער אויף אַ פאַרצייטיקן פערד־אָמניבוס דורך גריצע געקומען קיין וואַרשע, ווו ער איז געוואָרן אַ געהילף־בוכהאַלטער. ער האָט פלייסיק געאַרבעט אין קאַנטאָר, אָבער מיט דער מחשבה איז ער געווען אין זיין לופטיקער היימשטאָט, פון וועלכער ער האָט מיטגעבראַכט פאָלקסשטאַמיקייט, תמימות, האַרציקע ערלעכקייט, ליבע צום פּראָסטן פאָלקסמענטש און צו זיין לשון־יידיש.

ווי אַ בוכהאַלטער איז ער געווען אָנגעטון אין אַ געפּרעסטן אַנצוג, שטייפן קאָלנער און אויך געטראָגן בלישטשענדיקע פענסנע אויף דער נאָז. אָבער זיין גאַנץ האַלטן זיך, הויך רעדן און אָפן געלעכטער איז גאָרנישט געווען מעשה־בוכהאַלטער.

אין דער גרויסער שטאָט איז ער אייגנטלעך געקומען צו ווערן אַ פאַרדינער, אָבער קיין שום זאַך איז אים דאָרט נישט איינגעגאַנגען. די בוכהאַלטעריע איז אים נישט געווען ניחא; ס'האָט אים „עפּעס" געצויגן. תמיד געהאַט אין אויג די הינטערשטאָטישע פעלדער, פון וואַנען דער טאַטע האָט געפירט היי. ער האָט זיך ממש געשאַרט ביי די ווענט. שפּעטער פלעגט ער אין דער פרייער צייט לייענען ביכער, גיין אין פּוילישן טעאַטער אָדער אויף די באַרימטע פּרץ־פאַרלעזונגען, פון וועלכע ער איז געווען באַגייסטערט. אָבער באַזונדער פאַרליבט איז ער געווען אין שלום אַשן. אין שלום אַשס צאַרט־פּוילישער ראָמאַנטישקייט האָט ער אַנטפּלעקט די אייגענע ירושה, וואָס ער האָט באַקומען פון זיין דאָרפס־טאַטן. ער האָט געפרוּווט פאַרקערן אין דער סביבה פון יונגע שרייבער. זיין בחור־שטיבל אויף דער אָרלע־גאַס איז געוואָרן אַ בית־ועד פאַר שרייבער־אָנהייבער און גלאַט באַהעמע־לייט. מ'האָט דאָרט ליידנשאַפטלעך דיספּוטירט וועגן פּשיבישעווסקיס דעמאָניזם און פּרצס „גאָלדענע קייט".

אין וואַרשע זענען דעמאָלט געווען דריי ליטעראַרישע „סאַלאָנען": אויף דער צעגלאַנע ביי י. ל. פּ ר ץ, אויף דער שליסקע ביי ה ל ל

צ י י ט ל י נ ע ן און אויף שוויענטאָקשיסקע ביי נ ח פ ר י ל ו צ־ ק י ן. אין פרצס שטוב האָט ער דעמאָלט נישט געהאַט קיין דריסת הרגל. וואָס דאָרט קומט פאַר האָט אים צומאָל דערציילט זיין חבר אפרים קאַגאַנאָווסקי, וועלכער איז געווען פרצעס ליבלינג. הלל צייטלינס שטוב איז פאַר אים געווען צו לומדיש; דאָרט האָט מען גערעדט וועגן היוכע מאַטעריעס און מ'האָט געדאַרפט האָבן אַ ידיעה אין די דריבנע אותיות. איז ער טאַקע געוואָרן אַ שטיקל בן־בית ביי נח פרילוצקין, ווו ס'האָבן זיך געזאַמלט די דעמאָלטיקע יונגע, וועלכע האָבן געהאַט אינטערעס נישט נאָר פאַר שיינער ליטעראַטור נאָר אויך פאַר טעאַטער און פאָלקלאָר.

פערלע האָט ביי זיינע חברים אויסגעצוימען קודם־כל מיט זיין האַר־ציקעוו' אָפנקייט, טיפיש פאָלקס־געמיט, וואָס איז ביי אים געגאַנגען גע־פּאָרט מיט אַ באַזונדער פוילישער פאַרחלומטקייט און צאַרטער פאַר־בענקטקייט. ער האָט געפילט, אַז עס איז אים שטענדיק „עפּעס" נאָכגע־גאַנגען.

מיט זיין ערשט סענטימענטאַל־ראָמאַנטיש בילדל „שבת" האָט ער געפרוווט מזל אין רעדאַקציע „היינט". ער האָט עס פאַרגעלייענט דעם רעדאַקטאָר ש. י. יאַצקאַן. נאָכן אויסהערן האָט יאַצקאַן געזאָגט פערלען: „אייער „שבת" איז אַוודאי אַ כּודאַזשעסטוועגע זאַך, נישט מער פאַר מיין „היינט" איז עס צו ליטעראַריש". ענדלעך איז „שבת" אָפּגעדרוקט גע־וואָרן אין נח פרילוצקיס זאַמלבוך „דער נייער גייסט".

דאָס איז געווען דער אָנהייב; שפּעטער האָט ער זיך ממש פאַרכלי־נעט מיט דער ספּעציפיש־פוילישער סענטימענטאַלקייט. ער האָט נישט דערציילט נאָר פשוט געזונגען. זיין „לאַנד פון דער ווייסל" — אַ פּאָעמע אין פּראָזע — איז פול מיט האַרציקער צוגעבונדנקייט צום פוילישן שטיי־גער און פוילישן לאַנדשאַפט. אַלץ וויקלט זיך אַרום מאָטיוו, וואָס אַ פריי־צישע טאָכטער פאַרפירט אַ יידיש מיידל צום שמד. מיט מער פלאַסטיש־קייט ברענגט ער עס אַרויס אין זיינע סקיצן און נאָוועלן־זאַמלונג „אונ־טער דער זון".

פערלען דעם בוכהאַלטער קומט אויס זיך צונויפצוטרעפן מיט דער יידישער האַלב־אַסימילירטער בורזשואַזיע. ער קוקט זיך צו, אָדער קוקט אונטער זייערע שוואַכקייטן. ער אָבסערווירט זייער לעבנסשטייגער, וועל־

כער איז פול מיט גייסטיקער פוסטקייט, „ווילדערצויגענער" קולטורלאָ־זיקייט און סנאָבישער פאַרריסנקייט. ער פאַרגלייכט עס מיט זיין אָרימער אָבער ערלעכער היים און דערזעט פלוצים די ווייסטע ליידיקייט, וואָס טראָגט זיך פון דער „בעסערער" געזעלשאַפט. זיין פּראָסט פאָלקס־געפיל בונטעוועט זיך אַקעגן אַט־דער פאַרליגנערישטער „אינטעליגענץ", וואָס בלאָזט זיך מיט אינהאַלטלאָזיקייט. פון דער דאָזיקער וועלט שטאַמען זיינע ראָמאַנען „מירל", „אַן אָרנטלעכע פרוי" און די נאָוועלן „זינד", אין וועלכע עס דאָמינירט דער עראָטישער עלעמענט.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ס'גאַנצע יידישע לעבן אין פוילן איז איבערגעענדערט געוואָרן, האָבן זיך אין דער יידישער ליטעראַטור אין פוילן אויסגעשיילט. נייע שולן. צו יענער צייט האָט פערלע געהערט צו דעם קרייז פּראָזאַיקער, וואָס שטייען אויפן שיידוועג צווישן דער אַלטער און נייער תקופה. ער איז דאָך דערצויגן געוואָרן אין גייסט פון די פאַרמלחמהדיקע ליטעראַטור־טראַדיציעס, דערהויפּט אונטער דער השפעה פון פּרץ, שלום עליכם און אַש. פון פּרצן און אַשן האָט ער איבערגענומען די באַזונדערע ליבשאַפט צו פוילישע יידן. ביים שלום עליכמען האָט ער זיך געלערנט אָנווענדן דעם רעאַליסטישן מעטאָד ווי אויך דעם פּלאַסטישן באַנעם פון דער ווירקלעכקייט. לכתחילה האָט זיך פערלע זאָרגלאָז געצערטלט מיט דעם באַלעבאַטישן לעבנסשטייגער אָבער דערביי אויך געהאַט אַן אויג פאַר דער רויער ווירקלעכקייט פון שוסטער־געסל. די דאָזיקע וואָכעדיקייט איז אָבער געווען באַדעקט מיט אַ דינעם שיכט צאַרטע ראָמאַנטישקייט. אויף זיין ווייטערדיקן וועג באַפרייט זיך פערלע פון די צוגעזיסטע לירישקייטן און ווערט מער נאַטוראַליסטיש, לעבנס־האַרטער. ער באַמיט זיך אַריינצודרינגען אין תוך פון דער גרויער טאָג־טעגלעכקייט און ווייזט דערביי אַרויס מער שרייבערישע רייפקייט. דאָס איז נוגע נישט נאָר דער טעמאַטיק, נאָר אויך — קינסטלערישע מיטלען: דער שילדערונגס־אופן, עקספּרעסיע, אוממיטלבאַרקייט פון צייכענען, בילדערישקייט, מעטאַפאָר א. ד. גל. עס שפּירט זיך שוין קינסטלערישער אויסדויער. זיינע דערציילונגען זענען נאָך אָבער אַלץ קורץ־אָטעמדיקע. צום דאָזיקן זשאַנר געהערט זיין בוך נאָוועלן „ניין אַ זייגער אין דער פרי", דער פאָן — דאָס לעבן פון ביוראַליסטן, וואָס איילן אין דער פרי צו דער אַרבעט. זיצן מענטשן אָפּ צענדליקער יאָרן ביים שרייבטיש און גריבלען

זיך אין טויטע ציפערן. פערלע האָט דערפילט דעם שוידער פון די, וואָס גענעצן אָפּ אַ לעבן מיט נישטיקע שוואַכקייטן און גראַשנדיקע אַמביציעס.

אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט שענקט פערלע ווייטער דעם האַלב־אַסימילירטן טייל פון יידישן מיטלשטאַנד. די מענטשן „ז׳ טאַוואַזשיסט־וואַ" (פון דער געזעלשאַפט), וואָס רעגלען זייער לעבן לויט פאַרליגנע־רישט־איינגעשטעלטע קאָנווענאַנסן. פערלע אידענטיפיצירט זיך אָבער נישט מיט זיינע העלדן, עס טיילט זיך אויס אַ דיסטאַנס, אַ דאַנק וועלכן ער איז מסוגל אויסצולאָכן די סנאָביסטישע איינגעגלויבטקייט אין דער „העכערער" קולטור פון דער „גוטער דערציאונג". ער שטרייכט כסדר אונטער זייערע לעכערלעכע געוווינהייטן, טעמפּקייט און גייסטלאָזיקייט.

זיין בוך — „יידן פון אַ גאַנץ יאָר" באַטייט אַ פולשטענדיקער שרייבערישער איבערברוך. עס איז פערלעס ערשטער לאַנגאָטעמדיקער פּרווו צו סינטעטיזירן דעם ראָמאַנטישן ליריזם מיטן אולטראַ־נאַטוראַליזם.

דער אַלטער אָפּשפּעטער פון דער בוכהאַלטערישער געצאַצקעטקייט ווייזט דאָ אַרויס ווידערווילן צום באַקאַנטן מין קאַליגראַפיע־סטיל. ער מיידט פלייסיק אויס די שפּראַך־ און סטיל־געציקלטקייט, שרייבנדיק פּראָסט און נאַטירלעך — ווי עס רעדט אַ מענטש צו אַ מענטש. ער שרייבט טאַקע לויט אַ באַזונדערן נוסח, פונדעסטוועגן איז זיין סטיל דער לעבנס־סטיל פון דער עדה פּראָסטע און גרויע יידן, צווישן וועלכע דער אויטאָר איז אויסגעוואַקסן.

דאָס איז אַ סביבה, מיט וועלכער דער אויטאָר איז אָרגאַניש צונויפגעוואַקסן. ער האָט אָבער באַוויזן אין זיך גובר צו זיין דעם פּיגמייענאַרטיקן לעבנס־פאַרנעם פון דער דאָזיקער סביבה. דער גייסטיקער דיסטאַנס, וואָס פרעסט זיך אַריין צווישן אים און דער געשילדערטער וועלט, דערלויבט אים צו זאָגן דעם גאַלן אמת און פריי, הומאָריסטיק־שפּילעוודיק צו צייכנען זיינע פיגורן.

„יידן פון אַ גאַנץ יאָר" זענען געשריבן אויטאָביאָגראַפיש. דאָס איז אַ געשיכטע פון אַ יינגל, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין אַ גרעסערער פּראָווינץ־שטאָט. מיר באַקענען זיך מיט די אַנטוויקלונגס־עטאַפּן פון דאָזיקן

יינגל און זיין אויסטערלישן אַרט רעאַגירן אויף דערשיינונגען. אָבער דער עיקר פון דער דערציילונג איז דער געזעלשאַפטלעכער פאָן און ספּעציעל — דער אייגנאַרטיקער יידישער לעבנס־שטייגער פון גרויען מענטש. ער וויקלט פונאַנדער אַ ברייטן לייוונט פון דער יידישער אָרעמקייט. אַ טרי־בער לעבנס־ריטם פונעם פּאַרמיטלער־שיכט, וואָס וואַרט אַלץ אויף אַ „מופת", אַז דער „שיקזאַל" זאָל ענדלעך אַ קער טון די מערכה צום גוטן. אַ משונהדיק געזעמל פון געשטאַלטן און פּאַרשוינען, וואָס וואָרגן זיך מיט כסרדדיקע זאָרגן, לעבן זיך אויס אין גלויבן און אבערגלויבן און פּוצן אויס זייער אָרעמקייט יום־טובדיק. דאָס בוך איז דורכגעוועבט מיט סאָ־ציאַלע עלעמענטן. עס איז דער גרויסער דלות־פּאַטאָס, וואָס פּאַרדרענגט אַ שלל פון נישט אויסגעלעבטע מעגלעכקייטן, נישט אויסגעשוימטע באַ־גערן און בענקשאַפטן. עס איז אַ שטילע אָדע צום פּראָסטן און גרויען מענטש, צום ייד פון אַ גאַנץ יאָר, וואָס הייליקט זיין לעבן אין פּיינפולן קאַמף פּאַר אַ טרוקן שטיקל ברויט, עס איז אַ ביטער לעבן — ווי בער־געלסאָן וואָלט זיך אויסגעדריקט — על קידוש הקאָפּיקע.

„אַ בוך פון אַ פּאַרגאַנגען לעבן" — לעבנס־עפּאָפּיי פון אַן אָקאָרשט פּאַרגאַנגענעם דור, וואָס מיט זיינע גייסטיקע רעשטלעך נערן מיר זיך נאָך היינט. מיט די אויגן פון אַ באַאָבאַכטעריש און עמפּינדלעך יינגל קוקט דער אויטאָר אויף דער יידישערווירקלעכקייט, וואָס וועקט זיך פון אַ לאַנגער פּאַרשלאָפנקייט. עס פּאַרשווינדט שוין די באַקאַנטע שטעטל־דיקע אָפּגעצוימטקייט.

אַלס פירשט פון דער אָרימקייט טרעט דאָ אַרויס לייזער שאַניאַש, אַ שטילער ייד מיט אַ שווער געמיט, אַ טויבלעכער „מרוק", וואָס האַנדלט מיט היי און שטאַרבט דריי מאָל אין טאָג פון הונגער. ער פּאַרנעמט זיין עלנט באהבה, ער איז אָרגאַניש צונויפגעוואַקסן מיט זיין אביונישקייט, וועלכע איז געוואָרן זיין לעבנס־נוסח. דאַכט זיך, אַז ווען ער זאָל ווערן אויס אָרימאַן, וואָלט ער געוואָרן נאָך אומעטיקער. אין פלוג קאָן זיך אפשר אויסדוכטן, אַז ביים צייכענען די פיגור פון אייגענעם טאַטן איז דער אויטאָר אַביסל צו ניכטער, און צוביסלעך הפקרותדיק, ער אַנטבלויזט צופיל דאָס, וואָס מען איז געוווינט צו פּאַרהוילן. דער דאָזיקער איינדרוק איז אָבער אַן אויבנאויפיקער, ווייל ער שטאַמט פון נאַטוראַליסטיש־קינסטלערישער דיסטאַנס־אויפריכטיקייט.

ביז גאָר טשיקאַווע צייכנט פּערלע די פיגור פון זיין מאַמע, צו וועל־כער ער באַציט זיך מיט ליבע, אָבער דערביי זייער קריטיש. אַ יידענע, וואָס האָט אַלע אייגנשאַפטן פון אַ טיפּיש־יידישער מאַמע. עפּעס אַן אָפּ־געקומענע באַלעבאָסטע, וואָס ווייסט איר ווערט, חנדלט און ברוגזט זיך אין לייכט־פאַרצויגענער גאוה. זי האָט אַמאָל געהאַט אַ מאַן אַ פעלדשער און „פּאַקאָיעס" מיט מעשענע קליאַמקעס. איצט איז זי אַראָפּ פון מעמד, חתונה געהאַט מיט לייזער שאניאש, אַ „פּראָסטן" מענטש, וואָס קאָן זיך אַפילו נישט אונטערשרייבן. די מעשענע קליאַמקעס זענען פאַר איר אַ סימבאָל פון פאַרלוירן גליק. דער אויטאָר וואַרפט אויף איר זייטיקע בליקן, דערזעט אירע שוואַכקייטן, איר שטענדיק וואַקלען זיך צווישן דער בידנער ווירקלעכקייט און נישט אויסגעלאָשענע האָפענונגען. קומט טאַ־קע די דאָזיקע פיגור אַרויס גראָטעסק־טראַגיש.

פּערלע באַקומט אַרויס דעם חן פון וואָכעדיקן לעבנס־שטייגער. דאָס איז אפשר קאָמפּאָזיציאָנעל אין דער יידישער ליטעראַטור דאָס ערשטע בוך, וואָס פאַרמעסט זיך קינסטלעריש צו שילדערן דאָס לעבן פון דעם פּראָסטן חי־וקים־שיכט.

אוודאי איז דיסטאַנס אַליין נאָך נישט אַלץ. ביים שילדערן די נויט פון גרויען מענטשן, איז נאָך ווייניק אַרויסצובאַקומען דעם פאַרבאָרגע־נעם חן פון דער אָרעמקייט, עס איז אויך נויטיק צו צייכענען די סאָציאַלע פּערספּעקטיוון. אָבער דאָ קומען מיר שוין צו דער הויפּט־אייגנשאַפט פון פּערלעס שרייבערישן געמיט; ער איז צו מנוחהדיק, ער איז צו אידיליש אויפגעטראָגן מיט אַלע און אַלעמען, סיי מיטן גוטן, סיי מיטן שלעכטן. ער איז רואיק און זיינע העלדן זענען רואיק; ער וועקט נישט און מאָנט נישט. אוודאי זעט ער די סאָציאַלע קאָנטראַסטן, אוודאי זעט ער דעם גע־ראַנגל פאַר מער לופט און ברויט, אוודאי זעט ער די עוולות און באַליידי־קונגען, וואָס זיינע שוועסטער — דינסטמיידלעך האָבן אויסצושטיין ביי די רייכע באַלעבאַטים, ער באַווייזט עס אָבער נישט אידעאיש צונויפצו־בינדן.

קינסטלעריש גענומען זענען אָבער „יידן פון אַ גאַנץ יאָר" פּערלעס דאָס סאַמע אויסגעשטאַנענע, רייפע און געלייטערטע בוך.

***

די אויטאָביאָגראַפישע ליניע ציט זיך ווייטער אין זיין צווייבענדיקן ראָמאַן „די גילדענע פּאַווע". ער גיט אויף אַן עפּאָפּעיאישן שטייגער אַ קווער־שניט פון פערציק יאָר יידיש לעבן אין פּוילן. דערביי שילדערט ער דעם אויפקום פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און דורכפאַל פון דער רעוואָ־לוציע אין יאָר 1905. דער ראָמאַן איז לויטן סיוזשעט דערפירט ביז צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אמת, דאָ איז פּערלע מינער אָפּגעהיט מיט אַ וואָרט, בילד, זאַץ־בוי און אַלגעמיינער קאָנסטרוקציע. דער חיתוך הכתב איז אַ געלייפיקער צוביסלעך אָנגעשטעקט מיט פּרעסע־געשפּאַנטקייט. ער ווייזט אָבער אַרויס טיפע לעבנס־קענטעניש און ענגע אויסגעבונדנקייט מיטן יידישן לעבנסשטייגער אין פּוילן. זיין שרייבע־רישע סטיכיע איז י י ד י ש פ אָ ל ק ס ט ו ם נישט אין דער שבת־דיקער געהויבנקייט נאָר אין דער וואָכעדיק־גרויער טאָג־טעגלעכקייט פון שוסטער־געסל. אויך דאָ איז ער געבליבן טריי זיין באַזונדערע שוואַכקייט צו שילדערן ס'ריין־מענטשלעכע דווקאביים פּראָסטן און פּשוטן מענטש. ווען ער האָט ערגעץ באַגעגנט פּשוטע יידן מיט פאַרזאָרגטע פּנימער, אויסגעקרימטע רוקנס און אויסגעריבענע מלבושים, פלעגט ער מיט שטאָלץ זאָגן „יאָ, דאָס זענען מ יי נ ע יידן"... זיי ווערן דורך פּער־לע באַהאַנדלט מיט וואַרעמקייט און ליבע. ער וויל דערמיט פאַרגיטיקן זייער ביטערע אָרעמקייט. פון אונטער זיין פּען קומען זיי אַרויס געליי־טערטע אין נויט, איידל־יידן, וואָס פאַרנעמען אַ סך שלעכטס אין לעבן און שפּאַנען פונדעסטוועגן קיינמאָל נישט אַריבער דער שוועל פון ערלע־כער מענטשלעכקייט.

די צענטראַל־פיגור פון דער „גילדענער פּאַווע" איז פּערלעס עלטערע שוועסטער פון איין מאַמע, די בילד־שיינע ראַכטשע, וואָס האָט מיט איר שיינקייט געקערט אַ וועלט און אַרום זיך אומעטום געשפּרייט טרויער און אומגליק. דערביי האָט זיך פּערלע פאָרגענומען אַלץ צו שילדערן און וועגן אַלץ דערציילן דעם ג אַ ל ן א מ ת אָן וועלכע ס'איז לי־טעראַרישע באַפּוצעכץ. ר'האָט נישט אויסגעמיטן קיין שום שאָטן און אויך אַרויסגעוואָרפן יעדן גלאַנץ, וואָס איז געווען מסוגל אַריינצוברענ־גען אַ פאַלשן אַקצענט. מיט אַ צייט, איידער ער האָט אָנגעהויבן שרייבן זיינע „יידן פון אַ גאַנץ יאָר", האָט ער מיר דערציילט וואָסער געוואַלדיקן

איינדרוק ס׳האָט אויף אים געמאַכט מאַקסים גאָרקיס אויטאָביאָגראַפישע טרילאָגיע („קינדהייט״, „צווישן מענטשן״ און „מיינע אוניווערסיטעטן״). „איר פאַרשטייט — האָט ער מיר געזאָגט — דער מענטש האָט זיך פאַר דער וועלט אויסגעטון אָדם־נאַקעט; באַשריבן אַלץ ערלעך־אָפן, נישט געשוינט אַפילו אייגענע טאַטע־מאַמע. אָט דאָס הייסט אַ גרויסער שרייבער!״ לויט אָט־דעם מעטאָד האָט פּערלע באַשריבן זיין קינדהייט און יינגל־לעבן; נישט געשוינט ס׳עם הארצות פון טאַטן, דער מאַמעס חסרונות און שוואַכקייטן ווי אויך דער שוועסטערס בייזוויליקייטן. אַ שרייבער, האָט ער געטענהט, האָט נישט קיין סודות, ער דאַרף אַלץ ערלעך אַנטפּלעקן. ווען איך האָב אַמאָל אין פּערלעס היימשטאָט באַגעגנט זיין שוועסטער די „שיינע ראָכטשע״ (איר אמתער נאָמען איז ציפּע) און מיט איר פאַרפירט אַ שמועס וועגן איר ברודער, האָט זי פאַרשנירט ס׳פּיסקל און מיט אַן אויפגעבלאָזענער מינע געזאָגט: „וואָס זאָגן זי נישט צו שיע, עפּעס באַשרייבט ער אַזעלכע נאַרישקייטן פון אַמאָל, ווי אַזוי עס איז געווען ענג אין דער היים, ווי אַזוי זיין טאַטע איז געגאַנגען אָפּגעריסן. נע, נע, איך פאַרשטיי אַבסאָלוטנע נישט צו וואָס מען דאַרף עס״. ווען כ׳האָב עס איבערגעגעבן פּערלען, האָט ער געזאָגט מיט אַ פאַרלעגן שמייכעלע: „אַהא מיין שוועסטערל שעמט זיך...״.

„הינטערגאָסן״ איז ס׳לעצטע ברייט־פאַרמאָסטן בוך פון פּערלעס אויטאָביאָגראַפישע טרילאָגיע. ער לעבט קינסטלעריש אויף די גילדענע פּרץ־תקופה מיט איר באַזונדערן יידיש־וואַרשעווער אַראָמאַט. ס׳איז די צייט פון יידיש־וועלטלעכן קולטור־רענעסאַנס; אַלץ רייסט זיך צום לעבן. אַ ראַשער איבערגאַנג פון גרויען הינטערגעסל צום זאַקסישן גאָרטן, ווו י. ל. פּרץ אַן איינגעהילטער אין אַ ברייטער פּעלערינע פלעגט שפּאַצירן איבער דער „ליטעראַרישער אַלייע״. הונדערטער דורכגייער ציען דעם הוט פאַרן דאַזיקן וווּנדערבאַרן מאַן.

אָט שטייט פּרץ אויף דער עסטראַדע אין דער „פילהאַרמאָניע״ פאַר אַ טויזנט־קעפּיקן עולם, וועלכער נעמט אויף יעדעס וואָרט פּרצס מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. „פּרץ האָט געזאָגט״, „פּרץ האַלט״, „פּרץ מיינט״, דאָס זענען כישוף־ווערטער, וואָס ברענגען אַריין העלע יום־טובדיקייט אין דער טריבער שטוב פון יידישן אַרבעטער און פאַלקסמענטש. אויך דער יונגער

פערלע געפינט זיך צווישן דעם עולם באַגייסטערטע פּרץ־פאַרערער.

אויף אָט־דער פּאָן פלעכט זיך אַ ליבע צווישן אַ יונג צאַרט פּאָרל. ער אַ זון פון אַ דאַרפסגייער, זי — אַ טאָכטער פון אַ וואַרשעווער קבּרן; ביידע פון אַן אָרעמער שטוב, פון די א. ג. הינטערגאַסן. זיי רייסן זיך אָבער צו אַ שענער לעבן. דער „שדכן" איז דאָ פּרצס בליצוואָרט „מיין גישט די וועלט איז אַ קרעטשמע"; יאָ, ס'דאָזיקע וואָרט סיגנאַליזירט אַ נייע וועלט. פּרץ צינדט אָן דעם צעפּאָכעטן עולם און צינדט אויך אָן די צעפּאָכעטע הערצער פון פאַרליבט פּאָרל, וואָס גייט פאַרצויבערט צו אַ געאַנטער אילוזאָרישער וועלט.

מיט אַ געמאָסטן וואָרט, וואָס איז טיף איינגעוואָרצלט אין יידיש־פּוילישן שטייגער, באַווייזט פערלע פלאַסטיש איבערצוגעבן די משונהדי־קע גלגולים, וואָס ס'פּאָרל לעבט איבער ביז עס דערשלאָגט זיך צו אַ ברעג. ער דרינגט אַריין אין אַלע פאַרבאָרגענע ווינקעלעך פון דער יידישער אָרימקייט, וואָס גייט אויס פון בענקעניש נאָך אַביסל יום־טובדיקייט.

***

אין דער וואַרשעווער שרייבער־משפּחה האָט מען פערלען געזען זייער גינציק; ער איז געווען אַ גוטער חבר, מיט אַ באַזונדערן חן. אַן אויפגעלייגטער, תמיד גרייט אונטערצושטעלן אַ פּלייצע פאַר אַ צווייטן. ער האָט אָנגעשטעקט מיט זיין האַרציקייט, אויפריכטיקייט און אָפן גע־לעכטער. געהאַט אַ באַזונדערן חוש פאַר גערעכטיקייט און נישט פאַר־טראָגן קיין עוולה. ער האָט פאַרבראַכט מיט גאָר יונגע שרייבער און זיי כסדר אונטערגעוואָרעמט. שוין ביים אַריינקומען אין לאָקאַל פון וואַרשע־ווער ליטעראַטן־פאַראיין פלעגט ער מיט אַ ברייטן שמייכל זיך ווענדן צו די יונגע שרייבער אַביסל ווולגאַר: „נו, פּענטאַקעס, וואָס האַלט עך עפּעס אין איין זיצן אין דער בודע, קומט לאָמיר גיין שפּאַצירן".

געווען אַ צייט ווען ער האָט געוואָלט בעסער מאַכן זיין מאַטעריעלע מערכה און געשריבן אין וואַרשעווער „מאָמענט" שפּאַנענדיקע ראָמאַנען, וועלכע ר'האָט אונטערגעשריבן מיט דריי שטערנדלעך. אַ סך פּען־קלוב־שרייבער האָבן געטון ס'זעלביקע און ס'איז געווען שאַ־שטיל. פערלען איז עס אָבער נישט אָנגעקומען גלאַטיק. מ'איז אים באַפאַלן פון אַלע זייטן.

„דריי שטערנדלעך“ איז ממש געוואָרן אַ זידל־וואָרט. אין ווילנע בעת דעם
ליטעראַרישן טאָג אויפן ייוואָ־צוזאַמענפאָר האָט מען אים געמאַכט אַ
וויסטע אַוואַנטורע און באין אופן אים נישט געלאָזט פאָרלייענען זיינס
אַ נאָוועלע. אוודאי האָט עס אים געאַרט, אָבער ר'איז געבליבן ביי ס'זיי־
ניקע. „אַלע שרייבן, מעג איך אויך; איך וויל נישט זיין מער צדיק פון
אַנדערע“. אָבער מיט אַ צייט שפּעטער איז ביי אים פאָרגעקומען אַן ענ־
דערונג. געווירקט האָט אויף אים י. אָפּאַטאָשוס אינטערוויו, אין וועלכן
ער דריקט זיך אויס, אַז ס'זענען ביי אונדז פאַראַן באַגאַבטע שרייבער־
גנידעס, וואָס פּלאָדזשען שונד. פּערלע האָט זיך דערמיט שטאַרק איבער־
גענומען און ביסלעכווייז זיך אַרויסגעצויגן פון שרייבן סענסאַציאָנעלע
ראָמאַנען. בכלל איז ער געווען אַ נוח לבריות, געהאַט עפּעס אַ מאָדנעם
דרך ארץ פאַר אַ תלמיד חכם און אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע שוואַכקייט
צו טראַדיציאָנעלער יידישקייט. ער האָט נישט איינמאָל איבערדערציילט,
אַז ווען נאָמבערג איז געשטאָרבן, האָט מען ביים ארון געהאַלטן אַן ערך־
וואַך מיט אָפּגעדעקטע קעפּ. ער אָבער מיט י. מ. ניימאַן זענען די איינ־
ציקע געשטאַנען מיט די היט אויף די קעפּ. „איר פאַרשטייט, דאָס איז אַ
יידישער אופן פון כבוד המת און איך לאַך זיך אויס פון זייער „פּאָס־
טעמפּ“.

צו דער קריטיק האָט ער בדרך כלל געהאַט מזל. אין די לעצטע צייטן
האָט ער זיך אַפילו דערוואַרט אויף אַביסל כבוד. ער איז איינמאָל פּרע־
מירט געוואָרן פון ניו־יאָרקער „טאָג“ פאַר זיין „אָרנטלעכע פרוי“, שפּע־
טער אין יאָר 1937 אויסגעצייכנט געוואָרן דורך זשורי ביים פּוילישן
„בונד“ פאַר זיין „יידן פון אַ גאַנץ יאָר“, לסוף באַקומען די פּרץ־פּרעמיע
ביים יידישן פּען־קלוב אין פּוילן פאַרן זעלביקן בוך. בלויז דער פאַרבי־
טערטער י. מ. וויסנבערג האָט אים פון מאָל צו מאָל געגעבן אַ שטאָך,
אָנרופנדיק אים עפנטלעך „שרייבערישער זייגערמאַכער“. דאָס זאָל הייסן,
אַז די רעדעלעך דרייען זיך, די ווייזערס רוקן זיך און.דאָס גלעקל קלינגט,
אָבער קיין נשמה איז נישטאָ. פּערלע האָט אים שאַרף אָפּגעענטפערט.
פונדעסטוועגן ווען וויסנבערג איז געשטאָרבן, איז פּערלע אַרויסגעטראָטן
מיט אַ האַרציק אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט געשריבן „איך בייג פאַר דיר
מיין קאָפּ איטשע מאיר“. באַזונדער האָט זיך אויף אים אָנגעזעצט י. ראַ־

פּאַפּאָרט, וועלכער האָט וועגן פּערלען געשריבן פּאַמפּלעטן און אויך גע־האַלטן אַ ריי אַראָפּרייסערישע פּאָרלעזונגען.

מיר איז עטלעכע מאָל אויסגעקומען צוזאַמען מיט פּערלען צו פּאַר־ברענגען דעם זומער־אורלויב. האָרט פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען מיר געווען אינאיינעם אין קריניצע. מיט אונדז זענען דעמאָלט אויך געווען יצחק קאַצענעלסאָן, ב. יאושזאָן, און דער נאָווע־ליסט פּישמאַן. מיר פלעגן אָפט מאַכן ווייטע אויספלוגן. פּערלע איז שטענדיק געווען אַ צעזונגענער. איינמאָל האָבן מיר כאָראָל פאַרגעזונגען קאַצענעלסאָנען זיין עלעגיע „די זון פאַרגייט אין פלאַמען". קאַצענעלסאָן איז דערפון געווען שטאַרק געשמייכלט און געזאָגט צו פּערלען — „נישט אַנדערש נאָר איך דאַרף איצט אויף אויסנווייניק רעציטירן אייערס אַ ראָ־מאַן".

פּערלע האָט ליב געהאַט צו גיין שבת־צו־נאַכט צו די רבי'ישע טישן אין קריניצע און זיך צוהערן צו די חסידישע תורות בעת שלוש־סעודות. איינמאָל איז ער געגאַנגען צום באבאווער רבי. ער האָט שפּעטער דער־ציילט מיט גרויס התפּעלות ווי אַזוי דער גבאי שיט מיט „אַקטועלע" גראַמען, ד"ה ער זאָגט אַ „ליד" געשטיצט אויף דער סדרה פון דער וואָך.

איינמאָל האָב איך אים ווידער געטראָפן אַ צעזונגענעם. פּערלע, וואָס איז מיט דיר די חזנישע גדולה? — „אוי, גלויב מיר, איך זינג און זינג און אינעווייניק אין מיר ווײנט עפּעס כסדר". וואָס איז געשען? — „גאָרנישט, כ'שפּיר אַז ס'רוקן זיך אויף אונדז אָן ביטערע טעג..." דאָס איז געווען אַכט טעג פאַרן מלחמה־אויסברוך צווישן דייטשלאַנד און פּוילן.

מיר זענען צוזאַמען אָפּגעפאָרן קיין וואַרשע, באַזונדער אַנטלאָפן פון וואַרשע און אין יאַנואַר 1940 זיך ווידער געטראָפן אין סאָוועטישן לעמ־בערג.

פּאָליטיש איז פּערלע געווען זייער נאַאיוו, זיך קנאַפּ אָריענטירט אין נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פּראָבלעמען. ער האָט אָבער אַרויסגעוויזן אַ שטענדיקן ווידערווילן צום ציוניזם. ער פלעגט זאָגן: „איך בין לייזער שאַניאַסס זון. אין מיין היימשטאָט זענען די ציוניסטן געווען זאַטע יידן,

וואָס טראָגן אום יום־טוב צילינדערס. זיי האָבן אַלעמאָל אויסגעמיטן מײַן טאַטנס אָרימע שטוב, מייד איך זיי היינט אויס". אַמאָל איז ער געווען אַ סימפּאַטיקער פון „בונד", אין לעצטן יאָר פאַר דער מלחמה איז ער גע־ווען אַ פאַרמעלער פאַרטיי־מיטגליד פון „בונד".

אין לעמבערג איז ער געזעסן אין סאָוויעטישן שרייבער־קלוב אַרומ־געריגלט מיט ש. י. אימבער, אלתר קאַציזנע, ה. ל. זשיטניצקי, בער שנאפער און משה שימעל. די איבעריקע האָבן געווייכט פון אים, פשוט אויס מורא, ווייל מ'האָט געוווּסט, אַז פערלע איז דאָ נישט אינגאַנצן כשר. ער אַליין איז אויך געווען שטאַרק אומרואיק. די אַנגעזעענסטע מחותנים זענען דאָרט געווען יעקב שודריך און ישראל אשנדאָרף. זיי האָבן עס פערלען כסדר באַרואיקט, אַז עס וועט אים, חלילה, גאָרנישט געשען קיין שלעכטס.

ער האָט זיך צוביסלעך איינגעלעבט אין לעמבערג, אַרויסגעטראָטן מיט פאַרלעזונגען אין די פאַבריקן, אַפילו געשריבן, אָבער קיין מנוחה האָט ער דאָרט עפּעס נישט געפונען. אין יוני 1940 האָב איך פון אים באַקומען אַ בריוו קיין ביאַליסטאָק מיט אַ פאָרשלאָג, אַז מיר זאָלן ביי־נאַנד זיך אַוועקלאָזן קיין ווילנע. אָבער באַלד נאָכדעם בין איך פאַרשיקט געוואָרן און פאַרלוירן מיט אים יעדן קאָנטאַקט. שפּעטער האָב איך גע־לייענט, אַז ער האָט זיך באַטייליקט אין אַ שרייבער־אויספלוג קיין קיעוו. אויף מיינע בריוו צו אים פון ווייטן צפון האָב איך נישט באַקומען קיין ענטפער.

נאָכדעם ווי די נאַצי־האָרדעס האָבן פאַרנומען לעמבערג איז פער־לע אַריבער קיין וואַרשע. דאָרט האָט ער מיטגעמאַכט אַלע געטאָ־צרות. ער האָט זיך נאָך געוויצלט, אָבער מ'האָט שוין געזען, אַז די אויפגעלייגט־קייט איז אַ געמאַכטע; ער איז כסדר אַראָפּ פון דער מראה. ס'איז אַפילו געווען אַ צייט, ווען עס האָט פאַר אים אַ שימער געטון אַ שטראַל פון האָפענונג, ער איז געווען צווישן די גליקלעכע, פאַר וועלכע ס'זענען באַ־שטימט געוואָרן סערטיפיקאַטן. שפּעטער האָט זיך דערפון אויסגעלאָזט אַ בוידעם.

אין געטאָ האָט ער אָנטיילגענומען אין די א"ג ליטעראַרישע שמו־עסן אין אַרכיוו־לאָקאַל פון דער קהילה צוזאַמען מיט ד"ר יצחק שיפּער, ד"ר מנחם שטיין, ד"ר הלל' זיידמאַן, הרב מנחם זעמבא, יהודה לייב אָר־

לעאָן, יצחק קאצענעלסאָן, טשודנער א. אַנד. אַט־די אויסטערליש צונויפ־ געזאַמלטע מסיבה פון רבנים, וויסנשאַפטלער, דערציער און שרייבער האָט שעהענווייז דיספוטירט אַקוראַט ווי אין ר׳ עקיבאס צייטן אין בני ברק. אַלץ איז אַרומגענומען מיט פלאַמען און דאָ חקרנט מען זיך וועגן דעם צי איז שוין אַמאָל געווען אין דער יידישער געשיכטע אַזאַ פעריאָד? און וואָס וועט דערפון אַרויסקומען? דער שמועס האָט ווייטער געפיבערט עד שבאו גראַכאַוער חלוצים און אַנגעקלאַפט אין טיר: רבותינו הגיע זמן של מרידה... און נאָכדעם איז געקומען דער „שפוך חמתך״.

ענדלעך איז פערלען מיט זיין זון געלונגען אַריינצופאַלן אין דער רשימה פון די, וואָס האָבן באַקומען אויסלענדישע פעסער. זיי זאָל מען בעסער באַהאַנדלען און דערהויפּט מען וועט זיי דערלויבן צו פאַרלאָזן פוילן. ער איז אַריבער אין „האָטעל פּאָלסקי״, כדי צו וואַרטן אויפן טראַנספּאָרט. שפּעטער זענען די פעסער געפּסלט געוואָרן און פערלע איז אויף „דערווייל״ איבערגעפירט געוואָרן קיין בעלזען־בערגען. דאָרט האָט ער געהערט צו די פריווילעגירטע, וואָס דאַרפן „אינגיכן״ אַרויסגעלאָזט ווערן פון נאַצי־גיהנם. אָבער אויך אין לאַגער האָבן זיך געגרינדעט „לי־ טעראַרישע קרייזלעך״, מ׳האָט געהאַלטן רעפעראַטן און געלערנט יידישע געשיכטע. איינער אַ לעקטאָר האָט זיך באַזונדער אויסגעצייכנט מיט זיי־ נע מוסטערהאַפטיקע תנ״ך־לעקציעס. פערלע האָט געהערט צו די פליסי־ קע באַזוכער פון די תנ״ך־לעקציעס. און ער האָט אויף זיין שטייגער הויך אויסגעדריקט זיין אַנטציקונג. דערעיקרשט האָט ער געלויבט די שפּראַך פון לעקטאָר. „אַ־וואַ, וואָסער טייערן יידיש דער ייד האָט!״ דערביי איז גראָד געשטאַנען דערשלאָגן אַ באַקאַנטער שטאָק־פרומער מחנך און זיך אָנגערופן: „וועגן וואָס רעדט עץ דאָ, וועגן דער תורה־לעקציע? זאָטץ וויסן, אַז „קודשא ברוך הוא, אוריתא וישראל חד הוא״. אויב מען פאַר־ ברענט ס׳ביסל יידן איז שוין נישט נייטיק קיין תורה״... דאָס האָט אויף אַלעמען געווירקט ווי אַ דונער, עפעס אַ פּלוצים־קאַצקער „לית דין ולית דיין״... פערלע איז געוואָרן דערשיטערט צו הערן אַזעלכע רייד פון איי־ נעם, וואָס איז ביז איצט געווען באַקאַנט ווי אַ פרומגלייביקער. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען דעם שוידער פון דער לאַגע. ער האָט לאַנג געקוקט אויף דעם אָרטאָדאָקסישן מחנך און ס׳האָבן זיך אים גענומען קייקלען

טרערן פון די אויגן. ס׳איז נישטאָ קיין פאָלק... איז שוין ממילא די תורה נישט נייטיק, ווייל ישראל און די תורה זענען היינו הך...

די „גליקלעכע" שעה האָט געשלאָגן און פערלע איז אום שמחת תורה תש"ג צוזאַמען מיט אַנדערע „אויסלענדער" דעפּאָרטירט געוואָרן אין אַן אומבאַשטימט אָרט. אַלע האָבן אים מקנא געווען, ער וועט זיך דאָך אַרויסבאַקומען אַ לעבעדיקער. ביים געזעגענען זיך האָט ער פאַרזי־כערט: „איך וועל דערציילן דער וועלט וואָסערע רשעים און היצלעס די פּאָליאַקן זענען".

פון דעמאָלט אָן איז פאַרשוווּנדן פערלעס לעצטער שפור. ער האָט נישט באַוויזן דערציילן דער וועלט וועגן דער רשעות, וואָס איז אַקעגן אונדז אָפּגעטון געוואָרן. ער האָט עס אויך איבעריקנס פאַרשפּאָרט צו טון, ווייל די ווערעמדיקע וועלט וויל אונדז סיי ווי סיי נישט אויסהערן. ער איז צוזאַמען מיט „זיינע" יידן געגאַנגען אין קאַלכאויוון אַריין...

זאָל מיר דערלויבט זיין בפרהסיא לאָזן פאַלן אַ טרער אויפן קבר פון מיין ליבהאַרציקן חבר און בן עיר י ה ו ש ע ב ר א ל י ע ז ר ז"ל, אַ טרער אויף זיין אַש־קבר, וואָס שוועבט ערגעץ אין חלל האויר... וואָרים פונקט ווי וועגן אַלע קדושים קאָן מען אויך וועגן פערלען זאָגן די חומש־ווערטער: „ולא ידע איש את קברתו"...

ניו־יאָרק, 1948.

# אַ בוך פון אַ פאַרגאַנגענעם לעבן

# קאַפּיטל איינס

א געוויין פון קעץ הינטערן פענצטער פון אונדזער שטוב האָט מיך אויפגעריסן פון שלאָף. כ'בין געלעגן מיטן פּנים צום טאַטנס פּלייצע און איינגעאָטעמט אין זיך דעם זויערן ריח פון זיין האָריק, שוואַר לייב. דער טאַטע האָט הויך געשנאָרכט, פאַרגאַנגען זיך מיט א געדריידלט כאָרכלען, אַזוי ווי ער וואָלט געגאָרגלט אין האַלדז א שטיק לייבעץ. כ'האָב אונטערגעהויבן אביסל ס'פּנים און אריבערגעקוקט איבערן טאַטנס אַן אויסגעשפּיצטן אַקסל. אויף דער קאָמאָדע, וואָס האָט זיך געטונקלט צווישן טאַטע־מאַמעס בעטן, האָט געקאָפּטשעט א קליין נאַפט־לעמפּל. דאָס גלעזל האָט אויפן נידריק־געזעצטן בעליק אויסגעקיילעכדיקט א רויטלעך רעדל, וואָס האָט שאַטנדיק געציטערט צווישן צעריסענע שטי־קער טונקלקייט.

די צוויי מעשענע וואָגעס פון זייגער זענען, זעט אויס, שטיין גע־בליבן אינמיטן דער נאַכט. איין וואָגע האָט דערגרייכט ביז צו דער קאָ־מאָדע אראָפּ און דאַרטן זיך אָנגעשפּאַרט. די צווייטע איז געבליבן הענ־גען אינמיטן, אַזוי ווי אַן אָפּגעזעגטער פוס.

לויטן קריי פון האָן, וואָס האָט זיך ווייט און לידיק אריינגעשניטן אין געוויין פון די קעץ, האָט מען זיך געקענט משער זיין, אַז אינדרויסן פאַרנעמט זיך אויף טאָג־ווערן.

כ'האָב קלאָר געזען, אַז דאָס צווייטע בעט, ווו די מאַמע האָט איצט געזאָלט שלאָפן, איז געשטאַנען אויפגעבעט. אין דער סאַמע מיט פון בעט איז געלעגן צעשפּרייט א גרויסער שוואַרצער פלעק — א רמז אויף א מלבוש, וואָס מ'האָט אויף דער גיך אוועקגעוואָרפן.

זעט אויס, אַז די מאַמע איז נאָך אַלץ נישט צוריקגעקומען פון שפּיטאָל.

זי איז היינט אוועק אהין באַלד נאָך דעם, ווי דער טאַטע האָט אָפּ־געגעסן וועטשערע. ער איז געזעסן א מידער און געבענטשט אונטער דער

נאָז. איך בין נאַר־וואָס געהאַט געקומען פון חדר — אַ פאַרבאַבלטער, אַ קיילעכדיקער — האָט שוין די מאַמע אוועקגעשטעלט פאַר מיר די וועטשערע און אַליין האָט זי זיך איינגעוויקלט אין דער גרויער וואָלענער דערע און געלאָפן צו משהן אין שפּיטאָל אַריין, צו איר ייִנגסטן, געראָטענעם זון פון ערשטן מאַן.

ער איז טאַקע געווען אַ געראָטענער, דער משה. ייִדן פון טעכטער האָבן געקוקט אויף אים מיט זייטיקע אויגן און אונטערגעשיקט שדכנים. ער אַליין האָט געהאַט אַ קיילעכדיק פּנים מיט חן־גריבעלעך, אַזוי ווי אַ פולע לבנה, רויטע, אויסגעקנייפּטע בעקלעך, און אַ שיינע, געציקלטע האַנטשריפט. משה איז שוין אַלט געווען גאַנצע אַכצן יאָר. ער איז געשטאַנען אין געשעפט ביי ישראל איינבינדער און געוויקלט דאָרט פאַר קונים לאַנגע פאַסן פּאַפּיר, אויסגעמאָלטע מיט פייגל און מיט בלומען.

אונדזער נידעריקע, לאַנגע שטוב מיטן פיר־שויבנדיקן פענצטער האָט משה געזאָלט אויסקלעבן מיט די אייגענע אויסגעמאָלטע פּאַפּירענע פייגל און בלומען.

איז ער אָבער געגאַנגען שפּאַצירן מיט מיידלעך, משה. געגאַנגען אין אַ מלבוש, אונטערגעשלאָגן מיט ווינט. אַהיימגעקומען איז ער שפּעט, גאָר שפּעט ביינאַכט. יוזשע דעם בעדנערס, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי אונדז אין קיך און דערפאַר געהאָלפן דער מאַמען אין באַלעבאַטישקייט, האָט משהן געעפנט די טיר.

ווער זאָל וויסן? ווער האָט עס געקענט איינפאַלן?

נאָר אינדערפרי האָט זיך משה נישט געקאָנט אויפהייבן. ער האָט שטיל געקרעכצט און געזאָגט, אַז עס שטעכט אים עפּעס דאָרט אין אַ זייט.

האָבן אין אונדזער נידעריקער, לאַנגער שטוב אָנגעהויבן קומען פרעמדע מענטשן מיט ברילן. יוזשע דעם בעדנערס האָט יעדן אַנדערן טאָג געוואַשן די פּאָדלאָגע און געהאָלפן די פרעמדע מענטשן אויסטון און צוריק אָנטון די מלבושים.

די פרעמדע מענטשן האָבן משהן געהייסן טיף אָטעמען. זיי האָבן אים געקלאַפּט איבער די ריפּן, איבערגעלאָזט פאַרשריבענע פּאַפּירלעך, מיט וועלכע מען איז געלאָפן אין אַפּטייק אַריין און געבראַנגט פלעשלעך מיט מישונהדיק־קאָלירטע וואַסערן.

אויף די שויבן זענען געווען אויסגעהאַפטן ווייסע נאָדל־ביימלעך. אַמאָל איז פון די נאָדל־ביימלעך געוואָרן אַ רמז פון אַ שיף אויפן ים; אַמאָל אַן אַלט יידעלע אין אַ קאַלפּאַק מיט אַ שפּיציק בערדל.

משה האָט געקוקט מיט פאַרגאַסענע אַפּלען אין די דאָזיקע שויבן אַריין. ער האָט געקריגן אַן אויסגעצויגן, גרינלעך פּנים, ברוינלעכע ווינקלען אַרום די אויגן.

אין שטוב האָט זיך אָפּגעזעצט אַן ענגער, זיס־זויערלעכער ריח פון משהס רפואות און פון משהס שוויים. די מאַמע האָט פאַרגעסן צוצוקעמען דאָס שייטל. דורך דער צייט, וואָס משה האָט אַזוי געקוקט אין די פאַרפרוירענע שויבן אַריין, האָט די מאַמע געקריגן אַ שפּיציקע גאָמבע און אַ סך אויפגעלאָפענע אָדערן אויף די הענט. יוזשע דעם בעדנערס האָט אַרומגעטשאַפּעט אַ באָרוויסע מיט אַ צעשויבערטן, שוואַרצן קאָפּ האָר און כסדר „געמאָדליעט” זיך ביי איר אייזערן בעטל אין קיך.

דער טאַטע, אַהיימקומענדיק ביינאַכט, האָט אַ קוק געטון מיט האַלב־דרימלדיקע אויגן און געפרעגט, מער מיט דער נאָז, ווי מיטן מויל:

— נו, וואָס מאַכט ער, משה?

אָבער משה האָט אין שטוב גאָרנישט געקאָנט מאַכן. מען האָט אים געמוזט כאַפּן אין שפּיטאָל אַריין.

אָט אַזוי, אין אַ מיטן מיטוואָך, צווישן אַ יאָ מיט אַ ניין, האָט מען איב געכאַפּט.

דער טאַטע האָט געדאַוונט מנחה אין אַ ווינקל, אַרומגענומען מיט שאָטן. אויף די פיר פאַרפרוירענע שייבלעך האָט זיך אָפּגעזעצט אַ קאַלטע בלויקייט, יאַ ווייטע, וואָס דערמאָנט אָן אונטערגעגאַנגענע שיפן.

משהן האָט מען אַרומגעשטעקט מיט אַ קישן, איינגעהילט אים אין דער מאַמעס וואָלענער דערע, אַרויפגעצויגן אויף אים דעם אייגענעם פּאַלטן, אין וועלכן ער האָט זיך פאַרקילט.

אַ פרעמדער גוי אין אַ געלן „קאָזשוך” האָט צוזאַמען מיט דער מאַמען און מיט יוזשען אַרויסגעפירט משהן פון שטוב. מען האָט אים גערוקט פּאַמעלעך, טריט ביי טריט, אַזוי ווי מען רוקט אַמאָל אַרויס אַ שאַנק.

אינדרויסן איז געווען בלוי: דער שניי, די הייזער, די דעכער.

משהן האָט מען אויסגעצויגן אויף אַ ברייטן, נידעריקן שליטן. ער

אין געלעגן גלייך, אזוי ווי א שמאָלער, טויטער פיש, פאַרריסן דאָס פאַר־
וויקלטע פּנים ארויף צום הימל.

די מאַמע האָט זיך אַוועקגעזעצט צופיסנס מיטן פּנים אויסגעדרייט
צו משהס קאָפּ, די פיס אַראָפּגעהאָנגען אין שניי אַריין.

עטלעכע ווייבער, מיט געפרווירענע נעז, האָבן נאָכגעקרעכצט:

— אַ רפואה שלימה...

און דער שליטן האָט זיך גענומען גליטשן אויפן ווייכן, בלויען שניי,
איבערלאָזנדיק נאָך זיך צוויי ברייטע „קאָליעס", אזוי ווי צוויי שניטן
אין אַ לעבעדיק לייב. וואָס ווייטער איז דער שליטן געוואָרן קלענער,
דער אויפדערנאָכט — בלויער.

אין שטוב איז נאָך משהן געבליבן אַ צעוואָרפן אייזערן בעטל מיט
צעקנייטשט, אויסגעוואַרעמט בעטגעוואַנט. אויף דער ערד האָבן זיך גע־
פּלאָנטערט פּייכטע פּאַסמעס שטרוי. די רפואה־פלעשלעך אויפן פענצ־
טער האָבן זיך אזוי ווי צוזאַמענגערוקט, ברידערלעך צוגעבויגן איינס צו
ס'אַנדערע די העלזלעך; און משהס אַ ספּינקע, אַ פּערלמוטערנע, האָט
אַפּערגעקוקט פון אונטערן טיש, אזוי ווי אַ ווייס, טויט אויג.

***

אין שפּיטאָל האָט מען משהן געצאַפּט וואַסער פון אַ זייט. מען האָט
אים פון דער אייגענער זייט אויסגעזעצט צוויי לעבעדיקע ריפּן. ער האָט
געהאַט אין שפּיטאָל אַ באַזונדער שטיבל מיט צוויי לאַנגע, ווייסע פענצ־
טער. אַ בוים מיט פאַרדרייטע צווייגן ארויף, אַן אויסגעטוענער, אזוי ווי
די מאַמע האָט אים געהאַט, האָט אַריינגעקוקט אין שטיבל אַריין דורך
די בלוילעך־קלאָרע שויבן.

אין יענעם שפּיטאָל אַריין איז דאָס די מאַמע נאַכט־ביינאַכט גע־
גאַנגען נעכטיקן.

אין שטוב האָט יוזשע דעם בעדנערס שוין פריער צעהאַקט אַ פּאָר
שייטלעך האָלץ, געבלאָזן מיט צוויי אָנגעדראָלענע באַקן אין די אָפענע
פּייערקעס אַריין. אויף די ווענט איז נאָך געשטאַנען אַ שטייפע, טונ־
קעלע קעלט. דער טאַטע האָט ביים קליינעם פלעמל פון נאַפט־לעמפּל
געזאָגט תהלים — דעמאָלט איז די מאַמע צוריקגעקומען פון שפּיטאָל.
געקומען שווייגנדיק, מיט רויטע, נישט־אויסגעשלאָפענע אויגן. זי האָט

גלייך פארשטעקט דעם קאפ אונטערן בלעכענעם דעכל, וואס איז געהאנ־גען איבער דער קאך־קיך, אזוי ווי א פויערישער קאפעלוש. דארט האט זי געקאכט אנבייסן פארן טאטן און דארט האט זי, באהאלטענערהייט, אריינגעוויינט אין די שווארצע טעפ אריין, וואס זענען געבליבן פון נעכטן נישט דערוואשענע.

דער טאטע, טונקנדיק א כזית ברויט אין זאלץ, האט פון טיש אוועק געפרעגט:

— נו, פרימעט?...

האט די מאמע אריינגעקנייטשט דעם קאפ צווישן די אקסלען און געענטפערט אין די אפגעשפרונגענע טעפ אריין:

— ער דארף האבן רחמים!

היינטיקס מאל איז די מאמע אונטערן בלעכענעם דעכל פון דער קאך־קיך נישט געשטאנען. די קעץ הינטערן פענצטער זענען, זעט אויס, מיד געווארן פון וויינען. ערגעץ, אין דער ליידיקער טונקלקייט פון שטוב, האט זיך געהערט א שארך, איינגעגעסן גראבלען פון א מייזל. דאס בעטל אין קיך, וווּ יוזשע דעם בעדנערס איז געשלאפן, האט געקרעכצט. אבער דאס מייזל האט נישט אויפגעהערט. דעמאלט האט יוזשע, מוז זיין, גע־כאפט עפעס און געווארפן אין דער הוילער טונקלקייט אריין.

ס'האט זיך דערהערט א קנאק פון א ליימענעם טאפ. איך האב איינגעצווינגן די פיס און נענטער זיך צוגערוקט צום טאטנס אויסגע־שוויצטער פלייצע.

אבער דא האט זיך פלוצלינג דערהערט א בהלהדיק קלאפן ביי דער טיר. יוזשע איז דארט אראפגעלאפן עפענען. און מיט איין מאל, אזוי ווי אן ארויסגעזעצטער צאפן פון א פאס, האט זיך אין שטוב אריינגע־ריסן א צעזונגען, אויסגעצויגענע פארקייכטקייט:

— לייזערשי, לייזער־קרוין!...

דאס געדריידלטע שנארכן פון טאטן איז אזוי ווי פארשטאפט גע־ווארן אינמיטן. איך האב מיך געגעבן ראפטום א זעץ אויף און דערזען, ווי די מאמע איז שטיין געבליבן אינמיטן שטוב, צעוויגט זיך אין דער ברייט, געכאפט ביידע הענט צום קאפ, באלד זיי צוריק אראפגעלאזט מיד און שווער, אזוי ווי פון א ווייטיק, וואס מען האט זיך נישט פון איר ווו אויסצובאהאלטן:

— אזא יונגער בוים, אזא מלכותדיקער מענטש... — האט די מא־מע צעוויגטערהייט געצויגן.

ערשט איצט האט זיך אויך דער טאטע ראפטום געגעבן א זעץ אויף אין בעט.

— הע, וואס איז? — האט זיין פארשלאפן, הייזעריקלעך קול טויב אפגעקלונגען אין שטוב.

— ער איז פארביי! — האט די מאמע צעריסן די הענט אזוי ווי אויף א צלם — לייזער־קרוין, ער איז מיר פארביי...

לעבן דער מאמען איז געשטאנען יוזשע אין א לאנג, אויסגעשניטן העמד, א צעשויבערטע, אזוי ווי א שווארצער שעפס. ביידע הענט האט זי געהאלטן איינגעקניפט אין די באקן. נישט אנדערש, נאר זי וויל פון אירע אייגענע באקן אויסרייסן לעבעדיקע שטיקער.

זי האט ארויסגעדרייט ס׳לעמפל. אויפן בעליק האט זיך דאס צי־טערדיקע, רויטע רעדל פארברייטערט, אויסגעצויגן, ווי א משונהדיק־אויפגעריסן אויג. אין שטוב איז ארומגעלאפן א ווינט. איך בין ארויס פון בעט און גענומען זיך גיך אנטון. דער טאטע האט אראפגעשטעלט א פאר בלויע פיס אין דער קאלטער שטוב אריין און געזוכט די „אניצעס".

אויף די פיר קליינע שייבלעך האט געבלויט. אין דער בלויקייט האבן זיך מיטאמאל באוויזן פרעמדע פנימער. אן איבערגעבויגענע יידע־נע אין א רויט, פארפעדערט שלאף־קופקעלע האט זיך פאמעלעך און ווייך צוגעשארט צו דער מאמען און מיט א פארבויגן קעפל, אזוי ווי א הינדל בעתן דרימל, — האט זי דער מאמען ארייגעקוקט אין פנים. א שכנטע, פון ערשטן שטאק, א יידענע א שרייערין, איז אראפגעקומען צו לויפן אין א פאר אפענע שיך — מיט די לעצלעך אין דרויסן.

דערנאך איז געקומען דער געלער פייוול מיט זיין צעקנייטשטער, בלעכענער קאן. דער אייגענער פייוול, וואס האט אונדז אלע אינדערפרי אנגעגאסן א קווארט מילך גלייך פון דער קו. היינט איז אים קיינער נישט אנטקעגנגעגאנגען מיטן טעפל. צוזאמען מיט אים האבן זיך אריינ־געשארט נאך צוויי ווייבער, אינגאנצן פרעמדע. איינע, מיט א הויכער פלייצע, האט זיך ארומגעקוקט איבער אונדזער שטוב, אזוי ווי זי וואלט דא עמעצן פארלוירן. די צווייטע, אין א פאר בלעכענע ברילן, פארנומען הינטער די אויערן מיט צוויי ווייסע בענדלעך, אזוי ווי א רביצין פון

מיידלעך, האָט געטשאַפּעט איבער דעם שטוב, ווי אַן אַלטע תּושבֿטע. אירע שמאָלע, איינגעפאַלענע ליפּעלעך האָבן עפּעס געפּרעפּלט צום טאַטן.

דעם טאַטנס דרימלדיקע אויגן האָבן געקוקט אויף דער יידענע פון אַ זייט. די גרויסע, שוואַרצע באָרד זיינע האָט זיך פּאַמעלעך געהויבן:

— יאָ, יאָ — האָט די באָרד געזאָגט — פּרימעטס זון, משה. מיין שטיף־זון.

אין שטוב איז שוין געווען גוט ליכטיק. דאָס לעמפּל אויף דער קאָמאָדע האָט קיינער נישט אויסגעלאָשן. די פרעמדע יידענע מיט די ברילן האָט אַ זאָג געטון, ווייזנדיק מיט אַ פינגער, וווּ דער זייגער איז געהאָנגען:

— שטיין געבליבן, דער זייגער...

אין יענער רגע האָט זיך די טיר געגעבן אַ פּראַל אויף און ס'איז אַריינגעפאַלן די מומע מרים. דאָס מויל צוזאַמענגענומען אין דינע קנייטשעלעך, אַזוי ווי מיט טיפע אָדערלעך, דאָס שמאָלע נעזל — פאַרשפּיצט און רויטלעך.

מיר איז געווען חידושלעך: די מומע מרים האָט אַ גאַנץ לעבן גערעדט שטיל, מער אויפן ווונק, ווי מיטן מויל. זי האָט געהאַלטן, אַז הויך רעדן איז אַ מנהג פון גויים. יידישע קינדער — האָט זי געזאָגט — דאַרפן רעדן שטיל און זיין געלאַסן. אַ סימן האָט זי, אַז די מוטער רחל איז אויך געווען אַ געלאַסענע און מן־הסתם האָט זי אויך נישט גערעדט הויך.

איצט איז די אייגענע מומע אַריינגעפאַלן צו אונדז אין שטוב מיט אַ צעטראָגן, בהלהדיק פּנים. דאָס געשריי, וואָס האָט באַלד געזאָלט קומען, איז געלעגן אין אירע קיילעכדיק־אויפגעריסענע אַפּלען.

די מאַמע, וואָס איז געזעסן אויפן בענקל אַ צוזאַמענגעבראָכענע, דעם קאָפּ פאַרגראָבן איןביידע הענט, האָט דערפילט, אַז עמעצער פון אירע נאָענטע געפינט זיך אין שטוב. זי האָט נאָך די מומע מרים רעכט נישט געזען — האָט זי זיך שוין אויפגעריסן פון אָרט און מיט אַ פּאָר צענומענע, שטייף־אויסגעצויגענע הענט האָט זי פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אַרונטער און צעקלאָגט זיך:

— שוועסטער־לעב, ראַטעווע מיר מיין קינד!

אין יענער מינוט, אזוי ווי זי וואָלט נאָר געוואַרט אויף דער מאַמעס רוף, האָט עס פון דער מומע מרים אַ שפּאַר אַרויס געגעבן מיט אַן אויפגעפּלאַצט געיאָמער, וואָס איז פאַרגאַנגען ביז אין דער זיבעטער ריפּ אַריין.

דער טאַטע האָט זיך אָוועקגעשטעלט מיטן פּנים אין פענצטער אַריין. דאָס געוויין פון דער מאַמען איז שוין אַצינד געגאַנגען נישט פון האַלדז, נאָר פון די שווערע, אָנגעפּראָוירענע מלבושים אירע. פּלוצלינג איז זי שטיין געבליבן אַ ווײַלע אינמיטן שטוב, אַזוי ווי אַ פּאַרטויבטע. ס'איז שטיל געוואָרן. זי האָט זיך אַרומגעקוקט מיט אַ פּאָר פאַרגאָסענע, הייסע אויגן.

— פּרימעט, פּרימעט! — איז די מומע מרים אין איין צאַפּלעניש צוגעלאָפן צו איר שוועסטער.

אָבער די מאַמע האָט, זעט אויס, נישט גוט געהערט. זי איז מיטאַמאָל געוואָרן גרויס, הויך. נישט געוועזן צו דערקענען, אַז דאָס איז די אייגענע מאַמע, וואָס איז פריער געזעסן אַזאַ צוזאַמענגעבראָכענע.

עולם מענטשן האָט זיך צוזאַמענגעפּרעסט. איבער די קעפּ איז געגאַנגען אַ שטילער שוידער, אַן איינגעהאַלטענער.

דעמאָלט האָט זיך די מאַמע געגעבן אַ ריס אָפּ פון אָרט, אַ פאַל צו צו דער שאַנק פון מלבושים און אויפגעפּראַלט ביידע טירלעך, אַזוי ווי מען פּראַלט אויף, להבדיל, אַן אָרון־קודש. ערשט דאָ האָט זי זיך צעוויינט אויפסניי.

— און צו וואָס טויג מיר דאָס אַלץ, אַז מיין קינד איז מיר פאַרביי!... נעמטס, האַרצעדיקע מענטשן! — האָט זי אָנגעהויבן אַרויסוואַרפן פון שאַנק משהס איבערגעבליבענע מלבושים — בעטס פאַר מיין אָרעם קינד! זאָל דער רבונו של עולם צערייסן דעם פינצטערן גזר־דין!...

דער טאַטע האָט נאָך מער צוגעבויגן דאָס פּנים צום פאַרפרוירענעם פענצטער. די „האַרצעדיקע" מענטשן האָבן גענומען. די שאַנק איז שוין באַלד געווען אויסגעליידיקט. דעמאָלט איז די מאַמע מיט צוויי אונטערגעהויבענע הענט פאַראויס, אַזוי ווי זי וואָלט געטראָגן אַ קינד צום יידישן, אַרויסגעפאַלן פון שטוב.

פון דער אָפענער שאַנק האָט געיאָגט מיט אַן אויסגעלעערטער שוואַרצקייט. דער טאַטע איז אָפּגעטרעטן פון פענצטער און אַריינגעצויגן

ס'פלעגל. יוזשע דעם בעדנערס איז פלוצלינג צוגעקומען צו מיר, ארומ־גענומען מיך מיט גרויסע, ווארעמע הענט און שטיל ארייננגערעדט מיר אין פנים:

— ביעדני, ביעדני כלאפאטשקו!...

די פרעמדע מענטשן האבן זיך איינציקווייז ארויסגעשארט. אין שטוב האט זיך געשפירט א ריח פון ניכטערע מאגנס. דער טאטע האט זיך, אזוי ווי אלע אינדערפרי, אוועקגעזעצט זאגן תהלים.

ניִשט מער — היינט האט ער זיך צעשאקלט גיך מיטן גאנצן קאפ. היינט האט ער איבערגעחזרט עטלעכע מאל א ווארט, געזשומעט ווי א פליג אויף א שויב. אויפן נידעריקן בעליק האט זיך דעם טאטנס קאפ געווארפן אראפ און ארויף, אזוי ווי א צעשמירטער, גרויסער פלעק פון אן אויסטערליש באשעפעניש.

אבער דעם פינצטערן גזר־דין האט דער רבונו של עולם נישט צע־ריסן. משה איז, נישט דא געדאכט, געשטארבן.

***

אז כ'בין געקומען צו לויפן צום שפיטאל, איז דאס שווארצע טויער געווען פארשלאסן. צוויי לאנגע יידן מיט געדיכטע בערד האבן איינגע־טענהט מיט א גוי. עטלעכע ווייבער האבן געטופעט מיט די פיס אויפן שניי. א הונט, א קודלאטער, אן אויסגעקראכענער האט געשמעקט צו די פאלעס פון די צוויי יידן.

אין א ווײַלע ארום איז אנגעקומען פעטער שמואל — דער מאן פון דער מומע מרים. ער איז געקומען מיט צוויי צעווארפענע הענט. ער איז ארויף אויף די צוויי לאנגע יידן און א זאג געטון מיט זיין צע־שפרייט, זולל־וסובאדיק קול:

— געשטארבן!... ננע... ביסט א מבין!...

די צוויי יידן האבן אויסגעדרייט די בערד און אנגעקוקט דעם פע־טער שמואל מיט פרעמדע, פארחידושטע אויגן. איך האב געוואלט א קאפע טון דעם קודלאטן, אויסגעקראכענעם הונט. פעטער שמואל האט א סמאטשקע געטון מיט די דיקלעכע, וואסערדיקע ליפן און פון דער הע־לער הויט דערזען מיך:

— און דו ביסט אויך דאָ? ווער האָט נאָך דיר געשיקט, ווער? און ווער האָט נאָך אים געשיקט? צו וואָס האָט מען אים דאָ באַדאַרפט איננאַנצן מיט זיין סולל־וסובאדיק קול? אַז געלאָפן איז ער הין און צוריק הינטערן שוואַרצן טויער, געשפּיגן אין שניי אַריין, אָפּגעשטעלט פאַרבייפאָרנדיקע פּויערישע פּירלעך, געטאַפּט זעק מיט תבואה, געפּרעגט מקחים, כאָטש ער האָט קיינמאָל מיט קיין תבואה נישט געהאַנדלט און קיינמאָל נישט געוווסט, צי וואַקסט תבואה אויפן פעלד, צי גאָר אויף ביימער אין וואַלד.

דערווייל איז אָנגעקומען דער טאַטע, אַ פּאַמעלעכער, אַ שווערער. באַלד נאָך אים זענען פאַרפאָרן מיט אַ דראָזשקע די מומע נעמי מיטן פּעטער בן־ציון. פּעטער בן־ציון, — אַ קליינער, אַ קיילעכדיקער, אַזוי ווי אַן אויסגעשטופּטע איינשיט, — האָט נישט געקאָנט אַרויסקריכן פון דער דראָזשקע. האָט די מומע נעמי, אַ יידענע מיט איידעלע ליפּן און מיט אַן אָנשטעל אויף לומדות, אים אונטערגעשטעלט אַן אַקסל. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט, דער פּעטער בן־ציון, און אַזוי אַרום איז ער ערשט אַראָפּגעקראָכן.

ער איז שטיין געבליבן אַ ווייל, געפּרייכט מיטן אויסגעשטופּטן בויך, אַרומגעקוקט זיך און צום סוף אויסגעבלאָזן פון די רויטע, זאַטע ליפּן אַראָפּ:

— קאַלט... ביסט אַ מבין אויף די פּרעסט! וויפיל גראַד קאָן דאָס היינט זיין?

מען האָט אים נישט געענטפערט. דער אויסגעקראָכענער קודלאַטער הונט האָט אַראָפּגעלאָזט די מאָרדע צום פּעטער בן־ציונס קאַלאָשן. פּעטער בן־ציון האָט זיך אָפּגערוקט הינטערווייילעכטס:

— אַ פּודזשעס!

דער הונט האָט הכנעהדיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און צוגעבלאָנקעט זיך צו מיר. ער האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר וואַרעמע, פייכטע אויגן, געדרייט טרויעריק מיטן וויידל און, מן־הסתם, ווען ער וואָלט געקענט רעדן, וואָלט ער געפּרעגט:

— דיין ברודער איז טאַקע געשטאָרבן. טאָ וואָס איז אַזוי דעם פּעטער בן־ציון דיינעם קאַלט?

מען האָט נישט געזען, ווי אַזוי די נאַכט האָט אָנגעהויבן צופאַלן.

א טשאטע וואָנעס האָט זיך געלאָזט ערגעץ לויפן אין די וואָלקנס אריין. פוןביידע זייטן שאָסיי איז דער שניי געלעגן א צעשניטענער אין פּאַסן, ווו — שווארץ, ווו — בלוי און ווו — רויט־ווייס. אנטקעגנ־איבער דעם שפּיטאָל, אויפן גאַניקל פון דער קרעטשמע, האָבן זיך אוועק־געשטעלט צוויי מיידן, ברייטע, אנגעפּעלצטע און געזעדט הויך מיט צוויי איבערגעבויגענע שאָטנס פון מאנסלייט.

ערשט דעמאָלט האָט זיך דאָס שווארצע טויער פון שפּיטאָל גע־עפנט. צוויי מידע, שאָקלענדיקע פערדס־קעפּ האָבן ארויסגעשטעלט צוויי פּאָר שווארצע אויערן. נאָך זייערע לאנגע, פארוואָרלאָזטע ווידלען האָט זיך געשאָקלט א שמאָלע, שווארצע עגלה, ארומגענומען מיט מיין טאטנס גרויסע הענט. ס'האָט זיך מיטאמאָל א וויג געטון אן עולם מאנסלייט — שווארצע, גיכע מיט צעפלאָשעטע קאפּאָטעס, אזוי ווי פייגל, וואָס מען האָט אויפגעוועקט פון דרימל. ווייבער זענען געלאָפן צעוואָרפן, גע־שטופּט זיך און כסדר געהויבן די דערעס אויף די אקסלען ארויף. די מאמע מיט דער מומע מרים — הארט נאָך די מאנסלייט. ביידע מיט פארוואָרפענע קעפּ, ווי געשאָכטענע. ביידע מיט אויפגעריסענע מיילער. דער פעטער בן־ציון מיט דער מומע נעמי זענען געפאָרן אויף א דראָזש־קע צום סאמע סוף.

דער הונט איז געגאנגען לעבן מיר. ער האָט געקוקט אויף זיינע איי־גענע טריט. פון מאָל צו מאָל האָט ער פון די פייכטע נאָזלעכער ארויס־געלאָזט א מין בייז פּארסקעריי.

א פרעמדע יידענע האָט זיך אראָפּגעבויגן צו מיר און מיט א גוטן קול געזאָגט, אז יינגלעך, וואָס האָבן טאטע־מאמע, ביז הונדערט און צוואנ־ציק יאָר, טאָרן נישט גיין אויפן בית־עולם.

בין איך מיטגעגאנגען נישט מער, ווי ביז צו די „דריי ביימער", ס'איז געווען האלב־וועג. די עגלה מיטן עולם, צוזאמענגעגאָסן אין איין גרויס שטיק שווארצקייט, האָט זיך געוויגט ווייטער ארויף אויפן שאָסיי צום גוטן־אָרט צו.

קיינער איז נישט מיטגעגאנגען מיט מיר אהיים. בלויז דער פרעמ־דער, קודלאטער הונט האָט זיך געוויגט ביי מיינע פיס און געפּאַרסקעט צו די טריט זיינע.

ביי אונדזער טיר האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פריער פאר מיר. האָט

ער געוווסט, אז איך ווין דאָ, וואָס האָט ער אזוי אויפגעשטעלט די אויערן?

איך האָב מיך אויך אָפּגעשטעלט, און אין הונטס אויפגעשטעלטע אויערן אריין האָב איך אריינגעשריגן:

— ווי הייסטו? בורעק?

דער הונט האָט א וואָרף געטון מיטן קאָפּ איןביידע זייטן. ס'האָט אויסגעזען, אזוי ווי ער וואָלט זיך אָפּגעשאָקלט פון אזא פּראָסטן נאָמען, ווי „בורעק".

האָב איך אָנגערופן נאָך הינטישע נעמען: — „לאַפּאַ", „בוקעט"...

— ניין... — ער שאָקלט אַלץ מיטן קאָפּ אין דער ברייט.

מיר איז געווען קאַלט. דער שווערער פּאַלטן האָט אראָפּגעצויגן די אקסלען. האָב איך צום לעצטן מאָל אריינגעשריגן דעם הונט אין אויער אריין:

— א גוטע נאכט, הונט!

ער האָט זיך צעפּארסקעט צו די טריט זיינע און אוועקגעלייגט זיך אויפן שניי מיט צוויי אויסגעצויגענע לאַפּעס צו דער טיר פון אונדזער שטוב.

***

אז כ'בין אריין אין שטוב, איז יוזשע דעם בעדנערס געזעסן איינע אליין אין קיך. אויפן קליינעם טישל, וו ס'איז געשטאַנען דאָס נאַפּט־לעמפּל, האָט זי אריינגעשפּאַרט די גאָמבע אין ביידע אויפגעשטעלטע הענט און מיט פּארטוענע אויגן געקוקט אין רויט־בלווילעכן פלעמל אריין.

ביי מיין אריינקומען זענען די הענט אירע געגעבן א פאַל אפּער פון אונטער דער גאָמבע און די גאַנצע יוזשע האָט זיך האַסטיק אויפגע־שטעלט.

— שוין נאָך דער לויה?

— ניין. נאָך נישט.

— ביסט נישט מיטגעגאַנגען?

— נאָר ביז צו די „דריי ביימער".

— און ביסט הונגעריק, יאָ?

— ניין, כ׳בין נישט הונגעריק.

— און קאלט איז דיר, יא? קום אהער דא, זעץ דיך אנידער.

זי האט מיך גענומען, אזוי ווי מען נעמט א זעקל וואטע אדער פע־דערן, און אוועקגעזעצט הארט לעבן זיך. זי האט מיך ארומגענומען מיט א פאר גרויסע, אויסגעווארעמטע הענט און גערעדט מיר גלייך אין מויל אריין:

— ווארעם דיך אן. גוט ווארעם דיך אן!

מיט איר אטעם האט זי געבלאזן אין מיינע פארשטייפטע פינגער אריין, גענומען זיי אין מויל אריין, געריבן צווישן אירע הענט.

— וועסט דיך אפשר לייגן, יא?

כ׳ווייס נישט, צי כ׳האב איר געענטפערט, נאר זי האט מיך גע־לאזט זיצן ביים טיש און אליין איז זי אריין אין דער אנדערער שטוב בעטן דעם טאטנס בעט. דערנאך האט זי אליין מיך אויסגעטון, אריינ־געפירט מיך אין דער גרויסער שטוב און ארומגעדעקט איבערן האלדז מיטן איבערבעט. זי האט זיך אוועקגעזעצט ביי מיר צופוסנס, אזוי ווי אמאל די מאמע, ווען כ׳בין געלעגן אויף שארלעך.

— זיי וועלן באלד קומען, ווייסט נישט? — האט יוזשע מיך פלוצ־לינג געפרעגט.

— נאך דער לויה וועלן זיי, מן־הסתם, קומען.

— ווען וועט זיין נאך דער לויה?

— כ׳ווייס נישט.

יוזשע איז אריין אויף א ווײַלע אין קיך.

איך האב געהערט, ווי זי גראבלט דארט ביים שלאס פון דער טיר.

אין שטוב איז איצט געווען גוט טונקל. נישט מער, וואס פון דער קיך האט זיך געצויגן א שמאל פאסיקל ליכטיקייט און איבערגעבראכן זיך אין דער מיט.

יוזשע איז צוריקגעקומען פון דער קיך און אוועקגעזעצט זיך ביי מיר אויפן בעט. אבער שוין נישט צופיסנס. פון איר איז געגאנגען א שוויי־סיקע פארנעקייט, א זיסלעכע אויפן גומען און אין דער נאז. אזא ריח פון א מענטש האב איך נאך קיינמאל נישט געשפירט.

— ס׳איז דיר שוין ווארעם? — האט זי צוגעבויגן צו מיר איר גרויס פנים.

— אביסל. — האָב איך געענטפערט און געפּילט, ווי יוזשעס ריח גייט מיר אין האַלדז אַריין און פון דאָרט — ערגעץ טיף אין די געדער־דים אַריין.

— באַלד... ס׳וועט דיר באַלד אינגאַנצן וואַרעם ווערן.

איך האָב געהערט, ווי אויף דער פּאַדלאָגע האָבן אָפּגעקלונגען צוויי טויבע קלעפּ. דאָס האָט יוזשע, זעט אויס, אַראָפּגעוואָרפן פון די פיס צוערשט איין שוך, דערנאָך דעם צווייטן.

— באַלד, באַלד... — האָט איר אָטעם הייזעריקלעך און אָפּגעהאַקט געציטערט.

מיט האַלב־דרימלדיקע אויגן, פאַרפרוירענע און מידע, האָב איך געזען, ווי יוזשע נעמט אַראָפּ פון זיך דעם רויטן קאַפּטאַן, ווי זי שנורע־וועט־אויף די באַרכאַנקע. מוז זיין, אַז די בענדלעך אַרום דער באַרכאַנקע האָבן זיך ערגעץ־ווו פאַרקנופּט. מחמת יוזשעס אָטעם איז געוואָרן סאַפּנ־דיק ,און אַזוי סאַפּנדיקערהייט האָט זי געוואָרפן אין טונקעלן חלל אַריין:

— פּשיאַקרעוו, כאָלעראַ...

אָבער דאָס האָט נישט לאַנג געדויערט. דאָס איבערבעט איבער מיר האָט זיך פּלוצלינג געגעבן אַ הויב אונטער און באַלד האָב איך דערפילט לעבן מיר יוזשעס גרויס, אויסגעוואַרעמט לייב.

ס׳איז מיר געוואָרן ענג אין דער קעל. מוז זיין פאַר שרעק, צי פאַר איבעררעשונג, האָב איך מיך געגעבן אַ שאַר צו צו דער וואַנט.

— קום אַהער דאַ, נענטער... — האָט יוזשע מיך צוריקגעצויגן צו זיך — אָט דאָ וועט דיר זיין וואַרעם. גיב אַהער די הענט. נו, וואַרעם?

— וואַרעם...

— בויג צו דעם קאָפּ, אָט דאָ... נו, וואַרעם?

— וואַרעם...

— האָסט אַזאַ קאַלט מויל, בחורל מיינס. אָפּגעפרוירן ס׳מויל, נע־בעך.

כ׳האָב איינגעצויגן די פיס. אין בעט איז געוואָרן ענג. כ׳האָב נישט פאַרשטאַנען די סיבה. שלאָף איך דאָך שטענדיק מיטן טאַטן. פאַרוואָס איז מיר מיט אים קיינמאָל נישט ענג? פאַרוואָס בריט נישט אַזוי דעם טאַטנס לייב? און פאַרוואָס בין איך אַזוי אַנדערש געוואָרן?

זאָל עס זיין דערפאַר, וואָס די ליפּן אירע הערן נישט אויף צו דערוואַ־רעמען מיין אָפּגעפרוירן מויל?

ווי אַזוי איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן, ווייס איך נישט. כ׳האָב נישט געהערט יוזשעס אַוועקגיין. כ׳האָב אויך נישט געהערט, ווען טאַטע־מאַמע זענען געקומען.

ווען כ׳האָב צוריק געעפנט די אויגן, איז שוין דער טאַטע געזעסן אויפן בעט מיט די פיס אויף דער שטוב אַרויס און אַרויפגעצויגן אויף זיי די שטיוול. די מאַמע, אַרומגענומען דעם קאָפּ מיט אַ דערעלע, האָט זיך איינגעקנייטשט אין אַ קליין בענקעלע אַריין, אַזוי ווי אַ קינד. דאָרט האָט זי זיך געוויגט אין דער ברייט. אין דער קיך האָט יוזשע צעהאַקט אַ פּאָר שייטעלעך האָלץ. די קלעפּ זענען געווען טרוקענע, גיכע, אַזוי ווי יוזשע וואָלט דאָרט צו עמעצן אויסגעלאָזט איר כעס.

יאָ, יוזשע. וואָס איז דאָס געווען מיט יוזשען? ווי קומט זי דאָס שוין צו האַקן האָלץ? ווי לאַנג איז גאָר, אַז זי האָט דערוואַרעמט מיין מויל? זיצט גאָר דער טאַטע ביי מיר אויפן בעט מיט אויסגעדרייטע פּלייצעס. די מאַמע וויגט זיך אויפן קינדישן בענקעלע. און יוזשע איז גאָר אין קיך. שוין טאָג. אויף די גרויע, שוין לאַנג נישט־געקאַלכטע ווענט זעצט זיך אָפּ אַ גרינע, פאַרשלאָפענע ליכטיקייט.

פון אַ דיק, געפינגערט גלאָז אויפן פענצטער ציט זיך אַ קליין, בלוי אייל־פּלעמל.

דער טאַטע האָט שוין געהאַט אַרויפגעצויגןביידע שטיוול. דער גרויסער, געלער טלית־קטן האָט זיך געקנייטשט אויף זיינע פּלייצעס, ווי אַן אַלט שטיק „שמות". ער האָט אויסגעדרייט די באָרד צו מיר אין בעט אַריין:

— הייב דיך אויף! — האָט ער געזאָגט — מ׳עט זיך באַלד שטעלן דאַווענען.

אַליין האָט ער אַריינגעשטעלט די הענט אין די אַרבל פון אַלטן צייגענעם כאַלאַט און איז אַרויס פון שטוב.

ער האָט זיך נישט לאַנג געזוימט. באַלד איז ער צוריקגעקומען צו־זאַמען מיט צוויי קליינע יידעלעך, וואָס האָבן זיך פרעמד און פאַרחי־דושט אַרומגעקוקט איבער דער שטוב. דער טאַטע האָט זיי געלאָזט שטיין און איז ווידער אַרויס אין דרויסן. אַזוי עטלעכע מאָל — ביז אונדזער

שטוב איז פארנומען געווארן מיט פרעמדע נישט־צעקעמטע בערד און וואכעדיקע, קאלטע קאפאטעס.

פון פענצטער צו דער וואנט, און פון וואנט צום פענצטער האט זיך געטראגן א גיך, ניכטערן געברומעריי. אויף דער קאמאדע, אויף דער שאנק האבן זיך געבראכן צעפלאטשטע שטיקער שאטנס, ארויפגערוקט זיך ביז אויפן בעליק, אזוי ווי די שטוב אליין װאלט זיי צו ענג געװען.

די מאמע מיט איר נידעריק בענקעלע האט זיך אוועקגערוקט צום אויוון. יוזשע איז פון צייט צו צייט שטיין געבליבן אין דער אפענער טיר מיט א שייט האלץ אין דער האנט. איך האב מיך איינגעקנייטשט צווישן די קאלטע קאפאטעס פון די פרעמדע יידן און מורא געהאט צו קוקן אהין, וווּ יוזשע איז געשטאנען. ציצית פון טליתים האבן זיך נאכגעשלעפט אויף דער פאדלאגע, אזוי ווי ווייסע ווערים. א ייד מיט א הונגעריק קול האט זיך אין דער ברייט געשאקלט איבערן טיש און הויך געשלונגען די ווערטער.

דער טאטע, וואס איז געשטאנען מיר צוקאפנס, האט ארויפגעלייגט אלע פינף פינגער אויף מיינס אן אקסל און מיטן פנים געוויזן מיר אין סידורל אריין:

— נו, א...

נאכן דאווענען האבן זיך די יידן גענומען ארויסשארן. שווערע, פארבאקענע שטיוול האבן נישט־ניחאדיק געטשאפעט איבער דער פאדלאגע. מען איז פארביייגעגאנגען פאר דער מאמעס נידעריקן בענקעלע און מען האט דארט עפעס אריינגעברומט.

אין שטוב איז געבליבן הענגען א דעמפיקער ריח פון אלטע וואטע און פון אפגענוצטע מלבושים. אויפן טיש האבן זיך געוואלגערט צוויי צעווארפענע טליתים מיט פארגעלטע ציצית. דער טאטע האט געלאסן אפגעוויקלט די הארטע, אויסגעפעצטע רצועות פון דער בלויער, קאלטער האנט אראפ.

האט עס אזוי געדויערט א גאנצע וואך פון שבעה־זיצן. די מאמע האט זיך כמעט ווי נישט אויפגעהויבן פון איר פיסנבענקעלע. יוזשע דעם בעדנערס, אז זי האט שוין געהאט צעהאקט אביסל האלץ, און אונטער די פייערקעס איז שוין אפגעגאנגען דאס פייער — האט זי זיך אויך

אוועקגעזעצט אויף אַ פּיסנבענקעלע, און פּונקט ווי די מאַמע, אויך גע־וויגט זיך אין דער ברייט.

די מומעס, וואָס זענען געקומען אין די אויפדערנאַכטן מנחם־אבֿל זיין, האָבן מיטגעברענגט דאָס שווייגן פון דרויסנדיקן שניי. זיי זענען געזעסן ביי אונדז אַזוי ווי אויף דערוויילן, האַלב־דרימלדיק, אָרעם. מען האָט נישט אַראָפּגענומען פון זיך די מלבושים, נישט אָנגערופן זיך צו קיינעם מיט קיין וואָרט. אָפּגעזעסן, נישט געזעגנט זיך, אַ צי געטון מיט די אַקסלען און אַרויס אין זייערע היימען אַריין, וווּ ס'איז קיינער נישט געשטאָרבן און וווּ מען איז נישט געזעסן קיין שבעה.

בלויז צוויי פֿעטערס האָבן יאָ געלאָזט פון זיך הערן. איינער — דער פֿעטער שמואל מיט די לויפנדיקע הענט, האָט נישט געקענט מוחל זיין משהן, וואָס יענער איז געשטאָרבן; דער צווייטער — פֿעטער בן־ציון האָט זיך כסדר געריבן די פולכנע הענטלעך און כסדר געהאַט טע־נות צום רבונו של עולם:

— ביסט אַ מבֿין, וואָס פאַר אַ ווינטער ס'האָט זיך געשטעלט... אַז קוילן זענען צוגלייך מיט גאָלד! זאָג איך צו מיין ווייב...

אָבער דאָ האָט די מומע נעמי האַלב צוגעמאַכט אירע שטילע אויגן און אַביסל אונטער דער נאָז, אַביסל מיט אַ נגידיש־פֿאַרצויגן ניגונדל, האָט זי געגעבן אָנצוהערן:

— בן־ציון, מ'ע'מיר שוין אפשר גיין? הע, בן־ציון?

## קאַפּיטל צוויי

צו אונדז אין שטוב אַריין זענען שוין מער קיין מנחם־אבֿל־געסט נישט געקומען. איבער דער קאָמאָדע האָט זיך באַוויזן משהס פאָטאָ־גראַפיע, וואָס די מאַמע האָט געלאָזט איינרעמען. דאָ, אויף דער פאָטאָ־גראַפיע, האָט משה נישט געהאַט קיין קיילעכדיק פנים און נישט קיין אויסגעקנייפּטע בעקלעך. אויפן טויטן פּאַפּיר איז געשטאַנען אַ דאַרער בחור מיט אַ בלאַס, דערשראָקן פנים, איין האַנט אַ ווייסע, די צווייטע — אַ שוואַרצע, אַזוי ווי אין אַ גומענער הענטשקע. ער האָט געקוקט

אויף א זייט, פרעמד, שטיפלעך, אזוי ווי ער וואָלט דאָ אין שטוב קיי־
נעם נישט דערקענט.

אין יענע טעג איז צו אונדז אין שטוב אריין אָנגעקומען נאָך א פאָ־
טאָגראַפיע. געקומען איז זי אַזש פון קאַטערינאָסלאַוו, ווו לייבקע, דעם
טאַטנס זון פון ערשטן ווייב, האָט געדינט ביי פאָניע.

גאָר אַן אַנדערער מענטש פון משהן. מיט אַן אַנדער אויסזען און
מיט אַן אַנדער געשטעל. א הויכער מיט שפּיציק־צוגעשניטענע וואָנסע־
לעך, אין א קיילעכדיק היטל אָן א דאַשיק, מיט שליפּעס און מיט קנעפּ —
האָט זיך לייבקע אויסגעצויגן ביי א טיש. אָנגעשטעלט א פאַרביסן פּנים
און געקוקט מיט אַזעלכע ביסטרע־אויפגעריסענע אויגן, אַזוי ווי ער
וואָלט פונדערווייטנס דערזען אָנקומען דעם שונא מיט ביקסן און מיט
שווערדן.

דער טאַטע האָט נענטער צוגערוקט דאָס נאַפט־לעמפּל און גענומען
זיך גענוי צוקוקן צו לייבקעס פאָטאָגראַפיע. בשעת מעשה האָט זיך דעם
טאַטנס גרויסע, שוואַרצע באָרד צעשניטן אויף צוויי חלקים, אויף א
ליכטיק און אויף א טונקל חלק. צווישן דער ליכט און טונקלקייט האָט
זיך פון איין ווינקל מויל צום צווייטן פאַמעלעך איבערגעלייגט א שפּיץ
צונג, וואָס דער טאַטע האָט אין גרויס פאַרנומענקייט אַרויסגעשטעקט.

— וואָס זאָגסטו עפּעס צו מיין לייבקע? — האָט ער גערעדט אין
דער פאָטאָגראַפיע אַריין. אָפּגערוקט זי אַביסל פונדערווייטנס, דערנאָך
ווידער זי צוגענומען נענטער:

— א גאַנצער אָפיציר איז ער דאָרט געוואָרן ביי פאָניען.

געמיינט האָט דער טאַטע — די ווערטער זאָלן דערגיין צו דער מאַ־
מען, זי זאָל זיך מיט עפּעס אָנרופן און מסכים זיין, אַז פון לייבקען איז
טאַקע געוואָרן א גרויס לייט. אָבער די מאַמע האָט שוין די פאָטאָגראַפיע
געהאַט געזען בייטאָג. זי האָט זיך שוין געהאַט גוט אויסגעוויינט, קוקנ־
דיק אויף איר זונס פאָרטרעט, גוט אויסגעשנייצט און גוט אָפּגעזיפצט:

— און מיין משה ליגט, נעבעך, אין דער ערד...

איצט, אַז דער טאַטע האָט געפרעגט, האָט זיך איר קאָפּ פאַרבויגן
אויף א זייט. די נאָז האָט אַליין פון זיך א זופּ געטון. אָבער קיין תשובה
האָט זי דעם טאַטן נישט געגעבן.

דער טאַטע אַליין איז קיין גרויסער רעדער נישט געווען. אין זיינע

האלב־דרימלדיקע אויגן איז אייביק געלעגן א פארטויבטע שטילקייט. ער האט געקוקט אויף א מענטש נישט אין די אויגן אריין, נאר אויפן מויל, אזוי ווי ער וואלט נישט געהאט קיין איבעריקן צוטרוי צו יענעמס רייד. די מאמע האט אים טאקע געהאלטן פאר א טויבלעכן און גערעדט צו אים העכער, ווי געווענלעך. דער טאטע האט ליב געהאט ארומצודרייען זיך איבער דער שטוב אין א ווארעמען, געשטעפטן שפאנצער, פאררוקטן א בענקל, אנציען דעם זייגער, שניידן אשר־יצר־פאפירלעך. איז, אז די מאמע האט גערעדט צו אים העכער, ווי געווענלעך, האט ער זיך אפגע־שטעלט אינמיטן גיין, אויפגעהויבן דאס גרויסע, שווארץ־באוואקסענע פנים און אנגעשטעלט אויף דער מאמען דעם האלב־דרימלדיקן בליק זיינעם:

— וואס שרייסטו עפעס צו מיר? כ׳בין דען טויב?

— וואס דען ביסטו, הערעוודיק? — האט די מאמע אפגעפסקנט איינמאל פאר אלע מאל און בשום אופן נישט געוואלט נאכגעבן, אז דער טאטע איז נישט טויב.

איצט, ביי לייבקעס פאטאגראפיע, האט דער טאטע אויסגעדרייט ס׳פנים פון טיש אוועק צום בעט, ווו די מאמע איז געזעסן. אין בליק זיינעם איז געלעגן יענע נישט־זיכערקייט, ווען מען באגעגנט א מענטש און מען ווייסט נישט, צי מען קען אים יא, צי מען קען אים נישט.

רעדסט עפעס היינט אזוי שטיל — האט ער זיך אנגערופן.

— כ׳רעד גארנישט. ווער זאגט דען, אז איך רעד.

— וואסזשע דען האסטו געזאגט?

— כ׳האב גארנישט געזאגט. לאז מיך צורו.

דער טאטע האט געקוקט אויף דער מאמעס מויל. די טויבלעכע שטילקייט אין די אויגן האט זיך פארשאטנט. די מאמע האט איצט אויס־געזען א פרעמדע, נישט קיין היגע. האט דער טאטע אנגעשטעלט זיין איינגעהערט מויל אויף מיר און פארשארצט איין זייט שטערן:

— מ׳דארף אים אנשרייבן א בריוול, לייבקען. קיין קאטערינאסלאוו דארף מען שרייבן.

געמיינט האט ער דערמיט צו זאגן, אז ווען ער אליין וואלט גע־קאנט, וואלט ער נאך היינט אנגעשריבן א בריוול קיין קאטערינאסלאוו. נאר אזוי ווי מיטן שרייבן מוז ער אנקומען צו דער מאמען — האט ער

נישט קיין אַנדערע ברירה, ווי צו וואַרטן, ביז די מאַמע וועט זיין אויפגעלייגט.

דערווייל האָט ער אָוועקגעלייגט לייבקעס פאָטאָגראַפיע אין אַ שופלאַד פון דער קאָמאָדע, צווישן דער קלאָרער וועש. פון צייט צו צייט, ס׳רוב שבת־צונאַכטס נאָך דער הבדלה, האָט ער אַרויסגערוקט די שופלאַד, גענומען די פאָטאָגראַפיע, אויפסניי זיך צוגעקוקט צו איר און אויפסניי דערמאָנט, אַז מען דאַרף אים שרייבן אַ בריוול קיין קאַטערינאָסלאַוו. אָבער די מאַמע איז נאָך אַלץ נישט געווען אויפגעלייגט און נאָך אַלץ נישט געהאַט נ׳קאָפּ, נישט צו אים און נישט צו זיין זון לייבקע.

דער ווינטער אין יענעם יאָר איז געשטאַנען אַ לאַנגער, אַ שאַרפער. די פלומפּ אויפן הויף איז געווען באַהאַנגען מיט אָנגעשוואָלענע צאַפּנס אייז, אַזוי ווי מיט שווערע שטיקער געגאָסן גלאָז. אין די רינשטאָקן זענען איבערנאַכט פאַרגליווערט געוואָרן אַרויסגעגאָסענע פּאָמישאַפּן מיט אומריינקייט. דאָס שלאָס פון דער טיר האָט זיך גליטשיק און ווייס געזילבערט אויף דער שטוב אַרויס. די ווענט פון דער קיך, וווּ יוזשע איז געשלאָפן, האָבן אויף דער נאַכט געגלאַנצט מיט אַ בלווילעך־גרינער פייכטקייט. די אייגענע פייכטקייט האָט זיך אויך אָפּגעזעצט אויף דער וואַנט, וווּ ס׳איז געשטאַנען דעם טאַטנס בעט. ס׳האָט נישט געהאָלפן דאָס אייזערנע אייוועלע אינמיטן שטוב מיט די פאַרצווייגנע, האַלב־פאַרזשאַווערטע בלעכענע רערן אונטערן נידעריקן בעליק. ס׳האָט נישט געהאָלפן דאָס ליים, מיט וועלכן מען האָט פאַרקלעפּט די שפּאַרעס ביים פענצטער און ס׳האָט אפילו נישט געהאָלפן די וואַטע, וואָס איז אָפּגעלעגן אַ גאַנצן ווינטער צווישן די טאָפּלטע פענצטער און געווייקט זיך אין אייז.

דעם טאַטן האָט עס אָבער נישט געאַרט. ער איז געשלאָפן שווער, מיד. נאָר אַז ס׳איז געקומען אַרום פיר אַזייגער פאַרטאָג, האָט ער זיך שוין גענומען רודערן און איז גרייט געווען אויפצושטיין.

אויפגעשטאַנען אַזוי פרי איז ער מחמת דעם, וואָס אין יענעם ווינטער האָט ער געמאַכט שותפות מיט איינעם אַ ייד, וואָס זיין נאָמען איז געווען מאָטל שטרוי. אַ הויכער איז ער געווען דער דאָזיקער מאָטל, אַן אויסגעצויגענער מיט אַ לויפנדיקן קנאָפּ אין האַלדז, מיט אַ שפּיציק, שיטער בערדל און מיט לאַנגע, דינע הענט, וואָס האָבן זיך אין ערגעץ קיין אָרט נישט געקענט געפינען.

אַלע זיינע יאָרן האָט זיך מאָטל שטרוי געדרייט צווישן פּויערישע פּידלעך, געשטאָפּט פּרעמדע זעק מיט תּבואה, געקייעט אַ שטרוי צווישן די ציין, אַריינגעלאָפן פון צייט צו צייט צו מרדכי גאָרקיכער כאַפּן אַ געב־טיק פּערטל געגדזנס — און בינו לבינו — געלייגט די באַנק־צעטלען אין אַ לאַנגן, לעדערנעם בייטל אַריין. אַזוי לאַנג געלייגט, ביז ער איז גע־קומען צום טאַטן — יענער זאָל מאַכן מיט אים שותפות.

— ס'טרעפט זיך — האָט ער געזאָגט — צו קויפן אַ גרויסע קראָם היי, גוט היי. וועט מאָטל אַריינלייגן געלט, און דער טאַטע — מבינות.

מער, ווי מבינות, האָט דער טאַטע מיינער נישט פאַרמאָגט. אין „נייעם מילכל", אין יענעם דאָרף, פונוואַנען דער טאַטע איז געקומען אין שטאָט אַריין, זענען געלעגן גרויסע, צעוואַרעמטע שטחים פעלד, אַרומגענומען מיט בלויע, פּאַרטונקלטע וועלדער. די הייזלעך אין „נייעם מילכל" זענען געשטאַנען הילצערנע, פּראָסטע, נישט געהובלעוועטע, מיט שטרויענע דעכלעך און ליימענע פּאָדלאָגעס. געגעסן האָט מען דאָרט זויערמילך פון גרויסע ערדענע „זישקעס", געבאַקן פּלאַטשיקע לאַבנס ברויט. זומער־צייט האָט מען זיך געבאָדן אין טייך, געשלאָפן הינטער סטויגעס היי און געקוקט אויף די ווייטע שטחים פעלד. מוז זיין, אַז פון דאָרטן האָט דער טאַטע מיטגעבראַכט אין שטאָט אַריין זיין מבינות אויף היי.

האָט זיך נאָך משהם טויט אָנגעהויבן ביי אונדז אין שטוב אַ לעבן אויף אַ נייעם שטייגער.

די נאַכט איז נאָך געלעגן אַ פאַרשלאָפענע אויף די פאַרפרוירענע שויבן, האָט זיך שוין דער טאַטע געוועקט. אין דער קאַלטער, שוואַרצער שטוב אַריין האָט זיך פון מאָל צו מאָל איינגעשניטן זיינס אַ לאַנגער, ניכטערער געניץ. איך האָב מיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער בלוילעך־פינקלדיקער וואַנט און געוואַרט מיט אומגעדולד, דער טאַטע זאָל שוין אַראָפּשטעלן אַ פוס — כ'זאָל אַליין קאָנען ירשענען דאָס גאַנצע בעט. דער טאַטע האָט אָבער געוואַרט אויף אַ צייכן, אויף אַ סיגנאַל, וואָס זאָל אים אַרויסנעמען פון אונטערן אויסגעוואַרעמטן איבערבעט.

דער סיגנאַל איז געקומען. אַלע פאַרטאָג, כמעט אין דער אייגענער צייט, האָט זיך אין די שויבן אַריין דערהערט אַ קלאַפּן פון פינגער און אַ נאַקעט קול, אַ געפרוירענס, האָט גערופן:

— פאניע קופּיעץ! פאניע קופּיעץ!

געוועזן איז עס דער אַלטער מאַטשעי — דער פּויער מיטן פערד־און־וועגעלע, מיט וועלכן דער טאַטע איז געפאָרן איבער די דערפער איינ־קויפן היי ביי די פּריצים.

דער טאַטע האָט זיך שווערלעך צעקרעכצט און אַרויסגעשטעלט די פיס אין דער אויסגעקילטער שטוב אַריין. ער האָט אַרויסגעדרייט דאָס לעמפּל. ביים רויטלעכן אָפּשיין פון פלעמל, וואָס האָט געמרוגעט ווי אַן אויפגעוועקט אויג, האָט דער טאַטע זיך געעסקט מיט איינעם פון זיינע פיס, וואָס האָט פון כמה יאָרן געאייטערט אויפן שי־ביין. געהאַט אַ בלויען, רויטלעך־איבערגעברענטן פלעק אַרום אַן אָפּן, קליין ראַנקעלע, צו וועלכן דער טאַטע האָט גענוצט גרינע ציבעלע־בלעטער, וואָס זענען געוואַקסן ביי אונדז אויפן פענצטער אין אַן ערדענעם טאָפּ.

אָפּגעפּאַרטיקט מיטן פוס, אָפּגעקרעכצט און אָפּגעגעניצט — האָט ער זיך דערמאָנט, אַז אין דרויסן וואַרט דער אַלטער מאַטשעי — האָט ער אים געעפנט די טיר און אַריינגעלאָזט.

איז ער אַריין, דער פּויער, אַ בלויער, אַ הויכער, אין אַ געלן, שטינ־קנדיקן „קאָזשוך" מיט דער בייטש אין דער האַנט און אַזוי אַרום, פּונקט ווי אַ סטראַשידלע אויף פייגל, אוועקגעשטעלט זיך וואַרטן, ביז דער „פּאַן קופּיעץ" וועט פאַרטיק ווערן.

דער פּאַן קופּיעץ האָט זיך הויך געוואַשן אין פּאָמישאָף אַריין, נאָך העבער געדאַוונט פון פּאַרנט.

די מאַמע האָט זיך געדרייט אין בעט ווי אַ וואָרעם, געקרעכצט אין די קישנס אַריין:

— אַ וויסטע פּרנסה דאָס איז. מען זאָל נישט לאָזן צוטון קיין אויג.

אָבער דער טאַטע האָט נישט געהערט.

יוזשע דעם בעדנערס האָט אַרויסגעשטעקט איר שוואַרצן, שעפּסע־נעם קאָפּ פון אונטער דער קאָלדרע, אַרויסגעלייגט די נאַקעטע הענט און געפרעגט מיט אַ פולן, אויסגערוט קול:

— טאַטעלע, האָסטו אַ זון?

— אוודאי האָב איך — האָט זיך דער פּויער אויסגעדרייט צו יוזשעס בעט.

— א יונגער איז ער, דער זון דיינער?
— א יונגער, אוודאי א יונגער.
— טא שיק אים אהער, טאטעלע, שיק אים אהער.
— ער האט שוין א ווייב, ער דארף נישט קיין פרעמדע.
— האט ער, איז וואס? כ׳קאן אויך זיין א ווייב.

דער טאטע איז געגאנגען איבער דער שטוב און הויך געזאגט. דער שמועס פון יוזשען מיטן פויער האט זיך פארוויקלט אין זיין דאווענען אריין. דער מאמעס בעט האט האסטיק געגומען סקריפען.

— לייזער! — האט זי גערופן — לייזער, אפשר אביסעלע שטי־לער?

אבער אויך דאס האט דער טאטע נישט געהערט. ביז ער האט פאר־מאכט די טיר, האט זיך די מאמע געהאט עטלעכע מאל איבערגעדרייט און עטלעכע מאל דערמאנט איר ערשטן מאן, זאל זיין אפגעשיידט, ביי וועמען זי האט געהאט מעשענע קליאמקעס ביי די טירן.

נאכן טאטנס אוועקגיין איז אין שטוב געבליבן א מנוחהדיקע שטיל־קייט, אזוי ווי נאכן פארבייפארן פון א פור אויף שפיציקע שטיינער. דאס לעמפל איז געבליבן ברענען. די מאמע האט צום לעצטן מאל אפ־געקרעכצט מיט דערלייכטערונג; און איך, אין מיין האלבן דרימל, האב נאך אלץ געהערט:

— א יונגער? ברענגט אים אהער, טאטעלע...

כ׳האב שוין גוט פארשטאנען, וואס יוזשע האט געמיינט. ס׳האט זיך מיר באלד דערמאנט יענער אויפדערנאכט, ווען יוזשע האט מיך גענומען דערוואַרעמען. פון יענעם אויפדערנאכט אן איז שוין אריבער א שפאר שטיקל צייט. ס׳האט אויסגעזען, אזוי ווי יוזשע וואלט אינגאנצן פאר־געסן אן מיר. כ׳בין א סך מאל אהיימגעקומען א דערפרוירענער, א שטיי־פער. כ׳האב א סך מאל נישט געטראפן אין שטוב נישט דעם טאטן און נישט די מאמע. יוזשע איז געזעסן איינע אליין ביי א קאנט פון קיך־טיש און מיט שטייענדיקע אויגן געקוקט אויפן ציטערדיקן פלעמל, וואס איז זיך פארגאנגען ביי די זייטן מיט א בלווי שנירעלע. כ׳האב מיך אליין געמוזט ארויסנעמען פון גרויען, זעלנערישן באשליק. כ׳האב אליין גע־מוזט זוכן אויף די פייערקעס עפעס צום עסן און כ׳האב מיר אפילו אליין געמוזט גלייכמאכן ס׳בעט. יוזשע־האט מיך נישט געזען.

איינמאָל נאָר, צום לעצטן מאָל טאָטע, האָט מיך יוזשע יאָ צוגע־רופן צו זיך.

— קום נאָר, קליינער — האָט זי אַוועקגענומען די שטייענדיקע אויגן פון לעמפּל און אַוועקגעשטעלט מיך צווישן די פאַלדן פון איר באַר־כאַנקע. זי האָט צוגעבויגן איר פּנים צו מײַנעם, אַ וויש געטון איר נאָז בײַ מײַן נאָז און מיט אַ הייזעריק קול געפרעגט:

— האָסט דערציילט דער מאַמען?

מיר איז געוואָרן קאַלט.

— ניין — האָב איך גיך געזאָגט — כ׳האָב נישט דערציילט.

— פּעוונע (זיכער)?

— פּעוונע.

— שווער דיך!

— כ׳זאָל אַזוי לעבן!

מײַן פּנים האָט זיך געפונען אין אירע ביידע הענט.

— ווילסט אַ קוש, יאָ?

כ׳האָב נישט געקענט ענטפערן. ס׳איז מיר ווידער ענג געוואָרן.

— ווילסט אַזוי ווי דעמאָלט? יאָ?

זי האָט נישט געוואַרט, ביז כ׳וועל ענטפערן ,נאָר פּלוצלינג געגעבן אַ דריי אַראָפּ ס׳לעמפּל. אין דער טונקלקייט האָט יוזשע גיך אַראָפּגע־שלעפּט פון מיר די מלבושים. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף זײַן שטיל.

— דאָ בײַ מיר — איז יוזשעס קול געוואָרן נאָך הייזעריקער און די הענט — וואַרעמער.

— קום אַהער, קליינער. היינט צום לעצטן מאָל. איך צי דאָך מיך אַרויס פונדאַנען. האָסט נישט דערציילט?

— ניין... — האָב איך געשטיקט מײַן קול אין יוזשעס לייב אַריין.

— די מאַמע דײַנע הייסט מיך אַרויסציען. האָסט פּעוונע נישט דערציילט?

— פּעוונע.

— טאָ פאַרוואָס הייסט מיך די מאַמע דײַנע אַרויסציען?

— כ׳ווייס נישט.

מער האָב איך נישט געקאָנט רעדן. מיין לייב האָט געגליט. מיר איז געגאַנגען אַ ווייטיק פון קאָפּ ביז די שפּיץ פינגער פון די פיס.

— ביים נישט — האָט יושע מיט אַן אָפּגעהאַקט געלעכטער געאָטעמט מיר אין פּנים אריין — כע־כע... ביסט שוין אַ גרויסער, גאָר אַ גרויסער...

איך האָב מיר נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין חשבון, וואָס דאָס איז אזוינס. נאָר געוואָלט האָב איך, דער ווייטיק זאָל געדויערן וואָס לענגער.

אָבער מיטאמאָל איז אַרום מיר געוואָרן ליידיק, הויל. ס'האָט זיך עפּעס אָפּגעטון פון מיר, אוועקגענומען. אויפן האַרץ האָט געברענט. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מען האָט מיר אויסגעשניטן פון לייב אַ שטיק לעבעדיק פלייש.

— וואָס וויינסטו, נאַריש קאַלב? — האָט זיך יושעס קול גע־קנוילט אין דער פינצטער — אַזאַ גרויסער יונג וויינט שוין נישט. נו, קום אַהער... דו הונט, דו!

אָבער איך האָב פאַרהאַקט מיט די ציין, אַרויסגעריסן זיך פון אירע הענט, אַראָפּגעקוילערט זיך פון בעט און דאָרט, אויף דער פאָדלאָגע, האָב איך מיך ערשט צעוויינט אויף אַ קול.

יושע האָט אויף גיך צוריק אַרויסגעדרייט ס'לעמפּל. איר שעפּסן־קאָפּ איז געווען צוויי מאָל גרעסער, ווי תמיד. צעשויבערט, קיילעכדיק און צענומען איז זי געשטאַנען איבער מיר, געצויגן די באַרכאַנקע, גע־בונדן בענדלעך און געוואָרפן אין טונקעלן חלל אַריין:

— מער שפּיל איך מיך נישט מיט דיר. ביסט אַ נאַר, אַ ראָצער... קום נאַר... — האָט זי מיך פלוצלינג געגעבן אַ שטעל אויף — טאָמער דערציילסטו?!... — און זי האָט שטייף געוואָרנט מיט אַ פויסט מיר פאַר דער נאָז.

כ'האָב צאַפּלדיק געהעשעט און געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז כ'וועל נישט דערציילן.

די מאַמע איז אַהיימגעקומען שפּעט. כ'האָב קיין וועטשערע נישט געקאָנט עסן. די מאַמע, זעט אויס, האָט געהאַט מיט זיך צו טון. זי האָט נישט געפרעגט, פאַרוואָס איך עס נישט. זי האָט מיך אַזוי ווי

נישט געזען. די פייערקעס אויפן קוימען זענען געשטאנען קאלטע, ליי־דיקע, שווארצע.

דער טאטע איז געקומען נאך שפעטער. אין די פאלעס פון זיינע מלבושים האט ער מיטגעברענגט א בייסנדיקע קעלט. ער האט לאנג אראפגעצויגן די שטיוול און אויסקרימענדיק דאס מויל, האט ער טיף געקרעכצט. ביי מיר אויפן הארץ איז נאך אלץ געלעגן א נישט־אפגעהע־שעט געוויין. די מאמע, מוז זיין, האט פארט עפעס דערקענט. זי האט זיך צוגעזעצט צו מיר אויפן בעט. אין האלב דרימל, וואס האט שוין גע־שניטן מיינע אויגן־לעפלעך, האב איך געהערט, ווי זי זאגט צום טאטן:

— דאכט זיך, אז מענדל האט אביסל היץ.

— היץ? — האט דער טאטע טויבלעך איבערגעפרעגט און געעסקט זיך ביי זיין פוס — אז ס'היצט, שווענדזשעט עס. ווייז מיר נאר אהער די ציבעלעס.

מער האב איך נישט געהערט. נאר ווען דער טאטע איז אריינגעקור־מען אין בעט, האב איך מיך איבערגעוועקט און אויסגעדרייט זיך מיטן פנים צו דער וואנט, אזוי ווי איך וואלט מורא געהאט, ער זאל נישט דערשפירן די ענדערונג, וואס איז פארגעקומען אין מיין צעגליט לייב.

## קאפיטל דריי

דאס, וואס די מאמע האט אין יענעם אויפדערנאכט גארנישט דער־זען אין מיר און דאס, וואס זי האט מיך אפילו נישט געפרעגט, פאר־וואס איך גיי נישט עסן, האט, זעט אויס, געהאט א סיבה. לויט ווי איך האב מיך שפעטער משער געווען, איז די מאמע געווען פארטון מיט אירס אן אייגענעם ענין. מען האט עס שוין דערקענט אין איר פארמאכט מויל און אין די אויגן, וואס האבן אויף אלץ און אויף אלעמען געקוקט מיט אומרואיקער נישט־זיכערקייט.

כ'האב מיך טאקע נישט אפגענארט. מיט א וואך שפעטער איז דער מאמעס ענין ארויסגעשוואומען, ווי בוימל אויפן וואסער.

אין דרויסן האט געשנייעט. דער טאטע איז אין יענעם אויפדער־נאכט אהיימגעקומען פריער. ער איז אריין אין שטוב א ווייס־באוואק־

סענער, א פולכנער, אזוי ווי אַן איבערבעט. אויף דער באָרד, אויף די וואָנסעס, אין די קנייטשן פון פליושענעם היטל, אויף ביידע אקסלען זע־נען געלעגן שטיקער שניי.

די מאמע איז אין שטוב נישט געווען. זינט משה איז געשטאָרבן, האָט עס די מאמע געיאָגט פון שטוב אַרויס. די טעג מיט די אויפדער־נאַכטן איז זי אָפּגעזעסן ביי שכנים, אָדער ביי דער מומע מרים און דער־ציילט די וואונדער פון איר זון משה.

איז אַט אין יענעם אויפדערנאַכט, ווען דער טאַטע איז אַזוי אָנגע־קומען און געטראָפן א קאַלטן, אויפגערוימטן קוימען מיט ליידיקע טעפּ, און מיך — א פאַרוויקלטן אין זעלנערישן באַשליק, אויך נאָר־וואָס א געקומענער פון חדר, האָט ער א פיר געטון זיינע מידע, דרימלדיקע אויגן איבער די פּייכטע, טונקעלע ווענט, איבער יוזשע דעם בעדנערס, וואָס האָט געקנייט ביי אַן אָפן קופערטל, און מיט א פאַרטריקנט, ניכטערן קול האָט ער געפרעגט:

— וווּ איז עפּעס מיין ווייב?

— נישטאָ די פאַני פרימעט — האָט יוזשע געענטפערט אין קו־פערטל אַריין.

— אַז זי איז נישטאָ, זע איך דאָך. וווּ איז זי אָבער געגאַנגען?

— זי האָט מיר נישט געזאָגט.

— אפשר איז זי אין דרינען?

— ניין. זי איז אַוועק נאָך אינדערפרי.

— אינדערפרי גאָר? וווּ האָט זי דאָס געקענט גיין?

— אַז איך ווייס נישט — האָט זיך יוזשע עפּעס אַזוי ווי געבייזערט.

— ננע! — האָט דער טאַטע א דריי געטון מיטן קאָפּ און גענומען שווער אַראָפּציִען פון זיך ס׳מלבוש.

— און דו, מענדל, קומסט ערשט פון חדר?

— יאָ.

— האָסט שוין עפּעס געגעסן?

— ניין, נאָך נישט.

— ביסט הונגעריק?

— נישט איבעריק.

— און ווו איז די מאמע, ווו?
— מוז זיין ביי דער מומע מרים.
— וואלסט אפשר אריבערגעלאפן?

פאלג מיך א גאנג. די מומע מרים האט געוווינט אין צווייטן עק שטאט, ביי די כשרע יאטקעס. מען האט באדארפט אדורכגיין דעם קיי־לעכדיקן מארק, דאס שוסטער־געסל, די גאנצע וואַרשעווער גאס און ערשט ביים גויאישן שפיטאל האט מען געטראפן צו דער מומע מרים. אבער צו דער דאזיקער מומע בין איך תמיד געגאנגען גערן.

זי האט געוווינט אין א באזונדער, הילצערן הייזל, ארומגענומען פון אלע פיר זייטן מיט ווינט און מיט הימל. דארט, אין דער מומע מרימס הייזל, איז די פאדלאגע געלעגן א גאלע פון וואשן זי דריי מאל אין דער וואך. פון די ווענט אראפ האבן געפינקלט קופערנע בראטפאַ־נען מיט שפיגלדיקע הינטנס; דאס ווייסע שויבן־שענקל איז תמיד גע־ווען פול מיט פיר־פונטיקע ברויטלעך, מיט געטריקנטע פערפל, מיט אלטן פינטשעוווער קעז — אפן פאר אלע, וואס זענען אהין אריינגע־קומען.

איז א וואונדער — וואס כ'האב צוריק פארבונדן דעם זעלנערישן באשליס, און בין ארויס צו דער מומע מרים אויפזוכן די מאמע?

דער שניי איז געלעגן א טיפער, א ווייכער. מען איז געגאנגען שטיל, אזוי ווי מען וואלט מורא געהאט אויפצוועקן א שוועד־קראנקן.

איך האב באדארפט גיין דורכן שוסטער־געסל. אבער אין דאזיקן געסל האט זיך דער טראטואר געדרייט שמאל און קרימלעך. אויף איין זייט — נידעריקע דעכלעך איבער צעהויקערטע, אפגעריסענע הייזלעך, אויף דער צווייטער זייט — אן אפגעשיילטע מויער מיט אויסגעפרעסענע שטיקער וואפנע.

אין דער דאזיקער מויער, אין א שטיבל מיט א רויטער טיר, האט געוווינט איינע, דאברעלע, וואס איז צוריקגעקומען פון בוענאס־איירעס מיט א כשר, מילכיק פנים און אין א ברייט־רונדיקן, שווארצן קאפע־לוש. וועגן דאברעלען האט מען דערציילט, אז זי איז צוריקגעקומען א פרומע. זי וואשט די הענט און מאכט א ברכה איבער א דונער. פריצים פארפארן דא צו איר מיט קאטשן און בשעת זי שלאפט מיט זיי, מיט די פריצים, לייענט זי הויך קריאת־שמע. דאברעלע האט אבער געווארפן אן

אויג אויף חדר־יינגלעך. אז עס קומט אויפדערנאכט און קיין פריצישע קאטשן פארפארן נישט, גייט דאברעלע ארויס פאר דער טיר, איינגאנצן א רויטע, און כאפט אריין חדר־יינגלעך, מיט וועלכע זי לייענט קריאת־שמע.

איז שוין גלייכער געווען פאר מיר אויסצומיידן דאס שוסטער־געסל און צו פארנעמען זיך אין דער שפאציר־גאס אריין. דא איז דער שניי געפאלן שטילער, בלויער, ווי אין קיילעכדיקן מארק. ביים שמאלן, הויך־געשניטענעם דייטשישן קלויסטער, וואס האט זיך אוועקגעשטעלט דווקא דא, צווישן סעדלעך און גערטנער, האט איצט געקניט אן איבער־געבויגן געשטאלט, געפאלן מיטן פנים אין פוכיקן שניי אריין און גע־צלמט זיך.

אבער צו דער מומע מרים איז נאך ווייט. אט וואקסט אויס דאס קרימינאל מיטן הויך־געמויערטן, געלן פארקאן, מיטן ברייטן פוטער־נעם זעלנער, וואס דרייט זיך הין און צוריק מיט דער ביקס אויפן אקסל. נאענט פאר אים טאר מען נישט פארבייגיין. מוז מען אריבערגיין אויף דער אנדערער זייט. פון דארט — אין קרימינאל־געסל אריין, דערנאך ערשט — אויף דער װארשעווער גאס ארויס.

איך גיי גוט. דער וועג צו דער מומע מרים איז מיר באקאנט, ווי מיינע צען פינגער. אט איז שמשון־שלמהס שענק. וויטער ארויף — די ברייטע, רוסישע צערקווע. דארט דארף זיין א רויטע, הילצערנע בוד־קע, וווּ עס ווארעמען די סטראזשניקעס זייערע אפגעפרוירענע פינגער.

נאר די הילצערנע בודקע זע איך עפעס נישט. זאל עס זיין דער־פאר, וואס דער שניי שמייסט איצט אזוי פוןביידע זייטן פנים? אט א שטייגער זע איך, ווי גלייך אויף מיר ארויף גייט עפעס א הויכס, א צעוואקסנס און זינגט. איז עס דאך חידושלעך: ווי אזוי זינגט מען עס, ווען דער שניי פאטשט אזוי איבערן פנים? ווייזט זיך ארויס, אז קיינער גייט נישט און זינגט נישט. איך שטיי גאר ביי א מויער, ביי א לאנגער, אפגעריסענער מויער. נישט אנדערש, נאר איך בין אריין אין שוסטער־געסל און שאר מיך אזוי ביי דער מויער, ווו עס וווינט דאברעלע מיטן כשרן, מילכיקן פנים.

זע איך אבער, אז ס'איז נישט יענע מויער. ס'איז גאר דער פאר־קאן פון גויאישן שפיטאל. דארף דאך שוין דא נישט ווייט וווינען די

מומע מרים. דאַכט זיך, אין יענעם געביידעלע. אַט טאַקע — די צוויי ליכטיקע פענצטער. איך געפין נאָר נישט דאָס הילצערנע פאָדערהייזל, וואָס שטייט צוגעקלעפּט צום געביידעלע, ווי אַ קינד צו אַ מאַמעס אַ פאַרטוך. איך זע אויך נישט די נידעריקע, קייקלעכדיקע פּלומפּ.

איך הער קלינגען אַ גלעקל, פאַר מיין פּנים גיט אַ שווים פאַרביי אַ שליטן.

— יינגעלע, יינגעלע, ווו גייסטו? יינגעלע, יינגעלע, ווו שטייסטו?

ווייס איך נישט פונוואַנען מען האָט דאָס אַזוי גערופן. צי פון פאַרבייגעלאָפענעם שליטן, צי פון דער מומע מרימס געביידעלע. ס'קען גאָר זיין, אַז ס'האָט זיך מיר דערמאַנט דער משוגענער מרדכי „האַקע". ער האָט טאַקע אַ טבע צו דרייען ביי אַן אויער און איינצוזינגען:

— יינגעלע, יינגעלע, ווו גייסטו? יינגעלע, יינגעלע, ווו שטייסטו?

כ'שטיי טאַקע... ניין, מוז זיין, אַז איך ליג גאָר... ס'איז ווייך, וואַרעם, ס'קיצלט אין דער נאָז, די אויגן זענען שווער. יאָ, כ'ליג מיטן פּנים צום טאַטנס פּלייצע. איך שפּיר גאָרנישט אַצינד דעם ריח פון זיין האָריק לייב. אַן אַנדערער ריח גייט. פּרייטיק שפּירט מען אַזאַ ריח ביי די כשרע יאַטקעס. איז דאָך היינט אָבער נישט פּרייטיק. איך געדענק דאָך גוט. נו, יאָ, כ'ווייס: דעם טאַטן הונגערט... איז עס מיר טאַקע אַ וווּנדער אויפן טאַטן: ער שלאָפט דאָך שוין, וואָס־זשע הונגערט אים עפּעס אינמיטן שלאָף?

**
*

דעם סוף האָב איך שוין נישט געקענט דערטראַכטן. אַרום מיר איז געוועזן בלוי און היים. כ'בין געלעגן פאַרשטיקט אויף אַ הויך געלעגער, אַרומגענומען מיט אַן איבערבעט און מיט קישנס. אין שטוב איז געשטאַנען אַן אָפּגעזעטער ריח פון פרעס־אייזנס. איבער מיר האָט זיך אַראָפּגעבויגן אַן אַלט איינגעפאַלן פּנים אין אַ רויט נאַכט־קופּקעלע.

— נעם איין — האָט דאָס קופּקעלע געזאָגט און געשטופּט מיר אין מויל אַריין אַ גרויסן, הילצערנעם לעפל — נעם איין מענדלשי... ס'איז מאַגנעזיע מיט מאַנדל־מילך. ס'וועט דיר לעשן די היץ.

צופיסנס דעם בעט האָט זיך, אַזוי ווי אַ צלם, געצייכנט אַ לאַנגער

שמאָלער ייד מיט אַ קליין, ווייס בערדל, ער איז געשטאַנען אין אַ צע־קנעפּלט וועסטל מיט אָפּגעלאָזענע שנאָלן. אין מויל האָט דער ייד גע־האַלטן אַ ווייסן דרים פּאַדים, אַזוי ווי אַ דין, לעבעדיק ווערעמל. פון אַן אַקסל איז אים אַראָפּגעהאַנגען אַ שניידערישע מאָס, אַ גרינלעכע מיט שוואַרצע פּינטעלעך. נישט אַנדערש, נאָר אַ שלאַנג איז אים אַרויסגע־קראָכן פון יענער זייט אַרבל. ער האָט געדרוקט צווישן די ליפּן דעם דרים פּאַדים, געצופּט פון אים מיט די ציין פּיצלעך, אויסגעשפּיגן און צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ.

— נעם איין, נעם איין! נגע... ביסט אַ מבין... אין אַזאַ זאַוויערוכע שיקט מען אַרויס אַ קינד!

בין איך גאָר אַריינגעפאַלן נישט צו דער מומע מרים, נאָר צו באָ־בע־זיידע. דאָס אַלטע, איינגעפאַלענע פּנים, וואָס שטופּט מיר דעם היל־צערנעם לעפל אין מויל אַריין, איז טאַקע די באָבע ראכל אַליין. די איי־גענע באָבע, וואָס האָט כסדר געזאָגט תוכחה מיין מאַמען, אַז זי, די מאַמע, האָט נישט קיין עול פון אירע אייגענע קינדער. אָט די באָבע ראכל, וואָס איז יום־ולילה געזעסן אויף אַ הילצערן קופערטל, געקוקט דורך דראָטענע ברילן מיט איין גלעזל און גענייט פון ווייסן, הארטן מושלין קופּקעלעך פאַר אַלטע, פרומע ווייבער. דער ייד דאָרט, דער לאַנ־גער, וואָס איז געשטאַנען צופיסנס פון בעט, איז טאַקע געווען דער זיידע — דוד פּרויקע דער שניידער. אַ ייד, וואָס האָט געטראָגן אַ לאַנגע, שוואַרצע פּעלערינע, אַ האַרטן, געלן קאַפּעלוש, ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן און אַלע שבת־צונאַכטס אַריבערגעגאַנגען אַביסל צו זיינס אַ „גוטן ברודער" כאַפּן אַ קערטל ביזן ווייסן טאָג אַריין.

נו, מילא, אָבער אַ זיידע איז ער געווען אַ גוטער, און אַריינצוקומען צו אים איז געווען אַ גרויס פאַרגעניגן. ער איז טאַקע געווען אַ שניידער, אָבער אַנדערש ווי אַלע שניידערס. ער האָט נישט אָנגענומען צו נייען — נישט קיין קאַפּאָטעס, נישט קיין רעק, נישט קיין הויזן, נאָר בלויז מלבו־שימלעך פאַר די תלמידים פון דער רוסישער גימנאַזיע. קורצע אַזעלכע, גראַנאַטענע מונדירלעך, מיט אַ געהאַקטן שפּאַלט פון הינטן, מיט ווייסע זילבערנע קנעפּ, וואָס יעדן איינציקן באַזונדער האָט דער זיידע מיט זיי־נע צען פינגער געמוזט אַליין צונייען.

ער האָט געצויגן די דרימען פּאַדים דורך געלע, צעאָדערטע שטי־

קער וואַקס, געזעסן אויף אַ הויך בענקל אַן אַן אַנלען. געהאַלטן פאַר־לייגט אַ פוס אויף אַ פוס, געוואָרפן גיך מיטן נאַדעלע אַראָפּ און אַרויף און צוגעזונגען:

„אין דער סאַכע, ליגט די מזל־ברכה,
ס׳וואַרע גליק פון לע־ע־ע־בן״.

אַז די „סאַכע״ איז אים פאַרמיאוסט געוואָרן, האָט ער אַראָפּגע־נומען דעם רעכטן פוס פון לינקן, איינגעפעדימט אַ פרישן דרים, אַ שניט געטון אין וואַקס אַריין און צעזונגען זיך אויף אַן אַנדערן נוסח און מיט אַנדערע רייד:

„שיין ביסטו, מײַן טייער לעבן, אַזוי ווי לויטער גאָלד,
ווען כ׳האָב אַוועקגעוואָרפן, דיך האָב איך געוואָלט...״

האָט די באָבע ראָכל פון איר קופערטל אויפגעהויבן דאָס קליינע, איינגעפאַלענע פּנים, אַ קוק אַריבער געטון איבער די בלעכענע ברילן און מיט אַ בייזלעך, נישט־ניחאדיק קול אַריינגעוואָרפן:

— אפשר וואָלסטו שוין אויפגעהערט מיט דיינע לידלעך, אפשר?

— וואָס איז דאָס מיין כשר ווייבל אַזוי „פעפערזיכטיק״?

— נו, הער שוין אויף, בהמה!

האָט אָבער דער זיידע נישט אויפגעהערט. ער האָט זיך נאָר צע־שאָקלט, גענומען שטופּן דאָס נאָדעלע וואָס אַמאָל גיכער און פאַרגאַנ־גען זיך מיט אַ ניגון פון דער גמרא:

— מה דאָך — האָט ער געוויגט מיטן קאָפּ אין דער ברייט — אַז איך בין אַ בהמה, טאָ וואָס פאַר אַ פערד דאַרף שוין זיין אַזאַ יידענע, ווי דו ביסט!

און כדי די באָבע זאָל אַזוי גיך נישט קאָנען ענטפערן — האָט ער זיך נאָך שטאַרקער צעשאָקלט, פאַרקנייטשט דאָס גאַנצע פּנים און צע־שריגן זיך מיט אַ חזנישער יעלה:

— ונתנה תוקף קדושת היום — — — —

***

איצט איז אין באָבע־זיידעס שטיבל געווען ווײַס און שטיל. צווישן די צוויי פאַרהעמערטע פענצטער זענען געלעגן שטיקער טונקעלע וואַטע, אַזוי ווי ברודיקער פוך. פון איבערן שמאָלן וואַרשטאַטל האָט אַראָפּגע־

קוקט גלייך צו מיר אין בעט אריין קייזער אלעקסאנדער דער דריטער — א גוי מיט א גרויסער, געלער באָרד, באשפּרינקלט מיט פליגן־פינטעלעך.

דער זיידע אליין איז געזעסן אויף זיין הויך בענקל און איבערגע־בויגענער, נישט געזונגען און נישט געמאַכט קיין הלצהלעך. פּאַרעקשנט האָט ער היינט געגייט די זילבערנע קנעפּ און פון צייט צו צייט אריינ־געוואָרפן מן הצד:

— און אפשר וואָלט מען פאָרט גענומען פּאַמפּער דאָקטאָר?

— וואָס וועט פּאַמפּער דאָקטאָר העלפן?

— כ'וויים, מ'זאָגט, אז ער איז א מומחה.

— און לאָז מיך שוין געמאַך מיט דיינע מומחהס. כ'האָב אָראָפּגע־שייקט נאָך חזיר־פעטס און נאָך „זשולקעס”. ס'וועט אים מיט גאָטס הילף בעסער ווערן.

נאָר, ווייזט אויס, אז נישט דאָס חזיר־פעטס, וואָס די באָבע האָט מיר צוגעלייגט צום בויך און נישט די ביטערע „זשולקעס”, וואָס מען האָט אין מיר אריינגעגאָסן, האָבן עפּעס געהאָלפן. פּאַמפּער דאָקטאָר האָט געמוזט קומען.

ער האָט געקלאַפּט מיט א שטעקן, דער דאָקטאָר, און געשריגן אויף דער באָבען. מיר האָט מען געבריט דאָס לייב מיט קאָכעדיק וואסער, געצאַפּט בלוט פון הינטער די אויערן און פון די פּלייצעס, מען האָט אריינגעגאָסן אין מיר רפואות — ביטערע, זיסע, געזאַלצענע — ביז עס איז געקומען די ישועה און כ'האָב צום ערשטן מאָל קלאָר געעפנט די אויגן. כ'האָב געזען, ווי די קנייטשן אויף דער באָבעס פּנים האָבן זיך אויסגעגלייכט, און ווי דעם זיידנס וויים בערדל האָט זיך געשאָקלט.

די מאמע אָבער איז נישט געווען. אין יענעם אויפדערנאכט, ווען כ'בין געגאַנגען זי זוכן צו דער מומע מרים, בין איך אנטשלאָפן געוואָרן אין שניי. אזוי האָט די באָבע דערציילט. דער סטרוזש פון גויאישן שפּי־טאָל האָט דערזען, אז עס ליגט עפּעס א פאַרשנייעט פּעקל. האָט ער גע־מאַכט א גוואַלד. איז געוואָרן א געלויף. בינו לבינו האָט א יידענע, וואָס גייט זיך קופּקעלעך ביי דער באָבע, מיך דערקענט. האָט זי גע־זאָגט, מען זאָל מיך ארויפפירן צו דער באָבע ראָכל. ווזשע דען האָט זי מיך געזאָלט היימן פירן? אז די מאמע איז נישט געווען — נישט אין דער היים און נישט ביי דער מומע מרים.

זי איז נאָר אוועקגעפאָרן. און נישט ערגעץ אנדערש, נאָר גלייך קיין וואַרשע.

זי האָט געמוזט פאָרן. מען האָט זי אַרויסגערופן מיט אַ טעלעגראַמע. די טאָכטער אירע פון ערשטן מאַן, די איינציקע טאָכטער, וואָס די מאַמע האָט געהאַט, ציפּעלע, איז אין וואַרשע געגאַנגען תנאים שרייבן.

אַ סך יאָרן האָט די מאַמע געשיקט דער דאָזיקער ציפּעלע גרויסע, נעלע באַרנעס, אַזוי ווי גלאָקן, טעוועלעך שאָקאָלאַדע, געפלאָכטענע און געדריידלטע פּוטערקוכנס, פון צייט צו צייט — פּאַפּירענע איינצלנע רובלעס. פון די אַלע זאַכן האָט ציפּעלע געקריגן אויסגעקנייפּטע, רויטע בעקלעך, אַ שיינעם געשטעלט און אַ חתן אָן אַ גראָשן נדן. האָט די מאַמע נישט געזאָלט פאָרן? אי, זי האָט זיך מיט קיינעם נישט געזעגנט? ווי האָט זי צייט געהאַט?

טאָ וואָס איז עס אַזוי דער מער געווען מיטן טאַטן, וואָס ער האָט געטראָגן אַזאַ האַס אויף דער מאַמען, אויף דער באָבע ראָכל און אַפילו אויף מיר?

ער האָט דאָך געוווסט, אַז כ׳ליג קראַנק ביי דער באָבען, איז ער אַפילו נישט אַרויפגעקומען. ער האָט נאָר געשיקט אַ יינגל געוואָר ווערן, וואָס איך מאַך.

די באָבע איז אַזוי בייז געוואָרן, אַז זי האָט אויסגעהאַקט מיטן יינגל די טיר:

— וואָס מיינט ער, וואָס? — האָט זי נאָכגעשריגן דעם יינגל — אַז דער זון זיינער איז אַ ממזר? און אַליין אַרויפקומען קען ער נישט? ס׳פּאַסט אים נישט?

דער זיידע האָט פאַרקנייטשט דעם קאָפּ אין די אַקסלען אַריין און מיט אַ הויך קול אַריינגעברומט אין די מונדירלעך, אַז דער טאַטע מיינער איז געערעכט. מען נעמט נישט און מען פאָרט נישט אוועק אָן אַ „זייַ געזונט".

— און אַז יענע גייט תנאים שרייבן?

— לייגט מען אָפּ די תנאים! — האָט דער זיידע אָפּגעפּסקנט.

— ביסט אַ בהמה!

— און דו ביסט אַ פערד!

# קאַפּיטל פיר

אזוי צי אזוי — נאָך די מאַמע האָט זיך אין וואַרשע געזוימט. די פּרעסט האָבן געהאַלטן. דאָס הויבע, ווייכע בעט פון דער באָבען, אין וועלכן פּאַמפּער דאָקטאָר האָט מיר אַלע פאָר טעג געקלאַפּט אין די פּלייצעס אַריין, איז שוין איצט געשטאַנען צוגעבעט.

איך האָב שוין אַרומגעטשאַפּעט איבער דער שטוב. א קלײנער, אַן איינגעפאַלענער מיט אַן אויסגעצויגן, גרינלעך פּנים, האָב איך געטרונקען קאָזע־מילך, וואָס די באָבע האָט צוויי מאָל אין טאָג געברענגט אַזש פון דער „מאַריאַצקע".

דער זיידע איז דורך דער צייט פון מיין קראַנק־זיין געוואָרן ווייסער. ער האָט געקריגן רויטע, איבערגעברענטע בעקלעך און א פּאַר־שפּיצט נעזל. ער האָט זיך געפירט, דער זיידע, אַז אינדערפרי, ווען איך האָב געטרונקען קאָזע־מילך, האָט ער געצויגן פון א קליין פלעשעלע, וואָס איז געווען פאַרשטעקט אין א פינצטער ווינקל. ער האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אַרונטער, מעשה גוי, אויפגעעפנט דאָס מויל קיילעכדיק און אויסגעגאָרגלט דאָס פלעשעלע ביז צו דער דנאָ.

מיך האָט געאַרט, וואָס דער זיידע ציט אַזוי גלייך פון פלעשל. נאָך וואָס שטייען געפינגערטע גלעזעלעך אויפן שענקל?

האָט אָבער דער זיידע געגעבן צו פאַרשטיין, אַז פון פלעשעלע אַרויס איז פונקט אַזוי, ווי מען גייט אין א גרויסער היץ אין א פעלד און מען טרעפט פּלוצלינג אָן אויף קוואַל־וואַסער. ווו וועט מען דאָס גיין זוכן דעמאָלט א קוואָרט? מען פאַלט צו גלייך מיטן מויל און מען טרינקט זיך אָן, ווי א באָק. אדרבא — האָט דער זיידע געזאָגט — ווייז מיר וועלכעס גרעזל, און וועלכעס בלימל, צי גאָר וועלכעס חיהלע דאַרף האָבן א קוואָרט צום טרינקען? און וואָס מיינסטו, זאָגט ער, איז דער מענטש — נישט קיין חיהלע?

נו, יאָ. אַבּיסל איז ער גערעכט געווען, דער זיידע. ס'איז טאַקע גוט צו טרינקען גלייך פון קוואַל. אָבער איינס איז מיר פונדעסטוועגן שווער געווען צו פאַרשטיין. דער זיידע האָט געזאָגט, אַז נאָך אַזאַ אויסגעגאָרגלט פלעשעלע ווערט אים קלאָר אין קאָפּ. ס'אַרבעט זיך אים אינגאַנצן אַנ־

דערש. ער האָט אַ סימן: ווען משה רבינו וואָלט נישט ליב געהאַט קיין לייטישן טרונק בראָנפן, וואָלט ער די יידן נישט געקאָנט ארויספירן פון מצרים.

דעם אייגענעם שכל האָט ער אויך געגעבן צו פארשטיין דעם רבין מיינעם, סימע־יוספן, וואָס איז געקומען מיך מבקר־חולה זיין.

סימע־יוסף, אַ ייד אַ נידעריק־געזעצטער, מיט אַ גרויס, באוואקסן פנים און מיט שרויפנדיקע, שווארצע אייגעלעך, האָט זיך אביסל פאַר־קרימט. דעם זיידנס משה רבינו איז אים נישט איבעריק געפעלן. ער האָט אויפגעוויזן, דער רבי מיינער, אַז דעמאָלט, אין משה רבינוס צייטן, איז נאָך אינגאנצן קיין בראָנפן נישט געווען אויף דער וועלט.

— וואָס הייסט, ס'איז נישט געווען? — האָט דער זיידע פארריסן ס'בערדל — ווי געשיקט זיך עס? און ווי אַזוי זענען דאָס די יידן טאַקע ארויסגעגאַנגען פון מצרים אָן אַ טרונק בראָנפן?

— מען זאָגט דאָך אייך, ר' דוד, אַז ס'איז נישט געווען! — האָט סימע־יוסף אָפּגעפסקנט.

— וואָס־זשע דען איז געווען?

— כ'ווייס, ווייַן, קען זיין, איז יאָ געווען.

— און ווייַן איז נישט קיין משקה? — האָט זיך דער זיידע דער־פרייט — אַזאַ יאָר אויף מיר און אויף מיין ווייב, ראַכל, ווי גוט ס'איז אַ גלעזל ווייַן.

— נו, הער שוין אויף צו נאַבלען — האָט זיך די באָבע אריינגע־מישט פון איר קופּערטל — האָסט געמוזט היינט איינגעמען פלוידער־וואַסער.

— אסור, ראַכלשי, ווי כ'בין אַ ייד, אַז נישט... איר ווייסט — האָט ער אויסגעדרייט דאָס קליינע, ווייסע בערדל צום רבינס באוואַקסענעם פנים — זי, מיין ראַכל זאָל לעבן, האָט אויך ליב צו „דערלובען" (דער־האַלטן) זיך ס'האַרץ מיט אַ גלעזעלע ליקער.

— לאָזן שוין דיינע שונאים רעדן! זע נאָר, ווי ער האָט זיך דאָס היינט אביסל צערעדט! הערט אים נישט, ר' סימע־יוסף. ער איז דאָך אַ משוגענער.

— נאָר זי טוט עס שטיליטשקע... — האָט זיך דער זיידע נישט

געמאַכט הערן — זי איז זיך מכבד אינמיטן דער נאַכט. מילא, ס'איז נישט קיין עולה. אַן אַלט מענטש, פאַרוואָס נישט?

איז אַט דער דאָזיקער זיידע מיינער אַ נייער מענטש געוואָרן, זינגט איך בין אַראָפּ פון הויכן, וואַרעמען בעט, און זינגט פּאַמפּער דאָקטאָר האָט אויפגעהערט צו קלאַפּן מיר איבער די פּלייצעס.

אַ גאַנצן טאָג איז דאָס ווייסע, אויפגערוימטע שטיבל פול געווען מיט געפּלוידעריי און מיט געזאַנג.

די באָבע האָט גענייט די מושלינענע קופּקעלעך, אַריינגעשטעקט פון צייט צו צייט דאָס פּנים אין די קליינע טעפּעלעך, וואָס האָבן היימלעך געקלעקעטשעט אויף די פּייערקעס. דער זיידע האָט זיך ביי יעדן שטאָך פון נאָדעלע אַ וויג געטון אין דער ברייט און אַ נעם געגעבן אויף זיין מוח־שטימעלע:

„און אַז מיך וועט גאָט דערפרייען,
וועל איך אויך מיטן טאָכעס דרייען...”

האָט די באָבע אוועקגענומען די בלעכענע ברילן פון מושלינענעם קופּקעלע און ביטולדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— אַן אַלטער ייד, ווי דאָס שעמט זיך נישט!

אָבער דעם זיידן האָט דער ווייבערשער ביטול נישט געאַרט. ער האָט אויסגעזונגען דאָס לידל ביזן סוף און באַלד אָנגעהויבן אַ צוויייטס מיט אַ וואַרעם, וויינענדיק קרעכצעלע:

„כ'האָב דיך ליב, דו מעגסט מיר זיכער גלייבן,
אַז לעבן אָן דיר קאָן איך קיין מינוט. —
טייער ביסטו ביי מיר, ווי מיין ל־ע־עבן...
נאָר חתונה האָבן קאָן איך מיט דיר ניט.”

— אוודאי!... —האָט די באָבע צוגעשאָקלט אין די קופּקעלעך אַריין — ליב האָט ער זי, נאָר חתונה האָבן קאָן ער נישט. גיי אין אַלדי שוואַר־צע יאָר! ווער דאַרף דיך, זאָלסט מיך ליב האָבן?

— נארישע ראכל! — האָט דער זיידע אָנגעשפּאַרט איין זייט בערדל אויף אַ קלאַפּע — ס'איז דאָך נאָר אַ ליד, אַ משל אַזעלכער.

— מען ווייסט שוין דיינע משלים...

אַ סך מאָל האָט זיך דער זיידע אוועקגעשטעלט ביים גרויסן טיש, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן שטוב און אָפּגעדעקטער מיט שוואַרץ־ברוינע

פלעקן פון פרעס־אייזן און גענומען צושניידן אַ מונדירל. דעמאָלט איז אין ש׳טוב צוגעפאַלן אַ גרויסע שטילקייט. מען האָט קלאָר געהערט דאָס קלעקעטשען (סאָכן) פון די טעפּלעך און דאָס הייזעריקע וויגן זיך פון אומרו.

דער זיידע איז געשטאַנען אין אויפגעקנעפּלטן וועסטל, פאַרוואָרפן די מאָס איבערביידע אַקסלען. ער האָט געקוקט אויפן שטיק געוואַנט, וואָס האָט פאַרדעקט דעם גאַנצן טיש, געצויגן דאָס דאַזיקע געוואַנט, אַ שמיר געטון מיטן קרייד, אויסגעפּאַטשט דעם קרייד־צייכן, ווידער אַ שמיר אויף אַ צווייט אָרט און שטילערהייט, פון גאָר אַן אַנדער אָרט אַרויס, האָט ער גענומען ברומען אונטער דער נאָז גלאַט אַזוי אַ מין ברומעכטס, וואָס האָט זיך געצויגן פאַמעלעך און טרויעריק. ביסלעכווייז איז דאָס ברומעכטס געוואָרן אָפענער. ס׳האָט אָנגעהויבן שטייגן העכער, ביז דאָס ווייסע שניידערל, וואָס איז געווען מיין זיידע, האָט זיך צעקרעכצט:

— אוי, אוי, אוי... הנני...

אַ וואָרף מיטן קאָפּ. דאָס בערדל האָט זיך פאַרשפּיצט. דאָס שטיק קרייד האָט אַזוי ווי פון זיך אַליין געגעבן אַ לאַנגן שמיר איבערן געוואַנט. דער קרעכץ איז זיך פאַרגאַנגען מיט אַן אויבערשט, פאַרטרערט טאָנדל:

— העני ממעש... אוי, אוי, טאַטע אין הימל... — האָט דער זיידע גענומען איבערזעצן אויף יידיש — איך, אָרימער מענטש, וואָס בוק מיך צום שטויב פון דיינע פיס, בין געקומען בעטן פאַר דיין אָרעם פאָלק ישראל...

די באָבע האָט פאַרבויגן ס׳קעפּל, אַזוי ווי אַ הון. דאָס ווייסע שטיק מושלין איז געבליבן הענגען צווישן די פינגער — טויט. די נאָדל האָט זיך אָפּגערוט. דאַכט זיך, אַז דאָס קלעקעטשען פון די טעפּלעך איז אויך שטילער געוואָרן. דער אומרו האָט זיך אַזוי ווי פאַרגאַפיעט. נישט ע ר וויגט זיך, נאָר דער קאָפּ פון דער באָבען וויגט זיך אַזוי. די נאָז גיט אַליין פון זיך אַ זופּ און פון האַרץ אַרויס פאַלט אַ שוואַך, ווייבעריש קרעכצל:

— אוי, האַרצעדיקער פאָטער אין הימל, האָב רחמנות אויף דיינע יתומים, נעבעך...

ווען די באָבע ראָכל האָט פאַררעכנט צו די יתומים, נעבעך, איז מיר נישט קלאָר געווען. נאָר ווען דער זיידע איז זיך אַזוי פאַרגאַנגען מיט זיין „הנני", האָט די באָבע אָנגעהויבן אַ מעשה פון דער מיט:

— איז די מאַמע, זאָל זיין אָפּגעשיידט, געגאַנגען צום קינד מיט רבקהן, האָט אין שטוב פּאַרפּעלט וואַסער. נעמט דער טאַטע, עליו השלום, די קאַן...

— כ'האָב שוין געהערט די מעשה אפשר טויזנט מאָל — האָט דער זיידע פּלוצלינג איבערגעריסן און אַ שניט געטון מיט דער שער אין לע־בעדיקן געוואַנט אַריין.

— זע נאָר, ווי ער לאָזט דאָס נישט אַ וואָרט אויסרעדן, דער המן!

— וויפל מאָל איז דאָס דיין מאַמע געגאַנגען צום קינד מיט רבקהן?

— לאָז דיר ס'מויל שטיין פון הינטן!

— טראַ־לאַ־לאַ, טרי־לי־לי־לי... — האָט זיך דער זיידע צעזונגען מיט אַ נייעם ניגון.

די באָבע האָט זיך נישט געקאָנט שענקען, וואָס דער זיידע לאָזט זי נישט אויסדערציילן די מעשה ביזן סוף. זי האָט געזוכט אַ געלעגנהייט, ווי אַזוי זיך נוקם צו זיין אין אים. און די געלעגנהייט האָט זיך געפונען. וואָרום דער זיידע האָט געהאַט אַ שוואַכקייט איינצוטעגהן מיטן נאַרישן וולאַדעק, וואָס איז געווען אין זיידנס שטוב נישט נאָר אַן אייגענער, נאָר טאַקע אַ גאַנצער ביישלעפּער.

אויפדערנאַכט, אַזוי אַרום ניין אַ זייגער, ווען דער זיידע האָט שוין באַלד געהאַלטן ביים אוועקלייגן די אַרבעט, האָט זיך די טיר זייער שטיל געעפנט און ס'האָט זיך אַריינגעפּאַקט איינער, אַ קורצער, אַ באַוואַקסע־נער מיט אַ צעשויבערטער, געלער באָרד און מיט אַ פּאָר מעלה־גרהדיקע, אויפגעדראָלענע ליפּן — וולאַדעק.

די פּיס אַרומגעוויקלט מיט אַלטע שטיקער זעק, אַ קורטקע — אַ געלעכערטע מיט ברודיקע צויטן וואַטע, אַרומגענומען מיט אַ שטריק — האָט וולאַדעק אַרויסגעגעבן פון זיך אַ ריח פון נאַפט און פון הינערישן אָפּפאַל. איבער דער קורטקע, אויף איין אַקסל, האָט וולאַדעק געהאַט פאַרוואָרפן אַ לאַנגע טאָרבע, אַ שווערע — ענלעך צו יענע טאָרבעס, וואָס הענגען ביי די זייטן פון מדינה־גייערס.

ער איז תמיד אַריין אַ שטילער, אַ ווייכער, אַראָפּגענומען פון זיך די מדינה־טאָרבע, אוועקגעלייגט זי זייער פאָרזיכטיק אין אַ ווינקל אַריין, דערנאָך אַראָפּגעגאַנגען מיט די צוויי לייזדיקע קאַנען צום „בערנאַרדי־נער" קלויסטער און געברענגט ווייך וואַסער. אויסגעגאָסן די צוויי קאַ־

נען, איז ער אויפסניי מיט זיי אראָפּגעגאַנגען ביז דער באַבעס פּעסל איז פול געוואָרן מיט וואַסער איבערן אויג.

ערשט דעמאָלט האָט דער זיידע, נישט אויסדרייענדיק זיך פון זיין וואַרשטאַטל, געפרעגט:

— שוין דאָ וואָלאַדעק?

— מהו, מהו — האָט וואָלאַדעק אַ ברום געטון און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַזוי ווי אַ פערד, וואָס גייט אין געשפּאַן צווישן צוויי דישלעס.

— איז וואָס זשע הערט זיך עפּעס, וואָלאַדעק? עפּעס אַ סך וואַסער אָנגעגאָסן אין די נגידישע פעסער אַריין?

וואָלאַדעק האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע, נישט ווייט פון וואַרעמען קעכל, אַרונטערגענומען די פיס, אַזוי ווי אַ טערק, אויפגעעפנט די מדינה־טאָרבע און פון פינצטערן לאָך אַרויס, גענומען לייגן אין מויל אַריין האַלב־רונדיקע מוציאס ברויט, אויסגעהוילטע פון ווייכן טייג, אַזוי ווי פּאָדקאָוועס. צום ברויט־צו האָט ער געסמאַטשקעט גרויסע, אויסגעקרימטע ביינער, וואָס האָבן נאָך דאָ און דאָרט געהאַט אויף זיך רעשטלעך פון אָפּגעגריזשעט פלייש. טיילמאָל האָט וואָלאַדעק פאַרביסן זיין וועטשערע מיט אַן איבערגעוואַקסענער ציבעלע, מיט אַ האַלבן עפּל און מיט אַ ווייכע, איבערגעזויערטע אוגערקע. ער האָט געגעסן פּאַמעלעך און לאַנג, אַזוי ווי אַ קו.

די באַבע האָט שוין געקענט וואָלאַדעקס טבע. זי האָט געוווּסט, אַז כל־זמן וואָלאַדעק וועט נישט האָבן אויסגעליידיקט די גאַנצע טאָרבע, קאָן מען צו אים רעדן פון היינט ביז מאָרגן.

האָט זי געוואַרט, ביז די טאָרבע איז געבליבן ליגן אַ פּלאַטשיקע און ביז וואָלאַדעק אַליין האָט אָפּגעאָטעמט. ערשט דעמאָלט האָט די באַבע געפרעגט:

— וועסט טרינקען טיי, וואָלאַדעק?

— מהו... מהו... — האָט ער אויף זיין אופן אַ ברום געטון מיט אַ פול מויל עסנוואַרג.

די באַבע האָט אים דערלאַנגט טיי אין אַ פינצטער טעפּל. ער האָט עס געהאַלטן צווישן ביידע הענט און געזופּט הויך. אויף די וואָנסעס האָבן זיך אָפּגעזעצט טראָפּנס. וואָלאַדעק האָט זיי אָפּגעלעקט מיט דער צונג און די רעשט צעשמירט איבער דער באָרד.

— איז וואָס זשע הערט זיך פּאָרט אויף דער וועלט, וואָלאָדעק? — האָט זיך דער זיידע ווידעראַמאָל אָנגערופֿן — עפּעס אַ סך וואָסער האָבן זיי אויסגעבלאָיעט, די פֿאַרכעוואַטע גבירים?

— אָהאָ, אָהאָ — האָט שוין וואָלאָדעק גאָר אַנדערש אָנגעהויבן ברו־מען — פֿאַן „קראַוויעץ" מאַכט וויצן... דעם פּאַן „קראַוויעץ" איז גוט צו גאַבן...

— אַז איך לאַך גאָר נישט. אַסור, כ'בין גלאַט נייגעריק צו וויסן, וויפֿל וואָסער דו האָסט היינט אָנגעגאָסן אין די רייכע פֿעסלעך אַריין.

— אָהאָ, אַ סך וואָסער, פּאַניע קראַוויעץ. גאָר אַ סך וואָסער.

— מוזטו דאָך האָבן אַ ביטל מיט געלט?

— פּונוואַנען זאָל איך האָבן, אַז מען צאָלט אַ צווייער פֿאַר אַ גאַנץ פֿאַס.

— נישט מער, ווי אַ צווייער?

— אוודאי נישט מער. און ביי די דאַנציגעראָווע איז אַ גרויס פֿעסל — אַזאַ פֿעסל!

ער האָט אַ ווייז געטון אויפֿן ברייטן, ברוינעם אַלמער, וואָס איז געשטאַנען צווישן באַבע־זיידעס בעטן.

— אָווא!... און וואָס הערט זיך מכוח נאָך זאַכן?

— ביי די דאַנציגעראָווע איז אַ גרויס פֿעסל — אַזאַ פֿעסל! — האָט וואָלאָדעק נישט געהערט דעם זיידנס צווייטע קשיא.

— ווייס איך דאָך, אַז זי האָט אַ גרויס פֿעסל.

— אַזאַ גרויס פֿעסל!

דאָס „פֿעסל" ביי דער דאַנציגעראָווע איז געווען וואָלאָדעקס אָן אָנ־געווייטיקט אָרט. דאָס דאָזיקע פֿעסל האָט אים נישט געלאָזט רואיק שלאָפֿן. אַפֿילו ווען ער איז אַנדרימלט געוואָרן נאָך דער וועטשערע, האָט ער נישט אויפֿגעהערט צו ברומען:

— או דאַנציגעראָוועי בעצקאַ דוזאַ! בעצקאַ דוזאַ...

אַ האַלבן טאָג האָט ער אַריינגעגאָסן דערין צענער קאַנען וואָסער, געגאַנגען אויף די שטיגן אַראָפּ און אַרויף. און פֿאַר די אַלע קאַנען מיטן גיין אויף די שטיגן האָט ער געקריגן נישט מער, ווי אַ קופּערנעם צווייער.

— זיי מעגן ברענען, די גבירים, נישט אמת, וואָלאָדעק? — האָט דער זיידע אַ זעץ געטון מיטן פּרעס־אייזן איבער אַ פֿאַלע פֿון אַ מונדירל.

— מהו, מהו...

— האָב נישט קיין מורא, וואָלאָדעק, ס'וועט קומען אויף זיי א צייט. זיי וועלן נאָך גיסן וואַסער אין דיינע פעסלעך אַריין.

— אַהאַ, אַהאַ...

— זאָלסט דיר אָנגרייטן א גרויס פעסל, נאָך גרעסער, ווי ביי דער דאַנציגעראָווע.

דאָ איז די באָבע אַרויס מיט איר לשון: אַצינד איז געקומען די צייט נקמה צו נעמען אין זיידן.

— און אפשר וואָלסטו שוין אויפגעהערט איינצוטענהען מיטן גוי, אפשר?

— וואָס איז, א גוי איז קיין מענטש נישט?

— א גוי איז טאַקע אויך א מענטש, נאָר דו מיט דיינע חכמות ביסט נאָך ערגער ווי א גוי.

— און אז דו דערציילסט מיר דיינע נאַרישע מעשיות?

— דערצייל איך. און ווען ס'געפעלט נישט, קאָן זיך פאַרשטופּן די אויערן.

וואָלאָדעק האָט נאָך אַלץ געמעלה־גרהט. ער האָט געקוקט דער באָבען גלייך אין מויל אַריין און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— יאָ, יאָ. או דאַנציגעראָוועי בעצקאַ דוזאַ!...

— הער שוין אויף מיט דער דאַנציגעראָווע — האָט די באָבע אַראָפּגענומען די בלעכענע ברילן פון דער שפּיץ נאָז. — גיי, לייג דיך שוין, נאַרישער גוי, וואָס דו ביסט.

— יאָג אים נישט. וואָס אַרט דיך, אז מען שמועסט אביסל.

— זע נאָר, מיט וועמען ער האָט זיך אַוועקגעזעצט שמועסן.

— אז מען האָט א ווייב א בהמה, מוז מען שמועסן מיט וואָלאָדעקן.

די באָבע האָט א מאַך געטון מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט: „א פאַרפאַלענער מענטש!‟, און דער זיידע איז אַנטשוויגן געוואָרן.

אין שטוב איז געוואָרן שטיל. די באָבע האָט ווייך אַרומגעטאַפּעט ביי די בעטן, אַראָפּגענומען די קישנס און אַוועקגעלייגט זיי אויף בענקלעך. אונטער דער קיך האָט געגרילט א גריל.

— זאָג מיר נאָר, וואָלאָדעקשי — האָט דער זיידע לאַנג נישט גע־

קאַנט שווייגן — וואָס איז עפּעס דער מער מיט דיר? וואָס ווילסטו עפּעס פון די מיידן, וואָס?

וואָלאַדעק, וואָס האָט זיך מיט אַ רגע פריער געהאַט ברייט און הויך צעגענעצט, האָט אַ מרוגע געטון מיט די אויגן און אַנגעשטעלט זיי אויפן זיידן, אַזוי ווי אַ קעלבל.

— איז עס טאַקע אמת. מען זאָגט דאָך, אַז הייבסט אויף די קליידער ביי די מיידן אין גאַס?

אַ שמאָל שנירעלע גאַוועכטס האָט זיך גענומען ציען פון וואָלאַדעקס רעכטן מויל־ווינקל.

— ס׳איז גוט, פּאַניע קראַוויעץ — האָט ער זיך הויליק צעבור־טשעט.

— אַזוי גוט איז עס?

— פּאַניע קראַוויעץ — האָט דאָס באַוואַקסענע גויאישע פּנים גע־קריגן קרימלעכע קאַנטן — זיי, די מיידן...

— הער אויף צו נאַבלען — האָט זיך די באָבע געגעבן אַ האַסטיקן דריי אויס פון בעט — כ׳וואַרף דיך אַראָפּ פון אַלע שטיגן צוזאַמען מיטן נאַרישן מאַן מיינעם.

— פּאַני רובלינאַ, וואָס זאָל איך טון, אַז... זיי, די מיידן...

— אַזוי, די מיידן... — האָט דער זיידע אַוועקגענומען דאָס פּנים פון שניידערישן טיש — און דיר געפעלט עס אַזוי?... אָווא...

— יאָ, פּאַניע קראַוויעץ, ס׳געפעלט מיר. מיט די מיידן איז גוט צו שלאָפן.

— הערסט אויף?! — איז די באָבע ראַכל געגעבן אַ שפּרונג צו מיט אַן אויפגעהויבן, קליין פויסטל — שוין זאָלסטו דיך אָפּטראָגן פונ־דאַנען, דו מנובל איינער! און דו, שניידערולעק — האָט זי צאָרנדיק גע־קוקט צום זיידן — זאָלסט אויפהערן...

וואָלאַדעק האָט זיך שווער און קרום אויפגעשטעלט פון דער פּאַד־לאָגע. ער האָט גענומען די ליידיקע טאָרבע און ברומענדיק אונטער דער נאָז, איז ער אַריינגעגאַנגען אין אַ קעמערל, וווּ ער איז שוין געבליבן אַ גאַנצע נאַכט.

— צערעדט זיך אביסל! — האָט די באָבע דערנאָך בייז געקלאַפּט אין די קישנס אַריין.

— כ׳האָב נאָר געוואָלט וויסן, צי ס׳איז טאַקע אמת — האָט דער זיידע אַזוי ווי פאַרשולדיקט געזאָגט.

— נאָר דאָס ליגט דיר אין זינען. ביסט דען בעסער פון אים? און דו לאָזט יאָ אַדורך אַ מויד אין גאַס?

— אַז מען האָט אַזאַ ווייב...

— ס׳געפעלט דיר נישט? קענסטו דיר לאָזן צוריקשפּילן.

דער זיידע האָט שוין נישט געענטפערט. די באָבע האָט נאָך בייז געברומט, אַז ווען נישט דאָס, וואָס ס׳איז ווינטער, וואָלט זי אַנטלאָפן פונדאַנען, וווּ די אויגן טראָגן, און ווען נישט דאָס, וואָס דער נאַרישער וואָלדעק ברענגט איר אַרויף אַביסל וואַסער פון בערנאַרדינער קלויסטער — וואָלט זי אים אָראָפּגעזאַרגעט (אַראָפּגעוואָרפן) פון אַלע שטיגן.

דאָס קעמערל, וווּ וואָלדעק איז איצט אַריינגעגאַנגען, איז געווען פאַרמאַכט. איך האָב נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון געל־געפאַרבטן, נידעריקן טירל, וואָס האָט איצט געהאַלטן אין זיך עפּעס אַ גרויסע פאַרשלאָסנקייט. כ׳האָב שטאַרק חשק געהאַט אַריינצוגיין אַהין און פרעגן וואָלדעקן, צי האָט ער אויך אויפגעדעקט דאָס קלייד ביי יוזשע דעם בעדנערס.

## קאַפּיטל פינף

הינטערן פענצטער פון באָבע־זיידעס שטוב, אַרומגענומען מיט שוואַרצע, אייזערנע שטאַכעטן, איז געשטאַנען דער בערנאַרדינער קלויסטער. אַ רויטער איז ער געווען מיט לאַנגע, טונקעלע פענצטער און הויכע, פאַרשפּיצטע טירן. אַרום די הויכע קלויסטער־מויערן האָבן זיך אָנגעשפּאַרט ברייט־צעצווייגטע קאַשטאַן־ביימער, וואָס האָבן מיט זייער קילער שטילקייט געהיטן דאָס טונקעלע פּנים פון דער הייליקער מאַמען מיטן קינד.

איצט, ווינטער, זענען די קאַשטאַן־צווייגן געווען באַשיט מיט שניי, אַזוי ווי מיט צעשטויבט זאַלץ. די מויערן זענען איצט געשטאַנען אָפענע, קאַלטע. דאָס טונקעלע פּנים פון דער הייליקער מאַמען האָט זיך אַראָפּ־

געלאָזט צו איר האַלב־אָפענער ברוסט, אַזוי ווי פון בושה פאַר דער אַרו־מיקער, אָפענער ליידיקייט.

בין איך אַזוי געזעסן איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט ביים פענצטער און געקוקט אין דרויסן אַרויס. די זון איז פאַרגאַנגען אויף יענער זייט צלם. אַ גרויסע האָט זי זיך געזעצט, די זון, גאָר אַ גרויסע, אַזוי ווי אַ פלאַכער, גאָלדענער טעלער. איבערן דאַך, און איבערן צלם האָט אַ העליש פייער שפּיזלדיק געציטערט אויף שויבן פון קעגנאַיבערדיקע הייזער.

אין שטוב, ווו כ'בין געזעסן, האָט נאָך קיין לאָמפּ נישט געברענט. פון גרויס שטילקייט איז די באָבע, זעט אויס, אַנדרימלט געוואָרן אויף איר קופּערטל. דער זיידע איז געהאַט אַוועקגעגאַנגען אין בית־המדרש אַריין קדיש־זאָגן. האָב איך מיר אַזוי געקוקט אויפן ברענענדיקן צלם און געטראַכט, אַז מאָרגן דאַרף איך שוין אויפסניי אָנהייבן גיין אין חדר אַריין. איז שווער געוואָרן ס'געמיט. ס'האָט זיך מיר פאַרגעשטעלט די נידעריק־אַראָפּגעלאָזטע שטוב פון סימע־יוספס חדר.

אַ גרויסע איז זי, יענע שטוב, אַ צעפּאָרענע, דער בעליק ליגט אַזוי ווי אויף די אַקסלען. די ווענט זענען דאָרט טונקל־גרינע, אַלטע, מיט פלעקן פון אַוועקגערוקטע שענק און אַראָפּגענומענע זייגערס. אַרום די ווענט — לאַנגע, אויסגעפּעצטע בענק, שאָלדיקע, מיט אונטערגעשפּאַר־טע פיסלעך. איך, צוזאַמען מיט נאָך חברים, שרייען דאָרט אָפּ אַ גאַנצן טאָג, שנייצן די נעז אין די פינגער אַריין און ווישן דערנאָך אָפּ די פינ־גער ביי די קלאַפּעס פון די כאַלאַטלעך.

סימע־יוסף אַליין איז אַ ייד, וואָס וויל אָנגיין פאַר נישט קיין בייזן רבין. נישט ער שרייט, און נישט ער שלאָגט. אַז ער וויל שרייען — פאַר־הוסט ער זיך און ס'קומט אים אָן אַ פול מויל מיט פלעגמע. וויל ער שלאָגן — האָט ער אַזאַ אויסטערליש ברייט געזעס, וואָס ציט אים אַראָפּ און לאָזט אים נישט צעוואַרפן די הענט איבער די יינגלשע קעפּ. נישט מער — ער איז דאָך פאָרט אַ רבי, ליגן ביי אים אויפן טיש: אַ גע־שפּרינקלטע, רויטע פאַטשיילע, אַ האָרן־שקעטעלע מיט טאַבאַק און אַ באַוואַקסן שעפּסן־פיסל מיט איבערגעשפּאָלטענע קלאָען. נאָכן דאָזיקן שעפּסענעם פיסל ציען זיך לעדערנע רימענדלעך, קוילעכדיקע, פליישיקע, וואָס זאָגן עדות, אַז פון זיי קענען אַמאָל אַראָפּפאַלן שמיץ איבער הענט

און קעפּ און איבער נאַקעטע געזעסלעך, וואָס מען מוז מיט די אייגענע צען פינגער אויפקנעפּלען.

אַזאַ שטראָף טרעפט אָבער נישט אַלע מאַנטיק און דאָנערשטיק. סימע־יוסף האָט אַן אַנדערע טבע. ער האָט ליב אַריינצוזופּן אַ פולע נאָז טאַבאַק, אַ רוף צו טון, אַזוי זיך, אַ תלמיד פון ערגעץ אַ ווינקל און מכבד זיין יענעם מיט אַ קניפּ אין אונטערשטן חלק אַריין. ער האָט אויך אַ טבע, דער רבי סימע־יוסף, אויפצועפענען בשעת־מעשה ס'מויל, צעשפּרייטן די נאָז־לעכער און אַרויסצולאָזן אַ טיפן אָטעם:

— אַ־אַ־אַ־אַ...

איז אָט דאַרף איך דאָס שוין מאָרגן צוריק אַהינגיין אין יענער שטוב אַריין. די רביצין, די לאַנגע סימע־יוספּטע, וועט, מן־הסתם, ווי אַלע מאָל זיצן ביי דער טיר, דאָרטן, וווּ עס שטייט דאָס פולע פּאַמישאַף מיטן אויסגעקראָכענעם בעזעם; זי וועט, מן־הסתם, האַלטן צווישן די פיס די אָפּגעשפּרונגענע, בלעכענע שיסל, גיך־גיך אַריינשיילן די קאַרטאָפל און רופן:

— סימע־יוסף! סימע־יוסף!

וועט דער רבי אַ צאַפּל טון און כאַפּן זיך צו דער רויט־געשפּרינקל־טער פּאַטשיילע:

— האַ, זאָגסט עפּעס?

— כ'זאָג, אַז אַנטשלאָפן ווערן זאָלסטו שוין אויף אייביק, סימע־יוסף לעבן!

אַז איך וועל אַריינקומען, וועט זי אַראָפּלאָזן אַן אָפּגעשיילטע קאַרטאָפל אויף דער פּאָדלאָגע און אַ זאָג טון מיט איר לאַנג, שפּיציק קול:

— זע נאָר, ר'איז דאָך שוין דאָ, דער תכשיט! סקאַציל קומט...

זי וועט מיך שוין נישט לאָזן אויסטון דאָס פּאַלטנדל, נישט אָפּוויקלען דעם באַשליק, נאָר אַזוי ווי איך גיי און שטיי, וועל איך מוזן אַרויס צו דער פּלומפּ און אַריינברענגען אַ צוויי, דריי קענדלעך וואַסער. דאָס אַלץ וועט אָבער זיין ערשט מאָרגן. ביז מאָרגן איז נאָך אַ סך שעהען. מען זאָל ווען איבערציילן, איז עס גאָר אַן אַ שיעור שעהען.

דערווייל זיץ איך מיר ביי באָבע־זיידעס פענצטער. דער קלויסטער טונקלט זיך וואָס אַמאָל טיפער און בלויער. אַרום דעם צלם איז נאָך אַלץ

דער הימל רויט. נישט אַנדערש, נאָר דאָ טאַקע, אויף דעם אָרט, בראָט מען און מען ברענגט די רשעים.

איז אָט, ווי כ'זיץ אַזוי, דאַכט זיך מיר אויס, אַז איך הער דעם זיידנס קול. נאָר עפּעס איז עס אַזוי ווי פאַרטויבט. ס'קומט אויס, ווי ס'וואָלט געגאַנגען פון יענער זייט טיר. אין אַ מינוט אַרום פּראַלט זיך טאַקע אויף די טיר און ס'פּאַלט אַריין אַ קול, אַ פרעמדס, נישט קיין היגס:

— וואָס עפּעס אַזוי פינצטער?

איך רייס מיך אָפּ פון פענצטער. כ'וואָלט געשווירן, אַז ס'איז דאָס קול פון מיין מאַמען.

— קומסט טאַקע איצט צו פאָרן? — הער איך אין דער טונקלקייט דעם זיידנס שטים, וואָס איז, דאַכט זיך, אין דער איצטיקער מינוט אויך טונקל געוואָרן.

— נאָר־וואָס אַראָפּ פון אָמניבוס. אָבער וואָס איז דאָ אַזוי פינצטער?

די באָבע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דרימל.

— פרימעט, דאַכט זיך, העץ? — פרעגט זי מיט אַן אויסגעוואָרעמטער פאַרשלאָפנקייט.

— יאָ, פרימעט טאַקע — ענטפערט דער זיידע — אָבער ציִנד עפּעס אָן. מען קאָן זיך דאָך אַן אויג אַרויסנעמען.

— און וווּ איז ערגעץ מיין מענדל? — פרעגט די מאַמע.

— דאָ בין איך, מאַמעשי! — שפּרינג איך ערשט איצט אַראָפּ פון זיידנס וואַרשטאַטל און לויף גלייך אַהין צו דער טיר, ווּ עס שטייט דאָס פאַרשאָטנטע געשטאַלט פון מיין געקומענער מאַמע.

פון אירע מלבושים גייט אַ געפרוירענער ריח, אַזוי ווי פון שטאָל.

— מענדלשי? — זוכט זי מיט אַ קאַלטער האַנט איבער מיין פּנים — ווייז דיך נאָר. קום אַהער נענטער.

איך ציִ אַרויף צו איר דאָס פּנים. זי בויגט אַראָפּ אירס. צווישן אונדז שטייט די פינצטערניש. די באָבע גראַבלט דאָרט ביים לעמפּל, וואָס וויל זיך אַזוי גיך נישט אָנצינדן. פונדעסטוועגן דערפילט די מאַמע אין דער פינצטער, ווי אַזוי איך זע אויס.

— אָרעם קינד מיינס! ביסט, נעבעך, אַזוי אויסגעדאַרט געוואָרן, און ווי איז מיר!

— דאַנק גאָט דערפאַר! — רופט זיך אָן די באָבע.

— פאַרוואָס האָסטו מיר נישט געשריבן, אַז ער איז, נעבעך אַזוי קראַנק? — האָט די מאַמע טענות צו דער באָבען.

— ערשטנס האָב איך דיר יאָ געשריבן.

— אַז ער איז אַביסל נישט געזונט.

— וואָס נאָך האָסטו געוואָלט?

— כ'וואָלט דאָך געקומען צו לויפן.

— וואָלסטו אים געזונט געמאַכט? נישקשה, די באָבע האָט אויך געוווסט, וואָס זי האָט צו טון. הע, מענדל?

אויף דער שטוב ליגט שוין די וואַרעמע, רויטלעכע ליכטיקייט פון אַנגעצונדענעם לעמפּל. דער זיידע הענגט־אויף אויף דער טיר זיין ווינ־טערדיק מלבוש מיטן שפּאַלט פון הינטן און מיט די צוויי קנעפּ ביי די זייטן. די באָבע רופט דאָס דאַזיקע מלבוש — די גויאישע יופּיצע זי האָט עס נישט ליב. דער זיידע אָבער גיט אַ פיר מיט דער האַנט איבער דער געלבלעך־אויסגעקראָכענער שעפּסן־פעל, אַזוי ווי ער וואָלט געגלעט אַ טייער קעפּל פון אַן אייניקל און גיט גדלותדיק אָנצוהערן:

— נישט קיין גויאישע יופּיצע איז עס, נאָר אַ זשופּאַן.

— אַ זשופּאַן, אַ דופּאַן... — שפּעט די באָבע — אַ ייד זאָל דיר ליב האָבן צו גיין נאָר אין גויאישע מלבושים.

די מאַמע שטייט אַזוי ווי אַ פרעמדע. זי איז געקומען פון וואַרשע אין אַ לאַנגן, שוואַרצן פּאַלטן מיט נאָך אַ שוואַרצערן פוטערנעם קאָל־נער. די לענג, צי גאָר די שוואַרצקייט פון פּאַלטן, מאַכט די מאַמע גרע־סער, ווי זי איז געווען, איידער זי איז אַוועקגעפאָרן.

זי האָט מיך שוין אויסגעקושט פון אַלע זייטן. איצט, ביי דער רויט־לעכער ליכטיקייט, נעמט זי מיך נאָכאַמאָל אַרום:

— אָרעם קינד מיינס! אַזוי קראַנק ביסטו, נעבעך געווען?

— קראַנק, שמאַנק... — רופט זיך אָן דער זיידע, וואָס גרייט זיך שוין אַוועקצוזעצן צום וואַרשטאַטל — טו דיך אויס, וואָס שטייסטו, וואָס?

די מאַמע בינדט אָפּ דאָס דערעלע פון קאָפּ, ציט אַראָפּ פון זיך דעם

לאנגן, שווארצן פאלטן און ווארפט אים ארויף אויפן בעט. די באבע נעמט פאמעלעך אראפ דעם פאלטן און הענגט אים אויף אין שכנות מיטן זיידנס גויאישן זשופאן.

— א נייעם פאלטן האסטו דיר געמאכט? — גיט די באבע א גלעט דעם שווארצן קאלנער.

— גיטל־האדעס האט אים מיר געשענקט.

— אזוי! המ... און וואס הערט זיך דארט ביי זיי?

— קיין עין־הרע! אונדז געזאגט, אן זייער שאדן.

— און הירש־וואלף, וואס מאכט?

— אזוי ווי ער.

— און די האנט זיינע? ער קאן שוין רירן מיט דער האנט?

— יא, געלויבט דער אויבערשטער.

איך קוק מיך ערשט גוט איין אין דער מאמען. אן פאלטן זעט זי שוין אויס אזוי ווי דעמאלט, ווען זי איז אוועקגעפארן. נישט מער, אויפן קאפ זיצט אן אנדער שייטל. זייער א שווארץ, גלאנצנדיק שייטל מיט א גראבן, פארדרייטן פלעכט פון פארנט, אזוי ווי א פויגל.

מוז זיין, אז צוליב דעם דאזיקן שייטל זעט דאס פנים אויס פולער, אויסגעגלייכטער און אפשר יינגער אויך.

— און וואס מאכן דארט גיטל־האדעסעס קינדער, זאלן געזונט זיין? — פרעגט אויפסניי די באבע.

— אלדאס גוטס. פיניעק ארבעט שוין אין אן אפטייק.

— און פאלע?

— זי האט שוין „געסקינטשעט".

— און שליאמעקל?

— ער גייט מיט מזל א חתן ווערן.

איך ווייס, אז דאס דערציילט איצט די מאמע פון איר רייכער שוועסטער אין ווארשע, פון דער מומע גיטל־האדעס, וואס וווינט דארט אין א סך שטובן מיט באלקאנען און וואס אירע קינדער הייסן: נישט מענדל, נאר פיניעק און פאלע. ס'דארף דארט זיין אנ'עדזשע אויך און א קליין יינגל, וואס האט אינגאנצן נישט קיין נאמען, נאר מען רופט אים „מאלי". איך האב די אלע קינדער נאך קיינמאל נישט געזען. איך ווייס נאר, אז פון צייט צו צייט טראגן איך קורצע הייזעלעך, מיט מע־

שענע קנעפּלעך ביי די זייטן, וואָס שטאַמען פון דעם אייגענעם „מאַלי".

— און וואָס מאַכט „מאַלי"? — האָב איך גיך אַ פרעג געטון.

— אַ — האָט זיך די מאַמע צעשמייכלט — ער איז שוין נישט היינט קיין „מאַלי". קיין עין־הרע אויסגעוואַקסן. ער גייט אין גימנאַזיע אַריין, גייט ער.

דער זיידע, וואָס איז שוין געזעסן ביי זיין וואַרשטאַטל מיט די פּלייצעס אויף דער שטוב אַרויס, האָט זיך איצט אויסגעדרייט.

— הע, וואָס זאָגסטו? — איז זיין קליין, ווייס בערדל געשטאַנען אויפגעשפּיצט.

— ר'איז שוין אין דער דריטער קלאַס.

— אין דער גימנאַזיע טאַקע?

— יאָ, אין דער גימנאַזיע.

— און ער טראָגט אַ מונדירל?

— אוודאי. אַזאַ מונדירל, ווי דו נייסט, טאַטע.

— אָווואַ! — האָט זיך דער זיידע נישט געקאָנט אָפּוווּנדערן — אַ שאָד, וואָס דו האָסט נישט מיטגעבראַכט עפּעס אַן אַלט מונדירל פון אים.

— צו וואָס דאַרפסטו עס?

— אָט גלאַט, אַ קוק טון, ווי אַזוי מען נייט מונדירלעך אין וואַרשע.

— נישט בעסער פון דיר, טאַטע.

— אויך גראַנאַטנע, מיט זילבערנע קנעפּ?

— יאָ. פּונקט אַזוי ווי דאָ.

— הם... אומעטום איין וועלט.

דעם זיידן האָט, זעט אויס, שטאַרק הנאה געטון, וואָס אין וואַרשע נייט מען פּונקט אַזעלכע מונדירלעך, ווי ער. ער האָט אָוועקגעלייגט דאָס שטיקל אַרבעט און געגרייט זיך אויף נייע ידיעות פון וואַרשע.

— און ווער נייט אים די מונדירלעך?

— ווער זאָל אים נייען? אַ שניידער.

— איז אין וואַרשע, הייסט עס, אויך דאָ אַ דוד־פּרוויקע?

— ער מיינט, אַז ער איז איין זכר אין מאָסקווע... — האָט זיך שוין די באָבע אַריינגעמישט.

— הער אויף. יידענע. מ'רעדט דאָך עפּעס.

איך בין געשטאנען אנגעשפארט אן דער מאמעס א קני. זי האט נישט אויפגעהערט מיך צו גלעטן, ארומצוגעמען מיין פנים און שטילער־הייט צו זיפצן.

— און וואס הערט זיך נאך? — האט די באבע איבערגעריסן די שטילקייט — האסט טאקע תנאים געשריבן מיט ציפעלען?

— יא, מאמע. ס'קומט מיר א מזל־טוב.

— זאל טאקע זיין מיט מזל. עפעס א לייטישער מענטש?

— א בארשטן־מאכער.

— א בארשטן־מאכער? — האט דער זיידע איינגעקנייטשט דעם שטערן — וואס עפעס א בארשטן־מאכער? פארוואס נישט קיין שניי־דער?

— מיט וואס איז דאס א שניידער מער יחסן, ווי א בארשטן־מא־כער?

— א שניידער איז א מענטש. און א בארשטן־מאכער איז נישט מער, ווי א בארשטן־מאכער.

— ס'שטייט דיר נישט אן? — האט די באבע אויפגעשטעלט אירע בלעכענע ברילן.

— אוודאי שטייט מיר נישט אן.

— טאמער קענסטו וויסן... דוד־פרוויקען שטייט נישט אן דער יחוס.

— ער האט זי גענומען אן א גראשן געלט — האט די מאמע שטיל ארייגעוואָרפן.

— א טובה טוט ער מיר. נאך געלט גיב אים.

— הער נישט, וואס דער נאר רעדט — האט די באבע ברוגזלעך אויסגעשטעלט דאס פנים — און ווו זענען געווען די תנאים?

— ביי אברהם־אייזיקן.

— פארוואס נישט ביי גיטל־האדעסן?

— כ'וויים... גבירים? ס'האט זיי אפשר נישט געפאסט.

— אוודאי. גיי לאז אריין א בארשטן־מאכער... — האט דער זיידע גענומען נקמה.

די באבע האט שטיל אראפגעלאזט ס'פנים. דער זיידע איז גיך געלאפן מיטן נאדעלע.

— אברהם־אייזיק, נעבעך, האָט אַלץ נישט קיין פּרנסה, העט?
— ער קאָפּעט זיך, פאַרשוואַרצט.
— און סימע־לאה?
— שיין, ווי גאָלד.
— פאַרוואָס טוט מען נישט מיט איר קיין שידוך?
— ס'טרעפט זיך נישט.

די באָבע האָט טיף אָפּגעזיפצט דעם אָטעם. אין שטוב איז לאַנג שטיל געווען.

דריי מענטשן זענען געזעסן מיט געזונקענע קעפּ און אַזוי ווי גע־דרימלט.

ס'איז טרויעריק. מיטן פעטער אברהם־אייזיק איז טרויעריק.

אַליין איז ער אַ לייבלעכער ברודער פון מיין מאַמע, פון דער מומע מרים און פון דער רייכער גיטל־האָדעס אין וואַרשע.

כ'קען אים, דעם פעטער אברהם־אייזיק.

פאַראיאָרן, ראש־השנה, איז ער געווען דאָ ביי אונדז. ער האָט גע־האַט אַ גרויסע, בלאָנדע באָרד, אַ שיטערע. געקוקט האָט ער דורך ברילן און געטראָגן אַן אויפגעשטעלט, אַכט־קאַנטיק היטל, וואָס קיינער האָט קיינמאָל נישט געטראָגן און וועט נישט טראָגן. געזונגען האָט פעטער אב־רהם־אייזיק מיט אַ צעשפּרייטער שטים, זינגנדיק. און ראש־השנה־יום־כפּור האָט ער טאַקע דאָ ביי אונדז אין שטאָט געדאַוונט מוסף אין שניי־דערישן שולכל.

מען האָט געזאָגט, אַז זיין דאַווענען איז צו קושן יעדעס וואָרט. וואָס קומט אָבער אַרויס, אַז ער האָט, נעבעך, נישט קיין פּרנסה, און סימע־לאה, די שיינע טאָכטער זיינע, דאַרף שוין אַ כּלה ווערן, און דער זון פון לאָנדאָן האָט געזאָלט שיקן נדן — שיקט ער נישט.

איז טרויעריק ביים פעטער אברהם־אייזיק.

אַזוי האָט די מאַמע דערציילט, און בשעת־מעשה אויפגעבונדן דאָס פּעקל, וואָס מומע גיטל־האָדעס האָט איר מיטגעגעבן. ס'איז געגעבן אַ פּאַל אַרויס אַ פּאָר שיך מיט שנורעוואַדלעס, אַ מאַרינאַרקע מיט צו לאַנ־גע אַרבל, אַ היטל מיט אַ גויאישן דאַשיק, הויזן, וועסטלען. אַן אוצר אַ גאַנצער.

אָבער דאָס אַלץ האָט מיך דאָס מאָל נישט געפרייט. איבערהויפּט האָט מיך געאַרט דאָס היטל מיטן גויאישן דאַשיק.

— כ׳על עס נישט אָנטון! — האָב איך געזאָגט און נישט געוואָלט זיך צורירן דערצו.

— פאַרוואָס? ס׳איז דאָך אַזאַ שיין היטעלע.

— ביי אונדז אין חדר גייט מען נישט אין אַזעלכע היטעלעך.

— וועסטו יאָ גיין.

— ניין, כ׳וועל נישט גיין.

דער זייגער האָט הייזעריק געקלונגען. איך האָב אָפּגעציילט. גאַנצע צען קלעפּ. אין אמתן אָבער האָבן די ווייזערס געוויזן נישט מער, ווי ניין.

— האָסט דיך שוין געזען מיט לייזערן? — האָט זיך פּלוצלינג אָנגערופן דער זיידע.

— ניין — האָט די מאַמע נישט־ניחאדיק געענטפערט.

— כ׳האָב מיך טאַקע געוווּנדערט, פאַרוואָס דו ביסט נישט פאַרפאָרן גלייך אַהיים.

— כ׳על שוין דאָרטן קיינמאָל נישט פאַרפאָרן.

צוויי שטומע פּנימער פון באָבע־זיידע, פאַרשאַרצטע, האָבן זיך גלייכצייטיק אויפגעהויבן אויף דער מאַמען. איך האָב אויך נישט פאַרשטאַנען, וואָס די מאַמע האָט דאָ געזאָגט.

— אַהיים צו דיר וועסטו נישט פאָרן?

— ניין. כ׳האָב אים שוין געגוג געהאַט, דעם געשפּאַן מיינעם.

די אַלטע צוויי פּנימער זעען אויס, ווי טויבלעך.

— וואָס איז שוין ווידער, פרימעט?

— וואָס זאָל זיין? ס׳איז גאָרנישט. נאָר די טויטע קללות, וואָס ער ווינטשט מיר, זאָלן אריין...

— שאַ, שאַ, שעלט נישט! — האָט זיך די באָבע גיך אויפגעשטעלט פון איר קופּערטל.

— אַ ייד זאָל זיך נישט שעמען. אַ גוי שעלט דאָך נישט אַזוי אַ ווייב, ווי ער האָט מיך געשאָלטן.

— ווען האָט ער דיך דאָס צייט געהאַט צו שעלטן? ביסט דאָך נישט געווען הי.

— דודך א בריוו האָט ער מיך אַזוי געשאָלטן. איז וואָס, אַז כ'בין אַוועקגעפאָרן? כ'האָב אַן איינציקע טאָכטער, האָב איך נישט געזאָלט פאָרן אויף איר שמחה?

— זאָגט מען כאָטש, אַז מען פאָרט — מישט זיך אַריין דער זיידע.

— ווען האָב איך געזאָלט זאָגן? כ'האָב אים דען אַמאָל אין דער היים?

— וואָס האָסטו געוואָלט, ער זאָל זיצן אין שטוב און „טשאַטשקען" (שפּילן) זיך מיט דיר?

— ווער רעדט פון „טשאַטשקען" זיך? אָבער ער קאָן דאָך מיר נישט פאַרווערן צו פאָרן אויף מיין קינדס תנאים?

— אַז ס'האָט קיין שום לעבעדיק נפש נישט געוווּסט, ווו דו ביסט אַהינגעקומען. ווי האָט מען דאָס א „יאַדעס" (יהדות), איבערצולאָזן א מאַן מיט א קינד אויף הפקר?

— אָווא!... טאָמער קענסטו וויסן. ער האָט נישט געהאַט ווער עס זאָל אים אָפּקאָכן די „מיכע" (געקעכטס)?

— וואָסזשע האָסטו געוואָלט? ער זאָל זיך אַליין קאָכן?

— לאָז ער יאָ קאָכן, לאָז ער נישט קאָכן. איך האָב אים שוין גענוג!

— האָסט שוין אַן אַנדערן אויף זיין אָרט? — האָט דער זיידע פאַרמאַכט איין אויג — וואָס מיינסטו, ביסט א יונג ווייבעלע?...

— נו, הער שוין אויף, אַלטער נאַר! — האָט זיך די באָבע אינגאַנצן געשאָקלט — און דו, פּרימעט, מאַך נישט קיין לייטיש געלעכטער און גיי אַהיים.

— וואַרפסט מיך אַרויס, מאַמע?

— כ'וואַרף דיך נישט אַרויס, חלילה. נאָר א ווייב דאַרף אַהיימגיין צום מאַן.

— כ'וויל אים מער נישט קענען. וואָס האָב איך געהאַט ביי אים? אָפּגעפּינצטערט, נעבעך, מיינע יונגע, שיינע יאָרן! ער האָט מיר איינגערעדט, אַז ער איז א גוט־באַזיצער, אַז ער האָט א פּאַלוואַרק... אַז אַך און וויי איז צום פּאַלוואַרק זיינעם!

די מאַמע האָט איצט געקריגן רויטע, קליינע אויגן. נישט קיין שיינע. די נאָז איז אויך געוואָרן רויטלעך, פאַרשפּיצט.

— נו, שוין, גענוג. — האָט די באָבע געוואָלט פאַרגלעטן דעם טאַטנס חטאים — מיינסט, ער האָט זיך נישט נאָכגעפרעגט אויף דיר?

— האָט ער מיר אַ טובה געטון!

— עטלעכע מאָל אין טאָג פלעגט ער דאָ קומען אויפן הויף.

— אויפן הויף... און אַרויפקומען אַהער איז אים נישט אָנגעשטאַנען?...

— ווייסט דאָך — האָט די באָבע אַזוי ווי איינגערוימט אַ סוד — אַז מיר ביידע לעבן נישט שוה בשוה.

— מיט וועמען לעבט ער יאָ שוה בשוה?

— מילא, נו. ר'איז נאָך נישט פון די ערגסטע... אַצינד איז טאַטע שפּעט, אָבער מאָרגן, מערטשעם, וועסטו אַהיימגיין.

— ניין, מאַמע. כ'זאָל אַפילו ווייסן צו וואַשן פאַדלאָגעס, וועל איך מיט אים מער נישט גיין וווינען.

— וואָס איז עפּעס געוואָרן מיט דיר אין וואַרשע? — האָט שוין דער זיידע נישט געקאָנט מער איינזיצן.

— אין וואַרשע לעבט מען, ווי מענטשן. גיטל־האָדעס איז אַ מאַדאַם אַ גאַנצע, אַ דייטשישע פרוי. און וואָס איז פון מיר געוואָרן? ביי בערלען, זאָל זיין אָפּגעשיידט, האָב איך דאָך געוווינט אין „פּאָקאָיעס". כ'האָב דאָך געהאַט מעשענע קליאַמקעס ביי די טירן.

— מאַ, ביי בערלען! — האָט די באָבע אָפּגעזיפצט — ס'איז דען אַזוי, ווי אַ מענטש נעמט זיך פאַר?

אַזוי האָט מען זיך איבערגעוועדלט ביז אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין. אַן מיר האָט מען אינגאַנצן פאַרגעסן.

איך האָב אַלץ אויסגעהערט און בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס די מאַמע איז צוריקגעקומען פון וואַרשע אַ ברוגזע אויפן טאַטן. פאַרקערט — מיר האָט זיך געלייגט אויפן שכל, אַז דער טאַטע גאָר דאַרף זיין ברוגז אויף דער מאַמען. איז זי דאָך פאַרט נעלם געוואָרן און אַפילו נישט אָנגעזאָגט — וווהין.

איך בין אויף דער מאַמען, וואָס אַן אמת, נישט בייז געווען. ס'האָט מיך נאָר געאַרט, פאַרוואָס זי דערמאָנט איצט איר ערשטן מאַן, ביי וועמען זי האָט געהאַט „פּאָקאָיעס" און מעשענע קליאַמקעס ביי די טירן. וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַרגלייך? איר ערשטער מאַן איז געווען אַ

רופא אין קאנסקעוואליע, און מיין טאטע האנדלט גאר מיט היי. ווי קומען דא אהער „פאקאיעס” מיט מעשענע קליאמקעס?

## קאפיטל זעקס

צומארגנס האב איך מיך געפעדערט צו גיין אין חדר אריין. כ׳בין אויפגעשטאנען פריער. כ׳האב מיך ארומגעוואשן פון אלע זייטן, אנגעטון א פאר פרעמדע הויזן, וואס די מאמע האט געברענגט פון ווארשע, און געהאלטן שוין גרייט די צוויי בייגל, וואס די באבע האט מיר אנגעשמירט מיט פוטער.

ס׳האט מיך נישט געגלוסט אוועקצוגיין פון דער ווארעמער שטוב, פון זיידנס לידלעך, פון דער געקומענער מאמען. ביז די מאמע אליין האט עס, זעט אויס, דערפילט, און בשעת כ׳האב שוין ארויפגעצויגן אויף מיר ס׳פאלטנדל, האט זי זיך אנגערופן פון בעט ארויס:

— זאל ער נאך היינט נישט גיין. ער וועט נישט פארשפעטיקן די תורה.

כ׳האב א קוק געטון אין פענצטער אריין מיט פרישע אויגן.

ס׳איז געווען בלוי און ליכטיק. דער זיידע, ווייזט אויס, האט זיך שוין געהאט אונטערגעלענט ס׳הארץ מיט אביסל אקעווויט. ער איז איצט ארומגעגאנגען איבער דער שטוב א האפערדיקער און געלאזט זיך הערן מיט זיינע וואכעדיקע און יום־טובדיקע ניגונים.

די באבע, אין רויטן נאכט־קופקעלע, א קליינע, אן איינגעבויגענע אזוי ווי אן אויסגעקרימטער קזשאק, האט שטיל ארומגעטשאפעט איבער דער שטוב, געמאכט פייער און געגרייט אנבייסן.

די מאמע איז אויפגעשטאנען די לעצטע. איצט, ביי דער בלוי־וויי־סער ליכטיקייט אויף די שויבן, איז דער מאמעס פנים געווען לויטער און יונג. דאכט זיך, אז ביז היינט אינדערפרי האב איך נישט געזען, די מאמע זאל האבן אזא ווארעם, ווייך גוידערל און אזעלכע אויסגעוואשע־נע, בלויע אויגן.

זי האט זיך ארומגעדרייט איבער דער שטוב אין א שווארצער, די־

נער ספּודניצע מיט שפּיצן ביים זוים, וואָס האָבן בשעתן גיין געראַשט, אַזוי ווי שאַרסטקע זייד.

— האָסט עס געקויפט? — האָט זיך די באָבע אַראָפּגעבויגן און אַ טאַפּ געטון די ספּודניצע.

— ווי קום איך צו אַזעלכע זאַכן — האָט די מאַמע געענטפערט מיט אַ שטילער פאַרביטערטקייט, וואָס האָט גאַרנישט געקליידט צו איר לוי־טער פּנים — גיטל־האָדעס האָט עס מיר געשענקט.

— זייד?

— וואָס דען? באַרכאַן?

די באָבע האָט מיט צוויי פינגער אָפּגעווישט די ווינקלען פון מויל. דער זיידע האָט אַ קוק געטון פון אַ זייט און סתם אַזוי געפרעגט:

— וויפיל, אַ שטייגער, קאָן אַזאַ ספּודניצע ווערט זיין?

קיינער האָט אים נישט געענטפערט.

די מאַמע האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט די פּלייצעס אויף דער שטוב אַרויס און גענומען צעקעמען איר שייטל.

איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר די שוואַרצע, זיידענע ספּודניצע פון דער וואַרשעווער מומע גיטל־האָדעס איז מיר נישט געפעלן. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אין דער דאָזיקער ספּודניצע איז די מאַמע אַן אַנדערע. נישט יענע מאַמע, וואָס איז אַריינגעפאַלן אַמאָל אין אַ באַגינען מיט רחמימדיק־צענומענע הענט:

— משה איז פאַרביי!

ביי אונדז אין שטוב האָב איך די מאַמע קיינמאָל אַזוי נישט גע־זען. די הענט אירע זענען קיינמאָל נישט געווען אַזוי נאַקעט, ווי איצט.

דאָרט האָט זי זיך נישט געוואַשן מיט קיין שמעקנדיקן זייף, נישט געשטאַנען אין שפּיגל און נישט געפּוצט זיך, אַזוי ווי דאָ.

— וואָס גערדויערט עס אַזוי לאַנג, פרימעט? — האָט זיך די באָבע אָנגערופן פון אַ זייט — ס׳אָנבייסן שטייט דאָך שוין אויפן טיש.

— ס׳שאַדט נישט... — האָט די מאַמע אַ גלעט געטון אַ לעקעלע פון שייטל — אין וואַרשע פירט מען זיך אַזוי.

— דאָ איז דאָך נישט וואַרשע.

ס׳האָט גענוג לאַנג גערדויערט, ביז די מאַמע איז פאַרטיק געוואָרן

און צוגעקומען צום טיש. זי איז געגאַנגען אַביסל שטייפלעך, אָנגעבלאָזן, אַזוי ווי אַ פּאַווע.

ביים טיש זענען געזעסן אַלע. די מאַמע — אַקעגנאיבער מיר. איר וואַרעם, קליין גוידערל האָט זיך לייכט געשאָקלט. איך האָב ערשט איצינד דערזען, אַז די מאַמע האָט געברענגט פון וואַרשע צוויי חן־גריבעלעך אויף ביידע זייטן פּנים. זי האָט געמאַכט קליינע ביסנס, געטרונקען די קאַווע אַזוי ווי מיט אַ האַלב מויל און אינמיטן דרינען אָנגערופן זיך צו מיר:

— מענדלשי, ווי אַזוי עסטו עפּעס?

— ווי אַזוי זאָל ער עסן? — האָט זיך דער זיידע אַריינגעמישט.

— אין וואַרשע עסט מען אַנדערש.

— און לאָז מיך שוין געמאַך מיט דיין וואַרשע! זע נאָר, ס׳געפעלט איר נישט, ווי ער עסט. און איך עס בעסער?

— דו עסט אויך נישט שיין, טאַטע.

— ראַכל, הער נאָר, וואָס דיין טאָכטער זאָגט! אָפּגעלעבט צוויי און זעכציק יאָר און גאָרנישט געוווּסט, אַז איך עס נישט שיין! אָוואַ!... ווי אַזוי עסט מען דאָס שיין?

— מען כאַפּט נישט. מען בייסט אָפּ קליינע שטיקלעך.

— אַ וואָזשנע תורה.

די מאַמע האָט נישט געענטפערט. איך האָב מיך באַמיט אָפּצובייסן קליינע שטיקלעך און נישט צו כאַפּן. אָבער אין האַלדז איז מיר געוואָרן ענג, די אויגן זענען מיר איבערגעגאַנגען. האָט די באָבע פּלוצלינג גע־געבן אַ שטעל אַוועק איר טעפּל קאַווע און אָנגערופן זיך מיט אַ צו־הויך קול:

— מענדל, דו וויינסט?

דאָ האָט די מאַמע אויך געגעבן אַ שטעל אַוועק ס׳טעפּל קאַווע. ס׳גוידערל אירס האָט זיך אַביסל פאַרקרימט.

— נו, שאַ, מענדלשי, וויין נישט — האָט זי מיך גענומען גלעטן

— כ׳האָב מיר געמאַכט אַ געלעכטער... נו, הער שוין אויף... דו עסט גאַנץ שיין.

דער זיידע האָט בייז געברומט:

— וואַרשע גאָר! טאָמער קענסטו וויסן?.. נגע!...

די מאַמע האָט מיך, סוף כּל סוף, איינגענומען. אָבער מיר איז נאָך אַלץ געווען שווער אויפן האַרץ.

— אַזאַ שיינער טאָג אין דרויסן! — האָט זיך דער זיידע אָנגערופן, זיצנדיק שוין צוריק ביי זיין ווארשטאַטל — אפשר וואָלט מענדל אַביסל אַראָפּגעגאַנגען? זאָל ער זיך צוגעוווינען צו דער לופט.

— כ׳וויים, כ׳האָב נאָך מורא! — האָט זיך די מאַמע געקווענקלט.

— ס׳שאַדט נישט. זאָל ער טאַקע גיין — האָט זיך אַריינגעמישט די באָבע — ווי לאַנג די זון איז דאָ.

מען האָט מיך אַרומגעהילט און אַרומגעבאַבלט. איך בין אַרויס אין גאַס אַריין, אַזוי ווי איינער, וואָס קומט קאַפּויער פון אונטערן וואַסער.

— גיב דאָרט אַכטונג אויף די שליטעלעך — האָט מיר די באָבע נאָכגעשריגן — און זוים דיך נישט לאַנג. הערסט, מענדל?

— כ׳הער, באָבעשי, כ׳הער.

אויף דער גאַס איז געווען אַזוי ווייס און שטיל, אַז כ׳האָב געמוזט אַ ווײַלע האַלטן די אויגן צוגעמאַכט. ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז כ׳בין אַריינגעפאַלן אין אַ פרעמדער שטאָט. אַלע זעען אויס אַזוי ווי טויבע, און אַלע גייען מיט טויבלעכע טריט.

דער שניי ליגט צווישן די אייזערנע קראַטן אַרום דעם קלויסטער, אויף די געזימסן איבער די פענצטער. אינמיטן וועג איז ער הויך, ווייך. אַ שליטעלע גיט זיך גדלותדיק אַ שנייד פאַרביי מיט אַ דין געקלינגערײַ. פון דער גימנאַזיע גייען שוין צוריק די סטודענטלעך. מען וואַרפט זיך מיט קוילן שניי. מען לויפט, מען שרייט.

ווי אַנדערש די שטאָט איז געוואָרן, זינט איך האָב מיך געמוזט ליגן אין בעט אַריין. אויף דער לובלינער גאַס שטייען אויסגעשטעלט הויכע פאַרשנייטע סלופּעס, אונטערגעשפּאַרט מיט קלענערע סלופּקע־לעך, אַזוי ווי מיט צעגומענע פּיס. די גאַס אַליין גייט איצט באַרג־אַרויף. זי איז לאַנג און פאַרברייטערט געוואָרן. ביי דער „צעלבודע" שטייט שוין נישט מער דער פּוילישער סטראַזשניק מיט דער בלויער נאָז. אויף דער וואַרשעווער גאַס, דאָרט וווּ מאָטל שטרוים ווייב האָט אַ געוועלב, האָט מען שוין נישט אויסגעשטעלט נישט די שטיקער באַרכאַן, נישט די שטרויענע קוישן. ס׳איז דאָרט ווייס און טויב.

אויף דער שפּאַציר־גאַס האָב איך מיך פאַרקוקט אויפן פאַרשנייטן

צלם פון דייטשישן קלויסטער. כ׳האָב מיך דערמאָנט, אַז דאָ אַרום בין איך געגאַנגען זוכן די מאַמע צו דער מומע מרים, אַצינד איז דאָ זייער שטיל. מען זעט נישט קיין לעבעדיקן מענטש. אָבער פּלוצלינג וואַקסט אויס אַ ייד אין אַ הויך פּליושן היטל.

— מענדל, וווּ גייסטו דאָס? — דערהער איך אַ באַקאַנט, וואַרעם קול.

— טאַטע! — האָב איך מיך אין דער ערשטער מינוט דערשראָקן, און אין האַלדז איז מיר עפּעס פאַרשטעלט געוואָרן.

— וווּהין גייסטו דאָס? ביסט שוין געזונט, העט?

— יאָ, טאַטע, כ׳בין שוין געזונט.

דער ייד אין הויכן פּליושענעם היטל איז טאַקע מיין טאַטע, ער איז גרוי געוואָרן... די אויגן קוקן דרימלדיקער, שטילער.

— כ׳בין געווען היינט ביי דיין רבין געוואָר וואָרן — זאָגט ער.

— כ׳האָב שוין היינט געזאָלט גיין אין חדר אַריין.

— אַזוי. נו, פאַרוואָס ביסטו נישט געגאַנגען?

— די מאַמע איז געקומען.

— העט? — פאַרשאַרצט דער טאַטע אַ האַלב פּנים און די דרימלדיקע אויגן ווערן צוגעמרוזשעטער — די מאַמע, זאָגסטו?

— יאָ, די מאַמע איז געקומען.

— ווען איז זי דאָס געקומען?

— נעכטן ביינאַכט.

— נעכטן נאָך? פאַרוואָס־זשע זעט מען זי נישט?

— זי איז אין דער הויף, ביי דער באָבען.

—אַזוי, ביי דער באָבען...

עס ווערט צווישן אונדז שטיל. דעם טאַטנס אויגן עפענען זיך. ער האָט איצט אַזעלכע גרויסע, גרין־געלבלעכע וואָנסעס, דער טאַטע.

— כ׳בין נישט אַרויפגעקומען — רעדט ער נישט צו מיר, נאָר צום דייטשישן קלויסטער — ווייל כ׳האָב זי נישט ליב, די באָבע דיינע. אָבער מיין נישט... כ׳האָב געוווּסט... ווען דיר האָב איך אַלץ געוווּסט. ווער, מיינסטו, האָט געשיקט פאַמפער דאָקטאָר?

זיין קול ווערט פון מינוט צו מינוט שטילער, אָפּגעהאַקטער.

— איז זי געקומען! — דערמאָנט ער זיך אויפּסניי און זיפצט אָפּ — פארפאָרן גאָר צו זיי... און ווי זעט זי אויס, די מאמע?

— גוט. גאַנץ גוט.

שטיל. מיר גייען צוזאַמען. עס קומט אונדז אַקעגן דער זעלנער מיט דער ביקס, וואָס היט דאָס קרימינאַל.

— האָסט שוין עפּעס געגעסן? — רייסט דער טאַטע איבער די שטילקייט.

— יאָ, כ׳האָב שוין געגעסן.

— ס׳איז דיר אפשר קאַלט? קום אַריין צו מרדכין אין דער גאָר־קיך. וועסט דיך אַביסל דערוואַרעמען.

— ניין, טאַטע, דאָ איז גאַנץ גוט.

— וואָס טוסטו דאָ אין גאַס?

— כ׳בין אַרויס אַביסל אויף דער לופט.

— אַזוי. גוט, קום, וועל איך דיך צופירן.

ער נעמט מיך אָן ביי דער האַנט. כ׳בין נאָך אַזוי מיטן טאַטן קיינמאָל נישט געגאַנגען. כ׳ווייס נישט, צי זאָל איך מיך שעמען, צי זאָל איך מיך פרייען. כ׳ווייס נאָר, אַז ס׳איז מיר גוט אַצינד.

— כ׳בין געווען היינט ביי דיין רבין — הייבט ער אָן אויפּסניי — זאָגט ער מיר, דער רבי דיינער...

ער האַקט אָפּ אינמיטן, פאַרקלערט זיך און קוקט ערגעץ אין חלל אַריין. זיין גרויסע, פליישיקע נאָז זעט אויס, ווי זי וואָלט זיך אָפּגעטיילט פון פּנים. פּאַמעלעך נעמט ער אויפקנעפּלען זיין אַלטן, ווינטערדיקן פּאַלטן, לאָזט אַראָפּ אַ האַנט אין איינער פון די גאָר־טיפע הויזןקעשענעס, נעמט אַרויס פון דאָרט אַ ווייכן איינגעפּאַלענעם, לעדערנעם בייטל און דערלאַנגט מיר עפּעס אין האַנט אַריין.

— נאַ — זאָגט ער — דאָ האָסטו, וועסטו דיר עפּעס קויפן.

צום ערשטן מאָל גיט מיר דער טאַטע געלט. וואָס טויג עס מיר? וואָס קויפט מען פאַר אַזויפיל געלט?

— קויף עפּעס פאַר דער מאַמען — גיט ער צו גאָר שטיל און פירט מיך צו צום הויז, וווּ עס וווינען באָבע־זיידע. — נו, גיי שוין, וועסט דיך נאָך, חלילה, פאַרקילן.

איך וויל דעם טאַטן געבן אַ קוש אין האַנט אַריין. דאַכט זיך, אַז

אויף צום ערשטן מאָל. נאָר ער כאַפּט אָוועק די האַנט און נעמט שטאַמ־לען:

— נו, שוין, פּטור... גיי, גיי...

אינמיטן וועג רופט ער מיך צוריק:

— מענדל? איז וואָס האָב איך דאָס געוואָלט זאָגן? יאָ... דערציי־ל דאָרט נישט. כ'האָב נישט ליב די באָבע דיינע, האָב איך נישט ליב.

***

דעם איינענעם אויפדערנאַכט איז וואָלאָדעק, דער משוגענער גוי, אַהיימגעקומען פריער, ווי אַלע מאָל. ער איז געווען אינגאַנצן רויט. די געלע באָרד — צעקנוידערט, פייכט.

— וואָס האָסטו דיך היינט עפּעס אַזוי צוגעאײַלט, וואָלאָדעק?

דער גוי ברומט אין דער צעקנוילטער באָרד אַריין מיט אַ פול, מעלה־גרהדיק מויל:

— אַז אַ כאָלערע זאָל זי טרעפן, די מאַגדע. אַז פּגרן זאָל זי די היינטיקע נאַכט, די פאַרשאָלטענע מויד!

— ווער איז דאָס די מאַגדע? פאַרוואָס שעלטסטו זי אַזוי?

— פאַרוואָס זאָל ער זי נישט שעלטן? זי האָט דאָך אים געפּאַטשט מיט אַ פיש אין פּנים אַריין.

דער זיידע שיסט אויס מיט אַ הויך, צעשפּרייט געלעכטער. די באָ־בע נעמט אָוועק די ברילן פון אירע קופּקעלעך.

— אַ שיינע, ריינע כּפּרה אויף דיר! — שאָקלט זי מיטן קליינעם קעפּל — ווער הייסט דיך טשעפּען מיט מיידן, ווער?

— כ'האָב זי דען געטשעפּעט? אַ נכפה אויף איר!

— מען ווייסט שוין, מען ווייסט שוין... — כאַפּט די באָבע שלינ־גענדיק די ווערטער, און דער זיידע הערט נישט אויף צו קייכן:

— מיט אַ פיש, זאָגסטו? אוי, כ'האָב דאָך שוין קיין זייטן פון לאַכן... נו, דערצייל, ווי אַזוי איז דאָס געווען?

— מוחל, מוחל! — מישט זיך אַריין די באָבע — דאָס נייעס, וואָס ער וויל דאָ הערן!...

וואָלאָדעק אַליין זעט אויס בייז צו זיין. ער קייעט מיט אַ פאַרמאַכט

מויל. די מאמע מיינע מישט זיך אינגאנצן נישט אריין אין שמועס. זי זיצט ביים זיידנס ווארשטאטל מיט א פאר גאלדענעברילן אויף דער נאז און קוקט פון אויבן אראפ אין א ביכל אריין.

וולאדעק זעצט זיך אוועק אויף זיין שטענדיק ארט, ביי דער קיך. ער ציט אראפ די שיך מיט א קרעכצל, וויקלט אפ די אניצעס און פון דער טארבע ארויס, אין וועלכער ער האלט תמיד זיין צדה־לדרך, נעמט ער שלעפן גרויסע גארשטשן שטרוי.

אין שטוב איז איצט שטיל. אלע זענען פארטון. דאס לעמפל, וואס ברענט אויפן זיידנס ווארשטאטל, באלויכט יענע ווינקל, וווּ ער נייט און וווּ די מאמע לייענט. די רעשט שטוב איז ארומגענומען מיט א גרויסן שאטן.

דער זיידע איילט זיך ארויסצופארטיקן א שטיקל ארבעט. ער גיט פון צייט צו צייט א ציטער מיט די אקסלען, אזוי ווי עס וואלט אים גע־פייניקט א שלוקעכץ. מען גיט נישט אכטונג, וואס וולאדעק טוט דארט אצינד אין ווינקל ביי דער קיך. מען ווייסט דאך: ער זשאמזשעט די שטיקער ברויט, וואס ער האט אנגעשלעפט אין אלע הייזער.

אין אמתן אבער האט וולאדעק היינט נישט געזשאמזשעט. ער האט אנגעלייגט ביי זיינע פיס א שפארע קופע שטרוי.

אט נעמט ער גראבלען ביי זיך אין די קעשענעס. גראבלט אזוי לאנג, ביז עס באווייזט זיך אויף דער ליכטיקער שיין א פעקל מיט שוועבעלעך. איך זע, וואס וולאדעק טוט. מיין איך, אז ער וויל פאררויכערן די ליולקע. ניין. וולאדעק פאררויכערט נישט. ער רייבט טאקע אן א שוועבעלע און שטעלט צו דאס קליינע, צאפלדיקע פלעמל צו דער קופע שטרוי, וואס ער האט אנגעלייגט ארום זיך.

עס נעמט זיך דושען א קליין רויכל. וולאדעק ציט אוים די פיס צום רויכל. נישט אנדערש — דער גוי גייט זיך פארברענען.

איך קאן נישט מער רואיק צוקוקן און גיב א רוף אויס:

— באבע! זע נאר, וואס וולאדעק טוט!

אלעמענס קעפ גיבן זיך א ריס אפ פון זייער ארבעט. דער זיידע דרייט אוים נישט מער ווי איין אקסל. ער פארזשמורעט די אויגן. די מאמע כאפט אוועק די גאלדענע ברילן פון ביכל, און די באבע גיט די ערשטע א שפרונג אויף:

— און ווי איז מיר נישט געשען! וואָס האָסטו געטון, משוגענער גוי?! —י שרייט זי און נעמט זיך דרייען אויף איין אָרט, אַזוי ווי אַ מילכל.

דאָס אונטערגעצונדענע שטרוי פלאַקערט.

— דוד — וואַרפט די באָבע מיט די הענט — מען וועט דאָך אָוועקגיין מיטן רויך! זע נאָר, וואָס דאָ טוט זיך! געוואַלד, מענטשן!...

דער זיידע גיט אַ וואָרף אָוועק דאָס שטיקל אַרבעט. די ברילן האָבן זיך אים אַראָפּגערוקט אויפן מויל. דער ראַשיק פון היטל שפּאַרט אַזש אָן ביזן אויער. ער שטופּט גיך די נאָדל אין אַ קלאַפּע אַריין און קאָן בשום אופן נישט אַריינטרעפן. שליידערט ער אַוועק נאָדל־פּאָדים אויפן וואַרשטאַטל, גיט אַ שפּרונג אַרויף אויפן אונטערגעצונדענעם שטרוי און נעמט דערויף טאַנצן. דער זיידע, זעט אויס, איז משוגע געוואָרן. און די באָבע אויך. וואָרום, וואָס כאַפּט זי עפּעס אַ קישן פון בעט אַראָפּ און שליידערט עס צום זיידנס טאַנצנדיקע פיס?

— משוגענע, וואָס טוסטו? — שרייט דער זיידע מיט אַ צעשאָקלט פּנים, און קאָפּעט אָוועק דאָס קישן צוריק אין שטוב אַריין.

די מאַמע כאַפּט אויף דער גיך דער באָבעס דערע און לויפט צו דער טיר.

בלויז וולאַדעק זיצט אויף זיין פריערדיק אָרט מיט אַ פּאָר רויטע, געפרווירענע פיענטעס. ער קייעט און שאָקלט צו מיט דער גאָמבע און מיט דער נאָז.

— פערדישער קאָפּ! וואָס האָסטו געטון? — הערט נישט אויף דער זיידע צו טאַנצן אויפן שטרוי.

— וואָס האָב איך דאָ געטון? — שנאַפּלט וולאַדעק מיט אַ פולער נאָז — וואָס שרייט אַזוי דער פּאַן קראַוויעץ? ס'איז דאָך ווינטער! כ'האָב מיר געוואָלט אָנוואַרעמען די פיס. אַז אַ נכפה זאָל אויף איר קומען, אויף דער מאַגדע! פאַרוואָס האָט זי מיך נישט אַריינגעלאָזט אין בעט אַריין, פאַרוואָס?

— ווער ראָד־געבראָכן צוזאַמען מיט מאַגדען! — בענטשט אים די באָבע מיט ביידע הענט — וואָס ביסטו געקומען מיך אונטערצינדן?

— כ'האָב נישט געוואָלט אונטערצינדן. וואָס רעדט עפּעס די פּאַני קראַווצאָוואַ!

— אז רעדן זאָלסטו שוין פון היץ, גולם איינער! אזוי ווארעמט מען זיך פיס?

דער זיידע האָט טאַקע פארטאַנצט די שרפה. אָבער געסאפּעט האָט ער, אזוי ווי א שווינדזיכטיקער.

מען עפנט דאָס פענצטער. דער רויך ציט זיך ארויס מיט א בלוי, קוים־אָנזעעוודיק וואָלקנדל. די מאַמע וויקלט זיך ארום אין א פאַטשיילע און פארשטעלט מיך פון אָפענעם פענצטער. די באָבע הילט זיך איין אין דער מאַמעס א טיכל. בלויז דער זיידע שטייט אין וועסטל און טאַפּט זיך ביי די קלאַפּעס:

— ווו האָב איך אהינגעטון די נאָדל, ווו?

אין יענער מינוט, ווען אַלע זענען נאָך געווען אזוי צעחושט, האָט זיך פאַמעלעך אָפּגעלענט די טיר און אויף דער שוועל איז פּלוצלינג שטיין געבליבן דער טאַטע מיינער.

— דער טאַטע איז דאָ! — האָב איך אים דער ערשטער דערזען, און געמאַכט א טריט צו דער טיר.

— גוט נ'אָוונט! — האָט זיך דער טאַטע פארחידושט ארומגעקוקט איבער דער צערודערטער שטוב.

— גוט־נ'אָוונט, גוט־יאָר! — איז אים דער זיידע אקעגנגעגאַנגען — שלום עליכם! וואָס מאַכסטו עפּעס?

די באָבע האָט גיך פארמאַכט ס'פענצטער. דער מאַמען זענען די גאָלדענע ברילן אראָפּגעפאַלן אויף דער ערד.

—טראָג מיר שוין ארויס דאָס מיסט פונדאַנען! — האָט זיך די באָבע אראָפּגעבויגן איבער וואָלאָדעקן — הערסט? שוין זאָלסטו דיך „ווינאָשען" פונדאַנען, דו היצעל איינער!

וואָלאָדעק האָט זיך שווער און שווייגנדיק אויפגעשטעלט. צוזאַמענ־גענומען דעם האַלב־אָפּגעברענטן פאַק שטרוי און קרעכצנדיק ארויסגע־טראָגן.

— וואָס שטייסטו, וואָס? זעץ דיך! — האָט דער זיידע פארבעטן דעם טאַטן.

— וואָס איז דאָ געשען? — האָט ערשט איצט דער טאַטע געפרעגט און געקוקט אהין, ווו די מאַמע האָט פון זיך אראָפּגענומען די וואַלענע דערע.

— גאָרנישט. א בהמה א גוי... ס'האָט זיך אים פאַרגלוסט צו וואַרעמען די פיס ביי אַן אָנגעצונדענעם בונט שטרוי.

— ווער האַלט עס אַזאַ גוי אין שטוב?

— כ'ווייס, ער ברענגט אַמאָל א קענדל וואַסער, שיט אַראָפּ דאָס מיסט...

די מאַמע האָט געפונען די ברילן. אין יענעם ווינקל, וווּהין דער טאַטע האָט געקוקט, איז איר, ווייזט אויס, פינצטער געווען. האָט זי זיך אַוועקגעזעצט ביי דער צווייטער זייט פון זיידנס וואַרשטאַטל און אויפסניי גענומען קוקן אין ביכל אַריין פון אויבן אַראָפּ.

האָט זי גאָרנישט באַמערקט, ווי דער טאַטע פירט זיינע טויבלעך־דרימלדיקע אויגן צום זיידנס וואַרשטאַטל צו?

זי איז געזעסן דעם קאָפּ אַביסל פאַררריסן, מעשה נגידיתטע. איר שיין פּנים איז געווען צוזאַמענגעצויגן. דאָס וואַרעמע, ווייכע גווידערל האָט זיך לייכט געשאָקלט.

— וואַרשע, זעט אויס, פּאַשעט נישקשה... — האָבן זיך דעם טאַטנס וואָנסעם קוים־קוים צעשמייכלט.

ס'האָט אים קיינער נישט געענטפערט. די באָבע האָט גיך געשטאָכן די נאָדל אין ווייסן מושלין אַריין. דער זיידע האָט געצויגן דרימען צווישן די ליפּן.

איך בין געשטאַנען אָנגעשפּאַרט ביים טאַטן און געקוקט אים גלייך אין פּנים אַריין.

— איז דיר שוין בעסער, מענדל?

— יאָ, כ'בין שוין געזונט.

— און ווען גייסטו אין חדר אַריין?

— מאָרגן מערטשעם.

די שטילקייט אין שטוב איז געהאָנגען א געדיכטע. דער טאַטע האָט פּאַמעלעך געבאַמקעט מיט צוויי פינגער אין טיש אַריין. מיר איז געווען ענג אין האַלדז, ענג אין די מלבושימלעך. די גאָלדענע ברילן אויף דער מאַמעס נאָז האָבן פונדערווייטנס געגלאַנצט מיט אַזאַ שטייפן אָנשטעל, אַז ס'האָט מיר אַזש געשטאָכן אין די אויגן. דאָס גאַנצע פּנים פון דער מאַמען האָט אַזוי געגלאַנצט.

— איז וואָסזשע מאַכסטו עפּעס, לייזער? — האָט דער זיידע אי־בערגעריסן די שווערע שטילקייט.

— געלויבט השם יתברך!

— און, וואָס הערט זיך מכח פּרנסה?

— נישקשה... נישט צו פאַרזינדיקן.

ווידער שטיל. אונטער דער קיך האָט פאַרעקשנט און בייז גענומען זעגן א גריל.

וולאַדעק האָט שוין געהאַט ארויסגעוואָרפן ס׳גאַנצע אָפּגעברענטע ביסל שטרוי. איצט איז ער געזעסן מנוחהדיק אויף זיין פריערדיק אָרט און געפּיפּקעט די ליולקע.

— פרייסט דיך גאַרנישט מיטן ווייב דיינעם? — האָט דער זיידע ווידער געפּרוווט רעדן.

— העָ? — האָט דער טאַטע איבערגעפרעגט און געקוקט גלייך אויפן זיידנס מויל.

— ס׳ווייב דיינס... פרייסט דיך גאַרנישט?

— יאָ... אָבער זי זעט דאָך מיך נישט.

די מאַמע האָט אין דער דאָזיקער מינוט אויפגעהויבן ס׳ביכל הע־כער איבערן פּנים. די גאָלדענע ברילן האָבן אויפגעהערט צו גלאַנצן.

— פרימעט!... — האָט דער זיידע אָוועקגעלייגט ס׳שטיקל ארבעט פון דער האַנט — פרימעט, לייזער איז דאָך דאָ.

— איז ער דאָ!

— הער אויף צו לייענען די ביכלעך, הער אויף! — איז דעם זיידנס קול געוואָרן אביסל הייזעריקער — אין דיינע יאָרן לייענט מען שוין נישט קיין ביכלעך.

— אַזוי אַלט בין איך שוין? אין וואַרשע לייענען עלטערע פון מיר.

— אַלץ אין וואַרשע... דו ווינסט דאָך נישט אין וואַרשע. דאָ האָסטו א מאַן, א קינד...

— א שיינער מאַן איז דאָס! א געשפּאַן איז עס, נישט קיין מאַן!...

מיר זענען געקומען טרערן אין די אויגן אריין. דער טאַטע איז גע־זעסן מיט א פאַרמאַכט פּנים. די פינגער, מיט וועלכע ער האָט פריער געבאַמקעט אין טיש אריין, זענען איצט געשטאַנען האַלב־אויפגעשטעלט, טויט.

— וואָס האָב איך איר די ריבן פון פעלד אראָפּגענומען? — האָט ער זיך ענדלעך אָנגערופן.

— און די טויטע קללות, וואָס ער האָט מיר געשיקט קיין ווארשע, זענען א הונט? — האָט שוין די מאַמע אוועקגענומען דאָס ביכל פון פנים — וואָס איז? כ'האָב נישט געטאָרט פאָרן אויף מיין קינדס שמחה? וויפיל טעכטער האָב איך דאָס איינגאַנצן?

— נו, שוין, האָט ער זיך באַנאַרישט. אָבער ווי לאַנג איז דער שיעור ברוגז צו זיין?

— כ'בין דען ברוגז?

— וואָס דען ביסטו, חבר? אוועקגעזעצט זיך לייענען... וואָס וועסטו האָבן פון לייענען, וואָס?

— און וואָס וועל איך האָבן פון אים?

— וואָס הייסט, וואָס דו וועסט האָבן? ער איז דיין מאַן, צי ער איז נישט דיין מאַן?

— ניין, ער איז נישט מיין מאַן.

— נו, הער שוין אויף, בהמה!

— טאַטע, וואָס ווילסטו פון מיר?

— כ'וויל, זאָלסט דיך נישט מאַכן צו־נאַר. האָסט א היים א הויז... איז דען דאָ א לעבן פאַר דיר?

— האָב נישט קיין מורא, טאַטע. כ'וועל נישט פאַלן דיר אויפן קאַרק. מיין שטיקל ברויט וועל איך מיר נאָך שטענדיק פאַרדינען.

— וואָס אַזעלכעס וועט זי טון? — האָט זיך דער טאַטע אריינגעמישט.

— זאָל אים דער קאָפּ נישט דאַרן.

— וואָס וועסטו טאָקע טון? — האָט דער זיידע אויפגעשפיצט דאָס בערדל.

— כ'על שוין טון. נישקשה. כ'קען האַלטן א פעדער אין האַנט, כ'קען לייענען, שרייבן. אפילו כ'זאָל וועלן געבן לעקציעס, וועל איך מיר אויך מיין שטיקל ברויט פאַרדינען.

— ווילסטו ווערן א רביצין פון מיידלעך?

— און אַז א רביצין פון מיידלעך איז וואָס?

דאָ האָט זיך די באָבע, וואָס האָט אַ גאַנצע צייט געשוויגן, אויפ־געשטעלט פון איר קופערטל.

כ'האָב מיך נישט געוואָלט אַריינמישן — האָט זי אָנגעהויבן — נאָר, אַז דו הייבסט שוין טאַקע אָן צו רעדן נאַרישקייטן, מוז איך דיר זאָגן, פרימעט, אַז דו ביסט נישט גערעכט.

— די באָבע האָט דאָס מאָל גערעדט שטיל. דאָס קליינע קעפּל האָט זיך געשאָקלט.

דער טאַטע, זעט אויס, האָט דערהערט די באָבעס רייד לויטן שאָק־לען זיך פון איר קעפּל.

ס'האָט אים צוגעגעבן וואַרעמקייט.

— אין שטוב איז איינגעהייצט... — האָט ער געזאָגט, אַזוי ווי אין טיש אַריין — כ'האָב געהייסן אָנגרייטן מילך, קעז, פּוטער...

— אַ שיינעם דאַנק אים, זע נאָר, ווי ער האָט זיך דאָס געלאָזט ווילגיין! און אַז איך וויל אַמאָל נאָך אַ גילדן אויף פּרנסה — איז הימל עפן זיך!...

— ס'גייט דיר וועגן גילדן? — האָט דער טאַטע פאַרקנייטשט מיט אַן אַקסל.

— ס'גייט מיר וועגן אַלעמען. ס'גייט מיר, ער זאָל מיך גוט באַ־האַנדלען. ביי בערלען, זאָל זיין אָפּגעשיידט, האָב איך געהאַט מעשענע קליאַמקעס ביי די טירן. און דאָ וואָס האָב איך?

—אַז מיר וועט גאָט העלפן, וועל איך אויך לאָזן מאַכן מעשענע קליאַמקעס.

— און בראש האָט ער אויסגעזוכט אַ דירה! — האָט די מאַמע גע־רעדט, אַזוי ווי צו וואַנט — פינצטער, קאַלט...

— ווער איז שולדיק? האָסט דאָך אַליין געוואָלט די דירה!

— איך גאָר האָב געוואָלט? ווי אַזוי האָב איך געקענט וועלן, אַז משה, נעבעך, איז דאָרט קראַנק געוואָרן.

— מן הסתם איז עס געווען מן השמים. נאָר אויב ס'זאָל דיר גיין אין דער דירה, וועסטו, אם ירצה השם, אויף פּסח דינגען אַן אַנדערע דירה.

— פּאָלג מיך אַ גאַנג. טשעקאַי באַבקאַ לאַטקאַ...

— ווי לאַנג איז צו פּסח? — האָט זיך דער זיידע אַריינגעמישט

— זעסט דאָך, פרימעט, אַז ער איז דיך געקומען איבערבעטן וואָס נאָך ווילסטו, וואָס?

— שיין בעט ער מיך איבער.

— ס'זאָל דיר גיין אין דעם — האָט דער טאַטע הילפלאָז געדרייט מיט אַ האַנט — ווילסט דווקא, כ'זאָל דיך איבערבעטן? מילא, בעט איך דיך איבער.

ס'איז אויפסניי צוגעפאַלן אַ שטילקייט. וואָלאַדעק האָט דרימלדיק געאָטעמט מיט דער פּייקע אין מויל. דער זיידע האָט אויפגעהויבן די נאָדל צום לעמפּל און שנעל איינגעפעדימט.

— ווער האָט דאָרט איינגעהייצט? — האָט די מאַמע איבערגע־ריסן די שטילקייט.

— כ'האָב געהייסן איינהייצן. ס'איז דאָ מילך, פּוטער... קיין פלייש האָב איך נישט געוואָלט אָנגרייטן. כ'ווייס...

— און ס'בעטגעוואַנט איז כאָטש איבערגעצויגן?

— יאָ. כ'האָב געהייסן. ס'איז וואַרעם, ריין...

דעם טאַטנס קול איז אויך געווען וואַרעם און ריין. ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון טיש און צוגעגאַנגען נענטער צום זיידנס וואַרשטאַטל, וווּ די מאַמע איז געזעסן.

— האָסט עפּעס זאַכן? — האָט ער געפרעגט — וועל איך נעמען אַ דראָזשקע.

— ווו וועט מען איצט קריגן אַ דראָזשקע?

— מ'עט שוין קריגן.

די מאַמע האָט אוועקגעלייגט דאָס ביכל. כ'ווייס נישט, צי זי האָט אָנגעוויזן, וווּ עס ליגן אירע זאַכן, נאָר דער טאַטע איז גלייך צוגעגאַנ־גען צום וואַרשעווער פּעקל און אויפגעהויבן עס.

אפשר אַ טרונק בראָנפן, לייזער? — האָט דער זיידע אוועקגעלייגט ס'שטיקל אַרבעט און שוין גענישטערט אין קיך־שענקל, וווּ ער האָט גע־האַלטן דעם טייערן טראָפּן.

דעם טאַטנס געלבלעך־גרויע וואָנסעס זענען גרעסער און געדיכטער געוואָרן פונעם שמייכל, וואָס האָט זיך אים צעלייגט איבער דער באָרד.

— לחיים!

— לחיים טובים ולשלום! מען זאָל טרינקען אויף שמחות! נגע!

וואָלאָדעק האָט זיך אויפגעוועקט פון דרימל. ער האָט אַרויסגעלאָזט די פּייקע פון מויל און אויפגעשטעלט זיך. ער האָט געשמייכלט צום זיידנס פּלעשעלע, אונטערגעטענצלט און צוגעשאָקלט מיט דער צעקנויטערטער באָרד.

— האים, האים, פּאַניע קראַוויעץ!

— ’עסט מאַכן אַ שנאַפּס, וואָלאָדעק?

— מהו, מהו.

— נאַ, דאַ האָסטו! — האָט דער זיידע אים דערלאַנגט אַ האַלב גלעזל — און טרינק פאַרן געזונט פון מאַגדע, וואָס האָט דיך געפּאַטשט מיט אַ פיש.

— ניין, אַ נכפה אויף איר, אויף דער מויד. פאַרן פּאַן קראַוויעצס געזונט. האים, האים!

די מאַמע האָט אויך טועם געווען פון גלעזל. איך אַליין וואָלט אַצינד אויסגעטרונקען אַ גאַנץ פּלעשל.

— נו, עס ווערט שפּעט.

— אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט, אַ גוט יאָר. אין אַ מזלדיקער שעה!

דער טאַטע איז געגאַנגען פאַראויס, פאַרנומען ביידע הענט מיט דער מאַמעס פּעקלעך. איך מיט דער מאַמען פון הינטן. וואָלאָדעק האָט אונטערגעטענצלט. באַבע־זיידע זענען געשטאַנען אין דער אָפענער טיר. די באַבע מיטן נאַפט־לעמפּל אויפגעהויבן איבערן קאָפּ, דער זיידע — מיט אַ דרים פּאָדים אויף די ליפּן, צווינגענדיק:

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
קויף מיר פּאַמעראַנצן.

## קאַפּיטל זיבן

געוועזן ביי אונדז אין שטאָט אַ מנהג, צי אַ דין אַזעלכער, אַז אַריבערציען זיך פון איין דירה אין דער צווייטער אַריין האָט מען נאָר געקענט אין גויאישן „שוויענטי יאַן”, וואָס פאַלט אויס די וואָך פון שבת־

נחמו. אין יענע טעג האָט זיך אין די גאַסן געוואַלגערט שטרוי פון אויפֿ־געטרענטע שעניקעס, גראַכאַווינעס פון בעטן, וווּ מען איז אויף קיין שטרוי נישט געשלאָפֿן. טירן מיט פענצטער זענען געשטאַנען הפקר אויפֿ־געפּראַלט, יינגלעך זענען אַריין און אַרויס, הינט זענען געקראָכן אויף פּריש־אויסגעשיטע מיסטן און יידן, באַלעבאַטישע, בכבודיקע יידן זע־נען אין אַ מיטן מיטוואָך געגאַנגען ביי געלאַדעוועטע פורן מיט ווירט־שאַפט.

מיין מאַמע האָט אָבער אַזוי לאַנג נישט געוואָלט וואַרטן. אויף דער אַלטער דירה האָט זי מער נישט געקאָנט קוקן. ס'האָט געיאָגט דאָרט פון יעדן ווינקל. האָט זי באַלד, ווי נאָר מען איז אַוועק פון באָבע־זיידעס שטוב, גענומען זוכן, נאָכפרעגן, ביז זי האָט געדונגען אַ דירה איינע אין שטאָט. אַ פּאַלאַץ — נישט קיין דירה.

האָט מען איבערגעוואַרט שבת, און דינסטיק, אַזוי ווי ס'איז אַ מזלדיקער טאָג, האָבן מיר זיך איבערגעצויגן.

דער גוי, וואָס איז אַלע אינדערפרי געקומען וועקן דעם טאַטן, האָט נישט געוווּסט דערפֿון. ער האָט זיך אויך דאָס מאָל אַוועקגעשטעלט באַ־גינען הינטערן פענצטער און געקלאַפּט אין די שויבן אַריין:

— פּאַניע קופּיעץ! פּאַניע קופּיעץ!

אָבער דער „פּאַן קופּיעץ", ס'הייסט מיין טאַטע, איז שוין היינט געשטאַנען אַן אָנגעטוענער. ער האָט גלייך אַריינגעלאָזט דעם גוי און געזאָגט אים, אַז היינט פּאָרט מען נישט אין דאָרף אַריין. היינט ציט מען זיך איבער אין אַ נייער דירה אַריין. זאָל ער דאָ בלייבן, דער גוי, וועט ער אונדז העלפן איבערפירן די זאַכן.

איך בין אין יענעם טאָג אין חדר אַריין נישט געגאַנגען. מען האָט פריער אָפּגעדאַוונט. מען האָט געכאַפּט דאָס הייסע אָנבייסן אויף איין פוס און גלייך ווי דער טאַטע האָט אָפּגעבענטשט, האָט מען זיך גענומען צו דער אַרבעט.

דער טאַטע, צוזאַמען מיטן פויער, האָבן קרעכצנדיק אַוועקגערוקט די שאַנק פון דער וואַנט, וווּ ס'איז געבליבן אַ גרויסער, טונקעלער פלעק פון שפּינוועבס מיט שטויב. איבער דער נישט־אויפגערוימטער קאַלטער שטוב האָבן זיך געוואַלגערט קאָרקעס פון פּאַפּיראָסן, אויסגעבויגענע צי־

נענע לעפל, אַ הילצערנער פֿאָרם אויף צו גיסן חנוכּה־דריידלעך, און דעם געשטאַרבענעם משהס אַ פּאָר שטייפע, ברודיקע מאַנקעטן.

אַז מען האָט אַראָפּגענומען דעם שפּיגל פֿון איבער דער קאָמאָדע, האָט אַ גרויסע פּאַרוועבטע שפּין גענומען בהלהדיק לויפֿן. זי איז אַרויף אויף דער וואַנט, פֿון דאָרט — אויפֿן בעליק און ערשט אין סאַמע מיטן בעליק האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און אַראָפּגעקוקט אויפֿן חורבן, וואָס מען האָט דאָ אָנגעמאַכט.

די בעטן האָט דער טאַטע אַליין צענומען. דער פֿויער האָט אים גע־וואָלט צוהעלפֿן, האָט אָבער דער טאַטע פֿאַרשאַרצט די ליפּן, געוויזן צוויי שורות ווייסע, געזונטע ציין און געזאָגט אויף ייִדיש:

— ניטע, כ'על שוין אַליין.

די בעטן זענען געווען דעם טאַטנס שוואַכקייט פֿון תּמיד אָן. ער האָט געהאַלטן, אַז אַ בעט איז אַזוי ווי אַ ווייב: טאָמער רירט זיך צו אַ פֿרעמדער, מאַכט ער עס קאַליע...

די מאַמע, אַ פֿאַרוויקלטע, אַ פֿאַרפּעדערטע, שוין גאַרנישט מיטן וואַרשעווער אויסזען, האָט געגאָסן קאָכעדיקע טעפּ וואַסער אין די צע־נומענע בעטן אַריין.

מען האָט געטרעטן אויף פּייכט, האַלב־פֿאַרפֿוילט שטרוי, וואָס האָט זיך פֿאַרעקשנט נאָכגעשלעפּט נאָך די פֿיס. עס איז געשטאַנען אַ ריח פֿון נישט־געלופֿטערט בעטגעוואַנט, פֿון שמאַטעס, וואָס זענען געלעגן קופּעס־ווייז אונטער יוזשע דעם בעדנערס בעטל. פֿון אונטער דער אַוועקגענומע־נער קאָמאָדע האָבן אַפּערגעקוקט עטלעכע צעקנייטשטע פּודעלעך פֿון סאַרדינען, וואָס קיינער האָט נישט געוווּסט, ווי אַזוי זיי זענען דאָ אַהער־געקומען.

דאָס אַלץ איז געבליבן. ס'איז אויך געבליבן דאָס ווידערקול, וואָס איז געלאָפֿן פֿון ווינקל צו ווינקל און יענע טונקעלע עלנטקייט, וואָס בלייבט אין יעדער שטוב, ווען עס ציען זיך פֿון איר אַרויס לעבעדיקע מענטשן.

אויפֿן שליטן זענען די זאַכן געלעגן אויסגעמישט, אָן אַ סדר.

די פֿיר געפֿלאָכטענע פֿיס פֿון גרויסן טיש האָבן זיך פֿאַרריסן אין הימל אַריין, אַזוי ווי ביי אַ געבונדן קעלבל.

דאָס אָפּגעצווינגענע רויטע בעטגעוואַנט — אַריינגעקנוידערט אין

איבערגעדרייטן טיש אריין. דאָס פּאַמישאַף, צוזאַמען מיט די שוואַרצע, אָפּגעשפּרונגענע טעפּ — אין אַ שופלאָד פון דער קאָמאָדע.

דאָס אַלץ האָט זיך קרעכצנדיק געגליטשט איבערן ווייכן, הויך־אָנגעפּאָלענעם שניי.

פון איין זייט איז געגאַנגען דער טאַטע מיטן וואַנט־זייגער אויף דער האַנט, אַזוי ווי, להבדיל, מיט אַ ספר־תורה צו הקפות; פון דער צווייטער זייט — די מאַמע מיטן שטיי־לאָמפּ, וואָס האָט אין דער אַלטער דירה געברענט פון איין יום־טוב צום אַנדערן.

איך בין געזעסן אויפן שליטן פון הינטן מיטן פּנים אין גאַס אַריין. די הענט פאַרנומען מיט די מעשענע, פאַרגרינטע לייכטערס. מיר צופיסנס איז געשטאַנען דער מערזשער און דאָס אַלטע פרעס־אייזן, וואָס דער זיידע האָט אונדז געשענקט צוליב מיין געזונט־ווערן.

אַזוי אַרום זענען מיר אָנגעקומען אין דער נייער דירה אַריין.

אויף דער גאַס האָט זיך פון אַ גלייכער שורה הילצערנע הייזלעך אַרויסגערוקט איין הייזל, אַ געלס, אַ געמויערטס, מיט אַ בלעכענעם שיפּן דאַך.

אַ ווייסע קאַץ, נאָך ווייסער ווי דער שניי, האָט אַראָפּגעקוקט צו אונדז פון דאַך. זי האָט געציטערט מיט די וואָנסעס, אויסגעצויגן ס׳קעפּל. און פאַר גרויס חידוש, מוז זיין, האָט זי פלוצלינג אויפגעעפנט די וואָנסעס און צעגענעצט זיך.

דער שליטן מיט אונדזערע זאַכן האָט געמוזט בלייבן שטיין אויף דער גאַס. דאָס טויער איז געווען אַ שמאָלס. דאָס הויפל נאָך שמעלער. קיין פלומפּ האָט מען נישט געזען. ס׳האָט געשמעקט מיט חזיר און מיט אַלטע, פייכטע קעמערלעך, וואָס זענען געווען אויפגעהאַנגען אויף אַ הילצערנעם גאַניק.

אונטער דעם דאַזיקן גאַניק טאַקע האָט זיך געפונען אונדזער נייע דירה. זי איז געווען קלענער, ווי די אַלטע. די קיך — אַ בלויע מיט אַן אויסגעקרימטן בעליק און מיט שיטערע, קרישלדיקע ווענט. די שטוב אַליין — אַ פיר־עקעכדיקע מיט צוויי פענצטער אין שמאָלן הויפל אַריין. ליכטיק איז נישט געווען. פאַר דאָס אָבער האָט די נייע דירה געהאַט אַ פּאָדלאָגע, געשמירט אויף רויט. דאָס קאָן זיין, איז געווען די איינציקע סיבה, צוליב וועלכער די מאַמע האָט געדונגען די דאָזיקע דירה.

— אין וואַרשע — האָט זי געזאָגט — זענען די פּאָדלאָגעס אומעטום געשמירט אויף רויט.

דער טאַטע האָט פאַרקרימט מיט דער נאָז.

— עפּעס אַזוי פינצטער! — האָט ער געפירט מיט די אויגן איבער די ווענט.

— ס'איז דאָך ווינטער! — האָט זיך די מאַמע פאַרענטפערט — זומער, מערטשעם, וועט זיין ליכטיקער.

מיר אין די נייע דירה יאָ געפעלן. ס'איז דאָ ליידיק און ריין. נישטאָ קיין פלעקן אויף די ווענט. ס'וואַלגערט זיך נישט קיין פּייכט שטרוי, ס'וועלן נישט זיין קיין מייז. אַז אַ פּאָדלאָגע איז רויט געפאַרבט, האַלטן זיך נישט קיין מייז. דאָ וועט שוין קיין משה נישט שטאַרבן און ס'וועט נישט זיין קיין יוזשע דעם בעדנערס, וואָס זאָל זיך מיר נישט אויפהערן צו חלומען.

פון דרויסן קוקט אַריין אַ גרויער, רויכיקער פאַרנאַכט. אויפן גאַניקל, ווו די קעמערלעך געפינען זיך, לויפט עמעצער. דאָס לויפן קלאַפּט אונטערן בעליק, אַזוי ווי מען וואָלט געוואָרפן מיט שייטן האָלץ.

אין שטוב איז איצט וואַרעם און ליכטיק. די מאַמע האָט אָנגעצונדן די גרויסע לאָמפּ, די יום־טובדיקע.

דער טאַטע אין געשטעפּטן שפּאַנצער, שטעלט צונויף די שאַנק.

ער פאַרשאַרצט דאָס מויל אין רעכטן ווינקל אַריין, ווייזט זיינע ווייסע, שיינע ציין, קרעכצט אביסל אונטער. איך ליכט אים צו מיטן קליינעם נאַפט־לעמפּל, און ביי יעדן מאָל, וואָס דער טאַטע גיט אַ קרעכצל — קרעכצל איך מיט.

ס'איז גאָר, גאָר אַנדערש, ווי אין דער אַלטער דירה. אונטער דער קיך ברענט שוין אַ פייער. די שוואַרצע, אָפּגעשפּרונגענע טעפּ מיט די ליידיקע, אָפענע מיילער, זיצן שוין איצט אין די פייערקעס. עס קלעקעטשעט און זידט. אַזוי ווי ביי דער באַבען אויפן קוימען. דער מאַמעס פּנים איז אויף איין זייט פאַררויטלט, די אַרבל פון דער בלוזקע — פאַרדרייט אַרויף ביז צו די עלנבויגנס, אַזוי ווי ביי טעגל.

אַלע פּאָר מינוט באַווייזט זי זיך אויף דער שוועל פון שטוב און מיט אַן אויסגעוואַרעמט, זאַרגפעליק קול דערמאָנט זי:

— לייזער, אפשר וואָלסטו דיך שוין געגאַנגען וואַשן, לייזער? ס'עסן ווערט דאָך איבערגעשטאַנען.

אָבער דער טאַטע איז נאָך אַלץ אַריינגעטון אין דער שאַנק. ער האַלט ביים אַרויפזעצן דעם געזימס. ער שפּאַרט אונטער אַ שפּיץ אַקסל, בויגט אַביסל אָפּ דעם קאָפּ. זיין הויכע, ברייט-פּלייצעדיקע פיגור שטייט אַראָפּגעזעצט, צעשפּרייט. פּלוצלינג לאָזט ער אָפּ דעם שפּיץ אַקסל, בויגט זיך איין, און דער געזימס גיט ווייך אַ גיי אַריין אין די שפּונטן.

אין קיך האָט שוין די מאַמע געגרייט צום טיש.

פון די שיסעלעך מיט גריץ גייט אויף אַ הייסע, ווייסע פּאַרע. עס ליגט אַ גרויס געבייטלט ברויט, באַשיט מיט קאָפּער. די מאַמע שניידט גרויסע פּעניצן, פון וועלכע דער טאַטע מאַכט קליינע כזיתן, טינקט זיי אין זאַלץ און ערשט אַזוי עסט ער זיי.

עטלעכע פליגן שפּרינגען אַראָפּ פון ברויט און זעצן זיך אוים אויף די קאַנטן פון די שיסעלעך גריץ.

דער טאַטע שטעלט אַלע ווילע אָפּ דעם לעפל. ער פאָרשט מיט לאַנגע, פאַמעלעכע בליקן, ווו די פליגן האָבן זיך בדעה נאָך ווייטער אָפּ־צושטעלן. די מאַמע טרייבט זיי מיטן לעפל, מיט דער האַנט און בשעת־מעשה איילט זי צו דעם טאַטן.

— נו, עס שוין — זאָגט זי — ס'ווערט דאָך איבערגעשטאַנען.

איך ווייס, פאַרוואָס זי איילט אַזוי.

נישט געווען ביי אונדז אין שטוב קיין גרעסער עגמת-נפש, ווי ווען דער טאַטע האָט, חלילה, געפונען אַ פליג אין עסן. האָט שוין דאָס מאכל געמעגט זיין פון קאָפּ־העכער און האָט דער טאַטע געמעגט זיין ווי הונ־געריק, האָט ער שוין דאָס עסן מער נישט טועם געווען.

דאָס מאָל זענען אָבער די פליגן מיד געוואָרן. איינע האָט די מאַמע דערהרגעט מיטן האַנטוך. די איבעריקע האָבן זיך צוגעקלעפּט צום בעליק און פון דאָרט אַראָפּגעקוקט, ווי די שיסעלעך גריץ ווערן ליידיק און ווי מען רוימט אַראָפּ דאָס ברויט פון טיש.

***

אין דער נייער דירה האָט די מאַמע איינגעפירט, אַז אויסער שבת און יום־טוב זאָל מען אַ גאַנצע וואָך עסן אין קיך. די שטוב אַליין האָט די

מאַמע שיין אויפֿגערוימט. דעם טיש האָט זי אַוועקגעשטעלט אינמיטן שטוב אַריין, נישט ביים פֿענצטער, ווי אויף דער אַלטער דירה. אויפֿן טיש איז תמיד געלעגן אַ קאָלירט טישטוך מיט קעסטעלעך, מיט פֿייגל און קעפּלעך און מיט גרויסע, אויסגעהאַפּטענע בלומען.

אַ י ב ע ר דער קאָמאָדע, אַרום דעם גרינלעכן שפּיגל האָט די מאַמע אויסגעהאָנגען די פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון אירע זין און פֿון דער איינציקער טאָכטער ציפּעלע, וואָס האָט תּנאָים געשריבן אין וואַרשע.

אַ ו י ף דער קאָמאָדע האָט די מאַמע אויך אויסגעשפּרייט אַ טישטוך, אַ געשטריקטס פֿון גרויען, דיקן באַוול, מיט פֿראַנזן און מיט געקייטלטע לעכלעך. ס'איז צוגעקומען אַ גלעזערנע, געשליפֿענע קלאָש, אַזוי ווי אַ קליין שיפֿעלע. דאָ האָט מען געקאָנט אַריינוואַרפֿן פּערלמוטערנע קנעפּלעך, פֿינגערהוטן, שפּילקעס, און דער עיקר — דאָ איז געלעגן דער ווייסער זשאַבאָט, וואָס די מאַמע האָט געטראָגן אונטערן גוידערל אַלע שבת, זינט זי איז געקומען פֿון וואַרשע.

קיין שום זאַך אָבער האָט נישט באַשיינט אַזוי די קאָמאָדע, ווי די צוויי שטייענדיקע ווינטשקאַרטן, וואָס די מאַמע האָט דערהאַלטן פֿון אירע זין אין דער פֿרעמד. ביידע ווינטש־קאַרטן האָבן אַראָפּגעשיינט אין שטוב אַריין מיט גאָלד און מיט זילבער. ביידע האָבן זיי פֿאַרמאָגט קיילעכדיקע טויערלעך מיט גאָלד־פֿינקלדיקע דייטשע אותיות:

„הערצליכע גליקווינשע צום נויען יאַהרע".

און ביי ביידע טויערלעך זענען, אַזוי ווי שומרים אין גן־עדן אַריין, געשטאַנען צוויי ווייסע טייבעלעך מיט פֿאַרמאַכטע בריוועלעך אין דזשוביקלעך (שנאָבעלעך).

דער טאַטע האָט אינגאַנצן נישט געוווּסט פֿון דער דאָזיקער נייער באַשיינונג. אין דער אַלטער דירה האָט ער די ווינטשקאַרטן קיינמאָל נישט געזען. איצט, אַז זיי האָבן זיך אַזוי מיטאַמאָל באַוויזן אויף דער קאָמאָדע, האָט זיך דער טאַטע צוערשט אַוועקגעשטעלט קוקן פֿונדערווייטנס, געשאַרצט דעם שטערן; דערנאָך, אַזוי ווי מען נעמט אַן איידעלע, גלעזערנע זאַך, האָט ער אויך די ווינטשקאַרטן גענומען אין זיינע גרויסע, אויסגעפּרווירענע הענט אַריין.

— וואָס זאָל עס זיין?

— ווינטשקאַרטן — האָט די מאַמע געענטפֿערט.

— ווינטשקארטן? פון וועמען?

— פון יונהן און פון אברמקען.

דעם טאטנס בארד האט זיך אנגעשפארט אויף די קלאפעס. מיט איין האנט האט ער ארויסגעצויגן די ברילן פון הינטער די אויערן: מיט דער צווייטער — צוריק אוועקגעשטעלט די ווינטשקארטן אויף דער קאמאדע. ער האט שוין מער נישט געקוקט אויף זיי. די טויבלעך־דרימלדיקע אויגן זיינע האבן עפעס געזוכט ארום שפיגל, ווו עס זענען געהאנגען די פאטאגראפיעס פון דער מאמעס קינדער.

דער טאטע, זעט אויס, האט געזוכט די פאטאגראפיע פון זיין זון לייבקע, וואס דינט אין קאטערינאסלאוו. ער האט זי געפונען אויך, אבער זי איז געהאנגען אין א זייט, אין שכנות מיט עפעס א ווייבעריש געשטאלט — א לאנגס, אן אויסגעצויגנס, וואס קיינער אין שטוב האט נישט געוווסט, ווער דאס איז.

דער טאטע האט נישט געהאט קיין טענות, פארוואס זיין לייבקע הענגט אזוי מן הצד. נאר שפעטער, ווען מען איז געזעסן אין קיך ביי דער וועטשערע, האט ער א קוק געטון אויף מיר מיט א פאר בלויע, גרויסע, ווייסלעכטסער און אנגערופן זיך:

— ער שרייבט גארנישט, לייבקע.

קיינער האט אים נישט געענטפערט. פאמעלעך האט ער געשניטן די קליינע בזיתלעך ברויט, נאכגעזופט מיטן לעפל און אויפסניי זיך אנגערופן:

— צווישן גויים... קאטערינאסלאוו... דארטן קריגט מען גאר נישט אזעלכע ווינטשקארטן!...

***

דא אין דער נייער דירה איז דער סדר פון אונדזער לעבן געגאנגען מיטן איינגענעם דרך, וואס אין דער אלטער. יעדן פארטאג איז ווידער געקומען דער פויער און ווידער גערופן אין די שויבן אריין:

— פאניע קופיעץ! פאניע קופיעץ!

פארן אוועקגיין האט דער טאטע איבערגעלאזט אויף דער קאמאדע, אונטערן געשטריקטן טישטוך, אויף פרנסה פאר דער מאמען. די מאמע

האָט זיך געדונגען, געזאָגט, אַז זי וועט נישט אָנגרייטן קיין אָנבייסן. אָבער געגעסן האָט מען פאָרט צו דער צייט. אין שטוב איז געווען וואָ־רעם, אויפגערוימט.

און דאָך, ביים גילדענעם גוטן, איז אויף דער נייער דירה געלעגן אַ טרויער. אפשר האָט עס זיך גענומען דערפון, וואָס ס'איז געווען צופיל צוגערוימט? אפשר גאָר צוליב דעם, וואָס איבער די פענצטער איז גע־האַנגען דאָס הילצערנע גאַניקל און נישט צוגעלאָזט די זון? און אפשר איז עס גלאַט געווען אַ טרויעריקע דירה?

די ערשטע האָט דעם טרויער דערפילט די מאַמע. זי איז געווען אַזוי ווי די שוואַלב, וואָס דערפילט גלייך ביים ערשטן רעגנדל, אַז דער זומער גייט אַוועק, זי איז געוואָרן אומרואיק, די מאַמע. פון טאָג צו טאָג האָט זי ווייניקער מדקדק געווען אויף דער אויפגערוימטקייט פון שטוב. פון טאָג צו טאָג האָט זי פאַרגעסן צוצושטעלן דאָס יאָיכל צו דער צייט.

מ'האָט אָבער אויף דער מאַמען קיין פאַראיבל נישט געקאָנט האָבן. וואָס האָט זי געזאָלט טון? אַז קיין שכנים זענען כמעט ווי נישט געווען. אַז איך בין אַ גאַנצן טאָג געזעסן ביי סימע־יוספן אין חדר, און דער טאַ־טע איז אַרומגעפאָרן איבער די דערפער קויפן היי. האָט זי איבערגע־לאָזט די שטוב אויף גאָטס־באַראָט. אַריבערגעכאַפּט זיך צו דער מומע מרים, פאַרזעסן זיך אַמאָל ביי דער באָבע ראָכל. די טעפּ אויפן קוימען האָבן ווידער אָנגעהויבן קוקן אויף דער שטוב אַרויס מיט ליידיקע, פינצ־טערע מיילער.

אַז דער טאַטע איז אַהיימגעקומען, האָט די מאַמע ערשט גענומען קנעטן, צוגרייטן די וועטשערע. דער הונגעריקער טאַטע האָט זיך געבייזערט, געוואָרפן טיילמאָל אַ קללה, טיילמאָל געגאַנגען שלאָפן אָן וועטשע־רע. איז טרויעריק געווען אין שטוב, זייער טרויעריק.

ביז איינמאָל, ווינטער, האָט זיך די טיר אויפגעפּראַלט מיט אַ ירגזון און ס'האָט זיך אַריינגעשטופּט אַן אָפּגעריסן פּנים פון אַ הויכן יונג אין אַן אויסגעשטעפּטן שפּאַנצער. אויף אַן אַקסל האָט דער יונג געטראָגן אַ צוזאַמענגעלייגט אייזערן בעטל, אין האַנט, — אַ פּאַק מיט בעטגעוואַנט.

— ווו שטעלן? — האָט ער אַ ברום געטון מיט אַ רוי קול.

— דאָ, זייט מוחל — האָט די מאַמע אים אָנגעוויזן צווישן שענקל פון געפעס און צווישן פעסל וואַסער.

ער האָט די זאַכן אָפּגעלייגט, אָפּגעסאַפּעט. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט ער ווידער אויפגעפּראַלט די טיר און איז אַריינגעפּאָרן מיט אַ גרויסן, בלוי־געפאַרבטן קופערט אויף רעדלעך, אַ באַשלאָגענעם מיט אייזערנע רייפן, אַ פאַרמאַכטן אויף צוויי אָנגעהאָנגענע שלעסער.

— און וווּ איז ערגעץ האָדל? — האָט די מאַמע אָנגעקוקט דעם יונג.

— זי גייט שוין.

דער יונג האָט זיך טועה געווען. האָדל איז נישט געגאַנגען, נאָר זי האָט געהאָפּסלט. זי איז טאַקע אַזוי אַריינגעקומען מיט אַ טענצעלע, אַ קיילעכדיק־אויסגעבעטע און הויך אַ זאָג געטון:

— גוט־נ׳אָוונט, פרימעט!

— גוט־נ׳אָוונט, גוט־יאָר! וואָס עפּעס אַזוי שפּעט, האָדלשי?

— וואָס האָב איך דאָ פאַרשפּעטיקט? — האָט זיך האָדל, אין אַ ברוינער שובע מיט אַן אויסגעקראָכענעם פוטערנעם קאָלנער, נייגעריק אַרומגעקוקט איבער אונדזער קיך, אַוועקגעשטעלט אַ מאַנסבילשן פּאַראַסאָל ביי דער טיר און טיף אָפּגעצויגן דעם אָטעם.

— ננע! ביסט אַ מבין? אַ שטיקל וועגס אַביסל...

— ווי ווייט איז עס דען?

— ס׳איז ווייט — האָט האָדל גענומען אָפּוויקלען פון קאָפּ דאָס דערעלע, בשעת־מעשה געפרייכט און אויפגעהויבן צום הויכן יונג אַ פּאָר נאַשט, גלאַנצנדיק גאָמבעלע:

— וויפיל קומט דיר, הע?

— צוויי גילדן, מומעשי — האָט דער יונג אַ וויש געטון מיטן אַרבל דעם שטערן.

— וואָס פאַר אַ מומעשי בין איך דיר? — האָט האָדל פאַרקרימט דאָס קליינע אויפגעשאַרצטע נעזל, וואָס האָט אינגאַנצן דערמאָנט אָן אַ שטיוועלע — און וואָס עפּעס צוויי גילדן, וואָס? כ׳האָב משוה געווען אַ פערציקער.

— אַזאַ מהלך וועגס אַ פערציקער?

— ווילסט נישט? קאָנסטו מיך „פּאָזווען” אין „סאָנד” אַריין.

— מומעשי, מאַכט אייך נישט פאַר קיין יאַ טעביע דאָס און באַשלמט!

— וואָס פּאַרא מומעשי בין איך דיר, דו פּויערן־יונג, דו?

— וואָס'איז? ס'שטייט אייך נישט אָן?

— אוודאי שטייט מיר נישט אָן.

— מילא... אז עס שטייט אייך נישט אָן, קאָנט איר מיר א טובה טון...

— קריגסט א „ליאַפּ" אין די פּיסקעס אַריין, וועסטו זען די על־טער־באָבע! — איז האָדל געגעבן א שפּרונג צו צום יונג.

—אדרבא, לאָמיר זען, וואָס אזא יידענע קען!

האָדל איז געווען א יידענע א שרייערין, אן אמביטנע. ווען עס מישט זיך נישט אריין מיין מאַמע, וואָס פלעגט קריגן ציטערניש אין די הענט, ווען מענטשן האָבן זיך געקריגט, און גלייבט נישט אוים דאָס דינ־געניש מיט נאָך א צענערל — וואָלט צווישן האָדלען מיטן יונג געקו־מען צו א געשלעג.

דער יונג איז ארוים מיט א קאָלערע. האָדל האָט אים מיטגעגעבן פון איר זייט די צווייטע קאָלערע. דערנאָך, א בייזע האָט זי גענומען אויפקנעפּלען די ענגע ברוינע שובע, וואָס האָט איר געגרייכט ביז אי־בער די קנעכל.

— העלף מיר אראָפּנעמען ס'מלבוש, פרימעט — האָט זי זיך מיט א קרעכצעלע אָנגערופן.

די מאמע האָט די שובע ארויפגעלייגט אויף א בענקל. האָט אָבער האָדל פארקרימט מיט די ליפּן:

— וואָס עפּעס אויף א בענקל? פארוואָס נישט צו דיר אין שאַנק אריין, פארוואָס?

— ס'איז אביסל ענגלעך אין שאַנק — האָט זיך די מאַמע אזוי ווי פאַרענטפערט.

— אז ס'איז ענג אין א שאַנק, נעמט מען נישט אַריין קיין לאָקאַ־טאָרן. וואָס איז? מיין שובע איז קיין מלבוש נישט?

— ווער זאָגט דען? חלילה... צווייטנס, כ'על א קוק טון אפשר יאָ.

— נישט אפשר. נאָר די שובע זאָל מיר הענגען אין שאַנק.

די שובע איז געבליבן הענגען אין אונדזער שאַנק.

האָדל האָט נאָך אראָפּגעשלעפּט פון זיך א געשטריקטן קאַפּטאַן, א וואַטן לייבל. און אז זי איז געבליבן נישט מער, ווי אין א בארכאַנער

בלוזקע, האָט זי זיך ערשט אויפסניי גענומען ארומקוקן איבער דער קיך.

— דאָ וועט עס זיין?

— דאָ, האָדלשי.

— ס'איז טאַקע אַזוי ווארעם, ווי דו האָסט געזאָגט?

— ווארעם, ווי אין אַן אויוון.

— און ווו איז דאָ ערגעץ ס'בית־הכסא?

— אין דרויסן. צוויי טריט פון דער טיר.

די מאַמע האָט צו האָדלען גערעדט הכנעהדיק, מיט אַ פאַרלעגן שמייכעלע, אַזוי ווי זי וואָלט האָדלען עפּעס שולדיק געווען.

— און ווו איז ערגעץ דער מאַן דיינער?

— ער קומט, מן־הסתם, באַלד צוגיין.

— ווער וועט מיר אויפשטעלן ס'בעטל, ווער?

— מ'עט שוין אויפשטעלן.

— און אַ נאַכט־כלי האָסטו?

— ווי שיקט זיך עס, נישט צו האָבן קיין נאַכט־כלי?

— און דאָס איז דיין יונג? — האָט האָדל פּלוצלינג אָנגעשטעלט אויף מיר אירע גרויסע, קעציש׳ע אויגן און בשעת־מעשה האָט זיך דאָס ברייטע מויל אירס פייכט צעשמייכלט.

— יאָ, דאָס איז מיין מענדל. ס'ייננסטע, זאָל געזונט זיין.

— האָסט נישט געהאַט מער מיטן מאַן דיינעם?

— נאָך אַ מיידעלע, אים צו לאַנגע יאָר — האָט די מאַמע טרויער־ריק פאַרבויגן מיטן קאָפּ.

— קיין עין־הרע... אַ יונג ווי אַ ליכט. קום נאָר אַהער, דו... — האָט זי מיך אַ רוף געטון מיטן קאָפּ.

כ'בין נישט צוגעגאַנגען. די פרעמדע יידענע איז מיר נישט געפעלן.

— ביי וועמען לערנסטו?

— ביי סימע־יוספן — האָט די מאַמע געענטפערט פאַר מיר.

— און מיט אַ שוימל פישסטו שוין?

כ'האָב געזען, ווי דער מאַמעס פּנים באַגיסט זיך מיט אַ פלאַם.

האָדלס מויל האָט זיך צענומען ביז צו די אויערן צו. איך אַליין האָב נישט געוווסט, ווו מען טוט זיך אַהין. די יידענע האָט זיך דאָ אריינ־געריסן, ווי אַ פאַרקילונג. ס'האָט זי נישט געאַרט מיין צעטומלטקייט,

נישט דער מאַמעס פאַרפלאָמט פּנים. זי האָט מיר געשמייכלט גלייך אין די אויגן אַריין, געזופּט מיט דער נאָז, געשלעפּט צוקערלעך פון אַ באַר־כאַנקע אַרויס און זשאַמזשענדיק מיטן מויל, האָט זי אויפסניי געפרעגט:

— און ווען שטייט אויף דער מאַן דיינער, הע, פרימעטש?

— באַגינען.

— וועט ער דאָך מיך נישט לאָזן צוטון קיין אויג?...

— חלילה, אַז ער וועקט מ י ך נישט אויף, וואָס איך האָב אַ שלאָף, ווי אַ הון.

פון גאַנצן שמועס האָב איך מיך משער געווען, אַז האָדל האָט זיך אַריינגעצויגן צו אונדז אין קיך אַריין. ס׳וועט שוין דער מאַמען נישט זיין טרויעריק: נאָך אַ מענטש וועט וווינען. אָט אַזוי, ווי ס׳האָט געוווינט אין דער אַלטער דירה יוזשע דעם בעדנערס.

פונדעסטוועגן בין איך אין יענער נאַכט שפּעט אַנטשלאָפן געוואָרן. אונטער די פאַרמאַכטע אויגן האָב איך געזען אַרומגיין איבער דער שטוב די פרעמדע יידענע — אַ קיילעכדיקע, אַ ווייכע, אַזוי ווי אַן איבערבעט. כ׳האָב כסדר געהערט דאָס סקריפּען פון האָדלס אייזערן בעטל, דאָס זופּן אירס מיט דער נאָז, דאָס זשאַמזשען מיטן מויל, און עטלעכע מאָל האָב איך אפילו געהערט משתין זיין אין אַ בלעכענע כלי אַריין.

## קאַפּיטל אַכט

האָדל האָט געקאָנט אַלט זיין אַ יאָר פערציק. זי אַליין האָט געהאַלטן, אַז עס גייט איר ערשט, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, דאָס דרייסיקסטע. נישט מער, דאָס ביטערע לעבן און די ווייסטע פּרנסה, נעבעך, האָבן זי גרוי און אַלט געמאַכט.

אַמאָל האָט האָדל געהאַט אַ מאַן, אַ ייד אַ לאָ־יצלח, מיט אַ פאַר־עלטערט מיחוש. האָט האָדל געשלאָגן מיט אים די כפּרה און חתונה גע־האַט מיט אַ צווייטן מאַן. פון ביידע מענער האָט האָדל געוואָלט האָבן קינדער. געפאָרן צו גוטע יידן, אויסגעווען ווו נאָר אַ דאָקטאָר, געטרונקען קרייטעכצער. נאָר זיי, די מענער, אַזוי דער ערשטער, ווי דער צווייטער,

זענען געווען אביסל טויבלעך. זיי האָבן נישט גוט געהערט, וואָס האָדל וויל פון זיי.

זענען אויפן גרויסן הויף, הינטער דער שול, ווו האָדל האָט געוווינט, געשטאַנען ווייבער מיט מיידן און מיט גרויס נייגעריקייט איינגעהערט זיך אין די ווילדסטע קללות, וואָס האָדל האָט געשיט אויף די קעפּ פון איר מענער. זי אַליין — האָט זי געשריגן — איז דאָך געזונט ווי אַ נוס, אַלע דאָקטוירים מיט אַלע גוטע יידן פון קרוין־פּוילן האָבן עס איר מבטיח געווען. נישט מער, די מאַנען — אַז אַ צאָרן פון הימל זאָל זיי טרעפן.

האָדלס אַנדערער מאַן איז געווען אַ ייד אַ בכבודיקער, אַ שטילער. ער האָט געקענט אַריינקוקן אין אַ פּרק משניות, זאָגן אַמאָל אַ גלייך־ווערטל, באַשיינען אַ שמחה. האָט אָבער האָדל אַזוי לאַנג אים געפּייניקט, ביז דעם ייד האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן אין די געדערים. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט, אָפּגעקרעכצט אַ שטיקל צייט, און מער פון בעט נישט אויפגעשטאַנען.

אַ דריט מאָל חתונה האָבן האָט שוין האָדל נישט געוואָלט. אַז אַלע מאַנען זענען ווערט דעם טויט, וואָס וועט זי דאָ גיין איינשטעלן איר לעבן?! איז זי צו עטלעכע און דרייסיק יאָר, אַ קיילעכדיקע, אַ רויטע, מיט אַ פאַרנאַשט פּנים, געבליבן אַ ווילדסטע אַלמנה, נעבעך, אויפן גאַנצן לעבן.

אַז מען בלייבט אַן אַלמנה, איז טרויעריק צו לעבן אַליין אויף דער וועלט, אפילו פאַר אַזאַ האָדל. האָט זי זיך געצויגן צו פרעמדע מענטשן. אומעטום האָט זי מיטגעפּירט דעם גרינעם, געקאָוועטן קופערט אויף רעד־לעך, וואָס איז פון טאָג צו טאָג שווערער געוואָרן פון שבתדיקע לייב־טערס, פון קישנס, פון מלבושים, וואָס אָרעמע מענטשן האָבן ביי איר פאַרמשכונט און נישט געהאַט זיי דערנאָך פאַרוואָס אויסצוקויפן.

דאָס מאָל האָט זיך מיין מאַמע, זעט אויס, באַמיט, אַז האָדל זאָל פאַרבלאָנדזשען מיט איר קופערט צו אונדז אין קיך אַריין.

ערשטנס — האָט די מאַמע געזאָגט — וועט זיין צושטייער אויף דירה־געלט, און צווייטנס — וועט טאַטע זיין היימלעכער אויך.

דער טאַטע איז פון דער נייער שכנטע נישט איבעריק צופרידן גע־ווען. אין יענער צייט האָט דער טאַטע אַליין געקאָנט צאָלן דירה־געלט,

און מכוח היימלעכקייט האָט ער נישט פאַרשטאַנען, מיט וואָס ס'איז דער מאַמען אַזוי נישט היימלעך.

האָט ער אָנגעקוקט האָדלען מיט אַ פּאָר קרומע, פרעמדע אויגן. שווייגנדיק האָט ער באַטראַכט דעם געקאָוועטן קופערט, דערנאָך האָט ער איבערגעפירט די אויגן אויף דער מאַמען:

— צו וואָס האָט עס געטויגט, פרימעט? — האָבן בפירוש די אויגן זיינע געפרעגט.

האָדל האָט פאַרשטאַנען דעם טאַטנס קוקן. האָט זי צענומען דאָס אָנגעדראָלענע, פייכטע מויל און הויך געפרעגט:

— וואָס קוקט איר אַזוי, ר' לייזער?

— פאַרוואָס זאָל איך נישט קוקן? אויף אַ שיינע יידענע קוקט מען...

— האָט זיך דער טאַטע געוויצלט.

— כע־כע־כע... — איז האָדלס פּנים געוואָרן קיילעכדיק־צעקנייטשט. — אָבער ס'וואָר, ר' לייזער, אַז כ'בין נאָך נישט צו פאַרזינדיקן?...

— נו, הער שוין אויף, האָדל — האָט זיך די מאַמע מיט אַ גיך קול אריינגעמישט.

— פאַרוואָס זאָל איך אויפהערן, פאַרוואָס? וואָס ביסטו אייפערזיכטיק?

—כ'בין נישט אייפערזיכטיק, נאָר כ'האָב נישט ליב אַזעלכע הלצהלעך.

— ער הערט דאָך סיי ווי סיי נישט, וואָס מ'רעדט צו אים — האָט האָדל מבטל געמאַכט דעם גאַנצן שמועס.

דער טאַטע, קאָן זיין, האָט טאַקע נישט געהערט. איך אָבער האָב יאָ געהערט, און דווקא אַלץ, פון אָנהייב אָן.

ס'האָט מיר ווייט געטון האָדלס חוזק־מאַכן פון טאַטנס טויבקייט. איר הויך און פאַרשייט רעדן האָט מיך געשטאָכן אין די אברים. כ'האָב די דאָזיקע אויסגעפּאַשעטע יידענע פיינט געקריגן, ווי אַ שפּין.

זי האָט אריינגעבראַכט אין אונדזער שטוב ענגשאַפט, געשריי. דער געקאָוועטער קופערט, וואָס איז עטלעכע טעג געשטאַנען אין קיך, איז אין אַ מיטן מיטוואָך אריינגעפאָרן אין דער גרויסער שטוב אריין. האָדל

אליין איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן ברייטער, פון טאָג צו טאָג האָט זי מער געגלאַנצט.

די מאַמע האָט דורך דער דאָזיקער צייט געהאַט פאַרלוירן דאָס ווייכע, שיינע גוידערל פון וואַרשע. ס'פּנים אירס איז געוואָרן אויסגעצויגן, פאַרשפּיצט. אינדערפרי האָט זי שוין נישט געטראָגן דאָס שוואַרצע, זיידענע אונטערקלייד פון דער מומע גיטל־האָדעס, נאָר אַ פּראָסטע באַרכאַנקע אין פּאַסן. זי איז געוואָרן העכער, שמעלער.

האָדל אָבער האָט געוויגט מיט די באַקעס, אַזוי ווי אַ קו. זי האָט זיך אַרומגעדרייט איבער דער שטוב מיט נאַקעטע, אויסגעפּאָפּלטע הענט. זי האָט געקעמט איר בלאָנד שייטל מיט אַ געדיכט שמירעכץ, וואָס האָט געדרייט אין דער נאָז און אָפּגעזעצט זיך אויפן גומען. זי האָט נישט אויפגעהערט צו קייען שטיקער פלאָדן, צו נאַשן געלע, פעטע כאַלוואַ, צו באַלעקן זיך, אַזוי ווי וולאַדעק מיט זיינע אויסגעבעטלטע שטיקער ברויט.

געגעסן האָט האָדל אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט. זי האָט קיינמאָל נישט מכבד געווען. אַז ס'האָט זי ווער געטראָפן עסן, האָט זי גיך אָפּגעווישט די ליפּן און מיטן ביסן אין מויל, אַזוי ווי זי וואָלט איינעוויייניק געהאַלטן אַ גנבה — האָט זי געוואַרט, ביז יענער וועט זיך אָפּטראָגן.

האָדל האָט מורא געהאַט פאַר אַן עין־הרע. אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק האָט די מאַמע געמוזט אָנגיסן אַ גלאָז וואַסער, אַריינלאָזן דאָרט אַ הייסע, הילצערנע קויל, טינקען די פינגער אין וואַסער, אַרומוואַשן האָדלס פּנים, עטלעכע מאָל אויסשפּייען: „אויף אַלע וויסטע וועלדער, אויף אַלע פּוסטע פעלדער", און אַזוי אַרום אָפּשפּרעכן האָדלען די עין־הרע.

מיר איז אַ סך מאָל פאַרגאַנגען אונטער דער נאָז דער קיצלדיקער ריח פון פּאָמעראַנצן, וואָס האָדל האָט גענאַשט, פון איינגעמאַכץ, וואָס איז געשטאַנען אונטער האָדלס בעט. און כאָטש כ'האָב האָדלען נישט ליב געהאַט, האָב איך פונדעסטוועגן געכאַפּט פון צייט צו צייט אַ בליק אַהין, וווּ זי האָט זיך באַלעקט.

איינמאָל האָט מיך האָדל צוגערופן, אַ קוק געטון מיר גלייך אין פּנים אַריין און דערלאַנגט מיר אַ שטיק פלאָדן:

— נא, יונגאטש — האט זי געזאגט — דא האסטו! אז דו וועסט זיין א ווילער יונג, וועסטו קריגן נאך.

צי כ'בין געווען א ווילער יונג, ווייס איך נישט. נאר אין א פאר טעג ארום האט זי מיך ווידער צוגערופן, ארומגעקוקט מיך פון אלע זייטן און געגעבן א שטיק כאלווע:

— עס ברידערל, ביסט עס ווערט... — האט זי וווילינגעריש צו־געמאכט אן אויג און דערלאנגט מיר א קניפ אין דיקן פלייש פון דער האנט:

— ס'איז גוט, הע?

די כאלווע איז טאקע גוט געווען. אבער פארוואס קומט מיר צו קנייפן אין דיקן פלייש אריין?

ס'האט ווי געטון. אויף דער האנט איז געבליבן שטיין א בלויער, אויפגעלאפענער צייכן, וואס איז מיט דער צייט געווארן שווארץ. כ'האב מורא געהאט, די מאמע זאל נישט דערזען. כ'בין מוחל געווען האדלען די כאלווע מיטן פלאדן, און זאל זי מיך אויפהערן צו קנייפן אין דער האנט אריין.

מאכט זיך אמאל, א שבתדיקער אינדערפרי. אין שטוב איז נאך נישט געווען אויפגערוימט. דאס געלע, פייכטע זאמד, וואס מען האט נעכטן פארנאכט אויסגעשיט, איז איצט געלעגן ווייס און טרוקן. אויפן פענצטער זענען געשטאנען קאלטע טעלערס מיט נאך קעלטערע פיש. די מאמע איז געהאט אוועקגעלאפן צו דער מומע מרים. עפעס האט דארטן געזאלט עמעצער אוועקפאלן. קיין טיי איז אין שטוב נישט געווען. די אלטע פאוולאווע, וואס האט שבת געהייצט ביי אונדז אונטער דער קיך, האט זיך היינט פארשפעטיקט. דער טאטע האט שוין געהאט מעביר גע־ווען די סדרה, געוואלט א גלעזל ווארעמע טיי. מוז זיין, אז פאר גרויס טרוקעניש אין מויל האט ער מיך אלע פאר מינוט גענומען מינטערן, כ'זאל אויפשטיין:

— שוין צייט צו גיין דאווענען!

אונטערן איבערבעט איז געווען ווארעם. אין שטוב איז ארומגע־לאפן א קעלט. ווי אזוי האט זיך מיר געזאלט גלוסטן אויפצושטיין? האב איך געצעגערט.

— באלד, טאטע, נאך א קליין ביסעלע.

דער טאַטע האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן, נישט אויף מיר און נישט אויף דער פּאָוואָלֶע. האָט ער פאַרוואָרפן דעם טלית אויף דער קאַפּאָטע, אויפן טלית אַרויפגעצויגן דעם פּאַלטן און אַנזאָגנדיק, כ׳זאָל למען־השם גלייך קומען אין בית־מדרש אַריין, איז ער אַוועקגעגאַנגען אַליין.

מיך האָט נאָך אַלץ נישט געגלוסט אויפצושטיין.

כ׳האָב גענומען ציילן ביז הונדערט און אָפּגעמאַכט ביי מיר, אַז ביי הונדערט און איינס שפּרינג איך גלייך אַרויס פון בעט. האָב איך אָפּגע־ציילט ביז צוויי הונדערט און... בין אַלץ געלעגן.

איז אָט אַזוי ציילנדיק, האָב איך דערהערט, ווי אין קיך פאַר־שליסט מען די טיר.

וואָס עפּעס אין מיטן דרינען פאַר אַ פאַרשליסן די טיר! וואָס גייט דאָרט האָדל טון?

ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און איך האָב דערזען האָדלען אין שטוב. מוז זיין, אַז זי האָט אַליין נישט געוווּסט, ווי אַזוי זי זעט אויס. קיין באַרכאַנקע האָט זי איצט אינגאַנצן נישט געהאַט אויף זיך. זי איז גאָר געשטאַנען אין אַ פּאָר ווייסע, ברייטע הויזן מיט שפּיצן, אַ שטייגער, ווי די קונצנמאַכערס, וואָס ווייזן שוואַרץ־קינצלעריי ביי „טשאַפּעלע" אין דער „בודע". קיין שלאָף־קופּקע האָט האָדל אויך נישט געטראָגן. איצט ערשט האָב איך דערזען, אַז האָדל האָט אַ שיטערן קאָפּ האָר. גרוי זענען זיי אויך. וואָס איז דאָס מיט האָדלען? זי קוקט זיך גיך אַרום אי־בער דער שטוב. זי גייט צו און פאַררוקט די פאָרהענגלעך ביי די פענצ־טער.

איז עס מיר געווען אַ גרויס חידוש. וואָס אַרט זי, אַז די פאָרהענג־לעך שטייען אויפגערוקט?

נאָר האָדל, זעט אויס, האָט געהאַט אירס אַ שטיקל חשבון. איידער כ׳האָב נאָך צייט געהאַט צו דערטראַכטן מיין געדאַנק ביזן סוף, האָט זיך האָדל געגעבן אַ גליטש צו צו מיין בעט און אַוועקגעזעצט זיך.

ס׳האָט מיך באַשלאָגן אַ שווייס מיט אַ היץ. ס׳איז געווען פאַר מיר אַ גרויסע בושה, וואָס אַ פרעמדע יידענע האָט זיך אַוועקגעזעצט צו מיר אויפן בעט.

איך האָב נאָך נישט געוווּסט, וואָס האָדל איז אויסן. אָבער כ׳האָב

גלייך געגעבן א צי אריבער דאָס איבערבעט איבערן קאָפּ און באַהאַלטן מיך אינגאַנצן אין דער שווייסיקער וואַרעמקייט אַריין.

— וואָס באַהאַלטסטו זיך אַזוי? — האָט האָדל אָפּגעדעקט דאָס איבערבעט. — נאַ, — האָט זי געזאָגט — נעם אַ צוקערל.

— איך וויל נישט קיין צוקערלעך! לאָזט מיך אויפהייבן!

— שריי נישט אַזוי. דו ווייסט, אַז איך האָב שוין אַמאָל דער־שטיקט אַ יינגל, וואָס האָט אַזוי געשריגן — איז איר קול מיטאַמאָל גע־וואָרן הייזעריק.

מיר האָט זיך אין דער מינוט אויסגעדאַכט, אַז איך בין טאַקע דאָס יינגל און האָדל האָט מיך שוין דערשטיקט.

אַנדערש קאָן איך עס נישט פאַרשטיין. די צונג איז מיר געבליבן פאַרשטייפט. אין די פּיס, סאַמע ביי די פינגער, איז געוואָרן אַזוי קאַלט, אַז ס'האָט אַזש אָנגעהויבן שטעכן.

— בהמה, וואָס דו ביסט — האָט זיך האָדל אינגאַנצן אַריבערגע־בויגן איבער מיר — כ'האָב פאַר דיר אָנגעגרייט פּאָמעראַנצן און וויינ־טרויבן און וועלשענע נים. און וואָס, מיינסטו, וויל איך פון דיר?

זי האָט נישט געזאָגט, וואָס זי וויל, נאָר אומגעריכט אַריינגע־כאַפּט מיין מויל צווישן אירע אָנגעדראָלענע, דיקע ליפּן.

כ'האָב פאַרלוירן דעם אָטעם. כ'האָב מיך געשטיקט, כ'האָב גע־ריסן די ליפּן פון איר מויל אַרויס. אָבער האָדל איז געווען שטאַרקער פון מיר. מיט די הענט, אַזוי ווי מיט צוויי צוואַנגען, האָט זי מיר צו־געהאַלטן דעם קאָפּ. נאָך אַ מינוט און איך האָב דערפילט נעבן מיר האָדלס פערציק־יעריק אויסגעפּאַשעט לייב.

— טייערער — האָט זי שוין נישט גערעדט, נאָר געכאָרכלט — כ'וועל דיר געבן געלט... כ'האָב אַ סך געלט. און אַ זייגערל וועסטו אויך קריגן. דו ביסט דאָך שוין אַ דערוואַקסענער בחור... מוזט דאָך האָבן אַ זייגערל!

איך דערמאָן מיך, אַזוי ווי אין חיץ: יוזשע דעם בעדנערס האָט אויך גערעדט אַזוי הייזעריק. אָבער יוזשע דעם בעדנערס האָט מיך איינ־גענומען, ווען מיר איז געווען קאַלט, ווען כ'בין געקומען פון אַ לויה. וואָס וויל האָדל פון מיר האָבן? אונטערן האַרץ־גריבל איז שלעכט. איך בין איצט אין האָדלס הענט, אַזוי ווי אַ שטויבל.

אַט גיט זי מיך אַ הויב אונטער. כ'קאָן מיך גאָרנישט ווערן.

— אַז איך וויל, מוזטו! — קריצט זי מיט די ציין און וויל מיך נעמען אויף זיך.

נאָר דאָ געשעט אַ נס. איך דערפיל מיינע כחות. איך פאַל נישט דאָרט, ווו האָדל וויל, נאָר כ'גיב מיך אַ גליטש ווייטער אויפן קאַנט אַרויף און פון דאָרט מיט איין דריי בין איך אויף דער פּאָדלאָגע.

— מענטשן, ראַטעוועט! — צעסאַפּע איך מיך.

— ווער אַנשרייען צו שרייען? — גיט זיך האָדל אויך אַ דריי אַרויס פון בעט, און אַזוי ווי איך שלעפּ מיך אויף אַלע פיר איבער דער פּאָדלאָגע, אַזוי שפּרינגט צו האָדל און שפּאַרט אָן איר שווערן טריט אויף מיין קאַרק.

נישט אַנדערש, נאָר האָדל גייט מיך דערשטיקן, אַזוי ווי זי האָט דערשטיקט יענע יינגל.

כ'ווייס נישט, ווי אַזוי ס'איז געקומען צו מיר דער איינפאַל. גאָט אַליין, מוז זיין, האָט מיר געהאָלפן אויסדרייען דאָס פּנים און געבן זיך אַ ביס איין מיט די ציין אין האָדלס פוס.

— גנבֿ! — האָט זיך די יידענע צעשפּרונגען מיט אַ שפּיציק קול — מערדער!

איך האָב אָפּגעלאָזט דעם פוס. האָדל שפּרינגט אויפן אַנדערן פוס, אַזוי ווי אַ געפּענטעטע גאַנדז.

— אַז ברענען זאָלסטו, געמיינער הינטישער זון! — שרייט זי — וואַרט, איך וועל דיר שוין צושטעלן אַ בענקעלע. אַזאַ קליינער ממזר און קריכט שוין צו ווייבער אַ כאַלערע זאָל אויף דיר קומען.

זי כאַפּט פּלוצלינג אַ לייכטער פון טיש אַראָפּ און גיט אים אַ שלייַ־דער אַהין, ווו איך בין שוין איצט געשטאַנען און מיט איילנדיקע הענט אַרויפגעצויגן די הויזן.

דער לייכטער איז געפאַלן אין ווייכן איבערבעט אַריין און דאָרט געבליבן ליגן, ווי אַ מת. האָדל האָט אַריינגעטאַנצט אין קיך אַריין אויף איין פוס. איך אַליין האָב אויך געמוזט אויסזען, ווי אַ מת.

כ'האָב מיך אָנגעטון אין איין אויגנבליק, דורך דער קיך האָב איך נישט געקאָנט דורכגיין . האָדל זיצט דאָרט. האָב איך אויפגעקייטלט ס'פענצטער און דורך די קאַלטע פיש, איבער דער געגליווערטער פיש־יויך, בין איך אַרויסגעשפּרונגען פון שטוב.

— אז ברעכן זאָלסטו הענט און פיס מיט לייב און לעבן! — האָב איך געהערט האָדלס ברכה.

אין גאס בין איך ארויסגעפאַלן אויף מענטשן. כ'האָב, דאכט זיך, געבלאָנדזשעט. ווו אזוי גיי איך דאָס אין בית מדרש אריין? כ'בין דאָך גאָר פארקראָכן צום אלטן גארטן. און וויי איז מיר! וואָס וועט דער טאַטע זאָגן און וואָס וועל איך אים זאָגן?

ס'האָט געדויערט לענגער, ווי אַלע מאָל, ביז איך בין געקומען אין בית־מדרש אריין. מען האָט שוין געהאַלטן אינמיטן דאַווענען. דער טאַטע, ארומגענומען מיטן טלית אויפן קאָפּ, האָט פון א זייט א קוק געטון אויף מיר מיט בייזע, שווערע אויגן. ער האָט גאָרנישט גערעדט. ער האָט נאָר ארויפגעלייגט א גרויסע האַנט אויף מיין אַקסל און מיט א כמורנע קול אָנגעוויזן מיר אין סידורל אריין:

— נו, אַ...

איך האָב מיך איינגעגראָבן מיט די אויגן אין די געלע, האַלב־צעריסענע בלעטלעך. אָבער קיין אותיות האָב איך נישט געזען. אויפן קאַרק האָט געברענט דעם טאַטנס שווערער בליק. צווישן די שורות איז געלעגן די גאַנצע האָדל. איך האָב נישט געוווסט, צי דאַרף מען שוין איבערמישן, צי נישט. כ'האָב נישט געהערט, ווו מאַשקע חזן האַלט. דער טאַטע האָט אַלע פּאָר מינוט ארויסגעבויגן דאָס פּנים פון אונטערן טלית אפער און הויך געברומט:

— נו, אַ...

ער האָט נישט געטאָרט אויסרעדן. אָבער אין בלויזן ברום זיינעם, וואָס איז געגאַנגען מער פון דער נאָז, ווי פון מויל, האָב איך געהערט, ווי ער פרעגט מיט עקשנות:

— ווו ביסטו דאָס געווען אזוי לאַנג? פאַרוואָס דאַוונסטו נישט, פאַרוואָס? און וואָס ביסטו מיר אזוי צעחושט, וואָס?

א שווער אָפּקומעניש געווען דאָס דאַווענען, א פּיין, א גיהנום. כ'האָב געבעטן גאָט — מען זאָל עס שוין איבערקומען, מ'זאָל שוין אהיימגיין. אָבער דאָס גיין אהיים איז געווען נאָך שווערער.

— וואָס איז עפּעס דער מער מיט דיר, מענדל? — האָט מיר דעם טאַטנס קול געדלוביעט אין מוח, אזוי ווי מיט אַן אַל.

— גאָרנישט. וואָס זאָל זיין?

— פאַרוואָס ביסטו נישט באַלד געקומען אין בית־מדרש אריין?

— כ'האָב נישט געהאַט קיין קלאָר העמד — האָב איך גלייך אויס־געטראַכט אַ ליגן.

— וואָס הייסט, נישט געהאַט קיין קלאָר העמד? ס'איז דאָך געלעגן אָנגעגרייט אויף דער שטול.

— כ'האָב עס נישט געקאָנט געפינען.

— ננע... און די מאַמע איז נאָך נישט געהאַט צוריקגעקומען?

— ניין.

— ביסט מיר עפּעס אינגאַנצן צעחושט, מענדל, וואָס איז דיר? אפשר ביסטו נישט געזונט?

— דער קאָפּ טוט מיר אַביסל וויי.

כ'האָב נישט געזאָגט קיין ליגן. דער קאָפּ האָט מיר טאַקע וויי גע־טון. ס'האָט מיר געהאַקט אין די שלייפן. אונטערן האַרץ־גריבל איז גע־לעגן אַ ניכטערנע נישט־גוטקייט.

דער טאַטע האָט לאַנג און פאַמעלעך אַראָפּגעקוקט צו מיר. שווער געווען צו וויסן, צי ער גלויבט מיר, צי נישט. אָבער מיט קיין קשיות האָט ער מיך שוין מער נישט פאַרפּייניקט.

מיר זענען געגאַנגען שווייגנדיק. דער שניי האָט היימלעך געסקרי־פּעט אונטער די פיס. אַן אַנדערש מאָל וואָלט איך שוין געכאַפּט אַ גליטש אין פאַרפרוירענעם רינשטאָק. כ'וואָלט מיך אַוועקגעגנבעט פון טאַטנס שבתדיקע טריט און געהאָלפן חברה־יינגלעך מאַכן אַ מענטש פון שניי. היינט אָבער האָט די ווייסע, שבתדיקע גאַס אויסגעזען אין מיינע אויגן שוואַרץ. ס'איז מיר געווען קאַלט. דער סקריפּנדיקער שניי האָט אויס־געשריגן מיין חטא. כ'האָב מיך געשעמט צו גיין נאָענט ביים טאַטן, אַזוי ווי כ'וואָלט מורא געהאַט נישט מטמא צו זיין דעם טאַטנס שבתדיקע קאַפּאָטע מיט מיין אומריינעם גוף.

אַז מיר זענען אַהיימגעקומען, זענען שוין די פייערקעס אויף דער קיך געווען ווייס פון היץ. די טעפּ זענען שוין געשטאַנען פאַרדעקט מיט שטערצלעך און געוואָרעמט זיך. ס'האָט זיך געפילט אַ ריח פון גענדזגס, פון זיס קרויט, פון איבערגעברענט האָלץ.

די מאַמע איז שוין געהאַט צוריקגעקומען פון דער מומע מרים. זי האָט דערציילט, אַז פעטער שמואל האָט זיך נעכטן ביינאַכט איבערגע־געסן און איז, נישט דאָ געדאַכט, אַוועקגעפאַלן אויפן בויך. טוביה רופא האָט אים געשטעלט פּיאַווקעס. פאַמעלעך האָט זיך די מאַמע אַצינד גע־

שאַרט פון איין קאָפּ־שטיק צום צווייטן, גלייך געמאַכט די איבערבעטן, צוגעגלעט. אויף איין רגע האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ביים טאַטנס בעט האָט זי זיך לענגער אָפּגעשטעלט. ס'האַרץ איז אין מיר אַנטפאַלן. דער־קענט זי דאָרט עפּעס? האָט זי דאָרט עפּעס דערזען?

אָבער באַלד האָט די מאַמע איבערגעדרייט דאָס איבערבעט, איינ־געלייגט אין צווייען און שטיל אַרומגעצערטלט עס פון אויבן.

האָדל איז געשטאַנען אין אונדזער שטוב מיטן פּנים צום פענצטער. זי איז געווען אָנגעטון אין אַ שוואַרץ קלייד מיט אַ לאַנגער, גאָלדענער קייט אויפן האַלדז. אַ ברייטע, אַן אויסגעבעטע, האָט זי זיך לייכט גע־שאָקלט אין די שויבן אַריין איבער אַ סידור.

כ'האָב געקוקט אויף איר פון אַ זייט. כ'בין געווען זיכער, אַז אָט וועט זי זיך געבן אַ דריי אויס און הויך, אויף אַ קול, אויסשרייען, פאַר־וואָס איך האָב מיך היינט פאַרשפּעטיקט צום דאַווענען. כ'האָב מיך גע־גרייט צום ענטפערן. איך האָב דאָך אויך געהאַט עפּעס צו זאָגן...

אָבער האָדל האָט נישט גערעדט. זי איז אַרומגעגאַנגען אַ ברוגזע, אַ כמורנע, נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, נישט געקוקט קיינעם אין פּנים אַריין.

— האָדל — האָט די מאַמע געפּרוווט פרעגן — האָסט, חלילה, עפּעס עגמת־נפש, וואָס דו גייסט אַזוי אַרום?

האָדל האָט נישט געענטפערט. באַלד נאָכן עסן איז זי אַוועקגעגאַנ־גען, געזוימט זיך אַ גאַנצן שבתדיקן טאָג און ערשט שפּעט ביינאַכט, ווען דער טאַטע איז שוין געזעסן אויפן בעט און אַראָפּגעצויגן די שטיוול — איז האָדל צוריקגעקומען.

***

איך האָב אָפּגעמאַכט ביי מיר צו האַלטן זיך פון האָדלען וואָס מער פונדערווייטנס. כ'האָב דאָך שוין געוווסט, וואָס זי איז אויסן געווען מיט די שטיקער כאַלווע און מיטן פלאָדן. שבת בין איך שוין אין בעט קיינמאָל לענגער נישט געבליבן. פאַרקערט, כ'בין אַ סך מאָל אויפגעשטאַנען פריער פאַרן טאַטן.

האָדל אַליין האָט פון יענעם שבת אָן אויפגעהערט צו רעדן, נישט נאָר מיט מיר, נאָר מיט דער גאַנצער שטוב שטאָק־ברוגז. נישט געקענט

קיינעם און נישט געפרעגט נאָך קיינעם. פראַנק און פריי איז זי ביזן גרויסן טאָג אַריין אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב אין אַן אויסגעשניטן העמד, מיט נאַקעטע עלנבויגנס. זיבן מאָל אין טאָג האָט זי געשלאָסן דעם קופערט אירן, הויך פאַרקלאַפּט די דעק, געקאָכט אין דער מאַמעס טעפּלעך, צעהאַקט גלעזער. נישט אַנדערש, נאָר די יידענע איז משוגע געוואָרן. די מאַמע האָט געקוקט און געשוויגן.

דער טאַטע, וואָס פלעגט אוועקפאָרן באַגינען, האָט האָדלען אין אַזאַ העמד קיינמאָל נישט געזען. ווען ער האָט פאַרמאַכט די טיר — האָט זי זיך איבערגעדרייט אויף דער אַנדערער זייט. ווען ער איז בייַנאַכט צו־ריקגעקומען — איז זי שוין געווען מיד פון אַרומטראָגן אַ גאַנצן טאָג דעם ווייבערשן כעס.

איינמאָל נאָר, ווען די מאַמע איז, נישט היינט געדאַכט, געלעגן צו בעט, און דער טאַטע איז צוליב דעם געבליבן אין שטוב, האָט ער האָדלען יאָ געזען.

זי האָט זיך געדרייט, אין אויסגעשניטענעם העמד, פון קיך אין שטוב אַריין און פון שטוב אין קיך אַריין. זי האָט געהאַט אין יענעם טאָג אַ סך צו טון ביים קופערט אירן. זי האָט אַריינגעלייגט און אַרויס־גענומען, אויפגעשלאָסן און פאַרשלאָסן. דער טאַטע איז געשטאַנען אין טלית און תפילין און געדאַוונט. צי האָבן זיך זיינע אויגן לענגער פאַר־האַלטן אויף האָדלען איז שווער געווען צו וויסן, נאָר ער האָט עפּעס מיט־אַמאָל גענומען זאָגן הויך, גיך.

די מאַמע איז געלעגן שלאַף. זי האָט נישט געקאָנט רעדן. נאָר ווען זי איז, מיט גאָטס הילף, אויפגעשטאַנען פון בעט און האָדל איז ווייטער אַרומגעגאַנגען אין אויסגעשניטענעם העמד, האָט זיך די מאַמע צו איר אָנגערופן:

— האָדל, ס'איז דיר נישט קאַלט אַזוי?

האָדל האָט אַריינגעשטעקט איר גרויס פּנים אין אַ קליין טעפּעלע, וואָס האָט זיך געקאָכט אויף דער קיך און דאָרט אַריין צוריקגעפרעגט:

— פאַרוואָס זאָל מיר קאַלט זיין? ס'ברענט דען נישט אונטער דער קיך?

— אָבער ווי גייט מען דאָס אַרום אַזוי אַ גאַנצן טאָג?

— ווי אַזוי גיי איך דאָס אַרום, ווי אַזוי?

— כ׳ווייס... וואָלסט אפשר גענומען עפּעס אויף דיר? ס׳איז נישט גלייך.

– זע נאָר, ס׳איז גאָר נישט גלייך... מיט וואָס האָב איך מיך דאָס צו שעמען? ס׳איז דען נישט מיינס?

— אָבער, האָדלשי, אין דיינע יאָרן... כ׳ווייס... ס׳דרייט זיך ארום א יינגל אין שטוב...

— זע נאָר, ווי זי האָט דאָס אביסל מורא פאַרן יינגל? — האָט האָדל געגעבן א שפּיץ אויס דאָס פּנים אויף דער שטוב ארוים — נישט־קשה, ס׳יינגל דיינס, דאָס נעבעכל, ווייסט מער, ווי מיר ביידע.

אין מיר איז געזעצט געוואָרן דאָס בלוט. אָט — געקומען די מינוט. האָדל גייט דערציילן, האָדל גייט אויסשרייען. ווו טוט מען זיך אהין? וואָס זאָגט מען?

— נו, שאַ, שאַ! — איז די מאַמע אזוי ווי אָפּגעשפּרונגען און מיט ביידע הענט גענומען אוועקטרייבן פון זיך האָדלס ביטערע רייד — זאָלן שוין דיינע שונאים בעסער רעדן.

— כ׳בעט דיך זייער, פרימעט — האָט זיך האָדל אוועקגעשטעלט אינמיטן שטוב, פאַרלייגט די הענט אויף ביידע באַקעס — פון ווען אָן ביסטו דאָס געוואָרן אזא פרומע גבאיטע?

דער מאַמעס פּנים האָט אין דער איצטיקער מינוט אויסגעזען צוויי מאָל אזוי גרויס, ווי ס׳איז געווען. צעטומלט, אראָפּגעפּירט פון גלייכן וועג.

— כ׳בין נישט געוואָרן קיין גבאיטע — האָט זי זיך גענומען פאַר־ענטפערן — נאָר אין א שטוב, ווו עס דרייען זיך ארום מאַנסלייט...

— טאָמער קענסטו ווייזן! מאַנסלייט... כ׳זאָל שוין האָבן אזא יאָר, ווי דיין לייזער האָט נישט פיינט דאָס, וואָס אַנדערע האָבן ליב... בע־בע...

די יידענע האָט עס געזאָגט מיט אזא נצחונדיקער, פאַרסודעט שמייכלען, מיט אזא געמיינער פאַרריסנקייט, אז דער מאַמעס ליפּן האָבן זיך מיטאַמאָל פאַרמאַכט. ס׳איז געווען צו דערקענען, אז זי שלינגט איצט אראָפּ נישט א פול מויל מיט אָטעם, נאָר א פול מויל מיט בלוט.

ביי מיר אין קאָפּ האָט עס געשטאָכן. כ׳וואָלט שוין מוחל געווען מיין עוולה. אָבער דער מאַמעס צער האָט געריסן לעבעדיקע פאַסן פון מיין לייב. ווען איך קען אזוי צושפּרינגען און געבן האָדלען א קאָפּ אין בויך אריין, וואָלט מיר צוגעקומען הונדערט יאָר לעבן.

מוז זיין, אז די מאמע האָט עפּעס דערקענט. זי האָט אָנגעשטעלט אויף מיר אירע בלויע, לויטערע אויגן האַלב־דרימלדיק, פאַרטרויערט. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז דער דאָזיקער בליק אירער פאָדערט פון מיר דין־וחשבון: איך זאָל זאָגן.

יאָ, כ׳וואָלט געזאָגט. כ׳וואָלט אַלץ דערציילט. נאָר אפשר וועט דאָס נאָך ערגער מאַכן?

א סך טעג דערנאָך איז די מאמע ארומגעגאַנגען אַ שווייגנדיקע, אַ קליינע, אַזוי ווי האָדל וואָלט געוואָרפן אויף איר נישט מיט קיין רייד, נאָר מיט שטיינער.

עס זענען געקומען אויפדערנאַכטן טונקל־גרויע, אומהיימלעך־שווע־רע. די מאמע האָט פאַרדאַכטן, געצערעוועט, געלייגט לאַטעס. האָדל האָט ווייטער געקאָכט אירע טעפּעלעך. זי האָט זיך ווייטער אויסגעדרייט צו דער וואַנט און דאָרט אריין אויסגעכלעפּטשעט דאָס יאיכל מיט די הינע־רישע פליגעלעך.

ביי אונדז האָט מען, אין יענע טעג, קיין פלייש אינמיטן דער וואָך נישט אָנגעזען. אינדערפרי האָט די מאמע געקאָכט גריץ, אויפדערנאַכט — באָרשט מיט צוגעריישטע קאַרטאָפל.

דער ריח פון האָדלס הינערישע יאיכלעך האָט זיך אָפּגעזעצט אויפן גומען מיט אַ הונגעריקער זיסקייט. פאַרן שלאָפן גיין האָט האָדל געקייעט מיט אַ פאַרמאַכט מויל שטיקער פּאָמעראַנצן.

האָט מען געקאָנט אַזאַ האָדלען ליב האָבן? שוין מוחל דאָס, וואָס בשעת מיר האָבן זיך געלייגט מיט אַ פולן בויך קאַרטאָפל, האָט זי גע־נאַשט פּאָמעראַנצן. אָבער וואָס האָט זי געוואָלט פון מיר? און וואָס האָט זי געהאַט צום טאַטן מיינעם, וואָס?

די מאמע האָט אַ צייט געשוויגן. ס׳איז געווען זייער אַ לאַנג און זייער אַ ווייטיקלעך שווייגעניש.

ביז איינמאָל, שפּעט אויפדערנאַכט שוין, ווען דער טאַטע האָט מיטן לעפל געלאָסן געשניטן די צעריבענע קאַרטאָפל, האָט די מאמע, וואָס האָט געהאַלטן אין לייגן אַ לאַטע אויף אַ העמד, גענטער זיך צוגע־רוקט צום טאַטן און געזאָגט מיט אַ שטיל, איינגעהאַלטן קול:

— לייזער!

די טיר אין קיך אריין איז געשטאַנען צו. איך האָב שוין געהאַלטן ביים אַנדרימלט ווערן. דורך די פאַרמאַכטע אויגן, מיטן האַלב־שלאָפנדיקן

געמיט, האָב איך, ווייזט אויס, דערפילט, אַז די מאַמע גייט איצט רעדן מיטן טאַטן אַזעלכעס, וואָס איך טאָר נישט הערן.

אפשר איר תיינטיק קול, אפשר די גאַנצע צייט פון איר ביטער שווייגן האָבן געמאַכט, אַז איך זאָל אויפשטעלן מויל און אויערן און אונטערהערן טאַטע־מאַמע.

— לייזער — האָט די מאַמע נאָכאַמאָל איבערגעחזרט און צוגע־בויגן זיך גאָר נאָענט צום מאַן איר.

— העי? — איז דער טאַטע שטיין געבליבן מיטן לעפל אין טעלער.

— זאָג מיר דעם אמת, לייזער...

דער טאַטע האָט אויסגעדרייט די באָרד. זיין פּנים איז געווען פאַר־נומען מיט א בלינדער נייגעריקייט.

— וואָעס? — האָט ער געפרעגט.

— זעפּט, לייזער — האָט די מאַמע זיך געשטיקט מיט יעדן וואָרט — האָדל...

— וואָס האָדל?

— האָדל זאָגט... ס'הייסט, זי זאָגט עס נישט אָפן...

די מאַמע האָט אַרויפגעלייגט א האַנט אויפן טאַטנס אַקסל.

דעם טאַטן, זעט אויס, האָט עס שוין גענומען אַרן. האָט ער אוועק־גערוקט דאָס עסן און מיט א האַלב־געעפנט מויל געקוקט דער מאַמען אין פּנים אריין.

— כ'פאַרשטיי גאָרנישט, וואָס דו רעדסט, פרימעט! וואָס זאָגסטו?

— כ'זאָג... — איז דער מאַמעס קול געוואָרן נידעריק און טיף — ס'הייסט, איך פרעג דיך נאָר: זאָג מיר דעם אמת... דו מיט האָדלען... העי?

— וואָעס?

ביידע זענען געזעסן מיט די פּנימער צום בעט, ווו איך בין געלעגן. מ'האָט א ווײַלע געשוויגן. אָנגעקוקט זיך און געשוויגן. אין דער מאַמעס קול האָט געקלונגען א פאַרוויינט געבעט. דעם טאַטנס פּנים איז געוואָרן בלייך.

— פרימעט! — האָט ער איבערגעריסן די שטילקייט מיט אַן ענ־גער שטים — פונוואַנען פאַלסטו עס אויס?

— זי אַליין, האָדל...

— וואָס זי אַליין?

— זי האָט געזאָגט, אַז דו מיט איר...

ס'האָט נעדויערט אַ קליינע רגע. אַ רגע פון באַשטימען, פון ישוב־הדעת. דער טאַטע האָט זיך פּלוצלינג אויפגעשטעלט, האַסטיק אוועקגע־רוקט דאָס בענקל און געמאַכט אַ טריט צו דער פאַרמאַכטער טיר אין קיך אַריין.

— לייזער! — האָט זיך די מאַמע מיטאַמאָל אויפגעשטעלט און פאַרשטעלט אים דעם וועג — וואָס גייסטו טון?

— לאָז מיך נאָר אַריין צו איר!

— לייזער!... — האָט די מאַמע פאַרוואָרפן ביידע הענט אויפן טאַטנס אַקסלען —כ'באַשווער דיך, הערסט, אַז נישט — זאָל איך נישט דערלעבן...

— שווער דיך נישט, הער־אויף, פרימעט! כ'מוז די דאָזיקע מכשפה איינמאָל פאַר אַלע מאָל אָנלערנען!

— וועסט נישט אַריינגיין! — האָט זיך די מאַמע געקלאַמערט אַרום איר מאַנס האַלדז — כ'גלויב דיר. אַז כ'וואָלט דיר נישט געגלויבט, וואָלט איך דאָ קיין איין מינוט נישט געבליבן. נו, הער אויף. קום אַהער, זעץ דיך צום טיש.

— ניין, פרימעט. שוין זאָל זי זיך „ווינאַשען” פונדאַנען! אַזאַ גע־מיין שטיק! אַזאַ נבפּהניצע!

— לייזער, וועסט נישט גיין! ניין, אַזאַ כבוד וועסטו איר נישט אָנטון. נו, זעץ דיך שוין, איך בעט דיך.

זי האָט דעם טאַטן צוריק צוגעצויגן צום טיש. ער האָט זיך אַלע ווײַלע אומגעקוקט צו דער פאַרמאַכטער טיר. אָבער סוף כל סוף האָט די מאַמע אויסגעפירט אירס. געגעסן האָט ער שוין אָבער נישט.

אין מיר האָט זיך אַלץ געוואָרפן. צום ערשטן און צום לעצטן מאָל אין לעבן האָב איך געזען דער מאַמעס פאַרוואָרפענע הענט אויפן טאַטנס האַלדז.

זיי האָבן נאָך אַ צייט גערעדט. זייערע רייד זענען אַרומגעקראָכן איבער דער שטוב, אַזוי ווי מידע, פאַרשיכורטע פליגן. דער שלאָף האָט מיר פאַרשטאָפּט ס'געהער. כ'בין אַנטשלאָפן געוואָרן מיטן אָנבליק פון דער מאַמעס פאַרוואָרפענע הענט, וואָס האָבן אין מיין דמיון געפלאַטערט, אַזוי ווי צוויי ווייסע, ריינע פייגל.

אינמיטן דער נאַכט האָט מיך עפּעס אויפגעוועקט. כ'האָב געפילט

אין מויל, אזוי ווי מען וואָלט מיר דאָרט געגעבערט מיט אַן אָל. אין קאָפּ האָט עס געריסן. אַרום מיר, אין בעט איז געווען ליידיק. דער טאַטע, זעט אויס, איז שוין געהאַט אוועק מיטן פֿויער אין דאָרף אַריין.

אָבער וואָס ציט מיך אַזוי? וואָס דרייט עס דאָרט און פּייניקט? אַ צאָן זאָל עס זיין? ניין. נישט איין צאָן איז עס נאָר ס'גאַנצע מויל ברענט. דער ווייטיק דרייט זיך פֿון מוח אין די פּלייצעס אַריין, פֿון דאָרט נייט ער אין די שפּיץ פֿינגער פֿון די פֿיס.

כ'האָב מורא צו שרייען. כ'וויל נישט אויפֿוועקן קיינעם. כ'דריי מיך און קרעכץ. כ'באַהאַלט דאָס פּנים אונטערן איבערבעט אַרונטער. אָבער די מאַמע דערהערט פֿאָרט, אַז איך שלאָף נישט.

— מענדלשי? — האָט זיך פֿלוצלינג דערטראָגן איר אויפֿגעוועקטע שטים — וואָס קרעכצסטו אַזוי? ס'איז דיר, חלילה, עפּעס?

— אוי!... — האָב איך שוין הויך אָפּגעזיפֿצט — די ציין, מאַמע!

— און ווי איז מיר! פֿונוואַנען קומט צו דיר צאָן־ווייטיק?

זי איז אַרויס פֿון בעט. אין דער פֿינצטער האָט זי געשאַרעוועט מיט די הענט איבער טישן און איבער בענקלעך.

— וווּ זענען ערגעץ די זאַפּאַלקעס, ווו?

די פֿינצטערניש אין שטוב איז היינט געווען שוואַרצער, ווי אַלע מאָל. שטיקער האָט מען געקאָנט פֿון איר שניידן.

צוזאַמען מיט דער פֿינצטערניש איז אויך געוואַקסן דער ווייטיק. ער האָט געשטאָכן אין רוקן. ער איז געקראָכן טיף דאָרט ערגעץ אין לייב אַריין, אין די געהירן אַריין. אַז די מאַמע האָט שוין סוף כל סוף געפֿונען די שוועבעלעך און אָנגעצונדן ס'לעמפּל, האָב איך מיך ערשט גענומען דרייען און קנוילן, אַזוי ווי אַ שלאַנג.

— ווייז נאָר אַהער, מענדלשי קרוין! — האָט זיך די מאַמע אַראָפּגעבויגן איבער מיר — וווּ איז עס, ווייז נאָר?

מיט אַ גרויסן, לאַנגן פֿינגער האָט זי געזוכט ביי מיר אין מויל. ס'האָט מיך געשטיקט. כ'האָב געגאַוועט איבער דער גאַמבע אַריבער. דאָ האָב איך מיך אויפֿגעזעצט און דאָ געלייגט. כ'האָב מיך געוויגט, גענורעט זיך, אָבער דער ווייטיק איז געווען שטאַרקער פֿון מיר.

די מאַמע האָט געזוכט שפּירטעס. קנאָבל, פֿעפֿער. זי איז געלאָפֿן מאַכן אַ הייס ביסל זאַמד. די גאַנצע שטוב מיט דער שאַנק, מיט דער קאָמאָדע, מיטן זייגערל — אַלץ איז אויפֿגעשטאַנען, אַלץ איז געלאָפֿן. בלויז

האָדל האָט געשנאָרכט הויך, הפקרדיק, ביז ס'האָט זי, זעט אויס, אויך אויפגעוועקט.

— וואָס איז דאָרט? וואָס שרייט מען אַזוי? — האָט זיך פּלוצלינג דערטראָגן אַ בהלהדיק קול פון קיך אַרויס.

— אוי, האָדלשי — האָט די מאַמע פאַרגעסן, אַז זי איז ברוגז מיט דער מכשפה — אַ צאָן, נעבעך... שרעקלעכע יסורים! בראש ווייס איך גאָרנישט, צי ס'איז דאָ אין שטוב אַביסל שפּירטעס. אפשר האָסטו, האָדל, אַביסל שפּירטעס?

— כ'האָב נישט קיין שפּירטעס. פונוואַנען קומט צו מיר שפּירטעס?

— וואָס־זשע דען טוט מען? — איז די מאַמע געלאָפן איבער דער שטוב, ווי אַן איבערגעשראָקענער פויגל.

— וואָס מען טוט? — האָט האָדל אַריינגעשריגן מיט אַ שפּיציק קול — זע נאָר, ווי זי פרעגט זיך, מען דערשטיקט אים און פּטור!... אַ יונג זאָל דיר נישט לאָזן צוטון קיין אויג...

די מאַמע האָט שוין גאָרנישט געבעטן ביי האָדלען. זי האָט אַזוי לאַנג געזוכט, ביז זי האָט געפונען שפּירטעס. זי האָט מיר געגעבן צו האַלטן אויפן צאָן, געלייגט מיר קאָכעדיק זאַמד צו דער באַק, איינגענומען מיך מיט אירע ציטערדיקע, וואַרעמע הענט און אַזוי אַרום געלינדערט מיר אַביסל די יסורים.

אָבער האָדל איז שוין נישט געשלאָפן. איר קול האָט געגעסן, אַזוי ווי זשאַווער.

— קיין אויג לאָזט מען נישט צו טון, אַ האַלבע נאַכט געשושקעט זיך מיטן מאַן: „פּעטשע־מעטשע, מעטשע־פּעטשע". אַז מען וויל זיך שושקען מיטן מאַן — נעמט מען נישט אַריין קיין „קאָמאָרניצעס" (סובלאָקאַטאָרינס). איצט — דער ממזר מיט די ציין זיינע. ווער האָט אים געהייסן האָבן ציין, ווער? אַז דערשטיקט וואָלט איך אים, ווי גרויס ער איז!...

— ווער אַליין דערשטיקט און דערוואָרגן, ליבער גאָט אין הימל!

— האָט די מאַמע אַרויסגעזאָגט מיטן גאַנצן האַרץ און נאָך וואַרעמער, טיפער אַרומגענומען מיין צעווייטיקטן קאָפּ.

# קאַפּיטל ניין

דער טאַטע האָט האָדלען מער נישט געוואָלט האַלטן. ער זאָל וויסן — האָט ער געזאָגט — צו וווינען אויף דער גאַס, וועט ער מיט דער פאַר־שאָלטענער יידענע אונטער איין דאַך נישט בלייבן.

האָדל האָט זיך נישט געלאָזט. זי האָט געשריגן, אַז זי איז אַן אַלמנה, נעבעך, אַז מען וויל זי אומגליקלעך מאַכן, אַז מען האָט זיך אָנ־געלייגט אויף איר און מען וויל זי אומברענגען פון דער וועלט. אָבער דער טאַטע האָט זיך איינגעשפּאַרט: ניין און ניין. ביז האָדל האָט זיך בחרפּתנו אַרויסגעצויגן.

די זון האָט אין יענעם טאָג געגלאַנצט מיט אַ זילבערנעם אָפּשיין אין רינשטאָקן, אויף פאַרשטויבטע שויבן, אויף פייכטע דעכער.

מיידן מיט צעשויבערטע קעפּ, אין אויפגעשאַרצטע אונטערקליי־דער, זענען געשטאַנען אין אויפגעפּראַלטע פענצטער, געריבן די וויט־רינעס, געפּוצט די שויבן, געזונגען לידער פון ליבעס און פון יתומים.

פּסח איז געגאַנגען. דער שיינער יום־טוב, וואָס מיין מאַמע האָט געזונגען פון אים אַ ליד:

„פּסח — יום־טוב, דער שענסטער יום־טוב,
עסן עסט מען צו דער זעט.
דאָס ווייב איז אַ מלכה, דער מאַן איז אַ מלך,
דער דלות טאַנצט אויפן היסב־בעט".

ביי אונדז, אויפן הויף, וווּ ס'האָט אַ גאַנצן ווינטער געשמעקט מיט חזיר און מיט פאַרזויערטע אוגערקעס, האָבן זיך געוואַלגערט קאָפּשטיקן פון בעטן, אָפּגעבראָכענע פיסלעך פון שענק, צוזאַמען מיט אויסגעריסע־נע בלעטער פון אַ צעשיט טייטש־חומש.

די מאַמע, פאַרוויקלט דעם קאָפּ מיט אַ גרוי שטיק לייוונט, אַ פאַר־שטויבטע, אַ פאַרריסטע, איז אַרומגעקראָכן מיט אַ פלעדערוויש איבער יענע ליידיקע ערטער, פונוואַנען מען האָט אַוועקגערוקט די קאָמאָדע מיט די בעטן. זי האָט געוווישט דעם שטויב פון די ווענט, דאָס שפּינוועבס פון בעליק, די פּיס־געזימסן ביי דער פּאָדלאָגע.

איז אָט, אין יענעם טאָג, בשעת אַלץ איז געווען פאַרטראָגן, האָט זיך ביי אונדז אין שטוב באַוויזן יענער הויכער יונג אין אויסגעשטעפּטן

שפּאַנצער, וואָס האָט האָדלען געהאַט צו אונדז אַריינגעצויגן. ער איז געקומען אַ צעשמייבלטער און מיט אַ הויל קול געפרעגט אין דער האַלב־אויסגעליידיקטער שטוב אַריין:

— מען ציט זיך שוין ווידער, האָדלשי?

— נישט דיין עסק — האָט אים האָדל בייז צוגעוואָרפן — נעם די זאַכן און פאָר!

דער יונג האָט אַ צי געטון דעם פּאַסיק פון די הויזן, צעשטעלט ברייטע פיס, אַזוי ווי אַ שער, און גענומען זיך צו האָדלס קופערט מיט די געקאָוועטע רייפן.

דורך דער צייט, וואָס האָדל האָט געוווינט ביי אונדז, איז דער קופערט, זעט אויס, שווערער געוואָרן. דער יונג האָט געשוויצט, ער האָט פאַרדרייט ס׳מויל אין אַ ווינקל אַריין, ענגער פאַרצויגן דעם פּאַסיק אַרום די הויזן און אָנגעהויבן רעדן צום קופערט, ווי מען רעדט צו אַ פאַרשטענדלעך, אָבער איינגעעקשנט באַשעפעניש:

— נו, געפאָרן! האָב דיר אַ שוואַרץ לעבן. זע נאָר, ווי דאָס האָט זיך אָנגעפרעסן אַביסל... נו, יחסן מיינער, גיב דיך אונטער, אַ קלאָג אויף דיין קאָפּ!...

— צו וועמען רעדסטו דאָס אַזוי, משוגענער? — האָט האָדל פאַרחידושט געפרעגט.

— פאַרשטייט איר מיך, האָדלשי — האָט דער יונג פאַרמאַכט איין אייגל — דער קופערט איז, קיין עין־הרע, אַ שמאַלציקער... ער האָט, זע איך, געקריגן אַ נגידיש בייכל... מוז מען אַזאַ חזיר אַביסל אונטערשטופּן...

— שטופּ דיר אונטער דעם נאַרישן קאָפּ דיינעם, אָקס איינער! — האָט האָדל אויסגעבייטלט צו אים איר שווער האַרץ — נו, פאָר שוין אַרויס מיט אים, שטרויענער צעלייגער מיינער...

דער יונג איז מיטן קופערט סוף כל סוף אַרויסגעפאָרן. ער האָט אים אָוועקגעשטעלט אויף אַ האַנט־וועגעלע, אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק, דערנאָך האָט ער געפּרווט אויפהויבן האָדלס פּאַק בעטגעוואַנט. אָבער אויך דעם בעטגעוואַנט, זעט אויס, איז מיט דער צייט צוגעקומען. דער יונג האָט אויך דאָ פאַרשאַרצט דאָס מויל אין אַ ווינקל אַריין און אָנגעשטרענגט, שווער געזאָגט:

— טראָגנדיק געוואָרן, צי וואָס?

— הער שוין אויף צו „נאבלען" (פלוידערן), ליימענער גולם!

אזוי ארום, איבערווערטלענדיק זיך מיט הארלען און מיט די זאכן אירע, האט דער יונג ביסלעכווייז אויסגעלייריקט אונדזער שטוב פון האדלס ביסל ווירטשאפט.

האדל אליין האט נישט געזאגט קיין „גוטן טאג". זי האט אפילו נישט אויסגעדרייט ס'פנים אין שטוב אריין. נאר אז זי איז שוין געשטאנען אויף יענער זייט טיר און דער יונג האט שוין געהאט ארויפגעלאדעוועט אלץ אויפן וועגעלע, איז זי געגעבן א לויף צו צום אפענעם פענצטער און א שריי אריין:

— זאלסט ברענען, ווי קין! דו מיט דיין מאן, דעם נואף, און מיט דיין ממזרישן זון!

פון אינעווייניק, ווו די מאמע האט זיך געפארעט, האט האדל קיין ענטפער נישט געקריגן. דאס, זעט אויס, האט זי נאך מער צעיושעט. האט זי זיך אריינגעבויגן ביז אין דער העלפט אין שטוב אריין און דארט געגומען שרייען אויף אן אויבער־שטימעלע:

— ווער ס'קען זי נישט, דאס „צעווייקעכטס" (צדקת)!... מיינסט, כ'וויים נישט, אז דו ביסט געלאפן קיין ווארשע צום „ליובאווניק"! וועסט דיך נאך אויסריכטן א שווארץ, פינצטער יאר! מיין נישט, אז דאס וועט דיר זיין געשענקט... קוק זי נאר אן, די „טשאטשקע"!...

דער מאמעס הענט האבן געציטערט. מיט צעטומלטע אויגן האט זי אומרואיק עפעס געזוכט ארום זיך. דאס גרויע שטיק לייוונט איז איר איצט געהאנגען אויף יענער זייט קאפ, אזוי ווי א געפלאצטער פענבער. האדל האט כסדר אויסגעזוכט נייע קללות, נייע חטאים אויף דער מאמען. ביז די מאמע האט געכאפט א קווארט וואסער און מיטן גאנצן אימפעט געגעבן א גאס אויס האדלען אין צעשריגענעם פנים אריין.

די יידענע איז אפגעשפרונגען. אין איין אייגעניש האט די מאמע פארקייטלט ס'פענצטער. דער יונג איז געשטאנען ביים וועגעלע זאכן און געלאכט. פלוצלינג האט זיך דערהערט א געקלאנג פון געפלאצט גלאז. א שטיין האט א שניט געטון אין דער שויב אריין און געטראפן אויף יענער וואנט, ווו עס זענען געהאנגען די פאטאגראפיעס פון דער מאמעס קינדער. ביי איינעם פון אירע זין, ביי אברהמקען, איז געבליבן א שטיק בלאטע אויף דער נאז.

מער האָט מען האָדלען נישט געהערט. מיטן וואַרפן דעם שטיין האָט זי, זעט אויס, זיך געשטילט.

אין שטוב איז אויך שטיל געוואָרן. ביי דער מאַמען האָבן זיך די הענט געוואָרפן אַ גאַנצן טאָג. זי האָט זיי געטונקען אין קאַלט וואַסער. צוגעלייגט געריבענעם כריין צום שטערן. דעם טאַטן האָט זי גאָרנישט דערציילט. אַז ער איז געקומען אויף דער נאַכט און דערזען די ליידיקע ערטער פון האָדלס בעט און פון האָדלס קופערט, האָט ער זיך צעשמייכלט:

— ארויסגעצויגן זיך, די מכשפה?

— ארויסגעצויגן זיך.

— ברוך שפטרנו!

אַ פּאָר טעג איז אונדזער קיך געשטאַנען ליידיק. אַז מען האָט גערעדט הויך, האָט עס אָפּגעקלונגען איבער די ווענט הויל און פרעמד. ס'האָט עפּעס געפעלט. גלייכער אָבער ס'זאָל פעלן, איידער אָנצוקוקן האָדלס אויסגעשמאָלצט פּרצוף.

אויף פּסח האָבן מיר געזאָלט בלייבן אָן אַ שכן אין דער קיך. דער טאַטע איז צופרידן געווען. ווו שטייט דאָס געשריבן, אַז מען מוז האָבן אַ ביישלעפער אין קיך? אויף דער מאַמען האָט מען די צופרידנקייט נישט דערקענט. נאָך האָדלס קללות איז זי כסדר ארומגעגאַנגען מיט געריבענעם כריין אויפן שטערן. זי האָט שטיל אונטערגעקרעכצט און געזאָגט, אַז יום־טוב, מערטשעם, וועט זי מוזן גיין צו אַ דאָקטאָר.

יום־טוב, מערטשעם, איז זי נישט געגאַנגען. זי האָט, מן־הסתם, פאַרגעסן. און גלאַט אויף יום־טוב האָבן מיר געקריגן געסט, אומגעריכטע, אָבער אייגענע, אַנגעלייגטע געסט.

אנשטאָט האָדלס בעט האָט מען, אויפן אייגענעם אָרט, אוועקגעשטעלט אַן אַנדער בעטל, אויך אַן אייזערנס. אנשטאָט האָדלס בעטגעוואַנט, וואָס איז קיינמאָל נישט געווען איבערגעצויגן, האָט מען דאָס נייע בעטל פאַרבעט מיט אַנדער בעטגעוואַנט. מיט פרישס, מיט קלאָרס, פון דער נאָדל אוועק.

געבראַכט האָט דאָס אַלץ צו אונדז אין שטוב אריין איטע, דעם טאַטנס יינגסטע טאָכטער פון ערשטן ווייב, זאָל זיין אָפּגעשיידט.

איטע איז געקומען פון וואַרשע. אַ שוואַרצע, אַן אויסגעבוזימטע, מיט אַ פּאָר גרויסע, בלישטשענדיקע אויגן, האָט זיך איטע געהאַלטן

אויף א נידעריק־געזעצטן גוף מיט ארויסגעשטארצטע באַקעס. זי איז פאַרפאָרן צו אונדז מיט אַ פּאָר אויסגעארבעטע געשפּאָלטענע הענט, וואָס האָבן בשום אופן נישט געקאָנט ארויפציען אויף זיך די זאַמשענע הענטשקעס, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון ווארשע.

דאָרט, אין ווארשע, איז דעם טאַטנס יינגסטע טאָכטער אַ גאַנצן ווינטער געשטאַנען ביי רייכע קאַפּלענע קיכן מיט געפּוצטע, מעשענע רייפן. דאָרט האָט זי אין ווייסע טעפּ, אין קופּערנע בראָטפאַנען, גע־קאָכט און געבאַקן פאַר בייכיקע, זיידן־קאַפּלדיקע יידן און פאַר איידעלע, גרויס־ברוסטיקע יידישע ווייבער.

— אין ווארשע — האָט איטע געזאָגט — זענען דאָ בלויז „הערן" מיט „מאַדאַמען". אַמאָל טרעפט אויך אַ „סטאַרשאַ פּאַני", אָדער אַ „מלאָדי פּאַן". מער אָבער קיין מענטשן זענען אין ווארשע נישטאָ.

דאָרט, אין ווארשע, איז איטע אויך געשלאָפן אין אַ קיך. אָבער אין אַ גרויסער, אין אַ געראַמער. זי האָט געצאַפּט וואַסער פון אַ וואַנט, גע־האַט דאָס בית־הכסא אין דער אייגענער געראַמער קיך, ווו זי איז גע־שלאָפן. זי האָט נישט געברענט קיין נאַפט־לעמפּלעך, נאָר אַזאַ גרין־בלוילעך פייער, וואָס מען רופט דאָרט גאַז.

איך האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי מען ברענט דאָס לעמפּ־לעך אָן נאַפט. איטע האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אין ווארשע איז דאָ אַזאַ פאַבריק, ווו מען ברענט מיט קוילן. טויזנטער קופּעס קוילן ווערן פאַרברענט. פון די קוילן גייט אַזאַ גאַז אונטער דער ערד דורך רערן אין אַלע שטיבער אריין, און דאָס ברענט אַזוי. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז איטע דערציילט נישט קיין ליגנט. ביי דער מומע גיטל־האָדעס ברענט אויך דער אייגענער גאַז. אָבער מיר האָט עס זיך פאָרט נישט געלייגט אויפן שכל. און דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ס'מוז זיין אַביסל אנדערש. ס'איז דאָך נישט אויסגעהאַלטן, אַז פון קוילן, וואָס מען ברענט דאָרט אין אַ פאַבריק, זאָל מען קאָנען ציען אַ באַלייכטונג אין אַלע שטיבער אריין.

פון קאָכן און באַקן ביי די הויכע קאַפּלענע קיכן האָט איטע געהאַט איר אייגן ביכל אין דער קאַסע. זי האָט געטראָגן געפּרעסטע העמדער מיט ווייס־געהאַפּטענע שפּיצן. אַלע שבת־צו־נאַכטס איז זי געגאַנגען אין יידישן טעאַטער אריין אויף „באַבע יאַכנע", אויפן „טריפהניאַק" און אויף נאָך אַ סך מאָראַלישע שטיקעס.

א סך ווינטערס מיט א סך זומערס איז איטע אפּגעווען אין ווארשע. אויף אַלע יום־טוב האָט זי זיך געוואָלט אהיימכאַפּן צום טאַטן, א קוק טון, פרייען זיך. אין ווארשע, זאָגט איטע, איז זי עלנט, ווי א שטיין. זי בענקט אהער נאָך דער שטאָט, נאָך דער מומע פרימעט און נאָך מיר בענקט זי. זי האָט דאָך מיך שוין אזוי לאַנג נישט געזען. זי קוקט טאַקע איצט אויף מיר מיט גרויסע, צעהיצטע אויגן. ס׳גאַנצע פּנים ביי איר איז צעקנייטשט פון שמייכלען.

— ביסט, קיין עין־הרע — זאָגט זי — אזוי אויסגעוואַקסן... כ׳האָב דאָך דיך גאָרנישט דערקענט... נאַ — זאָגט זי — כ׳האָב דיר דאָ גע־בראַכט א מעסערל. און דאָ האָסטו א סידורל, און דאָ — א פּאָר תּפי־לין, ווארשעווער תּפילין. זאָלסט זיי געזונטערהייט „פּאָזשיען”, מער־טשעם צו דער בר־מצוה!

אזוי זאָגט מיין שוועסטער איטע, און באַלד צומאָרגנס, אזוי ווי ס׳איז נאָך דאָ א סך צו טון, נעמט זי העלפן דער מאַמען ריין־מאַכן אויף פּסח.

זי שטייט אין אַפּענעם פענצטער א ברייטע, אזוי ווי א טיר. מיט פאַרשאַרצטע עלנבויגנס, א צעוויגטע, רייבט זי די וויטרינעס, ווישט זי די שויבן מיט פייכט קרייד אהין און צוריק. ס׳טראָגט זיך פון איר א הי־ציקער אימפּעט, א צעשוויבערטער. אין שמאָלן הויפל אריין, ווו עס שמעקט נאָך אַלץ מיט חזיר, ציט זיך א יידישער ניגון, א ליד אזעלכעס, וואָס איטע האָט מיטגעברענגט פון ווארשע:

כ׳האָב געליבט א יינגעלע, ער איז געווען פון ווי־ע־ען...
כ׳האָב געליבט א יינגעלע, ער איז געווען פון ווי־ע־ען...
ער איז אהיימגעפאָרן צו זיינע עלטערן, זען, וואָס זיי טי־ע־ען.
ער איז אהיימגעפאָרן צו זיינע עלטערן, זען, וואָס זיי טי־ע־ען.

אינמיטן שטוב שטייט די מאַמע א פאַרקאָפּטשעטע מיט א פאַררויסן פּנים צו איטעס פאַרשאַרצטן אונטערקלייד און רעדט ארויף:

— הע, איטע? גוט צו זיין אין ווארשע!

— ווער מיר גוטס גינט — גיט איטע א שמיר איבער דער שויב, אזוי ווי מיט שוים פון זייף. — נאָר, אז מען האָט קיינעם נישט אין ווארשע, בענקט מען אהיים.

— נאָך וועמען האָסטו דאָ צו בענקען?

— וואָס הייסט, נאָך וועמען? מען בענקט...

איטע זאָגט גישט, נאָך וועמען זי בענקט. זי ציט זיך אוים מיט א זייט צו א ווייט ווינקל פון פענצטער, לאָזנדיק הענגען א פוס אין דער לופטן. דאָרטן אריין זינגט זי אויפסניי:

„ער איז אהיימגעפאָרן צו זיינע עלטערן
זען וואָס זיי טיען...״

אפשר דערפאר איז איטע אויך אהיימגעפאָרן צו אירע עלטערן? זי האָט דאָך אָבער דאָ נישט מער, ווי א טאַטן? מיין מאַמע איז דאָך אי־טעם קוים א מומע?

אָבער איטע, צי זי ווישט די שויבן, צי זי וואַשט די פאָדלאָגע, הערט זי נישט אויף צו זינגען דאָס לידל פון יינגעלע, וואָס איז אוועק־געפאָרן קיין ווין.

טיילמאָל פארקלערט זי זיך אינמיטן פון א נישט־פארענדיקטער שורה. דאָס יינגל בלייבט שטיין אויף א פארשמירטער שויב, אָדער אויף א האַלב־אָפגעוואַשענער פאָדלאָגע. אז די מאַמע איז אין קיך, פרעגט מיך איטע, צי כ׳קאָן שרייבן יידיש, און צי כ׳וואָלט איר נישט געוואָלט אָנ־שרייבן א בריוול קיין וואַרשע.

— יאָ, כ׳קען שרייבן יידיש, אז איטע וועט מיר דיקטירן, וועל איך איר אָנשרייבן קיין וואַרשע.

אָבער איטע, זעט אוים, האָט פארגעסן, מיטאַמאָל פארגעסן. זי האָט אפילו אויפגעהערט צו זינגען דאָס ליד פון יינגעלע, וואָס איז אוועקגעפאָרן קיין ווין.

געווען איז עם ערב־פּסח אינדערפרי. אויפן קעגנאיבערדיקן דאַך האָבן זיך אָפגעשטעלט צוויי טויבן. איינע א ווייסע, מיט אַן אויסגעפּאַ־שעט, נגידיש גווידערל, די צווייטע — א בלויע מיט גאָלדענע אויגן. די בלויע האָט בייזלעך געוואָרקעט, די ווייסע — האָט זיך אָפּגערוקט.

איטע איז געשטאַנען מיט צענומענע רויטע פיס און געדרייט מיטן קיילעכדיקן פעסל פון וואַסער. די מאַמע האָט דאָרט פריער אריינגע־וואָרפן, פון א בלעך אראָפּ, א גרויסן, אָנגעגליטן שטיין און פארגאָסן אים מיט א טאָפּ קאָכעדיקן אוקראָפּ (וואַסער).

דאָס זידיקע וואַסער אויפן הייסן שטיין האָט געזאָטן, ס׳האָט גע־זעצט א ווייסע פארע גלייך אין איטעס פארשוויצטן פּנים אריין.

זי האָט געסאָפּעט, געווישט דעם שווייס פון די מויל־ווינקלען און אויף אַ ווײַלע געלאָזט שטיין דאָס פעסל. אַליין האָט זי זיך פאַרקוקט אויף די טויבן, אַרויפגעשמייכלט צום דאַך מיט אירע פולע, גרעבלעכע ליפּן און אָנגעוויזן מיט אַ פינגער.

— די בלויע — דאָס איז דער „ער", די ווײַסע — דאָס איז די „זי". ער זאָגט איר: ליובעניו... און זי האַלט זיך דערונטער.

— איטע — האָט די מאַמע פאַרקרימט בײדע קינבאַקן — ס'פעסל וועט דאַך פאַרברענט ווערן!... האָסט שוין נישט פון וואָס צו רעדן, האָסטו שוין נישט?

איטעס פּנים איז רויט געוואָרן. ס'האָט אין דער איצטיקער מינוט אויסגעזען ווייך, צעווירן. אַ פאַרפּלאָמטע האָט זי מיט מער אימפּעט גענומען קוילערן דעם אָנגעגליטן שטיין אויף דער דנאָ פון פעסל.

איך האָב נישט קיין צייט געהאַט לאַנג צו באַלעמוטשען. כ'האָב אפילו נישט געקאָנט כאַפּן קיין לייטישן קוק אויפן דאַך אַרויף צו די טויבן. ס'איז דאַך עפּעס ערב־פּסח געווען. אַ גאַנצע נאַכט איז אויפן בלעכענעם דעכל, וואָס איבער דער קיך, געלעגן דער הילצערנער לעפל מיטן ביסל חמץ, וואָס דער טאַטע האָט מיט אַ גענדזענע פעדער צונויפגעשאַרט פון אַלע ווינקלען. איצט האָב איך באַדאַרפט מיטן דאַזיקן פאַרבאַנדאַזשירטן לעפל, וואָס האָט דערמאָנט אָן אַן אַלטן לאַטש, לויפן אין בית־מדרש אַרײַן און פאַרברענען אים. כ'האָב נאָך געמוזט באַוויַיזן צוריקצוקומען צום המצדיקן אָנבייסן.

דעם ענין פון חמץ פאַרברענען האָב איך פון תמיד אָן נישט ליב געהאַט. ס'איז געווען פאַר מיר אַ מלאכה בזויה.

כ'ווייס נישט, צי האָב איך מיך געשעמט מיטן אָרעמען לעפל, צי איז מיר אַ שאָד געווען אַוועקצוגיין פון דער אויפגערוימטער שטוב. נאָר דאָס גאַנצע עסק איז געווען פאַר מיר אַ גרויס אָפּקומעניש, ממש אַ פּיין.

איך בין דערפאַר קיינמאָל נישט געגאַנגען אין בית־מדרש אַרײַן און דאָס חמץ האָב איך קיינמאָל נישט פאַרברענט.

דורך זײַטיקע געסלעך בין איך געלאָפן אין קיילעכדיקן מאַרק אַרײַן, וווּ עס שטייט פון איין זײַט דער מאַגיסטראַט מיטן שטאָט־זייגער, און

פון דער צווייטער זייט — דאָס פּוילישע שלאָס מיט די אַלטמאָדישע, פאַררונדיקטע פענצטער.

דאָרט, אינמיטן מאַרק, צווישן מאַגיסטראַט און שלאָס, צעלייגט זיך אַ קליין גערטנדל מיט מאָגער גראָז.

אין דעם גערטנדל וואַרפן יידן אַריין קערן פון פלוימען, דינסטמיידן לאָזן דאָ ליגן אַלטע שיסלען, געלעכערטע טעפּ. דאָ נעבעטיקט אַמאָל אַ־יבער אַ פאַרבלאָנדזשעטער הונט.

איז וואָס וועט עס עמעצן אַרן, ווען מיין הילצערנער לעפל וועט אויך דאָ געפינען זיין מקום־מנוחה? אמת, מיט קיין גרינג האַרץ האָב איך עס נישט געטון. כ'האָב געפילט, אַז איך זינדיק, מ'טאָר נישט אַזוי. און דאָך האָב איך ס'חמץ נישט פאַרברענט.

היינטיקן ערב־פּסח בין איך געקומען צו לויפן פרי. דער זייגער אויפן ראַטהויז איז געשטאַנען אַ בלויער. אויף די אַלטפרענקישע פאַררונדיקטע פענצטער פון פּוילישן שלאָס איז די בלויקייט געלעגן אַ קילע. אַ נאַר־וואָס אויפגעשטאַנענער פויער איז אַריין אין קיילעכדיקן מאַרק מיט אַ פורל שטרוי, אויך אַ בלויס.

איך האָב מיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן. ביים ראַטהויז שטייט אַ סטראַזשניק. ער זעט דאָך זיכער, וואָס אַזעלכעס איך גיי דאָ טון. מילא, דער סטראַזשניק — ווי דער סטראַזשניק. איך גיי דאָך נישט גנבע־נען. אָבער וואָס וועלן זאָגן די יידן מיט די ווייבער, וואָס לויפן שוין דאָ פון צייט צו צייט פאַרביי?

אָט גייט טאַקע דער ווייסער בערל מיט דער געלער, נאַרישער באָרד. ער קוקט מיר גלייך אין פּנים אַריין.

איך וואַרט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, ביז דער ייד וועט פאַרבייגיין, ביז דער סטראַזשניק וועט אויף אַ מינוט בלינד ווערן, ביז דער פויער מיטן פורל שטרוי וועלן ערגעץ־ווו איינגעזונקען ווערן. אַז איך דערלעב שוין קיינעם נישט צו זען, גיב איך אַזוי אַ רוק אַרויס דעם לעפל פון אַרבל, דריי מיך אויס מיטן פּנים צום מאַגיסטראַט, מכלומרשט אַ קוק צו טון אויפן שטאָט־זייגער, און הינטן אַרום — אַ וואָרף איבער די אייזערנע שטאַכעטן אין גערטנדל אַריין.

כ'אַנטלויף נישט. כ'גיי אַוועק, מיט פּאַמעלעכע טריט, שטייף, אַזוי ווי כ'וואָלט דעם אייגענעם לעפל אַראָפּגעשלונגען. ס'איז ביי מיר קיין

שום ספק נישט, אַז אַט־אַט וועט מיך עמעצער אָנכאַפּן פון הינטן ביים קאָלנער און אַ זאָג טון:

— שטיי נאָר, בחור מיינער, וועמענס ביסטו דאָס, האַ? און וואָס האָסטו דאָס אַוועקגעוואָרפן, וואָס?

אָבער גאָט איז אַ דערבאַרימדיקער. ביזן היינטיקן טאָג האָט מיך נאָך קיינער ביי דער האַנט נישט געכאַפּט. נישט מער, גאַנץ פּסח דאַכט זיך מיר אויס, אַז ביי אונדז אין שטוב איז אַלץ חמצדיק. כ׳שווייג. ס׳פּייניקט מיך. איך מאַך ביי מיר אָפּ, אַז איבעראַיאָר, מערטשעם, זאָל איך שוין דאָס חמץ יאָ פאַרברענען. אָבער, אַז עס קומט איבעראַיאָר מערטשעם בלייבט דאָס אָפּמאַכן אויף יענער זייט יאָר.

איך אייל מיך אהיים. ווער ווייסט, צי כ׳וועל נאָך באַווייזן צו קומען צום חמצדיקן אָנביסן. די מאַמע וועט האָבן טענות: מ׳זאָל נישט קאָנען מיט אַ ייִנגל פאַרריכטן פונדאַנען ביז אהער. אַז דער טאַטע וועט זיין, וועט ער אַוועקלייגן זיין שווערע האַנט אויף מיין אַקסל און וועט פרעגן מיט אַ כמורנע קול:

— וווּ ביסטו דאָס געווען אַזוי לאַנג, תכשיט מיינער?

איז אָט ווי כ׳קום אַזוי נאָענט צו אונדזער שטוב און כ׳זוך אַ תירוץ פאַרן טאַטן, שטייט אַ יונגערמאַנטשיקל מיט אַ בלוי, אָפּגעגאָלט פּנים און מיט אַן אָפּגעשליסן וואַליזקעלע אין דער האַנט. ער קוקט זיך אַרום איבער די הייזער, ווי אַ פרעמדער.

— זאָג נאָר, ייִנגל — רופט ער זיך אָן צו מיר — וווּ וווינט דאָ ערגעץ פרימעט דוד־פּרויקעס?

— צו וואָס דאַרפט איר פרימעט דוד־פּרויקעס? — פרעג איך צוריק און מעסט אים אָפּ פון קאָפּ ביז פיס.

— וואָס איז דיין עסק, צו וואָס איך דאַרף פרימעט דוד־פּרויקעס?

— ס׳איז מיין עסק דערפאַר — זאָג איך, — וואָס פרימעט דוד־פּרויקעס איז מיין מאַמע.

— אַזוי גאָר? — צעשמייכלט זיך דאָס געגאָלטע פּנים פון יונגערמאַנטשיקל — בין איך דאָך דיינער אַ ברודער.

ער האָט געמוזט משוגע ווערן, דער יונגערמאַנטשיק.

— וואָס הייסט, ער איז מיינער אַ ברודער?

— יאָ, דיינער אַ ברודער. יונה פון לאָדזש. האָסט נישט געהערט?

— אוי ווײ מיר! ס׳הייסט, כ׳האָב נישט געהערט? בײ אונדז אויף דער קאָמאָרע שטייט דאָך זיין פאָטאָגראַפיע! זע נאָר, כ׳האָב אים דאָך נישט דערקענט!

— מאַמעשי! לאָז איך מיך לויפן אין הויז אַריין און הער נישט, ווי יונה רופט מיך — מאַמעשי, יונה פון לאָדזש איז געקומען!

איך טרעף די מאַמע אויפן הויף. זי בלייבט אַ ווײלע מבולבל. זי איז רויט געוואָרן, די מאַמע. זי מיינט, מן־הסתם, אַז איך בין משוגע געוואָרן, נישט אַנדערש. באַלד אָבער כאַפּט זי אַ שטשערקע, ווישט אָפּ אויף גיך די הענט. זי לאָזט אַראָפּ אין איין אייַלעניש דאָס פאַרטוך, וואָס איז די גאַנצע צייט געווען פאַרשטעקט אין גאַרטל, און לויפט אַנטקעגן מיט אויסגעשטרעקטע הענט.

— יונה קרוין! קינד מיינס! כ׳האָב דאָך מיך גאָרנישט געריכט אויף דיר! או ווײ איז מיר!... זע נאָר... אַ ליבער גאַסט דאָס איז!

זי נעמט אַרום דאָס גאַנצע פּנים פון איר יונהן. זי ווישט די נאָז. זי דרייט זיך אויף איין אָרט, זי קוקט זיך אַרום איבערן הויף — צי זעט מען זי כאָטש. ס׳איז דאָך יונה, איר ייִנגסטער זון פון ערשטן מאַן.

יונה איז דאַר און שמאָל. בײ יונהן אין האַלדז לויפט אַרום אַ קנאָפּ, אַזוי ווי אַ לעבעדיק מייזל. אין די באַקן האָט יונה לעכער, טיפע, איינגעפאַלענע לעכער.

— יונהשי... — ווערט דער מאַמעס קול געבראָכן — וואָס זעסטו מיר, נעבעך, אַזוי שלעכט אויס?

— מען אַרבעט, מאַמע.

— באַהאַנדלט מען דיך כאָטש גוט? איז מען צופרידן פון דיר.

— פאַרוואָס זאָל מען נישט זיין צופרידן?

די מאַמע ווישט מיטן פאַרטוך די אויגן. יונה האָט שוין אוועקגעשטעלט ס׳וואַליזקעלע. איצט זעט מען ערשט, אַז דאָס פאַלטנדל, וואָס ער טראָגט, האָט קורצע אַרבל. עס קריכט אַפער די מאַרינאַרקע. די שיך אָבער גלאַנצן, — זיי זענען לאַקירטע. אַ שניפּס טראָגט יונה אויך אַ שיינעם — מיט זילבערנע פּאַסיקלעך און מיט אַ פּערלמוטערנער שפּילקע. אָבער ווו איז דאָס אַהינגעקומען איטע?

— איטע, ווו ביסטו ערגעץ, איטע!? — רופט די מאַמע מיט אַ צעשפּרייט קול.

איטע קומט אַראָפּ פון גאַניקל, פון די קעמערלעך דאָרט. דאָס קלייד אַראָפּגעלאָזט, די עלנבויגנס — צוגעדעקט, די האָר — אַביסל צוזאַמענגענומען. איטעס פּנים איז רויט, צעשמייכלט אין אַ צוריקגעהאַלטענער פאַרלעגנהייט. בלויז די אויגן בלישטשען אָפּן, וואַרעם.

— ליב אייך אייער גאַסט, מומעשי! — ווייזט איטע אַ פול מויל מיט גרויסע, ווייסע ציין.

— אַ שיינעם דאַנק. ס'איז דאָך מיין יונה! קענסט אים נישט?

— פונוואַנען זאָל איך אים קענען? — רעדט איטע צו דער מאַמען און קוקט מיט אַ האַלב פּנים אין יונהס זייט.

יונה אַליין שטייט אַ דינער. דער קנאָפּ אין האַלדז גיט זיך אים אַ שאָקל, אַזוי ווי ער וואָלט עפּעס אַראָפּגעשלונגען. איטעס מויל איז אויפגעשטעלט, אַנגעדראָלן.

— ס'איז איטע — זאָגט די מאַמע — דעם פעטערס טאָכטער.

יונה גיט אַ שאַר מיט אַ פוס. אַזאַ גרויסשטאָטיש שאַרעלע... דאָס דינע פיגורל זיינס דרייט זיך אויף אַ פּאָר הויכע אָפּצאַסלעך. איטע מאַכט אַ גוידערל, זי נעמט אַביסל איין די גרויסע צעבוזימטקייט אירע און ציט אוים צו יונהן אַ קורצע, שווער־אויסגעאַרבעטע האַנט.

באַקענען זיי זיך — דעם טאַטנס יינגסטע טאָכטער מיט דער מאַמעס יינגסטן זון.

## קאַפּיטל צען

אויב איטע האָט געברענגט פון וואַרשע די זאַטקייט פון בייכיקע קרעדענצן און דאָס זאַרגלאָזע באַנעמען זיך פון גבירישקייט, איז יונה געקומען פון לאָדזש מיט אַ באַהאַלטענער קבצנישקייט אין די קליינע, לויפנדיקע אויגן און מיט אַ גרינלעך־טונקעלן שטויב אויפן פּנים פון די פּליושענע דיוואַנעס, ביי וועלכע ער האָט געאַרבעט דאָרט, אין לאָדזש.

אין דער צייט, וואָס איטע, אַ צעפלאַקערטע, איז געשטאַנען ביי די רייכע טעפּ, האָט זיך יונה געמוזט איידל בוקן פאַר קונים, חנפענען זיי, צורעדן און... אָפּנאַרן.

קען זיין, אַז דערפאַר איז יונה אַזאַ דינער, אַזאַ באַוועגלעך־אויסגע־

דרייטער. אז ער רעדט, זעט עס אויס, אזוי ווי א האלב מויל וואלט גע־ווען ביי אים פארמאכט. ער רעדט טאקע פאמעלעך, מיט צוזאמענגעצוי־גענע ליפן, מיט א ניגונדל. ער ווארפט א סך מאל אריין אויסגעצאצקע־טע פוילישע ווערטער. אפילו דער מאמען זאגט ער אויך פון צייט צו צייט: „פראשען, לאסקאווא פאני"...

מען זעט — יונה איז א גרויסשטאטישער. זיין שטעקעלע איז ווייך, זיין קאפעלושל ליגט אויף א זייט: ס'מארינארקעלע איז אנגעצויגן אין דער טאליע. יונה גייט נישט, נאר טענצלט. א שפרונג און א גיי, א גיי און א טענצל.

איטע קוקט אויף אים פון א זייט. זי שאבט די גרויסע צעדרייטע שטיקער פאסטערנאק. זי חנדלט און זשמורעט דאס גוידערל, וואס פאל־דעוועט זיך און לאכט. און אז יונה הערט נישט, גיט זי אזא זאג מן הצד:

— ווי „זגראבנע" ער איז, דער יונה...

צעשמייכלט זיך דער מאמעס פנים. זי גיט א זופ מיט דער נאז און שאקלט צו נחתדיק מיטן קאפ:

— שיין, קיין עין־הרע, ווי גאלד! הע, איטע?

— כ'זאל מיר שוין האבן אזא יאר! — גיט איטע א צעשנייד דעם פאסטערנאק אויף פיר לאנגע שטיקער און לאזט זיי אלע מיטאמאל אריין אין יום־טובדיקן טאפ וואסער.

צוליב יונהן איז אין אונזער שטוב צוגעקומען נאך א בעט, אן איי־זערנס. די מאמע האט עס געבארגט און איטע האט עס געברענגט צו שלעפן. מען האט דאס בעט אוועקגעשטעלט אויף יענעם ארט, וו ס'איז אמאל געשטאנען האדלס קופערט. מען האט געזאגט, אז פון היינט אן וועל איך שלאפן צוזאמען מיט יונהן, טאקע אין דעם בעט.

איטע האט דאס בעט פארדעקט מיט אירס אן אייגענע אויסגענע־שטעפטע קאלדרע. זי האט שיין און גלייך צוגעגלעט די קאנטן אין די ווינקלען. זי האט אויסגעמאסטן און אויסגעצערטלט מיט אירע גרויסע הענט יעדעס קנייטשעלע, יעדעס פעלדעלע. דערנאך האט זי זיך אוועק־געשטעלט פונדערווייטנס און מיט א גרויס, זאט פנים געשעפט נחת:

— דער קייסער מעג שלאפן אין אזא בעט!

ס'איז טאקע געווען א קייזערלעך בעט.

די פרישע ריינקייט האָט אַראָפּגעפּאַכלט נישט נאָר פון דאָזיקן בעט, נאָר אויך פון טאַטע־מאַמעס בעטן, פון דער גאַנצער שטוב האָט עס אַראָפּגעשיינט. אַזאַ בלויע לויטערקייט אויף די שויבן, אַזאַ ווייס־קייט אויף די פאָרהענגלעך איבער די געפּעס־שענקלעך האָט מען אין אונדזערע דירות קיינמאָל נישט געזען. אַז עס איז געקומען אויף דער נאַכט צום סדר — האָט מען נישט דערקענט, נישט די שטוב, נישט דאָס ביסל ווירטשאַפט און נישט די מענטשן.

די מאַמע האָט לכבוד יום־טוב באַנייט אַן איבערגעמאַכט שייטל מיט אַ שוואַרצן לאָק פון פאָרנט, אַזוי ווי אַ פויגל. די בלויע אויגן אירע זענען איצט געווען געשניטן אין דער ברייט, אַזוי ווי אומישנע־געשלי־פענע, בלויע דימענטן. דאָס ווייכע, נגידישע גוידערל, וואָס איז געהאַט פאַרלוירן געוואָרן נאָכדעם, ווי די מאַמע האָט עס געהאַט געברענגט פון וואַרשע, איז איצט צו דער סדר־נאַכט צוריקגעקומען. די שוואַרצע, זייַ־דענע בלוזקע מיט די ווייסע שפּיצן ביי די אַרבל, דאָס זשאַבאָטל אונ־טערן האַלדז, צוזאַמען מיט דער געפלאָכטענער, גילדענער בראָש — דאָס אַלץ האָט דער מאַמען צוגעגעבן גרויס חן און שיינקייט.

אויפן טאַטן האָט מען דעם יום־טוב אַזוי ווייט נישט אָנגעזען. קיין נייע טוכענע קאַפּאָטע האָט ער זיך נישט געקאָנט מאַכן — האָט ער גע־טראָגן די אַלטע, די מעלאַנזשענע, וואָס איטע טאַקע האָט אויסגעפּוצט און אויסגעפּרעסט.

לכבוד יום־טוב האָט ער זיך געלאָזט אַרומשערן, אַרומגלייכן. אָבער ס׳פּנים זיינס איז געווען מיד און אָפּגעריסן פון ווינט.

ער האָט געקוקט גרוי, שווער: דאָ אויף די טאָכטער זיינע, דאָ אויף דער מאַמעס זון. אַמאָל האָט ער אויך אָפּגעשטעלט זיין שטילן בליק אויף מיר. ער האָט מיך באַטראַכט פון קאָפּ ביז פיס און טיף אָפּגעצויגן דעם אָטעם.

כ׳האָב געפילט, אַז דער טאַטע האָט צער, וואָס אויך מיר האָט ער גאָרנישט געקאָנט מאַכן אויף פּסח. ער האָט אויך געהאַט צער פון נייעם קיטל, וואָס ער האָט אַרויפגעצויגן אויף דער אַלטער, מעלאַנזשע־נער קאַפּאָטע.

אָט דעם נייעם קיטל מיטן בלויען, זיידענעם קאָלנער, מיט די פּאָ־סיקלעך אַרום די אַרבל, האָט דער טאַטע פאַר זיין אייגן געלט נישט

געקויפט. דאָס האָט אים איטע, די טאָכטער, געבערענגט א מתנה פון וואַרשע.

ער האָט געוווּסט, אַז זיינע קינדער זענען אָרים, אַז זיי אַרבעטן שווער ביי פרעמדע מענטשן. טאָ צו וואָס נאָך ברענגען מתנות? א קיטל וואָלט ער זיך אַליין געקאָנט קויפן.

אָבער איטע האָט געשמייכלט א גליקלעכע.

— טראָג אים געזונטערהייט, טאַטע! — האָט זי געווונטשן מיטן גאַנצן האַרץ און געקוקט מיט געטרייע, פאַרטרערטע אויגן, ווי שיין דער טאַטע זעט דאָס אויס אין איר קיטל.

איטע גופא האָט צו דער סדר־נאַכט איינגאַנצן געגליט. רויט דאָס פּנים, רויט די אויערן. די הענט — אויך רויטע. זי האַלט זיי אַראָפּ, פאַר־שטעקט אונטערן טיש. ווען די בלוזקע, למשל, זאָל זיין שוואַרץ און נישט רויט, וואָלטן די הענט אויסגעזען ווי שטיקער פייער.

איטעס שוואַרצער קאָפּ איז אויסגעצוואָגן, אויסגעקעמט מיט לאָקן און לעקעלעך. ער גלאַנצט מיט א בלויער שאַטנדיקייט. פון איטען שמעקט איצט. עס שאַרכט פון איר גאַנג. מוז זיין, אַז איטע טראָגט א זיידענע ספּודניצע.

פאַרוואָס זאָל זיך איטע נישט פאַרגינען? זי האָט דאָך געבערענגט פון וואַרשע א קופערט מיט זאַכן. זיצט דאָך יונה אויך... איטע גייט א סך מאָל פאַרביי פאַר אים. זי דרייט זיך אים אין די אויגן, כאָטש יונה איז געקומען צום סדר נישט אַזוי יום־טובדיק אָנגעטון און נישט אַזוי יום־טובדיק אויסגעקעמט. ווייך און שמאָל, מיטן לויפנדיקן קנאָפּ אין האַלדז, מיט די טונקעלע צוויי לעבער אין פּנים, אין אויסגעריבענעם מאַרינאַר־קעלע, האָט ער זיך אוועקגעזעצט און זיצט.

דער טאַטע זאָגט די הגדה הויך. איך — נאָך העכער. יונה ברומט. ער מישט די בלעטלעך שטייף מיט איין פינגער.

— יונה — רופט זיך אָן די מאַמע — דו ברומסט אין דער הגדה אריין, אַזוי ווי יענער בער.

— וואָסער בער?

דערציילט די מאַמע א מעשה מיט איינעם א ייד, וואָס האָט געוואָלט אויסלערנען א בער דאַווענען. האָט ער גענומען א סידורל, דער ייד, און אריינגעלייגט צווישן די בלעטלעך קיכלעך מיט מאָן. איז דאָרט, וו ס'איז געווען א קיכל, האָט דער בער א כאַפּ געטון און אַראָפּגעשלונגען. דאָרט,

אָבער ווו ס'איז קיין קיבל נישט געווען האָט דער בער געברומט. אַזוי אַרום האָט דער ייד אויסגעלערנט דעם בער דאַווענען.

ביי יונהן שאָקלט זיך דער קנאָפּ פון געלעכטער. דער טאַטע הערט נישט. איך קען די מעשה מיטן בער שוין פון לאַנג. איטע שמייכלט אין דער ברייט. פון קענגאַיבערדיקן עק טיש קוקט זי אויף יונהן. זי אַליין קאָן נישט זאָגן. מאַכט זי מיטן מויל אַזוי ווי אַ פיש, וואָס זוכט לופט.

די מאַמע זאָגט אויך. אָ, די מאַמע קאָן שוין איינמאָל זאָגן! שאַרף און קיילעכדיק, מיטן זיידנס ניגון און מיט אירס אַן אייגן זיפּצעלע, פאַלן די ווערטער פון דער מאַמעס מויל, אַזוי ווי אויסגעוואָרעמטע שיינע פערל. זי האַלט גלייך מיטן טאַטן. זי גייט אים נאָך טריט ביי טריט. איך ווייס, אַז דאָ נישט ווייט וועט זיך דער טאַטע צעשאָקלען, ער וועט אויפהייבן דאָס קול העכער. דעמאָלט וועט זיך די מאַמע פון אַ זייט אַריינשניידן מיט אַ פּרעמד, קאַלט קול און וואָרענען:

— נו, אָ!

אַלע מאָל וואַרט איך מיט אַן אומרואיק האַרץ, אַז דאָס אָרט, ווו דער טאַטע וועט זיך צעשאָקלען, זאָל וואָס גיכער אַריבער, מען זאָל דערפון פּטור ווערן. יאָר ביי יאָר געשעט דאָס אייגענע. דער טאַטע פאַרגעסט, וואָס ס'איז געווען פאַראַיאָרן, און די מאַמע קען זיך נישט אָפּגעוווינען פון וואָרענען.

אָט צעוויגט זיך טאַקע דער טאַטע. דער קאָלנער פון נייעם קיטל וואַרפט פון זיך אַ נגידישע בלויקייט, אויפן רויטן ווייַן ציטערן די אָנגעצונדענע ליכט מיט פאַרזילבערטע שפּיזלעך. דעם טאַטנס קול ווערט תקיפותדיקער. און מיטאַמאָל, דווקא העכער ווי אומעטום, גיט ער אַ פּאָר אַריין:

— על אחת מכה ומכה...

ס'דערהערט זיך גלייך דער שניט פון דער מאַמען:

— נו־אָ, לייזער! „על אחת כמה וכמה שטייט...

דער טאַטע בלייבט שטיין אינמיטן שאָקלען זיך, אַזוי ווי אַ מיד־געוואָרענער אומרו. ער הויבט אויף דאָס טויבלעכע פּנים, קוקט אויף זיין ווייבס טייטלדיקן פינגער און ברומט מיט אַ געפאַלענער שטים:

— יאָ, יאָ... כמה וכמה.

אַ מינוט איז שטיל. אַ שווערע מינוט. דער טאַטע נעמט זאָגן

אויפסניי, גיכער, ווי פריער און העכער, ווי פריער. באַלד אָבער ווערט ער ווידער געשטרויכלט:

— מנין שכל במה וכמה... — נעמט ער דריידלען און צושאָקלען מיטן קאָפּ. די מאַמע שטעלט ווידער אוים איר טייטלדיקן פינגער:

— נר־אַ, לייזער! „מנין שכל מכה ומכה" שטייט...

איך האָב נישט געקענט קוקן דער מאַמען גלייך אין פּנים אַריין. ווען איך וואָלט אַלט געווען אַזוי ווי יונה, וואָלט איך געזאָגט דער מאַמען, זי זאָל נישט טייטלען. זאָל עס בלייבן, אַזוי ווי עס איז. דער טאַטע ווייסט דאָך, וואָס עס שטייט, נאָר מן־הסתם דערזעט ער נישט.

יונה אָבער האָט זיך מיט גאָרנישט אָנגערופן. ווען די מאַמע האָט אַזוי געזעגט מיט איר קאַלטער, פרעמדער שטים, זענען יונהס לעבער אין פּנים געוואָרן אויסגעגלייכט. ער האָט געשמייכלט אין אַ זייט אַריין. איך האָב פלוצלינג דערזען ביי יונהן אין מויל נישט מער, ווי איין צאָן, אַ גאָלדענעם, אַ ברייטן, אַ פאַרריסענעם. אַלע ציין האָבן זיך אַזוי ווי אָפּ־געררוקט און ס'איז געבליבן נישט מער, ווי דער איינער, דער גאָלדענער.

כ'קען נישט זאָגן, נאָר דאַכט זיך, אַז אָט פאַר דעם דאָזיקן איינציקן גאָלדענעם צאָן, וואָס האָט זיך אַזוי אַרויסגעשטופּט גראָד אין יענער מי־נוט, ווען דער טאַטע האָט זיך טועה געווען, האָב איך מיין ברודער יונה מיט איינמאָל פיינט געקריגן. כ'האָב געטראַכט, אַז יונה האָט אַצינד מער געזינדיקט, ווי איך, וואָס כ'האָב היינט אינדערפרי נישט פאַרברענט דאָס חמץ.

און נישט נאָר איך האָב פיינט געקריגן יונהן. דאַכט זיך, אַז איטע קוקט שוין אויך נישט אים אַזוי גלייך אין פּנים אַריין.

איך זע, ווי איטעס גרויסע, שוואַרצע אַפּלען לויפן אומרואיק אַרום: דאָ אויפן טאַטן, דאָ אויף דער מאַמען. אַ לענגערע רגע האַלט זי זיי אויף יונהס גאָלדענעם צאָן. באַלד אָבער שטעלט זי זיי אָן אויף מיר. איך דער־פיל נעבן זיך איטעס אַ צעפלאַמטע באַק, איטעס גאַנצע צעוואַרימטקייט.

— מענדלשי — בויגט זי זיך אַריין אין מיין הגדה — ווו האַלט מען? ווייז מיר.

איך ווייז איר דאָס אָרט, ווו דער טאַטע האָט זיך טועה געווען. זי קוקט לאַנג, זייער לאַנג. איך דערפיל, אַז אין דער איצטיקער מינוט האָט זיך יונה געקויפט נאָך אַ שונא.

ביים עסן שווייגט איטע. זי דערלאַנגט צום טיש. יונהן שטעלט זי

אוועק די מאכלים צום סאמע סוף. קיינער אין שטוב איז זיך נישט משער, פארוואס איטע טוט אזוי: איך איינער פיל איר הארץ. א, איטע איז מיינע א שוועסטער. פון איין טאטן א שוועסטער!

נישט מער, איך האב יונהן פיינט געהאט א גאנצן יום־טוב און אי־טע, זעט אויס, האט אזוי לאנג נישט געקענט אויסהאלטן.

***

די סדרים־נעכט האבן זיך געענדיקט. יונה האט אנגעטון א נייעם אנצוג מיט א נייעם שניפס, א קליינעם, אזוי ווי א זומער־פייגעלע.

בייטאג האט יונה גערעדט העבער, געפייפט לידלעך און אונטער־געטענצלט מיט זיך אליין.

— קאנען זי טאנצן? — האט ער איינמאל געפרעגט איטען און אנגעשטעלט אויף איר דעם איינציקן גאלדענעם צאן זיינעם.

— פארוואס זאל איך נישט קאנען? — האט איטע אריינגעשמייכלט אין איר אייגענעם גוידער.

— אדרבא, לאמיר זען, וואס זי קאנען — האט יונה אויסגע־שטרעקטביידע הענט.

איטע האט נישט געזאגט יא און נישט געזאגט ניין. יונה האט נישט געפרעגט. שווייגנדיק, מיט א פארצויגן מיילכל, האט ער אריינגענומען איטעם ברייטע, פולע פיגור אין זיינע אויסגעשטרעקטע, האלב־אויסגע־בויגענע הענט.

ער האט זיך ארומגעדרייט מיט איר עטלעכע מאל איבער דער שטוב, אונטערגעפייפט צום טאקט, און כאטש, קיין עין־הרע איטע האט געהאט אויף זיך א שפאר ביסל פלייש, האט יונה פונדעסטוועגן געזאגט, אז אין טאנצן איז זי גרינג, ווי א פעדערל.

— אלע זאגן אזוי — האט איטע אפגעצויגן די בלוזקע, וואס האט זיך בשעתן טאנצן געהאט אביסל ארויפגעשארצט.

איצט האט שוין יונה געשמייכלט נישט בלויז מיטן איינציקן גאל־דענעם צאן, נאר מיטן גאנצן מויל און מיט א צולאג פון די צוויי טונ־קעלע לעכער אין די איינגעפאלענע באקן.

זעט אויס, אז איטען איז יונהס צעשמייכלטקייט געפעלן געווארן. זי האט פארגעסן, וואס ס'איז געוועןביים סדר. יונה האט אנגעהויבן

רעדן צו איר מיט א נידעריק שטימעלע. ער האט אנגעהויבן בארגן ביי איר דעם שמעקנדיקן זייף. ביים עסן האט איטע דערלאנגט יונהן א גרע־סערן טעלער. און גלאט... פסח, חול־המועד: מ׳פארט מיט ברימשקעס אין „קאפטער" וואלד אריין. ס׳קומען זין פון ווייטע שטעט, מען זעט כלות, מען שרייבט תנאים.

מאכט זיך, אז איינמאל חול־המועד טאקע, האט זיך איטע אויס־געשלייערט אין א שטייף קלייד מיט בלומען, אויסגעשמעקט זיך מיט זייף, ארויפגעצויגן אויף די אויסגעהארעוועטע הענט א פאר גלאטיקע, זאמשענע הענטשקעס און אוועקגעגאנגען אין גאס אריין. ווו זי איז גע־ווען, האט איטע נישט דערציילט. נאר אהיימגעקומען איז זי שפעט אויפ־דערנאכט.

זי איז אריין אין שטוב אביסל צו גיך. זי האט איילנדיק אראפגע־ווארפן פון זיך דאס שטייפע, געבלומטע קלייד. די זאמשענע הענטש־קעס האט זי אוועקגעווארפן אויפן בעט. אליין איז זי נישט געגאנגען עסן, נאר גלייך געשטעלט זיך וואשן ס׳געפעס, וואס איז געבליבן פון ביינאג.

די מאמע האט געפרעגט איטען, ווו זי איז געווען אזוי לאנג. האט איטע געענטפערט, אז זי איז געווען צו גאסט ביי דער מומע נעמי.

איז, מילא, די מומע נעמי איז דעם טאטנס א לייבלעכע שוועס־טער. פארוואס זאל איטע טאקע נישט האבן געווען ביי איר צו גאסט?

נישט מער, ס׳איז געווען אביסל חידושלעך, פונוואנען איטעס פנים איז אזוי צעפלאמט? פארוואס דרייט זי זיך אזוי אומרואיק ארום איבער דער קיך? פארוואס ענטפערט זי אויף דער מאמעס קשיות קורץ, אפגע־האקט?

שפעטער איז אהיימגעקומען יונה. ער איז געקומען אפשר נאך האל־בער נאכט. אין קיך איז שוין לאנג געווען אויסגעלאשן ס׳לעמפל. ווי אזוי יונה איז אריינגעקומען, איז שווער געווען צו וויסן. איטע האט אלע נאכט פארן שלאפן גיין פארשלאסן די טיר. זאל זי היינט נישט האבן דאס געטון?

איך בין שוין געלעגן אין אייזערנעם בעטל און געווארט אויף מיין ברודער יונה. די מאמע איז געזעסן א האלב־אויסגעטועגע אויף איר בעט. דרימלדיק און אפגעהאקט, מיט א רגע שלאף און מיט א רגע אויף־זיין,

האָט זי געלייענט קריאת־שמע. אונטערן בעליס האָט זיך געהויבן דאָס הויכע אָטעמען פון שלאָפנדיקן טאַטן.

דערמאָלט איז יונה אַריינגעקומען. טענצלדיק איז ער געקומען, ווייך־בויגעוודיק מיט אַן אויפגעשטעלט קעלנערל.

די מאַמע האָט אים גלייך דערשפּירט. דאָס דרימלדיקע געמיט אירס איז וואַך געוואָרן.

— יונה? — האָט זי געפרעגט מיט אַ קלאָר קול.

— יאָ, מאַמע, איך.

— פונוואַנען קומסטו אַזוי שפּעט?

— פון דער מומע מרים.

— האָסט שוין עפּעס געגעסן?

— יאָ, מאַמע.

דער מאַמעס קאָפּ האָט זיך צוריק פאַרבויגן אויף אַ זייט. אין שטוב איז געשטאַנען אַ שוואַרצלעכע האַלב־ליכטיקייט, האַלב־שאָטנדי־קייט. איבער יונהס קאָפּ האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ גרויסער קיילעכדי־קער פלעק, אַזוי ווי אַן איבערגעדרייטע שיסל.

— גיי, לייג דיך, יונה — האָט זיך די מאַמע וואַקלדיק אויפגע־שטעלט און אויפגעשלאָגן ס'איבערבעט. זי איז אַרויסגעקראָכן פון די שטעק־לאַטשן, איבערגעלאָזט דאָס אַנטועכץ אויף אַ בענקל און אין אונ־טערקלייד האָט זי זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט. אַזאַ טבע האָט זי גע־האַט, די מאַמע. נישט אַריינגעלייגט זיך, נאָר אַריינגעוואָרפן.

— אַז דו וועסט דיך לייגן — האָט די מאַמע אַרויסגענומען דאָס אונטערקלייד פון אונטערן איבערבעט — זאָלסטו פאַרשליסן די טיר. אי־טע, זעט אויס, האָט געמוזט פאַרגעסן.

— גוט, מאַמע, כ'וועל פאַרשליסן.

די מאַמע איז באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן. יונה האָט זיך נאָך אַ צייט אַרומגעדרייט. איך האָב נישט געהערט, ער זאָל האָבן פאַרשלאָסן די טיר. ער איז צוגעגאַנגען צו דער קאָמאָדע, וווּ ס'האָט געברענט דאָס איינגעצוויגענע פלעמל און מיט איין בלאָז עס אויסגעלאָשן.

ס'האָט זיך דערשפּירט אַ ריח פון נאַפט. אין האַלדז איז געוואָרן חלשותדיק זיסלעך און ענג.

— שלאָפסט שוין, מענדל? — האָט יונה אונטערגעהויבן די קאָלדרע, וואָס איך האָב שוין געהאַט גוט אויסגעוואָרימט.

— שוין באַלד. וואָס איז דען?

— גאָרנישט. שלאָף. ס'איז שוין שפּעט.

יונה האָט זיך אויך אַרײַנגעוואָרפן אין בעט, אַזוי ווי די מאַמע. ס'בעטל האָט זיך געשאָקלט צוקאָפּנס און צופוסנס.

— אַ־אַ־אַ... — האָט ער ברייטלעך אָפּגעצויגן דעם אָטעם — ס'בעט זאָל קיינמאָל נישט אונטערגיין.

ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים אויף דער שטוב אַרויס. איך האָב מיך צוגעטוליעט צו זײַן פּלייצע, אַזוי ווי איך פּלעג עס טון, ווען כ'בין געשלאָפן מיטן טאַטן אין איין בעט.

דער ריח פון טאַטנס לײַב איז מיר געווען באַקאַנט. עס האָט גע־שמעקט מיט היי און מיט קאַלטער לופט.

יונהס לײַב איז געווען דאַר און ביינערדיק. ס'האָט זיך געטראָגן דערפון אַ ריח פון שמעקנדיקן זייף, אויסגעמישט מיט שווייס. דערוואַ־רימען זיך בײַ יונהס לײַב איז מיר געווען שווער.

האָב איך מיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט. יונה האָט זיך אויך אויסגעדרייט און אײַנגעטוליעט זיך גאָר אין מיר.

מען איז געשלאָפן. ס'הייסט יונה איז אַזוי גיך נישט אַנטשלאָפן געוואָרן. ער האָט זיך נאָך אַ סך מאָל אויסגעדרייט אויף דער שטוב אַרויס און צוריק צו מײַנע פּלייצעס. ס'בעט האָט נישט אויפגעהערט צו שאָק־לען זיך.

איך האָב אַזוי לאַנג געהערט, ביז וואַנען די אויערן זענען מיר פאַר־שטאָפּט געוואָרן. צי איך בין לאַנג געשלאָפן, צי באַלד ביים ערשטן דרימל — נאָר כ'האָב מיטאַמאָל דערפילט, אַז ס'איז מיר קאַלט אויף די פּלייצעס.

כ'בין געווען, זעט אויס, אָפּגעדעקט. האָב איך גענומען ציען די קאָלדרע. ציענדיק אַזוי, האָב איך אַרום מיר אָנגעטאַפּט אַן אויסגעוואַ־רימטע ליידיקייט. ווו איז יונה?

איך עפן די אויגן. דער טאַטע שנאָרכט. אין שטוב איז געדיכט, שוואַרץ. מען זעט אינגאַנצן קיין שטוב נישט. ס'קאָן זײַן, אַז צוליב דעם איז די שטילקייט אַזאַ רוישיקע. זי קלינגט מיר אין קאָפּ, אין די אויערן. און אפשר איז גאָרנישט אַזוי שטיל? אַז איך הער מיך גוט אײַן מיט בײַ־דע אויערן, ווײַזט זיך מיר אויס, אַז מ'שאַרט דאָ ערגעץ מיט אַ שטיקל פּאַפּיר. כ'קאָן נישט דערגיין, פונוואַנען דאָס שאָרן קומט. אָבער, קענט־

לעך, אז ס'איז נישט פון גאר ווייט. דערנאך ווייזט זיך מיר אויס, אז מען רעדט. ס'טריפט פאמעלעך און איינגעגעסן, טויבלעך קול, אזוי ווי פון יענער זייט לאדן.

מיטאמאל — גיט עס א קנאק אין דער שאנק. כ'ווייס, אז ווען א שאנק קנאקט אין א פינצטערער שטוב, איז א סימן, אז אין שטוב דרייט זיך ארום א טויטער.

אפשר משה?

כ'האב נישט קיין מורא. משהן האב איך ליב געהאט און ער מיך — דעסטגלייכן. אבער איבערן לייב גייט פונדעסטוועגן אדורך א געני־דזשענע הויט. כ'דעק מיך איבער מיט דער קאלדרע און ווארט מיט אן איינגעהאלטענעם אטעם — יונה זאל צוריקקומען. די קאלדרע ווערט אבער קורץ. אז איך ציִ זי אריבער איבערן קאפ, בלייבן די פיס אויפגע־דעקט. די שאנק קנאקט אויפסניי. אונטערן לאדן רעדט מען... ניין, נישט אונטערן לאדן. מען רעדט דא ארום מיר. בפירוש, ווי מ'רעדט...

דער טאטע צעשנארכט זיך מיט א פייף, מיט א ווינט. די מאמע הערט מען אינגאנצן נישט שלאפן.

יונה איז נאך אליץ נישט צוריקגעקומען. זאל ער האבן ארויסגע־גאנגען אין דרויסן? באלד, דאכט זיך, אז דא, ערגעץ נישט־ווייט, הער איך איטעם קול. כ'וואלט געשוווירן, אז ס'איז איר קול. ס'קומט מיר אויפן זינען האדל. זי האט זיך א סך מאל אויפגעכאפט אינמיטן דער־נאכט און געערעדט. די מאמע האט געזאגט, אז האדלען לאזט נישט שלאפן איר געקאוועטער קופערט.

אבער ווער לאזט איטען נישט שלאפן?

אין דעם פאלט א קלאפ. א טויבער איז ער, דער קלאפ, אזוי ווי פון א שוך. ער קומט פון יענעם ווינקל, וווּ עס שטייען טאטע־מאמעס בעטן.

— א קאטא! א קאטא!... דערהער איך דער מאמעס קול. ס'איז אומרואיק דאס קול. ס'דערטראגט זיך א נייער קלאפ פון נאך א שוך.

האט זיך גאר א קאץ אריינגעכאפט צו אונדז אין שטוב. מוז זיין, אז ווען יונה איז אזוי שפעט אהיימגעקומען, איז מיט אים מיטגעקומען א קאץ. די מאמע ווארפט דאס איצט דעם שוך אין דער קאץ אריין. נאר גיי טרעף, ווו אזא באשעפעניש געפינט זיך, אז ס'איז שטאק פינצטער.

— מאַמע! — רוף איך מיך אָן — דאַכט זיך, אַז די קאַץ איז בײַם פֿענצטער.

— שלאָף! — האַקט מיר איבער דער מאַמעס קול און פּלוצלינג, כאָטש ס'איז שוואַרץ אַרום און אַרום, דערזע איך זי שטיין נעבן מײַן בעט, זי שטייט אַ לאַנגע, אַ ווײַסע.

איך פֿיל איר אָטעם אויף מײַן פּנים. איך פֿיל אויך די הענט אירע. זי שאַרט מיט זיי דאָ, בײַ מיר אין בעטל.

— פֿאַרוואָס שלאָפֿסטו נישט? — איז איר שטים שווער.

— יונה האָט מיך איבערגעוועקט — ענטפֿער איך.

זי קרעכצט אָפּ. איצט איז זי נאָך לענגער, נאָך ווײַסער. דאַכט זיך, אַז זי גייט שוין צוריק צו זיך אויפֿן געלעגער. אין דעם דערהערט מען, ווי עמיצער פֿאַרשליסט דאָרט, אין קיך, די טיר. די מאַמע זעצט זיך שווער אַוועק אויף אַ קאַנט פֿון מײַן בעטל.

— יונה?

— איך, מאַמע.

— ווו ביסטו געווען?

— כ'האָב פֿאַרגעסן צו פֿאַרשליסן די טיר.

די מאַמע שטעלט זיך אויף. יונה גיט אַ שווים אַרײַן צו מיר אין בעט. איך רוק מיך מער נישט צו צו אים. פֿונדערווײַטנס שפּיר איך אַ שאַרפֿן ריח פֿון שווייס און פֿון עפּל. יונה קאָפּעט די קאָלדרע.

## קאַפּיטל עלף

צומאָרגנס איז געווען יום־טוב — די אַנדערע טעג. איטע איז אויפֿגעשטאַנען פֿרי. זי האָט געהאַט אַ ווייך, נישט־אויסגעשלאָפֿן פּנים. שווײַגנדיק און פֿאַרטון האָט זי געראַמט די שטוב. איצט איז איטע נישט שיין געווען. מ'האָט אָנגעזען די גאַנצע ברייטקייט אירע. יונה איז אַרום־געגאַנגען אין שטוב, ווי אַ פֿרעמדער. ער האָט זיך אָנגעטון פֿאַמעלעך, אונטערגעפּייפֿט און איז אַרויס פֿון שטוב מיט זײַן געווענלעך טענצעלע זאַגנדיק, אַז ער גייט אין שול אַרײַן.

די מאַמע איז אויך אויפֿגעשטאַנען פֿריער. איר פּנים האָט אויס־

גנוזען מיד, פאַרזאָרגט. אַזאַ הויכע איז זי עפּעס געוואָרן דורך דער נאַכט, די מאַמע. ביי דער קילער זון, וואָס איז געשטאַנען אויפן קעגנאיבער־דיקן דאַך, האָבן דער מאַמעס שוואַרץ־אַפּלען אויסגעזען גרין. זי האָט גע־שוויגן, אַלץ אין שטוב האָט געשוויגן.

איטע האָט געריימט לאַנג. דאָס אויפרוימען איז טאַקע אַרויסגעקו־מען שענער, ווי נעכטן. אָבער אין שטוב איז געוואָרן דערפון טרויעריק. די זון פון שכנותדיקן דאַך האָט קוים אָנגערירט די אויבערשטע שויבן. די שטוב איז געלעגן אין שאָטן. ס'האָט אויסגעזען נישט־יום־טובדיק, נאָר מנחה־ומעריבדיק אין אַ וואָכעדיקן, ווינטערדיקן פאַרנאַכט.

איך מיטן טאַטן זענען אַוועק דאַווענען. אין בית־מדרש האָט היינט געזאָלט זיין אַ כפול־שמונהדיק, זינגענדיק דאַווענען. אַ מנהג געווען אַזעלכער, אַז אַלע אַנדערע טעג יום־טוב האָבן זיך די בעלי־תפילות גע־טוישט.

דער חזן פון שול, צוזאַמען מיט זיינע זינגערלעך, זענען געקומען אין בית־מדרש אַריין און דער בעל־תפילה פון בית־מדרש — מאַשקע גאַרקיכער, האָט זיך מטריח געווען אין שול אַריין אויסצוזינגען זיינע זעלנערישע מאַרשן מיט די פּוילישע אָבערקעס. איז טאַקע אין שול גערוים און קאַלט. די שיין־געשניצטע מזרח־וואַנט, מיט די האַרפּעס און קלאַ־נעטן, מיט די פּייקלעך און טרומפּייטן, וואָס האָבן, דאַכט זיך, מיטגע־זונגען מיטן אַלטן חזן, זענען היינט געלעגן, ווי שטומע שאָף פאַר אַ רעגן.

דערפאַר אָבער האָט מען אין בית־מדרש קיין שפּילקע צו דער ערד נישט געקענט וואַרפן. אַ האַלבער עולם פון שול, דער גאַנצער עולם פון בית־מדרש, יידן פון שטיבלעך — דאָס אַלץ איז געקומען הערן דעם חזן מיט זיינע משוררים.

האָט טאַקע דער חזן, אַן אַלטער ליטוואַק, אָפּגעדאַוונט אַ שחרית מיט אַ מוסף, וואָס דער טעם זייערער איז געלעגן ביי אַלעמען אויפן גומען ביז אַ שטיק אין זומער אַריין. ס'האָט טאַקע געדויערט ביזן האַלבן טאָג דאָס דאַווענען, אָבער עולם איז אַהיימגעגאַנגען דערפרישט, אויפגע־מונטערט.

מ'האָט נאָכגעברומט און נאָכגעזונגען. מ'האָט געדריידלט, אונטער־געהאַלפן מיט אַ פינגער, צוגעטופּעט מיט אַ פוס. אָבער ביי קיינעם איז עס נישט אַרויסגעקומען אַזוי ווי ביים אַלטן, ליטווישן חזן.

אז מיר זענען צוריקגעקומען פון דאווענען, איז נאך אלץ די שטוב אונדזערע געשטאנען א שווייגנדיקע. זי איז געווען אויפגערוימט, צוגע־גלעט און צוגעפוצט, אבער קאלט, פרעמד. ביים עסן האבן די טעלער הויך און ליידיק אפגעקלונגען. די פסחדיקע לעפל־מעסער האבן אראפגעקוקט פון טיש מיט א חמצדיקער גרויקייט. דער טאטע האט דערציילט די וווּנ־דער פון חזנס היינטיקן דאווענען, אבער קיינער האט אים נישט גע־הערט.

וואס טוט זיך עפעס אין שטוב, וואס?

אט פירט דער טאטע זיין טויבלעכן בליק איבער אלעמענס פּני־מער. ער וווּנדערט זיך: ס'איז דאך יום־טוב, מען האט אנגעגרייט, ברוך־השם, וואס־זשע זענען די פּנימער אזוי טרויעריק? א שיף מיט הינער־דרעק איז אונטערגעגאנגען? איטע זיצט אינגאנצן נישט ביים טיש. זי דערלאנגט דאס עסן גיך, נאך גיכער פארשווינדט זי צוריק אין קיך אריין.

— וואס איז עפעס מיט איטען? פארוואס זעצט זי זיך נישט צום טיש, פארוואס?

— זי וועט זיך שוין זעצן — ענטפערט איטע — זי האט נאך א סך צו טון אין קיך.

יונהס פּנים איז פריש געגאלט, אבער נאך אלץ גרין, גרינער ווי פריער. ס'איז צעקנייטשט. דער קנאפּ אין גארגל האט זיך איבערנאכט אויסגעצויגן שפּיציק און לויפט, ווי א לעבעדיק מייזל.

יונה עסט מיט אראפּגעלאזטע אויגן אין טעלער אריין, צווישן איין מאכל און צווייטן ברעכט ער שטיקלעך מצה און שקייעט זיי, ווי א זאטער.

די מאמע קוקט אויף אים פון א זייט, נישט אפן. מוז זיין, אז ער פילט דער מאמעס אנגעשטרענגטן בליק. נעמט ער ציען מיטן קאפּ ארויף, דרייען מיטן האלדז הין און צוריק, אזוי ווי דאס שטייפע קעלנערל וואלט אים געשטיקט.

נישט אזוי האט אויסגעזען היינט א יאר ביים יום־טובדיקן טיש. נישט אזוי האט מען געבענטשט, נישט אזוי איז מען אוועקגעגאנגען פון אים. דער טאטע, געדענק איך, האט געברומט א ניגון א זארגלאזן, א היימלעכן. די מאמע האט שטילערהייט צוגעהאלפן מיט איר קלאר, פּערל־

דיק מויל. היינט האָט יונה, באַלד נאָכן עסן, גענומען דאָס ווייכע שטע־קעלע זיינס, אַ צי געטון דעם שניפּס און געלאָזט זיך אין גאַס אַריין.

— יום־טוב מיט אַ שטעקן? — האָט אים דער טאַטע נאָכגערופן.

אָבער יונה איז שוין געווען אינדרויסן. דורכן פענצטער האָב איך געזען, ווי ער גיט אַ דריי מיטן שטעקעלע אין דער לופטן און טענצלט אַרויס פון הויף.

איטע וואַשט ס׳געפעס. פאַרעקשנט און בייז רייבט זי אַריין די כּו־חות אירע אין די יום־טובדיקע טעפּ.

אין שטוב שפּירט זיך אַ ריח פון ציבעלעס מיט אייער, פון איינגע־לייגטן באָרשט, פון געפּרעגלטע כרעמדזלעך. עס גייט אַרום אַ זאַטע מיד־קייט, וואָס שלאָגט קאַפּויר. ס׳קלעבן זיך די אויגן. האָט זיך טאַקע דער טאַטע לאַנג נישט מיישב געווען און געלייגט זיך אין די הויזן אונטערן איבערבעט אַרונטער. די גרויסע צעוואָרפענע בּאַרד זיינע, וואָס האָט אַ גאַנצן פּסח געהאַלטן אויף זיך אַ נגידישלעכע סטאַטעטשנעקייט, רייסט זיך איצט תּקיפותדיק צום בעליק. ס׳געדרויערט אַ פּאָר רגעס און די שטוב ווערט פול מיטן טאַטנס שווערן אָטעמען.

די מאַמע דרייט זיך אַרום אומרואיק. איך דערקען שוין. זי האָט עפּעס צו זאָגן, אָדער זי וויל עפּעס באַהאַלטן. אָט נעמט זי אַ שמאַכטע פון דער קאָמאָדע אַראָפּ און לייגט עס באַלד צוריק אַוועק. אָט רוקט זי אויף אַ שופלאָד און פאַררוקט עס מיט גאַרנישט. זי עפנט ס׳פענצטער.

— אַזאַ דושנעקייט! — זאָגט זי, און הערט נישט אויף צו קוקן אויף מיר.

— מענדל — שאַרט זי מיט דער האַנט איבערן טיש — גייסט גאָרנישט אין ערגעץ שפּאַצירן?

— וווּ זאָל איך גיין?

— איך דאַרף דיר זאָגן, וווּ דו האָסט צו גיין? האָסט גאָר קיין חברים נישט?

— כ׳האָב. פאַרוואָס זאָל איך נישט האָבן?

— גייט מען אַביסל צו זיי. אַזאַ יינגל, ווי דו, שפּילט פּסח אין ניס.

— כ׳האָב נישט קיין ניס.

— זע נאָר, ס׳פעלט אים, נעבעך, ניס! נאַ, דאָ האָסטו ניס.

די מאַמע נעמט אַרויס אַ גרויסן, פאַפּירענעם בייטל און שיט מיר אָן אַ פולע קעשענע מיט ניס. די קעשענע ווערט אויפגעבלאָזן. זי שטייט

אָפּ. ווען האָט מיר דאָס די מאַמע געגעבן אַזויפיל ניס? איז נאָך ווייניק — קריג איך נאָך א צולאָג צוויי מאַקאַראָנדלעך און א שטיקל מיט צו־קער־איבערגעצויגן פאַמעראַנץ־שאָלעכץ.

— נו, גיי, גיי... — לייגט זי אַרויף ביידע הענט אויף מיינע אַקסלען.

— כ׳האָב נישט ווו צו גיין — זאָג איך · - כ׳על שוין וואַרטן, ביז דער טאַטע וועט אויפקומען, וועלן מיר גיין צו דער מומע נעמי.

— וועסט נישט פאַרשפעטיקן צו דער מומע נעמי — בייזערט זיך די מאַמע — אַזאַ מלכותדיקער טאָג אינדרויסן און דאָס זיצט איבער־אַנאַנד.

די מאַמע מוז האָבן א שווער הארץ. אז נישט — וואָלט זי אַזוי נישט געערדט צו מיר. אין די שווערסטע טעג, אין די קאַלטע, ווינטער־דיקע פאַרנאַכטן, ווען ס׳איז נישט געווען מיט וואָס פייער צו מאַכן, האָט די מאַמע צו מיר אַזוי נישט געערדט. מוז דאָך דער מאַמען היינט שטאַרק עפּעס וויי טון.

ס׳קאָן זיין, אַז דערפאַר טאַקע גלוסט זיך מיר נישט אַוועקצוגיין. כ׳וויל נישט איבערלאָזן די מאַמע אַליין.

אָבער די מאַמע האָט מיך סוף כל סוף אַרויסגענאַרט. ס׳הייסט, פּשוט אַרויסגעשטופּט, איטע האָט זיך מיט גאָרנישט אָנגערופן. זי האָט געריבן די טעפּ נאָך פאַרביסענער, מיט מער עקשנות און מיט מער בייזן כח.

כ׳בין אַרויס פאַר דער טיר. איצט האָב איך מיך שוין משער געווען, אַז די מאַמע וויל פון מיר פּטור ווערן.

האָב איך מיך דוקא אַוועקגעשטעלט צווישן אָפענעם פענצטער און צווישן דער טיר. אין שטוב האָט מען, מן־הסתם, נישט געזען, אַז איך שטיי דאָ.

אויפן קעגנאיבערדיקן דאַך האָבן שפּאַצירט טויבן. שפּאַצירט נגי־דישלעך, מיט שאָקלדיקע גוידערלעך. פון מאָל צו מאָל האָט א טויב אונ־טערגעהויבן א פליגל, א פלי געטון אַרום דאַך און צוריק זיך אַוועקגע־שטעלט.

מיטאַמאָל האָבן זיך אַלע קעפּלעך צעשאָקלט. מ׳האָט זיך א קוק גע־טון אין די אויגן אַריין און ווי דורך א קייזערלעכן באַפעל האָבן אַלע

מיטאַמאָל אַ צענעם געטון די פֿעדערן און געלאָזט זיך מיט אַ פּאַטשערײ אין דער הויך, אַזוי ווי אָפּגעטײלטע שטיקער שניי, פֿאַרגאָלדנט מיט זון.

כ׳האָב מיטגעריסן דאָס פּנים מיטן לויף פֿון די טויבן. זײ האָבן זיך געדרייט אויף איין אָרט. אַראָפּ און אַרויף. זײ האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, אַזוי ווי אַ ליבלעכע, געטרייע משפּחה. האָט זיך אויף אַ רגע איינע פֿון זײ אָפּגעטײלט — איז זי אין איין בהלה צוריקגעקומען צו דער מחנה אַ ציטערדיקע, אַ דערפֿרייטע. נישט אַזוי ווי ביי אונדז! אין שטוב, ווו ס׳איז דווקא לכּבֿוד פּסח צעשטערט געוואָרן די פֿרייד פֿון שענסטן יום־טובֿ אויף דער וועלט.

אוודאי איז דאָס אַלץ צעשטערט געוואָרן. אָט איצט טאַקע, ווי איך שטיי אַזוי פֿאַרקוקט אויף די טויבן, הער איך דורכן אָפֿענעם פֿענצטער איטעס קול. ס׳איז שלינגנדיק דאָס קול, הײס איז עס.

— מומע קרוין — זאָגט איטע — כ׳זאָל אַזוי לעבן און געזונט זיין!

— אָן שבֿועות, איטע! — דערטראָגט זיך צו מיין אויער אַ שווער, טיף קול פֿון דער מאַמען — דעם אמת וויל איך וויסן.

— דעם גאַנצן אמת, מומעשי. ס׳איז אַזוי געוועזן. מ׳אָמיר זיך באַשטעלט אין „קאַפּטער" וואַלד אַריין. איך און ער. גאַרנישט. מ׳אָמיר שפּאַצירט... מ׳אָמיר געגעדט פֿון וואַרשע, פֿון לאָדזש, דערנאָך, אַז ס׳איז טונקל געוואָרן, האָט ער געוואָלט...

וואָס ער האָט געוואָלט, האָב איך שוין נישט געהערט. אין אָפֿענעם פֿענצטער האָט זיך פּלוצלינג באַוויזן מיין מאַמעס קאָפּ. אַ בייז געשריי האָט מיר אַ שניט געטון אין אויער אַריין:

— וואָס שטייסטו דאָ, ליימענער גולם! גיי ערגעץ, צו אַלדי גוטע יאָר!

דאָס אָפֿענע פֿענצטער האָט זיך מיט אימפּעט פֿאַרהאַקט, די טויבן האָבן נידעריק געקרייזלט אַרום דאַך. מ י ך האָט דער מאַמעס קול געגעבן אַ ברי. ס׳האָט מיך אַרויסגעוואָרפֿן פֿון הויף. כ׳האָב נישט געוווסט, צי לויפֿט מיר די מאַמע נאָך, צי איז זי געבליבן דאָרט אין שטוב. כ׳האָב מיך אומגעקוקט: ס׳האָט מיך קיינער נישט געיאָגט. פֿונדעסטוועגן בין איך געלאָפֿן. אין דער איצטיקער מינוט האָב איך געוואָלט עמעצן געפֿינען, אויסזוכן עמעצן. כ׳האָב געוואָלט שפּילן אין ניס, כ׳האָב געוואָלט רעדן. עפּעס טון האָב איך געוואָלט,

וויים איך נישט, ווי אזוי ס'איז געשען. — נאָר מיטאמאָל האָב איך מיך דערזען ביי יענעם הויז, וווּ משה איז, נישט דאָ געדאכט, געשטאָרבן, און פונוואנען מיר האָבן זיך שוין לאנג געהאט ארויסגעצויגן.

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז איך דארף דאָ איצט טרעפן יוזשע דעם בעדנערס. איך מוז זי דאָ טרעפן. כ'דארף איר עפּעס זאָגן. ס'איז מיר הייס אין פּנים, ס'איז מיר הייס אין די פינגער פון די הענט.

כ'וויים, אז יוזשע וווינט שוין דאָ נישט. פונדעסטוועגן קוס איך אין אונדזער געוועזענעם פענצטער אריין. איצט שטייען דאָרט בלומען־טעפּ, א סך בלומען־טעפּ. מן־הסתם וווינען דאָ גויים. ס'קומט מיר פאָר אויסטערליש. אין אונדזער שטוב זאָלן וווינען גויים? אָט עפנט זיך טאַקע א טיר, אונדזער טיר. ס'באוויייזט זיך א בלאָנד שיקסל מיט א שטיק געלער חלה אין האנט.

ס'ווערט מיר איבער דער טבע. כ'קאָן נישט קוקן, ווי דאָס שיקסל האלט אזוי דאָס שטיק חלה אָפן, פריי. ס'איז דאָך פּסח!

דאָס בלאָנדע שיקסל פארבויגט דאָס קעפּל אויף א זייט. זי נעמט אוועק די חלה פון מויל און קוקט מיך אָן.

— צו וועמען דארפסטו?

— צו יוזשען.

— איך הייס נישט יוזשע. סטאשע רופט מען מיך. און דו ווי הייסט?

— מענדל.

— ווילסט דיך שפּילן?

— יאָ. נאָר וואַרף אוועק די חלה. ס'איז דאָך חמץ.

— ביי אונדז איז היינט „ווייעלקאנאָץ”, עסט מען חלה.

— און ביי אונדז איז פּסח, טאָר מען נישט עסן קיין חלה.

— און מיין מאמעשי האָט מיר געזאָגט, אז איר, זשידקעס, טוט אריין אונדזער בלוט אין מצות.

— דיין מאמעשי איז א גויע.

— און דו ביסט א זשידעק.

— און דו ביסט א שיקסע.

— פּאַרכו!

— סאמא פּאַרכו!

דאָס שיקסל רוקט זיך הינטערוויילעכטס נענטער צו דער טיר פון

זייער שטוב. איך רוק מיך נאָך. מירביידע קוקן אויף זיך, ווי הינט. דעם וועג אין דער דאָזיקער שטוב אריין קאָן איך. ס'איז דאָך אונדזער שטוב געווען. כ'קאָן אויך דעם וועג אויפן בוידעמל ארויף. ס'קומט מיר אויפן זינען, אז דאָרט אהין איז צו יוזשע דעם בעדנערס געקומען אַ רוסישער זעלנער. ער האָט געקלאַפּט אויף די שטיגן מיט די שווערע שטיוואַלעס. דער בעליק אין שטוב האָט זיך געשאָקלט.

וויל איך עס זאָגן סטאַשען. איך וויל איר זאָגן, מיר זאָלן ארויף דאָרט אויפן בוידעמל. אָבער זי שטייט שוין ביי איר טיר. זי האַלט די האַנט אויף דער קליאַמקע.

— ווינאַש שען, זשידזשע! — גיט זי אַ קאַפּע מיט אַ פּוס אין מיין זייט אריין און רייסט אויף די טיר.

כ'וויים נישט, מן־הסתם האָט זיך מיר געדאַכט. מן־הסתם האָב איך נישט גוט געזען. נאָר פאַר די אויגן האָט אַ מיניע געטון יוזשע דעם בעדנערס שווארצער, שעפּסענער קאָפּ.

— יוזשע! — האָב איך מיך צעשריגן נישט מיט מיין קול און גע־וואָלט אריינפאַלן אין אונדזער אמאָליקער קיך.

אָבער אין הויז האָט זיך דערטראָגן אַ שפּיציק ווידערקול:

— מאַ־מאַ, זשיד כצע זאַביטש!

דעם שיקסלס מאַמע האָב איך שוין נישט געזען. יוזשע דעם בעד־נערס — אויך נישט. כ'האָב גענומען לויפן פון הויף ארויס אין גאַס אריין, אין גאָרטן אריין, ווו ס'האָט זיך נאָר געלאָזט.

ערשט ביים אַלטן גאָרטן בין איך שטיין געבליבן. ס'האָט מיך קיי־נער נישט נאָכגעיאָגט.

אויף די ביימער זענען געלעגן אָפּגעקילטע שטיקער זון. ס'האָבן שפּאַצירט חתנים מיט כלות. אַלע כלות זענען געווען פאַרגאָלדעטע. אַלע האָבן הויך געקלאַפּט מיט די אָפּצאַסן.

ווען איך קאָן אַזוי אַ זאָג טון... ניין, נישט קיין זאָג טון, נאָר שרייען: „הערט אויף צו קלאַפּן מיט די אָפּצאַסן!" — וואָלט מיר אַראָפּ אַ שווערער שטיין פון האַרץ.

כ'האָב לאַנג געוואַרט, ביז כ'האָב אָפּגעסאַפּעט פון לויפן. כ'האָב מיר נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון, וואָס מיט מיר איז פריער געווען. כ'האָב געפילט, אז איך דאַרף שולדיק זיין, אָבער קעגן וועמען — האָב איך נישט פאַרשטאַנען.

כ'בין אהיימגעגאנגען מיט א מורא. ס'האט זיך מיר געדאכט, אז איך דארף מיך פארענטפערן.

איטע איז שוין אין שטוב נישט געווען. דער טאטע איז שוין געהאט אויפגעשטאנען פון שלאף. ער האט געווארט אויף מיר.

— וווּ ביסטו דאס געווען, וווּ? — האט ער מיך געפרעגט, ווי נאר כ'בין איבערגעטרעטן די שוועל.

— אין אלטן גארטן.

— וואס עפעס אין אלטן גארטן? וואס האסטו צו טון אין אלטן גארטן, וואס?

כ'האב געשפילט אין ניס.

אין ניס גאר! אזא יונג, ווי דו, שפילט אין ניס?

כ'האב אים אליין געהייסן גיין — האט די מאמע זיך פאר מיר אנגענומען.

— אין אלטן גארטן אריין? צו די לאבוזעס דארטן?

— עס זענען נישט געווען קיין לאבוזעס — האב איך געפרווט אריינווארפן א ווארט.

— אז ד ו ביסט דארט געווען, איז שוין גענוג.

ס'פנים האט מיר אויפסניי גענומען ברענען. דער טאטע האט צו מיר קיינמאל אזוי נישט גערעדט. פארוואס קומט מיר דאס, פארוואס?

— וואלסט מיך געהארכט — האט די מאמע איבערגעריסן מיינע מחשבות — וואלסטו אים היינט צו נעמי נישט מיטגענומען.

— פארוואס?

— זעסט דען נישט, אין וואסער הולך ער גייט?

— מילא, נו... אפגעריסן, חלילה, גייט ער נישט.

איך אליין וואלט היינט אויך נישט געוואלט גיין צו דער מומע נעמי. כ'בין היינט עפעס אזוי אנדערש, ווי אלע מאל. אין ליב ביי מיר ליגט א הייסע פוילקייט. כ'וואלט מיך נאר געצויגן און געווארימט.

אמת, אז מען וועט היינט נישט גיין צו דער מומע נעמי, וועט אויס־קומען צו ווארטן א גאנץ האלב יאר, ס'הייסט, ביז די אנדערע טעג סוכות. כ'וואלט עס פאר ליב גענומען, אבי נישט צו ווייזן זיך דארט מיט מיין פארשעמט, צעגליט פנים.

אבער דער טאטע האט זיך איינגעשפארט:

— וואָס הייסט, ער וועט נישט גיין און וואָס וועט נעמי זאָגן?
— גיי אַליין.
— ניין. אַליין גיי איך נישט.
זענען מיר דאָס מאָל אויך געגאַנגען, איך און דער טאַטע.

*****

אַז ס'פּנים ברענט נישט און אויפֿן האַרץ ליגט נישט קיין שווערער שטיין, איז גאַנץ נישקשה צו גיין צו דער מומע נעמי. זי איז אַן אַנדערע, ווי אַלע מיינע מומעס. דאָס לעבן ביי איר איז אויך אַן אַנדערס.

זי וווינט אין אַ געמויערט, צוויי־שטאָקיק הויז מיט ברייטע, אייזערנע שטיגן. אין יענעם הויז וווינט אויך פּזשילענצקי דאָקטאָר און דער גוויאישער לערער.

אַז מען גייט דאָרט אויף די אייזערנע שטיגן, לויפֿט אַרום אין קילן, טונקעלן הויז אַ פּרעמד, הויל ווידערקול. די טיר פֿון דער מומע נעמיס שטובן איז אַ הויכע, אַ ברוינע מיט אַ מעשענער קליאַמקע. צוליב דער דאָזיקער מעשענער קליאַמקע, מוז זיין, האָט מיין מאַמע נישט ליב געהאַט דעם טאַטנס שוועסטער און איז כמעט קיינמאָל נישט געגאַנגען צו איר גוט־יום־טוב־ביטן.

— כ'האָב אויך אַמאָל געהאַט מעשענע קליאַמקעס — האָט די מאַמע נישט אויפֿגעהערט צו דערמאָנען — נו, האָב איך אַזוי געפּאָכעט פֿון מיר, ווי נעמי?

כ'ווייס נישט, צי ביי דער מאַמעס טירן מיט די מעשענע קליאַמקעס האָט מען אויך געמוזט קוועטשן ביי אַ קנעפּל, איידער מען איז אַריינגעקומען. דאָ, ביי דער מומע נעמי, מוז מען אַביסל צוווארטן הינטער דער ברייטער טיר. דאָ פֿרעגט מען צוערשט, ווער עס איז דאָרט. דערנאָך עפֿנט מען און מען לאָזט אַריין.

דער טאַטע, אַז ער גייט צו דער איינציק־באַהעביקער שוועסטער זיינער, ברומט ער אויפֿן וועג אַ ניגונדל, וואָס אַלע האַלבע יאָר האָט עס אַנדערע תנועות מיט אַנדערע טענער.

אַז ער קומט צו דער טיר, שנייצט ער זיך אויס, הוסט אָפּ, דערנאָך גיט ער אַ קוועטש פֿאַמעלעך ביים קנעפּל. אַז מען עפֿנט, גיט ער ברייט אַ שפּרייז אַריין, ווי איינער רעדט:

— קיין גביר בין איך טאַקע נישט, אָבער אַ ברודער בין איך דיר און אַזאַ יחסן, ווי דו, שוועסטער־לעב, בין איך אויך.

ער איז טאַקע דער אייגענער יחסן, וואָס די מומע נעמי. ביידע זע־נען זיי אַרומגעלאָפן נאַקעט און באָרוויס אין „גייעם מילכל״ און געגעסן ראַזעוואַנע ברויט מיט צוואָרעך. ביידע האָבן זיי געקוקט דאָרט אויף די ווייטע, צעוואָרימטע פעלדער. ביידע האָבן זיי זיך געבאָדן אין איין טייך. נישט מער, מיין טאַטע וווינט אין איין שטוב מיט אַ קיך, און זי, די מומע נעמי — אין אַ סך שטובן. מיין טאַטע לאָזט איבער אויף שבת הונדערט קופּערנע צווייערס, און ביי דער מומע נעמי גייט אַוועק דריי און פיר רובל אויך.

די מומע נעמי אַליין איז אַ הויכע, אַ טונקעלע מיט שוואַרצע, שפּי־ציק־אויפגעשטעלטע ברעמען, אַזוי ווי ביי אַ ייִד אַ למדן. איך האָב נישט ליב די מומע נעמיס אויגן. זיי זענען ווייסע, זיי יאָגן אָן מרה־שחורה, אומהיימלעכקייט. כ׳האָב אויך נישט ליב, ווי אַזוי די מומע נעמי רעדט. נישט אָפן גייען ביי איר די רייד, נאָר באַהאַלטן. זי זייעט זיי צווישן די דינע ליפּן פּאַמעלעך מיט אַ פאַרצויגן ניגונדל:

— לייז־ע־ער... — זאָגט זי — גוט־יום־טוב, גוט־יאָר!... איז וואָסזשע מאַכסטו? אַזוי... מאַ, געלויבט זיין ליבער נאָמען! און וואָס מאַכט פרימעט? אַזוי... מאַ, געלויבט זיין ליבער נאָמען! און דאָס איז טאַקע דיין מענדל?

בשעת זי זינגט אַזוי אויס דעם „געלויבט זיין ליבער נאָמען״, האָבן די אויגן אירע אַ טבע האַלב צו פאַרמאַכן זיך, אַזוי ווי פון גרויס מתיסות. דאָס פּנים שאָקלט זיך צו רביצין־מעסיק.

איר טונקל געשטאַלט, די פאַרשפּיצטקייט פון גאָמבקעלע, די הויכ־קייט אירע — דאָס אַלץ פּאַסט זיך מיט די געראַומע, קילע שטובן, ווו דאָס מענטשלעכע קול לויפט אַרום אין די ווינקלען אַ שפּאָרע ווייַלע, ביז עס געפינט פאַר זיך אַ שטיקל תיקון. ס׳דאַכט זיך, אַז נאָר די דאָזיקע ווענט און נאָר די דאָזיקע טונקעלע טישן מיט קאָמאָדעס האָבן געקאָנט אַרויסגעבן פון זיך אַזאַ מומע נעמי. ערגעץ אַנדערש, אונטער אַ נידעריקן בעליק, למשל, צווישן וואַרעמערע ווענט, וואָלט זיך די מומע נעמי קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען.

ס׳איז נאָר אַ חידוש, ווי אַזוי דער מאַן אירער, פּעטער בן־ציון, פּאַסט זיך יאָ אַריין אין די דאָזיקע שטובן.

אז אליין איז ער נידעריק געוואקסן, קיילעכדיק און פעט. אז פיס־לעך האט אים גאט געגעבן קליינע, גארנישט קיין מאנסבילשע. הענט — קורצע, פולכנע. בלויז א בארד האט ער א ווייסע — און דער בויך האט זיך ביי אים פארנומען מיט נגידישער העזה.

פעטער בן־ציון טראגט נישט קיין שטיוול, נאר שווארץ־געפוצטע שטיבלעטן מיט שטייפע, גומענע ווענטלעך ביי די זייטן. הויזן האט פעטער בן־ציון ליב אויך שווארצע, געפרעסטע מיט א קאנט אין סאמע מיטן. אז ס׳איז געקומען צו דער קאפאטע, האט פעטער בן־ציון לאנג מעדיטירט, איבערגעלייגט זיך מיט זיין ווייב נעמי, און ס׳איז געבליבן, אז די קאפאטע זאל זיין אביסל אונטערגעשאסן, געהאקט. ס׳הייסט: משכיליש און פרומלעך. פרומלעך דערפאר, וואס צו קיין קאפעלוש האט נאך פעטער בן־ציון נישט קיין כח. טראגט ער טאקע אין שטוב־ארום א יידן, אכט־קאנטיק קאפל און אין גאס ארויין גייט ער ארויס אין א שווארץ, טיכן היטל מיט א שמאלער דענקע. נישט מער — דאס שנירל ביים פעטער בן־ציונס דאשיק איז פון זייד, און דער שמוקלער האט עס דריי מאל געפלאכטן.

פעטער בן־ציון וויגט זיך אויף זיינע קורצע פיסלעך קאטשקע־מע־סיק, מיט דראבנע, ווייבערישע טריטלעך. יידן, וואס באגעגענען אים, זאגן אים צוערשט גוט־מארגן; פאר גויים נעמט ער דער ערשטער אראפ דאס היטל. פעטער בן־ציון איז אן אנגעזעענער מענטש אין שטאט. ער ווייסט, וואס ביי יעדן ייד אין שטוב עס טוט זיך. ער ווייסט, ווען א ייד האט חתונה, ווען א יידענע גייט צום קינד, ווען מאן און ווייב גטן זיך, ווען א ייד שטארבט. אלץ ווייסט פעטער בן־ציון.

נישט בחינם איז ער דער פירער און דער שרייבער פון דער קהל־שטוב. ווען מען, א שטייגער, זעט מען אזוי האפערדיק ארייגגיין אין מא־גיסטראט ארייַן? בן־ציון קהל־שרייבער. ווען מען טרעפט מען אלע מאנ־טיק און דאנערשטיק לויפן אין גובערניע ארייַן, אדער צום „וואיסקע נאטשאלניק”? פעטער בן־ציון. און ווער גייט דאס אזוי גוט־ברודעריש מיטן רב אין גאס, אויב נישט בן־ציון?

פאר מיר און פאר מיין טאטן איז א כבוד, וואס בן־ציון קהל־שרייי־בער איז מיינס אן אייגענער פעטער און דעם טאטנס — א לייבלעכער שוואגער. פאר מיר איז אויך א כבוד, וואס פעטער בן־ציון דאווענט אין שול אויף מזרח־וואנט, טאקע נישט ווייט פון רב, און וואס פון דאווענען

גייט ער אַהיים מיטן חזן, מיטן דאָזאַר האָובעלע בעקערמאַן און מיט נאָך אַ סך חשובע לייט פון שטאָט.

מיר מיטן טאַטן דאַווענען אין בית־מדרש. אַהיים גייען מיר צוזאַמען מיט מאָטל שטרוי, אָדער מיטן קליינעם משהלע דעם היטלמאַכער. טוט אונדז טאַקע הנאה, ווען אין אַ יום־טוב, אָדער אין אַ שבת־ראש־חודש, פאַר קריאת התורה באַווייזט זיך פּלוצלינג אין בית־מדרש אונדזער פעטער בן־ציון.

מען ווייסט, אַז גלאַט קומען אין בית־מדרש אַריין, קומט נישט בן־ציון. מן־הסתם ברענגט ער נייעס, וועלט־זאַכן. שטעלט מען טאַקע אויף מויל און אויערן. טליתים רוקן זיך אַראָפּ פון די קעפּ, קליינע יינגלעך שטעלט מען אַרויף אויף די פענצטער, אויף די שלחנס.

פעטער בן־ציונס נגידישער בויך שטופּט זיך אַרויף צום באַלעמער. די ווייסע, ריין־צעקעמטע באָרד קוקט גדלותדיק אַראָפּ אויף די איינגעהערטע, ניכטערנע פּנימער. יחיאל־סאַנע, דער עלטערער שמש, גיט אַ קלאַפּ אין שלחן אַריין מיט אַ תקיפותדיקער פאַרשייטקייט.

— שאַ־אַ! זאָל זיין שטיל!

ווערט שטיל, ווי אין אַן אויער. איך שטיי אויך אויף אַ טיש. ס'הייסט? ס'איז דאָך עפּעס מיין פעטער בן־ציון!

פעטער בן־ציון קוקט זיך אַרום פאַמעלעך אויף אַלע פיר זייטן און נאָך פאַמעלעכער לאָזט ער הערן דאָס וועלט־נייעס, וואָס ער האָט געבראַכט:

— כ'בין מכריז ומודיע מידיעת הרב ומידיעת הקהל — רופט ער אויס מיט זיין געשפּאָלטן קול — אַז איינשרייבן קינדער אין תלמוד־תורה קאָן מען יעדן טאָג פון צוועלף אַזייגער אינדערפרי ביז אויפדערנאַכט, אויסער פרייטיק און שבת...

מילא, איז עס נישט אַזאַ גרויסע וועלט־נייעס. ייִדן נעמען טאַקע באַלד צוריק אַראָפּ די יינגלעך פון די טישן. עמעצער אויף מזרח־וואַנט גיט גיך אַ רוק אַרויף דעם טלית אויפן קאָפּ און ברומט אין אויפגעעפנטן מחזורל אַריין:

— נגע... אַ וואַזשנע נייעס... טאָמער קאָנסטו וויסן...

אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, האָט פעטער בן־ציון פאָרט עפּעס געזאָגט. ייִדן האָבן אויסגעהערט. אָרעמע מאַמעס, אַלמנות, נעבעך, מיט

ענונות וועלן טאקע וויסן, ווען איינצושרייבן זייערע קינדער אין תלמוד־תורה.

איצט, די צווייטע טעג יום־טוב, זיץ איך אין די הויכע, טונקעלע שטובן פון דעם אייגענעם פעטער בן־ציון. די מומע נעמי זיצט נאָענט ביי דער זייט פון טאַטן. זי ווייסט, אַז דער ברודער אירער דערהערט נישט אַביסל. פעטער בן־ציון אָבער ווייסט נישט דערפון, אָדער וויל נישט וויסן. ער זיצט פונדערווייטנס. ער האָט אַריינגעקוועטשט זיין פעטלדיק גופל אין אַ ווייכער פאָטעל־שטול, פונוואַנען די פיסלעך הענגען אים אַראָפּ, ווי קלעצלעך. ער זיצט אין זיין אַכט־קאַנטיק זיידן קאַפּעלע, קנאַקט ניס, טינקט די יאַנדרעס אין אַ גלעזל מעד, שיילט פּאָמעראַנצן און קוקט אויף מיר.

וואָס אַזעלכעס האָט דאָס דער פעטער בן־ציון דערזען אויף מיר? וואָס פּאַטשט ער אַזוי מיט די ליפּן נאָך יעדן מאָל טועם זיין פון ביסל מעד? און דער עיקר — וואָס קרימט ער אַזוי מיט דער נאָז?

כ׳בין מיך סוף־כל־סוף משער, פאַרוואָס פעטער בן־ציון קרימט זיך אַזוי. אויף היינטיקן פּסח האָט מיר דער טאַטע גאַרנישט געקאָנט מאַכן. כ׳בין געקומען אהער אין דער וואָכעדיקער קאַפּאָטע. די מאַמע איז גע־רעכט געווען: ווי זיצט מען דאָס פּסח אין פעטער בן־ציונס שטוב אין אַזא אָפּגענוצט מלבוש? כ׳שעם מיך פאַרן פעטער, פאַר דער מומען, פאַר די שיינע, רייכע שטובן. דער עיקר אָבער שעם איך מיך פאַר מענדלען.

זיי האָבן אויך אַ מענדל. מיר, ביידע מענדלס, הייסן נאָך איין זיידן. נאָר דער מענדל פונדאַנען איז עלטער, אָנזעעוודיקער, שענער. ער איז געראָטן אין דער מומע נעמי. ער האָט אויך אַזא קליין, שמאָל מויל, ווי זי. אַז ער רעדט, פאַרקרימט זיך אים דאָס מויל אין אַ ווינקל אַריין אַזוי, ווי ביי דער מאַמע זיינער.

מיר דאַכט זיך תמיד, אַז ס׳איז ביי אים אַזא סיגעלע: ער האַלט זיך גרויס, קרימט ער מיטן מויל.

און גרויס צו האַלטן האָט זיך מענדל מיט וואָס. ער גייט אין אַ ווייס העמד מיט אַ שניפּסל. די הויזן זענען ביי אים לאַנגע, איבער די קאַמאַשן אַריבער. ער לערנט נישט אין קיין חדר, נאָר אין אַ „שקאָלע". ער קאָן אַרומגיין פראַנק און פריי איבער די הויכע, גערוימע שטובן. ער קאָן זיך אויסבעטן ס׳טעלערל פון הימל. ער האָט נישט קיין שוועסטער, ער האָט נישט קיין ברידער. ער איז איינער.

אָבער דאָס אַלץ איז נאָך גאָרנישט. אין שטאָט זענען דאָ אַ סך אַזעלכע שיינע, רייכע מענדלס מיט גרוימע, זאַטע שטובן. קיינער אָבער פון יענע מענדלס פאַרמאָגט נישט אין האַלדז אַזאַ קול־נגינה, ווי דער הינעדיקער.

מען רעדט אין שטאָט, אַז מענדל בן־ציונס וואַקסט אַ כּלי, וואָס די וועלט וועט מיט אים אַמאָל קלינגען. גאַנץ שטאָט זאָגט, אַז מענדל בן־ציונס שרייבט און לייענט, ווי אַ וואַסער. מענדל בן־ציונס קאָן גאַנצע קאַפּיטלעך תנ"ך פון אויסנווייניק. טאָ ווי אַזוי זאָל איך מיך נישט פילן קליין און אָרעם אַקעגן אַזאַ מענדל, וואָס אַלטע ײדן לויפן אַרויס פון בית־מדרש אין שול אַריין, הערן אים זינגען?

איך אַליין לויף אויך. מענדל העלפט צו דעם אַלטן ליטווישן חזן. ער איז דאָס ערשטע זינגערל. זיין קולכל לויפט אַרום אונטערן אויסגע־הוילטן בלויען בעליק פון שול, אַזוי ווי אַ בת־קול. אַז מענדל פאַרגייט זיך אַמאָל אונטער דער נאָז, דאַכט זיך, אַז די אַלע פליטן און קלאַרנעטן, די אַלע טראָמפּייטן און פידלען, וואָס זענען אויסגעשניצט אויף דער מזרח־וואַנט, אַז דאָס זינגען און שאַלן זיי אַזוי.

איצט זיץ איך ביי זיי צו גאַסט. מענדל קוקט אויף מיר, ווי אויף אַ פרעמדן. ער קען מיך. איך קום דאָ אַלע האַלבע יאָר. פונדעסטוועגן זעט עס אויס, ווי ער וואָלט מיך נישט דערקענט. ער קרימט מיטן קליי־נעם מויל און רופט זיך צו מיר נישט אָן מיט קיין איין וואָרט. איך צו אים וואָלט יאָ גערעדט. אָבער ווי אַזוי רעדט מען צו אים, אַז ער קען מיך גאָרנישט?

בעט אים די מומע נעמי:

— מענדלשי, זינג עפּעס פאַרן פעטער לייזער.

שטעלט מענדל אָן אַ פּאָר גרויסע, ווייסע אויגן, אַזוי ווי ביי דער מאַמע זיינער. ער גיט אַ קוועטש מיט אַן אַקסל. מען קאָן זיך משער זיין, אַז ער מיינט צו זאָגן:

„טאַמער ווייסטו, פאַר וועמען כ'האָב דאָ צו זינגען."

שמייכלט צו אים מיין טאַטנס גרויסע, יום־טובדיק־אויסגעצוואָגע־נע באָרד:

— נו, טאַקע — זאָגט די באָרד — זינג עפּעס, מענדל, כ'הער דיך אַמאָל אין שול, אָבער נישט אַלעמאָל קאָן מען זיך אַהין אַריינשטופּן און נישט אַלעמאָל דערהער איך...

ווערט מענדלס קליין מויל נאָך איינגעצויגענער. די אויגן־לעפּלעך מאַכן זיך האַלב־דרימלדיק צו. ער גייט טאַקע זינגען. איך האַלט איין דעם אָטעם. אויפן טאַטנס באָרד ליגט אַ גרויסער, וואַרעמער שמייכל. מומע נעמים אויגן מאַכן זיך אויך האַלב־דרימלדיק צו, אַזוי ווי ביי איר מענדלען. בלויז דער פעטער בן־ציון גיט אַ זאַטן זופּ פון גלעזל מעד און פאַרלייגט ביידע הענט אויפן בויך.

אָבער מענדל זינגט נישט. ער גייט גאָר פאַמעלעך און שטייט אַריין אין דער אַנדערער שטוב.

פון טאַטנס באָרד טוט זיך אָפּ דער שמייכל. זי ווערט טונקל, די באָרד. איך לאָז אָפּ דעם אָטעם. מומע נעמי קוקט נאָך איר זון מיט אַ פאַרקנייטשטן שטערן.

אָבער אין עטלעכע מינוט אַרום דערהערט זיך פון דער אַנדערער שטוב מענדלס קול. ער זינגט. פון דאָרט אַרויס זינגט ער. דעם טאַטנס מויל ווערט קיילעכדיק איינגעהערט. דאָס פּנים פון מומע נעמי רינצלט זיך מיט אַ סך לאַכנדיקע קנייטשעלעך:

— ס׳זאָל מיר נאָר נישט פאַרשטערט ווערן, ליבער גאָט אין הימל!

— שאָקלט זי שטיל מיטן קאָפּ — ער זינגט דאָך, קיין עין־הרע, ווי אַ פייגעלע אין וואַלד.

איך אַליין ווייס נישט, ווי אַזוי אַ מענטש קאָן זינגען, ווי אַ פייגעלע אין וואַלד. נאָר מענדלס קול־נגינה לייגט זיך מיר אויפן האַרץ, אַזוי ווי גוטער האָניק. איך קאָן אים מיט גאָרנישט פאַרגלייכן. איך פאַרשטיי נאָר, אַז נישט בחינם האַלט ער זיך אַזוי גרויס. א י ך אויף זיין אָרט וואָלט אויך נישט בעסער געווען.

אין שטוב איז שוין גוט טונקל. אַלע זיצן אַזוי ווי חולאים, וואָס האָבן זיך מורא צו רירן מיט זייערע יסורים. די גלעזלעך מעד שטייען אין שאָטן, פאַרגעסענע. מענדלס ניגון לייגט זיך אַוועק פאַר אונדזערע פּיס, אַזוי ווי אַ געשאָכטן עוף. איך הער בפירוש, ווי ער קלאַפּט מיט די פליגל, דער ניגון.

אַ וואונדערלעך זינגען. אַ וואונדערלעך ייִנגל, מענדל דעם פעטער בן־ציונס. איך גיי אַוועק אַ זאַטער פון מעד, אַ זאַטער פון איבערגעצויגענע, געצוקערטע פּאָמעראַנצן, אָבער אַ הונגעריקער. אַ דערשלאָגענער פון מענדלס קול־נגינה.

דער טאַטע רעדט צו מיר און איך קאָן אים נישט ענטפֿערן.

וואָס בין איך אַקעגן יענעם מענדלען? אַ שטויבל, אַ פֿלעווע. אַפֿילו קיין נײַ שטיקל מלבוש האָט מיר דער טאַטע נישט געקאָנט מאַכן אויף יום־טוב. יענער מענדל איז אָנגעטון ריין, אַזוי ווי אַ שררה. דאָס קול זײַנס איז אויך אַזוי ריין און שררהדיק. און איך לויף אַרום אויף פֿרעמדע הייף. איך האָב צו טון מיט יוזשען און מיט האָדלען. איך בין פֿאַרגרעבט. מיר וואָלט גוט געווען, ווען מען זאָל פּלוצלינג קומען אָנזאָגן די בשורה, אַז יענער מענדל איז שלאָף געוואָרן, מען האָט אים געמוזט אויסשנײַדן דאָס קול פֿון דער קעל. איך וואָלט מענדלען דעמאָלט ליב געקריגן. ער וואָלט דעמאָלט געוואָרן דער איינציקער, דער בעסטער חבר מײַנער. איך וואָלט אים דערציילט פֿון די טויבן, וואָס זיצן בײַ אונדז אויפֿן דאַך. איך וואָלט אים געזאָגט פֿון יוזשע דעם בעדנערס, פֿון איטען, פֿון יונהן. אַ סך זאַכן וואָלט איך אים געהאַט צו דערציילן. איצט אָבער קאָן איך גאָרנישט.

גלײַך פֿון דער מומע נעמי זענען מיר געגאַנגען אין בית־מדרש אַרײַן. מאַשקע חזן האָט הײַנט אַזוי שווער און טרוקן געזונגט די זעל־נערישע מאַרשן, אַז מיר האָט געהאַקט אין די שלייפֿן. איך האָב געבעטן, עס זאָל שוין נעמען אַ סוף, עס זאָל ווערן גוט שפּעט, כ'זאָל מיך קענען לייגן, און אין קישן אַרײַן — וויינען. כ'וואָלט אַ סך געוויינט.

אינדערהיים האָט מיך דער טאַטע אײַנגאַנצן נישט אין זינען גע־האַט. ער האָט דערציילט נסים פֿון זײַן שוועסטער נעמי, פֿון דעם כּיבוד, וואָס מען האָט פֿאַר אונדז געשטעלט, פֿון מענדלען מיט זײַן טײַער קול־נגינה.

איך זע, ווי דער מאַמעס פּנים קנייטשט זיך. דאַכט זיך, אַז זי הערט דעם טאַטן גאַנץ קנאַפּ. כ'וואָלט געשוווירן, אַז איר זענען נישט ניחא דעם טאַטנס רייד.

— נו, שוין גענוג! — גיט זי טאַקע אומגעדולדיק אַ מאַך מיט דער האַנט — מען האָט שוין געהערט די גליקן.

איך בין דער מאַמען דאַנקבאַר געווען פֿון גאַנצן האַרץ. אַ טײַער מענטש דאָס איז, די מאַמע מײַנע, פֿאַר מ י ר נעמט זי זיך דאָס איצט אָן. פֿאַר מײַן עוולה.

דער טאַטע איז שטיל געבליבן. אַלץ אין שטוב איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. איטע האָט געגרייט צום טיש. זי האָט געהאַט אַ פֿאַרמאַכט,

ברוגז פּנים מיט איבערגעבערענטע פּלעקן. די מאַמע איז נישט געווען אָנ־געטון יום־טובדיק. זי האָט אויסגעזען צעטראָגן, עגמת־נפשדיק.

— און ווו איז ערגעץ דער זון דיינער? — האָט דער טאַטע גע־פרעגט, איידער מען איז זיך געגאַנגען זעצן צום טיש.

— ער וועט היינט נישט זיין — האָט די מאַמע קורץ געענטפערט.

איטע איז גיך אַרויס אין קיך אַריין. דער טאַטע האָט געקנייטשט די ווינקלען ביי די אויגן.

— וואָס הייסט? מען דאַרף דאָך מאַכן קידוש?

— קאָנסט מאַכן אָן אים.

— כ׳פאַרשטיי נישט.

— וואָס פאַרשטייסטו נישט? ר׳איז נישטאָ און שוין. ער איז פאַר־בעטן צו מרימען, איז ער פאַרבעטן.

— אַזוי... מאַ...

מען האָט זיך געזעצט צום טיש אָן יונהן. איטע איז ווידער נישט געזעסן צוזאַמען מיט אונדז. מען האָט געגעסן שווייגנדיק, שווער.

יונה איז נישט געקומען שלאָפן. ער איז אויך נישט געקומען צו־מאָרגנס.

איטע איז כסדר אַרומגעגאַנגען מיט איבערגעבערענטע קינבאַקן. זי האָט נאָר גערוימט, נאָר געוואַשן, נאָר געפּוצט.

מוצאי־יום־טוב, ווען מען האָט באַדאַרפט אַרויסרוימען דאָס יום־טובדיקע געפעס און אַריינברענגען דאָס חמצדיקע, איז די מאַמע אַוועק־געגאַנגען. זי האָט מיטגענומען מיט זיך יונהס אָפּגעשיילט וואַליזקעלע. איטע איז געזעסן אַ פאַרהאַרעוועטע ביים פענצטער און געקוקט אין פינצטערן דרויסן אַרויס.

דער טאַטע איז געהאַט געגאַנגען צו זיין שותף, צו מאָטל שטרוי. אין שטוב ביי אונדז איז געווען גרוי. מען האָט נישט צוריק געזען נישט די מאַמע, נישט יונהן און נישט דעם טאַטן. איך האָב מיך אַרומגעבלאָנ־קעט אין דער פאַרלאָזענער שטוב, אַזוי ווי אַ יתום. ס׳האָט זיך מיר נאָר געדאַכט, אַז כ׳וועל שוין די מאַמע קיינמאָל נישט צוריקזען, כאָטש שפּעט ביינאַכט איז זי געקומען אָן יונהן און אָן זיין וואַליזקעלע. איך בין גע־בליבן שלאָפן איינער אַליין אין אייזערנעם בעטל.

# קאַפּיטל צוועלף

שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז יונה איז אין יענעם מוצאי־יום־טוב אוועקגעפאָרן, נישט געזעגנט זיך מיט קיינעם. אַנטלאָפן. צי וואָס? קיינער אין שטוב האָט זיך נישט געפרעגט אויף אים. אַזוי ווי מען וואָלט זיך געשעמט מיט זיין נאָמען. איטע איז נאָך געבליבן ביי אונדז אַ צייט. זי איז מאָגערער געוואָרן. אין די אויגן אירע איז שוין נישט געלעגן יענע שווארצע, ווארעמע בלישטשל, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון ווארשע. זי איז געוואָרן פויל, שווער.

קיינער האָט נישט געזען, ווי זי גייט אַוועק. די מאַמע האָט געשוויגן. איך האָב געקוקט און גאָרנישט געקאָנט טון. דעם טאַטן איז זיין טאַכטער אינגאַנצן נישט אָנגעגאַנגען. האָט ער דאָך זעקס טעג אין דער וואָך געלעבט צווישן הימל און ערד, צווישן סטויגעס היי און פּויערישע פורלעך. בלויז שבת האָט ער געקאָנט זען זיין טאָכטער. איז אָבער דער איינציקער שבת געווען צו קורץ, דער טאַטע זאָל אַלץ קאָנען זען. און באַזונדער האָט דער טאַטע נאָך אַלץ געלעבט מיטן טעם פון זיין שוועסטער נעמים כיבוד און פון איר זונס קול־נגינה.

נישט געווען דאָס מאָל, ער זאָל נישט דערמאָנען די מומע נעמים שטוב און איר געראָטענעם מענדלס פּריוויטיק־צו־נאַכטס, צי שבת ביים עסן, אַז ס'איז געקומען צו זמירות און איך האָב געפּרוווט אים אונטערהאַלטן, האָט זיך דער טאַטע פאַרקרימט, אַזוי ווי ער וואָלט אַראָפּגעשלונגען אַ שלעכטן ביסן און אָפּגעזיפצט:

— ווו נעמט מען דאָ מענדל־נעמים?

— ווער מיט עפּעס, און ער מיט מענדל־נעמים? — האָט די מאַמע פאַרביטערט אַריינגעוואָרפן.

זי האָט נישט ליב געהאַט צו הערן רעדן וועגן דער רייכער שוועגערין אירער. זי האָט נישט ליב געהאַט, ווען מען האָט געלויבט דער מומע נעמים זון. אַלץ, וואָס ס'האָט געהאַט אַ שייכות מיט יענע גערוימע. זאָל טע שטובן, האָט די מאַמע נישט געקאָנט פאַרטראָגן.

— וואָלסט בעסער געזאָרגט פאַר דיין מענדלען — האָט זי געערדט מיט פאַרדרוס — ער איז אויך אַ טאַטנס אַ קינד. גלויב מיר, ווען מיר זאָל גאָט העלפן, וואָלט אונדזער מענדל אויך געקאָנט זינגען.

— נאַרישע יידענע, וואָס דו ביסט! — האָט דער טאַטע שטיל גע־שמייכלט. — וואָס בייזערסטו דיך, וואָס? ווער זאָגט עס דיר, אַז אונ־דזער מענדל איז ג י ש ט קיין טאַטנס אַ קינד? נאָר זינגען, זעסטו, דאָס איז שוין אַ גאָב פון גאָט.

— אַ גאָב, אַ שמאָב — האָט די מאַמע פאַרשאַרצט מיט דער נאָז — מען האָט שוין געזען אַזעלכע גאָבן! אַז זיי וואַקסן דערנאָך אונטער, די גאָבן דיינע, ווערט פון זיי פּראָצענטניקעס און לײדיקגייערס. וואָס, מיינסטו, איז דען דער גאַנצער שוואָגער דיינער, אויב נישט קיין לײדיק־גייער?

— ווער, בן־ציון?

— יאָ, בן־ציון, בן־ציון...

— ער איז דאָך קהל־שרייבער. יידענע, וואָס טוט זיך מיט דיר? — האָט דער־טאַטע ממש געשטוינט.

— אָווא, אַ וואַזשנע מלאכה! כ׳קען אויך שרייבן און כ׳מאַך גאָר־נישט אַזאַ אָנשטעל מיט מיר.

— נו, לאָז מיך שוין צורו — האָט דער טאַטע ביטולדיק אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — דו ווייסט דאָך גאָרנישט, וואָס דו רעדסט!

— כ׳ווייס, כ׳ווייס, האָב נישט קיין מוחא. כ׳זאָל מיר שוין די גו־טע יאָר האָבן, וואָס מרדכי־מענדל איז טויזנט מאָל מער לייט, ווי דער גאַנצער בן־ציון דיינער.

— אַזאַ יאָר אויף מיינע שונאים, וואָס פאַראַ לייט מרדכי־מענדל איז — האָט דער טאַטע חוזקדיק אַ וויג געטון מיטן קאָפּ.

— זאָג א י ך דיר, אַז מרדכי־מענדל וועט נאָך רודערן מיט פּוילן.

— מיט די וואָנצן וועט ער רודערן, נישט מיט פּוילן.

— וועסטו דאָך זען!

— כ׳זע שוין אַזוי אַ יאָר צוואַנציק, זינט חנה, נעבעך, איז גע־וואָרן זיין ווייב.

— חנה איז מיר טויזנט מאָל ליבער, ווי נעמי.

מיר איז די מומע חנה אויך ליבער געווען. זי איז געווען אָרעם, זייער אָרעם. אַ לײבלעכע שוועסטער פון טאַטן און פון דער מומע נעמי, האָט די מומע חנה פאַרמאָגט דאָס טונקעלע פּנים פון יענער און די שטי־לע פאַרדרימלטקייט פון מיין טאַטנס אויגן. זי האָט גערעדט פּאַמעלעך,

אַזוי ווי איר שוועסטער נעמי, נאָר אין יענערס ניגון און אין יענערס יחסנישן אָנשטעל.

צו דער מומע חנה איז מען צו גאַסט נישט געגאַנגען. זי האָט געוווינט הינטער דער שטאָט, אין אַ קליין, הילצערן הייזל מיט פאַרשטויבטע שייבלעך, מיט אַ גרינעם שינדל־דאַך. אירע צימערן זענען נישט געווען נישט קיין גרויסע און נישט קיין גערוימע. סך־הכּל איין צימער מיט אַ נידעריק־געזעצטן, שוואַרצן בעליק. אַ פּאָדלאָגע — אַ ליימענע, אַ צעהויקערטע, מיט גריבער און לעכער. צוויי נישט־אויפגעבעטע בעטן מיט אָפּגעשאָסן רויטלעך בעטגעוואַנט. אַ ברייטער, אַלט־פּרענקישער, ליימענער אויוון מיט אַ פּיעקעליק, וווּ ס׳האָבן זיך געטריקנט אַ פּאָר שייטלעך האָלץ און וווּ ס׳האָבן זיך געוואַרעמט שוואַרצע, הונגעריקע קינדער אין אויסגעוואַקסענע העמדלעך.

אַ הויכע, אַן איינגעבויגענע פאַר דער צייט, האָט זיך דער מומע חנהס דאַרער גוף תּמיד געהילט אין אַן אַלטער, גרויער פּאַטשיילע מיט גוואַלד־ריסן. דער קאָפּ איז אייביק געווען פאַרוויקלט מיט אַ וואָלן דערעלע, וואָס האָט מיט דער צייט פאַרלוירן דעם קאָליר.

ביי איר אין שטוב האָט מען געגעסן קאַרטאָפל אינדערפרי, קאַרטאָפל אינמיטן טאָג, קאַרטאָפל ביינאַכט. אַז מען האָט געוואָלט אַרויס פון דער מומע חנהס שטיבל, איז פאַר דער שוועל געלעגן אָנגעשיט אַ באַרג מיט שניי ביז אין דער העלפט פון פענצטערל. האָט מען געוואַרט. מען האָט געקוקט אין די פאַרפרוירענע שייבלעך אַריין מיט אויסגעהונגערטע אויגן, ביז אויף דער קעגנאיבערדיקער טאָפּאָלע האָט זיך אוועקגעשטעלט דער פאַראיאָריקער באָטשאַן און אָנגעזאָגט די בשורה, אַז מען קאָן שוין גיין: דער ליבער זומער איז געקומען.

האָט טאַקע צו יענער צייט אַ שמעק געטון פון דער מומע חנה מיט קו און מיט מילך, זי האָט געבראַכט אין שטאָט אַריין די אויפגעטויכטקייט פון צעבליטער תּבֿואה און דעם ריח פון וואַרעמע רעגנס, וואָס האָבן דורכגענעצט דעם באַלקן פון איר געלעכערטן שינדל־דאַך.

זי איז געקומען צו אונדז, ווען דער באַגינען איז נאָך געלעגן אַ פאַרשלאָפענער אויף די שויבן. אַ שטילע, אַ מן־הצדיקע, האָט זי זיך אַריינגעשלייכט און מיט אַ ניכטערנעם גוט־מאָרגן אַוועקגעזעצט זיך צו דער מאַמען אויפן בעט.

מיט דער מאַמען האָט זיך די מומע חנה געהאַלטן, ווי מיט אַן איי-

גענער שוועסטער. פאר דער מאמען האט זי אויסגעזאגט איר ביטער הארץ, דערציילט איר פינצטער מזל: אז קיין גראשן אין שטוב איז נישטא, אז א שטיקל פלייש זעט מען משבת לשבת און א סך מאל דאס אויך נישט; אז די קינדער, נעבעך, גייען ארום בארוויס און נאקעט; אז דירה־געלט איז מען שולדיק פאר דריי קווארטל — איז א פאל, מען זאל, חלילה, גיין אין די הייזער.

האט די מאמע געטרייסט:

— זינדיק נישט — האט זי געזאגט — האב בטחון, חנה. איך גלויב אין דיין מרדכי־מענדלען. ער וועט נאך רודערן מיט פוילן. וועסט זאגן — יאך האב געזאגט.

די מומע חנה, כאטש זי האט נישט געהאט מיט וואס דעם טאג איבערצולעבן, האט אויך געגלויבט אין איר מאן. אלע, אויסער מיין טאטן, האבן געגלויבט אין פעטער מרדכי־מענדלען.

און איז דען נישט געווען אין וועמען צו גלייבן? אזא קאפ־מענטש, אזא אויפטוער! ווער האט זיך דען געקאנט צו אים גלייכן!

עס מאכט נישט אויס, וואס מרדכי־מענדל איז געווען אן ארעמאן אין זיבן פאלעס, וואס ער האט געבארגט א זעקסער אויף פאפיראסן. אבער פלענער האט ער געהאט גרויסע, עשירותדיקע. דער קאפ איז ביי אים געגאנגען, ווי אויף שרויפן.

פעטער מרדכי־מענדל איז נישט געווען פון יענע יידן, וואס בעטן ראש־השנה, יום־כפור, נישט מער, ווי אויף פרנסה און אויף געזונט פאר ווייב און קינד. דאס זענען יידן — האט ער געזאגט — ארעמע, מיט קליינע השגות און מיט נאך קלענערע דאגות. ער, מרדכי־מענדל, וועט זיך נישט אוועקשטעלן פארן רבונו־של־עולם אויסבעטן דארט אביסל פרנסה. און אז מען האט שוין פרנסה איז וואס? — קריגט מען נאך א שיסל גריץ מיט נאך א פולקע געגדזנס.

דער עיקר דארף א מענטש עפעס אויפטון. מען דארף — האט ער געזאגט — די גאנצע וועלט זאל וויסן, אז ס'איז דא א מרדכי־מענדל. ס'זאל קלינגען מיט אים, קינד און קייט זאל רעדן פון אים.

למשל: פארוואס זאל ער, מרדכי־מענדל, נישט קאנען זאגן, אז דער „קאפטער" וואלד מיטן גאנצן פאלווארק דארטן איז זיינער? מיט וואס איז אהרן שטיינבערג מער יחסן פון אים? ער קען בעסער לערנען? ער האט שענער געדרשנט? און פארוואס זאל ער, מרדכי־מענדל טאקע, נישט

זיין יענער, וואָס זאָל זיך שטעלן בויען א באַן קיין ביאַלאָבזשעג? און פאַרוואָס זאָל גאַנץ „פּאַרלע", דאָס גרויסע גוט מיט די מילן, מיט דער צעגעלניע, מיט די טאַרטאַקעס — פאַרוואָס זאָל דאָס אַלץ נישט גע־הערן צו מרדכי־מענדלען? איז דען איטשעלע בעקערמאַן מער קאָפּ־מענטש פון אים?

טאָג און נאַכט איז מרדכי־מענדל געפאָרן צו פּריצים, געמאָסטן פעלדער, געהאַקט וועלדער. אָבער קיין פּרנסה איז אין ליימענעם שטיבל אויפן שאָסיי נישט געווען.

איז ער איינמאָל געפאַלן אויף אַ פּלאַן, אויף א גאָר גרויסן פּלאַן. די שטאָט האָט נישט קיין הוטע. ווי קאָן דאָס אַזאַ שטאָט מיט אַזויפיל יידן, קיין עין־הרע, און מיט נאָך מער גויים, להבדיל, לעבן אָן א הוטע? וועט ער, מרדכי־מענדל, אויפשטעלן א הוטע. אין אַלע עקן וועלט וועט גיין דאָס גלאָזווארג פון זיין הוטע. מ'וועט „זשאָבן", מ'וועט נתעשר ווערן.

האָט ער אויפסניי אָנגעהויבן פאָרן און גיין צו פּריצים. האָט ער אויפסניי טעג מיט נעכט געחשבונט. אין שטיבל איז געשטאַנען א בלויע, שטייפע קעלט. די אָפּגעריסענע, איינגעשמירטע קינדער האָבן זיך גע־שלאָגן איבער א בעסער שטיקל אָרט אויפן פּיעקעליק. אַלע אין שטוב האָבן געלעבט מיט בטחון. היינט, מאָרגן, אז עס וועט זיין א הוטע, וועט אויך זיין אַן אָרט אויפן פּיעקעליק.

איז טאַקע געקומען א טאָג, ווען פעטער מרדכי־מענדל צוזאַמען מיט צוויי פּריצים זענען אַוועק צום רעיענט שרייבן אַן אַקט. מען האָט דערוייל אָנגעלייגט געהילץ. מ'האָט אָנגעהויבן בויען. די הוטע איז מיט מזל אויפגעוואַקסן, מיט א פאַררײסענעם קוימען אין הימל אַריין, מיט דעכער, מיט פאַרקאַנעס, מיט אויוונס.

די גאַנצע שטאָט איז געלאָפן אָנקוקן דאָס בייזע וואונדער. מ'האָט פאַרריסן די קעפּ, געטאַפּט די ווענט, געקנאַקט מיט די צינגער:

— נגע, ביסט א מבין!

אָבער מרדכי־מענדל איז אין דער הוטע קיין שותף נישט געוואָרן. עמעצער איז אים פאַרלאָפן דעם וועג. עמעצער האָט אים אָפּגענאַרט. האָט פעטער מרדכי־מענדל גענומען אָנקלאַפּן די טירן פון אַדוואָ־קאַטן, פון שרייבערס, פון סענדזשעס. ער האָט זיך אויסגעלערנט פון

אויסנווייניק אַלע פּאַראַגראַפן מיט אַלע פּונקטן פון קאָדעקס. ער האָט אויפגעוויזן, ווי אויף דער האַנט, אַז מ׳האָט אים באַשווינדלט, אַז ד ע ם פּראָצעס מוז ער געווינען. אָבער מער ווי ביי די פּאַראַגראַפן מיט די פּונקטן איז ער נישט געבליבן. די הוטע האָט טאַקע געשיקט גלאָזוואַרג אין אַלע עקן וועלט, אָבער אָן מרדכי־מענדלען.

זיין שוואַרצע, געדיכטע באָרד איז דערפון, חלילה, נישט גרויער געוואָרן. פאַרקערט. — זי איז, דאַכט זיך, געוואָרן שוואַרצער, זיידענער. די גרויסע, לעבעדיקע אויגן, וואָס האָבן דערמאָנט אָן שוים פון ביר, האָבן צאַפּלדיקער געבריט. דאָס מויל מיט די ווייסע, געקליבענע ציין האָט זיך נאָך פאַרעקשנטער און שאַרפער געשאַרצט אין די ווינקלען אריין.

פעטער מרדכי־מענדל איז נישט אָפּגעשטאַנען. מילא. מען קאָן לעבן אָן א הוטע אויך. אָבער א גאָזשעלניע דאַרף אַזא שטאָט האָבן? ווער זאָגט דאָס, אַז דווקא פון גלאָזוואַרג מוז ער נתעשר ווערן? און אַז מ׳וועט טרייבן בראָנפן, איז ווייניק? א פלאַץ האָט ער שוין אויסגעקליבן. געווען שוין אפילו א קאָמיסיע. צוגעשטימט. ס׳פעלט נישט מער, ווי אוועקצו־שטעלן זיך און צו בויען.

— חנה, מיין ווייב — האָט זיך מרדכי־מענדל אין א זומערדיקן פרימאָרגן צעזונגען ביי אונדז אין שטוב. — גרייט דיך. מ׳עט ווינען אין „פּאַקאָיעס״. געלט וועט שווימען דורך טיר און פענצטער. מ׳עט זיך אָנשיכורן, ווי די גויים. נישקשה, מרדכי־מענדל לעבט נאָך.

ער איז געלאָפן איבער דער שטוב, אַזוי ווי א ווינט. א צעקנעפּל־טער, א צעטראָגענער, מיט אַן ארויפגעשאַרצטן דאַשיק, מיט צעפּאָרענע הענט.

— וואָס איז מיר בן־ציון קהל־שרייבער? — האָט ער געפּראַלט מיט גדלות — ווער איז מיר בן־ציון קהל־שרייבער?

די מאַמע האָט נאָכגעקוקט דעם צעטראָגענעם מרדכי־מענדלען מיט א גרויס, צעשמייכלט פּנים. זי האָט געגלויבט אָן אים. זי האָט נביאות געזאָגט, אַז דער שוואָגער אירער וועט נאָך רודערן מיט פּוילן. איצט ווערט איר נביאות מקוים. די מומע חנה האָט געקריגן רויטלעך־איבער־געברענטע פלעקן אויף די דאַרע באַקן. זי איז שטאָלץ געווען אויף איר שיינעם, פּלוישנדיקן מאַן.

בלויז דער טאַטע איז געזעסן אַ שווייגנדיקער. ער האָט געקוקט אין טיש אַריין. דאָס גדלות, דאָס פּראַקן פון זיין שוואָגער, האָט דעם טאַטן נישט מיטגעריסן. ער האָט שוין געהערט אַזעלכעס. נישט דאָס ערשטע און נישט דאָס לעצטע מאָל. נאָר אַז בן־ציון קהל־שרייבער איז שוין ביי מרדכי־מענדלען אויך גאַרנישט — דאָס, זעט אויס, האָט שוין דעם טאַטן אונטערגעהויבן.

פּאַמעלעך האָט ער אַוועקגענומען דאָס פּנים פון טיש. ער האָט פאַרשאַרצט די ברעמען אַרויף און שטיליטשקע, מיט חוזק, האָט ער זיך אָנגערופן:

— אַז אָך און ווי, ווער עס רעדט פון בן־ציונען.

— לייזער! — האָט זיך מרדכי־מענדל אָפּגעשטעלט אינמיטן שטוב — קאָנסט דיר דיין בן־ציונען איינמאַרינירן אין זויערן, כאָטש ער איז קהל־שרייבער. און וואָס שייך מיינע געשעפטן, האָסטו אַזאַ ידיעה, ווי אַ קו אין מפטיר. דו ווייסט דאָך נישט מער, ווי היי — טאָ שמעק דיר צו דיין היי.

— מיין היי שמעקט כאָטש — האָט דער טאַטע צוריקגעביסן — אָבער פון דיינע גאָלדענע גליקן שפּירט מען גאַרנישט קיין גוטן ריח.

ער האָט אַ קוק געטון אויף דער מאַמען מיט אַ נצחונדיק שמייכע־לע. ער האָט געוואָלט, מן הסתם, זען, צי זיין שאַרף ווערטל איז געפעלן.

אָבער דער מאַמען איז עס נישט געפעלן. קיינעם איז עס נישט גע־פעלן. פונדעסטוועגן איז דער טאַטע אינגאַנצן נישט אומגערעכט געווען. מרדכי־מענדל האָט טאַקע געהאַט בדעה צו רודערן מיט פוילן. ער האָט געמיינט גוט. אָבער אין שטאָט האָט מען גערעדט, אַז מרדכי־מענדל וועט נאָך צוליב זיינע געשעפטן מיט זיינע אויפטועכצן פאַרפוילט ווערן אין קרימינאַל.

טאַקע דאָס עסק מיט דער גאַזשעלניע. ס'האָט שוין געהאַלטן אָט־אָט, היינט־מאָרגן האָט מען שוין געזאָלט שרייבן דעם אַקט.

מרדכי־מענדל האָט געמאַכט אַ כפול־שמונהדיקן שנאַפּס און פאַר־ביסן מיט אַ גענדזן פּופּיקל. די קינדער האָבן זיך אין יענער נאַכט נישט געשלאָגן איבער אַ בעסער אָרט אויפן פּיעקעליק. די מומע חנה האָט אַ גאַנצע נאַכט נישט צוגעטון קיין אויג.

מאַכט זיך אָבער, אַז דער פּריץ, דער שותף, ליגט זיך אַוועק פריש און געזונט און שטייט מער נישט אויף.

מרדכי־מענדל וואָלט שוין היינט געוווינט אין „פּאָקאָיעס". ער וואָלט שוין געפאָרן מיט אן איינגענער בריטשקע אין צוויי פערד געשפאַנט. בן־ציון קהל־שרייבער וואָלט שוין נישט פאַרריסן אַזוי מיט דער נאָז. מיין טאַטע וואָלט שוין נישט חוזק געמאַכט. וויל אָבער נישט גאָט, שלעפּט מען נאָך מרדכי־מענדלען צו פּאָליציי, צו „שליעדאָוואַטעלעס", ער זאָל זאָגן, פאַרוואָס דער פאַן דאָמבראָווסקי איז אַזוי פּלוצלינג געשטאָרבן.

וווינט נאָך אַלץ מרדכי־מענדל אין יענעם איינגעפאַלענעם הייזל ביים שאָסיי. יאָגן נאָך דאָרט ווינטן מיט רעגנס איבער זיין שינדל־דאַך. פאָרן פורן אין ווייטע שטעט אַריין אויף מערק און ירידים. שטייט דאָרט אין שוואַרצע נעכט די מומע חנה, אַרומגענומען מיט פעלד און מיט ווינט. זי קוקט נאָך די פאַרנדיקע פורן און בעט ביי דעם, וואָס לעבט אייביק, אַז אויך איר מרדכי־מענדל, איר שאַרפער קאָפּ, איר שיינער קידוש־מאַכער, זאָל שוין אַמאָל געהאָלפן ווערן מיט אַ הילף.

מרדכי־מענדל אַליין פּראָלט שוין נישט. נאָך דער מפּלה מיט דער גאָזשעלניע איז די זיידענע, שוואַרצע באָרד גרויליק געוואָרן. די צעגליטע, אומרואיקע אויגן קוקן מיט אַ מאַטער, אויסגעלאָשענער דערשלאָגנקייט. אָבער בטחון, חשק גרויס צו ווערן — דאָס פאַרמאָגט ווייטער מרדכי־מענדל.

און אפשר האָט טאַקע די מומע חנה, אין די פינצטערע נעכט אויפן ליידיקן שאָסיי, אויסגעבעטן די הילף פאַר איר מאַן?

מרדכי־מענדל האָט זיך פאַרקוקט אויף אַ גוט. ס'איז געווען אַ פּריישער שגעון. אַזאַ ייד, וואָס האָט כל ימיו געלעבט אין אַ הילצערן שטיבל, נעגעסן גריץ מיט ראָזאָווע ברויט, נישט געמאַכט זיך קיין ניי מלבוש פון דער חתונה אָן — ווי קומט דאָס, ער זאָל גאָר חלומען פון אַ גוט?

פונדעסטוועגן איז די „ווייסופקע", דאָס גוט, אים געפעלן.

אין אַ זומערדיקן באַגינען איז מומע חנה געזעסן אויפן בעט ביי מיין מאַמען. אַ בלויער פאַס זון איז געפאַלן אויף איר געל, צעקנוידערט שייטל. מיט אן איינגעהאַלטן, פאַרסודעט קול האָט זי מער געאָטעמט, ווי גערעדט, אַז פ ל יי ש ע ר, דער דייטש פליישער, האָט בדעה אָפּצוקויפן די „ווייסופקע" און צוצונעמען מרדכי־מענדלען פאַר אַ שותף.

— מילא, דו ווייסט דאָך — האָט זי געזאָגט — מרדכי־מענדל

האָט נישט זיין אייגנס, זאָלסט זאָגן, וואָס דאָס איז ווערט. אָבער ווו שטייט עס געשריבן, אַז צו אַ גוט דאַרף מען האָבן געלט? און צווייטנס, ליגט דאָך דאָס געלט אַריין דער דייטש פּ ל־יי ש ע ר. מרדכי־מענדל וועט נאָר אַריינלייגן שכל.

די מומע חנה האָט דאָס נייעס אַריינגעאָטעמט אין דער מאַמעס האַלב־פאַרשלאָפענעם פּנים אַריין, נאָך שטילער, ווי דאָס שאַרן זיך פון אַ פליג. פונדעסטוועגן האָט דער טויבלעכער טאַטע, וואָס איז געשטאַנען אין טלית־ותפילין ביים פענצטער, אויסגעדרייט דאָס פּנים און אַ קוק געטון אויף דער שוועסטער זיינער מיט אַזאַ ביטולדיק שמייכעלע, אַז איבער דער מאַמע חנהס באַקן זענען דורכגעלאָפן רויטע פּאַסמעס בלוט.

די מאַמע איז געלעגן אין בעט מיט אַ פול, געסקלאַרעוועט פּנים. די לעצטע צייט איז די מאַמע שענער געוואָרן. זי האָט צוריקגעקריגן דאָס וואַרשעווער גוידערל מיט אַ צולאָג פון אַ נגידישער פאַרריסנקייט אין די ווינקלען פון דער נאָז. אַז זי האָט אָנגעטון דעם ווייסן זשאַבאָט מיט די ווייסע שפּיצן ביי די אַרבל, אַז זי האָט אַביסל אונטערגעהויבן דעם קאָפּ און אָפּגעמאָסטן אַ פרעמדן מענטש מיט אַ פּאָר לאַנגע, ציענדיקע בליקן, האָט מען איר אַליין געקאָנט אָנגעטרויען אַ גוט.

דעריבער האָט זי דאָס איצט מיט אַזאַ פאַרנומען פּנים אויסגעהערט, וואָס די מומע חנה האָט אין איר אַריינגעאָטעמט. זי האָט געזען, ווי די מומע חנה איז רויט געוואָרן. בשעת דער טאַטע האָט אַזוי צוגעוואָרפן דאָס ביטולדיקע שמייכעלע זיינס, האָט זי אַריינגעצויגן די ברעמען און מיט נאָך מער ביטול אָנגערופן זיך הויך:

— הער אים נישט, חנה, מער ווי ביים שמייכלען וועט ער נישט בלייבן, דער ברודער דיינער. ער מיינט דאָך, אַז קיין בעסערס ווי צו האַנדלען מיט היי איז שוין גאָר נישטאָ אויף דער וועלט. זאָג איך דיר, אַז מיט גאָטס הילף וועסטו אין קורצן ווערן אַ גוט־באַזיצערין.

— פון דיין מויל אין גאָטס אויערן אַריין — האָט די מומע חנה שטיל אָפּגעזיפצט.

די טעג מיט די וואָכן זענען דערווייל נישט געשטאַנען. אָט־אָט ווערט פון געשעפט, און אָט־אָט לאָזט זיך אויס אַ בוידעם. די פּריצטע, וואָס פאַרקויפט דאָס גוט, וויל אַ מטמון מיט געלט. אָט קריגט פּ ל יי־ש ע ר חרטה. מרדכי־מענדל ווידער וויל זיך באַוואָרענען.

ליופט מען. עסט מען נישט, שלאָפט מען נישט. זיצט מען אָפּ טעג און וואָכן אין דער היפּאָטעק. מילא, וואָלט שוין דאָס נישט אויסגע־מאַכט. אָבער ווער וועט מיר ערב זיין, צי עס וועט זיך נישט, חלילה, אויסלאָזן, אַזוי ווי עס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט דער הוטע און מיט דער גאָזשעלניע, נישט היינט געדאַכט?

— האָב בטחון! — גיט די מאַמע צו מוט — ס'האַרץ זאָגט מיר, אַז פון דעם געשעפט וועט שוין מרדכי־מענדל מיט קיין ליידיקע הענט נישט אוועקגיין.

מרדכי־מענדלען אַליין האָט מען כמעט ווי נישט אָנגעזען. ער האָט נישט געגעבטיקט אין שטוב. ער איז געלאָפן אויף טראַקטן, געפּאָרן מיט באַנען, געריבן זיך די פּיס ביי פּריצישע „פּאָקאָיעס" און נישט געהאַט קיין צייט אפילו אַראָפּצולויפן אין מרחץ אריין לכבוד שבת.

איינמאָל נאָר איז ער צו אונדז אַריינגעפאַלן אינדערפרי, אַ הונגע־ריקער, אַ נישט דערשלאָפענער, מיט אַ פאַרקנוילטער באָרד.

די מאַמע האָט אין גרויס איילעניש געגרייט פאַר אים צום טיש. זי האָט אוועקגעלייגט אַ פּיר־פונטיק, פּריש ברויט, אַרויסגעלאָפן נאָך פרישע פּוטער מיט קעז, געשטעלט אַ גרויס טעפּל מיט קאַווע. בשעת מרדכי־מענדל האָט געגעסן, האָט זיך די מאַמע אָנגעשפּאַרט מיטביידע עלנבויגנס אויפן טיש און נייגעריק געקוקט אים אין ברוינעם, אָפּגעאַר־בעטן פּנים אַריין.

— איז וואָס־זשע הערט זיך, מרדכי־מענדל? — האָט זי געפרעגט מיט אַ וואַרעמען שמייכל אין די אויגן.

— ס'גייט! — האָט ער אַ זופּ געטון די קאַווע — מ'דאַרף נאָך האָבן אַ קליין ביסעלע רחמים.

— זיי נאָר רואיק — האָט די מאַמע גערעדט צו אים, ווי צו אַן איינגענעם מאַן — קאָך דיך נאָר נישט.

— אַז דאָ גייט נישט וועגן קאָכן זיך. דאָ איז אַן אַנדער אומגליק: דער דייטש, דער פליישער, איז אַ גנב שבגנבים. מען זאָגט, אַז יידן זענען שווינדלער — זאָג איך דיר, אַז דער דאָזיקער דייטש גייט איבער אַלע יידן צוזאַמען. מילא, דו ווייסט דאָך: קיין געלט האָב איך דאָך נישט, זאָלסט זאָגן אַ פּרוטה. כ'האָב נאָר אויפטו, איינפאַל. וויל מיר דער גנבישער פליישער אַזוי פאַרבינדן דעם קאָפּ, כ'זאָל שוין מער קיין תחית־

המתים גישט אויפשטיין. ער וויל, למשל, איך זאָל זיין ביי אים אַן עקאָ־נאָם, אַ משרת, און ער זאָל זיך זיין פריץ. ער וויל, למשל...

און פעטער מרדכי־מענדל לאָזט שטיין דאָס האַלב־אָפּגעטרונקענע טעפּל קאַווע. ער דערוואַרעמט זיך און נעמט געבן צו פאַרשטיין דער מאַ־מען קלאָר און דייטלעך, ווי אַזוי דער דייטש פּליישער וויל דאָס אים אָפּנאַרן, פאַרפירן אין אַ בלאָטע אַריין און מאַכן פון אים אַ תל לעולם ועד.

די מאַמע קוקט אים גלייך אין די בריענדיקע אויגן אַריין. זי קוקט מיט אַ פּאָר אויפגעריסענע ווייסלעכטסער, אַ פאַרגאַפיעטע, מיט אַן אומ־באַהאָלפן שמייכעלע אויף איר שיין מויל.

פאַרשטייט זי אַלץ, וואָס מרדכי־מענדל רעדט? אפשר יאָ. מיר דאַכט זיך אָבער, אַז זי זעט נאָר זיין צעפּאָרענעם קאָפּ, די ברייטע רעדער, וואָס ער מאַכט אין דער לופטן, די צעברענטע אָפּלען און דער עיקר — דאָס גרויסע, פּריציש־פּוילישע גוט, וואָס ער מאָלט פאַר איר אַזוי שיין אויס.

איז טאַקע געשען, אַז אין אַ מיטן מיטוואָך, פון דער העלער הויט, האָט גאַנץ שטאָט גענומען קאָכן: מרדכי־מענדל האָט געקויפט די „וויי־סופקע".

— מרדכי־מענדל? — האָט מען געקנייטשט מיט די נעז — ווער איז דאָס דער מרדכי־מענדל?

—ס'הייסט ווער? לייזערס שוואָגער.

— ווער איז דאָס דער לייזער?

— לייזער „שאַניאַזש", דער היי־הענדלער.

— האָט זיין שוואָגער געקויפט די „וויסופקע"?

— זיין שוואָגער.

— אַ שוואַרצער, בייזער חלום זאָל מיר אויסגיין צו מיינע שונאימס קעפּ, ער איז דאָך אַן אָרעמאַן, אַן אביון!

— זעסט דאָך!

מען האָט געפרעגט ביי אַ שכן. דער שכן — ביי אַ צווייטן, ס'איז געגאַנגען אַ געזשומעריי און אַ גערעדעריי פון שטוב צו שטוב, פון מאַן צו ווייב, פון גוי צו ייִד.

די מאַמע איז געקומען צו לויפן פון דער מומע מרים אַ פאַרקייכטע:

— לייזער, האָסט געהערט?

איז אָבער דער טאַטע נאָך נישט געווען אין דער היים. גראָד היינט

האָט ער זיך פאַרשפּעטיקט. איז די מאַמע געלאָפן צו שכנים, געזוכט עמעצן, וואָס זאָל איר זאָגן אויפן רעכטן אמת. האָבן אַלע טאַקע געהערט, אָבער קיינער איז נישט געשטאַנען דערביי.

די מאַמע האָט געוואָלט אַרויסלויפן אויפן שאָסיי, דאָרט אין יענעם שטיבל אַריין מיט דער ליימענער פּאָדלאָגע, וווּ עס האָט געוווינט מרדכי־מענדל. זי מוז וויסן, שוין! די מינוט! אָבער אין דער לעצטער רגע האָט זי זיך מישב געווען.

— ניין — האָט זי פאַראיבל געהאַט — מ׳האָט באַדאַרפט קומען אָנזאָגן די בשורה איר — צום ערשטן.

שפּעטער איז אָנגעקומען דער טאַטע. ער איז אויך אַריין נישט ווי געוועגלעך. די באָרד איז פול געווען מיט היי־שטויב, ס׳היטל פאַררוקט אויף אַ זייט, ס׳פּנים — צעטומלט. נישט אַנדערש, נאָר ע ר האָט געקויפט די „ווייסופּקע" און נישט פעטער. מרדכי־מענדל.

— האָסט געהערט, לייזער?

— ס׳איז טאַקע וואָר?

— וואָס הייסט, צי ס׳איז וואָר? גאַנץ שטאָט קאָכט דאָך!

— נו, יאָ, ער האָט טאַקע געהערט. ער איז געווען אין בית־מדרש צו מנחה־מעריב. אַז מען האָט גאָרנישט געדאַוונט, אַז ס׳רוישט דאָרט, ווי אין אַ בינשטאָק. מען לויפט אים אַקעגן, מען גיט אים אָפּ מזל־טוב. נגע, גיי וויים!...

— און וואָס האָב א י ך געזאָגט, לייזער? — שאָקלט די מאַמע מיטן גאַנצן פּנים און מיטן גאַנצן גוף.

— געזאָגט... מ׳קאָן זיין אַ חכם...

— אָבער מרדכי־מענדל איז אַ קאָפּ־מענטש, העט?

— יאָ אַ קאָפּ־מענטש, נישט אַ קאָפּ־מענטש, אָבער צו אַ גוט דאַרף מען דאָך האָבן געלט...

— אויסגעזאָרגט. ער האָט שוין געהאַט געלט אויך. וואָס דען, אַזוי ווי דו? היי היינט, היי מאָרגן...

— נו, וואָס־זשע האָסטו געוואָלט, אפשר אויך אַ גוט?

— וואָסי, ס׳פּאַסט מיר נישט, מיינסטו?

— ס׳זאָל דיר גיין אין דעם... — האָט דער טאַטע אַ קוועטש געטון מיט אַן אַקסל — מ׳קאָן קויפן אַ גוט אויך.

— חכמהט זיך נאָך צו די צרות...

זי איז אוועקגעגאנגען ברוגז אין קיך אריין. דער טאטע האָט איר נאָכגעקוקט מיט שטילע, פרעגנדיקע אויגן.

א גאנצן אויפדערנאַכט האָט די מאמע שוין נישט גערעדט. שווייגנ־דיק און מיט א גרויסער זאָרג אין די קנייטשן פון שטערן, האָט זי דער־לאַנגט וועטשערע.

אויפן בעליק זענען אַנטשלאָפן געוואָרן עטלעכע פליגן. דער זייגער האָט טרוקן און איינגעגעסן געטיקעט: היי היינט, היי מאָרגן... די וואָ־געס האָבן שוין באַלד אָנגעשפּאַרט אויף דער קאָמאָדע, האָט דער טאַטע זיי פּאַמעלעך אַרויפגעצויגן. ס'האָט געקרעכצט אינעווייניק, אין געווערק, אַזוי ווי אין דער מאַמעס האַרץ.

נאָך דער וועטשערע האָט זי זיך אַוועקגעזעצט ביים אָפענעם פענצ־טער. געקוקט אין דער נאַכט אַריין. ס'איז געגאַנגען אַן ענגע וואַרעמ־קייט פון קענגנאיבערדיקן מויערל. אין דער הויף, דאָרט אויפן גאַניקל, איז עמעצער געקראָכן אין די קעמערלעך אַריין, דער זייגער האָט טעמפּ און גיך אויסגעקלונגען איין שעה און נאָך א שעה. די מאַמע איז אַלץ געזעסן ביים פענצטער. איך וואָלט געשווירן, אַז זי זעט איצט די מע־שענע קליאַמקעס, וואָס זי האָט געהאַט ביים ערשטן מאַן, דעם רופא. זי פאַרגלייכט, מן־הסתם, יענץ לעבן מיטן היינטיקן. און אפשר איז זי מקנא די מומע חנה מיטן נייעם גוט, וואָס שטייט דאָרט צווישן תבואה־פעל־דער, צווישן ליפּע־ביימער און האָט איבער זיך אַזאַ שיינעם, טיפן הימל?

די מאַמע... מיין מאַמע, ביזן טויט אַריין האָט זי נישט פאַרגעסן די מעשענע קליאַמקעס.

## קאַפּיטל דרייצן

ס'איז טאַקע אמת געווען. מרדכי־מענדל, דער עני ואביון, איז גע־וואָרן א גוט־באַזיצער. טאַקע ער אַליין און נישט בשותפות מיטן דייטש פליישער.

— ווי קאָן עס געמאָלט זיין? — האָבן יידן בשום אופן נישט גע־קאָנט תופס זיין — ער האָט באַגנבעט א קלויסטער, צי וואָס?

— אפשר האָט ער באַגנבעט.

— און וואָס איז מיט פּלײשערן, האָט אים מרדכי־מענדל אַרויסגע־שטופּט?

— מן־הסתם.

— ס'הייסט? און דער דײַטש האָט זיך געלאָזט אַרויסשטופּן?

— זעסט דאָך.

ס'איז געווען אַ האַרב רעטעניש. שטאָט איז געגאַנגען אויף רעדער. ניט נאָר פרעמדע מענטשן האָט עס זיך נישט געלײגט אויפן שכל, נאָר אַפילו די אייגענע משפּחה האָט אויך בשום אופן נישט געקאָנט פאַר־שטיין, וואָס דאָ טוט זיך. יידן זענען געלאָפן אינמיטן דער וואָך אויפן שאָסיי אַרויס, אַ קוק טון מיט די אייגענע.אויגן, אַ טאַפּ טון דאָרט דאָס גוט. אפשר איז עס אַ חלום, אַן איינרעדעניש?

אָבער שונאים אויף להכעיס — איז עס קיין חלום נישט געווען. די גאַנצע „ווייסופּקע" מיטן וואַלד דאָרט, מיט די לאָנקעס, מיט אַלע בהמות און עופות — דאָס אַלץ האָט געהערט צום פעטער מרדכי־מענדל.

אונדזער שטוב איז אַזוי גיך נישט געלאָפן. די מאַמע איז געווען באַליידיקט, הלמאי די מרדכי־מענדלס זענען נישט געקומען איר אָנזאָגן די בשורה. דער טאַטע האָט זיך נאָך אַלץ נישט געוואָלט צוגלויבן. מען האָט אים טאַקע אָפּגעגעבן מזל־טוב. דער און יענער האָט אים שוין אָנ־געהויבן רופן: ר' לייזער, דעם גוט־באַזיצערס שוואָגער. אָבער גיין אַ קוק טון האָט זיך דער טאַטע נישט געאײַלט. וואָסי? ער האָט נאָך נישט גע־זען קיין גוט? ער קען נישט די „ווייסופּקע", קען ער נישט?

האָט מען אָפּגעלייגט משבת לשבת, מזונטיק לזונטיק.

ביז ס'האָט זיך איינמאָל „געיאַוועט" צו אונדז אַ שטאָפּעט. עס איז אַרײַנגעקומען אַ לאַנגער גוי מיט אַ בייטש און געפרעגט, צי דער „פּאַן קופּיעץ" איז דאָ אין דער היים.

— וואָסי? צו וואָס דאַרפסטו דעם פּאַן קופּיעץ, פּאַטערל?

האָט דער גוי געזאָגט, אַז דער פּאַן דזשעדזשיץ פון דער „ווייסופּ־קע" האָט געשיקט בעטן דעם פּאַן קופּיעץ מיט ווייב און קינד אין גוט אַריין.

— דער פּאַן דזשעדזשיץ? — האָט דער טאַטע פאַרזשמורעט ביידע אויגן — וואָסער פּאַן דזשעדזשיץ?

— דער נייער. אָט דער... ווי רופט מען אים דאָרט?

— דו ווייסט גאָרנישט, ווי דער נייער דזשעדזשיץ דײַנער הייסט?

— כ׳ווייס יאָ — האָט דער פויער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — נאָ, ווי הייסט ער דאָרט, מענדל, צי ווי?

— האָט ע ר געקויפט די „ווייסופקע״? — האָט דער טאַטע, זעט אויס, חוזק געמאַכט פון גוי.

— ע ר .

— נגע!... אַ שיינער דזשעדזשיץ, כ׳לעבן. ביסט דיך, פאַטערל, נישט טועה?

— ניין, ער איז זיך נישט טועה.

— עפּעס קען איך גאָרנישט דעם דזשעדזשיץ דיינעם.

— עע... דער פּאַן קופּיעץ מאַכט חוזק. ווער קען אים דאָס נישט? מענדל, דער שוואַרצער מענדל!

— אַך, יעגער!... טאַ רעד־זשע באַלד אַזוי!

איך האָב דעם טאַטן קיינמאָל נישט געזען אַזוי חוזק מאַכן. פון וועמען האָט ער אָפּגעלאַכט? פון פויער, פון מרדכי־מענדלען? וואָס איז ער אויסן געווען מיטן מאַכן זיך תמעוואַטע?

— וואָס חוזקסטו, וואָס? — האָט זיך די מאַמע אַריינגעמישט — ס׳שטייט דיר נישט אָן דער שוואָגער דיינער?

— פּונוואַנען ווייסטו, אַז יאָ? — האָט דער טאַטע צוריק געפרעגט מיט אַן ערנסט, נישט־היימלעך קול.

— גיי־זשע נישט צו אים. ווער בעט דיך?

די מאַמע איז געוואָרן רויט. די הענט אירע האָבן אַוועקגעשטעלט כלים מיט אַ צו הויכן קלאַפּ און נישט אויפן ריכטיקן אָרט. ס׳האָט איר, זעט אויס, וויי געטון דעם טאַטנס ביטול פון מרדכי־מענדלען.

איך האָב ביי מיר אין האַרצן אויך געהאַט טענות צום טאַטן. פאַר־גינט ער נישט מרדכי־מענדלען דאָס גוט? מיין טאַטע זאָל נישט פאַר־גינען! ס׳איז געווען פאַר מיר ניי און ווייטיקלעך. איך האָב געטראַכט, אַז דער טאַטע האָט דאָך קיינמאָל נישט געהאַט קיין מעשענע קליאַמ־קעס ביי די טירן. טאַ, וואָס פאַרגינט ער נישט, וואָס?

אָבער אַרויסגעגאַנגען צום נייעם דזשעדזשיץ איז ער פאָרט. אַלע זע־נען מיר געגאַנגען. אימע אויך.

געלעגן איז די „ווייסופקע״ אויפן אייגענעם שאָסיי, וווּ ס׳איז גע־שטאַנען דאָס הילצערנע הייזל, אין וועלכן מרדכי־מענדל האָט אַמאָל געוווינט.

ערשט איצט האָט מען זיך גוט צוגעקוקט צום דאָזיקן הייזל. שוואַרץ איז עס געווען, אויסגעקרימט, איינגעהויקערט. אַרום פענצ־טערל איז נאָך געהאַנגען דאָס געלע, געשפּאָלטענע לײם, מיט וועלכן מען האָט עס פאַרקלעפּט אויף ווינטער. צוויי איינגעריסטע קינדער אין קורצע העמדלעך, מיט די בײכעלעך אין דרויסן, זענען געזעסן אויף דער שוועל מיט לײדיקע בלעכענע שיסעלעך און אויסגעקראַצט דאָס ביסל גריץ, וואָס האָט זיך נאָך געפונען דאָרט אויף דער דנאָ.

פרעמדע קינדער, בלאָנדע, גוויאישע. ערשט דאָ נישט לאַנג זענען אויף דער איינענער שוועל געזעסן מרדכי־מענדלס קינדער. זיי האָבן אויך אַזוי געקראַצט פון די לײדיקע, בלעכענע שיסעלעך און נישט געהאַט וואָס אויסצוקראַצן. היינט האָבן זיי אַן אייגן גוט. ווי גאָט פירט דאָס די וועלט! דאָרט ווייט אַרויף, אַ שטיקל נאָכן רוסישן בית־עולם, ליגט עס, דאָס גוט.

מיר, די נאָענטע משפּחה, גייען ס'ערשטע מאָל צום פעטער מרדכי־מענדלען צו גאַסט.

אויפן וועג איז שבת.

איינציקע, פויערישע פורלעך פאָרן אין שטאָט אַריין און פון שטאָט צוריק. מ'קוקט אויף אונדז, אויף די שבתדיק אויסגערוטע און אויס־געשלאָפענע. טייל פויערים קאָנען דעם טאַטן, כאַפּן זיי זיך ביי די דאַש־קעס:

— ניעך בעדזשע פּאָכוואַלאָני...

— נאַ וויעקי וויעקוו!

די זון שטייט אינמיטן פעלד אַ לײדיקע, אַ ריינע. הינטער אַ טאָ־פּאָלע, אַרומגענומען מיט שאָטן, זיצט אַן איבערגעבויגענער גוף און וויקלט זיך איבער די אָניצעס. אַ צווייטער — שלאָפט אין גראָז מיט דער זון אויפן הינטער־חלק. אַ פויערטע מיט צוויי אויסגעלײדיקטע קויבערלעך ביי דער זייט קניט פאַר דער הייליקער מוטער, וואָס הענגט אויף אַ טאָ־פּאָל־בוים — אַ שוואַרצע, אָן אַ פּנים. אָט צייכנט זיך שוין דער גרויער, פּייכטער פּלויט פון רוסישן בית־עולם. ס'איז קיל דאָ, פרעמד. די צלמים שרעקן.

— אָט דאָרט... — ציט אויס דער טאַטע אַ האַנט אין פעלד אַריין

— דאָס איז די „וויסופּקע".

פונדערווייטנס שוואַרצט זיך אַ שטיק טונקלקייט — אַ רמז פון אַ

וואַלד, צי פון אַ גאָרטן. פון דער טונקלקייט אַרויס מיניעט פון צייט צו צייט אַ ווייסער פלעק.

— דאָס איז דער הויף — זאָגט דער טאַטע — און יענץ דאָרט, דאָס ווייסע, איז דער פּאַלאַץ.

אַ פּאַלאַץ... דאָס וואָרט גיט אַ קלאַפּ אין ביידע שלייפן.

איך האָב נאָך קיין פּאַלאַץ קיינמאָל נישט געזען. כ׳ווייס נאָר, אַז אין מעשה־ביכלעך שטייט געשריבן וועגן שׂררות און וועגן קיסרים, וואָס וווינען אין פּאַלאַצן. אָבער, אַז מיין פעטער מרדכי־מענדל, דער ייד מיטן צעפלויגענעם כאַלאַט, זאָל אויך וווינען אין אַ פּאַלאַץ, דאָס לייגט זיך מיר גאָרנישט אויפן שכל.

די מאַמע, זעט אויס, גלויבט אויך נישט. איצט, אין דער לעצטער מינוט, האָט זי אויפגעהערט צו גלויבן.

— און אין יענעם פּאַלאַץ וווינט טאַקע מרדכי־מענדל? — פרעגט זי מיט גרויס באַוואָרעניש און נעמט צו די האַנט צום שטערן.

— מן־הסתם, אַז ער איז אַ דזשעדזשיץ, קומט אים צו וווינען אין אַ פּאַלאַץ — שמייכלט דער טאַטע אין דער באָרד אַריין.

מילא, דער טאַטע קאָן זיך שמייכלען, וויפיל זיין האַרץ גלוסט. אָבער מיר קומען פאַרט אין אַ גוט אַריין מיט אַ פּאַלאַץ.

זעט אַזוי אויס אַ פּאַלאַץ? די מעשה־ביכלעך דערציילן אפילו, אַז אַ פּאַלאַץ דאַרף זיין פון גאָלד און פון קרישטאָל. אָבער פאַרן פעטער מרדכי־מענדל איז אַזעלכער אויך גוט. כ׳זע אַ ברייט, געמויערט ווייס הויז, מיט לאַנגע, שפּיגלדיקע פענצטער, דער דאַך איז געדעקט מיט רויטע, איבערגעבראָכענע דאַכוואָקעס, ביי די קאַנטן פאַרשאַרצט ער זיך, דער דאַך, אַביסל אַרויף, אַזוי ווי אַן איבערגעבויגענער קאַפּעלוש.

אַרום ווייסן פּאַלאַץ ציען זיך, אַזוי ווי אויסגעשטעלטע זעלנער, גלייך־געשניטענע ליפּע־ביימער, הויכע, פאַררייסענע. מוז זיין, אַז אַזוי האָבן אויסגעזען די טענענביימער פון חומש.

אָבער דאָס איז גאָרנישט. דער עיקר איז דער וועג, וואָס פירט אין ווייסן הויז אַריין. ער איז ברייט, דער דאָזיקער וועג, גלייך געמאָסטן, אויסגעשיט מיט האַרטע, קליינע שטיינדלעך, וואָס רופט זיך „זשוויר״ און רוישט אונטער די טריט, אַזוי ווי אָפּגעזעסענער געפרווירענער שניי.

דער טאַטע שפּרייזט איבער די שרייענדיקע שטיינדלעך זיכער, היימיש. ער איז געוווינט צו אַזעלכע וועגן. די מאַמע גייט שטיפלעך, דעם

קאָפּ אביסל פאַרריסן. שווער צו וויסן, צי איז עס אַזאַ מין גאווה, צי אַ פאַרחידושטקייט, צי גאָר אַזאַ פּשוטע נישט־געוווינהייט צו טרעטן אויף פּריצישע וועגן. איטע, די שוועסטער, שאַרט זיך מן הצד. זי שטעלט איין טריט און מאַכט צוויי צוריק.

אינעווייניק, אין שיינעם, ווייסן הויז, האָט מען אונדז, זעט אויס, שוין דערזען. עס פּראַלט זיך מיטאַמאָל אויף אַ ברייטע שויבן־טיר. נגי־דיש, רחבותדיק פּראַלט זי זיך אויף.

אויף די לאַנגע, שטיינערנע שטיגן בלייבט שטיין מרדכי־מענדל אַליין, דער פעטער מיינער, מיט צענומענע הענט, מיט אַן אויפגע־קנעפּלטן, געבלימלטן שלאָפראָק, מיט אַ צעפלאַשעטער, גרויסער, שוואַר־צער באָרד.

ער איז העכער געוואָרן, דער פעטער מרדכי־מענדל, ברייטער. ער רעדט שוין נישט מיט אַזאַ מאַטער שטים, וואָס האָט תמיד דערמאָנט אָן קאַלטע שטובן מיט נאַסע ווענט. ער גייט איצט אונדז אַקעגן מיט אַ צעשפּרייט, אויפגעבלאָזן קול:

— גוט שבת! סקאַציל קומט, שלום עליכם, געסט מיינע!

ער שטופּט אַרויס אַ פאַרקיילעכדיקט, נגידישלעך בייכל, פעטער־בן־ציון־מעסיק.

פון ווען אָן האָט זיך דאָס מרדכי־מענדל אויסגעלערנט גיין מיט אַזאַ באַלעבאַטיש אויסגערעכנט גענגל?

גיי, פאַרשטיי דאָ, אַז אפילו די מומע חנה — די יידענע, וואָס האָט זיך אַ גאַנץ לעבן געשאַרט ביי די ווענט מיט אַ דערעלע אויפן קאָפּ — אפילו זי גייט אויך איצט אַראָפּ פון די שטיינערנע שטיגן מיט דראָבנע, געלאַסענע טריטלעך, האַלב־האָפּסלדיק, מומע־נעמידיק.

זי איז אָנגעטון איצט, די מומע חנה, אין אַ שוואַרץ, גלאַנצנדיק שייטל מיט אַ לאָק פון פאָרנט. דאָס זיידענע קלייד מיט די בופן ביי די אַרבל רוישט, אַזוי ווי דער באַשטיינדלטער וועג אין פּאַלאַץ אַריין. עס גיט אָנצוהערן:

— מאַכסט אַ וואַרע, קינדערלעך. יאָך, חנה די גוט־באַזיצערין, גיי!

דאַכט זיך, אַז מיין מאַמעס פּנים האָט זיך אַ קליין ביסל אויסגע־צויגן. מיר געפעלט נישט דאָס דאָזיקע פּנים. איך ווייס — די מאַמע איז דאָ אַריינגעגאַנגען מיט גאוהדיקע טריטלעך, מיט איר ווייך, וואָרשעווער

גוידערל. זי האָט גערעכנט, אַז מ'וועט איר אַנטקעגנגײן מיט כּלי־זמרים, מ'עט זיך פֿרײען מיט איר.

װײזט זיך גאָר די מומע חנה אַזױ נגידישלעך. טראָגט זי גאָר אַזאַ זײַדן, שװאַרץ קלײד מיט אַ געפֿלאָכטענער, גאָלדענער בראָש אונטערן האַלדז.

װוּ האָט זי דאָס אַלץ אַזױ גיך גענומען? פֿונװאַנען װײסט זי, װי אַזױ מען טראָגט עס?

דער מאַמעס גוידערל װערט אײַנגעשרומפּן. איבערן לױטערן פּנים גײט אַ לױף פֿאַרבײַ אַ קרום קנײטשעלע. קײנער זעט עס נישט. אָבער מײַן אױג איז אָפֿן. קײנער קען נישט אַזױ דער מאַמעס קנײטשעלעך, װי איך.

אָבער ס'איז אַ טעות. די מומע חנה איז געבליבן די אײגענע שטי־לע, גוטע ײדענע, װאָס פּלעגט אַרײַנקומען צו אונדז אַלע אינדערפֿרי און אױסקועצן זיך אױף דער מאַמעס בעט, װי אַ ליבלעכע שװעסטער.

זי גײט גאָרנישט נגידישלעך, און נישט מיט יענע דראָבנע, געלאָ־סענע טריטלעך, װאָס דערמאָנען די מומע נעמי. דאָס האָט זיך נאָר אַזױ אױסגעװיזן אין דער ערשטער מינוט.

פֿאַרקערט — װי נאָר זי איז אַראָפּ פֿון די שטײנערנע שטיגן, האָט זי גלײַך צוריקגעקריגן אירע אָרעמאַנישע, װאָכנדיקע טריט. זי איז צוגע־לאָפֿן מיט אַ שײַנענדיק פּנים צו דער מאַמען, אַרױפֿגעפֿאַלן יענער אױפֿן האַלדז, און צעקושט זיך אײנמאָל און נאָך אַמאָל:

— פּרימעטשי — האָט זי אַזש געהעשעט פֿאַר פֿרײד — געזונט זאָלסטו מיר זײַן, האַרצעדיקע מײַנע, װאָס זאָגסטו, האַ? מרדכי־מענדל!

— כ'האָב דאָך דיר שטענדיק געזאָגט — װישט די מאַמע דאָס רעכטע אױג.

— לעבן זאָלסטו, טײַערע שװעגערין מײַנע. פֿריער גאָט, דערנאָך דו.

— זאָלסט דיך עלטערן דערמיט אין עושר און אין כּבֿוד — װישט די מאַמע אױס דאָס צװײטע אױג.

— אָמן, ליבער גאָט אין הימל! און דיך זאָל דער רבונו של עולם באַגליקן מיט אַ גרױס עשירות, אַזױ װי דו נעמסט דיר אַלײן פֿאַר. האָסט אָבער שטענדיק געזאָגט — ציטערט דער מומע חנהס קול מיט טרערן — אַז מרדכי־מענדל װעט נאָך רודערן מיט פֿױלן.

— כ'קען אים בעסער ווי דו, חנה, כאָטש ער איז דיין מאַן — ענט־פערט די מאַמע מיט אַ קלוגער געלאַסנקייט.

פעטער מרדכי־מענדל גייט מיטן טאַטן. ער האַלט דעם טאַטן גוט־ברודעריש אַרומגענומען. די צוויי שוואָגערס, זעט אויס, האָבן זיך איצט איבערגעבעטן. פון מרדכי־מענדלס געשעפּטן גייט שוין נישט קיין שלעכ־טער ריח. זיי שמעקן איצט, די געשעפטן, אַזוי ווי עס שמעקט מיין טאַטנס היי. דערהערנדיק פונדערווייטנס זיין נאָמען, לאָזט מרדכי־מענדל שטיין דעם טאַטן און אַליין שווימט ער צו צו די ווייבער.

— לאָמיר זיך כאָטש צעקושן, פרימעט לעבן — צענעמט ער ביידע הענט — געזונט זאָלסטו מיר זיין, קלוגע שוועגערין מיינע.

די מאַמע קריגט אַ פול פּנים מיט חן־גריבלעך. מרדכי־מענדל גיט אַ בלישטש מיטן גאַנצן מויל ווייסע ציין. און כאָטש דער טאַטע איז דאָ, און כאָטש אַלע זעען, שעמט ער זיך גאָרנישט, דער פעטער, און גיט אַ נעם די מאַמע אונטערן אָרעם און גיט אַזוי אַ גיי מיט איר פאָרויס, אַזוי ווי ער וואָלט זי גענומען צום טאַנץ.

די מאַמע לאַכט מיט אַ הויך, קיילעכדיק געלעכטערל. מומע חנה שמייכלט מיט אַ האַלב פּנים, פרומלעך, פאַרשעמט. דעם טאַטנס ציין ווייסן זיך שאַרף פון אונטער די וואָנסעס אַרויס.

לויטן שיינעם, ווייכן טריטל, וואָס די מאַמע שטעלט ביי דער זייט פון פעטער מרדכי־מענדל, לויטן שטאָלץ־אַרויסגעשטעלטן פּנים אויף דער זון, דערקענט מען ערשט, אַז די מאַמע האָט טאַקע געהאַט אַמאָל מע־שענע קליאַמקעס ביי די טירן.

דער טאַטע גייט מיט זיין שוועסטער חנה — פון הינטן, איך מיט איטען — צום סאַמע סוף, אַרומגענומען און אַרומגערינגלט מיט אונדזערע געשוועסטער־קינדער.

עס גייט ברוך — דער עלטסטער זון מרדכי־מענדלס, אַ יונג, אַ שוואַרצער, אַזוי ווי דער טאַטע זיינער, מיט שאַרפע, שפּיציקע ברעמען. עס גייען שוועסטערלעך מיט ברידערלעך אין לאַנגע באַרכאַנע יאַ־קעס, מיט צעשויבערטע, שוואַרצע קעפּ.

און ס'גייט אויך רייזל — מרדכי־מענדלס שענסטע טאָכטער. זי איז אַ ווייסע, די דאָזיקע רייזל, אַ בלאַסע, מיט אַ בלוי אָדערל אונטערן שטערן. ס'פּנים ביי איר איז ברייט און פלאַטשיק אַזוי ווי אַ טעלער. זי

גערעדט נישט אַריין אין קיינעם. נישט אין פֿעטער און נישט אין דער מו־מען. די גאַנצע שיינקייט אירע ליגט אין צאָפּ האָר. ער איז בלאָנד, דער צאָפּ, ווייך. ער גלאַנצט מיט דער ווייסער גאָלדנקייט פֿון קאָרענע זאַנגען.

איך מיט ריזלען זענען אין איין עלטער. זעט אויס, אַז לכבוד דעם נייעם גוט האָט מען ריזלען פֿאַרגעסן צו קויפֿן שיך. שפּרינגט זי אונטער באָרוועס אויפֿן שטעכעדיקן „זשוויר". פֿון צייט צו צייט הייבט זי אונ־טער אַ פֿוס און קרימט זיך.

רייזל רעדט אַזוי ווי די מאַמע אירע: פֿאַמעלעך, פֿון האַרץ אַרויס, מיט אַ שטילער הכנעה, וואָס נעמט זיך, מן־הסתם, פֿון דער ליימענער פֿאַדלאָגע, אויף וועלכער מרדכי־מענדל מיט זיין הויזגעזינד האָבן אַלע יאָרן געוווינט.

איצט שטייען שוין אַלע אויף די ברייטע, שטיינערנע שטיגן, וואָס פֿירן אין ווייסן פּאַלאַץ אַריין מיט די בלוי־גלאַנצנדיקע שויבן־טירן. רייזלס יינגערע שוועסטער און ברידער זענען אַריין דאָרט די ערשטע. איטע מיט ברוכן זענען שוין אויך אינעווייניק. אין דרויסן זענען נאָר געבליבן איך מיט ריזלען.

זאָגט צו מיר רייזל:

— מענדל, דו האָסט ליב בלומען?

ענטפֿער איך:

— וואָס הייסט? כ'האָב נישט ליב און כ'האָב נישט פֿיינט.

נעמט מיך רייזל אָן פֿאַר דער האַנט און זאָגט:

— קום, וועל איך דיר עפּעס ווייזן.

זי פֿירט מיך אויף יענער זייט פּאַלאַץ. דורך אַלטע טאָפּאָלן און הויך־פֿאַררייסענע ליפּע־ביימער. זי פֿירט מיך ווייט אַראָפּ, איבער אַ שוואַרצן, פֿייכטן וועג, וואָס איז גלייך אויסגעשניטן, אַזוי ווי די אַלעען אין אונדזער שטאָטיש, נייעם גאָרטן. דאָ עפֿנט זיך פֿאַר אונדז אויך אַ גאָרטן, אַ קילער, מיט אַ סך שאָטן, מיט געדרייטע וועגן און מיט אַ צוויי־דריי הילצערנע בענק, האַלב־אָפּגעבראָכענע, אויף וועלכע די צייט האָט זיך אָפּגעזעצט מיט אַ גרינער, פֿעטער פֿאַרעלטערטקייט.

רייזל פֿירט מיך נאָך ווייטער, ביזן סאַמע אויסלאָז פֿון גאָרטן. דאָרטן בייגט זיך אין דער קרום אַן אַלטע אַלטאַנע פֿון בזשאָזע־צווייגן געפֿלאָכטן, דורכוואַנען די זון, אַ געקעסטלטע, כאַפּט זיך אַמאָל אַריין אויף אַ רגע אָפּרוען.

דאָ, ארום דער דאָזיקער אַלטאַנע, ווייזט מיר רייזל עטלעכע שמאָלע בייטן, גלייך פאַרזייעטע, מיט געוויקסן און שטעקעלעך, וואָס שטאַרצן ארויס פון דער ערד.

— דאָס זענען בלומען — זאָגט רייזל — „אַסטראַזשנע”, טרעט נישט ארויף. יענע רויטע דאָרט, זעסט, — זענען רויזן. אַצינד זענען זיי נאָך קליין. שפּעטער וועלן זיי אויסוואַקסן גרויסע, שיינע. דאָ וואַקסן פיאָלקעס — ווייזט זי מיר נאָענט ביי אונדזערע טריט טיף־סאַמעטענע פינטעלעך — זע, ווי בלוי זיי זענען. האָסט שוין געזען אַמאָל אַזעלכע בלימעלעך? און יענע דאָרט, אין דער זייט, די בעכערלעך — רופט מען: טוליפּאַנעס.

די דאָזיקע רייזל, וואָס רעדט פּאַמעלעך, אַזוי ווי זי וואָלט זיך גע־שעמט, רעכנט אויס אַלע נעמען פון אַלע בלומען. פונוואַנען ווייסט זי דאָס אַלץ? ווער האָט עס איר געזאָגט?

מיט די בראָרוועסע פיס, אַ גרינגע און אַ געניטע, גייט זי צווישן די בייטן, אַ טריט איבער אַ טריט, אַ שפּרייז איבער אַ שפּרייז.

— מיר האָבן — זאָגט זי — אַן „אָגראָדניק”, אַן אייגענעם. ער האָט דאָ געדינט ביים אַלטן פּריץ, דערנאָך ביי דער פּריצה, וואָס האָט פאַר־קויפט דאָס גוט דעם טאַטן. ער גייט אום ביי די בלומען. ער זאָגט, דער אָגראָדניק, אַז די בלומען — דאָס זענען זיינע אייניקלעך. ווען נישט די בלומען, זאָגט ער, צו וואָס וואָלט אים געטויגט דאָס גאַנצע לעבן?

אַזוי דערציילט רייזל וועגן אַלטן אָגראָדניק, און אַליין קוקט זי אויף מיר מיט איר בלויער, פאַרחלומטער פייכטקייט אין די אויגן. זי קוקט אַזוי, אַז איך שעם מיך מיט מיין שטאָטישקייט, מיט מיין גאָר־נישט ווייסן.

מענדל דער מומע נעמים קען זינגען, רייזל מרדכי־מענדלס האָט ליב בלומען, און וואָס האָב איך?

ביי אונדז אין שטוב זענען קיין בלומען נישטאָ. זיי זענען קיינמאָל נישט געווען. ביי אונדז אויפן פענצטער שטייט אַן ערדענער טאָפּ מיט לאַנגע, דיקע בלעטער, פאַרשטויבטע, וואָס וויקלען זיך ביי די ראַנדן פון אַלטקייט און פאַרטריקנקייט. פון די דאָזיקע פאַרשטויבטע בלעטער שניידט דער טאַטע ציבעלעס צו זיין קראַנקן פוס. דאָס זענען די בלו־מען, וואָס איך האָב געזען און וואָס איך קען.

און צוריקגעשמועסט. צו וואָס דאַרף אַזאַ יינגל, ווי איך, בלומען? וואָס האָט מען פון זיי? כ׳זע נישט, אַז יידישע יינגלעך זאָל עפּעס פעלן אָן בלומען! נישט מער, רייזל איז אַ מיידל. זי האָט כל ימיה געוווינט אויף אַ שאָסיי צווישן הימל און טאָפּאָל־ביימער, איז פון דאָרטן, מוז זיין, שטאַמט דאָס איר מבינות און איר ליבע צו בלומען.

רייזל דערציילט מיר נאָך אַ סך וועגן די בלומען. זי ווייזט מיר אָן יענע, וואָס זי אַליין האָט פאַרזעצט און זי אַליין האָדעוועט זיי. איך הער שוין נישט רייזלען. איך וואָלט שוין געוואָלט זיין דאָרט אין פּאַלאַץ און זען, וואָס אינעווייניק טוט זיך.

דערהערט זיך טאַקע אַ קול פונדערווייטנס:

— רייזל! רייזל!

— כ׳גיי שוין, מאַמע — ענטפערט רייזל מיט אַ צוזאַמענגע־קנייטשט פּנים און נעמט מיך אָן ביי דער האַנט.

— זעסט — ציט זי אויס אַ פינגער — דאָרט אַראָפּ־צו־צו ליגט אַ סאָד. דאָרטן וואַקסן בארנעס מיט עפּל, מיט קאַרשן. פון כל־טוב וואַקסט דאָרט. און דאָס אַלץ איז אונדזערס! דו ווייסט?

אוודאי ווייס איך. ווען ס׳וואָלט נישט געווען זייערס, וואָלט איך נישט געקאָנט מיר אַזוי גיין פראַנק און פריי איבערן גאַנצן גוט און קוקן, ווו נאָר אַ ווינקל.

אַלץ איז מרדכי־מענדלס. די בלומען דאָרט, וואָס דער אָגראָדניק האַלט פאַר זיינע אייניקלעך, זענען אויך מיין פעטערס. דער בעסטער סימן — אַט זענען מיר אַלע געקומען אָנקוקן און אָנקוועלן פון מרדכי־מענדלס עשירות. די מומע נעמי מיטן פעטער בן־ציון זענען אויך געקו־מען. צו־פיס, נעבעך, געגאַנגען אַזאַ מהלך וועגס.

זיי זיצן טאַקע איצט אין ווייסן פּאַלאַץ ברייטלעך צעלייגט אויף ווייבע, אַלט־פרענקישע פּאַטעלן מיט הויכע אָנלענען צוקאָפּנס. פעטער בן־ציון פרייכט שווער. ער ווישט די גרויסע טראָפּנס שווייס פון שטערן און קוקט זיך דערווייל אַרום.

ס׳איז דאָ פאַראַן אַ סך צו זען און נאָך מער צו פרעגן.

אַזעלכע שטובן מיט אַזאַ ווירטשאַפט האָט נאָך קיינער פון אונדז נישט אָנגעקוקט. אויסער אפשר דער טאַטע מיינער, וואָס איז געווען אַן אַפּטער איינגייער אין פּריצישע הייף.

— סאַליעס — זאָגט ער — איז עס, נישט קיין שטובן, סאַליעס מיט טונקעלע סופיטן. גרויסע, קילע.

„פּאָקאָיעס" אַזעלכע מיט זייגערס, וואָס גייען נישט, נאָר שטייען זיך גלאַט אַזוי אונטער גלעזערנע קלאָשן, אויף הויכע, טונקל־געשניצטע, קאַפּלענע אויוונס. „פּאָקאָיעס" מיט ווייט־פּאַרוואָרפענע הערנער פון הירשן איבער די טירן, מיט אויסגעשטופּטע פייגל, וואָס קוקן אַראָפּ מיט גרויסע, גלעזערנע אויגן פאַרחידושט און צעטומלט.

אָט האָט זיך וועקגעשטעלט אויף אַן אַלטמאָדיש געשניצטער, ברוינער שאַנק אַן אָדלער (דער טאַטע זאָגט, אַז ס'איז אַן אָדלער) מיט אַ פאַרדרייטן, האַרטן שנאָבל, אַזוי ווי אַן אייזערנער האָק.

ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן, דער אָדלער, איינגעגעסן זיך מיט די פּאַזורעס אין דער שאַנק, צענומען אַ פּאָר פליגל, וואָס פאַרדעקן מיט זייער צעשפּרייטקייט אַ האַלבע וואַנט. און אָט, שוין אין אַ מינוט אַרום, וועט ער זיך מיטן גאַנצן אימפּעט געבן אַ הויב אונטער, אַ לאָז אין פענצטער אַריין, אַ האַק אוים די שויבן און... פיו אין דער וועלט אַריין...

פּעטער בן־ציון טריקנט מיט אַ ווייס טיכל דעם נאַקעט־פאַרשוויצטן קאָפּ און קאָן זיך גאָרנישט אָפּחידושן:

— איז דאָס טאַקע אַן אָדלער? ווייסט „פּעוונע", אַז ס'איז אַן אָדלער?

— וואָס דען איז עס, אַ האָן? — גדלותט זיך דער טאַטע — אַז מען זאָגט דיר אַן אָדלער, איז אַן אָדלער.

מיין טאַטע פילט זיך אין די דאָזיקע שטובן, ווי אַן אייגענער. ווי אַ הינעדיקער. ער זיצט נישט אַזוי הכנעהדיק און טויבלעך, ווי בשעת ער קומט צו גאַסט צו זיין באַהעביקער שוועסטער נעמי. דאָ, דאַכט זיך, האָט דער טאַטע אַ חלק. ער איז דאָך עפּעס אַן איינגייער אין פּריצישע הייף, האָט ער זיך דאָך שוין אָנגעזען אין זיין לעבן מיט פּריצישע שיינקייטן. וואָס פאַר אַ ראָלע שפּילט דאָרט ביי אים עפּעס אַן אָדלער.

ער ווייסט טאַקע. ער זאָגט מבינות. ער ווייזט אַרוים בקיאות.

אָט פירט מען אונדז אָנקוקן טישן: ברוין־רויטלעכע זענען זיי, אייער־מעסיק געפורעמטע, מיט אויסגעבויגענע, בייביקע פּיס, געפלאָכטן און געקניפּט פון הינטן. קאַמאָדעס מיט האַלב־געשפּאָלטענע שופלאָדן, מיט אָפּגעלעבטע, טונקל־פאַרגאָלדיקטע קליאַמקעס ביי די שליסל־לעכער. ערגעץ אַנדערש ווייזט מען אונדז אַ סאַליע, אַ פיר־קאַנטיקע מיט

דריי לאנגע, שיין־געפוצטע פענצטער אין דער זון אריין. דא איז דער בעליק ווייס, די פאדלאגע — געל ווי וואקס, צוזאמענגעשטעלט און צו־זאמענגעקלאפט פון קליינע באזונדערע קעסטעלעך. די ווענט — העל־בלויע מיט גאלדענע, שמאלע לייסטעלעך אונטערן בעליק.

אויף די ווענט הענגען דיוואנעס. בלייבע זענען זיי שוין, אפגעדינ־טע, פון מלך סאביעסקים צייטן, מיט שמאל־אויסגעצויגענע, שפיציקע הינט, מיט ווייבער אין ברייט־אויפגעזעצטע קליידער, מיט מאנסלייט אין ווייסע זאקן, אין ווייסע שייטלען מיט צעפלעך פון הינטן.

אן אויסטערלישער עולם, א פארשטעלטער, מוז זיין.

די גאנצע משפחה שטייט מיט פארחידושטע אויגן: וואס זענען דאס פאר א מענטשן? וואס מאכן זיי עפעס פון זיך לייטיש געלעכטער?

דאכט זיך, אז פעטער בן־ציון איז שוין יא א שטיקל וועלט־מענטש. ער איז אן אייגנייער אין מאגיסטראט, ער קומט א סך מאל אין דער גו־בערניע אריין, פונדעסטוועגן הייבט ער נישט אן צו פארשטיין, וואס די דאזיקע דיוואנעס באטייטן.

מיין טאטע ווייסט יא. ער זאגט, אז דאס זענען אזעלכע פארטרעטן. פארצייטנס, זאגט ער, האבן זיך די שררות געלאזט מאכן פארטרעטן אויף דיוואנעס א שטייגער, ווי מען לאזט זיך היינט מאכן „פאטאגראפן". און דאס, וואס זיי גייען אזוי אויסטערליש אנגעטון, איז א סימן, אז ס'איז ביי זיי א באל. זיי רופן עס „קארנאוואל", רופן זיי עס. דעמאלט, זאגט דער טאטע, איז א צייט, ווען די שררות מיט זייערע ווייבער פארשטעלן זיך.

איך פארשטיי דעם טאטן אויסגעצייכנט. דער קארנאוואל איז ביי זיי א שטייגער, ווי ביי אונדז יידן — פורים. מן־הסתם האבן זיי אויך געהאט א המן הרשע.

די מאמע אבער פארציט מיט דער נאז.

— ס'איז נישט — זאגט זי — קיין קארנאוואל און ס'איז גאר־נישט. נאר זי האט אמאל געלייענט א ביכל, שטייט דארט געשריבן, אז אין נאפאלעאנס צייטן זענען אלע מענטשן געגאנגען אזוי אנגעטון. דער ארעמסטער, זאגט זי, האט געהאט זיין אייגנס אזא הונט מיט אזא ווייס שייטל.

— א נפקא מינה, שוין — מישט זיך אריין פעטער מרדכי־מענדל

— כ׳על עס סיי־ווי־סיי אראָפּוואַרפן, ס׳באַשיינונג. זעטס בעסער די בעטן, וואָס שטייען דאָ.

טאַקע שיינע בעטן. אַנדערע גאָר, ווי אין אַלע שטובן פון אונדזער שטאָט. רויטלעך־ברוין זענען זיי, נידעריק־געזעצטע, ברייטע, מיט אַ טונקל־גאָלדענעם בלישטש אין די ווינקלען.

— ווּעסט מיר גלויבן — רופט זיך אָן די מומע חנה צו מיין מאַמען

— ס׳איז מיר שווער אַנטשלאָפן צו ווערן אין אַזאַ בעט.

— מ׳געוווינט זיך צו — ענטפערט די מאַמע מיט אַזאַ נגידישער זיכערקייט, אַזוי ווי זי וואָלט אַלע אירע יאָרן געשלאָפן נאָר אין אַזעלכע בעטן.

— ביי מיין ערשטן מאַן, זאָל זיין אָפּגעשיידט — גיט זי טאַקע גלייך צו — האָט ווייניק געפעלט, כ׳זאָל האָבן אַזעלכע בעטן, אַז מ׳איז אַריינגעקומען צו מיר און מ׳האָט געזען די מעשענע קליאַמקעס...

איך הער נישט, וואָס די מאַמע דערציילט דאָרט ווייטער. איך קוק מיך אַרום און וויל זען, צי דאָ זענען אויך דאָ מעשענע קליאַמקעס.

אוודאי זענען זיי דאָ. זיי זיצן אין די הויכע, ווייסע טירן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. זיי זענען מאַט, גלאַנצן נישט. לויט מיין מאַמען דאַרפן מעשענע קליאַמקעס גלאַנצן.

— מען דאַרף פאַרריכטן — פאַרענטפערט זיך די מומע חנה — ס׳איז דאָ אַ סך צו טון. מען דאַרף נאָך אַריינלייגן אַן אוצר מיט געלט.

מומע חנה רעדט וועגן געלט. וועגן אַן אוצר מיט געלט. זי זאָגט עס רואיק, געלאַסן, אַזוי ווי זי וואָלט זיכער געווען, אַז היינט־מאָרגן וועט מרדכי־מענדל ברענגען איר דעם גאַנצן אוצר מיט געלט.

און אפשר... אויף מרדכי־מענדלען איז אַלץ צו גלויבן.

פעטער בן־ציון האָט כסדר געשוויצט. ער האָט נישט אַראָפּגענומען דאָס ווייסע נאָז־פּאַטשיילעכל פון נאַקעטן, רויטן קאָפּ. די מומע נעמי האָט האַלב־צוגעמרוזשעט די אויגן. פון אירע דינע, יחסנישע ליפּן איז אַראָפּגעפאַלן פאַמעלעך און צעצויגן:

— מרדכי־מענדל!

— הע?

— האָסט דאָך אונדז געזאָלט דערציילן, ווי אַזוי דו ביסט געקומען צום גוט, ווי אַזוי?

אָבער מרדכי־מענדל האָט, זעט אויס, נישט דערהערט.

— קומטס! — האט ער ברייטלעך א פיר געטון מיט דער האנט און אויפגעשטעלט זיך פון ווייכן, טיפן פאטעל — לאמיר אביסל ארויס־גיין. עטס האט דאך נאך גארנישט געזען. די „וויסופקע" איז דאך א גרודע מיט גאלד.

ער האט א קעם געטון מיט דער האנט די זיידענע באָרד אויף דער לינקער זייט, מעשה מלך אחשורוש, ברייט אויפגעפראלט די גלעזערנע טיר און ארויסגעלאזט די געסט „באשאנען" דאס גרויסע פארמעגן, וואס ער האט איינגעהאנדלט.

איז טאקע געווען וואס צו זען. ס'הייסט, געווען איז אמאל, ביים אלטן פריץ. ביי דער לעצטער פריצה איז אפשר אויך געווען. היינט איז דא קיין סך נישט געבליבן. לויטן אויסזען, לויטן פארנעם, האט דאס גוט אין דרויסן אויך באדארפט פארמאגן כאטש אזוי פיל שיינקייט מיט אזוי פיל רייכקייט, ווי דער פאלאץ אינעווייניק.

אין א גוט, ווייסט מען, זענען דא שטאלן מיט פערד, מיט קי און אקסן. עס דארפן זיך ארומדרייען אויפן הויף חזירים מיט קליינע חזי־רימלעך, הינער, הענער, אינדיקעס, קאטשקעס.

מיין טאטע זאגט, אז ס'דארפן זיך אויך ארומדרייען א צוויי־דריי פאוועס, מיט ברייט־צענומענע, גבירישע וויידלען, וואס אין יעדער פעדער פון זיי איז דא א זון מיט א לבנה. זיי דארפן דא אויסשרייען פאר די פארבייפארער און פארבייגייער:

— דא איז א גוט, דא איז א גוט, דא איז א גוט.

איז מילא, נישט אלע פריצים האבן פאוועס, און קיין חזירים וועט פעטער מרדכי־מענדל אויך נישט גיין האדעווען. אבער פארוואס שטייט נישט אין שטאל מער, ווי צוויי מאגערע פערדלעך אויף דינע, הויכע פיס? און פארוואס זעט מען נישט מער, ווי א פאר איינגעדארטע בהמות, נע־בעך? איינע — א יאלווקע, א ווייסע, מיט א געלער לאטע אונטערן אויג, די צווייטע — א שווארצע, א מעלקנדיקע מיט א ווייסן פלעק אויפן סאמע הינטן.

לויט דער גרויס און לויט דער לענג פון שטאל האבן דא אמאל גע־מוזט שטיין בהמות אויף בהמות. אט הענגען נאך דארט אויף דער קעגנ־איבערדיקער וואנט די זשלאבעס, אן פאשע, אזוי ווי אויסגעליידיקטע לאגלען. עס זענען נאך געבליבן די אפגעטיילטע ווענטלעך צווישן די זשלאבעס.

דער ריח פון ווארעמען בהמהשן מיסט איז שוין, ווייזט אויס, לאנג ארויס דורכן געלעכערטן דאך און דורך די צוויי טירן, וואס הענגען מיד אראפ אויף לויזע זאוויאסעס.

געבליבן זענען צוויי פערדלעך מיט צוויי קיעלעך.

אט דרייט טאקע אויס די מעלקנדיקע קו אירע פייכטע שווארצע נאזלעכער אויף די געסט. פון פעטער בן־ציונס ווייסער צעשפרייטער באָרד בויגט זי אוועק ס'פנים. אויפן טאטן מיינעם קוקט זי פארחידושט, אזוי ווי זי וואלט אים שוין אמאל געזען.

מיר ווייזט זיך אויס, אז זי זוכט דא א באקאנט פנים, א היימישן מענטש.

אט האט זי אנגעשטעלט אויף מיר אירע גרויסע, פארוויינטע אויגן. נישט אנדערש, נאר זי בעט מיך, כ'זאל ארויסיאגן די קליינע, דראבנע פליגעלעך, וואס האבן זיך אויסגעקליבן א מקום־מנוחה אין די ווינקלען פון אירע ווייסלעכטסער.

איך פרוּוו א פאכע טון מיט דער האנט פאר דער קוס פנים, אבער זי בייגט אוועק דעם קאפ נישט־צופרידן.

— ניטע! — דאכט זיך מיר, זאגט זי — אז דו ווייסט נישט, וואס איך מיין. אז ס'איז גארנישט דאס, וואס דו זעסט.

— אמאל, ביי דער פריצה, זענען דא געווען א סך, א סך שוועס־טערן מיינע. גאנצע משפחות אונדזערע האבן דא געלעבט. באבעס, מאַ־מעס, קינדער. אמאל איז מען נישט געשטאנען דא אין שטאל, צוזאמען מיט די בייזע פערד, נאר אין א באזונדערער „אבארע", אין א גרויסער, נאך גרעסער, ווי דאס שטאל, וואס דו זעסט.

אז מען איז ארויסגעגאנגען אויף דער לאנקע זיך פאשען, האט מען זיך געשטופט איינס אויף ס'אנדערע — אזוי ענג איז געווען. אונדזערע אייטערס זענען איבערגעגאנגען. מ'אמיר א וועלט פארפליצט מיט אונ־דזער מילך.

היינט איז אנדערש. שלעכטע צייטן. דער אלטער דזשעדזשיץ איז געשטארבן ווייט פונדאנען. אין דער פרעמד ערגעץ. עס זענען געבליבן חובות. האט די פאני, דעם דזשעדזשיצס ווייב, ביסלעכווייז אנגעהויבן אויספארקויפן איין קו און נאך א קו, א פערד און נאך א פערד.

עס זענען געווען שפעטן אויך. אזעלכע גרויסע, אויסגעפאשעטע, קייַ־לעכדיקע. מ'האט געשווירן וואל און געפירט אויף ירידים. דערנאך איז

שוין נישט געווען, וואָס צו פאַרקויפן, האָט מען דאָס גוט אַרויסגע־שטעלט אויף ליציטאַציע.

זענען געקומען קונים. אַ סך קונים. יידן און גויים. ס'איז אויך גע־קומען דער דייטש פליישער, דער אייגענער, וואָס איז געווען אַ פּראָסטער בלעכער, געקראָכן אויף דעכער און געשמירט זיי מיט רויטער, גרדיכטער פּאַרב. ער האָט געוואָלט ווערן דער דזשעדזשיץ פון דער „ווייסופקע". האָט מען געהאַנדלט, געדונגען זיך. מען האָט געשריגן און געקריגט זיך. די אַלטע „פאַני" האָט געווייִנט, געזעגנט זיך מיטן פאַלוואַרק, מיט די פּאַראָבקעס, אויסגעצאָלט, וואָס ס'איז עמעצן געקומען און אָפּגעלאָזט אַלע אויף דער פריי. זי האָט כמעט ווי גאָרנישט מיטגענומען, אויסער אַ בונט בלומען.

איצט איז דאָס גוט געבליבן נישט ביים דייטש פליישער, נאָר ביי יענעם דאָרט, מיט דער שוואַרצער באָרד, וואָס הייסט מרדכי־מענדל.

אַזוי דערציילט אַן אַלטער פויער, אַ ווייסער, מיט אַ קליין ליולקע־לע אין מויל. ער גייט צווישן דער מאַמען און מיר. ער רעדט דאָס אַזוי, נישט, חלילה, די קו...

דאָרט אהינצו־צו שפּאַנט טאַקע מרדכי־מענדל איןברייטן, שבת־דיקן שלאַפראָק. ער ווייזט מיט די הענט אויף רעכטס און אויף לינקס. ער האָט איצט אויסטערליש־גרויסע הענט געקריגן, דער פעטער מרדכי־מענדל. אַז ער גיט אַ פיר מיט זיי, דאַכט זיך, אַז ער נעמט אין זיי אַריין דעם גאַנצן ווייטן, לייִדיקן שטח, צוזאַמען מיטן וואַלד און מיטן הימל.

ער דערציילט, ווי אַזוי דאָס גוט איז אים אָנגעקומען. פּריצים — זאָגט ער — האָבן אים געשלאָגן אין מקח אַריין. גאַנצע נעכט — זאָגט ער — האָט ער קיין אויג נישט געקענט צוטון. דער קאָפּ האָט אים גע־דאַרט: און טאָמער לאָזט זיך אויס אַ בוידעם? און טאָמער דינגען אים די פּריצים אויס די „ווייסופקע"? און טאָמער דאָס און טאָמער יענץ? ביז ס'איז אים איינגעפאַלן צו מאַכן יד־אחת מיטן דייטש פליישער.

איז דאָך אָבער פליישער אויך נישט קיין מפיל־קינד. פליישער וויל אַליין זיין פּריץ. אָט דער „בלאַכאַזשטשינע" (בלעכער־יונג) וויל זיין שררה אויף דער „ווייסופקע" אָן מרדכי־מענדלען. וואָס־זשע טוט מרדכי־מענדל? —

נאָר וואָס מרדכי־מענדל טוט — הער איך שוין נישט. רייזל איז צוגעקומען צו מיר מיט בלימעלעך, מיט רויטע און מיט בלויע. זי זאָגט,

אַז דאָס האָט זי אָפּגעריסן פאַר מיר. אַז כ׳וועל צוריקפאָרן אין שטאָט אַריין, זאָל איך זיי מיטנעמען און אַריינשטעלן אין אַ בלומען־טאָפּ מיט וואַסער.

מרדכי־מענדל דערציילט דאָרט ווייטער, וואָס אַזעלכעס ער האָט געטון. אַז איך קום צו נענטער, הער איך ווי פּעטער בן־ציון רייסט איבער:

— נו, און וואָס איז געוואָרן מיט פלײשערן?

אָבער מרדכי־מענדל איז אַזוי פאַרנומען מיטן געבן צו פאַרשטיין דעם שכל פון גוט, אַז ער הערט נישט, וואָס פּעטער בן־ציון פרעגט.

אָט האָט אונדז מרדכי־מענדל אַרויסגעפירט פון הויף, ער גיט אויפסניי אַ ברייטן פיר מיט דער האַנט איבערן גאַנצן שטח:

— זעטס נאָר די פעלדער — זאָגט ער — זעטס נאָר די ערד. ס׳ליגט דאָך גאָלד דאָ באַגראָבן. זיי ווייסן דען, די כאַמעס, די פּריצים־טשינעס, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט?

אדרבא, לאָמיר זיך מטריח זיין אַביסל ווייטער, וועט ער אונדז עפּעס ווייזן.

מיר אַלע זענען זיך מטריח. פאַר אונדז שפּרייטן זיך אויס ליידיקע, פאַרוואָרלאָזטע שטיקער פעלד, פאַרוואַקסן מיט „פּאָקזשיווע" און מיט סימנים פון פאַראיאָריקן לובין. מען דערקענט, אַז דאָ האָט מען שוין לאַנג נישט געזייעט און נאָך לענגער נישט געאַקערט. דער טאַטע מיינער זאָגט טאַקע, אַז ער געדענקט שוין נישט די צייט, ווען דאָ זאָל האָבן געוואַקסן אַביסל תבואה.

וואָסזשע פאַר אַ גליקן ליגן אין דער דאָזיקער ערד? ווו איז דאָס גאָלד, וואָס מרדכי־מענדל פּראַלט אַזוי דערפון?

די פיס טרעטן אויף ווייכער, גליטשיקער בלאָטע. ס׳שטייט אַ געלע היץ אין פעלד. פונוואַנען נעמט זיך אַזאַ פייכטקייט? זומפּן, זעט אויס. פאַרשאַרצט מרדכי־מענדל די באָרד:

— חלילה! טאַקע די ווייכקייט, טאַקע די גליטשיקייט, דאָס איז דאָס אמתדיקע גאָלד, וואָס די פריערדיקע פּריצים האָבן נישט קיין שכל געהאַט אויפצוהויבן.

ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז די גאַנצע ערד דאָ איז איין גרויסער שטח ליים. מרדכי־מענדל ווייזט אונדז אַ פיר־קאַנטיקן, טיף־אויסגעשניטענעם גרוב, אין וועלכן ס׳איז שטיין געבליבן אַ קאַלוזשע פאַרברודיקט וואַסער.

אָבער די ווענט פון גרוב, די קאַנטן, גלאַנצן מיט פעט, טונקל־ברוין ליים.

— ס'איז נישט גלאָט קיין ליים — זאָגט פעטער מרדכי־מענדל — ס'איז בוימל. פלייש איז עס. ס'איז אַ ברויט מיט אַ מעסער.

— פון דעם ליים — זאָגט מרדכי־מענדל — וועט ער מאַכן ציגל, און דאַכוווקעס, און טעפּ. ערדענע טעפּ, זאָגט ער, וועט ער מאַכן. קרוגן, זשישקעס אויף זויערמילך, און... וואָס נישט? ער וועט דאָ, זאָגט ער, אויפשטעלן אַ קוימען. ער וועט דינגען גויים — טעפּערס. ס'וועט אַוועקגיין אַן אַרבעט, וואָס די וועלט האָט עס נאָך נישט געזען.

ער בייגט זיך אַראָפּ אין גרוב אַריין און שלעפּט פון דאָרט אַרויס אַן אויסגעשמירטע, פולע האַנט מיטן „גאָלדענעם" ליים.

— זאָל מען זיך נאָר גוט צוקוקן — זאָגט ער — ס'איז דען ליים? ס'איז בריליאַנטן, נישט קיין ליים.

ער טראָגט אונטער די אויסגעשמירטע, פאַרליימיקטע האַנט אַלעמען אין פּנים אַריין. די מומע נעמי פאַרקוועטשט מיט צוויי פינגער די נאָזלעכער. פעטער בן־ציון רירט זיך צו מיט אַ שפּיץ פון קליינעם פינגערל. דער טאַטע מיינער קוקט פון אַ זייט, אַזוי ווי מיט אַ האַלב אויג. בלויז די מאַמע שמעקט צום ליים מיטן גאַנצן פּנים.

מיך האָט דאָס „גאָלדענע" ליים אויך נישט גענומען. ביי אונדז דאָרט, אין שטאָט, אויף דער אַלטער דירה, ווו משה איז געשטאָרבן, האָט מען אַמאָל אויסגעגראָבן אַ גרוב און אַרויסגעוואָרפן דערפון פונקט אַזאַ ליים, ווי פעטער מרדכי־מענדל ווייזט אונדז:

און שמחהלע מולאַרזש, וואָס האָט אַמאָל פאַרראַכטן ביי אונדז דעם אויוון, האָט אויך געפּאַטשט מיט אַזאַ ליים. טאָ מיט וואָס באַווייזט ער זיך דאָ, דער פעטער מרדכי־מענדל?

ער האָט אונדז אין יענעם שבת געוויזן נאָך אַ סך זאַכן. ער האָט אונדז פאָרגעשטעלט דעם וואַלד, וואָס איז געשטאַנען, אין אַ בלויען, דרימלדיקן נעפּל, אַ מהלך וויט פונדאַנען.

— דער וואַלד — האָט ער געזאָגט — געהער אויך צו דער „וויי־סופקע".

ער האָט אונדז אַריינגעפירט אין גאָרטן מיטן סטאַוו, וואָס איז געווען פאַרדעקט מיט אַ געל־גרינער, גערינצלטער הויט — אַ שימל פון דורות.

— דעם שימל — האָט מרדכי־מענדל געזאָגט — וועט ער לאָזן

ארֿאפּציעץ. ער וועט דאָ מאַכן אַ סאַרזאַווקע מיט פיש, מיט קאַרפן, מיט לעשטשעס.

ער האָט אונדז געוויזן דעם סאָד מיט אויבס. ס׳הייסט, אייגנטלעך, אָן אויבס, מחמת ס׳איז הײַ־יאָר עפּעס נישט געראָטן. ביי אים אָבער וועט שוין, מיט גאָטס הילף, געראָטן.

אַלץ האָט ער אונדז געוויזן. אפילו די ליידיקע בודע פון הונט.

שפּעטער, פאַרנאַכט־צו, האָט מען אונדז מכבד געווען מיט קאַלטן שטשאַוו־באָרשט, מיט ראַזאָווע ברויט, גראָב באַשמירט מיט פּוטער.

פון ווייט־צעברענטן הימל, פון בלויען וואַלד דאָרט, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די פעלדער אַ מנוחהדיקע קילקייט. ס׳האָט געשמעקט מיט היי. אין גראָז האָבן געזעגט די נאַכט־גרילן פון גאָרטן. פון סטאַוו דאָרטן, מיט דער שימלדיקער הויט, איז דערגאַנגען אַ געדיכט קרעכצן פון זשאַבעס.

מען איז געזעסן אינדרויסן. דער הימל איז זיך פאַרגאַנגען אין שוואַרצן גראַנאַט. ווייט איז ער געוואָרן און ברייט, נישט מיטן אויג צו דערכאַפּן. דאָ זעט מען ערשט, וויפיל מיליאָנען־מיליאַסן שטערן עס זיצן אין הימל.

רייזל דערציילט מיר שטיל, אַז אַלע נאַכט קוקט זי אויף יענעם שטערן דאָרט, אויפן גרעסטן. איר דאַכט זיך, אַז דאָס איז אַזאַ גרויסער, גאָר גרויסער בריליאַנט, וואָס וועט זיך אַ ליאַדע מינוט אָפּרייסן און פאַלן איר צו די פיס. רייזל איז אַ נאַריש מיידל. אָבער פאָרט איז דאָ בעסער צו זיצן, ווי ביי אונדז אין קליינעם, שמאָלן הייפל, וו ס׳שמעקט מיט חזיר.

נאָך הבדלה האָט אונדז מרדכי־מענדל אָפּגעשיקט אין שטאָט אַריין מיט אַ בריטשקע.

ס׳איז געווען ענג. מען איז געזעסן איינער אויפן אַנדערן. אָבער מען האָט פאַר ליב גענומען. פון אַלע פיר זײַטן איז געלעגן די נאַכט, אַ וואַרעמע, אַ פעטע. ס׳האָט געשמעקט מיט רומיאַנעק, מיט מיענטע, מיט מאַנדלען.

פּעטער בן־ציון האָט זיך טאַקע צעלייגט כמעט איבער דער גאַנצער בריטשקע:

— איי, איז דאָ אַ מחיה — האָט ער נחתדיק געצויגן מיטן גאַנצן

בויך — ווען גאָט העלפט מיר אַזוי און איך קאָן שלאָגן כפּרות מיט גאַנץ קהל...

ער האָט נישט פאַרענדיקט. פון אַ ווינקל אַרויס האָט זיך איינגע־שניטן דאָס ציענדיק־זינגענדיקע קול פון דער מומע נעמי:

— בן־ציון... בן־ציון...

מוז זיין, אַז ער האָט געוווּסט, וואָס זיין ווייב גייט אים איצט זאָגן. האָט ער אַ קרעכצל געטון און אויסגעלאָזט, אַז ער איז דערגאַנגען, דאָס מרדכי־מענדל איז טאַקע אַ גרויס לייט. אַז אַ מענטש האָט געקאָנט קומען אָן אַ גראָשן געלט צו אַזאַ גוט, איז עס טאַקע נישט פון די קליינע זאַכן. העט, לייזער?

— יאָ. ס׳איז טאַקע נישט פון די קליינע זאַכן — האָט דער טאַטע געענטפערט אין דער שוואַרצער לופט אַריין — אָבער ער האַלט נישט דערפון.

— ס׳הייסט, דו האַלטסט נישט? ביסט געווען אַצינד אויף דער „ווייסופּקע“?

— כ׳בין געווען.

— האָסט געזען?

— כ׳האָב געזען.

— נו?

— ס׳האָט נישט קיין האַפט. דער משא־ומתן געפעלט מיר נישט.

— פאַרוואָס?

— ווייל ס׳געפעלט מיר נישט.

איז מילא, געפעלט אים נישט. אָבער מרדכי־מענדל האָט זיינס פאַרט אויסגעפירט.

***

ס׳האָט גאָרנישט לאַנג געדויערט און אויף די פּייכטע, ליימיקע פעלדער פון דער „ווייסופּקע“ האָט פּלוצלינג אויסגעשאָסן אין הימל אַריין אַ הויכער, קייל־עכדיקער קוימען, וואָס מען האָט אים אָנגעזען ביז אַ שטיק אין שטאָט אַריין.

מענטשן האָבן פאַרריסן די קעפּ. מען איז געשטאַנען מיט אויסגע־צויגענע העלדזער און געוויזן אין הימל אַריין, אַזוי ווי די שטערנזעערס:

— זע נאָר, מרדכי־מענדל...

דער קוימען האָט אַרויסגעוואָרפן פון זיך ווייסע און שוואַרצע קנוילן רויך, גערדיכטע, פעטע, אַזוי ווי געוויקלטע וואַטע. דער רויך איז געגאַנגען איבערן פּאַלאַץ, איבערן גאָרטן, איבערן סאָד, איבער די בלומען, וואָס רייזל האָט זיך אַזוי געקוויקט מיט זיי.

פּויערים, וואָס זענען געקומען אין שטאָט אַריין, האָבן דערציילט, אַז דער רויך זעצט זיך אָפּ אויף די שפּיצן פון די טאָפּאָליעס. די באָטשאַנעס קוקן זיך אַרום צעטומלט. זיי זוכן אַן אַנדער מקום־מנוחה, ווו דער רויך זאָל נישט קענען צוקומען.

אין שכנות מיטן ווייסן פּאַלאַץ האָט מרדכי־מענדל אויפגעמויערט אַ רויטע געביידע, אַ קיילעכדיקע, אַ בייכיקע. פון איר אַרויס וואַקסט דאָס דער קוימען. פון איר אַרויס גייען דאָס די טעפּ, וואָס מרדכי־מענדל ברענט אויס אין די היים־צעגליטע אויווגס.

דער געשטיינדלטער וועג, דער פּריצישער, וואָס האָט געפירט אין פּאַלאַץ אַריין, איז שוין איצט צעפאָרן און צעריטן. טעפּ — מאַטע און נעגלייזטע, מיט אָפּגעהאַקטע אויערן, מיט לעבער אין דער דנאָ — וואַלגערן זיך אויפן אַמאָליקן „זשוויר". אויף די ברייטע, שטיינערנע שטיגן, ווו מרדכי־מענדל איז אין יענעם שבת אַזוי גדלותדיק שטיין געבליבן, אין די שטובן מיט די ווייכע פּאַטעל־שטולן, אויף די לאַנגע ווייסע פענצטער — אומעטום איז אָנגעלייגט און אָנגעוואָרפן מיט ערדענע טעפּ, מיט זשישקעס אויף מילך, מיט גרויסע, פּויערישע שיסלען, מיט טאָפּלטע טעפּלעך. וואָס גויעס טראָגן אין זיי עסן פאַר די מאַנען אין פעלד אַריין.

— מרדכי־מענדל האָט זיך פאַרמאָסטן ברייט. אַז נתעשר ווערן — טאָ זאָל שוין גיין די אַרבעט בייטאָג און ביינאַכט.

זיצן גוים מיט פאַרמעטענע, צעשניטענע פּנימער, מיט פאַרשאַרצטע, אָדערדיקע הענט און מיט קלוגע, העלע אויגן.

זיי זיצן איבערגעבויגענע ביי אַ הילצערן מאַשינדל, וואָס האָט דאָס אויסזען פון אַ קאַלערל, פון וואַנען מען האָט אָפּגעוויקלט דעם גאַרן. מיט איין פוס לאָזן זיי דאָס אָפּגעוויקלטע קאַלערל לויפן, עס זאָל זיך דרייען אַרום און אַרום, און מיט די הענט, מיט די נאַקעטע צען פינגער, קלעבן זיי די טעפּ מיט די קרינגן.

גיך, אָן אָטעם, דרייט זיך דאָס רעדל. דאָס שטיק ליים, וואָס דער טעפּער האָט רויערהייט אַרויפגעוואָרפן, דרייט זיך מיט. אָט ציט זיך

עס אויס און אַט פּאַלט עס איין. אַט פאַרברייטערט עס זיך און אַט ווערט עס שמאָל. עס לויפן אויפן רעדל ליאַלקעלעך מיט מענטשעלעך. אונטער די צען לייַדיקע פינגער וואַקסט אַ לעבעדיק באַשעפעניש. דער טעפּער צערטלט עס און גלעט עס, ווישט עס אָפּ, רייניקט עס אַרום. ביז ס'קומט די מינוט, ווען די כּלי שטייט שוין אַ פאַרטיקע, אַ גאַנצע. שניידט זי דער טעפּער אָפּ פון רעדל מיט אַ דין שטריקל, אַזוי ווי מען שניידט אָפּ אַ קינד פון דער מאַמעס נאָפּל.

זעט אויס, אַז מרדכי־מענדל ווערט טאַקע פון די טעפּ נתעשר. אויף דער „וויסופּקע" איז צוגעקומען נאָך אַ פערד מיט נאָך אַ לייטער־וואָגן. אויף דעם אייגענעם לייטער־וואָגן האָט די מומע חנה, צוזאַמען מיט איר זון ברוך און מיט דער טאָכטער רייזל, געפירט אַלע דאָנערשטיק איבערפרי די טעפּ אין מאַרק אַריין צו פאַרקויפן.

אין דער ווייטער וועלט אַריין, ווי מרדכי־מענדל האָט זיך פאַרנומען, האָט מען די טעפּ נישט געקאָנט שיקן. ער האָט, וואָס אַן אמת, געפּרוּווט איינמאָל צו לאַדעווען אַ וואַגאָן, אָוועקצושיקן קיין לובלין — זענען אָהינגעקומען נישט קיין טעפּ, נאָר שאַרבנס. פּגרים האָט מען אַרויסגעשיט פון וואַגאָן.

איז געבליבן, מען זאָל די סחורה נישט פירן אין מרחקים, נאָר פאַרקויפן זי דאָ, אויפן היגן מאַרק.

האָט מען אַ גאַנצע וואָך אויסגעקוקט אויפן דאָנערשטיק. פאַרטאָג, ווען מענטש און פעלד איז נאָך גוט געשלאָפן, האָט מען שוין גענומען לאַדעווען דעם לייטער־וואָגן. מען איז אַרויסגעפאָרן אין שטאָט אַריין אויפן ניכטערן האַרץ. די טעפּ, מיט די קריגן, מיט די זשישקעס, האָט מען אויסגעשטעלט אויפן מאַרק איינס לעבן ס'אַנדערע — אַזוי ווי קינדער פון איין מאַמע.

קונים האָבן געקלאַפּט מיט די פינגער, צי זענען זיי אַמאָל נישט געפּלאַצט, די טעפּ. מען האָט זיך געדונגען איבער אַ גראָשן, מען איז צען מאָל אַוועקגעגאַנגען און איינמאָל געקויפט אַ טעפּל, צי אַ קריגל, פאַר צוויי קופּערנע צענערלעך.

דאָ, אין מאַרק, שטייענדיק ביי די טעפּ, האָט שוין מומע חנה נישט אויסגעזען, ווי יענע שיינענדיקע גוטבאַזיצערין, וואָס איז אַרויסגעקומען צו אונדז אויף די שטיינערנע שטיגן אין אַ שוואַרץ־זיידן קלייד מיט אַ גאָלדן־געפלאָכטענער בראָש אונטערן האַלדז.

דאָ איז פון איר צוריק געוואָרן די אַלטע מומע חנה אין דער פּאַטשיילע מיטן דערעלע אויפן קאָפּ. די אָפּענע זון האָט געברענט איר פּנים, די רעגנס מיט די ווינטן האָבן איר צעהאַקט די הויט. זי האָט געקריגן שוואַרצע הענט, אַ שוואַרצע נאָז, אַ צעאַקערטן שטערן.

ביי רייזלען, וואָס האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן מיטצונעמען אין שטאָט אריין אירע טוליפּאַנעס מיט אירע רויזן, האָט זיך די בלאַסע הויט פאַרברוינט. אַז זי האָט געשפּיגלט דאָס פּנים אין די געגלייזטע שאַרבנס, האָט עס אויסגעזעען, אַזוי ווי צוויי לאַכנדיקע טעפּ וואָלטן זיך געקוקט אין די נעז אַריין.

פון דאַנערשטיקדיקן מאַרק האָט די מומע חנה צוריקגעפירט מער טעפּ, ווי זי האָט מיטגענומען. אַז מען האָט צוריק אויסגעלאַדעוועט דאָס לייטער־וועגעלע, איז אַ העלפט סחורה געווען צעבראָכן. ס'האָט געפּלאַצט, געקנאַקט, געשיט זיך.

דאָס פּנים פון דער מומע חנה האָט געפּלאַצט צוזאַמען מיט איר ערדענעם געפעס. די שוואַרצע, זיידענע באָרד פון מרדכי־מענדלען האָט אָנגעהויבן כאַפּן גרויסע, ווייסע פלעקן.

ער האָט שוין איצט צייט געהאַט צו קומען אין בלויע באַגינענס צו אונדז אין שטוב אַריין. נישט פּראַלן מער, נישט חוזק מאַכן פון בן־ציון קהל־שרייבער. נאָר כאַפּן דעם טאַטן אינמיטן דאַווענען און עפּעס אַריינרעדן אין אים. ער האָט אויפגעוועקט די מאַמע, וואָס האָט זיך גיך איבערגעגעדעקט מיטן איבערבעט און געפרעגט מיט אַ פויל, פאַרשלאָפן קול:

— וואָס הערט זיך, מרדכי־מענדל?

— געלויבט דער אויבערשטער. גאַנץ גוט. נאָר מיט די טעפּ איז גאָרנישט צו מאַכן.

— דהיינו?

— צופיל שאַרבנס, צופיל אָפּפאַל. מען דאַרף אַ צעגעלניע, שטאָט הויבט אָן מויערן. מענדל דאַנציגער מויערט; יידל קאַמאַשנמאַכער האָט שוין געקויפט אַ פּלאַץ; בעקערמאַנס גאַס מיט די ליידיקע פּלעצער דאָרטן איז שוין אינגאַנצן פאַרצעלירט. ווער ס'האָט נאָר אַן איבעריקן גראָשן. האַנדלט אַיין אַ שטיקל פּלאַץ און גייט מויערן. און צעגעלניעס זענען במעט ווי נישטאָ. מוז מען פירן ציגל פון דער פרעמד — טראַגט עס נישט, אָבער אַז ער, מרדכי־מענדל, וועט אויפשטעלן אויף דער „וויי־סופקע" אַ צעגעלניע...

— אוודאי, אוודאי! — שאָקלט די מאַמע מיטן קאָפּ — ביסט גע־רעכט.

— ס'הייסט גערעכט? — גיט זיך מרדכי־מענדל א וויג אין דער ברייט — ס'איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג. נישט מער, עס פעלט אים אוים אביסל בארעס געלט. איז ער דאָס טאַקע אצינד געקומען אהער, צו לייזערן הייסט עס, יענער זאָל אים זשירירן וועקסלען אין דער קאַסע „פּאָזשיטשקאָווע" אריין. בן־ציון האָט אויך זשירירט. ער האָט נישט גע־רעדט ס'אַנדערע וואָרט, בן־ציון.

דער טאַטע האָט שטיל געמאָלן די ווערטער פון דאַווענען. ער האָט געכאַפּט פון הינטערן טלית אפּער א טויבלעכן בליק אויף זיין שוואָגער מרדכי־מענדלען.

ער האָט געהערט, דער טאַטע. נאָר עפּעס האָט ער נישט אזוי גוט פאַרשטאַנען.

— הע?

— דו פאַרשטייסט — האָט מרדכי־מענדל נאָענט צוגעבויגן די באָרד זיינע צום טאַטנס טלית — אז איך דאַרף גאָרנישט קיין סך. א קלייניקייט, כ'לעבן.

אָבער וואָס הייסט דאָס „זשירירן"? ווען האָט דער טאַטע זשירירט וועקסלען? און וואָס איז דען ווערט זיין זשירע? אז בסך־הכל קאָן ער גאָרנישט שרייבן. ער ווייסט דען נישט, מרדכי־מענדל?

— יאָ. ער ווייסט. נאָר דאָס איז א קלייניקייט. מ'עט אים שוין אויסלערנען. פרימעט וועט ווייזן ווי אזוי, און ער, לייזער, וועט נאָכ־שרייבן.

אויפן טאַטנס וואָנסעס האָט זיך צעלייגט א שמייכל. א געלאָסע־נער, א גוטער שמייכל.

— נאַרישער מענטש, וואָס דו ביסט! — האָט ער געזאָגט — וואָס פאַר א האַפּט קאָן האָבן מיינס א זשירע, אז כ'בין אן אָרעמאַן אין זיבן פּאָלעס!

— האָסטו דאָך אוודאי נישט, וואָס מורא צו האָבן!

— אז איך האַלט נישט דערפון.

האָט פעטער מרדכי־מענדל גענומען צו הילף די מאַמע.

— פרימעט — האָט ער געזאָגט — דו ביסט דאָך יאָ נישט קיין

נאר. אדרבא, גיב אים צו פארשטיין, וואס ער ליגט דא אריין. מיך וועט ער ראטעווען און זיך וועט ער קיין רעה נישט טון.

די מאמע האט אים געגעבן א צייכן, ער זאל אצינד נישט רעדן. זאל ער עס איבערלאזן. זי וועט שוין אליין רעדן.

אויפדערנאכט, נאך דער וועטשערע, ווען דער טאטע איז שוין גע־זעסן אויפן בעט און אראפגעצויגן די שטיוול, האט זיך די מאמע אנ־גערופן:

— לייזער...

— העע?

— כ׳מיין, אז דו מעגסט זשירירן.

— וואס מעג איך?

— זשירירן פאר מרדכי־מענדלען. כ׳זע נישט איין, זאלסט, חלילה, האבן א רעת דערפון.

איין שטיוול האט אזוי גיך נישט געוואלט נאכלאזן. דער טאטע האט פארשארצט ס׳מויל אין לינקן ווינקל אריין און שווער זיך איינגעבויגן. דארט, אין שפיץ שטיוול אריין, האט ער געענטפערט:

— כ׳בעט דיך זייער, פרימעט, אפשר וואלסטו דיך נישט געמאכט צו נאר?

— ס׳איז דאך דיין שוואגער!

— און אז ס׳איז מיין שוואגער איז וואס? ער איז דאך א „דזשע־דזשיץ״! וואס וויל ער פון מיר, וואס?

— אבער מען קען דאך אים ראטעווען!

— ראטעווע ד ו אים. ווער לאזט דיך נישט?

— הלואי וואלט מיין זשירע עפעס ווערט געווען, ווי כ׳וואלט נישט גערעדט ס׳אנדערע וואָרט. זעסט דאך: בן־ציון האט דאך אויך זשירירט.

— דאס זאגט מרדכי־מענדל.

— ער וועט קיין ליגנט נישט זאגן.

— חלילה... נאר צוויי מאל אין יאר.

דער טאטע האט אונטערגעהויבן ס׳איבערבעט, אויפגעקלאפט עס און אויסגעדרייט זיך צו דער וואנט.

— מאך נאכט, פרימעט — האט ער געזאגט — וועסט שוין מארגן קלערן.

צומארגנס איז געקומען צו לויפן די מומע חנה. א שווארצע, א מא־

גערע, מיט דארע, אָדערדיקע הענט. זי איז אריינגעפאלן צוזאמען מיטן קריי פון האָן.

— ברודער! — האָט זי געזאָגט — זעסט דאָך אליין, אז ס׳איז א גאָלדן געשעפט. מען דארף נאָר האָבן עטלעכע הונדערט קערבלעך אריינ־צוליינן.

— ווייסטו וואָס? — האָט זי אין א מינוט ארום צוגעגעבן — ווער א שותף.

— אז איך וויל נישט זיין קיין גוטבאזיצער, וויל איך נישט.

— אָבער דו ביסט דאָך א ברודער. נאָך ווייניק האָבן מיינע קינ־דער, נעבעך, געליטן הונגער?

— און מיינע קינדער זענען יאָ זאט? — האָט דער טאטע ביין צוריקגעפרעגט.

— דו האָסט דאָך, ברוך־השם, פרנסה.

— זיי האָרעוועז ביי פרעמדע, — האָט זיך דער טאטע וואָס אמאָל מער אָנגעצונדן — זיי זענען דינסטן. דינסטן זענען זיי, די קינדער מיינע.

— אָבער וואָס וויל איך דען פון דיר? כ׳וויל דען געלט?

— אז איך קען נישט שרייבן.

— יאָך וועל דיר פאַרשרייבן — האָט זיך די מאמע אריינגעמישט — און דו וועסט נאָכשרייבן.

— כ׳האָב צייט.

האָט דער טאטע אזוי צייט געהאַט נישט איין וואָך און נישט צוויי וואָכן. מרדכי־מענדל מיט דער מומע חנה זענען נאָך א סך מאָל געקומען צו אונדז. די מאמע האָט זיך נאָך א סך מאָל איינגעשטעלט פאַר זיי. זי האָט זיך געקריגט מיטן טאטן. זי האָט אים געזאָגט, אז ער איז א פויער, אַן אוממענטש. אָבער דער טאטע האָט נישט זשירירט.

**
*

איז איינמאָל געקומען א טאָג, א גרויער, א שווינדזיכטיק־פאַרנעפל־טער. אויף די לאָדנס פון אונדזער פענצטער האָט זיך א גאנצע נאכט געריסן א ווינט. די טויבן האָבן זיך אינדערפרי אויפן דאָך נישט געוואָ־רעמט.

אין יענעם טאָג איז מען אין חדר אריין נישט געגאַנגען. געווען א

רוסישע חנא, א „גאַלוווקע". דער קייזער אַליין זאָל האָבן אין יענעם טאָג געבוירן געוואָרן.

אינדערפרי האָט אין שול דער חזן געזונגען „באָזשע צאַריאַ כראַני". מענדל בן־ציונס, אין א ווייס קעלנערל, אין שוואַרץ־אויסגעפּרעסטע הויזן, איז געשטאַנען צוזאַמען מיטן חזן אויפן באַלעמער און זים אויסגעצויגן און אויסגעדריידלט דעם „כראַני", פון מאַגיסטראַט איז געקומען א „ראַדצע" אין א שוואַרצן, דריי־שפּיציקן ספּאָדעק מיט זילבערנע קאַנטן. ער איז אויך געשטאַנען אויפן באַלעמער צוזאַמען מיטן רב און מיטן חזן. אַלע האָבן געקוקט אויפן „ראַדצע", אויפן גוי אין שול, אַזוי ווי ער וואָלט געווען דער קייזער אַליין.

שפּעטער האָט אין קייליכדיקן מאַרק געשפּילט די רוסישע מוזיק. יידן האָבן געהאַלטן פאַרמאַכט די געוועלבער — פאַלט מיר איין אַרויס־צוגיין אביסל אויף דער „וויסופקע".

אין די ראָוועס פון ביידע זייטן שאָסיי האָבן זיך שוין געוויקלט טרוקענע, אָפּגעפאַלענע בלעטער. דער ווינט האָט זיי אונטערגעהויבן, צע־שיט זיי איבער די אָפּגעשניטענע פעלדער, געפייפט מיט זיי אין די הויכע טאָפּאָל־צווייגן. פון רוסישן בית־עולם אַרויס האָבן די אַלכע־ביימער אָפּ־געענטפערט מיט א יאָמערלעך ווידערקול. דער שאָסיי איז געלעגן א פאַר־מיסטיקטער, אַן אויסגעליידיקטער פון פורלעך און פון מענטשן.

ווען נישט דאָס, וואָס היינט איז געבוירן געוואָרן דער קייזער און איך האָב נישט, ווו אהינצוטון דעם טאָג, וואָלט מיר נישט איינגעפאַלן אַרויסצוגיין אויף דער „וויסופקע".

כ'האָב טאַקע אויף האַלב וועג חרטה געקריגן און געוואָלט צוריק־גיין. אָבער דאָ איז פון הינטערן רוסישן בית־עולם אַפּערגעקומען אַן אַלט גויעלע, אַן אויסגעקרימטס, מיט א סענקעוואַטן שטעקן און האָט מיך אָפּגעשטעלט:

— ווו גייסטו דאָס, יינגעלע, אין אַזאַ ווינט?

— צום פעטער מרדכי־מענדל.

— ווער איז דאָס דיין פעטער מרדכי־מענדל?

— דער דזשערדזשיץ — האָב איך מיט שטאָלץ אַריינגעשריגן דער גויע אין אַלטן, פאַרדאַרטן פּנים אַריין.

— הע, הע... — האָט די אַלטע געוויזן צוויי געלע, ברייטע ציין

— איז דאָס דיין פעטער, דער יידישער פריץ דאָרטן?

— יאָ. דער יידישער פּריץ.

— האָסטו שוין נישט נאָך וואָס צו גיין, ייִנגל. נישטאָ מער קיין יידישער פּריץ אויף דער „ווייסופּקע". „נימאַ".

דאָס גויעלע, ווייזט אויס, איז משוגע. זי קוקט אויף מיר מיט צוויי קיילעכדיקע אויגן, אַזוי ווי אַ סאָווע.

איך לאָז זי שטיין, די משוגענע, און גיי ווייטער. אַצינד וויל איך שוין דווקא יאָ אַהינגיין. מעג שוין דער ווינט רייסן פון אַלע פיר זייטן.

דער רויטער, לאַנגער קוימען פון דער טאָפּ־פאַבריק איז, דאַכט זיך, העכער און רויטער געוואָרן. קיין רויך גייט היינט נישט פון אים. אָבער דאָס נעמט זיך, מן הסתם, דערפון, וואָס היינט איז געבוירן געוואָרן דער קייזער. ס'איז יום־טוב ארבעט מען נישט.

אַ וואָרנע שרייט אַראָפּ פון אַ שפּיץ בוים. אַ צווייטע — הייבט זיך אויף פון אַ קופּע מיסט און צעפּאַטשט זיך מיט די פליגל. פון רוסישן בית־עולם ארויס קומט אָן פּלוצלינג אַ גאַנצע טשאַטע מיט וואָרנעס. עס ווערט אַ געשריי איבער מיין קאָפּ. די גאַנצע טשאַטע ציט אַהין, וווּ עס שטייט די „ווייסופּקע". מוז זיין, אַז די שוואַרצע פייגל פליען דאָרט ערגעץ אויף אַ חתונה.

איז אָט, ווען כ'קום שוין צו נאָענט, דערזע איך אויפן ליידיקן וועג, ווי ס'גייט מיר אַנטקעגן אַ מענטש. נאָכן מענטש שלעפּט זיך אַ קו. היינט איז, וואָס אַן אמת, נישט קיין מאַרק־טאָג. נאָר, מן־הסתם, פירט מען די קו אין שעכט־הויז אריין.

איך דערזע אויך אַ פערד־און־וועגעלע. וואָס נענטער איך קום, גרע־סער ווערט דער מענטש, די קו און דאָס פערד און וועגעלע. כ'וואָלט גע־שווירן, אַז די קו איז מרדכי־מענדלס. זי האָט טאַקע אַ לאַטע צווישן די אויגן.

דאַכט זיך, אַז דער מענטש, וואָס גייט נעבן דער קו, איז די מומע חנה, טאַקע די מומע חנה.

אויף אַ שטריקל פירט זי דאָס בהמהלע. אַצינד זע איך שוין אַלץ קלאָר. דאָס פערד און וועגעלע, וואָס גייט נאָך, איז דאָס אייגענע, אויף וועלכן מען פירט אַלע דאַנערשטיק אינדערפרי די טעפּ אין מאַרק אריין.

איצט אָבער טרייבט נגשט אָן ברוך מרדכי־מענדלס, נאָר אַ גוי. ס'וועגעלע איז נישט פאַרלאַדעוועט מיט קיין טעפּ נאָר מיט רויט, אויפ־געבלאָזן בעטגעוואַנט.

פון אייגענעם בעטגעוואנט ארויס פארדרייסט א טיש אלע פיר פיס צום הימל, ס'איז נישט פון יענע רויט־ברוינע טישן, וואס שטייען דארט אין פאלאץ. דער דאזיקער דא, איז א ווייסער, א פראסט־געהובלטער.

צווישן די רעדער פון וועגעלע שאקלט זיך א קובעל. אויפן בעטגע־וואנט זיצט רייזל. זי שאקלט זיך אין דער ברייט, אזוי ווי זי וואלט גע־דרעמלט. זי האט אפגעריסן בלומען.

ס'וועגעלע קרעכצט. ברוך, מרדכי־מענדלס עלטסטער זון, גייט נאך פון הינטן, אזוי ווי, להבדיל, נאך אן עגלה. א ייִנגער ברידערל מיט נאך א שוועסטערל האבן זיך אוועקגעזעצט מיט די פּנימער צו דער „ווייסופקע" צו. די רעשט זעט מען נישט. מען זעט אויך נישט מרדכי־מענד־לען אליין.

צווישן די טאפאליעס לויפט ארום דער ווינט. פון יענער זייט פּאַ־לאץ שווימט צוריק ארויס די טשאטע ווראנעס. זיי קרייזלען איבערן פערד און וועגעלע מיט א הפקרדיק געשריי.

וואס זאל אלץ באטייטן? ציט מען זיך ארויס פון דער „ווייסופקע"?

איך שטיי און מען זעט מיך נישט. די קו קוקט אויף מיר מיט גרוי־סע, פארוויינטע אויגן. די מומע חנה קוקט און דערקענט מיך נישט, זעט אוים. פון בעטגעוואנט אראפ קוקט רייזל מיט די בלומען און ווייסט אויך נישט, ווער איך בין.

— גוט־מארגן, מומע! — שריי איך אויס און לויף גלייך ארויף אויף די קו.

וועקט זיך די מומע חנה:

— מענדל?

— יא. איך. גוט־מארגן.

— גוט־מארגן, גוט־יאר. וווּ גייסטו דאס אין אזא ווינט?

— אויף דער „ווייסופקע".

— האסט שוין נישט נאך וואס צו גיין... — שאקלט די מומע חנה מיטן קאפ און פארמאכט פאמעלעך די אויגן.

פון איר שווארץ פּנים גייט מיר א קעלט אין די ביינער אריין.

מיר ווייזט זיך אוים, אז נישט די מומע חנה רעדט, נאר דאס שאקלט אזוי די קו מיט איר נארישן קאפ.

— אויס! נישטאָ מער קיין „ווייסופקע” — גיט די מומע חנה א שלעפּ די קו ביים שטריקל.

די קו שטעלט נישט־ניחאדיקע שווערע טריט. זי לאָזט איבער סימנים אויפן שאָסיי. זי צעמעקעט זיך און דרייט אויס דעם קאָפּ צוריק צום ווייסן־פּאַלאַץ, צום שטאַל דאָרט, וואָס איז מיט איר נישט מיטגע־גאַנגען.

דעם פּערדל אויף די הויכע פיס, איז זעט אויס, אַלץ איינס. עס שלעפּט באהבה דאָס וועגעלע אין שטאָט אריין. מן־הסתם — טראַכט עס — איז היינט דאָנערשטיק און מען פירט די טעפּ אין מאַרק אריין. אָבער די טשאַטע קראָען, וואָס וויל פונדאַנען נישט אָפּטרעטן, שרייט אויס אין ליידיקן, גרויען חלל אריין, אזוי ווי יענע אַלטע גויעלע מיטן סענ־קעוואַטן שטעקן:

— נישטאָ מער קיין יידישער פריץ אויף דער „ווייסופקע”. נימאַ!

# קאַפּיטל פערצן

אָט אזוי איז צעשוווּמען א חלום פון א ווייסן פּאַלאַץ, פון שיינע בלומען, פון גאָלדענע אוצרות.

פונקט, ווי מען האָט נישט געוווּסט, פון וואַנען מרדכי־מענדל איז געקומען צו א גוט, אזוי איז מען אויך נישט דערגאַנגען, ווי אזוי ער האָט עס פאַרלוירן.

מען האָט גערעדט אין שטאָט, אז לעולם האָט די „ווייסופקע” צו מרדכי־מענדלען קיינמאָל נישט געהערט, אז קיין איין שטיקל ליים דאָרט איז נישט געווען זיינס. מען האָט געזאָגט, אז ער האָט זיך דאָרט אריינ־געריסן מיט געוואַלד, מיט שווינדל. ער זאָל האָבן ביים דייטש פּליישער אויסגענאַרט וועקסלען, פּליישער זאָל זיך נישט האָבן ארומגעזען. שפּע־טער ערשט, ווען מרדכי־מענדל איז שוין דאָרט געזעסן, ווען ער האָט שוין געהאַט אויפגעשטעלט דעם קוימען און גענומען פירן טעפּ אין מאַרק אריין, האָט זיך פּליישער אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ.

איז אָוועקגעגאַנגען א סדרה פון פּראָצעסן, פון אדוואָקאַטן. פּליי־שער האָט זיך געלאָזט קאָסטן אין די טויזנטער, איינגעלייגט וועלטן. ביז

ער האָט סוף־כל־סוף אַדויסגעקריגן אַ פּאַפּיר, אַז ביז עפּעס וואָס — מוז מרדכי־מענדל מיט זיין גאַנץ הויז־געזינד פאַרלאָזן די „ווייסופּקע".

האָט זיך די מומע חנה מיט אירע קינדער, מיטן איינציקן קיעלע, וואָס זי האָט פאַראיבריקט אויף דער „ווייסופּקע", אַריינגעצויגן ווידער אין אַ הילצערן, אויסגעקרימט הייזל מיט אַ פרישער ליימענער פּאָדלאָגע.

נישט קיין דיוואַנעס אויף די ווענט, נאָר בלויע פּאַסמעס קאַלך. נישט קיין לאַנגע, ווייסע פענצטער, נאָר פיר קליינע, פאַרשטויבטע שייבלעך. נישט קיין נידריק־געזעצטע, ברייטע בעטן מיט גאָלדענע פאַרפּוצונגען, נאָר פּראָסטע, פּויערישע, אָן קאָפּ־שטיקן, וואָס מען האָט אויף דער גיך געקויפט אויפן סקאַרשעווער יריד.

מרדכי־מענדלען אַליין האָט מען אין שטאָט מער נישט געזען. עס זענען געגאַנגען ימים־נוראים, מוראַדיקע, גרויע. איבער יידישע שטובן איז געהאַנגען זאָרג, חשבון־הנפש. מרדכי־מענדל איז נישט געקומען צום דאַווענען.

ביים פאַרשטויבטן פענצטערל פון הילצערנעם הייזל איז ער טאָג און נאַכט געשטאַנען און נישט אויפגעהערט צו קוקן צום שאָסיי, וואָס האָט געפירט אויף דער „ווייסופּקע" אַרוים.

ער האָט געקריגן אַ ברודיק־ווייסלעכע באָרד, רויטלעך־איבערגעבערענטע אויגן. די ציין, די געזונטע, די איינס און איינס געציילטע, זענען געוואָרן געל. זיי האָבן זיך גענומען קרישלען.

מען האָט אָפּגעבלאָזן שופר. יידן האָבן זיך אָפּגעפּרייט מיט דער תורה. מרדכי־מענדל איז אַלץ געשטאַנען אין פענצטער און געזען, ווי ס'פאָרן פורן אַהין אויף דער „ווייסופּקע" און ס'פאָרן פורן צוריק פון דער „ווייסופּקע". מען פירט פון דאָרט טעפּ און ציגל, מען פירט געהילץ צום בויען. מען גייט דאָרט עפּעס שטעלן, עפּעס מאַכן. אָבער אָן מרדכי־מענדלען.

שטייט ער אַזוי איינמאָל אינדערפרי. פאַרן דאַווענען איז עס געווען. ברוך, דער זון, איז שוין געהאַט אַוועקגעגאַנגען אין שטאָט אַריין אַרומקוקן זיך וועגן פאַרדינען אַ גילדן. די קלענערע קינדער זענען נאָך געשלאָפן. מומע חנה איז אַרויסגעגאַנגען אויסמעלקן דאָס קיעלע.

ווייסט מען נישט, ווי אַזוי ס'איז געקומען. נאָר פּלוצלינג האָט מרדכי־מענדל געגעבן אַ פּאַטש מיט די הענט אין די שייבלעך אַריין.

ס'גלאָז איז צעשפּרונגען, און מרדכי־מענדלס הענט זענען געוואָרן פאַר־גאָסן מיט בלוט.

רייזל, די טאָכטער, איז אין יענער מינוט געזעסן איבער אַ גרויסער, ערדענער שיסל און געשיילט קאַרטאָפל.

אַז זי האָט דערהערט אַזאַ פּלוצלינגדיק געפּלאַצעריי פון גלאָז, האָט זי אַראָפּגעלאָזט ס'מעסער מיט די קאַרטאָפל אין דער שיסל אַריין און אַליין געגעבן אַ שפּרונג צו:

— טאַטע, וואָס טוסטו?

האָט דער טאַטע אין דער אייגענער רגע פאַרוואָרפן מיטן קאָפּ, אַזוי ווי אַ געשאָכטענער. ער האָט אַ דריי געטון מיט די פאַרבלוטיקטע הענט אין דער לופטן, אויסגעבויגן זיך שיף, אַזוי ווי אַ בוים, וואָס האַלט זיך אויף אַן אונטערגעזעגטן שטאַם, און ווי גרויס מרדכי־מענדל איז געווען, האָט עס אים געגעבן אַ זעץ אַראָפּ אויף דער ערד, אַ וואָרף־צו דעם קאָפּ צום קאַנט פון טיש און אַ שלאָג אַרויס פון ביידע נאָזלעכער מיט אַ שטראָם שוואַרץ בלוט.

די מומע חנה האָט אין יענער מינוט געמאָלקן דאָס איינציקע, מאָ־גערע קיעלע.

ווייסט זי נישט: צי האָט זיך דאָס קיעלע דערשראָקן פאַר רייזלס געשריי „מאַמע, געוואַלד!”, צי האָט עס עפּעס אַליין דערשפּירט. נאָר ווען מרדכי־מענדל, נעבעך, איז אַזוי אומגליקלעך געפאַלן אויפן קאַנט פון טיש, האָט דאָס קיעלע פּלוצלינג געגעבן אַ וואָרף מיטן ווידל דער מומע חנה גלייך אין פּנים אַריין.

— נישט אַנדערש — האָט די מומע חנה שפּעטער דערציילט — אַז דאָס איז געווען אַ פּאַטש אַזעלכער, הלמאי זי, חנה האָט איבערגעלאָזט דעם מאַן אירן אַליין, אָן השגחה.

די מומע חנהס אַן אויג איז פאַרלאָפן מיט בלוט. ס'פּנים איז גע־וואָרן אויסגעשמירט מיט בלאָטע.

דאָס קליינע שקאָפּעקל מילך האָט זיך איר צעגאָסן אין די פּיס אַריין.

דעמאָלט האָט זי זיך אויפגעריסן פון בענקעלע און גענומען לויפן.

זי האָט, אייגנטלעך, נישט געוווּסט, וווּהין און נאָך וואָס זי לויפט. נאָר געפילט האָט זי, אַז ס'האָט איר עפּעס אַ ביס געטון אין סאַמע האַרץ אַריין און זי מוז זיך גיין ראַטעווען.

אין דער אָפענער טיר האָט זי געטראָפן שטיין רייזלען מיט אַ פּאַר־גליווערט געשריי אין קיילעכדיקן מויל. איז רייזל, חלילה, געליימט גע־וואָרן? און ווי איז מיר!

— רייזל, רייזל!

אָבער יענע קאָן נישט אַרויסברענגען פון זיך קיין וואָרט. זי ווייזט נאָר מיט אַ האַנט אין שטוב אַריין.

לויפט מומע חנה אַריין. אינעווייניק איז טונקל. די זון זאָל שוין האָבן אונטערגעגאַנגען, צי וואָס? וואָס טוט זיך דאָ, וואָס? עפּעס שרייען אַזוי די קינדער?

האָט זיך די מומע חנה גענומען איינקוקן און דערזען, אַז איר מרדכי־מענדל ליגט עפּעס אַזוי אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אויפן קאַנט פון טיש.

— מרדכי־מענדל, מרדכי־מענדל! — האָט זי גענומען שאָקלען מיט אים ביים אַקסל. אָבער ביים ערשטן שאָקל האָט זיך מרדכי־מענדלס קאָפּ געגעבן אַ בויג אויס אויף אַ זייט און אַוועקגעלייגט זיך אויף דער ליימע־נער פּאַדלאָגע אָן אַ ווידער־קול.

ערשט איצט האָט די מומע חנה דערזען בלוט. בלוט אויפן פּנים, בלוט אויף די הענט, בלוט אויף דער באָרד.

האָט זי אַ פּאַטש געטון מיט די הענט. זי האָט געוואָלט, זעט אויס, כאַפּן לופט, אָבער דאָ האָבן זיך איר די פיס אונטערגעבראָכן. און די גאַנצע מומע חנה, מיטן איינגעשמירטן פּנים, מיטן פאַרלאָפענעם אויג, איז געגעבן אַ פאַל אַרויף אויפן מאַן אירן מיט אַ געשריי און מיט אַ יאָ־מער.

אָבער וואָס האָט שוין דאָ געקאָנט טון מרדכי־מענדל, אַז אַליין איז ער איצט געלעגן, ווי אַ קופּע ליים, ווי די צעבראָכענע שאַרבנס פון די טעפּ זיינע.

אין שטאָט האָט מען געזאָגט, אַז מרדכי־מענדלען איז געפּלאַצט אַן אָדער אין קאָפּ. מען האָט געהאַט פאַראיבל, וואָס אַ ייד אַן אביון האָט אַנדערש נישט געוואָלט, נאָר ווערן אַ גוטבאַזיצער.

נאַרישע רייד געווען פון נישט־פאַרגינערס, פון שונאים. אָבער פון די דאָזיקע רייד איז מיין טאַטנס פּנים געוואָרן איינגעפאַלן, שוואַרץ.

נאָכן אומדערבאַרעמדיקן טויט פון שוואָגער האָט זיך דעם טאַטנס

קאָפּ אַראָפּגעלאָזט נידעריקער צו די קלאַפּעס. די מאַמע איז אַ צייט אַרומגעגאַנגען מיט טיכלעך געריבענעם כריין אויפן שטערן. אין שטוב ביי אונדז איז געוואָרן שווער. ס'האָט געיאָגט. איטע איז שוין געהאַט צוריק אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע. די מומע חנה איז צו אונדז מער נישט געקומען. נישט זי, נישט די קינדער אירע.

דער טאַטע האָט טעג מיט וואָכן געשוויגן. דאַכט זיך, אַז די דרימל־דיקע אויגן זיינע האָבן אָנגעהויבן קוקן טויבלעכער. די מאַמע האָט איר צער לאַנג נישט געקאָנט באַהאַלטן.

— אַזאַ בילדישער מענטש! — האָט זי נישט איינמאָל אַרויסגע־קרעכצט — אַזאַ טייערער מאַן! אַ זשירע זיך געבעטן... וואָס איז, אַז מען גיט אַ שוואָגער אַ זשירע, גייט שוין די וועלט אונטער?

דער טאַטע האָט געגעסן וועטשערע. פּאַמעלעך האָט ער געקייעט, אָן טעם, אָן הנאה. די מאַמע האָט גערעדט שטיל, אַזוי ווי זי וואָלט זיך מיישב געווען מיט זיך אַליין. אָבער דער טאַטע האָט דערהערט. ער האָט אויפגעהויבן ס'פּנים פון עסן. אויפן שטערן, צווישןביידע אויגן, איז אים געלעגן אַ קנייטש, אַ טיפער, אָן איינגעפּוגעוועטער, אַזוי ווי אַ לאַנ־גער וואָרים. אָט פירט דער טאַטע מיטן קאָפּ איבערן טיש. ס'זעט אויס, אַז ער זוכט עפּעס און קאָן נישט דערזען. ער רעדט נישט, נאָר דער לעפל רוקט זיך אים אַליין אַרויס פון דער האַנט און גליטשט זיך אַראָפּ אין טעלער אַריין ביז איבערן האַלדז.

— לייזער! — שטעלט זיך די מאַמע ראַפּטום אויף — נו, העֶר שוין אויף, פאַרוואָס עסטו נישט, פאַרוואָס? וואָס האָב איך דען גע־זאָגט?

אָבער דער טאַטע האָט שוין יענע וועטשערע נישט געגעסן. דער טעלער אַרבעס מיט קליסקעלעך איז פאַרהאַנגען מיט אַ קאַלט, גע־דיכט הייטל. די מאַמע האָט געוויינט. דער טאַטע האָט געבענטשט, קוקנדיק שווער אין די שוואַרצע שויבן אַריין.

***

מער האָט מען פון מרדכי־מענדלען נישט גערעדט. ס'האָבן זיך געשטעלט געלע, שווינדזיכטיקע טעג. די טויבן אויפן קעגנאיבערדיקן דאַך האָבן זיך באַהאַלטן אין טויבנשלאַק אַריין. ביינאַכט האָט גע־

רעגנט. הינטער דער טיר האָט געקאַפּיעט פון אַ רינע. ס'האָט אויס־געלעכערט שטיקער האַרץ, שטיקער מוח. אינמיטן דער נאַכט האָט זיך אין דער פינצטערניש אַריין פון שטוב אַריינגעשניטן אַ געניץ, אַ לאַנ־גער, אַ נאָגנדיקער, אַזוי ווי אַ פייף פון אַ באַן, ערגעץ אין דער ווייטער וועלט אַריין.

דאָס האָט די מאַמע אַזוי געגענעצט פון נישט שלאָפן, פון ליגן און טראַכטן.

בייטאָג איז זי נאָך אַלץ אַרומגעגאַנגען מיט טיכלעך כריין אויפן שטערן. זי האָט נישט געמאַכט קיין פייער, זי האָט נישט צוגעבעט די בעטן.

אַז צו אונדז איז קיינער נישט געקומען, אַז דער טאַטע איז געווען פאַריאָגט ערגעץ אין ווייטע דערפער — פאַר וועמען האָט די מאַמע גע־האַט פייער צו מאַכן? פאַר וועמען האָט זי געזאָלט די בעטן אויפבעטן?

איז געווען קאַלט. אין קיך האָט שוין קיינער נישט געוווינט. דאָס בעטל דאָרט איז געשטאַנען ליידיק, וויסט. פון די ווענט האָט אַראָפּגעג־קוקט אַ גרינע מרה־שחורה. דער זייגער האָט צו הויך געטיקעט. די זון איז צום פענצטער נישט צוגעקומען. אינגאַנצן ברוגז געוואָרן מיט אונדז, די זון.

האָט די מאַמע גענומען האָבן טענות:

— אַז וואָס איז דאָס פאַר אַ דירה, וואָס? אַז ס'איז דאָך ערגער, ווי אין אַ קעלער? זי זאָל געווען וויסן, אַז דאָ וועט אַזוי יאָגן, וואָלט דאָך איר פוס דאָ נישט געשטאַנען. ביינאַכט שלאָפט זי נישט. ס'דאַכט זיך איר אַלץ אינאיינעם, אַז אָט עפנט זיך די טיר, און ס'קומט אַריין מרדכי־מענדל. מיט דער שוואַרצער, זיידענער באָרד קומט ער אַריין. מיטן שיינעם מויל ציין. אַזאַ אויפּטוער, אַזאַ בילדישער מענטש!

די מאַמע רעדט צו זיך אַליין. דער טאַטע איז נישטאָ. פאַרן טאַטן רעדט זי שוין נישט אַזוי. דאָס דערציילט זי אַזוי מיר איר ביטער, פינצ־טער האַרץ.

איך פיל, אַז דער מאַמען איז געוואָרן שווער צו לעבן. זי קריגט נישט קיין בריוו פון די קינדער. זי ווייסט נישט, וואָס מיט ציפּעלעס חתונה איז דאָרט געוואָרן. קיין וואַרשע קאָן זי נישט פאָרן. זי קאָן זיך נישט אַרויסרייסן פונדאַנען. און מרדכי־מענדל איז, נעבעך, אַזוי אומר

געריכט אוועקגעריסן געוואָרן פון דער וועלט. און אין דער דירה דאָ יאָגט, און אַרום און אַרום שטינקט מיט חזיר.

ס'איז אמת — דער גאַנצער הויף, אַלע ווענט מיט אַלע טירן זענען אויסגעשמירט מיט חזיר.

שיקאָרסקעלע, דער גוי, דער באַלעבאָס פון הייזל, ווו מיר וווינען, האָט געמאַכט שותפות מיט איינעם אַ קיילער און געעפנט אין דרויסן, אויף דער גאַס, אַ חזיר־געוועלב. עס שלאָגט פון דאָרט אַרויס אין האַלדז אַריין אַן אויסגעוואַרעמטע גישט־גוטקייט.

איך האָב מורא פאַר די ווייסע, קאַלטע שטיקער חזיר־פעטס, וואָס הענגען דאָרט אין פענצטער. מיך שרעקן די לאַנגע, פאַרטריקנטע קיש־קעס, די האַק אויפן שילד צוזאַמען מיטן אָקסענעם קאָפּ. און דער עיקר וואַרפט אויף מיר אַ פּחד — דער כלב, דער מאָפּס מיטן רוצחישן פּרצוף, מיט די איינגעפאַלענע צוויי ווינקלען ביים פּיסק. ער זיצט דאָרט פאַרן געוועלב, שמעקט צו יידישע קאַפּאָטעס, שטשירעט די ציין און היט די טויטע שטיקער חזיר.

מען מוז זיך פונדאַנען אַרויסציען. די טעג זענען דאָ געוואָרן גרויער, ווי אויף דער גאַנצער וועלט. זיי זענען דאָ קירצער אויך.

אָבער ווו ציט מען זיך אין אַזאַ צייט? מ'עט דאָך אונדז אָנקוקן ווי משוגע... אַלע מאַנטיק און דאָנערשטיק ציט מען זיך...

אָבער, אַז די מאַמע האָט געוואָרפן אַן אומחן אויף דער דירה, וועט מען זיך שוין פונדאַנען אַרויסציען. זי גייט טאָקע, די מאַמע, זי זוכט, זי פרעגט זיך נאָך. אין שטוב וווייסט מען גאָרנישט. אפילו איך ווייס נישט. אָבער כ'בין מיך משער. דאָס אַרומקוקן זיך אירס איבער די ווענט, דאָס מעסטן די לענג פון די בעטן מיט אַ שטריקל — דאָס אַלץ זאָגט עדות, אַז היינט־מאָרגן וועט צופאָרן אַ „וואָזשיוואָדע" און מ'וועט אַרויפלאָדעווען די זאַכן.

איז טאַקע אַזוי געווען. אין אַ גרויען טאָג, אין אַ פאַררויכטן, באַלד נאָכדעם, ווי דער טאַטע איז געהאַט אַוועקגעגאַנגען, איז מנשה קלאַפּער פאַרפאָרן מיט זיין ווייסער קאַשקע און מען האָט גענומען צערוקן אונ־דזערע שענק מיט אונדזערע בעטן.

מנשה קלאַפּער האָט געהאַט צו הילף נאָך אַ יונג — אַ שרייער מיט אַן אויסגעדרייטן דאַשיק. מיך האָט די מאַמע געהייסן בלייבן אין שטוב. זי אַליין האָט אויך צוגעהאָלפן. האָט מען אַזוי ביסלעכווייז פאַרלאָדעוועט

ס'ביסל גראטעס און געלאָזט זיך אין דער שפּאַציר־גאַס אריין, הינטערן קרימינאַל, ווו די מאַמע האָט געדונגען די נייע דירה.

אויפן וועג האָבן זיך יידן אוועקגעשטעלט מיט אונטערגעשפּאַרטע שטעקעלעך פון הינטן. געחידושט זיך, מוז זיין, וואָס אין אַזאַ פאַררויכטן טאָג האָט זיך עמעצן פאַרגלוסט אַרויסצוציען. פאַר געוועלבער זענען אַרויסגעקומען סוחרטעס, אין אויסגעבעטע, ווארעמע קאַפּטאַנעס, אי־בערגעשריגן זיך פון איין שוועל אויף דער אַנדערער אַרויף און געקוועטשט מיט די אַקסלען:

— אַ משוגעת אביסל, היינט זיך צו ציען!

מנשה קלאַפּערס וואָגן האָט אונטערגעקרעכצט, איבערגעבויגן זיך אויף אַ זייט, אַזוי ווי אים וואָלט אויך נישט אָנגעשטאַנען אין אַזאַ חושכדיקן טאָג צו טראָגן אויף זיך דאָס אָרעמע ביסל ווירטשאַפט.

אָבער מען איז בשלום איבערגעקומען. אויס מיטן חזיר, אויס מיט די קאַלטע ווענט, אויס מיטן געריבענעם כריין אויף דער מאַמעס שטערן.

דאָס געסל, ווו מנשה קלאַפּער איז פאַרפאָרן מיט אונדזערע זאַכן, איז אַ שמאָלס, אַ שטילס. פונדאַנען קאָן מען אין אַ צווייטער גאַס נישט אַריינקומען. דאָ פאַרמאַכט זיך דאָס געסל מיט אַ הויכן, הילצערנעם פּאַרקאַן, דורך וואַנען ס'קוקן אַריבער ליפּעס און קאַשטאַן־ביימער. קיין הייזער פאַרמאָגט דאָס דאָזיקע געסל אויך נישט. פון איין זייט הייבט זיך דער געלער, געמויערטער פּאַרקאַן פון קרימינאַל, פון דער צווייטער זייט — איין אָפּגעריסן, אַלט הייזל. אַ מקום פאַר שוואַלבן און פאַר קעץ.

ס'קרימינאַל אַליין שטייט הויך און לאַנג צעוואַקסן. אויף געדיכטע שורות קליינע, פאַרקראַטעטע פענצטערלעך הענגען בלעכענע דעכלעך, אַזוי ווי ראַנצעס אויף זעלנערישע פּלייצעס.

דאָ, הינטער דער געלער, לאַנגער מויער, דרייט זיך אַרום הין און צוריק אַ זעלנער מיט אַ ביקס. אַזוי ווי אַן אומרו, וואָס קען נישט מאַכן קיין טריט מער און קיין טריט ווייניקער.

פאַר אים, פאַר דעם דאָזיקן זעלנער, טאָר מען נאָענט נישט פאַר־בייגיין. מען טאָר זיך נישט אָפּשטעלן, און מען טאָר נישט קוקן אויף אים. ער אַליין קוקט אויך נישט אויף קיינעם. ער טאָר מער נישט זען, ווי די בלעכענע דעכלעך אויף די פאַרקראַטעטע פענצטער און דאָס

שכנותדיקע הייזל, ווו קיינער גייט נישט אַריין און קיינער גייט נישט אַרויס.

דאָס הייזל איז אויך אַ געלס. די פענצטער שטייען דאָ פינצטערע, שוואַרצע.

איין שטיינערן טרעפּל, אַרומגענומען ביי די זייטן מיט קופּקעלעך גראָז, פירט צו אַן אָפּגעשיילטער, ברוינער טיר אָן אַ קליאַמקע. אַ שוואַרץ, פאַרוועבט לאָך זאָגט עדות, אַז אינעווייניק מוז זיין קאַלט און פינצטער, אַז אין די ווינקלען דאָרטן הענגען גאַנצע חמרים מיט שפּינוועבס.

מענטשן האָבן טאַקע דערציילט, אַז אַמאָל האָט אין דאָזיקן הייזל גע־וווינט אַ רוסישער קאַפּיטאַן. ער האָט געזאָלט האָבן אַ יונג ווייב מיט גאָלדענע האָר און שוואַרצע אויגן, האָט זי זיך פאַרליבט אין אַ פּוילישן כראַביע און איז אַנטלאָפן מיט אים.

דער קאַפּיטאַן האָט עס זיך גענומען צום האַרץ, אַז ער האָט זיך אַזש אויפגעהאַנגען. טאַקע דאָ, אין דעם הייזל. ביזן היינטיקן טאָג גע־דענקט קיינער נישט, צי מען האָט אים פונדאַנען אַרויסגענומען און צי מען האָט אים קובר געווען.

פונדעסטוועגן האָט מיין מאַמע נישט קיין מורא געהאַט און גע־דונגען, דאָ אין שכנות, די נייע דירה.

אַ נידעריק, געעפנט טויער פון ווייסע, געקאַלכטע שטאַכעטן האָט געפירט אין אַ גרויסן, גערוימען הויף אַריין, ווו פון אַ זייט אַרויס האָט זיך געהויבן אַ לאַנגע געביידע מיט אַ סך גערדיכט־באַזעצטע פענצטער.

צווישן די אַלע פענצטער איז אויך געווען אונדזער דירה

אַ שיינע דירה, אַ ליכטיקע. די קיך — אַ קליינע, ענלעך צו אַלע קיכן, וואָס מיר האָבן ביז אַהער געהאַט. דערפאַר אָבער האָט מען אין שטוב געקאָנט אַרומפאָרן אין אַ קאַטש מיט גומענע רעדער.

אַ פּירקאַנטיקער, הויך אונטערגעהויבענער בעליק, צוויי גרויסע פענצטער, קלאָר־געוואַשענע, האָבן אַרויסגעקוקט אין אַ סאַד אַריין. אין מיינע אויגן האָט די שטוב אויסגעזען, ווי יענע שיינע „פּאַקאָיעס", וואָס מרדכי־מענדל האָט געהאַט אויף דער „ווייסופּקע".

ס'איז דאָ אַלץ ניי, פריש. די פּאָדלאָגע איז דאָ אויך געפאַרבט אויף רויט. די מאַמע זאָגט, אַז דאָס האָט מען געפאַרבט די פּאָדלאָגע עקסטרע פאַר איר־טוועגן. אין קיין שום שטוב דאָ איז די פּאָדלאָגע נישט געפאַרבט אויף רויט.

ס'איז נאָך אַ שאָד, וואָס איצט איז שוין אַ שטיק נאָך סוכות. די ביימער הינטער די קלאָר־געוואַשענע שויבן שטייען שוין מיט אָפּגע־שיילטע, אויסגעטוענע צווייגן. אויף אַ טייל פון זיי קלעבן נאָך סימנים פון ווייסן קאַלך, מיט וועלכן מען האָט זיי אַרומגעשמירט פּסח־צייט. אַנ־דערע, די פּירות־ביימער, זענען איינגעהילט און אַרומגענומען מיט בינט־לעך שטרוי, אַזוי ווי מיט וואַרעמע פּאַטשיילעס.

אויף ביינאַכט כאַפּן שוין פרעסטלעך. אינדערפרי שטייען די שויבן פאַרהויכט. ס'גייט צו ווינטער.

אָבער אייביק וועט ער דאָך נישט געדויערן, דער ווינטער. ס'וועט דאָך אַמאָל קומען זומער אויך.

וועט מען דאָס אויפּפראַלן דעמאָלט די פענצטער. וועלן דאָס די היינטיקע אָפּגעשיילטע ביימער אויפבליען.

כ'ווייס, אַז אין דעם ווינקל איז זומער־צייט שענער, ווי אין דער גאַנצער שטאָט. שענער ווי אין נייעם גאָרטן, וווּ מען לאָזט קיין יינגלעך אין לאַנגע קאַפּאָטעס נישט אַריין.

דערפאַר טאַקע האַלט איך, אַז די מאַמע האָט קלוג געטון מיט דער נייער דירה.

עפּעס אַ קלייניקייט אַזאַ רחבות פון אַ הויף? מען קען פאָרן און רייטן. מ'קען אויפשטעלן נאָך דריי קאָמעניצעס און ער וועט נאָך אַלץ בלייבן גרויסער הויף. חוץ לזה ציט זיך אין סאַמע עק הויף אַ גאָרטן, אַרומגעפּאַרקאַנט מיט הויכע, שמאָלע שטאַכעטן. ס'איז אַ גאָרטן מיט אַ סאָד צוזאַמען. ס'וואַקסן בלומען און קאַרשן, ווייַנפּערלעך מיט עפּל.

די באַלעבאָסטע פון הויז, — אַ גרויע גויע, וואָס וווינט אויף דער לובלינער גאַס — האַלט אַן עקסטרע מענטש צום גאָרטן, אַן אַלטן, אַן איינגעבויגענעם, אַזוי ווי אַ קזשאַק.

ער גייט דאָ אַרום, דער דאָזיקער אַלטער, מיט אַ גרויסער שער, מיט אַ בלעכענער קאַן וואַסער. ער צופּט און שניידט, פאַרזייעט און קאָפּעט אונטער. ער האַלט אויך, אַזוי ווי יענער אויף דער „ווייסופּקע“, אַז די בלומען זענען זיינע אייניקלעך...

אַ שאָד, וואָס רייזל מרדכי־מענדלס איז דאָ נישטאָ. זי וואָלט שוין געוווּסט אָנצורופן די אַלע בלומען מיט זייערע אמתדיקע נעמען. זי וואָלט געהאַט אַ גרויסע פרייד דאָ נאָכדעם, ווי מען האָט זי אַרויסגעטריבן פון דער „ווייסופּקע“.

יאַנקל, דער נייער חבר מיינער, וואָס ווינט אויף דעם הויף, זאָגט, אַז זומער שלאָפֿט מען דאָ אין דרויסן. טאַקע דאָרט, ביים פּאַרקאַן פֿון גאָרטן. אַלע שלאָפֿן אין דרויסן. אַפֿילו דער פּוילישער סטראַזשניק מיטן רוסישן ווייב און אַפֿילו זייער בלאָנד שיקסעלע, יאַנינקע.

***

מיט יאַנקלען ווער איך חבר באַלד אין ערשטן טאָג פֿון אונדזער אַריינציִען זיך. ער העלפֿט אַראָפּלאָדעווען פֿון וואָגן, ער שרייט זיך איבער מיט מנשה קלאַפּער, אַזוי ווי מיט זיינס גלייכן.

יאַנקל איז אַ ייִנגל אין מיינע יאָרן, נאָר קלענער פֿאַר מיר, דאַרער, מיט אַ פֿול פּנים זומער־שפּרענקעלעך.

זיי זיצן אים, די זומער־שפּרענקעלעך, אין די אויגן, אויף דער נאָז, אין די אויערן און אַפֿילו אויף די ליפּן. ער איז אינגאַנצן באַשיט מיט זיי, אַזוי ווי אַ פֿאַרברווינט ציבעלע־פּלעצל מיט קמינעק.

יאַנקל דערציילט, אַז ער איז שוין געווען אַמאָל אין וואַרשע. דאָרט, זאָגט ער, איז ער געפֿאָרן אויף אַ שיף. מען פֿאָרט, זאָגט ער, ביז מען קומט־צו צו אַ בריק. נישט עפּעס דאָרט צו אַ הילצערן בריקל, נאָר צו אַן אייזערנער, צו אַ שטאָלענער, מיט אַ דאַך, מיט שטאַבעס אייזן, וואָס זענען געפֿלאָכטן איינס אין אַנדערן אַריין אַ שטייגער, ווי שקאָטסקע קראַטן. אין וואַרשע, זאָגט יאַנקל, קען ער איינעם, וואָס פֿאַרמאָגט אַן אייגענע קאַרוזעלע מיט אפֿשר הונדערט קאַטאַרינקעס, מיט אַן אַ שיעור פּאַפּוגעס, מיט צוויי ווייסע בערן און מיט אַזעלכע אויסטערליש־קאָליר־טע פֿייגל, וואָס די וועלט האָט עס נאָך נישט געזען.

יענער, זאָגט יאַנקל, איז אַ ייִד. ער גייט אין אַ לעדערנעם, גלאַנצ־דיקן דאַשיק און דאַוונט אַלע טאָג.

ער, יאַנקל אַליין, האָט געוואָלט בלייבן ביי יענעם אין וואַרשע. מען האָט אים געוואָלט — זאָגט ער — געבן אַ קאַטאַרינקע מיט צוויי פּאַפּוגעס, מיט אַ ווייס מייזל, ער זאָל גיין איבער די הייף און ווייזן קונצן.

האָט אָבער דער טאַטע זיינער, יאָרמע בעל־עגלה, נישט צוגעלאָזט. ער האָט יאַנקלען געקאַטעוועט מיט אַ לעדערנעם פּאַסיק, געבונדן אים מיט אַ שטריק און אַזוי אָרום געבראַנגט אים צוריק אַהיים.

אויף יאנקלס טאטן איז עס צו גלויבן. ער פארמאגט, דער דאזיקער טאטע, צוויי אקסלען, קאן ער אויף זיי אנשפארן א פערד מיט א וואגן. אז ער רעדט, יאנקלס טאטע, גייט דאס קול זיינס נישט פון מויל, נאר אזוי ווי פון א בלאז־זאק ארויס. ער האט טאקע נישט קיין קול, נאר אזא מין ברומעכטס, וואס הענגט אים אויף די גרויסע, בלאנדע וואנסעס און אויף דער צעקנוילטער, געלער באָרד.

יאנקלס טאטע האט זיין אייגנס נישט מער, ווי איין פאר פערד. ער האט זיי שוין יארן, די פערד. זיי זענען ביי אים, זאגט ער, דאס שווארץ־אפל פון אויג.

צו די פערד רעדט ער, אזוי ווי צו דערוואקסענע מענטשן, ער ציטערט איבער זיי מער, ווי איבערן אייגענעם ווייב און איבער די אייגענע קינדער.

— דער קאשטאן — זאגט ער — האט דאס הײַנט קיין עין־הרע אביסל געאכלט!

און קוקט ער זיך צו צום אנדערן פערד, צו דער ווייסער קאבילע, צעשמייכלט זיך זיין געלע באָרד און די גרויסע, קיילעכדיקע אויגן ווינקען צום ווייב:

— זי דארף האבן, א געזונט איר אין די ביינער אריין, אן אגער, ווי ס'לעבן, דארף זי האבן...

די ווייסע קאבילע איז טאקע אן אויסטערליש פערד. א פערד — א שטיק אומרו.

זי האט א לאנגן, גרויען וויידל, א געל־פארברודיקטן, א האלב־אויסגעקראכענעם, וואס זאגט עדות, אז זי איז שוין נישט פון די מיידלשע יארן. פונדעסטוועגן פארמאגט זי א חנעוודיקע, לענגלעכע מארדע און קלוגע, לאכנדיקע אויגן.

יארמע האט פון דער דאזיקער קאבילע צו זינגען און צו זאגן. עס ברענט אין איר א נישט־אויסגעלאשן פייער. זי קאן רואיק נישט איינשטיין אויף קיין ארט. דא קאפעט זי, דא צעהאקט זי די פאדקאוועס, דא שטעלט זי זיך אויף די פאדערשטע צוויי פיס און הירזשעט אינמיטן דער נאכט פון שטאל ארויס מיט אזא ווילד, צעשיט געלעכטער, אזוי ווי זי וואלט פון זינען אראפ.

אין שכנות מיט דער דאזיקער בריה, שטייט אין שטאל יארמע בעל־עגלהס צווייטער פרנסה־געבער — דער קאשטאן. ער איז אן אגער, אבער

זאט מיט יאָרן און זאט, זעט אויס, מיט קאָבילעס און מיט קליאטשעס. ער פאַראַרבעט מער, ווי צוויי יונגע פערד. ער איז דויערעוודיק, ער קאָן פאַרטראָגן קעלט מיט היץ, ער קאָן זיך באַגיין אפילו אָן פרעסן, אַבי מען זאָל אים לאָזן רואיק קוקן ערגעץ אין דער וועלט אריין און טראַכטן.

אָן אָגער א חוש. עס אַרט אים נישט דאָס ווילדע הירזשען פון זיין צעריייצטער שכנטע. עס גייט אים גאָרנישט אָן, ווען די ווייסע ליגט ארויף די פייכטע מאָרדע אויף זיין אַלטן קאָרק. זי צערטלט און גלעט אים מיט דער לאַנגער, חנעוודיקער מאָרדע, זי הירזשעט אים גלייך אין נאַריש־פאַרטראַכטן פּרצוף אריין אָבער ער שטייט, ווי ער וואָלט נישט געווען קיין היגער.

יאַרמע בעל־עגלה כאַפּט טיילמאָל פּאַר כּעס די בייטש און נעמט שפּיציק שמייסן דעם קאַשטאַן איבער די פּיס:

— מאַנספּאַרשוין מיינער! — וואָרטשעט ער — וואָס שטייסטו, ווי א ליימענער גולם, וואָס? אַז אַן אונטערגאַנג זאָל אויף דיר קומען, רבש״ע...

אָבער דעם „מאַנספּאַרשוין״ נעמט אפילו נישט די בייטש אויך. ער האָט דאָרט עפּעס זיינס אין זינען. זיין האַרץ ווערט נישט גערירט נישט פון יאַרמעס כּעס און נישט פון דער קאָבילעס פאַרבענקט געשריי.

מוז יאַרמע בעל־עגלה אַנקומען צו פרעמדע. ווינט טאַקע א גוי אויף דער „מאַריאַצקע״, אַן אַלטער גוי, א פאַרשימלטער. ער לאָמט אויף א פוס און קוקט אויף איין אויג. פאַרמאָגט דער דאָזיקער גוי אַן אָגער, וואָס טוט נישט מער, נאָר פרעסט און זויפט און פאָרעט זיך מיט פרעמדע פערד פון נקבהשן מין.

זאָגט מיר איינמאָל יאַנקל, דער חבר מיינער, אַז היינט וועט יע־נער גוי אהערברענגען דאָ דעם אָגער. כ׳זאָל נישט אוועקגיין, וועל איך עפּעס זען.

געווען איז עס שבת. ס׳האָט געבלאָזן א ווינט. די מאַמע האָט גע־זאָלט גיין צו דער מומע מרים, האָט זי אָבער געהאַלטן אין מיטן לייענען א מעשה־ביכל און נישט געקאָנט זיך דערפון אָפּרייסן. דער טאַטע איז געשלאָפן צוגעדעקט מיטן איבערבעט איבערן קאָפּ. איך האָב שוין גע־האָט אָפּגעזאָגט „ברכי נפשי״ און געוואַרט, יאַנקל זאָל מיר געבן א צייכן, כ׳זאָל ארויס אינדרויסן.

הינטער די פענצטער האָבן זיך אומהדיק צערווישט די ביימער. א

קייטל פון לאָדן אין דרויסן האָט נישט אויפגעהערט צו קרעכצן און צו קלאַפּן אין דער וואַנט אַריין. דער הימל האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ געל־גרויער מראה. אָט הייבט אָן שנייען.

אָבער דער גוי האָט נישט געקוקט דערויף און געברענגט צו פירן דעם אָגער. יארמע בעל־עגלה איז שוין געווען נאָכן שלאָף און נאָך „ברכי נפשי". ער איז אַרוים אויפן הויף אין אַ געקראַטעטן שפּאַנצער, אַ פּאַטש געטון דעם אָגער אין הינטן אַריין, פון וואָס יענער האָט אַ צאַפּל געטון און גענומען אומרואיק ציטערן מיט די פיס.

פון שטאָל האָט זיך פּלוצלינג דערטראָגן אַ הירזשען. דער שוואַר־צער, אויסגעפּאַשעטער אָגער האָט גדלותדיק אויפגעשטעלט דעם האַלדז, גענומען ציטערן מיט די אויערן און צוריק געענטפערט מיט אַ הירזשען, מיט אַ געדיכטן, מיט אַ מאַנסבילשן.

איך מיט יאַנקלען האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין שטאָל פריער. מיר האָבן זיך פאַרשטעקט אין אַ ווינקל. אין שטאָל איז געשטאַנען אַ וואַרע־מער ריח פון פערדיש מיסט. ס'איז געווען טונקל. אָבער, אַז מען האָט זיך גוט איינגעקוקט, האָט מען אַלץ געקאָנט זען.

די ווייסע קאָבילע האָט זיך נאָך אַמאָל צעהירזשעט, אומגעקוקט זיך מיט אירע קלוגע, לאַכנדיקע אויגן, אַ ווײַלע פאַרהאַלטן זיי אויף אונדז, אַזוי ווי זי וואָלט ביי אונדז, ייִנגלעך, עפּעס געמאָנט.

נאָר אָט האָט דער לאָמער גוי אַריינגעפירט דעם בחור זייַנעם. די קאָבילע האָט זיך שוין נישט צעהירזשעט, נאָר צעשריגן, צעסאַפּעט זיך. זי האָט זיך געגעבן אַ שטעל אויף די פאָדערשטע פיס, גענומען קאָפּען, קלאַפּן אין אַ ברעט אַריין, רייסן די קייט, אויף וועלכער זי איז געווען אָנגעבונדן.

ער, דער שוואַרצער אָגער, האָט אויך נישט געשוויגן. ער האָט אַ ריס געטון מיטן קאָפּ, פון די נאָזלעכער האָט אַ זעץ געטון מיט אַ ווייסער פּאַרע.

איך האָב מיך צוגערוקט נענטער צו יאַנקלען. כ'האָב מורא געהאַט, דער אָגער זאָל נישט אַרויף אויף אונדז און צערייבן אונדז אויף שטיק־לעך.

יאַנקל האָט געקוקט מיט איבערגעדרייטע אויגן. ער האָט מיך נישט געהערט, נישט געזען. איך האָב געפילט, ווי יאַנקל וואַרפט זיך איינגאַנצן.

אין שטאָל איז געוואָרן היים. ביידע פערד האָבן זיך מיטאַמאָל צע־הירזשעט, צעלאַכט זיך אַזוי אַרום.

דער לאָמער גוי האָט אָפּגעלאָזט זיין בחור. די קאָבילע איז מיט־אַמאָל נידעריקער געוואָרן, אַראָפּגעזעצטער, ברייטער. דער אָגער האָט זיך אויסגעצויגן. ער איז געוואָרן גרעסער און לענגער. מיטאַמאָל האָט ער זיך געגעבן אַ ריס אויף אויף די פאָדערשטע פיס, אַרויפגעכאַפּט זיך אויף זיין קרבן, איינגעגעסן זיך אין קאַרק מיט די ציין.

איז געגאַנגען איבערן שטאָל אַ געקלינגערײ פון קייטן, אַ רייסן פון ברעטער פון מיסט אַרויס, פון די זשלאָבעס מיט היי. פון די פעדדי־שע פעלן האָט געזעצט אַ פּאַרע, אַ פּרייכעניש, דעם אָטעם נישט צו כאַפּן.

מוז זיין, אַז מיט מיר איז עפּעס געשען. דער קאָפּ, זעט אויס, האָט זיך מיר פאַרדרייט. כ׳האָב נישט געשפּירט ס׳האַרץ. די הענט זע־נען געוואָרן שלאַבריק, שווער. צי האָט מיך יאַנקל אַרויסגעפירט, צי וואָס? נאָר כ׳בין אַ לאַנגע צייט געזעסן אויפן הויף, אויפן ווינט און כ׳האָב נישט געוווסט און נישט געזען, וואָס ס׳איז דאָרטן געוואָרן שפּעטער.

מיט יאַנקלען האָב איך מיך אַ פּאָר טעג נישט געטראָפן. די ווייסע האָט אויפגעהערט צו הירזשען. אַ צייט האָט זי נישט געקאָפּעט און נישט צעהאַקט די פּאָדקאָוועס.

נאָר אַז זי האָט אויפסניי אָנגעהויבן ווייוועז, און דער לאָמער גוי מיטן אָגער איז ווידער געקומען — האָב איך שוין אין שטאָל אַריין מער נישט געוואָלט גיין.

איז אָט מיט דער דאָזיקער ווייסער קאָבילע און מיטן פאַרמרה־שחורהטן קאַשטאַן מאַכט יאַרמע בעל־עגלה צוויי מאָל „יאַזדעס" קיין וואַרשע. דאָרט, אינמיטן הויף, שטייט יאַרמעס אָמניבוס, וואָס די צוויי פּרנסה־געבער זיינע שלעפּן, אָנגעשטופּט מיט פּאַסאַזשירן.

דער אָמניבוס איז אַ הויכער, אַ לאַנגער, אַזוי ווי יאַרמע בעל־עגלה אַליין. דער דאַך, צוזאַמענגעקלאַפּט און צוזאַמענגעסטריגעוועט פון אַלטע שטיקער בלעך, פאַלט אַראָפּ פון ביידע זייטן קיילעכדיק. לינקס פאַרהאַלט ער זיך אינמיטן און מיידט אויס יענץ ווענטל, ווו ס׳איז אויסגעשניטן אַ טירל צוזאַמען מיט אַ פענצטערל אין דער וועלט אַריין. דאָס פענצ־טערל, אַ חושבדיקס, אַן אָפּגעריסנס פון ווינטן און פון רעגנס, איז פאַר־שטעקט מיט שמאַטעס און פאַרקלאַפּט מיט ברעטלעך.

יארמע בעל־עגלה זאָגט, אז אַט פון דעם פענצטערל זעט ער די גאַנ־צע וועלט. ער זעט סטויגעס היי מיט פויערישע כאַטעס. ער זעט קי אויף לאָנקעס, הילצערנע בריקלעך איבערגעוואָרפן איבער שמאָלע וואַסערלעך. דורך דאָנען זעט יארמע בעל־עגלה קליינע שטעטלעך מיט נאָך קלענערע יידן. שרפות אין דערפער, צלמים פון קלויסטערס, בית־עולמס מיט, להבדיל, צמענטאַרזשעס.

פרייטיק פארנאַכט, סיי זומער, סיי ווינטער, א שעה פאַר ליכט־צינדן, קומט יארמע בעל־עגלה צוריק פון ווארשע. ברודיק, גרוי פון שטויב, אַזוי ער ווי די פערד, פאַרפאַרט יארמע אינמיטן הויף אַריין און ווארפט אַראָפּ פון זיך די גאַנצע וואָך וואַלגערן זיך אין פרעמדע איינפאָר־הייזער און עסן פון פרעמדע שיסלען.

נאָך יעדער „יאַזדע" זעט יארמע בעל־עגלה אויס איינגעדאַרטער, עלטער. ער קומט מיט פאַרנעפּלטע, נישט אויסגעשלאָפענע אויגן. די פערד ברענגען צוריק איינגעפאַלענע ריפּן.

פונדעסטוועגן, כאָטש ער איז פאַרשוויצט און פילט נישט קיין איין גאַנץ אבר אין זיך — שפּרינגט ער גיך אַראָפּ, טוט־אויס די שווערע, האָ־ריקע „באַנדע" און צעשרייט זיך אין הויף אַריין:

— יאַנקל, ווו ביסטו, ווו? נו, א סוף, שפּאַן אויס די פערד. אַן אונטערגאַנג זאָל אויף דיר קומען. גיב זיי צו פּאָיען. וואַרף אונטער אביסל אָבראָק. ריר דיך, ממזר!

קומט אַרויס צוזאַמען מיט יאַנקלען יארמע בעל־עגלהס ווייב, א יידענע פון א יאָר פערציק, א קיילעכדיקע, אַן אויסגעצוואָגענע לכבוד שבת. זי גייט אַקעגן איר מאַן מיט א ברייט־צעשמייכלט פּנים:

— סקאָציל קומט, יארמע! וואָס עפּעס הייַנט אַזוי שפּעט?

— ווער זאָגט, אַז ס'איז שפּעט?

— דאַכט זיך מיר, אַז ס'איז הייַנט שפּעטער, ווי פאַראַכטאָגן.

— ס'דאַכט זיך דיר. ס'איז נישט שפּעטער.

זי העלפט אים אַרויסשלעפּן פון אָמניבוס ס'ביסל צידה־לדרך, וואָס יארמע ברענגט מיט פון ווארשע: אַביסל פייגן מיט טייטלען, א לאַגגן, האַרטן ווורשט מיט א ווייס־פּאַרשימלטער הויט. זי קריכט אין אָמניבוס אַריין מיט אירע היים־געסקלאַרעוועטע פּליישן, א ריינע, א וואַרעמע. פאַרגעסט יארמע, אז ער איז הונגעריק, אַז ס'האַלט שוין ביי ליכט־

בענטשן, אַז ער איז נאָך אַפּילו נישט אַרומגעוואַשן. ער רוקט זיך צו נאָענט און פֿרעגט מיט אַ צעשמייכלט פּנים:

— ס'מאַכסטו, גאָלדע?

— אַ דאַנק פֿאַרן פֿרעגן. און דו וואָס מאַכסט?

— ש'קשה...

— כאָטש אַ גוטע „יאָזדע" געהאַט?

— ש'קשה... נאָר די קאָבילע זאָל איינגעמען אַ פּגירה.

— וואָס איז שוין ווייטער?

— אַ לאָסוך, האָב איר אַ שוואַרץ לעבן!

— אַזוי ווי אַלע נקבות... — צעלאַכט זיך דער גאַנצער גוף פֿון יאַרמע בעל־עגלהס ווייב.

— הע־הע — לאַכט צוריק יאַרמע. און אַזוי ווי ער שטייט און גייט, לייגט ער אַוועק אַ גרויסע האַנט אויף איר פּולער, אויסגעבויזעמטער בלוזקע — שוין האָבן אַזאַ יאָר, וואָס פּאַר אַ שטיקל דו ביסט...

— הער אויף, משוגענער — רוקט זיך די ייִדענע אַביסל אָפּ — גיי שוין אַריין, וואַש דיך אָפּ.

אין דרויסן בלייבט יאַנקל, יאַרמע בעל־עגלהס אַ ייִנגל פֿון ערשטן ווייב. ער שפּאַנט אויס די פֿערד, ער גיט זיי צו פּאַיען, ער וואַרפֿט זיי אונטער אַביסל אָבראַק און בשעת מעשה זאָגט ער מיר, אַז היינט ביינאַכט וועט דער טאַטע זיינער שלאָפֿן מיט דער מומען אין איין בעט. אַלע פֿרייטיק־צונאַכטס שלאָפֿן זיי צוזאַמען.

איך העלף יאַנקלען וואַשן דעם אָמניבוס. יאַנקל האָט מיך אויסגעלערנט, ער זאָגט, יאַנקל, אַז ער וועט מיך אויסלערנען זיין אַ שמייסער אויך. אַז כ'על קאָנען די מלאכה, זאָגט ער, וועלן מיר זיך אָנזאַמלען געלט און אַליין קויפֿן אַן אָמניבוס מיט אַ פֿערד. מ'ע'מיר אויך ווערן שמייסערס און מ'ע'מיר פֿאָרן מיט פּאַסאַזשירן קיין וואַרשע. אין וואַרשע, זאָגט ער, וועט ער מיר ווייזן די שיף, אויף וועלכער ער איז געפֿאָרן און וועט מיך באַקענען מיט יענעם, וואָס פֿאַרמאָגט די קאַטאַרינקע מיט די ווייסע בערן.

דערווייל גיס איך אויף די פֿאַרבלאָטיקטע רעדער איין קובעל וואַסער מיט נאָך אַ קובעל וואַסער. יאַנקל ווישט די „סטריכעס" מיט גרויסע וויעכעטשעס שטרוי. איך קריך אַרויף אין דער הויך, רייב דאָרטן דעם בלעכענעם, געלאַטעטן דאַך, ביז ער הייבט אָן אַזש גלאַנצן. דערנאָך קריכן

מירביידע אריין אין אויסגעקנוילטן שטרוי פון אמניבוס, וואס שמעקט מיט שווייסיקער אויסגעווארעמטקייט פון יידן און גויים, יאנקל רעדט ווידער וועגן זיין מומע, וואס שלאפט מיטן טאטן און וועגן ווייטן, שיי־נעם ווארשע.

**
*

אט אזוי איז עס געווען אין דער נייער דירה. וואס אן אמת, האט דער טאטע געהאט פאראיבל אויף דער מאמען. נישט, חלילה, צוליב דער דירה, נאר צוליב דעם, וואס ער האט אפילו נישט געוווסט, אז די מאמע האט זיך געהאט בדעה ארויסצוציען פון דער אלטער.

ער איז אהיימגעקומען אויפדערנאכט, אין דער אלטער דירה אריין, ווי געוועגלעך. זעט ער, אז אין די פענצטער איז פינצטער און אז די טיר איז פארשלאסן. קלאפט ער:

— פרימעט, פרימעט!

פרימעט האט נישט געענפערט. האט עס אים אפילו גערארט, אבער חידושלעך איז עס אים נישט געווען, א סך מאל האט ער די מאמע נישט געטראפן אין שטוב און א סך מאל האט ער אזוי געקלאפט.

היינט אבער, ווי ער איז אזוי געשטאנען און געקלאפט, האט זיך געענפערט א שכנישע טיר.

אן אלטער, ווייבערישער קאפ האט זיך ארויסגעשטעקט און גע־פרעגט:

— פאניע קופיעץ?

— יא, איך. אפשר ווייסט איר פאני מארצינאווא, ווו מיין ווייב איז אהינגעקומען?

— ארויסגעצויגן זיך.

— וואעס?

— היינט אינדערפרי ארויסגעצויגן זיך.

— מיינע שונאים!

— יא, פאניע קופיעץ. הינטערן קרימינאל ארונטער.

— וואס עפעס הינטערן קרימינאל ארונטער?

— ווייס איך? זי האט געהייסן זאגן, די פאני פרימעט, אז זי ציט זיך דארטן, ווו יארמע בעל־עגלה וווינט.

דער טאַטע האָט עס שפּעטער דערציילט דער גאַנצער משפּחה מיט פּאַראַיבל און מיט פֿאַרוואָרף. אין דער נייער דירה אַריין איז ער געקומען אַ ברוגזער, אַ פֿאַרמאַכטער.

אויף דער שפּיץ נאָז איז אים געלעגן דער הונגער. אויף די וואַנסעס, אין דער צעקנייטשטער באָרד האָט זיך געהאַלטן די קעלט פֿון די פֿעלדער, וווּ ער האָט זיך אַ גאַנצן טאָג אַרומגעוואַלגערט.

אין דער נייער שטוב איז שוין כּמעט אַלץ געווען צוזאַמענגעשטעלט. מנשה קלאַפּער מיט יאַנקל יאַרמע בעל־עגלהס האָבן צוגעהאָלפֿן. איך אַליין האָב אויך אונטערגעשפּאַרט אַן אַקסל, אַרונטערגערוקט דאָרט, וווּ מען דאַרף, אַ שטיקל האָלץ, צעבראָכן דאָס גלעזל פֿון לאָמפּ, אָבער מען האָט צוזאַמענגעשטעלט.

אַז דער טאַטע איז אַריין, איז אים די מאַמע אַנטקעגנגעלאָפֿן אַ צעשויבערטע, מיט פֿאַרשאַרצטע עלנבויגנס:

— נו, לייזער, וואָס זאָגסטו, העט? זע נאָר די דירה. ס׳איז דאָך אַ מלכות, נישט קיין דירה!

— אָבער וואָס עפּעס?

— כ׳האָב שוין נישט געקאָנט מער. ס׳האָט מיך געשטיקט דאָרטן.

— האָסט דאָך געקאָנט זאָגן.

— אַז כ׳האָב אַליין נישט געוווּסט. און ס׳אַנדערע... כ׳ווייס? אפֿשר וואָלסטו נישט געוואָלט. און אַזוי — שוין. פּטור. זאָל זיין מיט מזל.

די מאַמע האָט גערעדט גיך, געפּאָרעט זיך אַרום טאַטן, אַזוי ווי אַ פֿאַרשולדיקטע. דער טאַטע איז געשטאַנען ביי דער טיר מיט אַ שפּיץ צונג אין אַ ווינקל פֿון מויל. ער האָט דאָס שפּיצל איבערגעלייגט אין צווייטן ווינקל אַריין. אַ סימן, אַז דער טויש איז נישט קיין שלעכטער. נישט מער — פֿאַרוואָס האָט מען עפּעס נישט געוואַרט אויף אים? און ווער האָט דאָס צונויפֿגעשטעלט די זאַכן, ווער?

— מ׳האָט שוין צונויפֿגעשטעלט.

— די בעטן אויך?

— זעסט דאָך.

— כ׳זע טאַקע. אָבער צי האָט מען דאָרט עפּעס נישט אָפּגעבראָכן.

— חלילה.

— און די שאַנק ווער האָט אויפֿגעשטעלט?

— אויך דער אייגענער.

— ווער איז ער דאָס, דער אויפשטעלער?
— מנשה קלאַפּער.
— נגע... מנשה קלאַפּער. נאָר ער האָט דאָך געקאָנט א תל מאַכן פון דער שאַנק, האָט ער דאָך געקאָנט.
— מ׳מאַכט נישט קיין תל. זי שטייט גאַנץ גוט. נו, שוין. טו דיך אויס. גיי, וואַש דיך. כ׳האָב געקאָכט לעבער, האָב איך געקאָכט.
אָבער דער טאַטע האָט זיך אַזוי גיך נישט אויסגעטון. ער האָט צוערשט גוט באַטראַכט די אויפגעשטעלטע בעטן, ארויפגעזעצט זיך אויף די באָקעס, דערנאָך האָט ער גענומען מעדיטירן איבער דער שאַנק. געעפנט און פאַרמאַכט די טירלעך, געדרייט מיטן קאָפּ, איינגעצויגן די נאָז און ווידער אַמאָל געפּרוווט די טירלעך.
— וואָס גייט עס אַזוי שווער, וואָס? ס׳סקריפּעט. מ יי ן שאַנק סקריפּעט נישט.
— וועסט שוין מאָרגן, מערטשעם, צורעכט מאַכן. גיי, וואַש דיך שוין, גיי.
אויפן טיש איז געלעגן א גרויס, קיילעכדיק ברויט מיט קאָפּער, אונטערגעשיט מיט א סך מעל. שמואל־שיעס ברויט. דעם טאַטנס גרעסטע „עבודה זרה".
האָט שוין דער טאַטע נישט געזאָגט קיין חסרונות, נאָר געשניטן פון ברויט קליינע, קאַנטיקע כזיתן, געטונקט זיי אין דער ברוינער לעבער־זוזע און נישט אויפגעהערט צו קוקן אויף דער שאַנק, וואָס עפּעס א מנשה קלאַפּער האָט צוזאַמענגעשטעלט, אָן זיין וויסן און אָן זיין הסכמה.

## קאַפּיטל פופצן

דאַכט זיך, אַז פון דער דאָזיקער דירה זענען שוין אַלע צופרידן געווען. די מאַמע, דער טאַטע, איך — אוודאי און אוודאי. און אין אמתן, ווו איז נאָך געווען אַזוי טרוקן און וואַרעם, ווי דאָ?
אַז ס׳וועט קומען זומער — זאָגט יאַנקל — וועט מען זיך נישט האָבן, ווו אהינצוטון פון די אַלע עפּל מיט באַרנעס, פון די אַלע קאַרשן מיט ווייַנפּערלעך, וואָס וואַקסן דאָ. און גלאַט... יאַנקל אַליין, דער חבר

מיינער... ווער נאָך קאָן דערציילן אַזעלכע שיינע מעשׂיות פון וואַרשע, ווי ער? וו נאָך האָב איך געהאַט אַזאַ גוטן חבֿר, ווי יאַנקל?

און דאָך, אַז ס'איז אַריבער אַ שטיקל צייט, האָט מיין מאַמע מיט־אַמאָל אָנגעהויבן קרימען מיט דער נאָז. די דירה הינטערן קרימינאַל איז איר עפּעס נישט איינגעגאַנגען. מען קאָן נישט זאָגן, זי זאָל, חלילה, האָבן צו דער דירה גופא. פּאַרקערט. אַ טרוקענע דירה. אַ ליכטיקע דירה. מיט די שכנים, סיי מיט יאַרמע בעל־עגלהס ווייב, סיי מיט איטעלע די מעל־הענדלערין און סיי מיטן סטאַרשי סטראַזשניקס משפּחה, האָט זיך די מאַמע גוט פאַרהאַלטן. נישט מער, דער צוגאַנג צו דער דירה, דאָס געסל הינטערן קרימינאַל האָט זי אָנגעהויבן אַרן. מילא, בייטאָג איז נאָך „יאַ־קאָש" צו דערליידן. נאָר אַז ס'רוקט זיך אָן די נאַכט, זאָגט די מאַמע, פאַלט אויפן מענטש אַזאַ „מאַרקאָטנעקייט", אַז ס'איז זיך נישטאָ וווּ אַהינצוטון.

די מאַמע האָט נישט געזאָגט אויף קלאָר, מיט וואָס ס'איז איר דאָ אויפדערנאַכט אַזוי „מאַרקאָטנע", נאָר איך האָב מיך שוין משער געווען אַליין.

יאַנקל האָט מיר שוין פריער געהאַט דערציילט אַ גאַנצע מעשׂה, איז עס טאַקע געווען איבער דער טבֿע. ס'הייסט נישט אַזוי ווייט איבער דער טבֿע, ווי ס'האָט פּשוט געשראָקן די מעשׂה זיינע.

אַזוי, למשל, איז צווישן דער געלער מויער פון קרימינאַל און צווישן דעם פּאַרוואָרלאָזטן הייזל, וווּ ס'האָט זיך אַמאָל אויפגעהאַנגען דער רוסישער קאַפּיטאַן, אויף ביינאַכט אַראָפּגעפאַלן אַזאַ פינצטערניש, אַז מען האָט זי געקענט אָנטאַפּן מיט די הענט. אין קיין איין גאַס אין שטאָט, אפילו אין שול־געסל, איז נישט געשטאַנען אַזאַ חושך, ווי דאָ. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער גאַנצער חושך גייט פון דער זעלנערישער בוד־קע, וואָס האָט געדינט בייטאָג פאַר אַן אָפּרו־אָרט פאַרן קרימינאַל־שומר, און ביינאַכט פאַר אַ מקום פון שדים.

ביינאַכט איז די דאָזיקע זעלנערישע בודקע געשטאַנען הפקר. מען האָט ביינאַכט דאָס קרימינאַל געהיטן. האָבן זיך טאַקע פון דער בודקע אַרויס געטראָגן הייזעריקע קרעכצן. אַמאָל האָט מען פון דאָרט אַרויס־געשריגן, אַרויסגעלאַכט, און טיילמאָל האָט מען בפירוש געהערט, ווי מען פאַרקייכט זיך מיט דערשטיקטע אָפּגעריסענע קולות.

תחילת, ווי נאָר מיר האָבן זיך אַריינגעצויגן, איז ביי מיר אויס־

געקומען, אז די אַלע געשרייען מיט די קרעכצן גייען פון די פּארקראַ־טעטע הויקערס איבער די קרימינאַל־פענצטער. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז אין תפיסה, ווו מען האַלט מענטשן געקאָוועט אין קייטן, מוז מען זיי ביינאַכט שמייסן און אָנטון גרויסע יסורים. אַזעלכע רוצחים, ווי שטשעפּ־קע מיט שערמאַנען, וואָס האָבן אויסגעשאָכטן גאַנצע משפחות יידן און אונטערגעצונדן אַ טוץ פריצישע הייף, וועט מען דאָך נישט גלאַט האַלטן אין קרימינאַל!

שפּעטער אָבער בין איך דערגאַנגען, אַז מען האַלט זיי יאָ גלאַט. אפשר טוט מען זיי דאָרט אָן יסורים. אָבער מיר, דאָ אין דרויסן, הערן נישט.

די געשרייען מיט די קרעכצן, וואָס פאַלן אין דער פינצטערניש אַריין, גייען טאַקע פון דער הילצערנער בודקע אַרויס. יאַנקל, מיין חבר, האָט עס מיר קלאָר געמאַכט.

— דאָ, אויף דעם אָרט — האָט ער מיר שטיל דערציילט — האָט זיך געמאַכט אָן אָפּלאַג די הויכע יוזשקע, די הור. זי איז אַ געשטיפּלטע — האָט ער מיר זי אָנגעמשלט — זי גייט פאַרשוירן מיט אַ גזשיוווקעלע, אַזוי ווי די שקצים, וואָס פירן זאַמד.

די זעלנער האָבן שוין געוווסט, ווו מען קאָן די הויכע יוזשקע טרעפן. זענען זיי געקומען און געגאַנגען. געקנאַקט סעמיטשקעס, גע־שפּיגן אין דער בודקע אַריין, געשפּיגן אויף דער הויכער יוזשקע און גע־דונגען זיך.

זי אַליין איז געזעסן אויף דער שוועל פון דער בודקע, ווי אַ הון אויף אויסגעבריטע אייער. זי האָט מיטגעקנאַקט די סעמיטשקעס, אַרויסגע־שפּיגן זיי צוריק, די זעלנער, אין די רוסישע פּנימער אַריין און גע־פרעגט:

— וויפל קאָנסטו געבן, זעמליאַטשאָק טייערער?...

מן־הסתם האָט דער „זעמליאַטשאָק" צוגעזאָגט אַ קליינעם מקח. האָט זיך די הויכע יוזשקע געגעבן אַ שטעל אויף אין דער בודקע און מיטן הייזעריקן, שנאָפּלדיקן קול אירן צעשריגן זיך:

— צו דער מאַמען דיינער גיי, פאַרשאָלטענער מאָסקאַל, אין חזיר־לאַנד אַריין!

ס׳איז געווען פינצטער. וואָס ס׳איז דאָרט דערנאָך געשען, האָט מען

נישט געזען. נאָר נאָך אַזאַ פּלוצלינגדיק געשריי איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן.

אַרום דער בודקע האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטיל דעבעניש, אַ כאָרכלען מיט העלדזער, אַ סאַפּען מיט נעז. ס'גאַנצע געסל מיטן געמויערטן הייזל פון קאַפּיטאַן, מיט די ליפּע־ביימער, מיט די קרימינאַל־פענצטער — אַלץ האָט געסאַפּעט, שווייסיק געאָטעמט און אָנגעיאָגט אַ גרויסע אימה.

איז טאַקע ווי געווען צו יענעם מענטש, וואָס האָט אין אַזאַ צייט באַדאַרפט דורך דאַנען אדורכגיין. קללות, אַזוי ווי דאָס בילן פון אָפּגעלאָזטע הינט, געמיינע רייד, האָבן גענומען פאַלן פון אונטער די שטייגער אַפּער.

אַמאָל האָט אויך אַ שטיין געטראָפן אין קעגנאיבערדיקן פלויט אריין, אַמאָל — אין אַ מענטשלעכן קאָפּ.

— דאָ באָלערי טשענזשקעי! — האָט יוזשקעס הייזעריק קול געשניטן, אַזוי ווי מיט אַ טעמפּער זעג, און אַ טיף־רוסיש קול, אַ ברוסטיקס, האָט אונטערגעהאַלטן:

— סוקין סין! מאַט טוואָיו...

האָט מען אויסגעמיטן צו גיין ביינאַכט דורכן געסל. מען איז באַדאַי געזעסן אין דער פינצטער און נישט געוואָלט אַרויסלויפן אין געוועלבל אריין נאָך אַ קוואַטירל נאַפט.

אינדערפרי האָט מען אין דער בודקע געטראָפן אָנגעשיט שאָלעכטס פון סעמיעטשקעס, שטיקער אַלטן קעלבאַס, אויסגעליידיקטע פלעשלעך פון בראָנפן. איז ביינאַכט אָנגעפאַלן אַ שניי, האָבן זיך אַרום דער בודקע געצייכנט איינגעקנייטשטע פלעקן, אַזוי ווי מען וואָלט זיך דאָ געקוילערט.

יאַנקל איז אַלע אינדערפרי געלאָפן קוקן. ער האָט עפּעס געזוכט אין צעקנייטשטן שניי. ער האָט געהאַט אַ טויט פּנים מיט אַ פאַרגאַווערט מויל.

איך האָב פאַר יאַנקלען אין יענע פרימאָרגנס מורא געהאַט. כ'האָב נישט געקאָנט קוקן אין טויטן פּנים אַריין זיינעם. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מען שפּירט פון אים אַ מיאוסן ריח.

איינמאָל האָט מיר יאַנקל געזאָגט, אַז נעכטן האָט ער גערעדט מיט דער הויכער יוזשקע. זי האָט אים מכבד געווען מיט סעמיעטשקעס. זי האָט אים געגלעט, זאָגט ער, אונטער דער גאָמבע און האָט געזאָגט, ער

זאָל ברענגען אַ גילדן, וועט זי מיט אים אַריינגיין אין דער בודקע. ער מוז זיך, זאָגט ער, אָנזאַמלען אַ גילדן, אַרויסגנבענען זיך ביינאַכט פון בעט און אַהערקומען דאָ צו דער בודקע.

איך האָב יאַנקלען קלאָר נישט פאַרשטאַנען.

— וואָס הייסט? האָסט גאָר קיין מורא נישט?

— פאַר וועמען זאָל איך מורא האָבן?

— כ'וויים? פאַר די זעלנער, פאַר די הויכע יוזשקע...

— ביסט אַן אָקס! — האָט ער מיר געענטפערט און אַזאַ מאַך געטון מיט דער האַנט, אַז איך האָב מיך געפילט אָקעגן אים זייער שפּל און אָרעם.

אוודאי, וואָס בין איך אָקעגן אַזאַ יאַנקל? אַז געווען איז ער שוין אין וואַרשע, אַז גערעדט האָט ער מיט דער הויכער יוזשקע. ער איז שוין אַ מענטש אַ גאַנצער, און איך? איך בין דאָך אַנטלאָפן פון האָדלען. איך האָב שוין אַ סך מאָל געוואָלט דערציילן יאַנקלען די גאַנצע מעשה. אָבער נאָכדעם, ווי יאַנקל האָט אַליין גערעדט מיט דער הויכער יוזשקע, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז יאַנקל וועט מאַכן פון מיר חוכא־וטלולא.

איז טאַקע אפשר קיין וווּנדער נישט, וואָס די מאַמע האָט געוואָרפן אַן אומחן אויף דער שיינער, ליכטיקער דירה.

דעם טאַטן איז די גאַנצע מעשה נישט אָנגעגאַנגען. מען האָט אים אָנגעוויזן אויף דער בודקע, מען האָט אים דערציילט וועגן דער הויכער יוזשקע, מיט די זעלנער. אָבער ער אַליין האָט עס נישט געזען. אַז ס'איז אים אויסגעקומען דורכצוגיין ביינאַכט דאָס געסל און מען האָט גענומען צו אים אַרויסשרייען פון דער בודקע, איז עס צו זיין טויבלעך אויער נישט דערגאַנגען.

דאָס איז איינמאָל אַוועק. צווייטנס — האָט דער טאַטע אין דער נייער דירה געהאַט די מאַמע אין דער היים. זי איז נישט געלאָפן, נישט צו דער מומע מרים, נישט צו דער באָבע ראַכל. דער טאַטע האָט נישט באַדאַרפט אַליין וואַרעמען דאָס איבערגעשטאַנענע ביסל עסן. ער איז נישט געזעסן ביים טיש אַליין, ווי אין די אַמאָליקע דירות. נישט גענומט כסדר קוקן אויף די ליידיקע פיר ווענט און אויפן טרויעריקן פלעמל פון נאַפט־לעמפּל.

אין יענע דירות האָט דער טאַטע כמעט ווי נישט געלאַכט. ער האָט

געהאט טענות צו דער מאמען, פארוואס זי לאזט אים אזוי איינעם אליין, פארוואס ס׳איז אין שטוב קאלט. ער האט געזאגט דער מאמען, אז ס׳יאגט אים פון שטוב ארויס, ווען זי איז נישטא.

דא אבער, אין דער דירה הינטערן קרימינאל, האט די מאמע מורא געהאט אויף ביינאכט ארויסצוגיין פון שטוב. די מומע מרים האט גע־שיקט פרעגן, פארוואס מען זעט זי נישט, די מאמע. די באבע ראכל האט זיך אליין מטריח געווען צו אונדז געווארן ווערן.

האט די מאמע געוויינט פאר איר, אז זי איז ארייננעפאלן מיט דער דירה, אז נישט דארט, אין דרויסן, שטייט ס׳קרימינאל, נאר דא, ביי איר אין שטוב, איז עס.

זי האט זיך געסודעט מיט דער באבען. זי האט געוואונקען אויף מיין זיים. זי האט זיך אויך א סך געסודעט מיטן טאטן. אבער דעם טאטן האט עס פארט נישט געגומען.

— כ׳ווייס נישט, וואס דו ווילסט — האט ער געקנייטשט מיטן פנים — מ׳דארף דען א בעסערע דירה?

— וואס געפעלט זי דיר אזוי, וואס?

— ס׳איז טרוקן, ס׳איזווארעם. וואס ווילסטו נאך, וואס?

— און איך זאג דיר, לייזער, מ׳זאל זיך ארויסציען. ס׳איז א העק. ס׳איז א קרימינאל.

— האסט זי דאך אליין אויסגעקליבן. ווער איז דיר שולדיק, ווער?

— ווען כ׳וואלט געוואוסט, אז ס׳וועט אזוי זיין...

— תמיד ווייסטו נישט, אז ס׳וועט אזוי זיין.

די מאמע ענטפערט נישט. זי פארשנורעוועט די ליפן און ווערט ברוגז.

דער טאטע בענטשט שטיל און דרימלדיק. ער איז מיד, אנגעאר־בעט. די בעטן שטייען געבעט. אינמיטן בענטשן ווערט ער שטיל. דער קאפ וויגט זיך אין דער קרום. ער רייסט זיך אויף אויף א ווײלע, כאפט ווידער דעם פאדעם פון בענטשן און דרימלט אויפסניי.

ס׳איז פרי. דער ווייזער אויפן זייגער רוקט זיך ארויף אויף דער אכט.

די מאמע וואלט נאך אצינד אריבערגעכאפט זיך צו דער מומע מרים, זי ווייסט, אז דארט נעמען זיך איצט צוזאמען שכנים. מען רעדט. די

קינדער שפּילן אין טערנישקע. ס'קומט צו גיין יצחק לערער, וואָס לערנט אין נגידישע הייזער. איז היימלעך, ווארעם, ליכטיק.

ליגט אָבער אין דרויסן דאָס פאַרשאָלטענע, פינצטערע געסל. עס ליגט, ווי א וואנט, ווי א צוים, וואָס טיילט אָפּ איין וועלט פון דער אַנדערער.

דרימלט אזוי דער טאַטע. די מאַמע קאָן נישט גיין שלאָפן גלייך מיט די הינער. נעמט זי עפּעס אויף זיך און כאַפּט זיך אריין צום סטאַרשי סטראַזשניק, וואָס וווינט מיט אונדז א טיר אין א טיר.

***

דער סטאַרשי סטראַזשניק, א פּוילישער גוי, וואָס האָט ליב צו רעדן רוסיש, איז א מענטש מיט געלע וואָנסעס און מיט א סך קנייטשן אויפן פּנים.

ער איז אויך נישט פון הינטערן אויוון אַפּער. אויסגעוועזן שוין א וועלט. אָנגעהערט זיך כל המיני מעשיות. און אַליין איז ער א באַרעדעוודיקער. רעדט ער, דערציילט ער פון דער „פּאָווסטאַניע", פון רוסישן בונט, פון דער טערקישער מלחמה, און דער עיקר האָט ער ליב צו דערציילן פון רוצח „שטשעפּקע", וואָס זיצט אין קרימינאַל געקאָוועט אין קייטן.

— שטשעפּקען — זאָגט דער סטראַזשניק — האָט מען אין תפיסה אָפּגעגאָלט א האַלבן קאָפּ מיט איין וואָנסע. ער איז אַזוי הויך, דער דאָזיקער שטשעפּקע, אז ער וואָלט נישט אריין אין דער הינעדיקער טיר.

— אַמאָל — דערציילט ווייטער דער סטראַזשניק — איז שטשעפּקע געווען א שטיין־האַקער, א מצבה־קריצער אַזעלכער. ער האָט געמאַכט „פּאָמניקעס" אויפן צמענטאַזש אַרויס. פייגל אין דער לופטן האָט ער געקאָנט מאַכן. ווייסט מען נישט ווי אַזוי, נאָר ער האָט זיך פּלוצלינג אָנגעהויבן חברן מיט איינעם א „זשידעק" — מיט שערמאַנען. און פון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרן א רוצח.

שערמאַן זיצט אויך אין קרימינאַל. ער האָט א באָרד, דער שערמאַן, א געלע. האָט מען אים א האַלבע באָרד אָפּגעשוירן.

מען האָט אים אויך אָפּגעגאָלט נ'קאָפּ און איין וואָנסע האָט מען אים אויך אראָפּגענומען.

ביידע רוצחים. זומער וועט מען זיי אוועקשיקן קיין סיביר, אויף קאטארגע.

דער סטראזשניק ווייסט, אז דארט, אין סיביר, וועט מען זיי צו־קאוועז צו טאטשקעס. זיי וועלן עסן און שלאפן מיט טאטשקעס, שטיין און גיין מיט טאטשקעס, און אפילו נאכן טויט וועט מען זיי באגראבן אויך מיט טאטשקעס.

דער סטראזשניק דערציילט, אז דער אייגענער שטשעפקע האט א ווייב מיט צוויי קינדער. די קינדער, זאגט ער, האבן בלויע אויגן מיט פלאקסענע האר. אז דאס ווייב מיט די קינדער קומען צו אים אין קרימי־נאל אריין, וויינט שטשעפקע.

מיר װאלט נישט מיאוס געווארן צו הערן דעם סטראזשניק בייטאג און ביינאכט. ער קאן דאס אלץ אזוי ארויסלייגן אויפן טעלער, אזוי געבן צו פארשטיין. מיין מאמע קאן אויך דערציילן, אבער ווי קומט זי צום סטראזשניק!

און צווייטנס — איז דא, ביי אים אין שטוב, װארעמער, ווי ביי אונדז, היימלעכער. אויפן פענצטער שטייען בלומען־טעפ אין א ווינקל, אויף דער וואנט איבערן איינציקן בעט הענגט דאס טונקעלע בילד פון דער הייליקער מוטער.

אט זיצט דעם סטארשי סטראזשניקס ווייב — א הויכע, א בלאנ־דע. זי גייט פארקעמט מיט געדיכטע פלעכטן איבערן גאנצן קאפ. תמיד זעט זי אויס, אזוי ווי זי וואלט זיך נאר וואס ארומגעוואשן און אויסגע־צוואגן, עס שמעקט טאקע פון איר מיט זייף און מיט שטייף־אויסגעפרעס־טע וועש.

זי אליין איז א רוסישע, פון ווייטע מקומות. דא, אין פוילן, וויינט זי שוין א צייט, א לאנגע צייט. זי האט זיך אויסגעלערנט פויליש און רעדט אים פארצויגן, נישט פארענדיקט.

זי האט אויך צו דערציילן מעשיות. זי רעדט אפט פון איר היים, פון דארף, דארט ערגעץ ביים טייך דאן. ער איז אזוי בלוי, זאגט זי, דער טייך, בלויער ווי דער הימל און בלויער, ווי דאס בלויסטע אויג. ס'איז דא, זאגט זי, דארט א קלויסטער מיט א קיילעכדיקן דאך, מיט גאלדענע צלמים — איז ער אויך בלוי, דער קלויסטער. ס'איז דא דארט, זאגט זי, א פאפ, א יונגער מיט א שווארצער בארד, האט ער זי געוואלט נעמען פאר א ווייב.

זי וואָלט געוועזן היינט אַ פּאַפּיכע. זי וואָלט געזעסן דאָרט אויף דער „פּלעבאַניע", אַלע וואָלטן איר אָפּגעגעבן „טשעסט". האָט זי נישט געוואָלט.

ס'איז בעסער געווען פאַר איר אַט דער פּאַליאַק, דער היינטיקער סטאַרשי סטראַזשניק, וואָס האָט געדינט ביי זיי אין מיליטער. ער איז איר ליבער געווען, מער צום האַרץ איז ער איר געווען. האָט זי אים אויסגעקליבן.

יידן, זאָגט זי, זענען דאָרט, אין זייערע מקומות, אויך דאָ. נאָר אַנדערע זענען זיי דאָרט. זיי טראָגן נישט קיין לאַנגע קאַפּאָטעס, נישט קיין פּעיסעס (פּאות) און רעדן נישט אויפן יידישן לשון.

ס'האָט גאָר קיין שיעור נישט, וואָס דער סטאַרשי סטראַזשניק מיט זיין ווייב קאָנען דערציילן.

די שעהען רוקן זיך. די וואָגעס פון זייגער קרעכצן, פאַלן אַראָפּ פון איין רעדל אויפן אַנדערן אַרויף. אינעווייניק, אין די געדערים, נעמט עפּעס הייזעריק רוישן. ס'קלינגען אָפּ אויף דער גיך צוועלף אַלטע סלעפּ — אַ סימן, אַז מען דאַרף זיך געזעגענען און גיין שלאָפן.

אין שטוב ביי אונדז ציט זיך איין דאָס קנויטל פון פלעמל פון זיך אַליין. אויף די ווענט קריכן שטיקער שאָטנס, אַזוי ווי צעטרעטענע זעק. דער טאַטע האָט אָנגעשפּאַרט נ'קאָפּ אויף אַ קאַנט פון טיש און שלאָפט מיט דער גאַנצער פּאָרע, מיט דער גאַנצער אָנגעאַרבעטקייט זיינער.

אַרום איז ליידיק, שוואַרץ. אין מיינע אויגן זעט עס אויס אַזוי, אַז די זאַכן האָבן זיך ערגעץ־ווו אַרויסגערוקט, געמאַכט אָרט פאַרן טאַטן, ער זאָל קאָנען גערוימער שלאָפן און מען זאָל אים מער אָנזען.

די מאַמע ציט שווער דעם אָטעם:

— אַך, ווי טרויעריק, ווי טרויעריק!

און איר שטים בלייבט הענגען איבערן טאַטנס שלאָפנדיקן קאָפּ, ווי אַ מאָנונג.

# קאַפּיטל זעכצן

מ'עט פרעגן — ווי אזוי קומט מיין מאמע, וואָס האָט געהאַט ביים ערשטן מאַן, דעם רופא, מעשענע קליאַמקעס ביי די טירן און געוווינט אין „פּאָקאָיעס", ווי אזוי קומט זי צום טאַטן, צום ייִד פון „נייעם מילכל", וואָס איז אַ מבין געווען אויף היי, וואָס האָט געגעסן זויער־מילך מיט סמעטענע פון גרויסע, ערדענע „זשיזשקעס", ליב געהאַט צו באָדן זיך אין דאָרפישן טייך און צו שלאָפן אין וואַלד הינטער אַ "כאַאינע"? ווי אזוי קומט דאָס איינער צום צווייטן?

האָט מען דערציילט אזוי:

איידער דער טאַטע מיט דער מאַמען זענען געגאַנגען חתונה האָבן, האָבן ביידע נישט געוווסט, וויפיל קינדער עס איז זיי געבליבן נאָך זייערע ערשטע מאַנען און ווייבער. ביים מאַכן אַ „וואָרט" האָט מען פאַרגעסן צו דערמאָנען די נעמען פון אַלע יתומים. מען האָט געשמועסט, אַז עס זענען דאָרט געבליבן עפּעס קינדער. אָבער אַלע זענען שוין לייט און קיינס דאַרף נישט אָנקומען נישט צום טאַטן און נישט צו דער מאַמען.

האָט מען געשטעלט אַ חופּה. געמאַכט אַ מאַלצייט פאַר אַ מנין ייִדן. דערנאָך האָט די מאַמע פאַרפּאַקט אירע אַלע זאַכן אין קופערט אַריין. ס'ביסל צירונג איבערגעלאָזט ביי דער מומע מרים און אַליין איז זי אַרויסגעפאָרן אין „נייעם מילכל" אַריין, וווּ דער טאַטע האָט געוווינט נאָכן טויט פון זיין ערשט ווייב. אַז די מאַמע איז אָנגעקומען אַהין, האָט זי דערזען אַ גרויסע, פינצטערע שטוב מיט אַ ליימענער פּאָדלאָגע. אַ סך ערדענע טעפּ, צעשטעלט און צעוואָרפן אין די ווינקלען. צוויי אויסגעהאַקטע שויבן פאַרשטעלט מיט קישנס, און פיר שוואַרצע, איינגעריסטע מיידן, דערוואַקסענע, אין לויזע, באָרבאָנע בלוזקעס, האָבן זיך באַהאַלטן צווישן די קאָפּ־שטיקן פון די בעטן און געקוקט מיט גרויסע, פאַרחידושטע אויגן אויפן נייעם ווייב, וואָס דער טאַטע האָט זיך געברענגט פון שטאָט.

אַז די מאַמע האָט דאָס דערזען, איז איר יונג פּנים איינגעגאַנגען, אַזוי ווי אַ פייג. זי האָט נישט אַראָפּגענומען פון זיך די פּישעי, נישט אויסגעטון דעם פּאַלטן, נאָר אַזוי ווי זי איז געגאַנגען און געשטאַנען האָט זי געפרעגט:

— דאָס איז דער פּאַלוואַרק, וואָס דו האָסט געזאָגט, אַז דו האָסט?
— יאָ, דאָס איז דער פּאַלוואַרק — האָט דער טאַטע געענטפערט.
— און ווער זענען די מיידן, ווער?
— מיינע טעכטער!
— אַלע פיר?
— אַלע פיר, זאָלן געזונט זיין.
— האָסט דאָך נאָר גערעדט פון צוויי?
— מאַלע, וואָס מען רעדט!

האָט עס דער מאַמען צוגעדריקט ביים האַרץ. רעדן האָט זי נישט געקענט. וואָס וועט דאָ העלפן ס'רעדן? נאָר ווען זי שעמט זיך נישט, וואָלט זי געפאַלן אין חלשות.

האָט זי צוריק געעפנט די טיר און געזאָגט:

— ניין, ר' לייזער! אַזוי האָב איך מיך מיט אייך נישט אויסגע־נומען. האַלט אייך אייערע טעכטער געזונטערהייט, נאָר איך אייער ווייב וועל נ י ש ט זיין!

— ס'הייסט? און ווו איז חופה־וקידושין?

— וועט מען זיך גטן, ר' לייזער!

און די מאַמע, צוזאַמען מיטן קופערט זאַכן, איז צוריקגעפאָרן אין שטאָט אַריין.

פאַרפאָרן איז זי צו דער מומע מרים, צו דער יינגערער שוועסטער פון איר, מיט אַ געוויין און מיט אַ יאָמער:

— מרים־לעב, וואָס האָסטו געוואָלט פון מיר? וואָס האָסטו מיך צוגערעדט צום שידוך, וואָס? ער איז דאָך אַן אביון! פיר מיידן אין שטוב, ווי די דעמבעס! וואָס 'על יאָך טון מיט פיר מיידן, וואָס?

די מומע מרים האָט געוווסט, אַז דער טאַטע האָט פיר מיידן אין שטוב. זי האָט אויך געוווסט, אַז ר' לייזער פון „נייעם מילכל" איז אַן אביון גדול. דער פּאַלוואַרק זיינער, וואָס מ'האָט אַריינגעשדכנט אין נדן אַריין, איז נישט מער, ווי די שטוב מיט דער ליימענער פּאַדלאָגע און מיט די ערדענע טעפּ אויף זויערע מילך.

אָבער די מאַמע איז דאָך אויך געווען אַן אַלמנה. און קיין געלט האָט ר' לייזער נישט פאַרלאַנגט, און קינדער פון ערשטן מאַן, זאָל זיין אָפּגעשיידט, איז דער מאַמען אויך געבליבן — טאָ וואָס איז דער יחוס מיט איר? וואָס קלאָגט זי אַזוי, וואָס?

— ווי אזוי זאָל זי נישט קלאָגן — האָט די מאַמע געענטפערט — אז פון אזעלכע „פּאַקאָיעס", ווי זי האָט געהאַט ביים ערשטן מאַן, וועט זי איצט מוזן גיין וווינען אין א פינצטערער שטוב אריין מיט א ליימע־נער פּאָדלאָגע...

דער מומע מרים האָט אויך געשניטן ס'האַרץ. און ווער ס'האָט גע־הערט, האָט באַדויערט די שיינע, יונגע פרימעט.

אָבער ס'איז דאָך שוין געווען פאַרפאַלן. וואָס וועט דאָ העלפן ס'קלאָגן?

האָט מען זיך אריינגעלייגט. די מומע מרים, און רייזעלע איטשע ביקס. און דעם טאַטנס שוועסטער — די מומע נעמי, מיט די איידעלע ליפּן — האָט געגעבן צו פאַרשטיין, אז ס'מזל פון א מענטש הענגט אָפּ פון גאָט. אז מ'קאָן גאַרנישט וויסן. ס'קאָן גאָר זיין, אז אין דער מאַמעס זכות וועט דער טאַטע אויפגעריכט ווערן און אויך קאָנען קויפן פאַרן ווייב זיינעם „פּאַקאָיעס" מיט מעשענע קליאַמקעס ביי די טירן.

וואָס האָט די מאַמע געקאָנט טון? זי וועט דאָך נישט גיין מאַכן לייטיש געלעכטער — האָט זי געוויינט און געקלאָגט און סוף־כל־סוף געלאָזט זיך צורעדן. אָבער אין „נייעם מילכל" אריין האָט זי מער נישט געוואָלט ארויספאָרן. זאָל ער קומען אין שטאָט אריין, דער מאַן — האָט זי געזאָגט — סיי־ווי־סיי איז ער אַן אביון, וועט ער זיין אַן אביון אין שטאָט.

אזוי ארום האָט זיך דער טאַטע געזעגנט מיט די ערדענע טעפּ, מיט די לאָנקעס, מיטן וואַלד און געקומען אין שטאָט אריין. ער, צוזאַמען מיט זיינע פיר שוואַרצע, איינגעריסטע טעכטער.

אזעלכע פיר שוואַרצע, איינגעריסטע מיידן קאָנען דאָך נישט איי־ביק זיצן אויפן טאַטנס אָרעמע פּלייצעס? מען מוז דאָך עפּעס קלערן וועגן א תכלית פאַר זיי?

האָט די מאַמע ביסלעכווייז גענומען זיי באַזאָרגן און באַשטאַטן.

איטע, די יינגסטע, האָט געקאָכט אין רייכע וואַרשעווער שטובן. איינמאָל, אין א יום־טוב, אהיימגעקומען צום טאַטן און מיטגעברענגט מתנות.

חנה־שרה, די עלטסטע, א מויד, א שוואַרצע, א הויכע, מיט ברייטע, שטאַרקע הענט, האָט די מאַמע חתונה געמאַכט מיט א קצב אין א קליין שטעטל אריין. חנה־שרה האָט זיך נישט געהאַט צו באַקלאָגן. ס'איז איר

געגאַנגען גוט. וואָלף, דער מאַן איר, אַ נידעריקער, מיט אַן אָפּגעצויגן, שוואַרצלעך פּנים, האָט זיין ווייב ליב געהאַט. מיט דער צייט האָט זי אים געבראַכט אויף דער וועלט דריי טעכטער מיט פיר זין, זאָלן געזונט זיין. אַלע — שוואַרצע מיט גרינע אויגן און ברוינע לייבער, באַוואַקסענע, שווייגנדיקע, אַזוי ווי די מאַמע זייערע.

חנה־שרה אַליין פלעגט קומען אין שטאָט אַריין איינמאָל אין אַ יובל. זי איז געקומען איינקויפן אויף אַ „וויפּראַווע" פאַר אַ טאָכטער, אין איין וועגס זעען זיך מיטן טאַטן און אין איין וועגס... שווייגן.

דער טאַטע מיט דער עלטסטער טאָכטער זיינער, ביידע — הויך־פאַרריסענע, צעוואַקסענע, אַזוי ווי אַלטע, פאַרוואָרצלטע טאָפּאָליעס, זענען געזעסן איינער אַנטקעגן אַנדערן, געקוקט זיך אין די אויגן אַריין און... געשוויגן. פון מאָל צו מאָל איז נאָר צווישן זיי געפאַלן:

— ס'מאַכסטו, טאַטע?

— ס'לאָמיר מאַכן?

— ס'הערט זיך?

— אַזוי...

— ס'מאַכט וואָלף?

— ש'קשה...

— און די קינדער?

— געלויבט צו גאָט.

שוין. אָנגעקוקט זיך, אָנגעשוויגן און אַוועקגעפאָרן. אויף אַ יאָר, אויף צוויי, אויף פינף.

דער טאַטע האָט פון זיין עלטסטער טאָכטער געהאַט נחת. זי איז געוועזן אַ נגידיתטע. געהאַט די גרעסטע יאַטקע אין שטעטל. אויסגעגעבן קינדער אין פריידן, געפּראַוועט שלום־זכרים מיט בריתן, און אויף אַלע שמחות פאַרבעטן אַהין דעם טאַטן.

ער איז צוריקגעקומען פון דאָרט אַ זאַטער, אַן אויסגעשלאָפענער.

ער האָט דערציילט פון די סעודות, וואָס מען האָט דאָרטן געגרייט, פון די אייניקלעך זיינע, וואָס וואַקסן, קיין עין־הרע, צו גאָט און צו לייט. ער האָט אַ סך גערעדט פון איידעם זיינעם, פון וואָלפן, וואָס כאָטש ער איז קליינגעוויקסיק און האָט אַ שיטער בערדל, קאָן ער זיך פונדעסטוועגן איינער אַליין אַן עצה געבן מיט אַ צעוּשעט ביקל און מיט די אַרומיקע פּויערים, וואָס זענען גרויסע שונאי־ישראל.

אָבער חנה־שרה איז געווען די איינציקע אויסגעגעבענע טאָכטער. נאָך איר איז געגאַנגען ביילע. אויך א הויכע, א צעוואַקסענע אין די אַקסלען, מיט לאַנגע, שמאָלע הענט און מיט א ברייט־פּאַרענדיקטער גאָמבע.

ביילע האָט שוין נישט געהאַט אין זיך די אויסגעשטאַנענע גע־לאַסנקייט פון איר שוועסטער חנה־שרה.

זי, ביילע, האָט גערעדט אָפּגעהאַקט, שאַרף. ביי יעדער קלייניקייט האָט זי געקריגן איבערגעבערנטע פּלעקן אויף די קינבאַקן.

זי האָט געקוקט אויף דער וועלט מיט ביסטרע, אומרואיקע אויגן. פרעמדע האָבן געקאָנט מיינען, אַז זי איז א מרשעת. אין אמתן אָבער האָט ביילע געקענט אוועקגעבן פון זיך ס׳לעצטע העמד. זי איז געווען באַקאַנט צווישן פרעמדע און אייגענע מיט איר טון. מ׳האָט געזאָגט, אַז אזא ווערטאַנים איז מיט שטורקאַצן נישט צו געפינען.

נישט מער — איין פעלער האָט ביילע געהאַט. א שווערן פעלער. קיין זיץ־פלייש האָט זי נישט געהאַט. כאָטש צעהאַק און צעבראַק זי, האָט זי נישט געקאָנט לאַנג בלייבן אויף איין אָרט. ס׳האָט זי געטראָגן אין דער לופטן. זי וואָלט נאָר געלאָפן, נאָר געפאָרן. קיין וואָרשע, קיין לאָדזש, סתם אין א קליין שטעטל אריין, אבי נישט אויף איין אָרט.

טיילמאָל איז איר איינגעפאַלן אראָפּצוגיין ערגעץ אין א קרעטשמע אריין, אָנוואָרעמען זיך. אַז ס׳איז איר געפעלן דאָס אָרט מיט די מענטשן, האָט זי זיך אָנגעדונגען און איז געבליבן.

אין דער קרעטשמע האָט ביילע געמאָלקן קי, געקאָכט גרויסע סאָ־גאַנעס עסן פאַר יידן, פאַרבייפאָרער און פאַרבייגייער, צוגעשטעלט טעפּ־לעך קלייען מיט קאַרטאָפל פאַר די בהמות. זי האָט אויך געקאָנט שפּינען אויף א שפּינדל, שטריקן, פאַרריכטן, פאַרנייען. און אפילו שמועסן מיט פּריצישע זינדלעך, וואָס זענען פאַרבייגעפאָרן פאַר דער קרעטשמע אויף אויסגעפּוצטע פערד, האָט זיך ביילע אויך אונטערגענומען.

אַלץ האָט ביילע געקאָנט. בלויז פאַר זיך, פאַר איר אייגן מזל, האָט ביילע גאָרנישט געקענט טון. די יאָרן זענען געגאַנגען. ביילע האָט גענר־מען וואַקסן אין דער ברייט — און קיין שידוך האָט זיך אַלץ נישט גע־מאַכט.

בלויז איינמאָל, אויך אין א קרעטשמע, האָט עס שוין יאָ געהאַלטן ביי א שטיקל שידוך. געקומען איז דאָרט צו פאָרן א ייד, א שוואַרצער,

א געזונטער. א ייד אין א „באַנדע", מיט אַ פּאָר אויגענעס, ווי שטיקער קויל. אין אַ שמועס האָט זיך דער ייד פאַרטראַוועט, אַז דאָס ווייב איז אים פון אַ קימפּעט, נישט דאַ געדאַכט, פון דער וועלט געגאַנגען.

ביילע האָט אים דערלאַנגט אַ גרויסע שיסל גריץ. זי האָט אים געגעבן צו טרינקען מילך גלייך פון דער קו. און — אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, האָט זי אים געפרעגט, וואָס, אַ שטייגער, אַזאַ ייד טוט? צי האָט אַזאַ ייד קינדער? ווו וווינט אַזאַ ייד?

האָט ער געזאָגט, אַז קיין קינדער האָט ער נישט. אַז וווינען וווינט ער אויף יענער זייט פּיליצע. אַז קיין פּרנסה, קיין עין־הרע, פעלט אים נישט. נישט מער — גאָט האָט געוואָלט, ער זאָל בלייבן אַן אַלמן.

האָט ביילע געשוויגן און געקריגן איבערגעבערענטע פלעקן אויף די קינבאַקן.

אויף ביינאַכט איז דער ייד געבליבן אין דער קרעטשמע נעכטיקן. ביילע איז געשלאָפן אין הויז, אין אַ קעמערל. אינעווייניק, אין דער הויך אויף אַ „גזשענדע", האָבן געדרימלט הינער. דאָס טירל פון קעמערל האָט נישט געהאַט קיין קייטל. צו וואָס? וואָס וועט מען דאַ גנבענען, וואָס?

איז ביילע אַזוי געלעגן און געטראַכט פון שוואַרצן ייד. זי האָט געוואָלט אַנטשלאָפן ווערן. באַגינען מוז זי אויפשטיין. מ׳דאַרף מעלקן די קו, צוגרייטן אָנבייסן פאַר די פאַרבייפאָרער. אָבער דעם יידס שוואַרצע אויגן האָבן ביילען נישט געלאָזט איינדרימלען.

די הינער אויף דער „גזשענדע" האָבן שוין באַלד געהאַלטן ביים אויפוועקן זיך. דערשפּירט ביילע, ווי עפּעס קיצלט זי אויפן פּנים. זי וואָלט געשוווירן, אַז אַ הון האָט זיך אַראָפּגעגליטשט און דאָס גראַבלט זי אַזוי מיט אַ פּיסל, צי מיט אַ פליגל, איבער ביילעס פּנים.

— אַ־ששאַ! אַ־ששאַ! — האָט ביילע גענומען שרייען אויף דער הון.

אָבער לויט אַלע סימנים האָט זי מיטאַמאָל דערשפּירט, אַז ס׳איז נישט קיין הון. ס׳איז טאַקע פינצטער אין קעמערל, אָבער ביילע זעט באַשיינפּערלעך, ווי ס׳קוקן אויף איר אַ פּאָר גרויסע, אויפגעריסענע אויגן.

ווערט איר שוין ענג הינטערן האַרץ־גריבל און ס׳גייט איבערן לייב אַ הייסער שוידער. זי זעט שוין, ווער ס׳איז אַריינגעקומען. פרעגט זי מיט אַ זייער שטיל קול:

— וואָס איז דאָס, ר׳ ייִד?
— וואָס זאָל זיין?
— וואָס טוט איר דאָ, ר׳ ייִד?
— וואָס זאָל ער טון? גאָרנישט. זיין ווייב, לא עלינו, איז דאָך אים אַוועקגעקומען.
— קריכט איר צו פרעמדע?..
— חלילה! ווער זאָגט דען! נישט מער...
און די הענט זיינע בריען נאָך הייסער, ווי די אויגן.
זאָגט ביילע ווידער שטיל:
— ר׳ ייִד, איר טראָגט זיך אָפּ פונדאַנען?
— פאַרוואָס? ער וויל דען, חלילה, ביילעשים שלעכטס?
„ביילעשי״ רופט ער זי גאָר. וואָס פאַר אַ „ביילעשי״ איז זי אים?
— אַז מען האָט ליב, פאַרציט מען דעם נאָמען.
— פון ווען אָן האָט איר דאָס מיך ליב?
— ס׳הייסט פון ווען? פון דער ערשטער מינוט אָן.
— און אַ חופה וועט איר שטעלן, ר׳ ייִד?
— פאַרוואָס נישט? מען קאָן שטעלן אַ חופה אויך.
— ווען?
— מ׳עט שוין שטעלן.

איז אין קליינעם קעמערל פּלוצלינג געוואָרן אַ מהומה. די הינער האָבן אויפגעצאַפּלט פון דרימל. אין דער פינצטער האָבן זיי געפּאַטשט מיט די פליגל, געשפּרונגען אויף קעפּ. ביילע אַליין האָט אויך אויפגעצאַפּלט. זי האָט אויך געפּאַטשט אין אַ פּאָר אָנגעפּרעסענע באַקן אַריין, אויפגעעפנט דאָס הילצערנע טירל און געשריגן אין דער נאַכט אַריין:
— נואָף! האָב דיר אַ שוואַרץ לעבן! אַנדערש ווילסטו נישט?...

האָט מען אין דער קרעטשמע אויף דער גיך אָנגעצונדן אַ ליכט. ייִדן, אין פאַרפעדערטע קאַפּלען, האָבן אין אייַלעניש אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער. ווייבער, באָרוויסע, אין שלאָף־קופּקעס, באַרכאַנקעס, האָבן זיך געקנייפּט די באַקן:
— און וויי איז מיר! אַזאַ ייִד... וו איז דאָס געהערט געוואָרן...

פון די געשרייען האָבן זיך צעוויינט קינדער, ס׳האָט זיך צעבילט אַ הונט. און דער ייִד, דער שוואַרצער מיט די בריענדיקע אויגן, איז אײַנ־

מיטן דער נאַכט נעלם געוואָרן, איבערלאָזנדיק די „באַנדע" אין קרעטש־מע.

ביילע האָט די „באַנדע" באַזאָרגט אהיים צום טאַטן מיט יאַרמע בעל־עגלה. זאָל דער טאַטע האָבן אין וואָס צו פאָרן ווינטער איבער די דערפער.

יאַרמע בעל־עגלה האָט דערציילט די גאַנצע מעשה פון אָנהויב אָן. ביילע אַליין האָט געהייסן. זאָל מען דאָרט, אין דער היים, וויסן, אַז זי, ביילע, כאָטש ווו זי געבטיקט, טאָגט זי נישט, וועט דעם טאַטן אויף דער עלטער נישט פאַרשעמען.

און טאַקע. זי האָט אים נישט פאַרשעמט, דעם טאַטן. אַז ס'איז געקומען די צייט, האָט ביילע חתונה־געהאַט כדת משה וישראל.

דעם מאַן האָט זי זיך אַליין אויסגעשדכנט.

ער איז אויך געווען אַן אַלמן. אָבער נישט קיין שווארצער און נישט מיט קיין ברענענדיקע אויגן, ווי יענער דאָרט אין קרעטשמע. אַ ייד אַ גבור מיט אַ גרויסער, בלאָנדער באָרד, ווי ביים רוסישן קיסר אַלעקסאַנ־דער דעם דריטן.

אַזוי רייך, ווי דער קיסר, איז ביילעס מאַן נישט געווען. און אַ נאָמען האָט ער אויך נישט געהאַט קיין קייזערלעכן. וואָלף האָט ער גע־הייסן, אַזוי ווי דעם טאַטנס ערשטער איידעם. דערפאַר אָבער, האָט ער פאַרמאָגט זיין אייגנס אַ פערד־און־וואָגן. חוץ לזה האָט ער אַליין געקאָנט קאָוועז פערד, פאַרריכטן רעדער, אונטערהייבן מיט אַן אַקסל אַ וואָגן מיט סחורה, ווען אַן אַקס האָט געפּלאַצט. אַמאָל, ביים ערשטן ווייב, האָט ביילעס מאַן פאַרמאָגט אַן אייגן שטיקל פעלד מיט אַ גערטנדל. נאָר זינט ער איז, נישט דאָ געדאַכט, געוואָרן אַן אַלמן, האָט ער דאָס שטיקל פעלד מיטן גערטנדל פאַרוואַרלאָזט. נישט געהאַט נ'קאָפּ צו די מייערן, מיט די ווייסע ריבן, וואָס ער האָט דאָרט פאַרזייעט. האָבן די חזירים גענומען באַלעבאַטעווען. פאַראומרייניקט, פאַרמושבט. איז מילא, וועט ער זיך ציען אין שטאָט אריין. אַ פערד און וואָגן האָט ער, קאָוועז קען ער — וועט מיט גאָטס הילף זיין פּרנסה.

האָט ביילע געוווינט מיט איר מאַן הינטער דער שטאָט, ווייט־ווייט אַראָפּ, אַזש ביי דער סקאַרשעווער ראָגאַטקע. איבער ביילעס דאַך זענען ביינאַכט אַרומגעלאָפן ווינטן. פון זענען געפאָרן אריין און אַרויס פון שטאָט. בעלי־עגלות האָבן געשריגן הינטער די פענצטער. ביילע האָט גע־

קאכט פאר זיי גרויסע טעפּ גריץ. שבת געשטעלט טשאָלנט מיט קישקע. וואָלף, דער מאַן, איז געפאָרן מיט פערד־און־וואָגן אויף ירידים, אויף מערק. האָט זיך נישט געמאַכט קיין „יאַזדע״ — האָט ער געקאָוועט פערד. מ׳האָט געלעבט, „געזשיוויעט״ זיך. און אַלע יאָר האָט זיך איבער־מיטן דער נאַכט דערהערט אַ געשריי פון אַ ניי נפש, וואָס ביילע האָט געבראַכט אויף דער וועלט.

וואָס מער קינדער — ווייניקער פרנסה אין שטוב. האָט ביילע פאַרדונגען אַן אַלקער און גענומען באַקן פלעצלעך מיט מאָן פאַר די בעל־עגלה־יונגען. באַקלאָגט אָבער האָט זיך ביילע נישט.

זי האָט דאָך אַליין אַזוי געוואָלט. נישט מער, טיילמאָל, ווען ביילע איז געקומען צו אונדז גוט־יום־טוב־ביטן, און די מאַמע האָט געפרעגט: וואָס ס׳הערט זיך, ווי ס׳דערגייט איר? — האָט זיך ביילע אַרויסגע־כאַפּט מיט אַ וואָרט, אַז ס׳טרעפט אַמאָל ביינאַכט, ווען די קינדער שלאָפן, קומט איר אויפן זינען יענער שוואַרצער ייד מיט די ברענענדיקע אויגנעם. זי זעט אים, ווי לעבעדיק. זי ווייסט אַליין נישט וואָס צו קלערן. נאָר נאָך אַזאַ נאַכט פילט זי נישט ס׳האַרץ אין זיך. די גריץ גע־ראָט נישט, די בעל־עגלה־יונגען קרימען מיט די נעז אויף די מאָן־קיכ־לעך, און זי אַליין, ביילע, קריגט זיך מיט דער שכנטע, וואָס וווינט ביי איר אין אַלקער.

# קאַפּיטל זיבעצן

אַזוי האָט געטון ביילע, די לויפערין, די אומרואיקע. אויף די שלום־זכרם און בריתן, וואָס ביילע האָט געמאַכט, האָט מען קיין פיש מיט „רע־שינקע״ (קיכן) נישט געגעסן. מען איז יוצא געווען מיט אויסגעזאָטענע, קיילעכדיקע אַרבעס, מיט אָפּגעשטאַנענע פלאַטקעלעך (קליינע פישלעך) און מיט קאָפּ־פלייש. דער טאַטע האָט פון צייט צו צייט אַריינגעשיקט ביילען אַ צווייער־גילדן פאַר די קינדער, אַ געבייטלט ברויט, פיש אויף שבת, מצות אויף פסח. ביילע האָט דעם טאַטן אָפּגעדאַנקט מיט דעם, וואָס זי האָט געבראַכט אירע קינדער צו אונדז שבת נאָכן עסן אויסגע־צוואָגענע, צוגעקעמטע און געהייסן קושן דעם זיידן אין האַנט אַריין.

אַנדערש איז אָבער געגאַנגען מיט דער דריטער — מיט טויבען. טויבע איז געווען אינגאַנצן אַן אַנדערע, ווי אַלע אירע שוועסטערן. לויט דער הויך האָט זי די שוועסטערן איבערגעוואַקסן. זי איז געווען ברייטער פון זיי אין די אַקסלען, צענומענער אין די באָקעס. אַ גלייך־געשטעלטע, מיט אַן אָפן פּנים אויף זון און ווינט, האָט טויבע אויסגעזען, ווי יענע נגידישע טעכטער, וואָס עסן הינדלעך מיט יויך און נייען תפילין־בייטע־לעך פאַר זייערע חתנים.

טויבעס אויגן, גרויסע, אויפגעריסענע, אַזוי ווי זי וואָלט זיך אויף אַלץ און אויף אַלעמען געחידושט, זענען בייטאָג געווען בלוי, און ביי־נאַכט האָבן זיי געכאַפּט די קאָליר פון שוואַרץ. די האָר, אויך שוואַרצע, געקאַרבטע, הויך־צעוואָרפענע, זענען אין זוניקע טעג אַריינגעפאַלן אין גראַנאַט.

אַז טויבע איז געגאַנגען, האָבן די שויבן אין די פענצטער געקלונ־גען. די פּאָדלאָגע האָט געקרעכצט. און כאָטש זי האָט געדינט אין אַ באַ־לעבאַטיש־גביריש הויז, וווּ זי האָט געוואַשן געפּעס, געשאָבן מייערן, געשיילט קאַרטאָפליעס — זענען אירע הענט געווען שמאָלע, אויסגעצ־איידלטע, מיט לאַנגע ריינע, פינגער.

שבת נאָכן עסן איז טויבע געקומען צו אונדז צו־גאַסט. זי האָט גערן געהערט, וואָס די מאַמע דערציילט פון וואַרשע. זי האָט ליב געהאַט צו דערמאָנען דער מאַמעס זון, משהן, וואָס איז אַזוי יונגערהייט אַוועק־געריסן געוואָרן פון דער וועלט. זי האָט אויסגעהערט ביזן סוף די מעשה וועגן די מעשענע קליאַמקעס מיט די „פּאָקאָיעס“, וואָס די מאַמע האָט אַמאָל געהאַט.

זי איז געווען דויערעוודיק, טויבע, געדולדיק און אַלץ אָנגענומען מיט אַ גוטן שמייכל.

זי אַליין האָט אויך געהאַט, וואָס צו דערציילן. פון „נייעם מילכל“, וווּ זי איז געבוירן געוואָרן, פון דער מאַמען אירער, וואָס האָט געקאָנט טראָגן צוויי קערץ קאַרטאָפל אויף די פּלייצעס. זי האָט דערציילט פון דער קליינער וואַסער־מיל, וווּ דער טאַטע איז אַמאָל געווען מילנער. דאָרט, אין יענער מיל, האָט טויבע געזאָגט, האָבן זיך ביינאַכט באַהאַלטן שדים. זי אַליין האָט אַ סך מאָל געהערט, ווי אינמיטן דער נאַכט האָט זיך די מיל פּלוצלינג אָנגעהויבן דרייען פון זיך אַליין. דער טאַטע איז אַרויס־

געלאָפן א קוק טון, אָבער געזען האָט ער גאָרנישט. ער האָט נאָר געהערט א פייפן און א לויפן און א יאָגעניש.

און איינמאָל, דאָס איז געווען שבועות־צייט, דערציילט טויבע, האָט זיך די מיל אַזוי גענומען דרייען, אַז דער טאַטע האָט געמוזט אויפוועקן דעם סטאַרשי מילנער, וואָס האָט דאָרט געוווינט מיט ווייב און קינד.

מען האָט אָנגעצונדן א לאָמפּ, דער מילנער האָט זיך איבערגעצלמט און מען איז אַריין אינעווייניק.

אַזוי ווי מען איז אַריין, האָט זיך פּלוצלינג דערהערט א יאָגעניש און א לויפעניש. דער מילנער איז געווען א גוי א גבור. האָט ער גענומען נאָכלויפן, נאָכיאָגן, ביז ער איז אַרויסגעפאַלן אויף איינעם א פּאַראָבעק און אויף זיין אייגן ווייב. א יונגע איז זי געווען דאָס ווייב, א שיינע. נאָך וואָס זי איז געגאַנגען אינמיטן דער נאַכט אין מיל אַריין — ווייסט מען נישט. נאָר ווי דער מאַן אירער, האָט זי דאָ דערזען, האָט ער זי געטון א נעם ביי די האָר, א שליידער אויף דער ערד, דערנאָך ווידער א נעם און — א וואָרף אַרויף אויף די שטיינער.

די שטיינער האָבן זיך געדרייט, ס'וואָסער איז געלאָפן, האָט עס אַריינגעדרייט דעם מילנערס ווייב אין די שטיינער אַריין, ס'האָט גע־קנאַקט און געבראָכן זיך. ס'האָט געזעצט און געשפּריצט בלוט. די גאַנ־צע מיל מיטן מעל איז פאַרגאָסן געוואָרן דעמאָלט מיט בלוט.

דעם מילנער האָט מען דערנאָך אַוועקגעשיקט קיין סיביר, געקאָ־וועט אין קייטן, און דער טאַטע האָט מער אין דער מיל נישט געוואָלט אַרבעטן.

דאָס איז געווען לאַנג, שוין גאַנץ לאַנג. טויבע איז דעמאָלט געווען א קליין מיידל. זי געדענקט, אַז זי איז אַנטלאָפן אין וואַלד אַריין, אָפּ־געווען דאָרט א טאָג מיט א נאַכט. די מאַמע אירע איז געגאַנגען זי זוכן און האָט זי געפונען א פאַרחלשטע הינטער א בוים.

אַז טויבע איז גוט אויפגעלייגט, קאָן זי דערציילן נאָך מעשיות. טאַקע פון אייגענעם וואַלד, וווּ זי איז אָפּגעזעסן א טאָג מיט א נאַכט. פון וועלף, וואָס זענען אין ווינטער־נעכט אַרויס אויף די שאָסייען, באַ־פאַלן פערד און מענטשן. פון קאַרגע פּויערים, וואָס האָבן זיך א גאַנץ לעבן אַרומגעריסן צוליב א פּאָר מאָרגעס ערד. געשאָכטן אַן אייגענע מאַמע און צום סוף פאַרפוילט געוואָרן אין קרימינאַל.

לויטן פליען פון די פייגל, לויטן רויך פון קוימען, האָט טויבע גע־

ווסט, וואָס פאַר אַ טאָג ס'וועט מאָרגן זיין: צי וועלן פאַלן רעגנס, צי וועלן בלאָזן ווינטן, צי ס'וועט שיינען די זון.

איך האָב טויבען ליבער געהאַט, ווי אַלע מיינע שוועסטער. מיינע נעכט און טעג זענען אַריבער מיט טויבעס קאָרן־פעלדער, מיט איר וואַלד און טייך.

כ'האָב געטראַכט, אַז ווען טויבע זאָל דאָס אַלץ קאָנען אָנשרייבן, וואָלט מען געמעגט מאַכן דערפון אַ מעשה־ביכל. ס'וואָלט טויזנט מאָל שענער געווען, ווי די מעשה־ביכלעך, וואָס די מאַמע לייענט פאַר שבת נאָכן עסן פאַר שכנות און באַקאַנטע.

אָבער זינט טויבעס מאַמע איז געשטאָרבן און זינט שוועסטער און ברידער זענען זיך צעפאָרן און צעלאָפן איבער דער וועלט, האָט טויבע געמוזט פאַרלאָזן דאָס „נייע מילכל" מיט די פעלדער דאָרט און שטעלן זיך דינען אין שטאָט ביי באַלעבאַטיש־גבירישע מענטשן, ווו די טירן זענען געווען בייטאָג און ביינאַכט פאַרריגלט און ווו מען האָט גערעדט איינס צו ס'אַנדערע מיט פאַרצויגענע שנאָבעלעך.

דאָס האָט שוין די מאַמע געזען, אַז טויבע, די שענסטע פון טאַטנס טעכטער, זאָל אָנקומען אין אַזאַ גביריש, שיין הויז אַריין.

דער ייד דאָרט, ווו טויבע האָט געדינט, איז נאָך נישט אַלט געווען קיין גאַנצע פערציק יאָר. ער האָט געהאַט אַ בלאַס, טונקל פּנים, אַ לומדיש פּנים, אַ קליין, שוואַרץ בערדל, געטראָגן אַ זיידן היטל אין דער וואָכן, אויסגעפּוצטע, קליינע, שטיוועלעך מיט סקריפּקעס, און געשטעלט דראָבנע, געמאָסטענע טריטלעך.

טויבעס באַלעבאָסטע, אַ יידענע פון בלוט און מילך, איז אַרומגעגאַנגען אין אירע אויפגערוימטע, ליכטיקע שטובן, אַן אויסגעפּופּלטע, אַ פוילע, מיט אַ צוויי־דריי גוידערלעך אונטערן פאַרנאַשטן גאָמבקעלע.

צו איר, צו טויבען, האָט זי געזאָגט:

— טויבעשי, בינד מיר נאָר אויף דעם גאָרסעט...

— טויבעשי, לויף נאָר אַראָפּ נאָך אַ צוויי־דריי פּאָמעראַנצן...

טויבעשי איז געלאָפן, טויבעשי האָט געצויגן די שיכלעך, געבונדן גאָרסעטן, געשיילט קאַרטאָפל, געהייצט אין די אויוונס, און דאָך, ביי דעם אַלעמען, האָט טויבע נישט פאַרלוירן דעם חן פון אירע שיינע, אויסגעצערטלטע הענט.

ס'קאָן זיין, אַז צוליב די הענט טאַקע איז מיט טויבען געשען אַן אויסטערלישע און זייער טרויעריקע זאַך.

אַט, דער ייד דאָרט, טויבעס באַלעבאָס, מיטן בלאַסן, טונקעלן פּנים, מיטן זיידענעם היטל אין דער וואָכן, האָט אויף זיין דינסט־מויד נישט געקוקט, ווי עס קוקט אַ מענטש אויף אַ מענטש. אין קיך, ווו טויבע האָט אין די טעפּ אַריין אויסגעריבן אירע יאָרן, איז דער איידעלער ייד נישט אַריינגעקומען. וואָס האָט ער דאָ געהאַט צו טון? נישט מער, אַמאָל אין אַ יובל, ווען זיין ווייב איז גראָד נישט געווען אין דער היים, איז ער פּלוצלינג אָנגעקומען. גלאַט אַזוי אָנגעקומען.

— נישטאָ די מאַדאַם? — האָט ער גיך געפרעגט און נישט געקוקט אויף טויבען.

— ניין. נישטאָ די מאַדאַם.

— אַזוי... נישטאָ... יאָ... וואָס האָב איך דאָס געוואָלט זאָגן? טויבע אַזוי גוט זיין...

ער האָט נישט דערזאָגט, וואָס טויבע זאָל אַזוי גוט זיין. אַן איידעלער מענטש געווען, נישט געקענט רעדן הויך.

אָבער טויבע האָט דערפילט, אַז ווען ער קומט אַזוי אַמאָל אין אַ יובל אין קיך אַריין, לאָזט ער נישט אַראָפּ די אויגן פון אירע שמאָלע, שיינע הענט.

טויבע האָט געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַר איר איידעלן, זיידענעם באַלעבאָס. אַז זי האָט געפּוצט אינדערפרי די געהאַקטע קאַפּאָטע זיינע מיט די ווייכע, געפּאַלדרעוועטע שטיוועלעך, האָט זי געפילט, אַז עס גייט אויף איר זיין איידלקייט מיט זיין רייכקייט.

ס'איז טויבען גוט געווען דאָרט, אין יענעם הויז. זי האָט שוין געהאַט אַן אייגענעם קופערט מיט וועש, העמדער מיט שפּיצן, ציכן מיט איינזאַצן. אפילו אַ ביכל פון דער קאַסע האָט שוין טויבע אויך געהאַט ליגן צווישן דער קלאָרער וועש.

אָבער אין די לעצטע וואָכן האָט טויבע אָנגעהויבן קומען צו אונדז נישט אַלע שבת.

— וואָס איז, טויבע? פאַרוואָס זעט מען דיך עפּעס נישט?

— זי האָט נישט געהאַט קיין צייט — ענטפערט טויבע — פאַראַכטאָגן געווען ביי אַ חברטע. פאַר צוויי וואָכן נעגאַנגען אויף אַן אויפרופן.

— זעסט מיר, דאכט זיך, שלעכט אויס, טויבע?

— איך — שלעכט? עי...

מיר האָט זיך אויך אויסגעדאכט, אַז טויבע איז בלאַסער געוואָרן. כמעט אַזוי אַרום האָט זי אויסגעזען שענער און איידעלער.

דערנאָך זענען ווידער אַוועק עטלעכע שבתים און טויבע איז אויפסניי נישט געקומען.

— עפּעס זעט מען נישט טויבען — האָט זיך דער טאַטע איינמאָל שבת נאָכן שלאָף אָנגערופן, זיצנדיק אויפן בעט און גענעצנדיק אין שטוב אריין.

— מן־הסתם קאָן זי נישט קומען.

טויבע האָט טאַקע נישט געקאָנט קומען. איר מאַדאַם, האָט זי געזאָגט, איז, נישט דאָ געדאַכט, שלאַף געוואָרן. פידלער דאָקטאָר איז גע־גאַנגען.

—פידלער דאָקטאָר? — פרעגט איבער די מאַמע מיט גרוים שרעק אין די אויגן — אַזוי שלעכט, חלילה, האָט שוין דאַרט געהאַלטן?

— יאָ, זייער שלעכט, מומעשי.

— און היינט? וואָס הערט זיך היינט?

— געלויבט דער אויבערשטער. בעסער.

— וואָס איז איר געווען?

— אַ לונגען־אָנצינדונג, פאַר קיין שום ייד געדאַכט.

אויף טויבעס פּנים ליגט היינט אַ שוויים, אַ מידער, אַ חלשותדי־קער. ס'איז שוין נישט יענע איידעלע בלאַסקייט, וואָס מיט עטלעכע שבתים צוריק.

זי דערציילט היינט גאָרנישט. דאַכט זיך, אַז די אויגן אירע, וואָס זענען בייטאָג בלוי און ביינאַכט שוואַרץ, האָבן היינט אינגאַנצן קיין קאָליר נישט.

זיי קוקן איבער דער מאַמעס קאָפּ, צו דער קאָמאָדע אַהין, ווו עס הענגט די פאָטאָגראַפיע פון דער מאַמעס טאָכטער, פון ציפּען, וואָס האָט תנאים געשריבן אין וואַרשע מיט אַ באַרשטן־מאַכער.

— זי שרייבט עפּעס, ציפּע? — פרעגט טויבע.

— יאָ. זי שרייבט.

— ווען איז, מיט מזל, די חתונה?

— שוין באַלד, בלי נדר.

— אַ בּאַרשטן־מאַכער, דער חתן?

— יאָ, אַ בּאַרשטן־מאַכער.

די מאַמע ענטפערט פאַמעלעך, פרעמד. עס זעט אויס, אַז בשעת זי רעדט, האָט זי נישט אין זינען, וואָס זי זאָגט.

זי קוקט עפּעס אַזוי אויף טויבען...

דאַכט זיך, אַז טויבעס פּנים איז רויט געוואָרן. נאָר דאָס מוז זיין פון דער זון. זי זעצט זיך דאָך, די זון. דאָס גאַנצע שטיק הימל, וואָס מען זעט דורך אונדזער פענצטער, ברענט צוזאַמען מיט טויבעס פּנים.

טויבע זיצט היינט לענגער, ווי אַלע שבת. פון בעליק קריכן אַראָפּ גרויסע שטיקער שאָטנס. מ׳שפּירט אַ ריח פון הערינג און פון אַלט־געוואָרענער חלה. דער טאַטע זיצט איינער אַליין ביים טיש. ער קלאַפּט מיטן הענטל פון מעסער אין טיש אַריין. ער וויגט זיך פאַמעלעך אין דער ברייט און ברומט אַ לאַנגן, אויסגעצויגענעם „אתקינו סעודתא״.

— ס׳שטייען שוין שטערן?

טויבע קוקט פון הינטן אַרויף אין פענצטער אַריין.

— ניין, נאָך נישט.

— קענסט אַזוי זיצן דאָ, טויבע? — פרעגט די מאַמע.

— כ׳גיי שוין טאַקע.

טויבע שטעלט זיך אויף פאַמעלעך. די מאַמע קוקט אין דער טונקלקייט אַריין, אַזוי ווי אַ מענטש מיט אַ קורצער ראיה.

— אַ גוטן שבת! — געזעגנט זיך טויבע און פאַרגעסט דאָס מאָל צו קושן זיך מיט מיר.

— אַ גוטן שבת, אַ גוט יאָר, זייט נישט קיין גאַסט.

אין שטוב בלייבט הענגען אַ שוואַרצע שטילקייט. אונטער דער קיך נעמט זען אַ גריל, שפּיציק, פאַרעקשנט.

— לייזער! — רייסט די מאַמע איבער — לייזער!

איר קול גייט טויבלעך, פאַרשטעלט, אַזוי ווי מען וועקט אַמאָל עמעצן פון שלאָף.

אָבער דער טאַטע קלאַפּט ווייטער מיטן איבערגעדרייטן מעסער אין טיש אַריין.

— ער איז דאָס אַביסל טויב — רעדט צו זיך די מאַמע און נעמט אַריינוויקלען איר כשרן „גאָט פון אברהם״ אין טאַטנס „בני היכלא״.

האָט מען ווידער טויבען אַ צייט נישט געזען. די מאַמע האָט גע־זאָלט אהינגיין אין די רייכע שטובן אריין נאָכפרעגן זיך, צי טויבע איז, חלילה, נישט קראַנק. אָבער ס'איז איר אַלץ עפּעס נישט אויסגעקומען.

*****

מאַכט זיך אַמאָל, אַ שבתדיקער נאָכן עסן. אויף די שויבן זענען גע־לעגן שאָטנס פון גרויסע, פּוכענע וואָלקנס. דער טאַטע האָט זיך נאָר וואָס געהאַט אַרונטערגערוקט אונטערן איבערבעט און איז גלייך אַנטשלאָפן געוואָרן.

די מאַמע האָט אַרויסגענומען פון ספרים־שענקל דאָס שיינע מעשה־ביכל „אַ זון פון צוויי מאַמעס", אויסגעווישט די גאָלדענע ברילן, וואָס זי האָט אַמאָל מיטגעבראַכט פון וואַרשע און געגרייט זיך צו לייענען די וואונדערלעכע געשיכטע פון רודאָלף דעם באַטריגער און דער שיינער, אומשולדיקער קאַראָלינע.

דאָ, אין דער דאָזיקער דירה, האָט די מאַמע געלייענט אַ סך ביכ־לעך. נישט אַזוי פאַר זיך, ווי פאַר ווייבער, שכנות, וואָס זענען זיך צו־זאַמענגעקומען צו אונדז אין שטוב אַריין, אַזוי ווי הינער פאַרנאַכט אויף דער „גזשענדע" אַרויף.

פאַראַכטאָגן איז די מאַמע שטיין געבליבן אויף יענעם אָרט, וווּ די אומשולדיקע קאַראָלינע איז אויף אַ געהיימען אופן פאַרשוווּנדן געוואָרן פון איר פאָטערס פּאַלאַץ, פון דעם מיליאָנער דעם גראַף.

איצט האָט די מאַמע אויפגעמישט דאָס פאַרקנייטשטע בלעטל און געוואַרט, אירע צוהערערינס זאָלן זיך אָנהויבן צוזאַמענקומען. איך אַליין האָב אויך שוין געוואַרט מיט גרויס נייגיר און אומגעדולד אויפן סוף. און גלאַט... כ'האָב ליב געהאַט צו הערן, ווי מיין מאַמע לייענט.

זי האָט געקאָנט איבערגעבן די ווערטער אַזוי קלאָר, אַז אַפילו אַ קינד האָט פאַרשטאַנען. זי האָט געלייענט מיט אַ ניגון, מיט אירם אַן אייגענעם ניגון, וואָס איז געווען אַ געמיש פון סליחות און פון טייטש־חומש. ווען רודאָלף דער באַטריגער האָט געפּייניקט די שיינע, איידעלע קאַראָלינע, האָט די מאַמע געשריגן און געמאַכט מיט די הענט. רבקהלע מאיר זעלנערס, אַ יונג ווייבל, וואָס האָט זיך מיטגעבראַכט חלה און וואַרעמע טיי אין אַ פלעשל, האָט אַ סך מאָל נישט געקאָנט אויסהאַלטן:

— פרימעטל — האָט זי זיך געבעטן — הערן זי אויף אויף אַ רגע! און ווי מיר, נעבעך, נישט געשען! ס'האָט מיך אַזש „פּזשיטשישניעט" ביים האַרץ.

און אַז די איידעלע קאַראָלינע איז געגאַנגען שפּאַצירן מיט איר געליבטן דעם פּירשט, און דער „מאָנד" האָט געשיינט און די פייגל האָבן געזונגען — האָט עס די מאַמע איבערגעגעבן מיט אַזאַ לויטערקייט אויפן פּנים און מיט אַזאַ איינגעהאַלטן קול, אַז נישט נאָר מיר, נאָר אַלעמען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס גייען זיי אַזוי שפּאַצירן מיטן געטלעכן פּירשט. אַז דאָס שיינט אַזוי דער „מאָנד" פאַר זיי, און אַז די פייגל זינגען דאָס פאַר זיי.

איז אָבער היינטיקן שבת נישט באַשערט געווען צו וויסן דעם סוף פון דער אומשולדיקער קאַראָלינע.

ווייסט איין גאָט, פאַרוואָס דער מאַמעס צוהערערינס זענען נישט געקומען. האָבן זיי זיך אָפּגעשמועסט, צי וואָס? אפשר זענען זיי ברוגז געוואָרן?

די מאַמע האָט נישט פאַרשטאַנען. זי האָט גענומען דערווייל לייענען אַליין, פאַר זיך. איבערגעמישט אַ בלעטל און צוריקגעמישט. אַראָפּגענומען די ברילן און צוריק זיי אַרויפגעזעצט, ס'איז נישט געגאַנגען.

איז ווי די מאַמע האָט זיך אַזוי נישט געקאָנט קיין עצה געבן — האָט זיך די טיר פון אונדזער שטוב אויפגעפּראַלט און ס'האָט זיך אַריינגעוואָרפן אַ קליינע, נידעריקע יידענע, מיט רויטע, איבערגעברענטע בעקלעך. אַן אַנדערע גאָר. נישט פון יענע, וואָס הערן לייענען.

ס'איז געווען רייזל איטשע ביקס, דער מאַמעס אַ ווייטע קרובה.

זי פלעגט קומען צו אונדז אַמאָל אין זעקס וואָכן. זי איז געווען אַן אונטערגעהאַקטע, אַ קורצע. אַז זי איז געזעסן אויף אַ בענקל, האָט זי געמוזט האַלטן די פיס אין דער לופטן. די מאַמע האָט איר שטענדיק אונטערגערוקט אַ פיסנבענקעלע, זי זאָל נישט אויסזען אַזוי נאַריש מיט די באַמבלדיקע פיסלעך.

רייזל איטשע ביקס האָט ליב געהאַט צו טרינקען ביי אונדז טיי מיט לימענע. אָפּרעדן זיך אַביסל פון האַרץ. זשאַלעווען זיך, אַז די אייגענע קינדער זענען זי מבייש. זי האָט געשאָלטן די שנורן מיט די איידעמס. און אַלעמאָל האָט זי געהאַט טענות צו דער מאַמען, הלמאי יענע זעט נישט אויסצושדכענען פאַר איר עפּעס אַ לייטישן שידוך.

— כ׳בין דאָך עלנט, ווי אַ שטיין — האָט זי געזופּט די קאַכעריקע טיי, — ווי לאַנג איז דער שיעור צו זיצן אָן אַ מאַן, ווי לאַנג?

— אָבער, רייזלשי — האָט די מאַמע באַהאַלטן געשמייכלט — דאַכט זיך, אַז ס׳וועט שוין, קיין עין־הרע, זיין דער פּערטער...

— איז וואָס? אַזוי אַלט בין איך דען?

ניין. רייזל איטשע־ביקס איז נישט אַלט געווען. זי האָט נאָר געהאַט רויטע, איבערגעברענטע בעקלעך, וואָס האָבן תמיד געשמייכלט, דינע, פּאַרנאַשטע ליפּעלעך און אַ סך קייִלעכדיקע שניטן אויפן ווייכן, געפּאָלדערוועטן האַלדז. זי איז געגאַנגען מיט אַ טענצל, מיט אַזאַ מין וואָרפן זיך פאָרויס. און סיי זומער, סיי ווינטער, האָט זי געהאַט גרויסע טענות צום רבונו־של־עולם, הלמאַי ער מאַכט אַזוי, עס זאָל איר זיין איינמאָל צו הייס און איינמאָל — צו קאַלט.

רייזל האָט פון דער שיינער קאַראָלינע און פון רודאָלף דעם באַטרי־גער נישט געהאַלטן.

— באָבע־מעשיות! — האָט זי געזאָגט — נאַ דיר אַ דרייער פאַרן גאַנצן רודאָלף מיט דער גאַנצער... ווי הייסט זי דאָרטן — קאַראָלינע־שמאַראָלינע? ס׳איז דען אמת?

איז אָט די דאָזיקע רייזל אַריינגעפאַלן צו אונדז דאָס מאָל אַ צע־גליטע, אַ פאַרבהלהטע.

— פרימעט!

די מאַמע האָט אויף דער גיך אַוועקגעלייגט ס׳מעשה־ביכל, אויפ־געשטעלט זיך מיט אַ פאַרחידושט פּנים:

— גוט־שבת, רייזל!

— ביסט אַליין? — האָט רייזל נישט געענטפערט אויף דער מאַ־מעס „גוט־שבת".

— וואָס הייסט אַליין? — איז די מאַמע שוין שטיין געבליבן מיט אַ צוזאַמענגעצויגענער נאָז. אַ סימן, אַז זי האָט זיך דערשראָקן.

רייזלס קליינע אויגן האָבן זיך גלייך אָפּגעשטעלט אויף מיר. זי האָט אַ שאָקל געטון מיטן פּנים צו דער מאַמען. איך האָב געקוקט אויף ביידע, נישט פאַרשטאַנען דעם שטומען שמועס, וואָס זיי פירן מיט די אויגן.

— מענדל — האָט זיך די מאַמע אָנגערופן — גיי נאָר אַרויס אויף אַ מינוט.

— נאָך וואָס?

— אַז מען הייסט דיך, גיי!

ס'האָט מיך נישט געגלוסט. כ'האָב נישט געוואָלט.

— גיי אויף אַ מינוט אַרויס, גיי! — האָט רייזל געשאָקלט מיטן קליינעם, נאַרישן קעפּל.

זי אַליין האָט פאַרמאַכט נאָך מיר די טיר. כ'בין שטיין געבליבן אויף יענער זייט פאַרשעמט און בייז. דער גוטער יאָר האָט אָנגעטראָגן די בהמהשע רייזל. ווער האָט געשיקט נאָך איר, ווער?

אַ סוד געבּרענגט. און אַז אַ סוד, טאָר איך נישט הערן?

איך ווייס, אַז ביי אַלע סודות שיקט מיך די מאַמע אַרויס פון שטוב.

וועל איך דווקא נישט גיין. וועל איך מיך דאָ אוועקשטעלן און קיך הינטער דער טיר און הערן.

כ'האָב צוגעלייגט ס'פּנים מיט די אויערן צו דער פאַרמאַכטער טיר. כ'האָב אַריינגעקוקט דורכן לאָך פון שליסל. אָבער נישט כ'האָב געקאָנט עפּעס זען, און נישט כ'האָב געקאָנט עפּעס הערן.

מוז זיין, אַז ס'איז אַ גרויסער סוד, אויב מען רעדט אַזוי שטיל. ס'מוז אויך זיין אַ ביטערער סוד. מחמת די טיר גיט זיך אַ רייס אויף מיט אַ ירגזון, מיט אַ בהלה, און כ'זע, ווי די מאַמע וואַרפט אויף זיך אַרויף אין איין איילעניש די ווינטערדיקע שובע.

אין פאַרלויף פון די פּאָר מינוט, וואָס מען האָט זיך געסודעט, האָט די מאַמע געקריגן אַ לאַנג־אויסגעצויגן פּנים, אַ דערשראָקנס. רייזלס פאַר־נאַשטע ליפּעלעך ציטערן, אַזוי ווי אין פיבער. דער טאַטע הערט נישט. ער ליגט מיט פאַרריסענע נאָזלעכער צום בעליק.

פון גרויס איילעניש קאָן אַזש די מאַמע נישט אַריינטרעפן אין די לעכלעך פון דער שובע. די פישעי וויל זיך באַין אופן נישט האַלטן אויפן אַרויפגערוקטן שייטל. זי לויפט, די מאַמע, מיט האַלבע טריט איבער דער שטוב. אָט וואַרפט זי אַ בליק דעם שלאָפנדיקן טאַטן, אָט דערזעט זי מיך און קוקט מיך אָן מיט אַ פּאָר צעטומלטע אויגן. נישט אַנדערש, נאָר די מאַמע האָט עפּעס אין זינען געהאַט. איצט וויל זי זיך דערמאָנען און קאָן נישט.

— מענדל! — גיט זי אַ שאַרפן, גיכן זאָג — זאָלסט נישט לאָזן די שטוב אַליין, אַז דער טאַטע וועט אויפקומען, שטייט דאָרט אויף דער „פּולקע” באַרנדלעך־יויך. כ'על באַלד צוריקקומען.

ס'האָט געמוזט, חלילה, עמעצער אוועקפאַלן. די מאַמע לויפט אַרויס,

אזוי ווי אן אויסגעשאָסענע. רייזל איטשע־ביקס טאַנצט נאָך אויף אירע פאַרקירצטע פיסלעך.

אין שטוב בלייבט אַ ווינט, אַ ליידיקייט. מיך באַפאַלט אַ מרה־שחורהדיקע שרעק.

כ׳דאַרף טאַקע נישט לאָזן די שטוב אַליין. אָבער מיר ווייזט זיך אויס, אַז טאָמער בלייב איך, וועל איך דאָ אויסגיין.

איך האָב דער מאַמען נישט געפאָלגט. זאָל זיין, וואָס ס׳האָט צו זיין. אָבער כ׳מוז דערגיין, מיט וואָס פאַר אַ סוד רייזל איז דאָס צו אונדז געקומען, און ווו איז דאָס די מאַמע אַצינד געלאָפן.

כ׳האָב געכאַפּט אויף מיר דאָס פאַלטנדל, נישט צוגעקנעפּלט, נישט צוגעהעקלט און בין אויך אַרויס אינדרויסן.

ביים דייטשישן קלויסטער האָב איך מיך פאַרשטעקט אין אַן אויס־געשניטן ווינקל אַריין. ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז די מאַמע דרייט זיך אויס און קוקט, צי כ׳גיי נישט אַמאָל נאָך.

אויף דער וואַרשעווער גאַס האָב איך מיך נאָך אַמאָל באַהאַלטן אין אַ טויער אַרײַן.

די מאַמע מיט רייזלען זענען אַריין אין שול־געסל. איך בין זיי נאָך.

דאָס שול־געסל אַליין איז שמאָל, אויסגעבויגן, ווי אַ רייף, ענג און טונקל.

די ווייסע שול מיט די בלויע, רונדיקע פענצטער שפּאַרט זיך אָן אויפן נידעריקן בית־מדרש, וואָס רוקט זיך אַביסל אַרויס אין געסל אַריין.

די איבעריקע הייזלעך ליגן אָנגעלענט איינס אויף ס׳אַנדערע. נישט אַנדערש, נאָר אַ שטורעם־ווינט האָט אַמאָל געמוזט איבער זיי אַ שפּרייז טון, האָבן זיי זיך אויסגעבויגן און קאָנען זיך שוין מער נישט אויס־גלייכן.

זעט אויס, אַז ס׳האָט זיך דאָ געמוזט עפּעס פאַרלויפן.

גאַנץ שטאָט ווייבער מיט יידן האָבן פאַרוואָרפן דעם שבתדיקן דרימל און זענען אַהערגעקומען צו לויפן אויף עפּעס אַ בייז וווּנדער. ס׳איז אַ שטופּעניש און אַ געדראַנג. מען פאַררייסט פּנימער, מען ציט אויס העלדזער, מען שטעלט זיך אויף די שפּיץ נעגל אַ קוק צו טון איבער יענעמס קאָפּ.

אַלע פּאָר מינוט קומט צו לויפן פרישער עולם, פרישע ווייבערישע

קופּקעס. די מאַמע מיט רייזלען האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט צווישן בערד און שייטלען. איך ווייס שוין לאַנג נישט, ווו זיי האָבן זיך ערגעץ אהינ־געטון.

איך שטופּ מיך צווישן קאַלטע, מאַנסבילישע קאַפּאָטעס און אויסגע־וואַרעמטע, ווייבערישע ספּודניצעס. דורך פאַרעמדע פּיס און עלנבויגנס וויל איך מיך אַדורכקריגן אהין צו יענעם אָרט, ווו אַלע רייסן אַזוי די קעפּ מיט די פּנימער.

זעט אויס, אַז מען ווייסט נישט, ווער איך בין. מען גיט גאָרנישט אַכטונג אויף מיר. אַז נישט, וואָלטן זיך נישט געשיט אַזעלכע אָפּגעריסענע, שווערע רייד:

— יאָ. לייזער הוי־הענדלערס.

— אוודאי, אַז מ'האָט אַ שטיף־מאַמע!

— וואָס איז דאָ די שטיף־מאַמע שולדיק?

— ווער דען איז שולדיק, פעטער גרונם?

— אַז איינס איז נישט קיין לייט, וועט אַן אייגענע מאַמע אויך נישט העלפן.

שטיקער האָגל זענען עס, נישט קיין רייד. מען רעדט, הער איך, וועגן מיין טאַטן, וועגן מיין מאַמען. הייסט עס, אַז דער גאַנצער געטומל, דאָס שטופּן זיך און דאָס ברומען האָט אַ שייכות מיט אונדז, מיט אונ־דזער שטוב.

איז, ווי כ'רייס מיך אַזוי, דורך די קאַפּאָטעס און ספּודניצעס, דער־טראָגט זיך מיטאַמאָל, איבער אַלעמענס קעפּ אַריבער, אַ לאַנגער, אויס־געצויגענער פייף, אַ מין געשריי מיט אַ יאָמער צוזאַמען:

—ליבער גאָט אין הימל, שיק מיר דעם טויט! נאָר דעם טויט שיק מיר!

עולם צערוקט זיך בהלהדיק. דאָס געשריי לאָזט אָפּ אויף אַ מינוט. ס'ווערט אַזוי ווי איינגעשרומפּן. אָבער באַלד גיט עס אויפסניי אַ ריס מיט אַ ווידערקול:

— טאַטע דערבאַרעמדיקער, וואָס האָסטו געוואָלט פון מיר?

מענטשן דרייען אַוועק די פּנימער. איין ייִדענע, אַן אַלטע שוין, אין אַ קופּקע, רייסט זיך מיט אַן איינגעפאַלן מויל:

— מאַנסלייט, גייטס אַוועק פון דאַנען, מאַנסלייט!

נעמען זיך שאַרן הינטערווייַלעכטס שטיוול און שיך. עס ווערט

גערוימער. קום איך מיטאמאָל אויס פון סאַמע פאַרנט. טאַקע דאָרט, ווו אַלע האָבן פאַררײסן די קעפּ מיט די נעז.

ערשט דאָ האָב איך דערזען, אַז אַרום מיר און דאָרט, ווו דער גאַנצער עולם האָט זיך געשטופּט, איז דער שניי רויט. די זון האָט זיך נישט געזעצט. די שויבן פון דער שול זענען בלוי. טאָ פונוואַנען איז דער שניי רויט?

עס רוקט זיך ווידער עמעצער אַוועק. עפנט זיך פּלוצלינג פאַר מיין פּנים אַ לאַנגער, אויסגעצויגענער פלעק פון אַ מענטש, וואָס טאַרעט זיך אין שניי.

אַז ס'איז גאָר קיין מענטש נישט און נישט קיין פלעק! ס'איז דאָך טויבע. אונדזער טויבע!

זי ליגט דאָס אַזוי אין רויטן שניי, אַ צעריסענע אויף צוויי שטיקער, אַן אויפגעעפנטע. ביידע פיס, נאַקעטע, זענען אויפגעשטעלט ווי העלצער, און פון די פיס אַרויס, צי גאָר פון בויך אַרויס, גייט דאָס אַזוי דאָס בלוט.

טויבע דערזעט מיך. כ'ווייס נישט, צי זי דערקענט, ווער איך בין. ס'פּנים איר איז רויט, געשוואָלן. זי קוקט אויף מיר מיט גרויסע, קיילעכדיקע, איבערגעדרייטע אויגן, אַזוי ווי אַ קעלבל.

מיטאמאָל הייבט זי אונטער דאָס געשוואָלענע פּנים, ציט אויס די נאַקעטע פיס אין פאַרבלוטיקטן שניי אַריין און צעשרייט זיך מיט אַ פאַרשפּיצטן ניגון:

— מענטשן! גיטס מיר סם! האָטס רחמנות!

אין דער רגע האָב איך פונדערווייטנס דערזען די מאַמע. זי איז געגאַנגען אַהער מיט אַן אָפן מויל. כ'ווייס נישט, צי זי האָט נאָר־וואָס געהאַט געשריגן, צי זי איז ערשט אַצינד געגאַנגען שרייען. כ'ווייס אויך נישט, ווו זי איז געווען ביז אַצינד. נאָר עולם ווייבער האָט זיך גענומען אַוועקרוקן. ס'איז געוואָרן שטיל. איבער די קעפּ האָט זיך איבערגעגעבן אַ טויב, איינגעהאַלטן ווידערקול:

— פרימעט!

— פרימעט, דוד פרווקעס!

— די שטיף־מאַמע.

די מאַמע האָט זיך דורכגעשטופּט אַ שוואַרצע, מיט אַן איינגעפאַלן פּנים.

די פּישעי איז איר געלעגן אויף די אַקסלען. זי האָט זיך אַראָפּגע־בויגן צו טויבען. מיך האָט זי, זעט אויס, נישט געזען. כ׳האָב נישט גע־הערט, זי זאָל האָבן עפּעס געזאָגט צו טויבען, אָדער טויבע צו איר. נאָר אויסגעוויזן האָט זיך מיר, אַז אַרום און אַרום איז איצט קיינער נישטאָ. בלויז די מאַמע און טויבע.

פון באָד־געסל, וואָס פירט צום שטאָטישן קאַנאַל, איז אָנגעפאָרן אַ שליטן, אַ לאַנגער, אַ פּויערישער.

אויף אַזאַ שליטן האָט מען אַמאָל, נישט דאָ געדאַכט, אַוועקגעפירט מיין ברודער משהן אין שפּיטאָל אַריין. ס׳איז, דאַכט זיך, דער אייגע־נער שליטן מיטן אייגענעם אָנגעפּעלצטן גוי.

— נאַבאָק, זשידקי! — שרייט דער גוי און שניידט זיך אַריין מיטן פערד צווישן די קאָפּאָטעס מיט די ספּודניצעס.

— יאַק יעדזיעש, כאַמיע? — כאַפּט אַוועק אַ יונגע מויד דאָס פּנים פון פערדישן קאָפּ.

— נאַבאָק! ניע סטאַטש טוטאַי, פּשאַ מאַטש!

—סאַם פּשאַ מאַטש!

— שאַ! שאַ! — רופן זיך אָן שטימען פון דער מיט אַרויס — זי האָט זיך שוין נישט מיט וועמען צו קריגן, האָט זי זיך שוין נישט!

עולם האָט זיך צערוקט. דער שליטן איז שטיין געבליבן נישט ווייט פון יענעם אָרט, וווּ טויבע איז געלעגן.

דער אָנגעפּעלצטער גוי, צוזאַמען מיט נאָך אַ גוי, זענען אַרויסגע־קראָכן פון שליטן. איינער האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו טויבען און גע־וואָרטשעט:

— פּשאַקרעוו! ניע מאָגלאַ טאָ זאַטשעקאַטש!

— ניע מיאַלאַ טשאַסו... — האָט פון עולם ווער געענטפערט.

— ניע גאַדאַטש טאַם! — האָט זיך דער גוי געבייזערט.

די מאַמע איז געשטאַנען נאָענט נעבן אים. זי האָט אים עפּעס גע־זאָגט. ער האָט שטיל געשאָקלט מיטן קאָפּ.

דערנאָך האָבן ביידע גויים אונטערגעהויבן טויבען פון שניי. איצט האָט טויבע געהאַט אַ ווייס פּנים. זי האָט געהאַלטן די אויגן פאַרמאַכט. זי האָט נישט געשריגן. מען האָט זי צוגעדעקט, אַרומגעוויקלט און אַרומ־געלייגט מיט שטרוי.

צווישן עולם האָט מען געברומט. צו מיר זענען דערגאַנגען אָפּגעריסענע שטיקער קרעכצלעך, האַלבע קולות:

— ס'ממזר?

— טויט...

— אַ יינגל?

— אַ מיידל?

אַ פרעמדער סטראַזשניק, אַ געקומענער פון דער צענטער גאַס, האָט זיך אוועקגעזעצט צופיסנס פון שליטן, אַזוי ווי אַמאָל מיין מאַמע, ווען מען האָט געכאַפּט איר משהן אין שפּיטאָל אריין.

איצט איז די מאַמע געגאַנגען אין אַ זייט. ביי די אייזערנע שטאַכעטן פון דער שול האָט זי זיך געשאַרט. איינע אַליין, אָן רייזלען איטשע־ביקס. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איצט גייט נישט די מאַמע, נאָר מען שטופּט זי.

דער שליטן האָט גערירט. שטיקער רויטער שניי האָבן זיך אָפּגעזעצט אויף די ביעגונעס. איבער דער שול איז געשטאַנען אַן אָנגעלאָפענער וואָלקן, אַ שוואַרצער, אַזוי ווי פון געזעצט בלוט.

## קאַפּיטל אַכצן

טויבען האָט מען אוועקגעפירט אין גויאישן שפּיטאָל אַריין. אין איינגענעם שפּיטאָל אַריין, הינטער וועלכן איך בין אַמאָל, אין אַ ווינטערדיקן אויפדערנאַכט, שיער נישט פאַרפרוירן געוואָרן און מען האָט מיך געמוזט כאַפּן צו דער באָבען אין שטיבל אַריין.

אין דאָזיקן שפּיטאָל פירט מען אריין קראַנקע דורך אַ רויט טויער. יידן זאָגן, אַז דורך דעם אייגענעם טויער גייען שוין די קראַנקע צוריק נישט אַרויס, נאָר מען פירט זיי טויטערהייט, דורכן שוואַרצן טויער, אין דער קאַזשעניצער גאַס אַריין.

אַ גאַנצע וואָך קוקן די לאַנגע שפּיטאָל־פענצטער אויף דער גאַס אַרויס מיט אַ ווייסער, אָפּגעהיטענער שטילקייט.

אַמאָל קומט צו גיין אַ גויעלע מיט אַ קויבערל עסן און וואַרט אָפּ אַ האַלבן טאָג, ביז מען נעמט עס פון איר צו. אַמאָל שלאָגט זיך אַ פויער־

טע הינטערן פּאַרקאַן קאָפּ אָן וואַנט און פאַרגייט זיך מיט א גרויס גע־וויינעריי, און גאָר אַמאָל שטייט אַ גויאישער מאַנסביל מיט קינדער און בעט זיך, מען זאָל אים אַריינלאָזן צום קראַנקן ווייב.

נאָר אַז עס קומט זונטיק, אָדער אַזוי אַ חגא־טאָג, ווערן די ווייסע, שטילע פענצטער באַזעצט און באַשטעלט מיט קראַנקע שיקסעס. זיי שמועסן זיך איבער, די שיקסעס, דורך איבערווינקען און דורך האַנט־צייכנס, מיט די רוסישע זעלנער, וואָס פאַרדרייסן די קעפּ אַרויף צו די פענצטער און שפּייען די סעמיטשקעס־שאָלן דורך די ווינקלען פון מויל.

אויף שטום־לשון זידלט מען זיך, אויף שטום־לשון מאַכט מען חוזק, מען ווייזט פייגן, מען בלעזלט אַרויס די צונג. און געפּעלט ווערט פון די קראַנקע שיקסעס — דרייט זי זיך אויס און דעקט אָפּ אַ ווייסן, גרויסן הינטן אין די שויבן אַריין. די זעלנער אויף דער גאַס צעשיטן זיך מיט אַ צעשפּרייט, אַנגעפּרעסן געלעכטערל. עס הייבן זיך אָן שיטן אַרויף דריי־גאָרנדיקע, רוסישע נבול־פּה־רייד. מען איז נישט יוצא מיט בלויז רייד, נאָר מען ווייזט צוריק זעלנערישע הינטנס מיט אַנדערע זעלנערישע מיאוסקייטן.

מיידן טאַקע יידן אויס, אין די זונטיקדיקע טעג, דאָס גויאישע שפּיטאָל. זיי האָבן סתם נישט ליב דאָס דאָזיקע שפּיטאָל. דאָ — זאָגן יידן — שעכט מען און מען קוילעט און מען האָט אפילו נישט פאַר וועמען זיך צו זשאַלעוועו. זיי האָבן מורא, די יידן, נישט אַזוי פאַר די קראַנקע שיקסעס און פאַרן שוואַרצן טויער, ווי פאַר קאַשיצקעלע דאָק־טאָר, וואָס האָט אַ האַרץ פון אַ טאַטער און אַ ליאַדע־וואָס הייסט ער שניידן.

— אַ קוילער — זאָגן יידן — איז ער, דער קאַשיצקי דאָקטאָר. אַ בויך־שניידער.

איז מיר טאַקע אַ גרויסע ווייטיק, ווען מען האָט אָפּגעפירט טוי־בען אין יענעם שפּיטאָל אַריין, צום בויך־שניידער קאַשיצקי.

אליין, פון גוטן ווילן, וואָלט זיך טויבע קיינמאָל נישט געלאָזט פירן אַהין צום מלאך־המות קאַשיצקי. איצט אָבער, אַז ס'איז מיט איר, נעבעך, געשען אַזאַ אויסטערלישן אומגליק, מוז זי האָרט ליגן און וואַרטן, אַז ער, קאַשיצקי, זאָל זי צעשניידן און מען זאָל זי אַרויספירן דורכן שוואַרצן טויער.

ווער ווייסט, צי מען האָט זי שוין, חלילה, נישט אַרויסגעפירט.

אין די פענצטער האָט מען טויבען נישט געזען, נישט זונטיק און נישט קיינמאָל נישט. צו איר האָט מען נישט ארויפגעשריגן און נישט ארויפגערעדט. איר האָט מען קיין קויבערלעך מיט עסן נישט געטראָגן. קיינער איז נישט געקומען, קיינער האָט זיך נישט געפרעגט אויף איר.

די מאַמע איז פון יענעם שבת אָן ארומגעגאַנגען מיט א שווארץ פּנים. זי האָט אינגאנצן אויפגעהערט צו רעדן, אויפגעהערט צו גיין צו שכנים און נישט פארענדיקט די טרויעריקע פּאַסירונג פון דער אומשולדיקער קאַראָלינע.

אויפן טאַטן האָט די מאַמע אזוי ווי מורא געהאַט צו קוקן. פון צייט צו צייט האָט זי נאָר געכאַפּט א זייטיקן בליק אויף אים. אין דאָזיקן בליק איז תמיד געלעגן א צעשראָקענע פארחידושטקייט, א מין טויטשרעק פאַר דעם, וואָס מוז קומען.

— ווייסט ער גאָרנישט, לייזער? — האָט דער בליק געפרעגט און געוואָרט, דער טאַטע זאָל זיך אויפוועקן פון זיין טויבקייט, פון זיין נישט הי־זיין.

דער טאַטע, זעט אויס, האָט נאָך טאַקע גאָרנישט געוווּסט. ער איז געשלאָפן שווערער ווי אַלעמאָל. ער האָט געשנאָרכט העכער, ווי אַלעמאָל.

אַז ער איז אַהיימגעקומען אויפדערנאַכט א מידער, א געפרוירענער, האָט די מאַמע אים דערלאַנגט די וועטשערע וואָס גיכער. זי איז נישט געזעסן מיט אים צוזאַמען ביי איין טיש, נישט געפרעגט זיך, ווי ס'איז אים דאָרט היינט דערגאַנגען אין דאָרף.

ס'רוב איז זי געזעסן אין קיך. זי האָט זיך געפּאָרעט דאָרט בייַם קוימען, געוואַשן די טעפּ, אויסגעשווענקט זיי צו עטלעכע מאָל, ביז דער טאַטע האָט גענומען דרימלען מיט א שווער־געזונקענעם קאָפּ. דעמאָלט ערשט האָט זי אַראָפּגערוימט פון טיש און געשאָקלט דעם טאַטן ביי אַן אַקסל.

— לייזער, גיי, לייג דיך, גיי...

אָבער ווי לאַנג איז דער שיעור נישט צו וויסן? מן־הסתם, מעסטנדיק מיט די הענט די סטויגעס היי, אָדער אַרומקריכנדיק צווישן די פורלעך אויפן מאַרק, איז צו זיין טויבלעכקייט דערגאַנגען עפּעס א שאָרך. אפשר האָט א שלעכטער מענטש, א שונא, אַריינגעשריגן דעם טאַטן אין

אויער אַריין די פינצטערע בשורה? אפשר האָבן די ווינטן אין פעלד גע־ברענגט אים אַ גרוס פון זיין טאָכטער אין גויאישן שפּיטאָל?

ער האָט עס אונדז נישט געזאָגט. נאָר איינמאָל איז ער אַהיימגע־קומען תחילת נאַכט. ער איז נישט געגאַנגען, ווי אַלעמאָל פאַמעלעך און שווער, ווי ס'גייען אַלע יענע מענטשן, וואָס האָבן צו טון מיט פויערים און מיט פעלד, נאָר ער איז אַריינגעפאַלן.

ס'פּנים צעטראָגן, די באָרד צעקנוידערט, אַזוי ווי ער וואָלט גע־שלאָפן אויף איר. ס'מויל — קיילעכדיק געעפנט. נישט אַנדערש נאָר די פינצטערע בשורה איז אים אַריין אין מויל און ער קאָן עס נישט פאַר־מאַכן. דאָס קעזן־זעקל פון דער „באָנדע", וואָס זיין טאָכטער ביילע האָט אים אַמאָל געשיקט מיט יאַרמע בעל־עגלה, איז אים איצט אַראָפּגעפאַלן פון קאָפּ, ווי אַ מיד, איבעריק אבר. דאָס פּליושענע היטל איז געשטאַ־נען בהלהדיק פאַררוקט אויף אַ זייט.

די מאַמע איז, גראָד אין יענער מינוט, געזעסן ביים נאַפט־לעמפּל און פאַרראַכטן אַ העמד. אַז די טיר האָט זיך אַזוי געגעבן אַ רוק אויף און דעם טאַטנס לאַנגער שאָטן איז געפאַלן ביז אַ שטיק אין שטוב אַריין, האָט די מאַמע, זעט אויס, גלייך דערפילט, אַז דאָס האָט אים די פינצטע־רע בשורה געבראַכט אַזוי צו טראָגן. זי האָט פּלוצלינג אַ כאַפּ געטון אַ פינגער צום מויל, אַ נאָג געטון און האַסטיק אויפגעשטעלט זיך מיטן העמד אין דער האַנט.

דעם טאַטנס גרויסע, בלויע ווייסלעכטסער האָבן איצט געהאַט רוי־טע אָדערלעך אין די ווינקלען. די מאַמע איז געשטאַנען פאַר אים אַ גע־בויגענע, געמרוגעט מיט די אויגן, אַזוי ווי נישט טויבע וואָלט שולדיק גע־ווען, נאָר זי טאַקע, די מאַמע אַליין.

— פרימעט — האָט דער טאַטע מיט אַ שווערן אָטעם אַרויסגע־קרעכצט — קום נאָר אויף אַ מינוט...

— וואָס איז געשען, לייזער?

— קום נאָר אויף אַ מינוט.

ער האָט זי אַריינגעפירט אין קיך אַריין. דאָס העמד, וואָס די מאַמע האָט געהאַלטן אין פאַרריכטן, האָט זיך נאָכגעשלעפּט מיט איין אַרבל אַראָפּ, אַזוי ווי אַן איבערגעדרייטע האַנט פון אַ פאַרחלשטן מענטש

זיי האָבן צוגעלענט די טיר. אין קיך אַריין האָב איך נישט געהאַט קיין מוט מיטצוגיין. בין איך צוגעפאַלן צו דער האַלב־אָפּגעלענטער טיר

און אויפגעשטעלט ס'פּנים. קיין רייד זענען צו מיר נישט דערגאַנגען, כ'האָב נאָר געהערט אַן אָנגעצויגענעם, סאַפּנדיקן אָטעם. ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דאָרט אין קיך קנעט מען גרויסע שטיקער טייג און מען וואַרפט זיי אויף דער פּאָדלאָגע.

נאָר אָט דערהער איך, אַזוי ווי אַ לייכטער ווינט וואָלט גערוישט צווישן פּאַפּיר.

— שאַ, לייזער, רעד נאַרנישט...

— כ'זאָל נישט רעדן, זאָל איך נישט? — פאַרדושעט זיך דער טאַטע מיט אַן ענג קול.

מיר איז אויסגעקומען, אַז דער טאַטע פאַרקייכט זיך דאָרטן און מען דאַרף אַריינלויפן אים דערמינטערן.

כ'האָב מיך איינגעשטעלט, אָפּגעלענט ברייטער די טיר און אַריינגעקוקט.

דער טאַטע איז געשטאַנען אינמיטן קיך מיט געליימטע, אַראָפּגעלאָזטע הענט. אַזוי גרויס און לאַנג זענען דעם טאַטנס הענט קיינמאָל נישט געווען. די מאַמע פּאָרעט זיך אַרום אים, אַזוי ווי ביי אַ קראַנקן. מיט וואַרפנדיקע הענט ציט זי אים אַראָפּ די „באַנדע" פון די אַקסלען. ער שטערט איר נישט. זיין קאָפּ בייגט זיך וואָס אַמאָל מער אַראָפּ צו דער ערד. נישט אַנדערש, נאָר דער טאַטע איז שלאָף געוואָרן. אָט נעמט אים טאַקע די מאַמע אָן אונטערן אָרעם און פירט אים געלאַסן אריין אין שטוב. זי זעצט אים אַוועק ביים טיש. ער בלייבט זיצן שטייף, קאַלט, אַזוי ווי אויסגעגאָסן פון גלאָז. די מאַמע ברענגט גיך אריין פון קיך אַ קוואָרט וואַסער מיט אַ שיסל.

— נאַ, וואַש דיך, לייזער — רעדט זי אַזוי שטיל, פּונקט ווי זי וואָלט געהאַט טרערן אין האַלדז — כ'האָב געקאָכט לעבער מיט קאַרטאָפליעס.

אָבער דער טאַטע, זעט אויס, הערט נישט, אָדער פאַרשטייט נישט, וואָס מען וויל פון אים.

— נו, וואַש דיך שוין. ס'עסן ווערט דאָך איבערגעשטאַנען.

דעם טאַטנס הענט ציטערן. דאָס וואַסער פון דער קוואָרט גיסט זיך אַריבער איבער דער שיסל. די מאַמע ברענגט אריין די שוואַרץ־צוגעברוינטע לעבער מיט די צוגערייסטע קאַרטאָפל. איבער דער שטוב צעטראָגט זיך אַ זיסלעך־וואַרעמער ריח. דער טאַטע פּרוּווט עסן. ער קייעט

פּאַמעלעך, לאַנג און מיט שטייענדיקע אויגן קוקט ער אין פּלעמל אַריין פון לעמפּל.

מיטאַמאָל בלייבט דעם טאַטנס לעפל שטיין אין די צעריבענע קאַר־טאָפל.

די מאַמע, וואָס האָט ווידער גענומען ס׳העמד צו פאַרריכטן און נישט אַראָפּגעלאָזט דערביי קיין אויג פון טאַטנס פּנים, האָט אויפגע־צאַפּלט, ווי אַ הון:

— וואָס טוט זיך מיט דיר, לייזער! פאַרוואָס עסטו נישט פאַר־וואָס?

אָבער דער טאַטע קאָן זיך מער צום עסן נישט צורירן. דער שטייענ־דיקער לעפל בייגט זיך אויס אין אַ זייט און פּאַלט אינגאַנצן אוועק, אַזוי ווי אַן אונטערגעשניטן ביימל.

דעם טאַטנס קאָפּ פאַלט אויך עפּעס אוועק אין אַ זייט.

אַלץ אין שטוב, דאַכט זיך, בייגט זיך אַזוי אוועק אין אַ זייט, אַפילו דאָס פלעמל פון לעמפּל שרומפּט זיך אויך איין. איבער דער שוואַרץ־פאַרברוינטער לעבער פאַרציט זיך אַ גרינלעך־געריכצלט הייטל.

***

איז פון יענעם אויפדערנאַכט אָן האָב איך דעם טאַטן שוין אַנ־דערש נישט געזען, ווי נאָר מיט אַ געבויגענעם קאָפּ. וואָס מער דער קאָפּ איז אַראָפּגעפאַלן, מער האָבן זיך די אַקסלען אויפגעהויבן.

ער האָט אָנגעהויבן רעדן שטילער. גיין שטילער און עסן גאָר־גאָר פּאַמעלעך.

טויבען האָט מען אַ גאַנצע צייט נישט געזען. מען האָט נישט גע־רעדט וועגן איר. פאַרגעסן געוואָרן ביי אונדז אין שטוב. בלויז יאַנקל יאַרמע בעל־עגלהס, דער חבר מיינער, האָט מיך אַריינגענומען איינמאָל אין אויסגעוואַרעמטן שטרוי פון זיין טאַטנס אַמניבוס און מיט אַ היים קול, וואָס איז אים נעגאַנגען נישט פון האַלדז, נאָר פון גאַנצן לייב, האָט ער מיר אַריינגעאָטעמט גלייך אין פּנים אַריין:

— האָסט אַליין געזען? מיט דיינע אייגענע אויגן?

— יאָ, מיט מיינע אייגענע אויגן.

— אין שניי אַריין, זאָגסטו?

— אין שניי אריין.

— ווי אזוי האָט עס אויסגעזען?

כ'האָב אים נישט געוווסט, וואָס צו ענטפערן. כ'האָב אים, איינגנטלעך, נישט געוואָלט ענטפערן. וואָס דאַרף ער וויסן, ווי אזוי ס'האָט אויסגעזען? וואָס איז זיין עסק? וואָס מישט ער זיך צו אונדזער טויבען?

ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז דער טאַטע זיינער וועט מיך מיטנע־מען אין אָמניבוס ביז צו דער קרעטשמע.

אָבער דאָס מאָל בין איך אים מוחל געווען די „יאַזדע" און זאָל ער מיך געמאַך לאָזן.

איז שוין, אויס מיט טויבען. איך נאָמען הענגט אויף די ווענט פון אונדזער שטוב. ער ליגט אין די פאַרטראַכטע, מידע אויגן פון טאַטן, אין דער מאַמעס צוזאַמענגעשנורעוועטע ליפּן, אין מיין צעהיצטן, צעטראַ־גענעם דמיון. אָבער רעדן רעדט מען נישט וועגן טויבען. נישט טאַטע־מאַמע, נישט יאַנקל, נישט קיינער נישט.

# קאַפּיטל ניינצן

אזוי־אָ איז מען ביסלעכווייז איבערגעקומען דעם ווינטער. די נעכט זענען געוואָרן קירצער. די באַגינענס זענען אויפגעשטאַנען פאַררויטלטע און אויסגעוואַרעמטע. אין גבירישע הייזער האָט מען שוין גענומען עפע־נען פענצטער, פּוצן שויבן.

ס'האָט אַ שמעק געטון מיט וואַרעמע וואַסערן. מיט געלופטערט בעטגעוואַנט.

אפילו ביי סימע־יוספן אין חדר האָט מען אויך געשפּירט, אַז עס גייט צו זומער. ער האָט אָנגעהויבן פאַרטייטשן מיט אונדז די מגילה. המנס צען בנים האָבן זיך שוין געבאָמבלט אויף דער תליה, ווי די הע־רינג. מרדכי הצדיק איז אַרומגעגאַנגען, ווי אַ שררה, אין קייזערלעכן פּאַ־לאַץ און גוטס געטון יידן. און אסתר המלכה איז זיך אַלע נאַכט געשלאָפן מיטן מלך אחשורוש.

צו יענער צייט האָט זיך יאַנקל, דער חבר מיינער, צו עפּעס צוגע־גרייט. אַלע אויפדערנאַכט איז ער ערגעץ־ווו נעלם געוואָרן, געזוימט זיך

לאנג און ערשט, ווען אלע אין זיין שטוב זענען שוין געשלאפן, און דאס שענקל מיט ברוינט איז געשטאנען פארשלאסן — איז ער צוריקגעקומען.

מיר איז איינגעפאלן, אז יאנקל גרייט זיך צו אנטלויפן. ס'איז אים שוין פארמיאוסט די שטיף־מאמע זיינע, וואס קנייפט אים, מיטן טאטן, דעם בעל־עגלה — וויל ער עוקר זיין. אז נישט, וואלט ער זיך דאך נישט געהיטן פאר מיר און וואלט נישט ארומגעגאנגען מיט אזא סוד אויפן פנים.

ס'איז מיר א שאד געווען יאנקל. וועמען האב איך דען א חוץ אים? נאר אז ס'איז געקומען די פורים־וואך און אין גאס האט שוין גע־שמעקט מיט המן־טאשן — האט מיך יאנקל גענומען אויף א זייט און איינגערוימט א סוד, אז היינטיקן שבת־צו־נאכטס וועט מען אויף יאסל צאלעלס חתונה־סאליע פארשטעלן מכירת־יוסף־שפיל, און אז ער, יאנקל, וועט זיין יוסף הצדיק.

אנדערש נישט, נאר יוסף הצדיק. ער ווייסט דען, ווי יוסף הצדיק האט אויסגעזען? ער האט דען א כתונת־פסים? און גלאט — ווי קומט יאנקל יארמע בעל־עגלהס צו יוסף הצדיק?

זאגט יאנקל, אז מיין קאפ זאל מיר נישט דארן. א כתונת־פסים האט אים אויפגענייט שבע די נייטארין. זי אליין, שבע, וועט אויך פאר־שטעלן. זי וועט זיין, זאגט ער, די מאמע רחל. און נאטעלע בלעכער וועט שפילן פאר יעקב אבינו. הערשל „מאפס" מיטן געלן וועלוול וועלן זיין פארשטעלט פאר ראובנען מיט שמעונען. ס'וועט זיין, זאגט יאנקל, א מצבה. מ'עט ווייזן ארץ־ישראל, פרעה מלך מצרים מיט די פלשתים און מיט משה רבנו.

זע איך דאך, אז יאנקל איז א נאר און א גראבער יונג. ווי קומען דא אהער די פלשתים? און וואס האט דא צו טון משה רבנו, אז בסך־הכל, ווען יעקב אבינו האט אראפגענידערט קיין מצרים, איז דאך משה רבנו נאך אינגאנצן נישט געווען אויף דער וועלט?

ענטפערט מיר יאנקל, אז אזוי שטייט געשריבן דארט אין א ביכל. פון יענעם ביכל טאקע שפילן זיי דאס דעם מכירת־יוסף שפיל.

יאנקל זאגט, אז בחינם וועט מען דארט קיינעם נישט אריינלאזן. מ'עט מוזן אויסקויפן א קוויטל מיט א „פעטשאט" (שטעמפל), און אזא קוויטל וועט קאסטן צוואנציק גראשן.

וואס טוט מען? ביז שבת־צונאכטס וועל איך קיין צוואנציק גראשן

נישט אָנזאַמלען. ווען יאַנקל זאָגט מיר דאָס אינמיטן ווינטער, וואָלט איך געקליבן אַ גראַשן צו אַ גראַשן — און וואָלט שוין היינט געקאָנט האָבן אויף צוויי קוויטלעך. אָבער אַזוי?

האָט אָבער די מאַמע מיינע אויך געהערט פון מכירת־יוסף־שפּיל, וואָס מען גרייט זיך פאַרצושטעלן אויף יאָסל צאַלעלס סאַליע.

זי האָט עס שוין געהאַט אַמאָל געלייענט אין אַ מעשה־ביכל, און באַלד נאָך דער חתונה מיט איר ערשטן מאַן האָט זי עס געזען פאַרשטעלן פון די בראָדער זינגער. דעמאָלט, זאָגט די מאַמע, איז געווען ביליגער צו נעמען. ווער קאָן דען היינט אַזוי שיין פאַרשטעלן, ווי יענע בראָדער זינגער? זי גלויבט נישט — עס זאָל זיין עפּעס דערפון. וואָרום, וואָס מישטיינס־געזאָגט, איז ווערט אַ יוסף־הצדיק — אַז עס וועט אים שפּילן יאַנקל. דאָרט, ביי די בראָדער זינגער, זאָגט די מאַמע, האָט יוסף הצדיק געהאַט אַ שוואַרץ־זיידן בערדל. אין זיין פּנים איז גאַרנישט געווען אריינצוקוקן. און דער יאַנקל דיינער — איז דאָך אינגאַנצן באַשיט מיט זומער־שפּרענקעלעך.

נו, יאָ. די מאַמע איז גערעכט. אָבער איך האָב דאָך די בראָדער זינגער נישט געזען. פאַר מיר וועט יאַנקל אויך גענוג זיין.

— מילא — זאָגט די מאַמע — אַז דו ווילסט דווקא, וועל איך גיין מיט דיר.

אַ גאַנצע וואָך בין איך שוין נישט געשלאָפן. אין דמיון איז געשטאַנען די מצבה, וואָס יאַנקל האָט מיר אויסגעמשלט. שבע די נייטאָרין, יאַנקל אַליין. ווו וועט ער טאַקע נעמען אַזאַ שוואַרץ־זיידן בערדל, ווי די מאַמע האָט געזען ביים בראָדער יוסף הצדיק?

שבת ביים דאַווענען איז מיר איינגעפאַלן, אַז נישט יאַנקל דאַרף שפּילן יוסף הצדיק, נאָר מענדל דעם פעטער בן־ציונס. יוסף הצדיק דאַרף דאָך, מן־הסתם, זינגען, און ווער האָט נאָך אַזאַ זיס קול־נגינה, ווי מענדל? נישט מער, מענדלען וואָלט, מן־הסתם, נישט אָנגעשטאַנען צו שפּילן מיט נאָטעלע בלעכער און מיט שבע די נייטאָרין.

נאָר וואָס איז דאָ צו קלערן, אַז היינט ביינאַכט שפּילט מען שוין. ס'איז נאָר אַ שאָד, וואָס דער שבת שטייט היינט צו לאַנג. די זון, אַ שוואַרצלעך־רויטע, וויל גאַרנישט אַפּטרעטן פון אונדזערע שויבן.

דער טאַטע עסט היינט שלש־סעודות לענגער, ווי אַלע מאָל. ער קלאַפּט נישט מיטן מעסער אין טיש אריין, נאָר האַלט עס אויפגעשטעלט

ביים הענטל, מיט דער שארף צו דער פארגייענדיקער זון. מיר קומט אויס, אז זיין „בני היכלא" ווײַנט אראפ פון מעסער.

אויך די מאמע האט היינטיקן שבת לענגער געצויגן איר „גאט פון אברהם". זי האט צוגעגעבן נייע ווערטער מיט נייע ליבענישן און איבערגעחזרט צוויי מאל א שורה.

אלץ איז היינט צוגעגאנגען לענגער ווי תמיד. די שטערן האבן זיך פארשפעטיקט. דער טאטע האט זיך פארהאלטן אינמיטן הבדלה־מאכן. די מאמע האט נישט געקענט געפינען די פישעי. א נס, וואס מאטל שטרוי איז געקומען זיך חשבונען — האט זיך שוין די מאמע צוגעאיילט און מיר זענען מיט מזל ארוים פון שטוב.

דאס הויז, וווּ ס'האט זיך געפונען יאסל צאלעלס סאליע און וווּ מען האט היינט פארגעשטעלט דאס מכירת־יוסף־שפיל, איז געשטאנען קיילעכדיק־פארוונדיקט צווישן „וואָעל" (א ברייטער מארק) און צווישן דער גאס, וואס האט געפירט אין שפיטאל אריין. דורך דאנען איז מען פרייטיק פאר ליכט־צינדן געגאנגען צו פיארסקים וואסער באדן זיך, און דורך דאנען האט מען זומער ביי זומער דורכגעפירט דעם קרבן, וואס דאס אייגענע וואסער האט יאר ביי יאר געמוזט צונעמען.

די סאליע אליין א גערוימע, א קיילעכדיקע, מיט רויטע ווענט און לאנגע פענצטער, האט באשיינט און באלויכטן א שטיק „וואָעל" מיט נאך א גרעסער שטיק שפיטאל־גאס. אויבן־אן, אויף סאמע מזרח־וואנט, איז געשטאנען א ברייטע ווייך־געבעטע פאטער־שטול פון רויטן פליוש, אן אויסגעריבענע און א פארפעצטע פון כלערליי כלהשע געזעסן. פונדאנען האט מען חתן־כלה געפירט „לייגן־פירן". פונדאנען האבן חברה קצבים און גארבערס געפירט א ספר אין שול אריין. דא איז אמאל, אין אן עת־צרה אויף יידן, פארגעקומען א גרויסע אסיפה פון רבנים און גרטע יידן — און פון דאנען האט יאסל צאלעלס אליין, א ייד א קלעזמער מיט אן איידעלער שווארצער בארד, געלאזט הערן אויפן פידעלע זיינע שטייגערס מיט זיינע וואלעכלעך.

אצינד, אויף פורים, האט יאסל צאלעלס פארדונגען די סאליע צו שפילן מכירת־יוסף.

א שטיק „וואָעל" מיט א האלבער שפיטאל־גאס איז געווען באדעקט מיט מענטשן. דער הימל איז געלעגן אויף די דעכער א שווארצער. יונגען האבן געשאקלט מיט שטעקנס אין דער לופטן און געסטראשעט, אז מ'עט

גערערים פון בייכער ארויסלאָזן. מיידן מיט צעשויבערטע קעפּ האָבן זיך גערים אין די יונגען אריין. אַ יידל אין אַ געהאַקטער קאַפּאָטע, מיט צעפּאַרענע פּאָלעס, איז אַרומגעלאָפן און געפּראַלט:

— ווער ס'האָט נישט קיין קוויטל, זאָל גיין „קיביני מאַטערי". מ'עט נישט אריינלאָזן.

האָט זיך אויפגעהויבן אַ ברומעניש מיט אַ געשריי.

— אַנדערש וויל ער נישט, נאָר קוויטלעך...

—משהלע משומד... אַ שוואַרץ קוויטל קאָן איך אים געבן.

איך מיט דער מאַמען זענען געשטאַנען אין אַ זייט. נישט ס'האָט געפּאַסט פאַר דער מאַמען צו שטופּן זיך און נישט זי האָט געהאַט כוחות דערצו. נאָר אַז משהלע משומד מיט די צוויי צעלאַפּענע פּאָלעס איז פאַרבייגעפלויגן פאַר אונדז, האָט די מאַמע אים אָפּגעשטעלט:

—יונגערמאַן, זייט-זשע מוחל, יונגערמאַן!

— וואָסי? וואָס ווילן זי?

— כ'האָב קוויטלעך.

— מילא.

— ס'הייסט, מילא? כ'האָב דאָך באַצאָלט.

ער האָט זיך אַ ווײַלע מיישב געווען. ערשט אצינד אַ קוק געטון אויף דער מאַמען:

— דאַכט זיך, אַז פרימעטל?

— יאָ.

— און דאָס איז אינם יינגל?

— יאָ.

— ער האָט אויך אַ קוויטל?

— אוודאי.

— קומען זי.

ער האָט אונדז אַוועקגעפירט אין דער שפּיטאָל-גאָס אריין. דאָרט האָט ער אונדז אריינגעלאָזט אין אַ ביר-שענק, וווּ עס זענען געזעסן גויים ביי גרויסע, אָפּגעטרונקענע קופליעס שוים. דערנאָך זענען מיר אריין אין אַ שמאָל, פינצטער הייפל מיט אַ ריח פון אַ קו. משהלע משומד האָט אונדז אַרויפגעפירט אויף ענגע, גרויע שטיגן און אַ זאָג געטון:

— דאָ אַרום גייען זי.

מיר זענען אריין אין אַ בלוי-געווייסטער קיך, וווּ אַ ברייטע יידענע

האט געמישט מיט א הילצערנעם לעפל אין א גרויסן טאפ. א געלער ייד מיט א נאסער בארד האט ביי א חלבן ליכטל אריינגעקוקט אין א ספר. די ברייטע יידענע איז אונדז נאכגעגאנגען און געוויזן:

— גלייך, גלייך.

אזוי ארום זענען מיר אריינגעקומען אין יאסל צאלעלס סאליע. ס'האט אונדז ארומגענומען א ריח פון שוויס, געמישט מיט קאנדל-צוקער און פאמעראנץ-שאלן. עולם איז געשטאנען אויף לאנגע, הילצערנע בענק. מיידן האבן פארוואָרפן די הענט אויף יינגלשע אקסלען. א ייד מיט א בארד האט זיך געשיבערט ביי דער וואנט, ווייבער האבן געפרייבט און געגעסן פון פאטשיילעכלעך ארויס שטיקער צעקוועטשטן פלאדן.

דער שפיל האט זיך נאך נישט אנגעהויבן. דארט, ווו עס שטייט תמיד די פליושענע פאטער-שטול מיטן רויטן פיסנבענקעלע פאר די כלות, זעט אצינד אויס, ווי אין א גוישע פענצטער צו די חגאות. א גרויסע בליץ-לאמפ, ארומגעוויקלט מיט רויט-זיידן פאפיר הענגט, איבער א מצבה. די מצבה גופא איז צוזאמענגעקלאפט פון ברעטלעך און אנגע-שמירט מיט קאלך.

צוויי פארקרימטע הערשעלעך מיט פנימער פון וויינענדיקע קעצלעך האלטן הינטער די פאדערשטע פיסלעך דעם גאלדענעם כתר-תורה. ביי די אונטערשטע פיסלעך שטייט אויפגעשריבן שווארץ אויף ווייס:

## פ״נ די מאמע רחל

איך שטעל מיר פאר, ווי שיין דאס וועט אויסזען, ווען מ'עט דא באלד דערזען יעקב אבינו מיט זיינע זין, ווי זיי וועלן דאס פארקויפן דעם ברודער יוסף צו די ישמעאלים; ווי זיי וועלן דאס איינטינקען דעם כתונת-פסים אין בלוט און דערנאך קומען צום פאטער און זאגן, אז א חיה רעה האט פארצוקט זיין זון יוסף.

איז ווי איך שטעל עס מיר אזוי אלץ פאר, באווייזט זיך טאקע ביי דער מצבה פון דער מאמע רחל א הויכער ייד מיט א לאנגער, געלער קאַ-נאפיע-בארד, אין א וויסן קיטל מיט א זילבערנער עטרה. דער ייד האלט

א לאנגן, פארדרייטן שטעקן — מוז זיין דער אייגענער, מיט וועלכן משה רבנו האט געשפאלטן דעם ים און געשלאגן וואסער פון א שטיין.

איבער דער גאנצער סאליע גייט דורך א ברום:

— יעקב אבינו!

די בענק נעמען סקריפען. מען לייגט ארויף גאמבעס אויף פרעמדע אקסלען. עמעצער האט טענות, הלמאי מען זשאמושעט אזוי תויך מיט די מיילער.

ענטפערט מען אים, אז וועמען ס׳געפעלט נישט, האט א ברירה נישט צו קוקן.

בלייבט מען נישט שולדיק און מען זאגט, אז ווער ס׳האט גרויסע אויגן, מעגן זיי אים ארויס.

יעקב אבינו שטייט אלץ ביי דער מאמע רחלס קבר און ווארט, עס זאל שטיל ווערן. נאר וואס לענגער ער שווייגט און וואס לענגער ער קוקט פון הינטער די געלע ברעמען אפער — שטארקער נעמט מען זיך דא שטופן און איבערוווערטלען זיך. גיט יעקב אבינו א קלאפ מיט משה רבנוס שטעקן אין דער פאדלאגע אריין און א ברום, ווי א לייב:

— שטיל זאל זיין, צו אלדי שווארצע יאר!

ווערט טאקע שטיל. דעמאלט הייבט יעקב אבינו אויף דעם שטעקן און זאגט אזוי:

—הערטס אויס, מענטשן — ווייבער און יידן. באלד וועט מען דא פארשטעלן פאר ענק:

„איינע בעגעבנהייט פון יוסף מיט די ברידער
מיט זיסע ווערטער און הערלעכע לידער.
צו זינגען אין פורים מיט דעם בעכער אין דער האנט.
אין יעדער שטאט, אין יעדער לאנד״.

דעם דאזיקן פזמון זאגט נישט יעקב אבינו גלאט אזוי, נאר זינגט אים אויס אונטער דער נאז האלב־שנאפלדיק און מיט א קוויטשל:

אז ער האט שוין דעם פזמון אפגעזונגען, גיט ער א פאטש מיט די הענט און רופט אויס אין א פארמאכטער טיר אריין:

— „הערייין, הערייין, איר קינדער, די מיין״.

הויבן זיי אן קומען. די קינדער. ס׳קומט ראובן און שמעון, יהודה און יששכר. זיי גייען שטייף, אזוי ווי ביידע וואלטן ארײַנגעשלונגען

שטעקנס. אַט פאַלט אריין נפתלי, אַזוי ווי ס׳וואַלט אים ווער פון הינטן געגעבן אַ קאָפּ. דערנאָך לויפט אריין לוי — אַ יונג, ווי אַ מת, מיט לאַנ־גע, רויטע הענט, וואָס ער האָט נישט ווו אהינצוטון.

און ווי שיין זיי האָבן זיך דאָס אויסגעפוצט, יעקבס קינדער!

ראובן גייט אין אַ זיידענער, שווארצער קאַפּאָטע. ער האָט זיך אונ־טערגעגארטלט, מעשה חסידישער ייד. ער טראָגט שטעק־שיך מיט ווייסע זאָקן. אַ דיין אַ גאַנצער. ס׳פעלט אים נישט מער, ווי אַ שטריימל.

שמעון האָט ארויפגעוואָרפן אויף זיך אַ בעל־עגלהשע קורטקע, אי־בערגעדרייט מיט דער וואַטענער פאָדשעווקע ארויף, און אַזוי שוויצט ער. יהודה זעט אויס, ווי אַ תליון. וואָרום וועלכער בר־דעת טוט זיך דאָס אָן אין אַ רויט העמד? און ווו האָט ער עס גאָר גענומען, דאָס רויטע העמד! דערפאַר אָבער זעט שוין יששכר אויס, ווי אַן איידעמל אויף קעסט, מיט זיין ווייך, איבערגעלייגט קעלנערל און מיטן שניפּסל. לויט מיין שכל האָט אַזוי געדאַרפט גיין אָנגעטון בנימין. גייט ער גאָר אין אַ ווייבערישן, ענגן סטאַניק, מיט געשנורעוועטע שיך.

אַלע שטעלן זיי זיך אויס אַרום דער מצבה. אַלע מרוגען זיי מיט די אויגן. און אַלע האָבן אַזעלכע אויסגעקרימטע, פאַרשמירטע פּנימער, אַז ס׳איז זיי בשום אופן נישט מעגלעך צו דערקענען.

נאָר אַט קומט צו לויפן יוסף הצדיק אַליין.

נישט נאָר אין חומש, נאָר אַפילו דאָ איז ער אויך גאָר אַן אַנדערער, ווי אַלע זיינע ברידער.

איך ווייס, אַז דאָס איז מיין חבר יאַנקל — דער מיט די זומער־שפּרענקעלעך אויפן פּנים. פונדעסטוועגן זעט ער דאָ אויס זייער שיין.

ער טראָגט אַ סאַמעטן קאַפּעלע אַזוי ווי אַ רביש ייִנגל. פּאות האָט ער קליינע, שוואַרץ־געוויקלטע, גלאַנצנדיקע.

כ׳קען גאָרנישט פאַרשטיין, ווי ס׳קומען צו יאַנקלען אַזעלכע פּאות. אַז ערשטנס האָט ער קיינמאָל קיין פּאות נישט געהאַט און צווייטנס זענען דאָך יאַנקלס האָר האָרט און געלבלעך?

נאָר וואָס איז איינגנטלעך די נפקא מינה, אַז שיין איז ער סיי־ווי־סיי. דאָס בלויזע זיידענע העמדל מיטן אויסגעשניטענעם האַלדז, ווי ביי אַ מיידל, קליידט אים צום פּנים. ס׳איז נאָר נישט גוט, וואָס מען האָט אים געלאָזט גיין באָרוועס. דער שטעקן זיינער האָט אויך אַ פעלער. ער

איז נישט אזוי פאַרבויגן אין דער הויך, ווי ביי יעקב אָבינו. ס'איז אַ פּראָסטער שטעקן. גאָרנישט קיין ארץ־ישראלדיקער.

איז מילא. דער עיקר — אַז זיי זענען דאָ, אַלע בנים און דער שפּיל הייבט זיך אָן אויף אַן אמת.

יעקב אָבינו באַטראַכט זיי, די זין, און רופט זיך צו זיי אָן אַזוי צו זאָגן:

הערטס נאָר צו, בני ישראל,
די גבורה פון אייבערשטן איז אָן אַ מאָס און אָן אַ צאָל.
ווער קאָן זיך דערמאָנען,
וואָס כ'בין ביי לבן הארמי אויסגעשטאַנען.
און אַצינד. קינדער מיינע, גייטס פּאַשן די רינדער.
און כדי כ'זאָל נישט אַראָפּפאַלן אין מרה־שחורה,
וועל איך בלייבן דאָ מיט יוספן און לערנען תורה.

גייען די קינדער אַוועק פּאַמעלעך, איינער הינטערן אַנדערן. עס בלייבט נישט מער, ווי איין יוסף הצדיק.

אַז יוסף הצדיק מיטן פאָטער בלייבן — שטעלט ער זיך אַרויף, יעקב אָבינו, אויף אַ בענקל און הייבט אָן זינגען מיט זייער אַ טרויעריקן ניגון:

לויף שוין גיך, לויף־זשע געשווינד,
לויף אַהין צו זיי, צו די קינדער —
גיב אַ קוק, צי פּאַשן זיי די רינדער.

בוקט זיך יוסף הצדיק צו זיין פאָטער יעקב און ענטפערט:

פאָטער, פאָטער, כ'טו דיין באַגער,
איך לויף צו די ברידער און ברענג זיי אַהער.

דרייט יעקב אָבינו אַראָפּ די בליץ־לאָמפּ, יוסף הצדיק לויפט אַוועק צו די ברידער און ביי דער מאַמעס רחלס קבר ווערט פינצטער.

ווייסט מען נישט, צי האָט זיך שוין דער שפּיל געענדיקט, צי וואָס. עולם הויבט זיך אָן אויפסניי שטופּן. מען האָט טענות:

— וווּ איז ער אַהינגעקומען, דער יוסף הצדיק?

— וואָס זוימט ער זיך אַזוי לאַנג, וואָס?

— כ'לעבן, מען קאָן אים שיקן נאָכן מלאך המות.

ס׳געדויערט נישט לאַנג און די ברידער באַווייזן זיך צוריק. זיי שטעלן די שטעקנס פאַרויס און גייען האַפּערדיק. יוסף הצדיק זעט אוים קליין און דערשראָקן. נישט בחינם — ער האָט, נעבעך, פאַרוואָס אַזוי אויסצוזען.

וואָרום אַט גיט זיך אַ שטעל אַוועק איינער פון די ברידער, ער מאַכט אַ בייז פּנים און לאָזט אַראָפּ די ברעמען:

ברודער, יוסף — זאָגט ער — ברודער, יוסף.
וואָס איז דיין פאַרלאַנג, און וואָס איז דיין באַגער,
צו וואָס האָט דער טאַטע יעקב געשיקט דיך אַהער?

זעצט זיך דער ברודער יוסף אַוועק אויף אַ פּליושן פּיסנבענקעלע, ווו די כּלות שפּאַרן אָן זייערע ווייסע חתונה־לעטשלעך. ער צעשאָקלט זיך, ווי אַ גמרא־ייִנגל און ענטפערט אַזוי:

ברידער, ברידער, הערטס אויס, וואָס כ׳על ענק זאָגן:
ס׳האָט זיך מיר געחלומט, נאָר ס׳זאָלט מיך נישט שלאָגן.
אויף איין אָרט האָבן מיר געטון שטונדן.
און סנאָפּיקלעך אין פעלד האָבן מיר געטון בינדן.
מיר האָבן פון דעם אָרט געטון אַוועקגיין,
איז מיין סנאָפּיקל געבליבן שטיין.
האָט גאָט צו מיר געזאָגט: איך וועל דיך דערקוויקן.
האָבן זיך אייערע סנאָפּיקלעך צו מיינע געטון ביקן.

אַז די ברידער האָבן דאָס דערהערט, איז אַרויס שמעון אין דער בעל־עגלהשער קורטקע און מיט אַ גראָב קול, פול מיט געבייזער — אַזוי זיך אָנגערופן:

הער נאָר, דו!
מיט דיינע חלומות לאָז אונדז צורו.
וואָס נוצן דיר אַלע זאַכן,
מען מוז מיט דיר אַן ענדע מאַכן.

עולם און איך בתוכם האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם. מען האָט שוין געזען, אַז ס׳קומט, נעבעך, אַ סוף צו יוספן. ער אַליין, יוסף הצדיק, איז אַראָפּ פון פּיסנבענקעלע, אַנידערגעקניט מיט אויפגעהויבענע הענט צו די ברידער און אָנגעהויבן זינגען:

די ענגעל ווערדען דעריבער וויינען און קלאגען,
ווי איין ברודער וויל דעם אנדערן טויט־שלאגען.

אָבער שמעון איז געווען אַ שלעכטער מענטש. ער האָט רציחהדיק אַ קלאַפּ געטון מיטן לאַנגן שטעקן, און ווי אַ קייזער אַ באַפעל געטון:

ברידער, ברידער, טוט אייך באַמיען,
דאָס זיידענע העמדל אים אַראָפּצוציען.
לויפט, ברידער, ווי אַ ווינט,
און וואַרפט אים ביז צום גרינט.

האָט יוסף אויפגעהויבן די הענט צום הימל און געבעטן גאָט. ער זאָל פאַרשליסן די מיילער פון די שלאַנגען מיט די עקדישן, זיי זאָלן אים, חלילה, נישט טון קיין בייז.

און די ברידער האָבן אים געטון אַ נעם, דעם יוסף הצדיק, אַ וואַרף געגעבן אין לייבן־גרוב אריין, וואָס האָט זיך געפונען הינטער דער מאַמע רחלס מצבה און אליין האָבן זיי זיך געזעצט עסן און טרינקען.

און אַזוי ווי זיי האָבן געגעסן און געטרונקען, זענען אָנגעקומען פון דער אַנדערער שטוב אַרוים די ישמעאלים. זיבן זענען זיי געווען. הויכע, מיט פלאַקסענע בערד און גרויסע, רויטע נעז, אַרומגעוויקלט די קעפ מיט ווייסע האַנטיכער.

האָט זיך ווידער אויפגעשטעלט שמעון, געבוקט זיך צו די „קויף־לייטע" און אַזוי זיך אָנגערופן:

איר, האַרן, פון ווייטן לאַנד,
מיר ווילן יוספן פאַרקויפן צו שאַנד.
ווי ס'איז אייך ליב דאָס לעבן און די וועלט —
זאָלט איר אונדז געבן פאַר אים
צוואַנציק טאָלער זילבער־געלט.

די ישמעאלים האָבן זיך נישט געדונגען און גלייך באַצאָלט די צוואַנציק טאָלער זילבער־געלט.

מן־הסתם האָט עס יוסף דערהערט אין לייבן־גרוב. וואָרום באַלד האָט ער גענומען אַרויסזינגען פון דאָרט מיט גרויס געוויין און מיט גרויס קלאַנג

מוטער, מוטער, הער אוים מיין געוויין,
וואס קען איך מיר העלפן, אז כ׳בין דא אליין.
דרום בעט און קלאג, לויף, זוך און מי,
די ברידער, זיי זאלן מיך לאזן צורו.

האט זיך די מצבה א שאקל געטון. מיר איז קאלט געווארן. מן־הסתם איז דעם גאנצן עולם אזוי קאלט געווארן.

פון הינטער דער מצבה אפער איז ארוים א געשטאלט א ווייס, אין א לאנג העמד, מיט א טיולענעם וועלאן איבערן פנים, ווי א כלה צום באדעקנס.

ס׳האט געציטערט דאס געשטאלט, ווי א בלאט. אלע האבן געוווסט, אז דאס איז שבע די נייטארין, די אייגענע, וואס האט געקענט זינגען לידער פון ליבעס, פון יתומים און פון „א רויז אינמיטן וועג".

אין דער סאליע איז אזוי שטיל געווארן, אז מען האט געהערט אפילו א פליג דורכפליען.

שבע אליין האט אצינד אויסגעזען העכער, ווי אלע מאל. זי האט זיך אנגעשפארט מיט איין האנט אויף איר אייגענער מצבה און אנגעהויבן זינגען מיט א געבראכן קול:

יוסף ליבער, יוסף דו מיין,
איך הער דיין קלאג און פארנעם דיין געוויין.
אך און וויי, וויי און ווינד,
וואס ווילן די מערדער פון מיין ליב קינד!

פאמעלעך נעמען זיך ארויסשארן די זין פון יעקב אבינו. זיי גייען איינער הינטערן אנדערן, אזוי ווי געענדז. פארן עולם בלייבט די מאמע רחל פנים אל פנים מיט די ישמעאלים.

דעמאלט ציט זי אוים צו זיי די הענט און נעמט זיך בעטן מיט א מוטערלעך געוויין:

מענטשן ליבע, וויי און ווינד,
האטס רחמנות אויף יוסף, מיין קינד.
הערטס מיך אוים, פארנעמטס מיין געוויין,
ס׳איז דאך א ברודער, אן אייגן געביין.

האָבן אָבער די ישמעאלים נישט פאַרשטאַנען קיין יידיש. און די ברידער זענען אהיימגעגאַנגען אָנזאָגן דעם טאַטן יעקב, אַז אַ חיה רעה האָט פאַרצוקט זיין זון יוסף, און צוואַנציק טאַלער זילבער־געלט האָבן די „קויפלייטע" באַצאָלט — טאַ ווי אַזוי האָבן זיי געקענט רחמנות האָבן אויף דער אָרעמער מאַמע רחל?

זי האָט טאַקע געזונגען און געבעטן זיך — און זיי האָבן דערוייל געבונדן יוספן און אוועקגעשלעפּט אים, ווי מען שלעפּט אוועק אַ שעפּס.

ווייסט מען נישט, וואָס דאָ איז אינמיטן געשען. נאָר אַזוי ווי שבע די נייטאָרין האָט גענומען צוריק אַראָפּנידערן אין קבר אריין — איז פּלוצלינג אין דער סאַליע געוואָרן אַ טומל. מען האָט געטופּעט מיט די פיס, געשטופּט זיך צו דער טיר — און דאָרט ווייט אַרויף, וווּ ס'האָבן זיך צונויפגעקנוילט ווייבערישע שייטלען מיט מאַנסבילישע היטלען — האָט זיך געלאָזט הערן אַ יאָמערלעך, ווייבעריש געשריי:

— ראַטעוועטס, און ווי איז מיר...

מיך האָט באַשלאָגן אַ קאַלטער שוויס. אַזעלכע קולות האָב איך גע־הערט פון טויבען, ווען זי איז געלעגן אין שניי.

זעט אויס, אַז דער מאַמען האָט אויך געמוזט באַשלאָגן אַזאַ שוויס. וואָרום זי נעמט זיך שטופּן פאָרויס מער, ווי אַלע. זי צעשפּרייט דעם דורכגאַנג מיט די עלנבויגנס.

— לאָזטס מיך — בעט זי זיך — ס'איז מיר נישט גוט. לאָזטס מיך!

עולם האָט זיך ווי עס איז איינגעצויגן און געמאַכט דער מאַמען אַ דורכגאַנג. אַלע קוקן איר אין פּנים אַריין. פּונקט אַזוי האָט מען געקוקט אויף איר, ווען טויבע איז געלעגן אַ צעריסענע אין שול־געסל.

אמת, דאָס מאָל איז עס נישט געווען טויבע. אָבער אונדז האָט עס דערמאָנט אָן יענעם פינצטערן שבת, ווען מען האָט געכאַפּט טויבען אין שפּיטאָל אַריין.

דאָ האָט אויך געמפּילט אַ מויד. ווייבער האָבן זיך געקנייפּט די באַקן. מאַנסבילן האָבן זיך געחכמהט. איך מיט דער מאַמען זענען גיך אהיימגעגאַנגען. די מאַמע האָט געשוויגן. ביינאַכט איז זי עטלעכע מאָל אַראָפּ פון געלעגער און געפּרוווט די פאַרשלאָסענע טיר.

צומאָרגנס האָט זי זיך געלייגט געריבענעם כריין צום שטערן. זי

האָט כסדר אונטערגעקרעכצט און שטאַרק חרטה געהאַט, וואָס זי האָט זיך געלאָזט צורעדן און געגאַנגען אויף דעם מכירת־יוסף־שפּיל.

— ס'האָט נישט געלוינט — האָט־זי געזאָגט — ס'איז דען דער מכירת־יוסף פון די בראָדער זינגער?

אין שטאָט האָט מען שטאַרק גערעדט וועגן דער מויד, וואָס האָט געשפּילט אויף יאָסל צאַלעלס סאַליע. מען האָט דערמאָנט אונדזער טווי־בעס נאָמען. ווייבער האָבן געשפּיגן און געזאָגט, אַז די גייע מויד, די הור, וועט האָבן אַזאַ שוואַרצן סוף, ווי ס'האָט געהאַט טויבע. אַז נישט — ווייסט מען דען נישט, אַז קאַשיצקי דאָקטאָר האָט זי צעשניטן אויף שטיקער, און אַז זי איז אים געפּגרט אונטער די הענט?

די דאָזיקע רייד זענען אויך דערגאַנגען צו אונדז אין שטוב אַריין. דער טאַטע האָט זיי נישט געהערט. אָבער די מאַמע האָבן די שלעכטע רייד איינגעבויגן, ווי אַ קושאַק.

# קאַפּיטל צוואַנציק

פּורים אינדערפרי איז דער טאַטע אין ערגעץ נישט אַרויסגעפאָרן. נאָכן אָנבייסן האָט ער אָנגעטון די שבתדיקע קאַפּאָטע מיטן טוכענעם היטל, גענומען דאָס שטעקעלע און, מעשה סוחר, אַוועקגעגאַנגען אין גאַס אַריין. די מאַמע האָט אים אַראָפּגענומען אַ פּעדערל פון אַקסל, געזאָגט, ער זאָל למען־השם אַהיימקומען צו דער צייט, און אַליין האָט זי זיך צו־ריקגענומען צום געבעקס, וואָס זי האָט געהאַלטן אין פאַרקנעטן.

אין שטוב האָט געשמעקט מיט צימרינג און מיט אייל. די המן־טאַשן, גרויסע, דריי־קאַנטיקע, זענען אַרויס פון אויוון ברוינע, ווי די פּאַמעראַנצן. דער טאַטע האָט געברענגט פון גאַס אמתדיקע פּאָמעראַנצן, רויטע, אָנגעגאָסענע מיט בלוט. ער האָט אויך געקויפט אַ האַלב טוץ פּוילישע אותיות, געגאָסענע פון צוקער און פון קראָכמאַל, פאַרדריידלטע און פאַרפּוצטע. ער האָט אַרויפגעשטעלט אויפן טיש אַ פלאַש פינקלדיקן ארץ־ישראל־וויין, אַ בייטעלע געטריקנטע ראָזשינקעס און עטלעכע גרוי־סע, טערקישע ניס, וואָס קיין שום מענטש אין דער וועלט איז נישט בכוח געווען זיי צו צעקנאַקן.

אויף דער נאַכט צו דער סעודה איז געווען צוגערויטמט און ליכטיק. די רויט־געשמירטע פּאָדלאָגע, וואָס די מאַמע אַליין האָט זי היינט עטלעכע מאָל איבערגעווישט, האָט געגלאַנצט, אַזוי ווי דער ווייַן אין דער ארץ־ישראל־פלאַש.

די בליץ־לאָמפּ און די צווײ פּאַרזילבערטע לייכטערס האָבן אַרומגענומען די שטוב מיט אַ נגידישער וואַרעמקייט. דעם טאַטנס באָרד, אַן אויסגעקעמטע, אַ ריינע, האָט פאַרנומען דעם גאַנצן אויבן־אָן ביים טיש. ווען נישט די מידע אויגן זיינע, וואָס זענען, זינט דעם אומגליק מיט טויבען, געוואָרן דרימלדיקער, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז דער טאַטע איז מיטאַמאָל באַגליקט געוואָרן.

און אפשר טאַקע?

אָט האָט די מאַמע פאַרבעטן צו דער סעודה די אַלטע גיטעלע יאָסלגלעזערס, די קליינע אלמנה, געבעך, וואָס האָט זומער און ווינטער געטראָגן אַ לאַנגע, שוואַרצע יופּיצע, אַזוי ווי אַ מאַנסביל, און וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט געשיידט מיטן צעריסענעם פּאַראַסאָלקעלע אירן. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז דאָס דאָזיקע פּאַראַסאָלקעלע דינט גיטעלען מער, ווי די אייגענע פיס, אויסער דעם, האָט די מאַמע געזאָגט, איז גיטעלע אַ תּלמידה חכמה. זי קען לערנען אַ פּרשה חומש מיט רש״י און אפילו אַ בלאַט גמרא. נישט מער, זי איז אַן אָרעם מענטש, דערפאַר האַלט זיך די מאַמע פאַר אַ כּבֿוד, וואָס גיטעלע האָט זיך געלאָזט פאַרבעטן צו אונדז צו דער סעודה.

זיצט זי דאָס אַצינד, די דאָזיקע גיטעלע, אין דער שוואַרצער, לאַנגער יופּיצע מיטן רויטן שלייפל אויפן קאָפּ, וואָס שאָקלט זיך, ווי ביי אַ בייזן האָן. דאָס איינגעדאַרטע, געגרינצלטע פּנימל שאָקלט זיך אויך. די ליפּעלעך, דינע, פאַרטריקנטע, וואַקסן איר שוין אין מויל אַריין. זי איז אַזוי קליין, די גאַנצע גיטעלע, אַז זי פאַרנעמט נישט מער, ווי אַ האַלב בענקל. דאַכט זיך, אַז זי איז טויב אויך. בלויז די אויגן, שוואַרצע, קליינע, קוקן אָפּן און מיט אַ לעבעדיק פייערל.

די מאַמע איז פאַררויטלט. גביריש זעט אויס דאָס ווייַבע זשאַבאָטל אויף דער שוואַרץ־טאַפטענער בלוזקע. מיט אַ ברייטער האַנט איז זי מכבד די פאַרשטעלטע, וואָס גייען אַריין און אַרויס און זינגען אָפּ אויף דער גיך דעם „גוטן פּורים מלאך".

אַט שניידט די מאַמע אָפּ אַ שטיק פלאָדן, נעמט אַראָפּ פון שאַנק איינעם פון די חשובסטע המן־טאַשן, לייגט צו אַ צוקערדיק, פּויליש אות, וואָס דער טאַטע האָט היינט געברענגט פון גאַס — און טראָגט דאָס אַלץ אַריין צום גויאישן שכן אונדזערן, צום סטאַרשי סטראַזשניק, וואָס ווייסט, נעבעך, נישט פון קיין פּורים.

דער טאַטע לייגט אַרויף אויף אַ טעלערל אַ פּאָמעראַנץ, פּאַרפּוצט זי מיט אַ צווייגל אויסגעטריקנטע ראָזשינקעס, פאַרשטעקט אין אַ זייט צוויי טערקישע ניס, מיט אַ שטיקל פלאָדן. דעקט דאָס אַלץ צו מיט אַ ווייס טיכל, און צום סוף גיט ער מיר אין האַנט אַריין די איינציקע פלאַש וויין און הייסט מיך דאָס אַלץ אַוועקטראָגן שלח־מנות צום פעטער בן־ציון.

די מאַמע האָט פאַראיבל:

— וויפיל פלעשער וויין האָסטו דאָס, וואָס דו שיקסט עס אַוועק?

— וואָס זאָל איך טון, נישט שיקן?

— בן־ציון וועט זיך באַגיין אָן דיין וויין.

— דאגה נישט — זאָגט דער טאַטע בנעימותדיק — בן־ציון וועט צוריקשיקן אַן אַנדער פלעשל, אַ בעסערס.

מיך אַרט אויך. אַ גאַנצע צייט האָב איך געוואַרט, מען זאָל עס שוין אויפקאָרקעווען, דאָס פלעשל, מען זאָל דערפון טועם זיין — נעמט ער און שיקט עס גאָר אַוועק צו בן־ציון קהל־שרייבער. ס'פעלט אים וויין, פעלט אים?

נאָר, אַז דער טאַטע שיקט, וועל איך דאָך נישט גיין זאָגן: כ'וויל נישט. האָב איך עס גענומען מיט האַרץ־ווייטיק און געגאַנגען דערמיט צום טאַטנס שוואָגער.

אויף דער גאַס גייען אַ סך ייִנגלעך. אַלע מיט איבערגעדעקטע, הויקערדיקע טעלערלעך. ס'גייען יידן מיט בערד אויך. ס'קומען אַקעגן פאַרשטעלטע מיט איינגעריסטע פנימער און מיט רויטע, געשוואָלענע נעז.

ביי אונדז שטייט פאַר זיי די טיר אָפן. אָבער ביים פעטער בן־ציון איז די טיר פאַרשלאָסן. און כאָטש כ'בין נישט קיין פאַרשטעלטער, מוז איך אַריינשרייען, אַז כ'בין לייזער הויי־הענדלערס ייִנגל, און אַז כ'האָב געברענגט שלח־מנות. די דינסט־מויד קוקט אַרויס דורך אַ שפּאַרע און פרעגט מיך נאָך אַמאָל, ווער כ'בין. זי וויל וויסן, וואָס כ'האָב געברענגט און צו וועמען כ'דאַרף.

— צום פעטער בן־ציון דארף איך — זי ווייסט דען נישט, די נאַרישע דינסט־מויד?

ערשט דערמאָלט עפנט זי און גייט מיט מיר מיט ביז אין דער גרויסער שטוב אריין.

אצינד איז ביי דער מומע נעמי נישט טונקל, ווי אין די אנדערע טעג סוכות אָדער פּסח.

אצינד שטייט דער טיש אינמיטן שטוב. ער איז גרויס, דער טיש, ווייס־געדעקט. צוויי בליי־לאָמפּן ברענען: איינע אויפן בעליק, די אַנדערע אויפן טיש. דאָ שטייען אמתדיקע זילבערנע לייכטער, שווערע, געשניצטע. די ליכט זענען גרעסער, ווי ביי אונדז, און גרעבער. פון טישטוך אראָפּ בלענדן און מיניען קלאָשן מיט פּאָמעראַנצן, מיט טייטלען, מיט כּלערליי צוקערווארג. און פלעשער ווײַן שטייען, אז מען קאָן זיי גאָרנישט איבערציילן. צו וואָס האָט מען נאָך באַדאַרפט אונדזער איינציק פלעשל?

פעטער בן־ציון זיצט אויבן־אָן אין אַ פּאָטער־שטול. ער טראָגט אַ נײַ, אכט־קאַנטיק, זיידלן קאַפּעלע, זיין באָרד איז אצינד ווייסער, ווי אַלע טאָג פון אַ גאַנץ יאָר. ער זיצט אַ זאַטער, אַ פּוילער. דאָס יינגל זיינס, מענדל, איז אָנגעטון אין אַ שטייף, ווייס קעלנערל מיט אַ שוואַרץ שניפּסל. ער זיצט אויך אזוי ברייטלעך, ווי דער טאַטע זיינער. ער האָט אצינד אַ קלאָר, פּאַרפּלאָמט פּנים, מענדל. די הענט זענען ביי אים ווייסע, ריינע. נישט מער, די ליפּן האָט ער פאַרביסן, אזוי ווי ס'וואָלט אים עפּעס ווייי געטון.

אויף מיר קוקט ער נישט. ער וועט דאָך נישט גיין קוקן אויף אַלע יינגלעך, וואָס ברענגען שלח־מנות.

פון דער מומע נעמי רוישט. עס טוישן זיך אין אויג די קנייטשן פון איר שוואַרץ־זיידן קלייד מיט די אויפגעשטעלטע בופן ביי די אַרבל. פון האַלדז גלאַנצט אראָפּ אַ גאָלדענע בראָש, אַ געקייטלטע, ווי אַ צוזאַמענגעוויקלטע שלאַנג. איר טונקל, פרום פּנים מיט די שאַרפע ברעמען שמייכלען:

— אַזוי — זאָגט זי — שלח־מנות... געלויבט דער אויבערשטער. און וואָס מאַכט דער טאַטע? אזוי... געלויבט זיין ליבער נאָמען. און די מאַמע, זאָל לעבן? אזוי, נו, מילא...

איך שטיי אינמיטן שטוב, כ'ווייס נישט, צי שעם איך מיך, צי האָב

איך מיך דערשראָקן פאַר די אויגן פון די פרעמדע מענטשן, וואָס זיצן אַרום טיש. כ׳פיל, ווי ס׳גאַנצע לייב ברענט אויף מיר. כ׳וואָלט געוואָלט אַנטלויפן פונדאַנען. מיר איז דאָ נישט גוט.

די מומע נעמי לייגט אַרויף אויף אונדזער טעלערל צוויי קליינע פּאָמעראַנצן, עטלעכע פייגן, אַ צוויי־דריי איבערגעצויגענע מאַנדלען. דערנאָך, אַז איך האַלט שוין ביים אַוועקגיין, דערלאַנגט זי מיר פון טיש אַראָפּ אַ גרויסע פלאַש ווייַן, אַ פאַרשטויבטע — און שטופּט מיר אין האַנט אַריין אַ מטבע.

כ׳שפּיר, אַז ס׳איז צוואַנציק קאָפּיקעס. כ׳פריי מיך. אָבער נאָך מער בין איך צופרידן, וואָס כ׳בין שוין איבערגעקומען דאָס דאָזיקע שלח־מנות און כ׳זע שוין נישט, ווי די פרעמדע מענטשן דאָרט לאָזן נישט אַראָפּ קיין אויג פון מיר. איך איַיל מיך אַהיים. כ׳מוז נאָך היינט אַוועקטראָגן שלח־מנות צום זיידן און צו דער מומע מרים. דער עיקר גייט עס מיר אין דער מומע מרים. פון דאָרטן קום איך שוין נישט צוריק נעכטיקן. די מומע מרים אַליין, מיט אירע קליינע, וואַרעמע הענט, נעמט פון מיר אַראָפּ דעם פּאַלטן, זעצט מיך אַוועק צום טיש און לאָזט מיך שוין נישט אַהיים.

דאָרט, ביי דער מומע מרים, איז פּורים פרייליכער, ווי אומעטום. חיימל, דער מומעס איינציקער זון, טאַנצט אינמיטן שטוב, ווי אַ בער. ער ווייזט, ווי אַזוי אַ מאַלפּע טראָגט וואַסער, ווי אַזוי אַ האָן קרייעט און ווי אַזוי אַ קאַץ טשאַיעט זיך צו כאַפּן אַ מויז. לאה, דער מומע מרימס יינגסטע מיידל, זאָגט „וויערשעם” אויף פּויליש און זינגט אַ ליד פון דער שיינער וואַנדע, וואָס האָט נישט געוואָלט חתונה האָבן מיט קיין דייטש און געוואָרפן זיך בעסער אין דער ווייסל אַריין.

צוליב דעם אַלעמען און צוליב דעם, וואָס דער מומע מרימס פּלאַדן איז באַטעמטער, ווי אַלע פּלאַדנס פון דער גאַנצער שטאָט — וויל איך שוין וואָס גיכער דאָרט זיין.

אַז כ׳קום צוריק פון פעטער בן־ציון, וואַרט מען שוין אויף מיר. די ליכט האָבן זיך שוין אָפּגעברענט ביז אין דער העלפט אַריין. גיטעלע יאָסל־גלעזערס דרימלט. איך שטעל אַוועק דער מומע נעמיס שלח־מנות און זאָג שטיל דער מאַמען, אַז כ׳האָב דאָרט געקריגן צוואַנציק קאָפּיקעס. די מאַמע פאַרקרימט מיט דער נאָז:

— נויטיק באַדאַרפט נעמען... — זאָגט זי און קוקט פון אַ זייט, ווי אַזוי דער טאַטע נעמט פאָרזיכטיק אַראָפּ ס׳פּאַטשיילעכל פון זיין שוועסטערס שלח־מנות.

— זע כאַטש — זאָגט ער מיט גדלות — וואָס פאַר אַ שיין שלח־מנות נעמי האָט מיר געשיקט.

ער הויבט אויף ס׳פּלעשל ווייַן צו דער ליכט. באַטראַכט עס פון אונטן און פון אויבן. דערנאָך שטעלט ער עס אַוועק אַזוי פּאַמעלעך, ווי ער וואָלט געהאַט צו טון מיט אַ קראַנק קינד.

— טייערער ווייַן — פאַרקנייטשט ער מיט די ליפּן — ס׳מוז קאָסטן אַ הון מיט געלט.

— ס׳קלערסטו — חוזקט די מאַמע — גבירים האָבן אַן השגה אויסצוגעבן געלט. אַנדעריש נישט.

— און איך זאָג דיר — נעמט דער טאַטע אויפסניי דאָס פלעשל אונטער דער ליכט — אַז ס׳איז טייערער ווייַן.

— מאַך אים דיר איין זויערן...

דער טאַטע נעמט צוגרייטן אַ ניי טעלערל שלח־מנות. ער קלייבט אויס צוויי קליינע פייגן, אַ געריבטע פּאָמעראַנץ און אַ זייטיק שטיקל פלאָדן. איך בין מיך משער, אַז דאָס וועל איך דאַרפן אַוועקטראָגן צו מאָטל שטרוי, צום טאַטנס שותף.

די מאַמע פאַרבינדט מיר וואָרעמער דעם שאַליק אויפן האַלדז:

— עפּעס שיין דאָרט, ביי דער מומע נעמי? — פרעגט זי.

— זייער שיין.

— אַ סך געסט דאָ?

— אַ סך.

— וואָס האָט זי דיר געזאָגט, די מומע?

— כ׳זאָל ענק לאָזן גריסן.

— און דער תכשיט זייערער, מענדל, האָסט אים געזען?

— יאָ. ער זיצט אין אַ ווייַס קעלנערל מיט אַ שניפּסל.

— נאָר אין ווייַסע קעלנערלעך סטראָיעט זי אים. וואָס איז ער אַ מיידל, צי וואָס?

דאָס שלח־מנות צו מאָטל שטרוי שטייט ישוין פאַרטיק. די מאַמע באַגלייט מיך אין סיך אַריין און זאָגט מיר אָן, כ׳זאָל למען־השם זען באַלד צוריקצוקומען. כ׳דאַרף דאָך נאָך גיין צו דער מומע מרים.

— אוודאי. וואָס דען, כ'וויים נישט?

איך האָלט שוין ביים אַרויסגיין. עפּנט זיך אין דער אייגענער רגע די טיר פון יענער זייט און ס'רוקט זיך אַריין אַ פאַרבאַבלטער קאָפּ.

אין קיך איז טונקל. ס'איז שווער צו דערקענען, ווער דער פאַר־באַבלטער קאָפּ איז. לויט אַלע סימנים זעט עס אויס צו זיין אַן אָרעמע יידענע. זי בלייבט טאַקע שטיין ביי דער טיר, אַזוי ווי זי וואָלט געקומען בעטן אַ נדבה.

איך קען נישט אַרויסגיין. דאָס אָרעמע מענטש האָט פאַרשטעלט די גאַנצע טיר. די מאַמע פרעגט נישט, וואָס יענע וויל. נאָר זי רוקט זיך אָפּ הינטערוויילעכטס אויף אַ פּאָר טריט צום פענצטער צו, און פון דאָרט גיט זי אַ קרעכץ אַרויס מיט אַ שטיל, פאַרהאַלטן קול:

— טויבע?...

מיר איז הייס געוואָרן. ס'האָט ווייניק געפעלט, כ'זאָל אַראָפּלאָזן ס'טעלערל מיטן גאַנצן שלח־מנות אויף דער ערד. ערשט אַצינד האָב איך פון הינטערן פאַרבאַבלטן קאָפּ אָפּער דערקענט טויבעס פּנים. אַמאָל איז עס געווען ברוין, דאָס דאָזיקע פּנים, שיין. היינט איז עס שוואַרץ, איינגעפאַלן. טויבע אַליין איז, דאַכט זיך, העכער געוואָרן. די אויגן זענען שוין נישט בלוי־גרין. אַז מען זעט זיי גאָרנישט, די אויגן. פון הינטערן דערעלע קוקן אַרויס צוויי קיילעכדיקע, טיף־שוואַרצע רעדער. אַפילו דאָס שטיין אירס איז אויך אַן אַנדערס — איבערגעבראָכן, קרימלעך.

און אפשר איז טויבען נישט גוט?

דער מאַמעס מיינער, זעט אויס, האָט אויך געמוזט נישט גוט ווערן. מיר דאַכט זיך, אַז די הענט מיט די פיס זענען נישט אירע. דאָ וויל זי אַריינגיין אין דער אַנדערער שטוב, דאָ בלייבט זי צוריק שטיין. זי קוקט זיך אַרום איבער די ווינקלען, אַזוי ווי זי וואָלט עפּעס געזוכט.

אינמיטן פאַרהאַלט זיך איר בליק אויפן קיך־בענקל, זי גיט עס אַ שאַר מיט אַ פוס פון הינטערוויילעכטס צו דער טיר, וו טויבע שטייט, און אַליין שפּאַרט זי זיך אָן מיטביידע הענט ביים טיש. אַזוי בלייבט זי מיטן פּנים צום פענצטער.

טויבע זעצט זיך נישט. זי קוקט מיט שטייענדיקע אויגן אויפן אונ־טערגערוקטן בענקל. כ'וויל איר זאָגן, זי זאָל צוגיין, אָפּרוען זיך, אָבער טויבע שפּאַרט אָפּ צוריק די טיר און וויל אַרויסגיין.

די מאַמע דערהערט. זי כאַפּט אַוועק די הענט פון טיש, דרייט זיך האַסטיק אויס און לויפט צו דער טיר:

— וווּ גייסטו? — זאָגט זי מיט אַ פול האַרץ — קום אַריין.

די מאַמע האָט נישט, ווי די הענט אַהינצוטון. זי וויל אָננעמען טויבען און טרעפט גאָר אויף דער פּיטרינע אַרויף.

פון דער אַנדערער שטוב קומט פּאַמעלעך אַריינצוקריכן גיטעלע יאָסל־גלעזערס. זי קוקט זיך קורציזיכטיק אַרום איבער דער טונקעלער קיך און פרעגט מיט אַ צעצויגן ניגונדל:

— פרימעט?

— וואָס איז גיטלשי? — גייט די מאַמע צעטראָגן אַוועק פון דער טיר — איר האָט עפּעס געוואָלט?

— ניין קינד־לעבן. וואָס האָב איך דען צו וועלן? נאָר כ'על שוין גיין. ווער שטייט עס דאָרט ביי דער טיר, ווער?

די מאַמע ענטפערט נישט. זי שטעלט זיך אַוועק אין דער ברייט, אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט פאַרשטעלן טויבען פון גיטעלעס קליינע, לע־בעדיקע אויגן.

דער טאַטע האָט געמוזט דערהערן. צי אפשר האָט ער עפּעס באַ־דאַרפט אין קיך? ער איז אַריינגעקומען גיך, אַ צעטראָגענער. ער האָט אויסגעזען צו זיין בייז.

— ביסט נאָך נישט געגאַנגען? — האָט ער קודם־כל דערזען מיך.

ער האָט פאַרשאַרצט ס'גאַנצע פּנים און אָנגעשטעלט אויף מיר די באָרד.

כ'האָב אים געוואָלט זאָגן, דעם טאַטן, אַז... נאָר זיין קאָפּ האָט זיך פלוצלינג אויסגעגלייכט. ער האָט אויסגעשפּיצט די ברעמען צו דער טיר, וווּ טויבע איז נאָך אַלץ געשטאַנען, ער האָט געשוויגן. אָבער מיטאַמאָל האָב איך דערהערט אַ קול, וואָס איז נישט געווען מיין טאַטנס:

— אַרויס פון מיין שטוב, הוילע יוזשקע!

צוזאַמען מיטן דאָזיקן פרעמדן קול האָב איך געזען אַ פּאָר אויפ־געהויבענע פויסטן לויפן צו דער טיר.

— אין מיין שטוב אַריין וועסטו נאָך קומען? וואָן אַרויס פונ־דאַנען!

אין דער אייגענער רגע האָט זיך די מאַמע געגעבן אַ גליטש אַריין

צווישן טאַטנס אויפגעהויבענע פויסטן און צווישן דער צוזאַמענגעבראָ־
כענער טויבע.

— לייזער! — האָט זי הויך אויפגעריסן די הענט — זאָלסט נישט
דערוועגן, הערסט?

— שוין זאָל זי אַרויס פון מײַן שטוב. איר געביין זאָל זיך דאָ מער
נישט געפינען!

— לייזער, כ׳על נישט לאָזן... זי איז דײַן קינד.

— אַ הונט איז זי, נישט מײַן קינד. אַ הויכע יוזשקע. זי האָט נאָך
ווייניק פאַרשוואַרצט מיר ס׳פּנים!

טויבע האָט זיך געבויגן וואָס אַמאָל נידעריקער. נישט אַנדערש, נאָר
עמעצער האָט זי פאַמעלעך אונטערגעזעגט. די טיר האָט זיך, אַזוי ווי
אַליין פון זיך, געעפנט. גיטעלע יאָסל־גלעזערס האָט זיך אַרויסגעשאַרט
מיט דראָבנע, אַלטע טריטלעך. טויבע איז אַרויסגעגאַנגען אין דער קרום.
דער טאַטע האָט געוואָלט פאַרשליסן די טיר, אָבער די מאַמע איז אים
פאַרלאָפן דעם וועג און אַרויסגעכאַפּט דעם שליסל פון שלאָס.

— גיב אַהער דעם שליסל — איז ער געשטאַנען מיט אַ צענומען
מויל ווייסע ציין.

— כ׳על דיר נישט געבן.

— גיב אַהער דעם שליסל, זאָג איך דיר.

— לייזער, הער אויף — האָט זיך די מאַמע פּלוצלינג אויסגע־
גלייכט — הער אויף, זאָג איך דיר. אַז נישט, גיי איך שוין אַוועק און
וועסט נישט וויסן, וווּ מײַן געביין איז אַהינגעקומען.

דעם טאַטנס ווייסע ציין האָבן זיך פאַרמאַכט. ער איז צוריקגע־
גאַנגען אין שטוב אַרײַן מיט אַראָפּגעלאָזטע, טויטע הענט. אויפן וועג
האָט ער געוואָרפן אַ מיאוס וואָרט אויף טויבען. נישט קיין וואָרט איז
עס געווען, נאָר אַ שטיין. מיך האָט עס גענומען שטעכן אין די שלייפן.
די מאַמע האָט אַ צי געטון מיט איין אַקסל, אַזוי ווי ס׳וואָלט איר דאָרט
אַרײַן אַ שטעכעדיקער ווייטיק.

— מענדל — האָט זי מיר געזאָגט — לויף אַרויס. זאָג איר, זי זאָל
וואַרטן.

אין דרויסן איז געווען קאַלט. אויף דער שוועל פון פאָדער־הייזל איז
געזעסן טויבע, אַ קיילעכדיק־פאַרקנוילטע.

— טויבע — האָב איך מיך צוגעזעצט צו איר — די מאַמע האָט דיך געהייסן וואַרטן.

כ'האָב דערשפּירט טויבעס האַנט אויף מיין פּנים.

— ביסט אפשר הונגעריק, העי?

— ניין, כ'בין נישט הונגעריק — האָט זי געענטפערט מיט אַ הויל, פאַרטריקנט קול.

— כ'האָב דאָ שלח־מנות. אפשר ווילסטו, טויבע?

— ניין, מענדלשי, כ'דאַנק דיר זייער.

— כ'האָב אַ פּאָמעראַנץ. נאַ, עס.

— מ'דאַרף נישט, מענדל. טראָג עס אַוועק.

פון גאָרטן האָט געצויגן אַ ווינט. דער הימל איז געלעגן אַ שוואַר־צער. ביים סטאַרשי סטראַזשניק אין שטוב האָט זיך צעבילט אַ הינטל.

דאָס שלח־מנות צו מאָטל שטרוי האָב איך שוין נישט אַוועקגע־טראָגן. צו דער מומע מרים בין איך שוין אין יענעם פּורים אויך נישט געגאַנגען. כ'בין געזעסן אינדרויסן מיט טויבען אַזוי לאַנג, ביז די טיר האָט זיך שטיל אָפּגעלעגט און כ'האָב דערהערט דער מאַמעס קול:

— מענדל?

— יאָ, מאַמעשי.

— ווו ביסטו?

— דאָ, מיט טויבען.

די מאַמע איז צו אונדז אַרויסגעקומען.

— טויבע — האָט זי זיך אַראָפּגעבויגן — קום אַריין, ער שלאָפט שוין.

— כ'דאַנק דער מומע — האָט טויבע אָפּגעקרעכצט — כ'על שוין דאָ צוּוואַרטן.

— רעד שוין נישט קיין נאַרישקייטן, בהמה. קום אַריין, כ'על דיר אויסבעטן אין קיך.

— כ'דאַנק זייער.

— וועסט מיר שוין שפּעטער דאַנקען. נו, קום, ביסט דאָך הונגע־ריק, מן־הסתם?

— ניין, ס'הונגערט מיך נישט.

— נו, שטעל דיך שוין אויף. ס'איז דאָך קאַלט.

טויבע איז געזעסן. דאָס הינטל ביים סטאַרשי סטראַזשניק האָט זיך נאָך אַמאָל צעבילט.

— קום טויבע, — האָב איך געגלעט מיין שוועסטער איבער די אויפֿגעשטעלטע קניען — וועסט עסן. ס'איז דאָך פּורים, קום!

טויבע האָט געוויינט. כ'האָב געשפּירט אירע טרערן אויף מיין האַנט. דערנאָך, אַז זי איז שוין אַריין אין קיך, און די מאַמע האָט איר געהאָלפֿן אַראָפּנעמען ס'דערעלע מיט דער פּאַטשיילע, איז זי צוגעפֿאַלן צו דער מאַמעס הענט און געוואָלט זיי קושן.

— הער שוין אויף — האָט די מאַמע צעטומלט געפּאָכעט מיט די הענט — וועסט מיך שוין שפּעטער קושן. נאַ, עס עפּעס...

די טיר אין שטוב אַריין, וווּ דער טאַטע איז שוין געשלאָפֿן, איז געשטאַנען פֿאַרמאַכט. די מאַמע האָט אַרויפֿגעדרייט ס'לעמפּל. טויבעס שיינע פּנים האָט אַצינד אויסגעזען גרין, איינגעפֿאַלן מיט אויסגעשפּיצטע קינבאַקן.

ס'איז גאָרנישט געבליבן פֿון טויבען. אויסער די האָר אירע, די גראַנאַטענע, וואָס זענען נאָך אַלץ געווען פֿאַרקעמט מיט אַ ווייסן שריינט אין דער מיט, אַזוי ווי ביי פֿרומע, נגידישע ווייבער.

***

טויבע איז געבליבן ביי אונדז אין שטוב. דעם טאַטנס קאָפּ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריקער צו דער ערד. די אַקסלען האָבן זיך אויפֿגעשטעלט, שפּיציק געוואָרן. דאַכט זיך, אַז אויך דאָס געהער זיינס איז געוואָרן טויבלעכער.

פֿון באַלעבאַטיש־רייכן הויז, וווּ טויבע האָט געדינט, האָט די מאַמע געלאָזט ברענגען איר קופֿערט. טויבע האָט אים נישט געעפֿנט. נישט געוואָלט וויסן, וואָס אין אים איז. זי איז אַרומגעגאַנגען אַ שטומע, מיט אויסגעדאַרטע, אָרעמע ביינער. באַגינען, איידער דער פֿויער האָט נאָך באַוויזן צו קלאַפּן אין פֿענצטער און רופֿן דעם טאַטן — איז שוין טויבע אויפֿגעשטאַנען מאַכן פֿייער. מען האָט נישט געהערט, זי זאָל צעהאַקן האָלץ, אָדער אָנרייבן אַ שוועבעלע. דאָס פֿייער האָט זיך געמאַכט פֿון זיך אַליין. דאָס אָנבייסן, וואָס זי האָט געקאָכט פֿאַרן טאַטן, איז פֿון זיך אַליין פֿאַרטיק געוואָרן.

דער טאַטע האָט עס איינמאָל דערזען. ער איז אין יענעם פרימאָרגן אויפגעשטאַנען פריער פון טויבען. ער איז אַריין אין קיך מיטן צוזאַמענגעלייגטן טלית אויף אַן אַקסל.

טויבע האָט אַריינגעבלאָזן איר אָטעם אין דער קיך אַריין... אויף די פּייערקעס איז שוין געווען צוגעשטעלט אַ טאָפּ וואַסער, ס׳איז געשטאַנען אַ שיסל אָפּגעשיילטע קאַרטאָפל. האָט ער אַ זאָג געטון, דער טאַטע:

— גיטע, טריפהנע מויד. כ׳על נישט עסן דיין חזיריש עסן.

דאָס אָנבייסן איז שטיין געבליבן נישט גערירט. די גרויע פּאַרע איז זיך צעגאַנגען אויף די שויבן אַרויף. אַרום די קאַנטן פון טעלער איז געקראָכן אַ פליג. דער טאַטע איז אַוועק אויפן ניכטערן האַרץ, און טויבע איז געבליבן זיצן אויף איר בעטל און געוויינט.

זינט זי איז צוריקגעקומען פון שפּיטאָל, האָט טויבע אַ סך געוויינט. די מאַמע איז ס׳רוב געזעסן ביי דער מומע מרים, אָדער ביי דער באָבע ראַכל. טויבע האָט איינע אַליין געפּוצט און גערוימט די שטוב, אַליין געקאָכט, אַליין געמאַכט שבת און... געוויינט.

בשעת דער טאַטע האָט געגעסן, איז טויבע נישט געווען אין שטוב. זי איז געזעסן אין הויז, אויף דער שוועל. ערשט, אַז דער טאַטע האָט אָפּגעבענטשט און געלייגט זיך, איז טויבע אַריינגעקומען, אַראָפּגערוימט פון טיש און אַליין געגעסן.

די שבתים, זינט טויבע איז צוריקגעקומען, זענען אויסגעפאַלן ביי אונדז טרויעריקע. דער טאַטע האָט טרויעריק געזונגען זמירות. די מאַמע האָט נאָך טרויעריקער געלייענט דאָס טייטש־חומש. טויבע אַליין איז ביים טיש נישט געזעסן. אירע שבתים זענען אַריבער אין קיך אויפן אייזערנעם בעטל.

אַפילו פּסח איז טויבע אויך נישט געזעסן ביים סדר. זי האָט דעם גאַנצן פּסח אַריינגעבערענגט אין אונדזער שטוב. זי האָט געמאַכט פון דער שטוב פּתום ורעמסס, אָבער דערלאַנגען צום טיש האָט געמוזט די מאַמע אַליין, און וויין פון די אַרבע כוסות האָט די מאַמע געמוזט אַריינטראָגן טויבען אין קיך אַריין.

ביי „שפוך חמתך", וואָס דער טאַטע האָט אין יענעם יאָר אַרויסגעשפּיגן פון זיך אַזוי ווי אַ שטיק בלוט, איז טויבע נישט געגאַנגען עפענען די טיר, נאָר די מאַמע.

טויבע האָט געקוקט אין דער אָפענער, פינצטערער טיר אַריין מיט גרויסע אויגן. דאַכט זיך, אַז ערשט אַצינד האָבן די אויגן אירע צוריק־געקריגן די טאָפּלטע פאַרב — די בלויע מיט דער גרינער. זי איז גע־שטאַנען אַזוי, ווי זי וואָלט געהאָפט, די אָפענע טיר זאָל איר ברענגען די ישועה. נאָר אַז די טיר האָט זיך צוריק פאַרמאַכט און די ישועה איז נישט געקומען, האָט טויבע געוויינט. די מאַמע האָט אויך געוויינט. בלויז דער טאַטע האָט ווייטער געזאָגט די הגדה.

ווען מען זאָל אָבער נישט וויסן, אַז דעם טאַטנס קול איז אַביסל צו שטיל, אַזוי ווי ביי אַלע טויבלעכע, וואָלט מען געקענט מיינען, אַז אויך אים ווערגן די טרערן.

## קאַפּיטל איין און צוואַנציק

נאָך פסח האָט זיך דאָס וויים־רויטלעכע בליעכץ אויף די קאַשטאַן־ביימער אויפגעשטעלט, אַזוי ווי רערן פון מנורות. איבער די פּלויטן אַרי־בער, פון די געקאַלכטע שטאַכעטן־פּאַרקאַנדלעך אָפער, זענען שוין אַרי־בערגעהאָנגען ווייסע און בלויע שטענגלעך בעז, אַזוי ווי לעבעדיקע, פאַר־ביקע פייגל.

אונדזער גרויסער, צעפּאַרענער הויף מיט יאַרמע בעל־עגלהס אָמני־בוס, מיט די לאָדנס אויף די פענצטער האָבן זיך געבאָדן אין זון און אין גרינס. פון חדר איז מען אַהיימגעקומען, ווען די דעכער האָבן נאָך געגליט מיט גין־גאָלד. אין דער לופט האָבן געראָיעט מחנות ברוינע, האַריקע כראַבאַנשטשעס, וואָס האָבן געשמעקט מיט האָניג.

איך מיט יאַנקלען האָבן אין יענעם זומער צוגעקריגן נייע חברים — יינגלעך פון פרעמדע הייף מיט פרעמדע נעמען. אין די פאַרנאַכטן זענען זיי געקומען צו אונדז הערן די וווּנדערלעכע מעשיות, וואָס יאַנקל האָט געקאָנט דערציילן.

כ'האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז אָט דער יאַנקל מיטן געשפּרענקלטן פּנים, וואָס די שטיף־מוטער זיינע רופט אים „גנב" — האָט אַזאַ אוצר מיט מעשיות. נישט בחינם האָט מען אים אויסגעקליבן צו שפּילן יוסף הצדיק.

יאנקלס מעשיות האָבן געהערט נישט נאָר די נייע חברים, און נישט נאָר יאנינקע דעם סטאַרשי סטראַזשניקס, נאָר אפילו טויבע, די שוועס־טער מיינע, וואָס האָט שוין אַליין געקאָנט האָבן אַ קינד, איז אויך גע־זעסן און געהערט.

און דערציילט האָט יאנקל פון קעלבלעך און ציגן, וואָס זענען נישט געווען — נישט קיין קעלבלעך און נישט קיין ציגן, נאָר פאַרשטעלטע שדים מיט רוחות. פון איינעם אַ ייד אַ נע־ונדניק, וואָס איז געגאַנגען צופוס איבער ימים און וואַסערן און האָט אפילו די פּאָלעס פון דער קאַ־פּאָטע נישט איינגענעצט. איין מעשה האָט יאנקל געהאַט פון אַ גזלן, אַ רוצח, וואָס האָט געהאַט אַ גאָלדענעם פּאַסיק מיט אַ גאָלדענער שווערד. דער דאָזיקער גזלן און רוצח האָט גענומען זיבן קייזערלעכע טעכטער פאַר זיבן קייבס־ווייבער. ער האָט אויסגעשאָכטן און אויסגעהרגעט זייע־רע טאַטעס, די קיסרים, און איז אַליין געוואָרן קיסר איבער דער גאַנצער וועלט. די זיבן קייבס־ווייבער האָבן אים געבוירן זיבן מאָל צו זיבן קינ־דער — זכרים און נקבות. די זיבן מאָל זיבן קינדער האָבן אויך געבוירן יעדער צו זיבן מאָל זיבן קינדער אַזוי לאַנג, ביז די גאַנצע וועלט איז פול געוואָרן מיט דעם גזלנס קינדער און קינדס־קינדער. אַפילו אונדזע־רע טאַטעס — האָט יאנקל געזאָגט — מיט אונדזערע מאַמעס, מיט אונ־דזערע באָבעס — אַלע קומען אַרויס פון יענעם גזלן. אַז נישט, וואָלט דאָך קיין וועלט נישט געווען.

יאנקל האָט זיינע מעשיות דערציילט האַלב אויף יידיש, האַלב אויף פּויליש. ער האָט עס געטון דערפאַר, אַז אויך יאנינקע דעם סטאַרשי סטראַזשניקס זאָל פאַרשטיין.

יאנינקע אַליין איז איבערן ווינטער אויסגעוואַקסן. זי האָט געקריגן צוויי רויט־גריבלעך אין די באַקן און אַ וואַרעמע, מילך־רויטלעכע הויט.

קיינעם איז עס, מן־הסתם, נישט איינגעפאַלן. נאָר מיר האָט זיך איינמאָל גענומען אויסדאַכטן, אַז יאנקל דערציילט זיינע מעשיות נישט פאַר מיר און נישט פאַר די נייע חברים; נאָר בלויז פאַר יאנינקען.

זי איז געזעסן ביי יאנקלען צופיסנס, אַרויפגעקוקט צו אים מיט פאַרקלערטע אויגן. אַז יאנקל האָט פאַרענדיקט אַ מעשה, האָט זי אים געשאָקלט ביי אַ קני און געבעטן:

— יאנקל, נאָך איין מעשה... דערצייל.. יאנינקע בעט דיך...

איך האָב אַ פּאָר מאָל געזען, ווי יאנקל מיט יאנינקען זענען געזעסן

אויפֿן דישעל פֿון זיין טאַטנס אַמניבוס און געגעסן פֿון איין שקאַרמיץ אַרוים. יאַנקל אַליין האָט מיר איינמאָל דערציילט, אַז יאַנינקע האָט אים צוגערעדט, ער זאָל ווערן אַ גוי. ס'הייסט, נישט אַצינד, נאָר שפּעטער, ווען ער וועט אונטערוואַקסן. איר טאַטע האָט זי געזאָגט — וועט אים מאַכן פֿאַר אַ סטראַזשניק. זיי וועלן ביידע חתונה האָבן און וווינען אויף דער שפּאַציר־גאַס דאָרטן, וווּ עס וווינען אַלע גויים.

יאַנקל האָט עס מיר דערציילט בסוד־סודות. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט זיך נישט שמדן, ער וויל נישט ווערן קיין גוי. ווייל גויים האָט ער נישט ליב און ער האָט מורא פֿאַר זיי. אָבער מיט יאַנינקען וועט ער חתונה האָבן.

אין מיר איז געזעצט געוואָרן דאָס בלוט. ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז שוין מאָרגן וועט יאַנקל אַוועקגיין אין „טומאה" אַריין און וועט זיך אָפּשמדן.

האָב איך אים געזאָגט, אַז טאָמער, חלילה, שמדט ער זיך — פֿאַרלירט ער די וועלט און יענע וועלט. ער וועט ליידן חיבוט־הקבר. דער עונש אויף יענער וועלט — האָב איך געזאָגט — איז אַזוי גרויס, אַז ס'איז גאָרנישט אויסצוהאַלטן. מען בראָט און מען ברענט מיט אָנגעגליטע צוואַנגען. מען ציט אַרויס אייניציקווייז די האָר פֿון קאָפּ און די נעגל פֿון הינטער די פֿינגער אָפּער. מען ברענט אויס צוערשט איין אויג, דערנאָך — ס'אַנדערע. און אַז מען איז שוין אינגאַנצן בלינד, מאַכט מען דיך ווידער זעעוודיק און מען ברענט דיר אויפֿסניי אויס די אויגן. און ווייסטו וואָס נאָך — האָב איך אים געזאָגט — אויף יענער וועלט דרייט זיך אַרום אַ שד מיט אַ שער, וואָס שערט אָפּ די משומדים אַלע טאָג אַ שטיקל פֿון דער מילה.

יאַנקל האָט זיך באַגאָסן מיט אַ שווייס.

— פֿונוואַנען ווייסטו? — האָט ער אין איין אָטעם געפֿרעגט — ביסט געשטאַנען דערביי?

— ס'הייסט, פֿונוואַנען איך ווייס? און ווער ווייסט דאָס נישט?

יאַנקלען, זעט אויס, זענען מיינע רייד אַריין אין קאָפּ. ער האָט אָנגעהויבן אויסמיידן יאַנינקען. אין די פֿאַרנאַכטן איז ער מער נישט געקומען דערציילן קיין מעשיות. דאַכט זיך, אַז מיך האָט ער אויך גענומען אויסמיידן.

אַז ס'איז געקומען די וואָך פֿון גויאישן שבועות, איז די מאַמע

מיינע איינמאָל אַהיימגעקומען און דערציילט, אַז זי האָט געזען יאַנקלען
ביים קלויסטער בשעת אַ פּראָצעסיע. ער איז געשטאַנען אָן אַ היטל און
געקוקט אויף די צלמים און אויף דער „מאַטקאַ באָסקאַ", וואָס קליינע
שיקסעלעך אין ווייסע וועלאָנען האָבן געטראָגן. יאַנינקע איז אויך גע־
גאַנגען אין דער פּראָצעסיע. זי האָט געטראָגן אַ רויט, סאַמעטן קישעלע,
און אויפן קאָפּ האָט זי געהאַט אַ קרענצל פון בלויע בלימלעך.

מיר איז שטאַרק טרויעריק געוואָרן פון דער דאָזיקער בשורה. אויב
יאַנקל איז געשטאַנען ביי דער פּראָצעסיע אָן אַ היטל, איז אַ סימן, אַז
ער גייט זיך שמדן. און אפשר האָט ער זיך שוין געשמדט?

איך האָב אים געוואָלט פרעגן. כ'האָב אים אָפּגעוואַרט אַלע פּאַר־
נאַכט ביי אונדזער טיר. אָבער ווער האָט געזען יאַנקלען? אַז ער איז ער־
געץ פאַרפאַלן געוואָרן. אַז ער ווייזט זיך גאַרנישט.

ערשט, אַז ס'איז געקומען אונדזער שבועות, האָב איך מיך מיט אים
געטראָפן.

ער איז ווידער געזעסן אויפן דישעל פון זיין טאַטנס אָמניבוס צוזאַ־
מען מיט יאַנינקען. כ'האָב באַלד דערקענט און ס'האַרץ האָט מיר גע־
זאָגט, אַז ער איז נאָך נישט געשמדט. ערשטנס, האָט ער גערעדט יידיש,
און צווייטנס, ווען ער זאָל זיך, חלילה, האָבן געשמדט, וואָלט ער דאָ
נישט געזעסן אַזוי פראַנק און פריי און געקנאַקט באַניקערן פון איין
שקאַרמיץ אַרויס.

כ'האָב געפרעגט יאַנקלען, ווו ער איז געווען. פאַרוואָס האָט מען
נישט געזען, נישט אים און נישט יאַנינקען?

האָט דעם סטראַזשניקס שיקסל מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז בשעת
מען גייט מיט די פּראָצעסיעס און מען „מאָדליעט" זיך אין „קאָשטשאָל",
טאָר מען זיך נישט חברן נישט מיט מיר און נישט מיט יאַנקלען. ס'איז
אַן עבירה — האָט זי געזאָגט — נאָר אַזוי ווי ס'איז שוין אויס מיט
די פּראָצעסיעס, איז זי צוריקגעקומען צו אונדז.

האָט מען זי טאַקע ערב־שבועות מיטגענומען אויף דער „זאַמלינע"
אַרויסרייסן טאַטאַראַק.

יאַנינקע איז געקראָכן אין די סאַדזאַווקע אַריין מיט אויפגעשאַרצ־
טע קניען. איר לייב איז געווען ברוין און געהאַט קליינע, גאָלדענע הער־
רעלעך. יאַנקל אַליין איז אין דער סאַדזאַווקע נישט אַריינגעקראָכן. ער
איז געלעגן אויפן גראָז אַ שווייגנדיקער און געקוקט, ווי איך מיט יאַ־

גינקען רייסן דעם טאטאראק. אז מיר זענען צוריק ארוים מיט א גאנצן בונט קוויטשערס, זענען יאנקלס אויגן געווען פארלאפן מיט רויך. ער האט אונדז נישט געקוקט אין פנים אריין. יאנינקע איז געשטאנען א צע־לאכטע מיטן אויפגעשארצטן קליידל און מיט די גאלדענע הערעלעך. באלד אבער האט זי אויפגעהערט צו לאכן. דאכט זיך, אז זי האט אויך גע־קריגן פארלאפענע אויגן מיט רויך. זי האט געשווינד אראפגעלאזט ס׳קליידל און געפרעגט יאנקלען, צי ער איז ברוגז מיט איר.

יאנקל האט נישט געענטפערט. ער האט געהאט א בייז פנים. מיר האט זיך אויסגעדאכט, אז אין דער איצטיקער מינוט האט יאנקל נישט קיין זומער־שפרענקעלעך, נאר לעכער אין פנים.

ער האט גענומען פון אונדז דעם גאנצן טאטאראק און אליין אים אהיימגעטראגן. א גאנצן וועג האט ער געשוויגן און יאנינקע האט שטי־לערהייט געהאט טענות צו מיר — פארוואס כ׳האב זי געהייסן רייסן טאטאראק אן יאנקלען.

אז כ׳האב זי גארנישט געהייסן. אז יאנקל אליין האט אויך נישט געוואלט אריינגיין אין וואסער.

כ׳האב חרטה געהאט, וואס כ׳בין מיטגעגאנגען. מן־הסתם, בין איך געווען די סיבה פון יאנקלס בייז זיין און שווייגן.

נאר אז מיר זענען אהיימגעקומען און דערשפירט דעם ריח פון די פוטער־קוכנס אויפן הויף, איז יאנקל צו זיך געקומען.

מען האט גלייך אויסגעשיט און אויסגעהאנגען דעם טאטאראק אין אלע שטובן — נישט פארגעסן אפילו דעם סטארשי סטראזשניקס שטוב.

יארמע בעל־עגלהס ווייב האט אריינגעברענגט צו אונדז ווייזן איר געראטן געבעקס, און מיין מאמע האט געוויזן אירע קעז־קוכנס דעם סטארשי סטראזשניקס ווייב, מכבד געווען און געזאגט, אז מארגן, מער־טשעם, וועט זי איר דערציילן די גאנצע מעשה, פארוואס ס׳איז שבועות.

מיין מאמע האט זיך ליב געהאט פארצושטעלן, זי האט געקאנט און געוווסט.

האט זי טאקע דערציילט צומארגנס.

געווען איז שוין פארנאכטלעך. דער הימל איז געשטאנען א קילער, ווו־נישט־ווו פארווארפן מיט רויטלעכע וואלקנדלעך.ביידע — די מאמע מיט דער רוסישער גויע — זענען געזעסן אויף דער שוועל פון אונדזער הויז. די מאמע האט געגעבן צו פארשטיין אויף פויליש, ווער ס׳איז דאס

געוועזן רות און ווער ס'איז געווען בועז. ווי אזוי רות, די גויע, האָט געזאָגט צו נעמי: „דיין גאָט איז מיין גאָט, און דיין פאָלק איז מיין פאָלק". ווי אזוי רות איז געקומען צו בועזן אין פעלד אריין קלויבן זאנגען, און ווי ס'איז דערנאָך ארויסגעקומען דוד המלך, וואָס האָט געקאָנט שפּילן אויף אַ האַרפע און זינגען, ווי אַ פויגל.

יאַנקל, כאָטש ער אַליין האָט געקאָנט דערציילן די שענסטע מעשיות, איז אויך אַצינד געזעסן און געהערט. יאַנינקע האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט דער גאָמבע אויף מיין מאַמעס אַ קני און ארויפגעקוקט מיט אויפגעריסענע, בלויע אויגן.

איך האָב געקוקט אויף יאַנקלען. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט אַצינד געקריגן אויך אַזעלכע בלויע אויגן, ווי יאַנינקע, און ס'איז מיר איינגעפאַלן, אַז יאַנקל איז נישט יאַנקל, נאָר בועז, און אַז יאַנינקע איז נישט יאַנינקע, נאָר רות. נישט מער, ביי אונדז אויפן הויף איז נישטאָ קיין פעלד און ס'וואַקסן נישט קיין זאנגען. דאָ קאָן רות נישט קומען צו בועזן.

איז עס דאָך געווען יאַנקל. אַז ער האָט געקאָנט פאַרשטעלן יוסף הצדיק, פאַרוואָס זאָל ער נישט קאָנען זיין בועז?

אין אַנדערן טאָג שבועות בין איך געזעסן מיט יאַנקלען אויפן הויף און געקוקט אין סאָד אריין, וווּ די זון איז געשטאַנען איבער איין בוים, אַזוי ווי אַ גרויס, אָנגעצונדן ראָד.

יאַנקל איז געווען ברוגז אין שטוב. ער האָט מיר געזאָגט, אַז איינדערפרי האָט ער פאַרשפּעטיקט צום דאַווענען. איז געגאַנגען דער טאַטע זיינער און האָט אים צווישן אַלע מענטשן אין בית־מדרש אַראָפּגעלאָזט אַזאַ פּלאַם, אַז ער האָט זיך שיער נישט באַגאָסן מיט בלוט. דעם טאַטן, זאָגט יאַנקל, וועט עס נישט זיין געשענקט. ער וועט זיך נאָך דערשפּילן, דער טאַטע, אַז ער, יאַנקל, וועט נעמען יאַנינקען און ביידע וועלן זיי פונדאַנען אַנטלויפן, עלעהיי בועז מיט רות.

מיר איז אַזש הייס געוואָרן הינטערן האַרץ. ערשט נעכטן האָב איך דאָך פאַרגלייכט יאַנקלען מיט יאַנינקען צו בועזן מיט רות. און זע נאָר, ער זאָגט דאָך אויך ס'אייגענע.

— אָבער בועז האָט זיך דאָך נישט געשמדט.

— פונוואַנען ווייסטו?

— ס'הייסט, פונוואַנען כ'ווייס? ס'שטייט דאָך אין דער תורה.

— יאך זאג דען, אז כ'על זיך שמדן?
— וואס דען וועסטו טון?
— יאנינקע וועט זיך מגייר זיין.
— און וואס וועט זאגן דער סטארשי סטראזשניק?
— ער דארף דען וויסן?

כ'וויים נישט פארוואס, נאר מיר האט זיך אין יענער מינוט דער־מאנט דאס טרויעריקע מעשה־ביכל פון רודאלף דעם באטריגער און פון דער שיינער קאראלינע, וואס מען האט בײנאכט ארויסגעגנבעט פון פאַטערס פאלאץ.

כ'האב געוווסט, אז בעלי־מלאכות מיט שניידער־מיידלעך פירן לי־בעס. זיי גייען אין די שבתדיקע פארנאכטן שפאצירן אויפן שאסיי ארויס. כ'האב אויך געהערט לידלעך פון ליבעס. נאר ווי אזוי די ליבע אליין זעט אויס — האב איך מיר נישט געקענט פארשטעלן.

אצינד, ווען יאנקל האט אזוי שטיל און פארביסן גערעדט, איז מיר קלאר געווארן, אז יאנקל מיט יאנינקען פירן א ליבע.

אמת, אין די שבתדיקע פארנאכטן האב איך זיי נישט געזען גיין אויפן שאסיי — דערפאר אבער האב איך זיי געטראפן אמאל הינטערן פארקאן פון סאד. אז זיי האבן מיך דערזען, האבן זיי זיך אויפגעריסן און אנטלאפן. א הונט האט זיך אויך פון ערגעץ אויפגעריסן און איז זיי נאכגעלאפן. אן אנדערשט מאל האב איך געזען, ווי יאנינקע האט גע־האלטן צווישן די ציין א קיכל און יאנקל האט געגעסן פון איר מויל ארויס. מוז זיין, אז דאס טאקע הייסט פירן א ליבע.

פונדערוויטנס איז אנגעקומען יאנינקע, אויף אירע פלאקסענע האר איז אצינד געפאלן די זון, וואס האט זיך ארויסגערוקט פון סאד. יאנינ־קע איז געגאנגען צו אונדז. באלד אבער האט זי זיך מיישב געווען, שטיין געבליבן א ווײלע און איז צוריק אריין אין שטוב.

יאנקל האט א קוק געטון אויף מיר מיט א האלב פנים, נאך א ווײלע שווייגן האט ער זיך געפרעגט:

— גייסט נישט אין ערגעץ?
— ניין, כ'גיי נישט. וואס איז דען?
— גארנישט. גלאט. נאר זעסט — איז זיין שטימע געווארן הייזעריקער — איך מיט יאנינקען האבן מיר זיך אפגעשמועסט היינט צו קלייבן זאנגען.

— ס׳הייסט, זאנגען? ווי קומען דא אהער זאנגען?

— כ׳האב איר געזאגט — האט יאנקל שוין נישט גערעדט, נאר בלויז געאטעמט — אז זי וועט זיין רות און איך — בועז. איך וועל שטיין אין פעלד און זי וועט קומען נאך די זאנגען.

— ווו האסטו דא א פעלד? ווו האסטו דא זאנגען?

— ס׳עט דאך נאר זיין אזא שפיל. דעם טאטנס אמניבוס האבן מיר געמאכט פאר א פעלד, און דאס שטרוי, וואס ליגט דארט אינעוויי־ניק, וועט זיין די זאנגען, פארשטייסט?

— כ׳פארשטיי. נאר דאס פעלד געפעלט מיר נישט. פון די זאנגען דארט אין אמניבוס שפירט מען מיט שוויים. און גלאט, וואס איז דאס פאר א משוגענער איינפאל?

— מ׳עט זיך שפילן, וואס ארט דיך?

— ס׳ארט מיך נישט. נאר איך וויל מיך אויך שפילן.

— וואס וועסטו זיין? אז דו ביסט נישט, נישט רות און נישט בועז?

נו, יא. ער איז גערעכט, יאנקל. אבער ווו וועל איך מיך אהינטון?

— באהאלט דיך ערגעץ — האט יאנקל גענומען רעדן גיך — דא, הינטער די ברעטער. אז איך מיט יאנינקען וועלן שוין זיין אין אמניבוס, זאלסטו דיך אוועקזעצן אויפן דישעל. טאמער גייט ווער, זאלסטו געבן א הוסט.

יאנקלס אויגן האבן געקוקט אויף מיר מיט א גרינלעך פייערל. אזעל־כע אויגן האט יאנקל געהאט, ווען דער לאמער גוי האט געברענגט דעם אגער צו זיין טאטנס קאבילע.

— ווייסטו וואס נאך? — האט יאנקל מיך אנגעכאפט ביי דער האנט — כ׳על דיר געבן מיין קנייפערל (מעסערל).

כ׳בין אים מוחל געווען דאס קנייפערל. כ׳האב געשפירט, אז די רות מיט דעם בועז זענען נישט קיין פאר. אז ס׳איז אינגאנצן אן אויס־טערלישער שפיל. כ׳האב אבער יאנקלען ליב געהאט. כ׳האב נישט גע־האט קיין כח אים אפצוזאגן. און גלאט, מיך אליין האט באשלאגן א היץ. ווען איך וואלט מיר געקאנט אפגעבן א קלארן חשבון, וואלט איך, מן־הסתם, געזאגט, אז אויך איך וויל פירן א ליבע מיט יאנינקען.

דער סוף איז געווען, אז כ׳האב מיך באהאלטן צווישן די האלב־פאר־פוילטע ברעטער. פונדאנען ארויס האב איך געזען, ווי יאנקל איז ארייג־

געקראָכן אין זיין טאַטנס אָמניבוס. אַ רויטער פֿלעק פֿון דער זון איז אים נאָכגעקראָכן צופֿיסנס.

דערנאָך האָט יאַנקל געגעבן אַ פֿייף. דער פֿייף איז לאַנג געשטאַ־נען אין ליידיקן הויף. ס'האָט געדויערט אַביסל, ביז יאַנינקע איז אַרויס־געקומען פֿון זייער שטוב און אויך אַריינגעקראָכן אין אָמניבוס. זי איז געקראָכן נישט מסוגלדיק. ס'קליידל האָט זיך פֿאַרריסן. דאָס אָפּגעדעקטע שטיקל לייב איז נישט געווען ברוין, ווי די פֿיס אירע, נאָר ווייס, ווי קעז.

אַז ביידע זענען שוין געווען אינעווייניק, בין איך אַרויס פֿון הינ־טער די ברעטער און איבערגעגאַנגען אויפֿן דישעל. אַזוי ווי יאַנקל האָט געהייסן.

פֿון דער גאַס איז אַריינגעקומען אַ הונט. דאַכט זיך, אַז ס'איז געווען דער אייגענער הונט, וואָס איז אַמאָל נאָכגעלאָפֿן יאַנקלען מיט יאַנינ־קען. אַצינד איז ער אַרומגעקראָכן ביי די ווענט און געשמעקט. דערנאָך איז ער שטיין געבליבן אינמיטן הויף און גענומען זיך דרייען אַרום זיין אייגענעם וויידל.

איך האָב געהיטן בוזן מיט רות. אינעווייניק, אין אָמניבוס, איז געווען שטיל. דער הונט האָט זיך אָפּגערוקט אויף אַ פּאָר טריט און פֿאַר־קוקט זיך אויף מיר. געקוקט אַזוי לאַנג, ביז איך בין אים נישט געפֿעלן. האָט ער אַ ביל געטון. צוערשט איינמאָל, דערנאָך וואָס אַמאָל גערדיכ־טער און העכער.

אויף מיר איז גערינצלט געוואָרן די הויט. פֿון אָמניבוס אַרויס האָט מען זיך נישט אָפּגערופֿן. מיר האָט זיך גענומען אויסווייזן, אַז דער הונט רופֿט עמעצן, מען זאָל אַהערקומען און זען.

האָט זיך טאַקע געעפֿנט דעם סטאַרשי סטראַזשניקס טיר און ס'איז אַרויסגעקומען זי אַליין, יאַנינקעס מאַמע. זי האָט זיך גיך אַרומגעקוקט איבערן הויף. דער הונט האָט געקריגן נאָך מער חוצפּה און גענומען שפּרינגען גלייך צום דישעל, וווּ איך בין געזעסן אין העלישע פֿייערן.

כ'ווייס נישט, צי האָב איך טאַקע געזען, ווי די רוסישע גויע נייט אַהער צום אָמניבוס, צי האָב איך עס מער דערשפּירט. נאָר כ'האָב מיך געגעבן אַ ריס אָפּ פֿון דישעל און מיט אַ געשריי — „יאַנקל, מ'גייט!" — האָב איך גענומען אַנטלויפֿן.

נאָך מיר איז נאָכגעלאָפן דאָס צעשראָקענע קול פון יאַנינקעס מאַמע:

— סטאַי... סטאַי... ווו איז יאַנינקע?

נאָר דאָס האָט מיך אַזוי ווייט נישט געיאָגט, ווי דער הונט. ער איז מיר נאָכגעלאָפן מיט אַזאַ געבילעריי און מיט אַזאַ רשעות, אַז דער קאָפּ פון הינטן האָט מיר אַזש אָנגעהויבן וויי טון.

כ'האָב נישט געוווסט, ווי אַזוי ס'איז געשען. נאָר מיטאַמאָל האָב איך דערשפּירט אויפן גראָבן פלייש פון רעכטן פוס אַ שטאָך פון הונטס אַלע ציין.

כ'בין געפאַלן מיטן פּנים אין אַ רינשטאָק אַריין. כ'האָב געמוזט שרייען. ווער ס'האָט מיך אויפגעהויבן, ווייס איך נישט. כ'האָב גאָרנישט געזען, כ'האָב נאָר געפילט אַ פּאָרע פון מיילער און אין די אויערן האָט טעמפּ אָפּגעקלונגען אַ האַרט, פאַרביסן קול:

— מערזאַוויעץ, סוקין סין. דאַ קרימינאַלו!

***

צומאָרגנס באַלד אינדערפרי האָט מען גערופן צו מיר איטשע רופא. ער האָט אַריינגעשטעלט צו מיר אין די פיס אַריין דעם שוואַרצן לעדערנעם דאַשיק. ער האָט דאָרט געטאַפּט און געקוועטשט מיט די אַלטע, קישלדיקע פינגער זיינע.

ביים בעט איז געשטאַנען די מאַמע מיט פלעקן אויףביידע קינבאַקן. צופּיסנס האָט געקוקט אויף מיר טויבע.

די מאַמע האָט מיט אַ קורצן אָטעם נעפרעגט איטשע רופא, צי דער הונט איז, חלילה, נישט געווען משוגע. און וואָס זי האָט צו טון און ווו זי האָט צו לויפן.

איטשע רופא האָט אַרויסגערוקט דעם לעדערנעם דאַשיק און גערבייזערט זיך:

— לויף נישט — האָט ער געשריגן מיט אַן ענג קול — אַז דו וועסט לויפן, וועסטו קריגן אַ שטיין אין בויך. נאַ — האָט ער געזאָגט — דאָ פאַרשרייב איך דיר אַזאַ וואַסער. זאָלסט אים מאַכן קאָמפּרעסן אַלע זעקס שעה. אַז ס'וועט אים נישט בעסער ווערן, זאָלסטו מיך רופן, וועט מען אים שטעלן אַ צוויי פּיאַווקעס.

— וואס עפעס פיאווקעס? — האט די מאמע פארקרימט ס'פנים
— מיין בערל, זאל זיין אפגעשיידט, האט קיינמאל קיין פיאווקעס נישט געהייסן שטעלן.

— דערפאר איז ער דאך טאקע געשטארבן, דער בערל דיינער — האט איטשע רופא געענטפערט שוין נישט דער מאמען, נאר טויבען.

דאכט זיך, אז ער האט בכלל נישט גערעדט צו דער מאמען, נאר צו טויבען.

כאטש דער פוס האט געברענט — האב איך עס פונדעסטוועגן געזען. ער האט געקוקט אויף טויבען מיט דער גאנצער ווייסער בארד זיינער.

— ווי הייסטו? — האט ער אומגעריכט געגעבן א נעם טויבען אונטער דער גאמבע.

— טויבע — האט מיין שוועסטער דערשראקן געענטפערט.

— וועמענס ביסטו?

— א הינעדיקע — האט זי זיך פאמעלעך געוואלט אפרוקן פון אים. אבער דעם אלטנס קישלדיקע פינגער האבן זיך פון טויבעס גאמבע פלוצלינג אראפגעגליטשט אויף אירע פולע, גרויסע בריסטן.

זי האט זיך, אזוי ווי פארקרעקעט. און כאטש איטשע רופא איז געווען א שיינער ייד און איז אנגעגאנגען אין שטאט פאר א גרויסן מומחה — האט פונדעסטוועגן אונדזער טויבע געהאט די העזה אוועקצווארפן פון זיך זיינע הענט און בייז א זאג צו טון:

— איך בין נישט קראנק. מיך דארפט איר נישט „בארען".

— האסט נישט קיין דרך־ארץ פאר קיין עלטערן ייד — איז איטשע רופא שטיין געבליבן מיט דער שיינער בארד אין דער קרום.

— זאל דער עלטערער ייד נישט קריכן, וווּ מען דארף נישט — האט זיך טויבע אויסגעדרייט מיטן פנים צום פענצטער און אפילו נישט געענטפערט, ווען דער אלטער רופא האט געזאגט „א גוטן־טאג".

מיר האט מען געלייגט קאמפרעסן. אויפן בעט איז געזעסן טויבע און געפירט איר ווארעמע האנט איבער מיין פנים. דער טאטע האט נישט געוווּסט, ווי אזוי און פארוואס דער הונט האט מיך צעביסן. ווי נאר ער איז אהיימגעקומען, האט ער זיך אראפגעבויגן צו מיר אין בעט אריין. ער האט מיר געטאפט דעם שטערן און געזאגט, אז קיין היץ, חלילה, האב

איך נישט, נאָר אַ שטיקל ציבעלע וואָלט נישט געשאַדט צוצולייגן מיר צום פּוס.

— ווער מיט עפּעס, ער מיט זיינע ציבעלעס — האָט די מאַמע ביי־טולדיק אַ קנייטש געטון מיטן קאָפּ.

איטשע רופא האָט מען שוין מער צו מיר נישט גערופן. דער פוס האָט זיך געהיילט אָן זיינע פּיאַווקעס.

וועגן דעם, וואָס איז געשען, האָט מען אין שטוב נישט גערעדט. די מאַמע איז צום סטאַרשי סטראַזשניק מער נישט אריינגעגאַנגען. כ'האָב געהערט, אַז צו יאַנינקען האָט מען גערופן פּזשילענצקי דאָקטאָר — זי האָט היץ, יאַנינקע — און דער סטאַרשי סטראַזשניק זוכט אַרום יאַנקלען. ער וויל אים איינזעצן אין קרימינאַל.

יאַנקל איז אָבער ערגעץ־ווו נעלם געוואָרן. טויבע זאָגט, אַז דער יאַנקל איז אַ משוגענער הונט, אַ לאָבוז, אַ גנב. ער האָט זי דאָך צעביסן, די יאַנינקע. וואָס האָט ער געוואָלט פון שיקסל, וואָס?

איך וויים אויך נישט, פאַרוואָס ער האָט זי צעביסן. טאָקע עפּעס אַ משוגענער הונט. נישט בחינם איז ער נעלם געוואָרן.

קומט אָבער די מאַמע איינמאָל צו גיין און זאָגט, אַז יאַרמע בעל־עגלה האָט אים געפּאַקט, דעם תנא־ברא זיינעם. ער זאָל זיך האָבן אויס־באַהאַלטן אויף דער „זאַמלינע" ביי אַ גויע. זי האָט אים געגעבן צו עסן קעלבאַס, די גויע, געקויפט אים אַ גראַנאַטענעם קאַשקעט מיט אַ לע־דערנעם דאַשיק און צוגערעדט אים, ער זאָל זיך שמדן. יאַרמע בעל־עגלה איז דערפון געוואָר געוואָרן. גייט ער אַראָפּ אויף דער „זאַמלינע" און לאָזט דעם יונג אַראָפּ צוויי פייערדיקע פּעטש, און שלעפּט פון אים אַראָפּ די שטיוול מיטן גראַנאַטענעם קאַשקעט און בינדט אים, ווי אַ שעפּס. אַזוי אַרום, געבונדערנערהייט, האָט ער אים אָוועקגעפירט קיין וואַרשע.

ווער ווייסט, צי איך וועל שוין אַמאָל יאַנקלען זען. בפרט, אַז די מאַמע מיינע קלערט אויף אַן אמת אַרויסצוציען זיך פון דער דאָזיקער דירה.

# קאפיטל צוויי און צוואנציק

מיין פוס האט זיך שוין געהאט אויסגעהיילט. פון הינטישן ביס איז געבליבן נישט מער, ווי א בלוי־רויטלעך גערינצלט הייטל, וואס איז פון טאג צו טאג בלאסער געווארן.

קומט אמאל, אין יענע טעג, אהיים דער טאטע תחילת נאכט, א פארשוויצטער, א צעפארעטער, און הייסט זיך געבן א שיסל וואסער מיט זייף. ער ווארפט פון זיך אראפ דאס וועסטל מיטן העמד און שטייענדיק איבער דער שיסל, א האריקער, אינגאנצן א פארשוויצטער, זאגט ער, אז אי״ה נאך שבת פארן מיר אלע ארוים אין א דארף אריין.

די מאמע קוקט אים אן מיט א פארחידושט פנים. זי טראכט, מן־הסתם, אז איר מאן האט זיך געמוזט אנשיכורן. ווארום, ערשטנס, וואס איז דאס פאר א וואשן זיך אין א פראסטן מיטוואך אין א קאלטער שיסל מיט זייף, און צווייטנס, וואס איז דאס פאר א פארן אין דערפער אריין?

דער טאטע נורעט דאס פנים מיט דער בארד אין א לאנג האנטוך אריין. ער פארסקעט אויף דער שטוב ארוים, ער ווייזט זיין גאנץ מויל ציין און גיט צו פארשטיין, אז וואשן וועשט ער זיך דערפאר, וואס די אותו רגע קומט ער צוריק פון א וויטער נסיעה. אויפן וועג איז געשטא־נען א שטויב מיט א היץ, נישט אויסצוהאלטן. איז איינמאל אוועק. צווייטנס — זאגט ער — האט ער געמאכט א מסחר, א גרויס מסחר, איז צוליב דעם מסחר, וועלן מיר ארויספארן אין א דארף אריין.

די מאמע פארשטייט נישט. איך מיט טויבען פארשטייען אויך נישט. אז קיינמאל האט נאך דער טאטע נישט געמאכט קיין גרויסע מסחרים און קיינמאל זענען מיר נאך נישט געפארן אין קיין דערפער אריין.

זאגט שוין דער טאטע קלאר, אז ער צוזאמען מיטן שותף זיינעם, מאטל שטרוי, האבן געדונגען די לאנקעס אין „לעניוווע", אן ערך זיבן מייל פונדאנען. אויף א גאנצן זומער געדונגען. מ'עט אליין דארט קאשען ס'היי. דערנאך וועט מען דארפן אראפנעמען דער „פאטראוו". ס'עט גע־דויערן ביז די ימים־טובים, מען זאל עס דערלעבן. מאטל שטרוי מוז בלייבן דא אין שטאט. ער, דער טאטע, מוז זיין אין „לעניוווע". איז ביי אים געבליבן — וואס דארף ער אלע טאג פארן זיבן מייל אהין און זיבן מייל צוריק — ער וועט זיך אינגאנצן ארויסציען אהין און פטור.

די מאַמע הערט מיט פאַרמרוזשעטע אויגן. אין דער אָפענער טיר פון קיך קוקט אריין טויבע. מען שווייגט. דערנאָך רופט זיך אָן די מאַמע מיט א גאוהדיק קול:

— ווו ליגט עס, דאָס „לעניוווע" דיינס?

— ס'ליגט אין א געגנט, ווער מיר גוטס גינט. א וואַלד, א וואַסער, קעז, פוטער, אייער — בחצי חינם.

— און ווו וועט מען דאָס וווינען אין דעם „לעניוווע"? — פרעגט ווידער די מאַמע מיט א יחסנישן אָנשטעל.

— מ'עט שוין וווינען. דאגה נישט.

די מאַמע איז נישט צופרידן. עפּעס קרימט זי שוין צופיל מיטן מויל.

— א העק מוז עס זיין, דאָס דאָזיקע „לעניוווע".

— וואָסער העק, אַז עס ליגט ביים סאַמע שאָסיי, און אין א שטעטל אריין איז א וויאָרסט פיר, פינף.

— אויף א גאַנצן זומער? — פרעגט די מאַמע מיט שרעק אין קול.

— וואָס דען האָסטו געמיינט, אויף א טאָג? און ס'אַנדערע, וועסט דאָך זיין אויף פרישער לופט.

— מוחל די פרישע לופט. טאָמער קאָנסטו וויסן. צווישן פויערים.

— וואָס דען האָסטו געוואָלט — זאָגט שוין דער טאַטע בייזלעך — כ'זאָל לויפן אַלע טאָג זיבן מייל?

— ווער הייסט דיך לויפן? פאָרסט דאָך מיט פערד־און־וועגעלע.

דער טאַטע ענטפערט נישט. ער עסט דאָס איבערגעבליבענע ביסל גריץ פאַמעלעך, אָן טעם. ער האָט עגמת־נפש, דער טאַטע.

מיר אַליין טוט אויך ווי ס'האַרץ. דער זומער איז א הייסער. אין שטאָט איז זיך נישטאָ ווו אהינצוטון, און אַז דער טאַטע זאָל אפילו אַלע טאָג פאָרן — איז עס דען געמאַכט געוואָרן פאַר א מענטש? און גלאַט, פאַרוואָס זאָלן מיר זיך נישט טאָקע ארויסציען קיין „לעניוווע"? ס'איז דאָ, זאָגט דער טאַטע, א וואַלד און א וואַסער. מ'עט קאָשען היי. ס'וועט דאָך זיין גאָר אַן אַנדער לעבן.

סיי־ווי־סיי איז שוין יאַנקל נישטאָ. אויפן סטאַרשי סטראַזשניקס טיר טאָר מען אפילו נישט קוקן. די בלאָנדע יאַנינקע דערקענט מיך שוין נישט. אין חדר ביי סימע־יוספן איז ענג, שוואַרץ. סימע־יוסף אַליין

קרעכצט און ליגט גאַנצע טעג צו בעט. טאָ וואָס לויגט עס נישט דער מאַמען צו פאָרן קיין „לעניווע"?

טויבע וויל אויך, מען זאָל פאָרן. זי ווייסט דאָך יאָ, וואָס ס'איז אַזעלכעס אַ דאָרף. זי זאָגט גאָרנישט. זי טאָר זיך נישט אָנרופן, ווען דער טאַטע איז אין שטוב. אָבער לויט די אויגן דערקענט מען, אַז זי וואָלט זיך ש ו י ן איינגעפּאַקט און ש ו י ן געפאָרן.

— נו, און דו, מענדל? — דרייט דער טאַטע אויס די באָרד צו מיר — פאַר דיר איז עס אויך אַ העק?

— ניין — זאָג איך — איך וואָלט געוואָלט פאָרן.

— אים פרעגט ער — רייסט איבער די מאַמע דאָס שווייגן — עלעהיי ער וועט פאַרשפאָרן צו גיין אין חדר אַריין.

— דער רבי לערנט מיט אונדז סיי־ווי־סיי נישט — ווער איך שוין דרייסטער — ער ליגט אַ גאַנצן טאָג אין בעט.

— טאָ פאָרטס, ווער האַלט ענק — שאָקלט די מאַמע בייז מיטן קאָפּ — איך האָב אויך ווו צו פאָרן. וואַרשע איז נאָך אַזוי שיין, ווי „לעניווע".

— שוין ווידער וואַרשע?

— יאָ, שוין ווידער וואַרשע. כ'האָב דאָך, דאַכט זיך, אַ קינד אין וואַרשע, ניין?

— און מענדל — גיט דער טאַטע אַ וואָרף מיט דער גאַנצער באָרד — איז נישט דיין קינד?

— אָבער וואָס עפּעס קיין „לעניווע", וואָס? מ'זאָגט כאָטש קיין גאַרבאַטקע.

— גאַרבאַטקע איז פאַר גבירים, פאַר לעטניקעס. לייזער היי־הענדלער האָט נישט אויף קיין גאַרבאַטקעס.

שוין. מיט דעם האָט עס זיך דערוויילע געענדיקט. די מאַמע איז אַרומגעגאַנגען אַ ברוגזע. דעם טאַטנס בעט האָט גלייך געמאַכט טויבע. כ'עסן צום טיש האָט אויך דערלאַנגט טויבע. דער טאַטע האָט גאָרנישט גערעדט.

אין חדר אַריין האָב איך אינגאַנצן אויפגעהערט צו גיין. צום רבין מיינעם, צו סימע־יוספן, האָט מען געכאַפּט פידלער דאָקטאָר. מען האָט געזאָגט, אַז ער דאַרף האָבן גרויס רחמים, סימע־יוסף.

איך מיט נאָך ייִנגלעך האָבן זיך אַרומגעדרייט לײדיק צווישן פּויער־רישע פורלעך, געטאַפּט זעקלעך מיט ווייץ און געקנאַקט ארץ־ישראל־ניסלעך. אין שטוב האָט מען נישט געוווסט, צי בלייבט מען דאָ, צי פאָרט מען. שבת נאָכן עסן האָט דער טאַטע געכאַפּט אַ דרימל אויף דערוויול און איז באַלד דערנאָך אַוועק צום שותף זיינעם. טויבע איז געזעסן אויפן הויף. די מאַמע האָט אויך געוואָלט אַוועקגיין, איז געקומען צו גאַסט די באָבע ראָכל.

מער האָט די מאַמע נישט באַדאַרפט. זי איז אַרויס מיט אַ טענה און מיט אַ געוויין, אַז ער, דער טאַטע, הייסט עס, וויל זי אַוועקשיקן אויפן גאַנצן זומער ערגעץ אין אַ העק אַריין. אַז ער האָט נישט קיין רחמנות אויף אירע יונגע יאָרן. אַז ער איז אַ מערדער, נישט קיין מאַן, און אַז ס׳איז אַ פאַל — זי זאָל זיך אָנטון אַ מעשה.

די באָבע ראָכל האָט פון תמיד אָן נישט גוט געלעבט מיטן טאַטן. ס׳הייסט, זיי האָבן זיך, חלילה, נישט געקריגט. נאָר סיי די באָבע און סיי דער טאַטע האָבן עפּעס געהאַט איינס צו ס׳אַנדערע. דער טאַטע האָט נישט איינמאָל געזאָגט, אַז אַלדאָס שלעכטס, וואָס די מאַמע האָט אין זיך, שטאַמט פון דער באָבען. די באָבע ווידער האָט געהאַלטן, אַז נאָך די מע־שענע קליאַמקעס, וואָס איר טאָכטער האָט געהאַט ביים ערשטן מאַן — איז זי ביי מיין טאַטן אַריינגעפאַלן. אַצינד אַז די מאַמע האָט אַזוי גע־קלאָגט פאַר איר, איז עס דאָך געוועזן קלאָר, אַז די באָבע וועט אויך נישט הייסן פאָרן.

לאָזט זיך אויס, אַז איך האָב אינגאַנצן געהאַט אַ טעות אין דער באָבען.

— דאַרפסט דאַנקען גאָט — האָט זי זיך אָנגערופן נאָך דעם, ווי די מאַמע האָט שוין אַלץ געהאַט אויסגעוויינט. — דאַרפסט דאַנקען גאָט, וואָס עס מאַכט זיך אַזאַ געלעגנהייט.

דער מאַמעס פּנים איז געוואָרן צעמישט.

— דו אויך, מאַמע?

— וואָס הייסט, איך אויך? און ווער וואָלט דאָס געזאָגט ניין?

— אָבער אין אַזאַ העק אַריין?

— זומער איז צו זאָגן אַ העק? וואָס האָסטו דאָ, וואָס? און ס׳אַנ־דערע — האָט די באָבע אויסגעדרייט דאָס פּנים צו מיר — זע נאָר, ווי

דער יונג זעט אויס. ר'איז דאָך אויסגעבלייכט. און דו אַליין — זעסטו דען אויס בעסער?

— אַז איך וויל נישט פאָרן אין קיין דערפער אַריין.

— וואָס הייסט, דו ווילסט נישט? ס'איז דען אַזוי, ווי מען וויל? און ס'אַנדערע, וואָס לייגסטו דאָ צו, וואָס?

די מאַמע האָט ברוגז געשוויגן. די באָבע האָט נאָך גערעדט אַ סך. זי האָט געלויבט דעם טאַטן און געזאָגט, אַז איר מאַן, דער זיידע, הייסט עס, וואָלט זיך נישט געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, אַז זיין ווייב זאָל קאָנען אַרויספאָרן אויף פרישע לופט. ביים אַוועקגיין האָט זי אָנגעזאָגט דער מאַמען, זי זאָל למען־השם נישט זען אַנדערש צו טון.

אויפדערנאַכט נאָך הבדלה האָט זיך דער טאַטע אָנגערופן:

— נו, פרימעט, וואָס בלייבט?

— כ'על מיך נאָך מיישב זיין. ס'ברענט דאָך נישט.

זונטיק האָט מען נישט געוווסט, צי זי האָט זיך שוין מיישב געווען. נאָר אַ גאַנצן טאָג האָט זי געגראַבלט צווישן דער וועש. זי האָט גענייט און פאַרראָכטן. טויבע איז געשטאַנען איבער אַ באַליע גרעט, אַ רויטע, אַ צענומענע. די מאַמע האָט אַראָפּגענומען פון דער שאַנק צוויי פאַר־שטויבטע פלעשער מיט יאַגאָדעס־סאָק און געפרעגט טויבען:

— ווי מיינסטו, זאָל איך עס מיטנעמען?

— גלייכער וואָלט געווען מיטצונעמען. זומער, ס'גייען אַרום שלאָפּ־קייטן.

ערשט מיטוואָך אינדערפרי, נאָכדעם ווי מען איז עטלעכע נעכט געלעגן אונטער אָפּגעצויגענע, רויטע איינשיטן, איז צו אונדזער שטוב פאַרפאָרן אַ פויעריש פערד און וועגעלע, און אַ יונגער גוי, די גרויס פון אַ בוים, איז אַריינגעקומען מיט דער אויפגעשטעלטער בייטש:

— יאַדזשעם, טשי ניע יאַדזשעם?

— יאַדזשעם, יאַדזשעם — האָט דער טאַטע פריילעך געענטפערט און צו טויבען — אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ:

— נו, הויב אָן אַרויסטראָגן.

ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל, זינט טויבע איז צוריקגעקומען פון שפּיטאָל, דער טאַטע זאָל רעדן גלייך צו איר.

האָט מען אַרויסגעלאָדעוועט ס'רויטע, פאַרפעדערטע בעטגעוואַנט. מען האָט מיטגענומען אַ לאָקשן־ברעט מיט אַ וואַלגערהאָלץ. אין אַ קו־

בעל אריין האָט די מאַמע פאַרשטעקט די צוויי פלעשער מיט יאַגאָדעס־סאָק. אין בעטגעוואַנט אריין האָט מען פאַרדוקט טעלערס, שיסלען. און זיי געזונט, גרויסער הויף — און דו, סאַד — און דו, יאַרמע בעל־עגלהס אָמניבוס...

דער טאַטע האָט נאָך געהאַט אַריבערצולויפן צום שותף זיינעם. ער האָט געהייסן וואַרטן אויף זיך ביי דער ראַגאַטקע. די מאַמע האָט נישט געוואָלט גלייך אויפזיצן. זי וועט דאָך נישט גיין שאָקלען זיך אויף אַ לייטער־וועגעלע איבער דער גאַנצער שטאָט. זי וועט אויך צוקומען צו דער ראַגאַטקע.

איז מילא. זיצן דערווייל אויפן וועגעלע איך און טויבע. טויבע האָט זיך געזעצט אויפן ווייכן בעטגעוואַנט, מיטן רוקן צום יונגן גוי, איך פון פאָרנט — ביים פערדל.

אויפן הויף איז געשטאַנען אַ בלויע לופט. די דעכער האָבן געגלאַנצט מיט טוי. צווישן די ביימער פון סאַד האָט געציטערט אַ שיטערע זון. ביים סטאַרשי סטראַזשניק איז דאָס פענצטער געווען פאַרהאַנגען מיט אַ לײַלעך. יאַנינקע שלאָפט, מן־הסתם. יאַנקל איז אויך נישטאָ. איך האָב נישט מיט וועמען זיך צו געזעגענען. כ׳פאָר דאָך אין אַ דאָרף אריין, ס׳דאַרף דאָך מיר זיין גוט אויפן האַרץ — ווייס איך נישט — ס׳איז מיר נישט גוט.

יאַרמע בעל־עגלה מיטן ווייב זיינעם זענען אַרויסגעקומען געזעגענען זיך.

ער ווישט אָפּ די האַנט מיט אַ גאַרשטש שטרוי און זאָגט מיר — כ׳זאָל פאָרן געזונטערהייט און כ׳זאָל זיין אַ לייט — נישט אַזוי, ווי דער ממזר זיינער, יאַנקל.

יאַרמע בעל־עגלהס ווייב קושט זיך מיט דער מאַמען. זי ווינטשט אונדז אַ גליקלעכע רייזע, און מען זאָל זיך פרייען אויף שמחות. דאָס וועגעלע רירט.

די גאַסן ליגע קילע, האַלב־ליידיקע. אויף געוועלבער רוען שווער־פאַרשלאָסענע, אייזערנע פרענטן.

אַ יינגל פון סימע־יוספס חדר שפרינגט אַרויס פון אַ הויז און שרייט צו מיר אַרויף:

— מענדל, וווּ פאָרסטו?

— קיין „לעניוועי" — שטעל איך מיך אויף, ער זאָל מיך איינגאַנצן זען — אויף פרישע לופט.

ער זעט אויס אַצינד נאַריש, דאָס ייִנגל. ווען איך האָב אַ דעה און ווען זיין מאַמע גיט אים מיט צדה־לדרך — פועל איך ביים טאַטן, מען זאָל אים אויך מיטנעמען קיין „לעניוועי".

די שטאָט רוקט זיך אָפּ הינטערוויילעכטס. פון אַלע הייזער און דע־כער בלייבט נישט מער, ווי ס'גויאישע שפּיטאָל מיט דער קופּע ביימער, וואָס זעען אויס, ווי איין בוים.

די זון, אַ געדיכטע, שטייט שוין אויפן צלם פון בערנאַרדיינער קלויס־טער. די שאָטנס אַרום די טאָפּאָל־ביימער אויפן שאָסיי גייען אַוועק אין די פעלדער אַריין. ס'ווערט אָפּן אַרום און אַרום.

ביי דער ראָגאַטקע וואַרט שוין דער טאַטע. די מאַמע איז נאָך נישטאָ. דער טאַטע טאַפּט דאָס בעטגעוואַנט. ער באַקוקט אַרום דאָס וועגעלע פון אַלע זייטן. ער פּרוווט נאָך אַמאָל די שטריק און הייסט מיך אַראָפּוואַרפן ס'כאַלאַטל. ס'וועט זיין, זאָגט ער, הייס, כ'על צעשמאַלצן ווערן.

מיר וואַרטן אַ שפּאַר שטיקל צייט, ביז עס באַווייזט זיך די מאַמע. זי קומט אַ פאַרסאַפּעטע, אַ צעוואַרעמטע. זי וואָלט, זאָגט זי, פריער גע־קומען, נאָר זי האָט זיך געמוזט שאַפן אַ פּאַראַסאָלקעלע.

איצט פאָרן מיר שוין אַלע. די מאַמע זיצט סאַמע אינדערמיט. אונ־טערן געעפנטן פּאַראַסאָלקעלע, וואָס וואַרפט אַ בלאַס־גרינע שיין, זעט די מאַמע אויס, ווי אַ שוואָס.

אויף די פעלדער שטייען שיטער צעוואָרפן הילצערנע הייזלעך מיט שטרויענע דעכלעך, אויך אַזוי ווי שוואָמען. די תבואה הייבט זיך אַ גרינגלעכע. אָט שווימט אַרויס ס'ייִדישע בית־עולם. דאָרט, צווישן די ביימער, ליגט אונדזער משה.

די מאַמע פאַרמאַכט ס'פּאַראַסאָלקעלע און קוקט אַהין. זי דרייט זיך אויס עטלעכע מאָל, ביז דער פאָרקאָן ווערט קלענער און צעגייט אין דער היץ.

אָט איז אַ הילצערן בריקל אַריבערגעוואָרפן איבער אַ טייכל. באַר־וועסע גויעס, אין פאַרשאַרצטע באַרכאַנקעס, קלאַפּן מיט קיאָנקעס אין שטיקלעך גרעט אַריין. אונדזער פערד און וועגעלע שטעלט זיך אָפּ. דער פויער שפּאַנט אויס ס'פערדל און פירט עס אַראָפּ צום טייכל „פּאָיען".

מיר שפּאַנען זיך אויך אויס. די מאַמע האָט מיטגענומען וואַרעמע טיי, ברויט מיט פּוטער, האַרטע אייער, אַפילו בראָנפן איז אויך דאָ.

זעצן מיר זיך אויס ביים וואַסער הינטערן איינציקן בוים, וואָס שטייט דאָ און נעמען זיך עסן אָנבייסן.

דער טאַטע טרינקט קליינע זיפּעלעך בראָנפן. דער פּויער פּאַר־וואַרפט דעם קאָפּ אַרונטער און שלינגט איין ס׳גלעזל ביז צו דער דנאָ. די מאַמע טינקט אַ שטיקל זעמל אין קעלישיקל, איך און טויבע טרינ־קען צו האַלבע גלעזלעך. זאַטע, צופרידענע, סיי מיר און סיי דאָס פערדל — נעמען מיר זיך צו דער ווייטער נסיעה.

ס׳איז האַלבער טאָג. אויף לאַנקעס קריכן מידע, געלאַטעטע קי. אַ פּויער לייגט צו אַ האַנט צום שטערן און קוקט אין דער זון אַריין. די זון, אַ גרויסע, אַ ווייסע, ברענט אויף די אַקסלען.

אויפן שאָסיי איז ליידיק, ס׳איז היינט אַ פּראָסטער טאָג, פאָרט מען נישט אין שטאָט אַריין. אַ באַבע גייט מיט אַ קלומעקל. אַ בלאָנ־דער ייד, אַ פאַרשוויצטער דרייט ביים ווידל פון אַן איינגעשפּאַרט, נעל־נעפּלעקט קעלבל.

אונדזער פערדל שטעלט זיך ווידער אָפּ.

— יאַנישעוו — זאָגט דער טאַטע און קריכט אַראָפּ פון וועגעלע.

פיר אָפּגעשיילטע דרענגלעך שפּאַרן אונטער אַ קליין פּאָדער־הייזל, וואָס פירט אין דער יאַנישעוווער קרעטשמע אַריין.

אַ לאַנגער ייד מיט אַ גרינלעך־גרויער באָרד קומט אַרויס אויפן קרעטשמע־גאַניקל:

— שלום עליכם!

— עליכם שלום!

— ס׳מאַכט מען?

ס׳איז לאַזער קרעטשמער. ער העלפט אונדז אַראָפּקריכן פון אויס־געקנוידערטן בעטגעוואַנט און שרייט אַריין אין אַ פינצטערער טיר:

— שרהה, שרה!

— עס קומט אַרויס אַ דאַרע, הויכע מויד מיט בלויע, צעשראָקענע אויגן. זי מרוזשעט זיי, די אויגן, אַזוי ווי זי וואָלט אַרויס פון אַ פינצ־טערניש. אַז זי דערזעט, ווער עס קריכט אַראָפּ פון וועגעלע, גיט זי אַ פּאַטש מיט די הענט:

— און ווי מיר, נעבעך, נישט געשען! — און לויפט צוריק אריין אין דער פינצטערער טיר.

דאָ, אין דער קרעטשמע, קאָן מען מיין טאַטן גוט. צוליב אים פריים מען זיך מיט אונדז אויך. מען איז אונדז מכבד, ווי היימישע. שרה, דעם לאַנגן לאָזערס טאָכטער, וואָס איז פריער ארויסגעקומען צו אונדז באַר־וועס, פאַרעט זיך אַצינד אין צוגעשנורעוועטע שיך, אין א רויט בלוז־קעלע. זי קלאַפּט מיט די הויכע אָפּצאַסן איבער דער פאָדלאָגע. זי שטעלט אוועק באַרשטש איבערגעשלאָגן מיט סמעטענע, א גרויסן לאַבן ברויט מיט קמינעק, פּוטער, וואָס זי האָט אליין געשלאָגן, קעז, און אפשר ווילן מיר מילך גלייך פון דער קו, און אפשר צוואַרעך?

— איז פּאַרסטו, הייסט עס, קיין „לעניוועֿ"? — זאָגט פּאַמעלעך דער לאַנגער לאָזער.

— יאָ, דו ווייסט דאָך — ענטפערט דער טאַטע.

— האָסט א סך באַצאָלט פאַר די לאַנקעס?

— גענוג.

— און, ווי מיינסטו, ס'עט זיין ריווח?

— כ'מיין, אז צולייגן, חלילה, וועט מען נישט.

— אזוי. און וואָס הערט זיך נאָך עפּעס?

— אזוי, ווי ביי מיר...

לאָזער דרייט א פּאַפּיראָס פון מאַכאָרקע. נאָך א פּאָר מינוט שווייגן פרעגט ער ווידער:

— קריגסט עפּעס בריוו פון דיין לייבקען?

— ער שרייבט נישט קיין סך.

— ווען קומט ער שוין מיט מזל?

— איך רעכן, אז אויף די ימים־טובים, מען זאָל עס דערלעבן.

— ער האָט כאָטש געמאַכט געלט ביי „פּאַניע"?

— פונוואַנען זאָל איך וויסן?

— כ'קען אים, דיין לייבקע — פאַררויכערט לאָזער דעם פּאַפּיראָס — א גוטער בעל־מלאכה, האָב איך געהערט.

— יאָ. ער וואָלט שוין היינט געקענט זיין מייסטער, ווען נישט „פּאַניע".

— מן־הסתם, וועט מען דאָך אים זען, אז ער וועט קומען.

— מן־הסתם.

דער טאַטע בענטשט. פליגן קריכן אַרום קופּעסווייז אין אונדזערע אויסגעליידיקטע שיסעלעך. דער פייער האָט שוין אָראָפּגענומען פון פערדס אויערן דאָס זעקל שעצקע. אַרום דער קרעטשמע האָט זיך אָפּגע־זעצט אַ גרויסער, צעווירענער שאָטן.

די מאַמע הייבט זיך אויף די ערשטע. זי עפנט אויף ס׳פּאַראַסאָל־קעלע און גייט אַרום מיט אַ נגידישלעכער פּאַרריסנקייט.

די גאַנצע צייט, וואָס דער לאַנגער לאָזער האָט גערעדט מיטן טאַטן, האָט זיך די מאַמע נישט אָנגערופן. זי האָט געמאַכט ברוגזע חנדלעך — אַ סימן, אַז דער שמועס האָט איר נישט געשמעקט.

ערשט, אַז מיר זענען שוין צוריק געזעסן אויפן בעטגעוואַנט און דער לאַנגער לאָזער מיט דער טאָכטער זענען שוין צוריקגעגאַנגען פון באַ־גלייטן אונדז — האָט זיך די מאַמע אָנגערופן:

— וואָס האָט ער זיך אַזוי געפּרעגט אויף לייבקען, וואָס?

— אַ דאגה — האָט דער טאַטע אַ קוועטש געטון מיט אַן אַקסל.

— דאָס איז זיין טאָכטער, די דאַרע מויד?

— יאָ, אַ בת־יחידה.

— אַ וואַזשנע מצאָצע (מציאה).

דער טאַטע האָט געקוקט אין דער ווייטקייט אַריין. ס׳פערדל האָט זיך אַפילו געהאַט אָפּגערוט, אָבער ס׳איז געגאַנגען מיד.

— ער האָט נישט קיין ווייב, דער לאָזער? — האָט די מאַמע אויפסניי זיך אָנגערופן.

— אַן אַלמן, נישט דאָ געדאַכט — האָט דער טאַטע פאַרקלערט גע־ענטפערט און אַרויסגעצויגן אַ האַנט אין דער ווייטקייט אַריין:

— אָ, דאָרטן ליגט „לעניווע".

— ווו? — האָב איך מיך האַסטיק אויפגעשטעלט.

— דאָרטן, הינטער די טאָפּאָליעס.

— נאָך לאַנג צו פאָרן?

— אַ גוטע האַלבע שעה.

איך בין געוואָרן אומרואיק. כ׳האָב מיך כסדר אויפגעשטעלט און געקוקט. דאָס פערדל האָט פאַרקירעוועט אויף אַ זאַמדיקן פּוילישן וועג אַרויף. די אַקסן האָבן שווער געקרעכצט. אונדזער פויער האָט עטלעכע מאָל אַראָפּגענומען ס׳היטל פאַר בלוי־געקאַלכטע מויערלעך, ווו ס׳איז

געשטאַנען די הייליקע מוטער מיט פאַרדאַרטע בלימלעך ביי די באָרוויסע פיס.

די זון האָט זיך אין דער קרום געדוקט הינטער אַ סטאָדאָלע אַרונטער. וואָס מער זי האָט זיך געבויגן צו יענער זייט דאָך — מער איז דער הימל אַרומגענומען געוואָרן מיט צעשמאָלצן קופער. הינט האָבן זיך גענומען רייסן פון פאַרקאַנדלעך אַפער. קי זענען אַנטקעגנגעקומען און איבערגעלאָזט אין זאַמד גרויסע „פּעצענעס" מיסט. ס׳האָט געקלונגען אַ קלויסטערל, ווייט און פאַרלאָזט. פון קוימענדלעך האָבן זיך געצויגן בלויע שנירלעך רויך. אין דער נאָז איז פאַרגאַנגען אַ ריח פון קלייען געמישט מיט וואַרעמער, נאָר־וואָס געמאָלקענער מילך.

## קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ער האָט באַשטעלט אין „לעניווע" אַ דירה ביי אַ היימישן פּויער. אַ גאַנצע שטוב וועט עס זיין, מיט צוויי פענצטער, מיט אַ פאָדער־הייזל.

נאָר אַז מיר זענען פאַרפאָרן צום היימישן פּויער, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט זיך היינט נישט געריכט אויף אונדז. יענער „קופּיעץ", ס׳הייסט מאָטל שטרוי, האָט אים געזאָגט, אַז מיר דאַרפן ערשט קומען אויף דער אַנדערער וואָך. נאָר גאָרנישט — אַז מען איז שוין דאָ — וועט ער זען, מיר זאָלן די היינטיקע נאַכט איבערנעכטיקן אין דער סטאָדאָלע. מאָרגן, זאָגט ער, וועט ער ריין מאַכן די „כאַלופּע", און מיר וועלן קענען וווינען אַ גאַנצן זומער.

די מאַמע איז געשטאַנען אַ שווייגנדיקע. שווער געווען צו וויסן, צי שווייגט זי פאַר כעס, צי פאַר עגמת־נפש.

אויפן דאָרף איז שוין גוט געלעגן די נאַכט. אָבער די מאַמע האָט נאָך אַלץ דאָס פאַראַסאָלקעלע אירס נישט פאַרמאַכט.

דער טאַטע האָט פאַראיבל געהאַט אויפן פּויער:

— ס׳הייסט — ער האָט זיך נישט געריכט? ער, דער טאַטע, האָט דאָך בפירוש באַפוילן, אַז ער קומט היינט?

— ניין. יענער „קופּיעץ" האָט אים אַנדערש געזאָגט.

א הונט מיט א שטעקן צווישן די פאָדערשטע פיס, האָט זיך גע־ריסן אויף אונדז פון א „בודע" אַרויס. צוויי ווייסע שקציםלעך אין לייוונטענע הייזלעך האָבן זיך באַהאַלטן הינטער א וואַנט פון דער כאַ־לופּע און פון דאָרט אַרויס בגנבה אָפּערגעשטעקט די פאַרחידושטע פּנימער.

די פויערטע, א יונגע, מיט אָנגעגאָסענע, שווערע בריסטן, האָט אַרויסגעבערענגט פון שטוב צוויי בענקלעך, אָפּגעווישט זיי מיטן פאַרטוך און געבעטן זיצן:

— פּראָסע — האָט זי געזאָגט — ניעך פּאַנסטוואָ שאָנדזשע.

פאַר מיר האָט זי קיין בענקל נישט געבערענגט. איז האָב איך א דאגה. שטייענדיקערהייט זעט מען בעסער דעם הימל מיט די שטערן. אַז כ'האָב נאָך קיינמאָל אַזאַ שוואַרצן הימל מיט אַזוי פיל מילי־מיליאַסן שטערן נישט געזען.

איז וואָס, אַז מען וועט שלאָפן אין א סטאָדאָלע? מיר דאַכט זיך, אַז די מאַמע דאַרף זיין צופרידן. אייביק געשלאָפן אין בעט מיט פליי און מיט וואַנצן — וועלן מיר איינמאָל פרווון ליגן אויף פריש־געקאָ־שעט היי. ס'מוז זיין אויסטערליש גוט.

טויבע זאָגט מיר טאַקע, אַז ס'איז נישטאָ קיין גרעסער פאַרגעניגן, ווי איינצונורען דעם קאָפּ אין פרישן היי. ס'איז, זאָגט זי, אַזוי ווי מען וואָלט געלעגן צווישן ווייַנטרויבן און צווישן עפּל.

איך קען נישט דעם ריח פון ווייַנטרויבן. אויף ראש־השנה, ווען ביי דער מומע נעמי האָט מען געמאַכט א ברכה איבער ווייַנטרויבן, האָט מען ביי אונדז יוצא געווען מיט פלוימען. נאָר ווי עס זאָל נישט זיין, צי פריש היי שמעקט טאַקע מיט ווייַנטרויבן, צי נישט — בין איך דורכגע־שלאָפן די ערשטע נאַכט אין „לעניווע" מיט איין אָטעם.

ווען כ'האָב אויפגעעפנט די אויגן, האָבן זיך פון שפּאַרעס געצויגן בלויע פּאַסיקלעך טאָג. דער טאַטע איז שוין נישט געווען. מיר האָט זיך אין דער ערשטער מינוט אויסגעדאַכט, אַז כ'האָב דאָס מאָל פאַרהערט דאָס קלאַפּן פון פויער אין פענצטער אַריין.

אָט זיץ איך גאָר אויף צעקנייטשט, אויסגעוואַרעמט היי, אין א טונקעלער, הויכער געביידע, ווו עס פליען אַרום שוואַלבן.

אין יענעם ווינקל זע איך זיצן די מאַמע. זי איז שוין אָנגעטאָן און פאַ־

ראַסאָלקעלע. זי זיצט, ווי אַ הון איינגעטוליעט צווישן די אייגענע פעדערן און האַלט אין מויל אַ פלעכט פון איר שייטל.

נישט ווייט פון מיר גראַבלט זיך אַרום טויבע. איר שוואַרצער קאָפּ באַשטייט אַצינד מער פון היי, ווי פון האָר. זי גענעצט מיט אַ ברייט, צעעפנט מויל און מיט צענומענע הענט, ווי אַ צלם.

— ביסט געשלאָפן? — פרעגט די מאַמע און גיט אַ פיר מיטן קעמל איבערן פלעכט.

— אַ מין שלאָפן.

— און דו, מענדל?

— זייער גוט, מאַמע.

— ס'האָבן דיך נישט געביסן קיין פליי?

— ווער פליי? וואָס פליי?

— ווייסט, וואָס כ'על דיר זאָגן — רופט זיך אָן די מאַמע נאָך אַ ווײַלע שטילשווייגן — אַז איך ווייס אויך נישט, וווּ די נאַכט איז מיר אַהינגעקומען.

— זעט שוין די מומעשי — זאָגט טויבע — ניע טאַק דיאַבעל סטראַשני, יאַק גאַ מאַלויאָן.

— נו, יאָ. אָבער אַלע נאַכט צו שלאָפן אין אַ סטאַדאָלע ווינטש איך נישט מײַנע שונאים.

— ס'איז גאָרנישט אַזוי שלעכט — רוף איך מיך אָן.

— ביי אים איז אַלץ גוט.

— אַז מ'עט נישט דאַרפן שלאָפן אַלע נאַכט — זאָגט טויבע — היינט וועט דאָך דער פויער אויסליידיקן די שטוב.

ער האָט טאַקע געהאַלטן וואָרט, דער פויער. ער האָט אַרויסגענומען זיין בעטגעוואַנט מיט זיינע טעפּ, מיט זיינע שיסלען. ער האָט נאָר איבערגעלאָזט די בעטן, מיטן טיש, די בענקלעך און די הייליקע בילדער אויף די ווענט.

ס'איז געווען שטאַרק איבער דער טבע. צו דער מאַמען אין בעט אַריין האָט אַראָפּגעקוקט אַ רויט אייל־לעמפּל, וואָס האָט בייטאָג און ביינאַכט באַשיינט דאָס טונקעלע, שווייגנדיקע פּנים פון דער „שוויענטע פּאַננע" מיטן קינד ביי דער ברוסט. איבערן אַנדערן בעט, ווו איך מיטן טאַטן זענען געשלאָפן, איז געהאָנגען אַ ברוינער, הילצערנער צלם, אַרומגענומען מיט שוואַרצע קרעלן.

דער דאָזיקער צלם האָט זיך מיר אַ סך מאָל געחלומט. ס'האָט זיך מיר אויסגעזען, אַז ער גייט אַראָפּ פון דער וואַנט: ער לייגט זיך מיר אַרויף אויפן סאַמע האַרץ און דריקט:

דער טאַטע האָט געהאַט בדעה צו זאָגן דעם פּויער, ער זאָל די בילדער אויפּרוימען. אָבער די מאַמע האָט אים אָפּגעהאַלטן דערפון.

— נו, הער שוין אויף — האָט זי געמאַכט אַ צעשראָקן פּנים — מער פעלט מיר שוין נישט.

האָט טאַקע דער טאַטע צוליבן צלם און צוליב דער „שוויענטע פּאַננע" געמוזט לייגן טלית און תפילין אין דרויסן.

די צוויי ווייסע שקצימלעך האָבן זיך אונטערגעגנבעט און שטילערהייט זיך געסודעט:

— זיד סע מאַדלי, אַבאַץ.

— אַ, ניעך סע מאַדלי — האָט זיך די מאַמע זייערע אָנגערופן — אַז אַ ייד דאַוונט — האָט זי געזאָגט — איז אַ סימן, אַז מען מעג אים גלויבן. און איר — האָט זי געזאָגט — ווינאַסטאַ סע סטאַנד.

— אַ טי סע מאַדלים? — האָבן די צוויי שקצימלעך מיך אַמאָל געפרעגט, ווען קיינער אַרום אונדז איז נישט געווען.

— אוודאי, וואָס הייסט? אַלע יידן מוזן זיך „מאַדליען".

— און פאַרוואָס טוסטו נישט אָן אַזאַ „ציצעלע", ווי דער טאַטע דיינער?

איך האָב זיי געזאָגט, אַז ווען כ'על, מיט מזל, חתונה האָבן, וועל איך אויך אָנטון אַזאַ „ציצעלע" — ס'הייסט אַ טלית. זענען זיי אַרויס מיט אַ גרויס געלעכטער און פון דעמאָלט אָן האָבן זיי מיך גערופן נישט אַנדערש, ווי „ציצעלע".

מיך האָט עס נישט געאַרט. כ'האָב דאָך פאַרשטאַנען, אַז זיי זענען אָרעמע שקצים, נעבעך, און הויבן נישט אָן צו ווּיסן, וואָס ס'איז אַזעלכעס אַ טלית, און ס'אַנדערע — זענען זיי געווען גוטע שקצים. זיי האָבן געהאַט אָפּגעברענטע פּנימער און צעשראָקענע, בלויע אויגן. חברים זענען מיר געוואָרן באַלד אויפן אַנדערן טאָג. און חוץ לזה, פאַרוואָס זאָל מיך אַרן, אַז מיין טאַטע הייסט דאָ נישט לייזער הויי־הענדלער, נאָר „פּאַן קופּיעץ", און מיין מאַמע זיצט אין פעלד בשעתן קאַשען דאָס היי און לייענט ביכלעך.

דאָ, אין דאָרף, האָט מען זיך אויף מיין מאַמען גיכער דערקענט,

ווי אין שטאָט. מען ווייסט דאָ, אַז די „פּאַני קופּצאָווא" איז אַ געלערנ־טע. איר ערשטער מאַן, ווייסט מען, איז געווען אַ סטאַרשי פעלדשער, און אַז מען האָט געהאַט אַ מאַן אַ סטאַרשי פעלדשער, מוז מען זיך אַליין אויך קענען אויף אַ קרענק.

קומען טאָקע צו גיין פּויערטעס. וועמען ס'שטעכט אַ זייט, ווער עס הוסט. ווער ס'איז גלאַט געל, ווי וואַקס. די מאַמע שטעלט באַנקעס, זי הייסט צוליינען אַ שפּאַנישע פליג צום לעפעלע, אויסשמירן די זייטן מיט חזיר־שמאַלץ. די פּויערטעס קושן די האַנט ביי דער „פּאַני קופּצאָווא". זיי גייען אַוועק און שיקן אַנדערע. וואַקסט טאָקע אין „לעניוווע" דער מאָ־מעס גרויסקייט מיט דער מאַמעס גדלות פון שעה צו שעה.

מען זעט עס איר אָן אויך. זי איז געוואָרן ברוין, די מאַמע. דאָס וואַרעמע גוידערל פאַלדעוועט זיך טאָפּלט. זי גייט איבערן דאָרף אַ הויב־בע, אַ שטאַלטנע — כסדר מיטן אויפגעעפנטן, גרינעם פּאַראַסאָלקעלע און כסדר מיטן ווייסן זשאַבאָטל אונטערן האַלדז.

מיר איז אויך גוט אין „לעניוווע". אפשר נאָך בעסער ווי דער מאַ־מען.

באַגינען — די זון שלאָפט נאָך, די העגער קרייען אויס זייער ערשטן, געדריידלטן פּזמון, כאַפּן מיר זיך שוין אויף — איך און דער טאַטע. מען גיסט אָפּ נעגל־וואַסער, מען זאָגט אָפּ קריאת־שמע און באַלד דער־נאָך לאָזן מיר זיך אַרויס אויף די לאַנקעס.

נידעריק איבער די פעלדער ליגט אַ ווייסע פּאַרע, אַזוי ווי יעשען־צייט אויף שויבן. די תבואה, אַ גריגלעך־געלע, שטייט מיט שווער־געזונ־קענע קעפּ, פאַרדרימלט און מיד. איבערן וואַלד גייט אויף אַ גרויסע זון, אַזוי ווי אַ גאָלדענער טעלער. עס עפענען זיך שטאַלן. אויסגערוטע, פּוילע קי נעמען זיך ציען אויף די „פּאַסטווויסקעס" אַרויף.

ביסלעכווייז גייט די פּאַרע אויף די פעלדער איין, אַזוי ווי שוים. פון די נידעריק־געזעצטע קוימענדלעך הויבן זיך אָן ציען בלויע שנירלעך רויך — אַ סימן, אַז עס קאָכן זיך דאָרט שוין גרויסע סאַגאַנעס קאַרטאָפל מיט באָרשט.

„לעניוווע" איז נישט גרויס. אַ צוואַנציק „כאַלופּעס", צוזאַמענגע־וואָרפענע איינס אויף ס'אַנדערע, אַזוי ווי נאַסע, אָנגעפּילטע זעק. פון דער פרי ביז ביינאַכט שטייען די שטובן ליידיק. ס'גאַנצע גייעס אַרבעט אויפן פעלד. דין און ווייט קלינגען אָפּ די בלוי־געשאַרפטע קאָסעס. אַ

שניט איין בייט, א שניט נאָך א בייט, און דאָס פייכטע גראָז לייגט זיך אונטערטעניק אַוועק, אַזוי ווי קראַנק־געוואָרענע, לעבעדיקע נפשות.

דער טאַטע דאַוונט אין וואַלד. ער שטייט אין טלית און תפילין אַ הויכער, אַ ווייסער. ער שאָקלט אַריין זיינע תפילות אין אַלטן סאָסנע־בוים, וואָס האָט נאָך, מן־הסתם, אַזאַ אויסטערליש „מאָדליען" זיך קיינמאָל נישט געהערט. ערגעץ אין דער טיפעניש קוקעט אַ קוקו. זי קלאַפּט הויל און סודותדיק. יונגע שיקסעס, פאַרהאָרעוועטע, הייבן אויף די פּנימער, שפּאַרן זיך אָן אַ ווײַלע אויף די גראַביעס און ציילן, וויפיל מאָל די קוקו קלאַפּט אויס איר פּזמון. לויטן חשבון ווייסן זיי, די שיקסעס, וויפיל וואָכן ס'איז נאָך געבליבן צו וואַרטן אויף אַ חתן, וויפיל קינדער גאָט וועט זיי שענקען, און וויפיל יאָר ס'איז זיי נאָך באַשערט צו לעבן.

נאָך האַלבן טאָג, ווען די זון שטייט אַ ווייס־צעברענטע אויף די איינגעבויגענע אַקסלען, קומט מען אָן פון די „באַלופעס" מיט ערדענע צווילינג־טעפּ — אָנבייסן פאַר די מענער אין פעלד אַריין.

צו יענער צייט קומט אויך אונדזער טויבע מיט אַ צווילינג־טאָפּ.

טויבע איז נאָך ברוינער געוואָרן, ווי די מאַמע. איר קאָפּ איז אַרומגעוויקלט מיט אַ פּויעריש־געבלימלט טיכל. זי איז דאָ, אין דאָרף, געוואָרן העכער, שטאַלטנער, ווי די מאַמע. זי קומט אַ באָרוויסע, אַזוי ווי אַלע פּויערטעס, אַ צעשמייכלטע. ביידע באַקעס ווייגן זיך, אַזוי ווי ביי אַ יונג פערדל.

די מאַמע עסט נישט מיט אונדז צוזאַמען. זי זאָגט, אַז עס פּאַסט נישט פאַר איר צו עסן אין פעלד. זי מוז, זאָגט זי, האָבן אַ טיש מיט אַ טישטוך, עסן מיט אַ גאָפּל, און גלאַט — זי האָט נישט ליב, אַז פרעמדע, גויאישע אויגן זאָלן איר קוקן אין מויל אַריין. מילא, עסט זי אין שטוב.

ווען די מאַמע פרעגט אָבער מיך, וואָלט איך איר געזאָגט, אַז זינט איך לעב, האָב איך נאָך נישט געשפּירט אַזאַ טעם אין עסן, ווי דווקא דאָ, אין פעלד, צווישן די אַלע פּויערים און שיקסעס.

מע לייגט אַוועק קאָסעס און גראַביעס. מען זעצט זיך אויס ביים ראַנד פון דער תבואה, אָדער אין וואַלד הינטער אַ בוים. די זון קוקט אַ צעברענטע אין די טעפּלעך אַריין. דער וואַלד רוישט אין דער טיף — איינגעהאַלטן און פאַרזאָרגט. אַלע מינוט אַן אַנדערער פויגל, אַן אַנדער געפּישטשעריי, און ס'גייט אַ שטיל, ערנסט זשאַמזשען מיט מיילער. שוויים, פראַצע עסט...

דער טאַטע, פּונקט אַזוי ווי די פּויערים, אַ באָרוויסער, אין אַ צע־קנעפּלט וועסטל, אַ ברוינער, מיט דער שיינער, שוואַרץ־גרוילעכער באָרד, זיצט צוזאַמען מיט די פּאַראָבקעס, צוזאַמען מיט די שיקסעס. די פּויע־רים צלמען זיך. דער טאַטע מאַכט אַ ברכה.

די מאַמע קומט אין פעלד אריין, ווען די זון האָט זיך שוין אוועק־גערוקט פון דער מיט הימל. זי פאַרשפּעטיקט אַלע טאָג דעם טוי אויף די גראָזן, דאָס רופן פון קוקו און דעם זאַטן ריח פון האָלץ, וואָס מען שפּירט אין די בלויע שנירלעך רויך פון די קוימענדלעך אַרויס.

זי קומט מיט איר פאַראַסאָלקעלע, זעצט זיך אוועק אין שאָטן ביים ברעג וואַלד און דאָרטן נעמט זי לייענען אירע מעשה־ביכלעך.

איך ווייס נישט, צו וואָס די מאַמע דאַרף האָבן אַצינד אירע מעשה־ביכלעך. לייענען איז גוט ווינטער־צייט, ווען די שויבן זענען פאַרקאַ־וועט און ס׳איז איינגעהייצט אונטער דער קיך.

אדרבא, זאָל זי זען, די מאַמע, ווי אַזוי איך מיט פּיעטרעקן און מיט יאַנעקן לעבן דאָס אָפּ אַ טאָג אויפן פעלד.

איך קוילער מיך אין די קאָפּקעס היי. כ׳קריך אַרויף אויף די סטוי־געס. איך העלף צוזאַמענשאַרן דאָס היי. און אָט גיט מיר איין פּויער אַ קאָסע און לערנט מיך, ווי אַזוי מען שניידט. די קאָסע איז צו לאַנג פאַר מיינע הענט. זי שווערט אַראָפּ ביים שפּיץ. אָבער איך אַרבעט — און פאַרפאַר מיט דער גאַנצער שאַרף מיר אין פוס אריין. עס פאַלט אַ בייט גראָז באַשפּריצט מיט בלוט.

אין יענער מינוט האָט זיך די מאַמע אויפגעהויבן פון איר לייענען מיט אַ געשריי, אַז זי דאַרף נישט קיין שום „לעניוועס״. און וואָס האָט ער געוואָלט פון אירע יונגע יאָר, דער טאַטע. פון אַ נגידיתטע מיט מע־שענע קליאַמקעס ביי די טירן — איז זי געוואָרן אַ פּויערטע אין „לע־ניווע״. און צו די צרות מוז זי נאָך צוקוקן, ווי איך האָב מיר צורעכט גע־מאַכט דעם פוס, און דווקא דעם אייגענעם פוס, וואָס דער הונט האָט מיר שבועות צעביסן.

דער טאַטע האָט איר פאַמעלעך געגעבן צו פאַרשטיין, אַז „לעני־ווע״ איז דאָ גאָרנישט שולדיק. אַז איך אַליין קריך דאָרט, וווּ מען דאַרף נישט. און אַז זי זאָל אויפהערן צו שרייען. מחמת ס׳גייעס קוקט און מאַכט חוזק.

און טאַקע — צו וואָס איז דאָס געשריי, אַז מיר האָט גאָרנישט

ווי געטון. כ׳האָב נאָר אַ שטיקל צייט אונטערגעהאַפּטלט אויף איין פוס, ווי אַ געפּענטעט פערד. פאַר דאָס אָבער, ווי נאָר כ׳האָב אָנגעהויבן גיין גלייך, האָב איך מיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ געל פערדל און אַן אַ זאָטל בין איך אַהיימגעריטן צוגלייך מיט פּיעטרעקן און מיט יאַנעקן.

ניין, מיין מאַמע איז נישט גערעכט. ס׳איז בעסער דאָ, אין „לעניוווע", אין דעם העק, ווי דאָרט אין קאָנסקעוואָלע מיט די מעשענע קליאַמקעס ביי די טירן.

נישט מער, אַז ס׳איז געקומען שבת, איז געפאַלן אַ טרויער און אַ בענקלעכקייט אויפן האַרץ.

פּרייטיק באַגינען, איידער איך מיטן טאַטן זענען נאָך אויפגעשטאַנען, איז שוין טויבע געלאָפן אין דערבייאיקן שטעטל אַריין איינקויפן אַ פונט פלאַטקעלעך, אַ שטיקל קעלבערנס, אַ צוויי־דריי חלהלעך. אָבער קיין טשאָלנט האָט מען דאָ נישט געקאָנט שטעלן. און כאָטש טויבע איז געווען אַ גרויסע בריה אין הלכות קאָכן, האָט פונדעסטוועגן דאָס עסן דאָ נישט געהאַט דעם שבתדיקן טעם מיטן שבתדיקן ריח.

ס׳האָט געפעלט דער טיש מיטן ווייסן, שבתדיקן טישטוך, די צוויי איבערגעזילבערטע לייכטערס, דאָס געלע זאַמד אויף דער פּאָדלאָגע. ס׳האָט אפילו געפעלט די אַלטע פּאַוולאָווא, וואָס האָט געהייצט ביי אונדז אונטער דער קיך.

דאָ, אין „לעניוווע", זענען די פרייטיק־צונאַכטסן צוגעפאַלן שפּעטער, ווי אין שטאָט. מען האָט נישט געהערט פאַרקלאַפּן קיין געוועלבער, נישט געזען פאַרביילויפן קיין פאַרשפּעטיקטע יידן מיט נאַסע פּאות און אויסגעצוואָגענע בערד.

אַזוי ווי אַלע טאָג פון אַ גאַנצער וואָך, האָט זיך אויך פרייטיק פאַרנאַכט צעקלונגען דאָס קלויסטער־גלעקל. ס׳גייעס איז זיך, ווי געוועגלעך, אַהיימגעגאַנגען מיט די גראַביעס און מיט די קאָסעס אויף די אַקסלען, זינגענדיק זייערע ניגונים. די קי האָבן געמעקעט, אַזוי ווי אַלע פאַרנאַכט פון אַ גאַנץ יאָר און אפילו די זון, וואָס פרייטיק פאַר ליכטצינדן שטייט זי איבער דער שול אַ צאָרנדיקע — איז דאָ פאַרגאַנגען בלאַס, אַזוי ווי ס׳וואָלט איר קאַלט געווען.

אונדז, די איינציקע יידן אין „לעניוווע", איז אויך קאַלט געווען, כאָטש דער ריח פון די געפעפערטע פיש מיטן געבראָטענעם קעלבערנס האָט זיך אָפּגעזעצט אויף אונדזערע גומענס. אונטערן אייל־פּלעמל פון

דער „שוויענטע פּאַנגע" האָט געשמעקט מיט שבתדיק געקעכטס, אָבער געהאַלטן שבת האָבן מיר נ י ש ט אין דער דאָזיקער שטוב.

פאַרשוויצטע און פאַרברווינטע פון אַ גאַנצער וואָך זון, האָבן מיר זיך געזייפט ביי דער פויערישער פּלומפּ, געצוואָגן און געוואַשן. ריינע, אויסגעטועטע פון זעקס טעג גויאישקייט, זענען מיר אַרויס אויף דער אָפּגעשניטענער לאַנקע דאָרטן האַלטן שבת. פון איין זייט האָט זיך מנוחהדיק געוויגט די תבואה, פון דער צווייטער זייט — איז דער וואַלד פאַרגאַנגען אין בלויען דרימל. אונדזער שבתדיקער טיש איז געווען אַ שטיק פעלד צווישן וואַלד און צווישן קאָרן.

דאָ האָט די מאַמע אויסגעשפּרייט אַן אַלט טישטוך, דאָ האָט זי אַריינגעשטעלט פייער — דאָרע, קליינשטעטלדיקע ליכטלעך — אין פיר אויסגעהוילטע קאַרטאָפל, און דאָ האָט זי איבער זיי געבענטשט. נישט אַזוי ווי אין דער היים — שטייענדיק — נאָר זיצנדיק אויף דער ערד, אַרונטערגענומען די פיס הינטער זיך.

ס'קאָן אפשר זיין, אַז דאָ, אין הוילן פעלד, אַרומגענומען מיט אַ שוואַרץ־אויסגעשטערנטן הימל, האָט מען מיין מאַמעס ליכט־בענטשן מער אָנגענומען, ווי דאָרט, אין דער היים.

דאָס מקבל־שבת זיין פון טאַטן האָט מען אויך געמוזט אַנדערש אָננעמען.

אַ הויכער אַ צעוואַקסענער, איז געשטאַנען דער טאַטע אַרומגע־גאַרטלט, ס'פּנים צום שוואַרצן וואַלד און דאָרטן אַריינגעזונגען דעם „לכו נרננה" מיטן „לכה דודי".

דאָ איז דער טאַטע געווען נישט דער ר' לייזער מיט די שטאָטישע, גרוי־פאַרדרימלטע אויגן, וואָס האָבן קיינמאָל נישט פאַרלאַנגט מער, וויפל ס'איז זיי געווען באַשערט. נישט דער היי־הענדלער, וואָס האָט געלעבט אויפן פערד־און־וועגעלע. אויך נישט דער „פּאַן קופּיעץ", וואָס האָט באַרוויסערהייט, אין אַ פּאָר לייוונטענע הויזן, צוגעהאָלפן אַרבעטן אין פעלד.

איצט איז דער טאַטע געווען גאָטס אַ ייִד. איינער פון יענע, וואָס זענען צוזאַמען מיט משה רבנו אַרויסגעגאַנגען פון מצרים און געשטאַנען אונטערן באַרג סיני.

איך האָב געקריגן גרויס אָפּשיי פאַרן טאַטן. כ'האָב מיטגעזונגען און מיטגעדאַוונט מיט אים אויך אויף אַזאַ צעשויבערטן שטייגער, און

כאַטש פּיעטרעק מיט יאַנעקן, די דאָרפישע חברים מיינע, האָבן שטילער־הייט אונטערגעלאַכט, האָב איך פונדעסטוועגן געפילט, אַז אַצינד בין איך גרעסער און שטאַרקער פון זיי.

טויבע, האָב איך געזען, האָט אויך געהאַט גרויס אַפשיי פאַרן איצ־טיקן טאַטן.

איז ער דאָך דאָ, אין דאָרף, גאָר אַן אַנדערער געוואָרן צו איר. ער בייזערט זיך נישט און שרייט נישט. ער עסט פון איר געקעכטס. אַ סך מאָל פאַרקוקט ער זיך אויף איר לאַנג און וואַרעם.

טויבע אַליין איז אויך אַנדערש געוואָרן. תמיד גייט פון איר אַ ריח פון לופט און זון.

— טאַטעשי — זאָגט זי, ווען ער שטייט אַ צעפּאַרעטער אינמיטן פעלד — טאַטעשי, כ׳האָב דיר געבראַכט עסן.

לאָזט דער טאַטעשי אַלץ שטיין, ער גייט מיט זיין טאָכטער צום וואַלד צו, ער קוקט אויף אירע שטאַרקע ברוינע פיס, אויפן גאַנצן גע־שטאַלט אירן; און אַז עס קומט שבת נאָכן עסן, ווען ער רוט ביים עק וואַלד און זאָגט שטילערהייט פּרק, רופט ער זיך אָן צו דער מאַמען:

— וואָס זאָגסטו צו טויבען?

די מאַמע נעמט נישט אַוועק די ברילן פון מעשה־ביכל. זי שאָקלט נאָר דאָרט אַריין מיט דער נאָז.

— וואָס זאָל איך זאָגן?

— אַ מויד, ווי אַ בוים, קיין עין־הרע...

און אין אַ ווײַלע אַרום גיט ער צו:

— עפּעס אַ שידוך אַ לייטישער, עס זאָל זיך טרעפן.

— דאָ, אין „לעניוווע", ווילסטו, ס׳זאָל זיך טרעפן אַ שידוך, און דערצו אַ לייטישער?

— אומעטום איז איין וועלט, פרימעט.

— אין „לעניוווע" זענען דאָ נאָר שקצים.

דער טאַטע ענטפערט נישט. ער זאָגט אַ ווייטערדיקן פּסוק און נאָך אַ פּאָר מינוט רופט ער זיך ווידער אָן:

— זי איז מיר אַ שאָד, די מויד.

— ווער האָט זי געהייסן?! — זאָגט שטיל די מאַמע.

פון וואַלד קומט טאַקע אָן טויבע, אַ שבתדיק־אָנגעטוענע, אַן אויס־

געדרוטע, מיט אַ געבלימלט טיכל פֿאַרוואָרפֿן אויפֿן אַקסל — אַ שיינע, אַ צעבליטע, אָבער אַ טרויעריקע.

זי האָט דאָך דאָ קיינעם נישט אין דאַרף. שקצים וואַרפֿן אויגן פֿון הינטער די דאַשקעס אַפֿער. אָבער זי מיידט זיי אויס די שקצים. אַ גאַנצע וואָך איז זי פֿאַרהאָרעוועט אין שטוב. זי שלאָפֿט הויך, מיט אַ געזונטן, טיפֿן אָטעם. בלויז שבת, דווקא דעמאָלט, ווען זי האָט נישט צו טון, דרייט זי זיך אויפֿן געלעגער און רעדט אַ סך מאָל פֿון שלאָף. נאָכן עסן בלאָנקעט זי זיך אַרום אין וואַלד, אָדער צווישן דער תבואה. עס זעט אויס, אַזוי ווי זי וואָלט דאָרט עמעצן געזוכט, אָדער געוואַרט אויף עמעצן.

און אפֿשר האָט זי זיך טאַקע דערוואַרט?

## קאַפּיטל פֿיר און צוואַנציק

געוועזן איז עס אַנהייב וואָך. טויבע האָט געקאָכט וועטשערע. אין פֿעלד, וווּ די אַרבעט איז געשטאַנען אינמיטן ברען, האָט אַ בלאָז געטון אַ ווינטל, אַ לייכטס — קוים וואָס מען האָט עס געשפּירט. ווייט אין הימל, איבער דער לעצטער כאַטע, האָט זיך פֿאַרהאַלטן אַ קליין, ווייס וואָלקנדל. ווען מען רייסט נישט אַרויף ס'פּנים און מען קוקט זיך נישט איין דערין, וואָלט מען עס אַפֿילו נישט אָנגעזען.

די פּויערים האָבן פֿאַרקנייטשט די פּנימער אין הימל אַריין און געזאָגט, אַז מען דאַרף זיך צואײַלן מיט דער אַרבעט, מחמת ס'פֿאַרנעמט זיך אויף אַ שטורעם.

זיי האָבן טאַקע גענומען אַרבעטן גיכער. פֿון די צעוואָרעמטע לײַבער איז געגאַנגען אַ שווייסיקער ריח. בינו לבינו האָט זיך דאָס ווייסע וואָלקנדל איבערגערוקט אויף נאָך אַ כאַטע אַרויף. מיטן אויג נישט צו דערזען האָט עס זיך אָנגעגאָסן מיט בלויקייט. די זון האָט זיך עטלעכע מאָל אונטערגעטיקט אונטער אַ גרויסן, ברייטן שאָטן, אַזוי ווי אונטער אַ קיל לײַלעך.

פֿון וואַלד אַרויס האָט אַ בלאָז געטון אַן אומרואיקער ברום. פֿייגל האָבן בהלהדיק גענומען קרײַזלען איבער דער תבואה. אַ פֿערד האָט זיך

צעהירזשעט. פון אַ כאַטע איז אַרויס אַ פּויערטע און מיט די פאַרשאַרצטע עלנבויגנס געגומען אײַלנדיק אַראָפּשלעפּן ס'ביסל גרעט, וואָס האָט זיך געטריקנט אויפן פּלויטל.

די בלויע טונקלקייט, אונטער וועלכער די זון איז פריער אַרונטער, האָט זיך אָפּגעזעצט אויף די סטויגעס היי. פון שליאַך האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטויב, געוויקלט זיך אין דער לופטן מיט אָפּגעפאַלענע בלעטער. ס'גייעס האָט געכאַפּט די גראַביעס מיט די קאָסעס, איבערגעלאָזט דאָס אָפּגעשניטענע גראָז אויף גאָטס באַראָט, און אַליין געלאָזט זיך אין נאָענטן קלויסטערל אַריין, אָדער צו זיך אַהיים.

מיין מאַמע, מיטן אויפגעעפנטן פּאַראַסאָלקעלע, איז אַהיימגעלאָפן ביים ערשטן גערויש. איך מיטן טאַטן זענען געבליבן אין פעלד. מען האָט גערעכנט, אַז עס וועט אפשר איבערגיין.

אָבער מיטאַמאָל האָט פון איין עק הימל ביזן אַנדערן אַ שניט געטון אַ בליץ, אַ הייס־בלויער. אין אַ מינוט אַרום האָט דער וואַלד פון זיך אַרויסגעוואָרפן דעם ערשטן דונער — גראָב און קיילעכדיק.

נישט געווען וואָס צו וואַרטן. איך מיטן טאַטן האָבן געכאַפּט, וואָס ס'האָט זיך געלאָזט און אויך גענומען לויפן. נאָך אונדז איז נאָכגעלאָפן אַ צווייטער דונער — אַ שפּיציקער, אַ קורצער. דאַכט זיך, אַז ער איז געלאָפן דאָ נישט ווייט. אויפן גומען האָט זיך אָפּגעזעצט אַן אָפּגעזונגטער ריח פון שוועבל.

כ'בין געלאָפן און געמאַכט ברכות. מיטאַמאָל, שוין נישט ווייט פון אונדזער כאַטע, האָט עס אַ פּלייץ געטון מיט גאָס איבער אונדזערע קעפּ און גענומען פּאַטשן אין דער קרום, אַזוי ווי מיט אָנגעצויגענע בייטשן.

טויבע איז אונדז אַנטקעגנגעלאָפן מיט אַ זאַק. אין איין אײַלעניש האָט זי אים אַרויפגעוואָרפן אויף מיין קאָפּ, אָנגעכאַפּט מיך ביי דער האַנט און אַזוי אַרום אַרײַנגעשלעפּט מיך אין שטוב. דער טאַטע איז געקומען מיט עטלעכע מינוט שפּעטער, אַן אויסגעצוואָגענער, מיט אַ דורכגעווייקטער באָרד און מיט אַ צונעקלעפּט העמד.

אין די שכנותדיקע פענצטערלעך זענען געשטאַנען צלמים. ביים קאַוואַל האָט עס פּלוצלינג אַ ריס געטון דעם פאַרקאַן, אונטערגעהויבן אים, ווי אַ שטשאַפּע קין און אַוועקגעשליידערט. קיינער איז נישט אַרויסגעגאַנגען אים גלייכשטעלן. ס'גאַנצע דאָרף איז מיטאַמאָל אַזוי ווי אויסגעשטאָרבן.

נאָר אָט האָט זיך באַוויזן אַ לעבעדיקער מענטש, איינער אַליין אונטערן גאַס רעגן. ער איז געלאָפן מיטן קאָפּ אַראָפּ. אַזוי אַרום איז ער אַריינגעפאַלן צו אונדז אין פּאָדערהייזל. נישט אַנדערש, נאָר ער האָט געמוזט אַראָפּפאַלן פון הימל צוזאַמען מיטן רעגן. דער מענטש איז געווען אַ באָרוויסער, אַ דאַרער, אין אַ לאַנגער, צעוויקטער קאַפּאָטע, וואָס האָט געגלאַנצט, ווי שוואַרצע בלעך. איבער אַן אַקסל האָט ער געהאַלטן אַריבערגעוואָרפן אַ פּאָר שטיוול פול מיט וואַסער. ער אַליין, אַ צעקנוי־דערטער, האָט אויך אויסגעזען, ווי אַן אַלטער שטיוול.

— ניעך בעדזשע פּאָכוואַלאָני... — האָט ער געזאָגט אויף אַ פּויע־רישן פּויליש.

— נאַ וויעקי וויעקוו — האָט דער טאַטע געענטפערט אויפן אייגענעם פּויערישן פּויליש — אַ סקאָנד טאָ?

דער אַריינגעפאַלענער האָט אויפגעהויבן אַ מאָגער, ביינערדיק פּנים. מיר אַלע האָבן זיך אַ ווײַלע איינגעקוקט אין אים, און דער טאַטע האָט שטיל געפרעגט:

— דאַכט זיך, אַ יהודי?

— אַ יהודי, וואָס דען? — האָט יענער זיך אויסגעגלייכט און אָפּגעשאָקלט פון זיך ס׳וואַסער, אַזוי ווי אַ הונט, ווען ער קומט אַרויס פון אַ טייך.

— שלום עליכם, אַ ייד — האָט דער טאַטע צו אים אויסגעצויגן אַ האַנט.

— עליכם שלום. גיי, ווייס, אַז דאָ וווינען יידן.

— פונוואַנען זענט איר דען?

— פון בזשאָזאָווע.

— וווּ ליגט עס ערגעץ, דאָס בזשאָזאָווע?

— אַ וויאָרסט פיר פונדאַנען.

— איר זענט נישט אַמאָל אַ קלעזמער?

— חלילה. ווי קומט צו מיר קלעזמעריי?

דער טאַטע האָט געשמייכלט. פון תמיד אָן האָט ער געהאַלטן קלעז־מאָרים פאַר נאַראָנים און פאַר גרויסע לאַ־יצלחס.

— נו, קומט אַריין. נעמט אַראָפּ פון זיך די קאַפּאָטע. איר זענט דאָך אויסגעווייקט.

— ווער זאָל זיך ריכטן. אז כ'בין ארוים אינדערפרי, איז האָך גע־וועזן א חמימה.

ער האָט אראָפּגעוואָרפן די פּאָר שטיוול פון אקסל. ס'וואַסער האָט זיך אויסגעגאָסן פון זיי, ווי פון א קאַן. ער האָט שווער אויסגעטון די בלעכענע קאַפּאָטע און שטיין געבליבן אין אן אַלט, אָפּגעריסן, נישט פאַר־קנעפּלט וועסטל.

— ווער איז א ייד?

— א שוסטער.

— א שוסטער גאָר. ווי קומט אהער א שוסטער אין אזא גאַס רעגן?

— כ'בין דאָ נישט צום ערשטן מאָל. כ'גיי ארום איבער די דער־פער נעמען „נאַפּראַוועקעס”. נאָר גיי, זיי א נביא, אז דאָ וווינט א ייד. בנאמנות, ווי איך פריי מיך.

ער האָט געהאַט א שיטער בערדל, דער שוסטער. דאַרע געאָדערטע הענט. גערעדט האָט ער אויף ליטוויש לשון — מיט א שמייכעלע און מיט א הוסטל.

טויבע האָט אָנגעצונדן ס'לעמפּל. אין שטוב האָבן זיך צעלייגט וואַ־רעמע שאָטנס. די מאַמע איז געזעסן מיט א פאַרקנייטשט פּנים, געקוקט אויפן פרעמדן פון א זייט, אזוי ווי זי וואָלט זיך נישט צוגעגלויבט, אז ס'איז עמעצער אריינגעקומען און אז אַלץ, וואָס ער רעדט, איז אמת.

די דונערן הינטערן פענצטער האָבן זיך איינגעשטילט. דער שוסטער האָט זיך אביסל אָפּגעטריקנט. ער האָט שוין געזאָלט אוועקגיין, האָט אים די מאַמע געזאָגט, ער זאָל בלייבן. ער וועט עסן מיט אונדז וועטשערע.

ביים טיש האָט ער דערציילט, אז ער איז נישט קיין הי־געבוירע־נער. ער שטאַמט פון בריסק, שטאַמט ער. אַליין איז ער נאָך א בחור. קיין מאַמע האָט ער נישט. ער האָט דאָ, אין פּוילן, קיינעם נישט. בלויז אין לייפּציג, אין דייטשלאַנד, האָט ער א טאַטן — א ראש־ישיבה.

— אזוי גאָר? ווי קומט צו א ראש־ישיבה א זון א שוסטער?

ער ווייסט אַליין נישט. נאָר אין שטוב ביי זיי זענען קיין עין־הרע געווען א סך קינדער, מיידלעך מיט יינגלעך. קיין פּרנסה איז נישט גע־ווען. האָט אים די שטיף־מאַמע אוועקגעגעבן אויף דער לער צו א שוס־טער.

די מאַמע קנייטשט שוין נישט מיטן פּנים. זי קוקט שוין נישט אויף אים מן־הצד. אצינד הערט זי אים אן אויפגערוימטע.

— ווי הייסט ער, דער טאטע אייערער? — פרעגט זי מיט א וואַרעם קול.

— יעקב־יצחק.

— אז אין דייטשלאַנד — זאָגט זי ווייטער — מוז ער דאָך קענען דייטש, דער טאטע אייערער?

— מן־הסתם. וואָס דען, ער קאָן נישט?

— און ווי הייסט איר?

— וואָלף!

הער, וואָלף גאָר! מיין טאטע האָט צוויי איידעמס, הייסן זיי ביידע וואָלף. איינער איז א קצב, דער צווייטער קאָן פאַרריכטן רעדער און אונטערקאָווען פערד. אָבער דער דאָ, דער פרעמדער שוסטער, מיטן ליטווישן לשון, מיטן שמייכעלע אויף איין באַק, ער זאָל אויך הייסן וואָלף — איז א חידוש.

דער מאמען, זעט אויס, איז דער נאָמען וואָלף נישט געפעלן געוואָרן. האָט זי אים באַלד צומאָרגנס משנה־שם געווען:

— ס'שוסטערל — האָט זי געזאָגט און אזוי איז ער שוין געבליבן לעולם ועד.

אין יענער נאַכט איז ס'שוסטערל שוין נישט אהיימגעגאַנגען. מען האָט אים אויסגעבעט אין א קעמערל, ווו ס'איז געשטאַנען א פעסל מיט איינגעזאַלצט קרויט, און ווו די הינער האָבן געהאַט זייערע „גזשענדעס".

פאַרן שלאָפן גיין האָט ער זיך שיין באַדאַנקט. ער האָט געקוקט אויף אונדזערע באָרוויסע פיס און געפרעגט, צי מען דאַרף נישט אמאָל א „נאַפּראַווקע". ער איז א גוטער בעל־מלאכה, האָט ער געזאָגט, ער האָט שוין געאַרבעט אמאָל אין וואַרשע אויך.

ביינאַכט האָט זיך טויבע געדרייט אויפן געלעגער. די מאמע האָט עטלעכע מאָל גערופן:

— לייזער, דו שלאָפסט?

אָבער דער טאטע האָט הויך און מיד געשנאָרכט. דאַכט זיך, אז אין יענער נאַכט איז נאָר דער טאטע אליין געשלאָפן.

וואָרום איך האָב מיך אויך געדרייט. כ'האָב געטראַכט, אז דאָס שוסטערל, דאָרט אין קעמערל, מוז זיין איינער פון די ל"ו. ער זעט אויס, ווי אזעלכער. דונערן מיט בליצן האָבן אים אראָפּגעבראַכט. ער האָט א טאַטן א ראש־ישיבה. וועלכער שוסטער האָט דאָס א טאַטן א ראש־ישיבה?

און גלאַט — דאָס, וואָס ס'איז אַזוי אומרואיק געוואָרן ביי אונדז, און דאָס, וואָס טויבע דרייט זיך כסדר אויפן געלעגער — דאָס אַלץ איז נישט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין.

באַגינען, ווען דער טאַטע האָט אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער און דער מאַמעס פּנים האָט אַרויסגעקוקט פון בעט אַ פאַרשלאָפנס, איז שוין דאָס שוסטערל געווען גרייט אין וועג אַריין.

ער איז געשטאַנען אין שטוב מיט די נעכטיקע שטיוול אַריבערגעוואָרפן איבערן אַקסל. ער האָט זיך נאָכאַמאָל שיין באַדאַנקט פאַר דער וועטשערע און פאַרן נאַכטלעגער. צו די שטיוול אויפן אַקסל האָט ער צוגעוואָרפן דער מאַמעס אַ פּאָר לעטשלעך, וואָס זי האָט אים נאָך נעכטן נעגעבן צו פאַרריכטן.

טויבעס פּנים איז געווען פאַרשטעקט אין די טעפּ אַריין. זי איז אַצינד געשטאַנען נישט אין איר רויטער, קורצער באַרכאַנקע, נאָר אין אַ לאַנג קלייד. נישט באָהאָוויס, נאָר אין די שבתדיקע, פאַרשנורעוועטע שיך. אַ הויכע, אַ צוזאַמענגענומענע, אַזוי ווי אַ שמאָל־אַרומגעדרייפטע קאַן.

ס'שוסטערל האָט מיט אַן אויסגעשלאָפן קול גערעדט: דאָ צו דער מאַמען, דאָ צום טאַטן, אָבער געקוקט האָט ער אויף דער קיך, וווּ טויבע האָט געגרייט אָנבייסן.

ער האָט, אייגנטלעך, געקוקט אויף טויבעס שיך. וואָרום, אַז ער האָט שוין געהאַלטן ביים אַוועקגיין, האָט ער פּאַמעלעך געפרעגט:

— זי האָבן געקויפט די שיך, צי געלאָזט מאַכן?

טויבע האָט נאָך מער איינגעבויגן ס'פּנים אין דער קיך. זי האָט גענומען בלאָזן אין די פייערקעס אַריין.

— זי דאַרפן האָבן אַ פּאָר לעטשלעך, מיטן לעבן — האָט זיך דאָס שוסטערל מיט מבינות אָראָפּגעבויגן.

— ווער האָט געלט אויף לעטשלעך — האָט טויבע געענטפערט עפּעס בייזלעך און נאָך שטאַרקער אויפגעדראָלן די באַקן אין די פייערקעס אַריין.

— אַז מען דאַרף גאָר קיין געלט נישט, כ'על מאַכן אָן געלט.

טויבע האָט אים נישט געענטפערט. דאָס שוסטערל האָט זיך געזעגנט צום דריטן, צי צום פערטן מאָל, און איז אַרויס אַ קלענערער, ווי נעכטן, מיט אַן אויסגעשפּיצטן אַקסל.

אין שטוב איז געבליבן אַ ווידער־קול פון זיין ליטוויש, טרוקן לשון.

טויבע האָט זיך אויסגעגלייכט. דער טאַטע האָט זיך געאײַלט אין פֿעלד אַרײַן.

דאָס שוסטערל האָט שוין געמוזט זײַן ווײַט פֿון אונדזער כאַטע, ווען די מאַמע האָט פּלוצלינג איבערגעריסן דאָס שווײַגן.

— לייזער — האָט זי געזאָגט — אפֿשר זאָל מען אים פֿאַרבעטן אויף שבת?

דער טאַטע האָט נישט דערהערט. זײַן קאָפּ איז שוין געווען דאָרט אין פֿעלד, ביי די סטויגעס היי.

נאָר אַזוי ווי איך בין שוין געווען אָנגעטאָן, האָב איך מיך אָנגערופֿן, אַז איך וועל אַרויסלויפֿן אים זאָגן, ער זאָל קומען אויף שבת.

— ניטע — האָט דער טאַטע פּלוצלינג דערהערט — מען טאָר נישט.

— פֿאַרוואָס טאָר מען נישט?

— כ׳ווייס, עפּעס אַ שוסטער דאָרטן.

— און אַז אַ שוסטער, איז ער שוין קיין מענטש נישט? האָסט דאָך געהערט, אַז ער האָט אַ טאַטן אַ ראָש־ישיבה.

—נאַ דיר אַ דרייער פֿאַרן גאַנצן ראָש־ישיבה. עפּעס דאָרט אין לייפּציג. ווו שטעקט עס, דאָס לייפּציג?

— ווו עס שטעקט, שטעקט עס. אָבער אויף שבת טאָר מען אים פֿאַרבעטן, עלעהיי אַן אורח.

—פֿאַר מייַנעטוועגן... פֿאַרבעט אים.

— וואָס זאָגסטו, טויבע?

— וואָס זאָל איך זאָגן?

אין דרויסן האָט געשמעקט מיט „זשיוויצע”. דאָס שוסטערל איז שוין געהאַט אָפּגעגאַנגען ביז צום גרויסן, הילצערנעם צלם, ווו די וועגן צעגייען זיך.

— איר — האָב איך אים נאָכגעשריגן — זאָגט נאָר, איר!

די שטיוול אויפֿן אַקסל האָבן זיך אויסגעדרייט צום צלם, דאָס שוס־טערל האָט געקוקט אויף מיר מיט אַ פֿאַרקלערט, אײַנגעפֿאַלן פּנים.

— כ׳האָב אים געזאָגט, אַז די מאַמע האָט געבעטן, ער זאָל קומען צו אונדז אויף שבת, עלעהיי אַן אורח.

זײַן ביינערדיק, האַרט פּנים איז פֿול געוואָרן מיט חן־גריבלעך.

כ'האָב ערשט אַצינד דערזען, אַז ער איז גאָרנישט אַזוי מיאוס, ווי ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט אין שטוב.

— עלעהיי אַן אורח, זאָגסטו?

— יאָ, עלעהיי אַן אורח.

— ווי אַלט ביסטו, בחורל?

—וואָס איז אייך די נפקא מינה?

— ס'איז מיר אַ נפקא מינה.

— ווי אַלט איך בין, בין איך. אָבער די מאַמע האָט אייך געלאָזט בעטן.

— און ווי הייסטו?

— וואָס איז אייך די נפקא מינה?

— ס'איז מיר אַ נפקא מינה.

— מענדל הייס איך.

— אַזוי. און יענע דאָרט, דאָס מיידל, איז דיין שוועסטער?

— יאָ, מיין שוועסטער. פון איין טאַטן.

— איז דיין מאַמע נישט איר מאַמע?

— ניין, אַ מומע.

— האָסט נאָך שוועסטערן?

— וואָס איז אייך די נפקא מינה?

ער האָט געלאַכט מיט אַ טיף געלעכטערל. גאָרנישט, ווי קיין ליט־וויש שוסטערל. ער האָט געזאָגט, אַז אויף שבת, מערטשעם, וועט ער קומען, און געהייסן גריסן די שוועסטער מיינע, דעם טאַטן און באַזונ־דער די מאַמע.

*****

צו שבת איז נאָך געווען ווייט. טויבע איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַר־נומענע. זי האָט אַלע טאָג אינדערפרי אָנגעטון די געשנורעוועטע, שווערע שיך און צוריק זיי אויסגעטון. אַ סך מאָל, פאַרנאַכט, איז די מאַמע אַוועקגעגאַנגען מיט טויבען ווייט אין פעלד אַריין. זיי זענען צוריקגעקו־מען, ווען ס'גייעס האָט שוין געהאַלטן די קאָפּעס מיט די גראַביעס אויף די אַקסלען. טויבע האָט געשוויגן און באַלד נאָך דער וועטשערע איז זי געגאַנגען שלאָפן.

פּרייטיק האָט טויבע אַ גאַנצן טאָג געגליט. זי האָט געבאַקן גרויסע, געלע חלות מיט זאַפּערן. פון שטעטל האָט זי געבראַנגט צו טראָגן אַ גרויסן פיש, אַ פּלאַטשיקן, אַן אָפּגעשטאַנענעם. פאַר ליכט־בענטשן האָט זי זיך געוואַשן ביי דער פּלומפּ מיט שמעקנדיקן זייף. זי האָט זיך איבער־געטון. אַן אויסגעצוואָגענע, אַ שטייף־אָנגעקראָכמאַליעטע, האָט זי אויס־געזען, אַזוי ווי זי וואָלט באַדאַרפט בענטשן ליכט, נישט די מאַמע.

דאָס שוסטערל איז געקומען, ווען מען האָט שוין געהאַט געצונדן ליכט. ער האָט מיטגעבראַנגט דער מאַמעס לעטשלעך שיין־פאַרראַכטענע, מיט אַ בלישטשל. אַליין האָט ער אויך געבלישטשעט. ער האָט שוין נישט געטראָגן קיין אויסגעפּעצטן אַלטן דאַשיק, נאָר אַ ניי שוואַרץ, טוכן היטל, אַ געהאַקטע קאַפּאָטע, אַ לאַנגע ביז איבער די קנעבל, און אַ פּאָר קאַמאַשן מיט גרויסע, לאַקירטע „נאָסקעס". נישט קיין שוסטערל איז עס אַצינד געווען, נאָר אַ יונגערמאַן אַ לייט, אַ טאַטנס אַ קינד.

אין יענעם פרייטיק־צונאַכטס האָבן אין פעלד מקבל־שבת געווען דריי ייִדן. אַ ייִד אַ טאַטע, אַ יונגערמאַן אַ ייִד און איך — אַ קליין ייִדל.

דער טאַטע האָט זיך דאָס מאָל מער געשאָקלט, ווי פאַראַכטאָגן. דאָס שוסטערל איז געשטאַנען גלייך. ער האָט מקבל־שבת געווען הויך, קלאָר. געזאָגט די ווערטער באַזונדער, אָפּגעטיילט איינס פון ס'אַנדערע. יעדעס וואָרט איז געפאַלן, ווי אַן אויפגעקנאַקטע נוס.

די מאַמע האָט זיך איינגעהערט מיט מבינות. זי האָט געהאַלטן פאַר־מאַכט די ליפּן, אַזוי ווי זי וואָלט געשפּירט אויפן גומען אַ גוטן טעם און נישט געוואָלט אים אַזוי גיך אַרויסלאָזן.

טויבע האָט געקוקט מיט אַ ווייט־פאַרהערט פּנים. ס'איז שווער גע־ווען צו וויסן, צי זי הערט זיך איין אין פינצטערן גערויש פון וואַלד, צי אין די ליטוויש־קנאַקנדיקע, לשון־קודשדיקע ווערטער.

קידוש האָט דאָס שוסטערל געמאַכט אויך אויף זיין ליטווישן שטיי־גער. ביי „מרנן ורבנן" האָט ער געקוועטשט אויף די נונען אַזוי, אַז זיי זענען אַרויס פון זיין מויל טאָפּלט.

צומאָרגנס האָט מען געגעסן די שבתדיקע סעודה אין וואַלד. אויף דער לאָנקע האָט ס'גייעס געאַרבעט אונטער אַ ווייס־צעגליטער זון. די קי, געפּייניקטע פון דער היץ און פון די פליגן, זענען פאַרקראָכן אין וואַלד אַריין. ס'שוסטערל האָט הויך און מיט אָטעם געזונגען זמירות. דער טאַטע האָט געברומט אונטער דער נאָז. אויפן טישטוך האָבן אַרומגעזשמורעט

גרויסע, בלויע פליגן. עס זענען ארומגעקראָכן רויטע און שוואַרץ־געפּינ־טלטע „משה־רבינוס פערדלעך". קיינער האָט זיי נישט אָפּגעיאָגט. אַז מען איז געווען פאַרהערט אין די שיינע, שוסטערישע, ליטווישע זמירות.

נאָכן עסן, ווען טויבע האָט שוין געהאַט אַלץ אָוועקגערוימט, האָט דער ליטוואַק ווידער דערציילט וועגן זיין טאַטן, דעם ראש־ישיבה. ער האָט געזאָגט, אַז דער טאַטע שרייבט אים לשון־קודשדיקע בריוו, אַז אין יעדן בריוו פרעגט ער אים, פאַרוואָס ער, וואָלף, ווערט נאָך נישט קיין חתן. ווי לאַנג איז דער שיעור צו וואַרטן?

ער אַליין ווייסט עס אויך. נאָר עס מאַכט זיך נישט קיין לייטישער שידוך. ער איז אַ גאַנץ גוטער בעל־מלאכה. ער האָט אַפילו אָפּגעשפּאַרט אַביסל געלט אויך. נאָר שוסטעריי — זאָגט ער — איז אַ מלאכה בזויה.

— און וואָס איז מכח מיליטער? — האָט די מאַמע אַוועקגענומען ס'פּנים פון מעשה־ביכל.

— פאַרן מיליטער האָט ער נישט קיין מורא — זאָגט ער — ער איז באַפרייט.

שוין. מער האָט מען אים נישט געפרעגט און מער האָט ער נישט גערעדט.

שבת־צונאַכטס נאָך הבדלה האָט ער געבעטן — טויבע זאָל זיך לאָזן אַ מאָס נעמען אויף אַ פּאָר לעטשלעך. ס'גייט צו יום־טוב — האָט ער געזאָגט — וווּ וועט זי זיך ווייזן אין שטאָט מיט אַזעלכע שיך?

טויבע איז געשטאַנען אָנגעצונדענע, מיט שוואַרץ־אַראָפּגעלאָזטע אויגן. מיר איז געווען אַ חידוש, וואָס טויבע שעמט זיך אַזוי, וואָס זי רעדט גאָרנישט מיטן שוסטערל. אַ גאַנצן שבת האָט זי געשוויגן.

— נו, מילא — האָט די מאַמע זיך אָנגערופן — נעמט איר אַ מאָס.

טויבע האָט אַרויסגעשטעלט דעם רעכטן פוס. דאָס שוסטערל האָט אים געמאָסטן פון אַלע זייטן. קיין שום שוסטער אין דער וועלט נעמט נישט אַזוי לאַנג קיין מאָס. ער האָט געזאָגט, דאָס שוסטערל, אַז אַזאַ פיסל, מיט אַזאַ שיינעם שניט, האָט ער געזען נאָר ביי זיין אייגענער מאַמע, זאָל זיין אָפּגעשיידט; און אַז די לעטשלעך, וואָס ער וועט מאַכן פאַר די דאָזיקע פיסלעך, וועט מען גאָר טראָגן די קייסערינע.

ס'איז אמת געווען. אַ חוץ דאַווענען און שיין זינגען זמירות האָט ער אויך געקאָנט מאַכן לעטשלעך פאַר קייסערינס, דער ליטוואַק. שוואַר־

צע זענען זיי געווען די לעטשלעך, לאַקירטע מיט א שפּיצל; אויסגענייטע און אויסגעשניצטע, אויף הויכע אויסגעהוילטע קלעצלעך, גרינגע, ווי א פעדער.

טויבע האָט אין זיי אויסגעזען העכער און שמעלער. דער גאַנצער געשטעל אירער איז געוואָרן איינגעצויגענער. זי איז טאַקע געגאַנגען אין זיי אויפן אַנדערן שבת שפּאַצירן צוזאַמען מיטן שוסטערל.

זיי האָבן זיך געזוימט לאַנג. אויף די פעלדער האָט זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט דער הימל. שוואַלבן, ווי בלויע פּיילן, האָבן זיך שיף געטיקט אין דער אָפּגעקילטער לופט. ס'האָבן אָפּגעקלונגען די לעצטע שניטן פון די קאָסעס. און טויבע מיטן שוסטערל האָט מען נאָך אַלץ נישט געזען צוריק.

די מאַמע האָט פאַרמאַכט ס'ביכל. זי האָט מיך געפרעגט, צי כ'וויל מיך נישט אַביסל איבערגיין מיט איר. מיר זענען געגאַנגען אויף די אייגענע קאָרן־שטעגלעך, דורך וואַנען טויבע מיטן שוסטערל האָבן פריער שפּאַצירט.

די זון איז אונדז געשטאַנען אין פּנים אַריין א געלע, זייער א גרויסע. אויף דער מאַמעס נגידישלעכן גווידערל איז אַצינד געלעגן א דאגה. מיט צוגעמרושעטע אויגן האָט זי געקוקט אין דער געלער זון אַריין. זי האָט אָפּגעווישט דעם שטערן, אַזוי ווי ס'וואָלט זי באַשלאָגן א שוויים. כ'האָב געפילט, אַז די מאַמע זאָרגט אַצינד שטאַרק פאַר טויבען.

נאָר אָט האָבן מיר זיי דערזען, טויבע מיטן שוסטערל. זיי זענען געקומען נישט פון וואַלד אַרויס און נישט פון הינטער די סטויגעס היי, נאָר פון פּוילישן וועג אַראָפּ, וואָס פירט צום שאָסיי.

טויבע האָט גייענדיק געקוקט אויף די שפּיצן פון אירע נייע, לאַקירטע שיכלעך. זי האָט געקייעט א בלימל. דאָס שוסטערל, א קליינס, אַן אָרעמס, האָט טויבען געהאַלטן אונטערן אָרעם און געשטעלט דראָבנע, פּאַמעלעכע טריטלעך. ער האָט אַרויפגערעדט צו טויבען, אַזוי ווי אין א הויך פענצטער אַריין.

אַז מיר זענען זיי אַנטקעגנגעקומען, האָט ס'שוסטערל אַרויסגעכאַפּט די האַנט פון טויבעס אָרעם. ער האָט געשמייכלט מיט א דאַר, נאַרישלעך פּנים. טויבע האָט אויסגעגלייכט נ'קאָפּ, אויסגעשפּיגן ס'בלימל און מיט א צו הויך קול געפרעגט:

— ווו גייט דאָ די מומעשי?

— כ'גיי מיך אביסל איבער — האָט די מאַמע שאַרף געקוקט טוי־בען אין פּנים אַריין.

— מ'זעמיר געווען אין שטעטל — האָט טויבע געזאָגט מיט אַזאַ נישט־זיכער קול, אַזוי ווי זי אַליין וואָלט נישט געגלויבט אין אירע איי־גענע רייד.

— וואָס עפּעס אַזוי ווייט?

— ס'איז גאָרנישט ווייט — האָט ס'שוסטערל נאַרישלעך גע־שמייכלט — אַ שפּאַציר הין און צוריק.

צוריקגעקומען זענען מיר שוין צוזאַמען. ס'שוסטערל איז געגאַנגען נעבן מיר. פון זיין טוכענער, געהאַקטער קאַפּאָטע האָט געשמעקט מיט לעדער און מיט עפּל־שאָלעכטס.

ער האָט מיך אויסגעפרעגט, וואָס עס הערט זיך ביי מיר, צי כ'בין צופרידן פון „לעניוועֿ", צי כ'וואָלט שוין געקאָנט אַליין אויפשטעלן אַ סטויג היי און צי ס'אַרט מיך גאָרנישט, וואָס כ'האָב דאָ נישט קיין יידי־שע חברים.

ניין. ס'אַרט מיך גאָרנישט. גיכער איז מיר איבער דער טבע, וואָס ער רעדט אַזוי פיל. די מאַמע מיט טויבען שווייגן. ער אַליין וואָלט אפשר אויך געוואָלט שווייגן, נאָר ער ווייסט נישט, ווי אַזוי מען הערט אויף.

ער קומט מיר אויס אַצינד זייער נאַריש, דאָס ליטווישע שוסטערל. ס'וווּנדערט מיך אויף טויבען. וואָס האָט זי זיך עפּעס געלאָזט פירן אונ־טערן אָרעם? וואָס איז ער איר — אַ חתן, אַ קרוב?

שפּעטער האָט ער אינגאַנצן נישט גערעדט. ער איז געזעסן אַ פאַר־הערטער אין טאַטנס „אתקינו סעודתא", וואָס האָט זיך געלייגט אויף די פייכטע פעלדער מיט אַ שווערן זיפץ.

אין דער לופט איז געשטאַנען אַ ריח פון וואַסער, אויסגעמישט מיט אַ טעם פון הערינג. די מאַמע האָט איר „גאָט פון אברהם" נישט גע־זאָגט. פון וואַלד האָט גענומען ציען. דער טאַטע האָט זיך צוגעאיילט מיט דער הבדלה, אָפּגעזונגען אויף דער גיך „ויתן לך", און אַלע זענען מיר אַריין אין שטוב. ס'הייסט — נישט אַלע. טויבע איז געבליבן אין דרויסן. זי האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף דער שוועל, אָנגעשפּאַרט ביידע הענט אויף די קניען און אַזוי פאַרגאַנגען זיך אין מחשבות.

אין שטוב האָט געשמעקט די וואָרעמקייט, אַזוי ווי ס'וואָלט שוין געגאַנגען צו יעשען. דאָס שוסטערל האָט זיך געגרייט אַוועקצוגיין. ער

האָט היינט גאָרנישט געהאַט מיטצונעמען, נישט קיין שטיוול און נישט קיין שיך, פונדעסטוועגן האָט עס אויסגעזען, אַזוי ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט.

ס'איז נישט געווען קיין נאַפט. אויפן טיש האָט זיך געברענט איין חלבן ליכטל. דאָס רויטע פלעמל ביי דער הייליקער מוטער איז גוססדיק איינגעגאַנגען. אַרום חלבן ליכטל האָט זיך געדרייט אַ קאָלירט זומער־פייגעלע. ס'איז צוגעפלויגן און אָפּגעשפּרונגען. אַלעמענס אויגן האָבן געקוקט אויפן נארישן באַשעפעניש, וואָס קריכט גלייך אין פייער אַריין.

פון דרויסן האָט זיך דערהערט אַ לאַנגער, רופנדיקער פייף. צי מען האָט אַזוי אַרום געגעבן עמעצן „האַסלע", צי אַ שייגעץ האָט זיך סתם געלאָזט ווילגיין — נאָר דער דאָזיקער אומגעריכטער פייף האָט אויפגעבונדן ביים שוסטערל די צונג.

— פּרימעטל — האָט ער זיך אָנגערופן מיט אַ פאַרשעמטן קול — זי האָבן אפשר אַ מינוט צייט?

די מאַמע האָט גאָרנישט געטון. אוודאי האָט זי געהאַט צייט.

— וואָס איז דען?

— כ'האָב געוואָלט מיט אייך עפּעס רעדן.

— מיט מיר? פון וואָס אַ שטייגער?

— כ'האָב געוואָלט — האָט זיך דאָס שוסטערל געקרעקט — אַז ר' לייזער זאָל אויך הערן.

— מוזט איר רעדן אַביסל העכער.

— מילא, ס'זאָל גיין אין דעם.

דער טאַטע האָט געקוקט איבער די בלעכענע ברילן אין סידורל אַריין.

ס'שוסטערל האָט אָפּגעהוסט — טרוקן, האַרט.

— איר זענט נישט אַמאָל צוגעקילט? — האָט די מאַמע פאַרדאַגהט געפרעגט.

— חלילה. נישט מער, ער האָט געוואָלט זאָגן, אַז ער איז נישט, חלילה, אַזוי אָרעם, ווי ער זעט אויס. ער האָט נאָך איין קאַפּאָטע, אַ שפּאָגל־נייע. ער האָט צוויי פּאָר קאַמאַשן אויך נייע. ערשט נישט לאַנג האָט ער זיך געלאָזט אויפנייען אַביסל וועש. און וואָס זאָל ער דאָ לייקענען, ער האָט אַ ביכל אין דער קאַסע אויך. און קיין שלעכטער בעל־מלאכה איז ער אויך נישט, והא ראיה — טויבעס לעטשלעך.

— נישט קיין מיאוסע לעטשלעך — האָט די מאַמע אַ בויג געטון איין זייט פּנים מיט אַזאַ אָנשטעל, גלייך זי וואָלט נישט געווען מיין מאַמע, נאָר די גרעסטע יחסנטע אויף דער וועלט.

— אָ, טאַקע! פּרימעטל אַליין זאָגט אויך — האָט זיך דאָס שוס־טערל אָנגעכאַפּט — איז, אַז מען רעדט שוין, וואָלט ער געוואָלט זאָגן, אַז טויבע געפעלט אים. און לויט ווי אים דאַכט זיך, געפעלט ער טוי־בען אויך. איז ער גרייט צו נעמען טויבען, אַזוי ווי זי שטייט און גייט, אָן איין גראָשן נדן.

— נגע — האָט דער טאַטע פאַמעלעך אוועקגענומען ס'פּנים פון סידורל און נאָך פאַמעלעכער ארויפגערוקט די ברילן אויפן שטערן.

— אָן אַ גראָשן נדן — האָט ס'שוסטערל צעטומלט איבערגעחזרט — ער איז גרייט אפילו מוותר צו זיין אויף דער „וויפראַווע".

— ווי אַלט ביסטו? — האָט דער טאַטע אויסגעשפּיצט די באָרד און מיט איינמאָל געזאָגט צום שוסטערל „דו".

ס'איז געקומען אַזוי אומגעריכט, אַז איך האָב אָנגעהויבן פינטלען מיט די אויגן. דאַכט זיך, אַז די מאַמע אויך.

— וואָס הייסט, ווי אַלט ער איז? ביי אַ מאַנספּארשוין איז דען געזאָגט, ווי אַלט ער איז?

— און מכח פּרנסה וואָס וועט זיין?

— ס'הייסט, וואָס ס'וועט זיין? ער איז דאָך, געלויבט דער אויבער־שטער, אַ בעל־מלאכה.

— אַ בעל־מלאכה ביסטו טאַקע, אָבער אַ ווייב איז אַזוי ווי, להב־דיל, אַ פערד. מען מוז עס כסדר פּאַשן, אַז נישט פּאַלט עס פון די פיס.

— טויבע איז, חלילה, נישט קיין פערד — האָט דאָס שוסטערל אין פאַרלעגנהייט געשמייכלט — און וואָס שייך פּרנסה — וועט ער אַרבעטן, און מיט גאָטס הילף וועט ער זיין בכח מפרנס צו זיין אַ ווייב.

— אָבער זאָג מיר, כ'בעט דיך, — האָט דער טאַטע געצויגן יע־דעס וואָרט באַזונדער — ווער ביסטו דאָס פאָרט פאַר איינער? כ'קען דאָך דיך גאָרנישט.

— ס'הייסט, ווער ער איז? ר' לייזער דאַרף אים שוין אַביסל קע־נען. איי דאָס, וואָס ער איז אַ שוסטער, איז שולדיק די שטיף־מאַמע. דער טאַטע, דער ראש־ישיבה, האָט אים געוואָלט מאַכן פאַר אַ שוחט.

בשעת ער האָט אַזוי גערעדט, האָט דער טאַטע אים אויפסניי באַ־

טראַכט. ער האָט אים געקוקט גלייך אין דאָרן, ביינערדיקן פּנים אַריין. דערנאָך האָט ער אָנגעשטעלט די שטילע, פאַרדרימלטע אויגן אויף דער מאַמען:

— וואָס זאָגסטו, פרימעט?

— כ'ווייס, מען דאַרף דאָך פרעגן טויבען אויך.

— נו, אוודאי דאַרף מען פרעגן — האָט דער טאַטע אַראָפּגענומען די ברילן פון שטערן און צום שוסטערל האָט ער זיך אָנגערופן:

— זאָג מיר, כ'בעט דיך: ביסט נישט אַמאָל אַ כעסן, אַ ראַפּטוס?

— חלילה.

— און וועסט זי כאָטש גוט באַהאַנדלען?

— ס'הייסט גוט. ס'טעלערל פון הימל וועט פאַר איר נישט זיין צו טייער.

— ס'זאָל נאָר נישט זיין קיין ליידיק טעלערל.

— חלילה, ר' לייזער, וואָס רעדט איר?

— נו, מילא.

מיט דעם איז דאָס שוסטערל אוועקגעגאַנגען. ס'ליכטל אויפן טיש האָט זיך בלוי געטיקט און אַלע ווײַלע אויפגעצאַפּלט אין גסיסה. פון דרויסן איז אַריינגעקומען טויבע און שווייגנדיק גענומען גרייט־מאַכן די געלעגערס. טאַטע־מאַמע האָבן געקוקט אויף איר פון אַ זייט. ס'קען זיין דערפאַר האָט זיך טויבע טועה געווען מיטן אוועקלייגן די קישנס. און אפשר האָט דאָס שוסטערל געזאָגט איר עפּעס אין דרויסן? מען האָט געזען, אַז טויבע קאָן זיך אַצינד נישט געפינען קיין אָרט, פּונקט ווי אַ קראַנקע הון, וואָס גייט אַרום אין יסורים און זוכט, ווו אַוועקצולייגן איר איי.

דער טאַטע האָט זיך פאַמעלעך אויסגעטון און געלייגט זיך. די מאַמע האָט אָנגעצונדן נאָך אַ ליכטל. טויבע האָט גלייכגעשטעלט די טעפּ אויפן קוימען. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, און דער טאַטע האָט גענומען שנאָרכן. דעמאָלט האָט זיך די מאַמע אָנגערופן:

— טויבע?

— וואָס, מומעשי?

— ער האָט עפּעס גערעדט מיט דיר?

— וואָס האָט ער געזאָלט רעדן?

— כ'ווייס, עטס זענט געגאַנגען אַזוי לאַנג.

— ער האָט גערעדט...

— אַז?

— אַז ער וויל מיך...

— נו?...

— כ'וויים אַליין נישט. ער איז אַזאַ קליינער.

— אין דעם זאָל עס דיר גיין. וואָס האָב איך דערפון, אַז דיין טאַטע איז אַ גרויסער?

— וואָלט איך כאָטש אויך געווען אַ קליינע...

— עטס זענט אַלע קיין עין־הרע, הויך. אַנדערע געזאָגט געוואָרן. אָבער, דאַכט זיך מיר, אַז ער איז אַ גאַנץ אָרנטלעכער יונג.

— יאָ, ער זעט אויס צו זיין אָרנטלעך. אָבער ער רעדט ליטוויש. כ'על דאָך אים נישט פאַרשטיין.

— און אַז איך פאַרשטיי נישט דיין טאַטן?

— מיין טאַטע איז דאָך נישט קיין ליטוואַק.

— איז ער עפּעס אַנדערש. דער עיקר, צי געפעלט ער דיר?

— ר'איז אַזאַ דאַרער, אַ שוסטער...

טויבעס קול איז געגאַנגען, אַזוי ווי נישט פון איר האַלדז. אַ פרעמד קול איז עס געווען, אַ געפאַלנס.

— הער מיך אויס, טויבע — איז דער מאַמעס קול אויך געפאַלן — גאָט איז מיין עדות, אַז איך וויל דיין גוטס. נישט אַלץ איז אָבער אַזוי, ווי דער מענטש נעמט זיך פאָר. אַז ער איז אַן אָרנטלעכער יונג, דאָס זעט מען. אַ פאַרדינער מוז ער אויך נישט זיין קיין שלעכטער. שטאַמט פון אַ שיינער משפחה. אַ טאַטן אַ ראש־ישיבה. און אַליין איז ער אויך נישט קיין גראָבער יונג. האָסט דאָך געהערט, איז מיין עצה...

די מאַמע האָט איבערגעריסן. טויבעס אַקסלען האָבן זיך אַראָפּגע־לאָזט.

— מומע־קרוין — האָט זי אַ קרעכץ געטון און שוין מער נישט געקאָנט איינהאַלטן דאָס געוויין.

— נו, שוין, וואָס קאָן מען טון — האָט די מאַמע געגלעט טויבען איבערן אַקסל — כ'ווייס, אין אַן אַנדער מעמד...

טויבע האָט נאָך מער געוויינט. ביז אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין האָבן זיך אירע אַקסלען געטרייסלט.

# קאפיטל פינף און צוואנציק

אינמיטן דער וואָך איז ווידער געקומען צו לויפן דאָס שוסטערל. פון ביינערדיקן פּנים האָט געגרונען א ברודיקער שווייס.

ער איז געקומען געוואָר ווערן, וואָס עס הערט זיך. ס'טרעפט זיך אים, זאָגט ער, צו דינגען א דירה אין שטעטל, מיט א גערטנדל. ער וויל אויך קויפן א ציג. אן אייגן ביסל מילך מאַכט נישט קאליע. איז, ווען ער וואָלט געוווסט אויף זיכער, וואָלט ער געדונגען די דירה, אריינגעשטעלט אביסל ווירטשאפט און געגעבן האַנטגעלט אויף דער ציג.

טויבע איז, ווי געוויינלעך, געשטאַנען מיטן פּנים אריינגעטון אין די טעפּ. זי האָט זיך גאָרנישט אָנגערופן. אפילו נישט אויסגעדרייט זיך אויף דער שטוב ארויס.

די מאַמע האָט אים אויסגעהערט ביזן סוף. דערנאָך האָט זי געזאָגט, אַז זי פאַרשטייט נישט, וואָס ס'איז אזוי ס'געאייל. טויבע איז נישט, חלילה, קיין אַלטע מויד. און צווייטנס — צו א חתונה דאַרף מען דאָך האָבן א שטיקל העמד, א שיך. איז איר עצה: אזוי ווי ס'גייט צו ימים נוראים, זאָל ער אראָפּקומען צו אונדז אין שטאָט אריין אויף חול־המועד סוכות — וועט מען שמועסן דערפון.

דאָס שוסטערל איז שטיין געבליבן מיט אַן אויסגעלאָשן פּנים.

— אזש ביז חול־המועד סוכות?...

— וואָס איז? ווי לאַנג איז עס דען?

— מען זאָל וועלן גוט איבעררעכענען, איז עס גאָר לאַנג.

אייגנטלעך, פאַרשטייט ער נישט, צו וואָס מען דאַרף עס אָפּלייגן אין דער לאַנגער באַנק אריין. אז ער וויל נעמען טויבען, אזוי ווי זי גייט און שטייט. אז ער דאַרף נישט דעם אויסשטייער אירן. אז גאָט וועט אים העלפן און ס'וועט אים בלייבן אביסל געלט נאָכדעם, ווי ער וועט האָבן געדונגען די דירה און געקויפט די ציג — וועט ער אליין מאַכן טויבען אַן אויסשטייער.

ביי דער וועטשערע האָט ער נאָך איינגעטענהט מיטן טאַטן. זיינע סמכן האָבן געזשומעט איבער דער שטוב, ווי אומרואיקע פליגן.

דער טאַטע האָט נישט געזאָגט — נישט יאָ און נישט ניין. ער

האָט געקוקט אויף דער מאַמען און מיט די טויבלעכע אויגן געעצהט זיך מיט איר.

— לאָמיר פרעגן טויבען אַליין — האָט די מאַמע ענדלעך געפונען אַן עצה — זי האָט דאָך אויך אַ שטיקל דעה...

אָבער טויבע האָט קיין אייגענע דעה נישט געהאַט. אַ טרויעריקע, אַן חשק — האָט זי דערלאַנגט וועטשערע צום טיש. דאָס שוסטערל האָט נאָכגעפירט דעם בליק איבער טויבעס יעדן קער און ווענד. אָבער טויבע האָט געשוויגן.

האָט דער טאַטע געפּסקנט, מען זאָל צוואַרטן נאָך אַ וואָך. ער וועט זען, האָט ער געזאָגט. ער וועט געוואָר ווערן, ווער ער איז, דער וואָלף. אפשר איז ער גאָר קיין בחור נישט.

דאָס שוסטערל האָט געשמייכלט. ערשט אַצינד האָט מען געזען, אַז ער האָט אַ מויל מיט שיטערע, שוואַרצע ציין. ס'קאָן זיין, אַז אַ שטיק צוליב די דאָזיקע ציין, האָט טויבע נישט געזאָגט, צי זי וויל אים יאָ, צי זי וויל אים נישט.

— ער איז מיר נישט צום האַרץ — האָט זי שפּעטער גערעדט צו דער מאַמען — נאָר אַז די מומעשי וויל...

— איך וויל גאָר — האָט זיך די מאַמע גיך פאַרענטפערט — ווי פאַלט דיר איין? נישט מער, קיין נדן האָסטו נישט און די יאָרן שטייען נישט.

— כ'ווייס — האָט טויבע פאַרקרימט ס'פּנים — אָבער וואָס וועט זיין?

די מאַמע האָט זיך אַרומגעקוקט איבער דער שטוב, אַזוי ווי זי וואָלט געגאַנגען זאָגן אַ סוד, דערנאָך צוגעבויגן זיך צו טויבען.

— ניין — האָט טויבעס קול דערשראָקן געציטערט — ניין, מו־מעשי, וואָס ס'האָט צו זיין, זאָל זיין...

און שוין. פון שידוך איז געוואָרן.

די מאַמע איז געפאָרן אין שטאָט אַריין. אָפּגעווען דאָרט אַ טאָג מיט אַ נאַכט. געקויפט דאָרט אַ שטיקל לייוונט, סחורה אויף צוויי קליי־דער און אַ שטיק גאַזע אויף אַ וועלאָן.

זי האָט נישט אָפּגעטרעטן דאָרט ביי קיינעם, נישט דערציילט קיי־נעם און אויף אַ פרעמד'ער פור איז זי צוריקגעקומען קיין „לעניווע" צו־גרייטן טויבעס חתונה.

די פעלדער זענען שוין אין יענע טעג געשטאַנען אָפּגעשניטענע, האַרט־האַריקע, אַזוי ווי באַרשטן. די שפּײַכלערס זענען פול געווען מיט אָראָפּגענומענער תבואה. פון די פֿויערישע קוימענס האָט זיך דער רויך געקייַגט אויף דער ערד. די פאַרנאַכטן זענען צוגעפאַלן קאַלטע מיט פייכ־טע, פאַרבלוטיקטע פלעקן פון דער זון. אין אַ מיטן מיטוואָך האָט מען דערזען באַטשאַנעס אוועקפליען אין די וואַרעמע לענדער אַריין.

דעמאָלט איז דאָס געווען טויבעס חתונה.

אין טאָג פון דער חופה האָט די מאַמע גערעדט צו טויבען לאַנג און שטיל. טויבע האָט איבערגעטון אַ נײַ העמד מיט אַ ווײַסער האַלקע אין שפּיצן, לאַטשן האָט זי אויך אָנגעטון ווײַסע. דאָס האָט איר דאָס שוסטערל אין חופה־טאָג געשיקט. דעם וועלאָן האָט די מאַמע אַליין אויפגענייט — מיט אַ קרענצל ווײַסע קאַרשן פון פאָרנט און מיט אַ שלעפּ פון הינטן.

אַז טויבע, אַ בלייכע, מיט פאַרטריקנטע ליפּן, האָט אים אָנגע־מאָסטן, האָט זי אויסגעזען נישט, ווי לײַזער הײ־הענדלערס טאָכטער, נאָר ווי אַ דײַנס אַ בת־יחידה. די מאַמע אַליין האָט אויך געזאָגט, אַז טויבעס הענט, די אייגענע, מיט וועלכע זי האָט אַ גאַנץ לעבן געשיילט קאַרטאָפל און געוואַשן געפעס — זענען אין חופה־טאָג געווען אַזוי ווײַס און קליין, ווי צוויי איידעלע פייגל.

דער טאַטע האָט אָנגעטון די טובענע, שבתדיקע קאַפּאָטע מיטן נייעם, טובענעם היטל. די מאַמע האָט פאַרלייגט אויפן שוואַרץ טאַפּ־טענעם סטאַניק אַ פרישן, ווײַסן זשאַבאָט. טויבע אין אַ לאַנגן מאַנטל אויפן חופה־קלייד אַרויף, איך אין אַ פּאָר נײַע שטייפע הויזן — זענען מיר אויפגעזעסן אויף אַ פֿויעריש לייטער־וועגעלע און געפאָרן אין שטעטל אַרײַן.

פאַר די שוועלן האָט זיך אויסגעשטעלט ס׳גייעס. מען נעמט פאַר אונדז אַראָפּ די היטלען און מען שיקט ברכות. יאַנעק מיט פּיעטרעקן, די חברים מײַנע, כאַפּן זיך אויף און פאָרן מיט אַ שטיקל וועגס. אויפן לייטער־וועגעלע צווישן די געזעסן זענען פאַררוקט טעפּ. די מאַמע האַלט אויף די קניען אַ גרויסן, געלן צוקער־לעקעך. דער ריח זײַנער זעצט זיך אָפּ אויפן גומען מיט אַ פייכטער זיסקייט.

אַז מען קומט אין וואַלד אַרײַן, זעצט זיך שוין די זון. שיטערע, צע־שטויבטע פלעקן פאַלן אויפן פערדל.

דער טאטע קריכט אראפ פון וועגעלע און שטעלט זיך דאווענען מנחה. אויף זיין שבתדיקער קאפאטע פאלן אויך די שיטערע פלעקן פון דער זון. דער פויער שיט אונטער זיין בהמהלע א ביסל אבראק. ס'ווערט וואס אמאל טונקעלער, פייכטער.

— לייזער, מאך עס בקיצור — רופט זיך אן די מאמע — ס'ווערט דאך נאכט.

ס'ווערט טאקע נאכט. נישט מיטן אויג צו דערזען גיסן זיך דיביימער צוזאמען. ס'ווערט שווארץ פון אלע פיר זייטן. טויבע האט אראפגענומען דעם מאנטל. איר איז היים. אין שווארצן וואלד זעט אויס טויבע, אין איר ווייס חופה־קלייד, ווי א מת.

נאך מנחה איז מען ווייטער געפארן. ס'פערדל האט געטאפט אין דער פינצטער. די מאמע האט זיך געשראקן פאר גזלנים. פונדעסטוועגן איז אונדז גארנישט געשען, און מיר זענען אנגעקומען אין שטעטל אריין צו דער צייט.

ס'איז שוין געווען גוט נאכט. פון דער פינצטערניש זענען אויסגע־וואקסן שאטנס. ס'האט א זעץ געטון א קאפעליע.

— די כלה איז געקומען — האבן זיך דערהערט קולות, אזוי ווי פון אונטער די רעדער אפער. א טיר האט זיך אויפגעפראלט מיט א פארע. פון א געוועלב האט עמעצער ארויסגעטראגן א לעמפל און געהויבן עס איבער אונדזערע קעפ.

— דא, דא — האט מען אין דער פינצטער געפירט אונדזער ווע־געלע, און דער באס פון דער קאפעליע האט צוגעברומט:

— דארט, דארט...

מיר האט זיך געגלוסט צו לאכן. ס'האט זיך מיר אויסגעדאכט, אז די טרומפייט טוט צו להכעיס דעם באס און שרייט:

— נישט דא און נישט דארט...

ביז מען האט אונדז אריינגעפירט אין א גרויסער, ווייס־געקאלכ־טער שטוב אן בעטן און אן שענק. א צעגליטע בליץ־לאמפ איז געהאנגען אינדערמיט בעליק, פרעמדע ווייבער מיט מיידן — פרישע, אויסגע־קעמטע און אויסגעצוואגענע האבן זיך געפארעט, ווי די געשטאפטע גענדז.

אנטקעגנאיבער דער אויסגעקאלכטער שטוב, אפגעטיילט מיט א פא־

דער־הייזל און מיט שיפע שטינגן אויף אַ בוידעמל אַרויף, איז געשטאַנען אויפגעפּראַלט אַ טיר אין נאָך אַ שטוב אַריין, אַ בלוי־געווייסטע, מיט צוויי טונקעלע בעלקעס אויפן פּולאָפּ.

דאָ האָבן זיך פאַרזאַמלט די מאַנסלייט מיטן חתן בראש, וואָס איז געקומען ערשט שפּעטער.

אויף די שויבן האָבן געקלעפּט צעפּלאַטשטע נעז מיט פאַרחידושטע אויגן. טויבע, אַ מידע, מיט האַלב־פאַרמאַכטע ברעמען, איז געזעסן אויף אַן אַלטער, דיינישער פּאָטער־שטול.

אַ נידעריקער ייִד, אַ קייל־עכדיקער מיט אַן אונטערגעשוירן בערדל, האָט מיט כעס געגרימפּלט אויפן באַס. אים האָט צוגעמרוטשעט אויף אַ לאַנגער טרומפּייט אַ הויכער, אָפּגעריסענער יונג מיט קורצע אַרבל. אײַבער זיי ביידע איז זיך פאַרגאַנגען מיט קלעמעניש אונטערן האַרץ אַ שוואַרצער בחור אויף אַ פידל.

די מיידן מיט די ווייבער זענען ביים טאַנצן געשוואומען, אַזוי ווי קאַטשקעס. נאָכאַמאָל אַריין אין ראָד, און אָבער אַמאָל אַרויס פון ראָד. צענומען זיך, צעגאַנגען זיך, אַזוי ווי די ברוגזע אינדיקעס.

מיין מאַמע, אַ צערוישטע, מיט אַ פאַרוואָרפענעם לאָק אויפן שייטל, איז מיטגעשוואומען מיט די טאַנצנדיקע, מכבד געווען מיט באָקאַליעס און מיט טיי. געוואונטשן די פרעמדע מיידן: מערטשעם ביי זיי אויף שמחות, די פרעמדע ווייבער — אויף בריתן און בר־מצוהס. איידל, אַזוי ווי מיין מאַמע האָט געקאָנט: מיט אַ פאַרצויגן מויל און מיט יענעם נגידישלעכן אָנשטעל, וואָס האָט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַמאָל האָט די מאַמע געהאַט אַן אייגן הויז מיט מעשענע קליאַמקעס ביי די טירן.

שפּעטער האָט די מאַמע „איינגעוואָרפן", און דער שוואַרצער בחור האָט אויפגעשפּילט אַ וואַרשעווער וואַלס.

די מאַמע האָט געטאַנצט מיט טויבען.

האָבן זיך די מיידן מיט די ווייבער אָפּגערוקט. פון דער אַנדערער שטוב זענען אַריינגעקומען מאַנסלייט. די צעפּלאַטשטע נעז אויף די שויבן זענען געוואָרן געדיכטער. דאָס אַלץ, כדי צו זען, ווי אַזוי די מחותניתטע, שוין נישט קיין יונג מענטש, טאַנצט דאָס מיט דער כלה. און ס'איז טאַקע געווען, וואָס צו זען. מיט אַ פאַרבויגענעם קאָפּ אויף אַ זייט, מיט אַ פול זאַט פּנים, יחסניש און גרויסשטאָטיש, האָט די מאַמע געפירט טויבען. זי האָט גרינג געשאָרט מיט די שפּיץ פיס, איבערגע־

וואָרפֿן זיך פֿון איין טאַקט אין אַנדערן אַריין — מיט אַ באַחנט, ווייבע־ריש קנייטשל. אַט האָט זי זיך פֿאַרנומען לינקס, דאָס זיידענע קלייד האָט זיך אָנגעבלאָזן. אַ בויג דעם קאָפּ אַהין, אַ בויג צוריק — נישט אַנדערש, נאָר די מאַמע חנדלט זיך און שפּיגלט זיך אין אַ שפּיגעלע.

טויבע איז אויך נישט אָפּגעשטאַנען. העכער ווי די מאַמע, מיטן לאַנגן, ווייסן שלעפּ, וואָס זי האָט געהאַלטן אויף איין האַנט, האָט זי זיך געלאָזט פֿירן און בייגן. זי האָט זיך צעיאָגט אויף די הויכע, אויסגע־הוילטע אָפּצאַסלעך. דאָס טונקעלע פּנים האָט שטיל געפֿלאַמט, דער קאָפּ איז געווען אַביסל פֿאַרוואָרפֿן, ס׳מויל האַלב געעפֿנט. נישט ס׳האָט גע־לאַכט און נישט ס׳האָט געוויינט נאָר געגרופֿן האָט עס עמעצן.

נאָכן וואַלס האָט זיך דער שוואַרצער בחור מיט דער פֿידל פֿאַר־נויגט פֿאַר דער מאַמען. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט שוין געשפּילט אין גרויסע שטעט, נאָר אַזוי טאַנצן, ווי די מחותניתטע — האָט ער נאָך נישט געזען.

עולם ווייבער האָבן געשנורעוועט די מיילער. מיט צעשמייכלטע, נישט־דרייסטע פּנימער האָבן זיי באַוווּנדערט די מאַמע:

— קיין עין־הרע. ביסט אַ מבֿין...

שפּעטער האָט מען טויבען צוזאַמען מיט דער דיינישער פּאָטער־שטול אַרויסגערוקט אינמיטן שטוב אַריין. די ווייבער מיט די מיידן האָבן זיך אַרומגעשטעלט. אַ קורץ יידל, וואָס האָט געהאַט מער באָרד. ווי פּנים, האָט מיט אַ הייזעריקלעכן ניגון אַ רוף געטון:

— קלעזמאָרים, אויפֿגעשפּילט זאָל ווערן!

האָט זיך צעברומט דער באַס און צעבלאָזן די טרומפּייט, און ס׳פֿי־דעלע האָט זיך צעוויינט אויף אַ וואָלעכישן שטייגער. ער אַליין, דאָס קורצע יידל, האָט זיך אַרויפֿגעשטעלט אויף אַ בענקל און פֿון דאָרט אַראָפּ גענומען באַזינגען די כלה.

מיט אַ פֿולן, ענגן האַלדז האָט דאָס קורצע יידל געזאָגט, אַז היינט איז אַ טאָג, וואָס איז געגליכן צו יום־כּפּור. היינט — האָט ער פֿאַר־קנייטשט מיט דער נאָז — איז דיין שענסטער און ביטערסטער טאָג, כלה. וואָרום היינט שטייסטו פֿאַרן מלכות־שמים, ווי אַ זעלנער שטייט, להבדיל, פֿאַר זיין קייסער. ווי אַזוי שטייט דאָס אַ זעלנער פֿאַר זיין קיי־סער? מיט גוטע מדות, מיט מעשים טובים און מיט גרויס פֿורכטיקייט.

דעריבער — זאָגט ער — דאַרפסטו היינט תשובה טון און בעטן צום אוייבערשטן, זאָלסט געפינען חן און לייטזעליקייט אין זיינע אויגן.

אינמיטן האָט זיך דאָס קורצע יידל פאַרקרעקט. זיין באַוואַקסן פּנים איז אָנגעגאָסן געוואָרן מיט א דושנער רויטקייט. מען האָט געמוזט וואַרטן, ביז ער האָט אָפּגעאָטעמט, אָפּגעווישט דעם שווייס און ווייטער אָנגעהויבן:

— היינט — האָט ער געזאָגט — ביסטו, כלה, געגליכן צו א בוים, וואָס וואַקסט ערשט אַרויס פון דער ערד און טראָגט נאָך נישט קיין פּירות. אָבער, אז די זון הייבט אָן דערוואַרעמען די וואָרצלען פון בוים, נעמען אַרויסשפּראָצן בלעטלעך, קומט אַרויס ס'בליעכטס און ערשט שפּעטער ווערט פון בליעכטס פּירות. אזוי ביסטו אויך, כלה. היינט ביסטו נאָך גאָרנישט. א שטויבל. א פּלעווע. אָבער אז גאָט ברוך־הוא'ס רצון וועט זיין — וועלן אָנהויבן שפּראָצן דיינע בלעטלעך און בליען דיינע פּירות.

טויבע האָט שטיל געציטערט מיט די אַקסלען. די מאַמע האָט געוויינט מיט א טיכל ביי די אויגן.

ביים חתן האָט דאָס קורצע יידל געמאַכט בקיצור. דער חתן אליין, אין א טוכענער קאַפּאָטע, קלענער, ווי ער איז אלע מאָל געווען, איז געזעסן אויבן־אָן מיטן פּנים אין טישטוך אַריין. אַרום אים — יידן אין וואָכנדיקע מלבושים, שווערע, מיט פאַרוויקלטע, האַרטע בערד.

דאָס קורצע יידל האָט געמאַכט אן „אל מלא רחמים" דעם חתנס מאַמע, דער צדיקת, געלויבט אין הימל אַריין דעם טאַטן זיינעם, דעם ראש־ישיבה.

— און כאָטש דו ביסט — האָט ער געזאָגט — נישט מער, ווי א שוסטער, ביסטו אָנגעלייגטער ביים רבש"ע, ווי דער גרעסטער גביר, וואָרום דער תנא ר' יוחנן איז אויך געווען א שוסטער. דעריבער, חתן, נעם דיר אַראָפּ א ביישפּיל פון ר' יוחנן הסנדלר, וועט דיר וווּיל און גוט זיין, ובא לציון גואל, אמן.

נאָר, אז ס'איז געקומען קודם החופּה און דער טאַטע מיינער האָט אַרויפגעלייגט זיינע גרויסע הענט אויף טויבעס קאָפּ, איז נישט געווען קיינער, וואָס זאָל בענטשן דאָס קליינע, איינגעדאַרטע שוסטערל.

אָן איינגעפאַלענער, א שמאָלער איז ער געשטאַנען אונטער די פיר דרענגלעך אין א פרעמדן פאַלטן, אַריבערגעוואָרפן איבערן קיטל. ער האָט געזאָגט דעם „הרי את" מיט א ניכטערן, אויסגעהונגערט קול. אין

גלאָז, וואָס מען האָט אים אונטערגעלייגט, האָט ער אַזוי גיך נישט אַריינ־געטראָפן. אויף זיין הארט, פאַרדאַרט פּנים איז געלעגן אַ קרענקלעכע גרינקייט.

די קלעזמאָרים האָבן אויפגעשפּילט אַ מאַרש צום מזל־טוב. פון פאָדער־הייזל האָט אַריינגעטאַנצט די מאַמע מיינע מיט אַ גרויסער, ברוין־געפלאָכטענער חלה. זי האָט געהאָפּסלט אין דער ברייט, געשאָקלט מיט דער חלה איבער אַלעמענס קעפּ, אַזוי ווי מיט אַ פּיצל קינד, ווען מען פאַרשפּילט עס טאַנצנדיק.

עולם האָט זיך צענומען. די מאַמע האָט אַצינד אויסגעזען גאָרנישט נגידיש און גאָרנישט יחסניש. אַ גוטע יידענע איז עס געווען, אָן אַ גוי־דערל. אַ צדקה־געבערין, וואָס איז געקומען משמח זיין אָרעמע חתן־כּלה און קויפן זיך דערמיט אַ מצוה.

אַזוי האָט זי אויך געטאַנצט דאָס מצוה־טענצל מיט טויבען. אָנגע־נומען ס׳ווייסע טיכל ביי איין עק, טויבע — ביים צווייטן. אַ בויג מיטן קאָפּ פאָרויס, און ווי אונטערגעטיקט זיך אין וואַסער, אַ דריי זיך אַרום איינער ביי דער אַנדערער, און צוריק אויסגעגלייכט די קעפּ, אַזוי ווי מען וואָלט שוין אַרויסגעקומען פון וואַסער. ס׳האָט געהייסן, אַז זי טוט עס פון גאַנצן האַרץ, אַז נישט קיין שטיף־מאַמע איז זי געווען טויבען, נאָר טאַקע אַן אייגענע מאַמע.

גאָר אַנדערש האָט דער טאַטע געטאַנצט ס׳מצוה־טענצל מיט זיין שיינער טאָכטער טויבע. ער האָט נישט געקוקט אויף איר. ער האָט נישט געטיקט דעם קאָפּ, נאָר געבויגענערהייט האָט ער אָנגענומען ס׳טיכל ביים עק. מיט שווערע טריט, פּאַמעלעכע און אויסגעהאָרעוועטע, האָט ער זיך עטלעכע מאָל אַרומגעדרייט. נישט זיכער געשאַרט מיט די פיס, געווען אין פאַרלעגנהייט. און מיר האַכט זיך, אַז ווען דער טאַטע שעמט זיך נישט, וואָלט ער, מן־הסתם, געזאָגט: טויבע, טאָכטער, אפשר האָב איך דיך אַמאָל מצער געווען, טאָ זיי מיר מוחל. כ׳בין דאָך אַ טאַטע. כ׳האָב געוואָלט דיין גוטס. נישט מער, דו אַליין האָסט דיך פאַרזינדיקט.

און האָט ער עס נישט געזאָגט, האָט עס ס׳פידעלע געזאָגט פאַר זיינעטוועגן. אַז ס׳איז גאָרנישט צו פאַרשטיין, ווי אַזוי דער קלעזמער־יונג האָט עס אַרויסגענומען פון טאַטנס מויל און פון מיין האַרץ.

טויבע האָט געוויינט. אויפן ווייסן חופּה־קלייד האָבן זיך צעשמירט גרויסע פייכטע פלעקן. אפשר האָט זי אויך געהערט די רייד פון קלעז־

מער־יונגס פידעלע און אפשר האט זי דערשפירט עפעס נישט גוטס?

ס'האט שוין געטאנצט אינדרויסן, א דינע בלויקייט האט זיך געלייגט אויף די שויבן. די מיידן מיט די ווייבער זענען געזעסן שווערע און הויך גענענעצט. מען האט שוין געהאט גערופן דרשה־געשאנק, עולם האט גע־האלטן אינמיטן בענטשן — איז פלוצלינג געווארן א רעש — דער חתן איז, לא־עלינו, אוועקגעפאלן.

די מאמע, אן אפגעשטאנענע, האט זיך די ערשטע אויפגעכאפט פון בענקל. הויבנדיק דאס זיידענע קלייד, איז זי געלאפן אין דער מאנסביל־שער שטוב אריין. נאך איר האבן זיך א שטופ געטון, ווי שעפסן, די מיידן מיט די ווייבער. ס'איז געווארן ענג איןביידע אויפגעפראלטע טירן. מען האט געשריגן איבער די קעפ אריבער:

— וואסער! אפשר א פעלדשער? זאל מען לויפן נאכן פעלדשער!

נאר קיינער איז נישט געלאפן. קיין וואסער האט אויך קיינער נישט געברענגט. מען האט נאר גערעדט, אז ביים טיש האט דער חתן גערויכערט א סך פאפיראסן. די, וואס זענען געזעסן נאענט, האבן געזען, ווי ער ווערט גרין, אויסטערליש גרין.

— אן אנדערער, זאג, וואס ס'איז דיר? ניין, זיצט ער. און איידער וואס־ווען, לאזט ער ארויס דעם פאפיראס פון מויל, גיט זיך א גליטש אראפ פון בענקל און פאלט אויף דער פאדלאגע מיטן פנים ארויף.

עמעצער האט אים גענומען שרייען אין גרין־טויטן פנים אריין. א ייד, אין א געהאקטער קאפאטע, האט אים געקוועטשט ביי די שלייפן, געפרוווט אים אויפרייסן ס'מויל, אבער ס'האט קיין שום פעולה נישט געהאט.

אז ס'איז געווען גאר אן אנדער מין אוועקפאלן. ער האט געצי־טערט מיט ביידע אויפגעשטעלטע קניען, צעלייגט די הענט ווי אויף א צלם, געדרייט הין און צוריק מיטן קאפ, און אויפן מויל האט געקאכט און געבלעזלט זיך א ווייסע שוים.

— ניטע — האט א ייד אנגעכאפט א פרעמדע האנט, וואס איז געקומען צו לויפן מיט וואסער — עטס זעט דען נישט, אז ס'איז די שווערע קרענק? לייגטס אים אונטער א שליסל צוקאפנס.

דעם שליסל האט אונטערגעלייגט דער טאטע. ער איז געשטאנען איבער זיין איידעם אן איבערגעבויגענער, אזוי ווי ער וואלט געוואלט יענעם בעטן מחילה. מיר האט זיך געדאכט, אז פון היינט אן וועט שוין

דער טאַטע קיינמאָל נישט קאָנען אויפהייבן דעם קאָפּ און קוקן גלייך אַ מענטש אין פּנים אַריין.

דער מאַמעס אַקסלען האָבן זיך אויך אַראָפּגעזעצט. זי האָט זיך אַרויסגעשאַרט אין דרויסן. אויף דער שוועל איז געשטאַנען אַ בלויער טאָג. פון דער ווייס־געקאַלכטער שטוב, ווו מען האָט אַ גאַנצע נאַכט גע־טאַנצט, איז אַצינד געגאַנגען טויבעס קלאָנגדיק געוויין. זי האָט אַראָפּ־געריסן פון זיך דעם וועלאָן, גענומען דעם שיינעם, שוואַרצן קאָפּ אירן אין ביידע הענט אַריין, און אַזוי אַרום האָט זי זיך געוויגט אין דער ברייט.

— וואָס האָט עטס געוואָלט פון מיר? — האָט זי גערופן צום טאַטן, צו דער מאַמען, צו אַלעמען, צו אַלעמען — פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ פאַרשע־מונג? אַ חולה־נופל פאַר אַ מאַן? פאַר אַ דינסט וועל איך מיך שטעלן. פאַדלאָגעס וועל איך וואַשן, און מיט אים וויינען — וועל איך נישט גיין...

פאַר אַ דינסט האָט זיך טויבע נישט געשטעלט. ווייניק האָט זי שוין געוואַשן פרעמדע פאַדלאָגעס? ווייניק האָט זי געקאָכט און געבאַקן פאַר איידעלע, חסידישע יידן מיט העלפאַנט־ביין שטעקעלעך? איז זי גע־בליבן אין שטעטל.

וואָלף, דער מאַן אירער, איז אוועקגעפאַלן פון צייט צו צייט. טוי־בע האָט אים געלייגט שליסלען צוקאָפּנס, געברענגט אויף דער וועלט איין יונג מיט אַ גרויסן, בלאָנדן קאָפּ און נאָך אַ יונג אַ שוואַרצן. דער־נאָך האָט טויבע געהאַט אַ טאָכטער מיט אויגן, וואָס בייטאָג זענען זיי געווען בלוי און ביינאַכט גרין. דאָס זענען געווען טויבעס אויגן, וואָס האָבן פאַרלוירן די קאָלירן דורך דער צייט, ווען זי האָט געלייגט שליסלען איר מאַן צוקאָפּנס.

## קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

נאָך טויבעס חתונה האָט מען אַראָפּגענומען דעם צווייטן היי־שניט. די זון איז שוין אונטערגעגאַנגען נאָך האַלבן טאָג, געל און קאַלט. פון דער ערד האָבן געצויגן פייכטע, פאַרפוילטע ריחות. די שפּייכלערס מיט

די סטאָדאָלעס האָבן זיך געבראָכן פון דער אראָפּגענומענער תבואה. וואָס איז אצינד געבליבן אונדז צו טון אין „לעניוועי"?

האָט מען איינגעפּאַקט ס'ביסל בעטגעוואַנט, מיט די טעפּ, מיט די שיסלען, און — אָפּגעברענטע, אויסגערוטע — איז מען צוריק געפאָרן אין שטאָט אריין.

אויפן וועג האָבן שוין פויערים געהאַלטן אין איבערוואַרפן די ערד אויפן אנדערן יאָר ארוים. נאָכן אָקער־אייזן זענען קופּעסווייז נאָכגע־לאָפן שוואַרצע כמאַרעס קראָען. ס'האָט געשמעקט מיט אויסגעשטאַנענע עפּל, מיט איינגעזאַצט קרויט און מיט וואַרעמען קלייען.

לאָזער דער לאַנגער האָט צוריקוועגס אויך אָפּגעשטעלט אונדזער פערד־און־וועגעלע, אָפּגעגעבן דעם טאַטן מזל־טוב, אויסגעפרעגט זיך, ווי ס'איז דערגאַנגען דער זומער, צי ס'וועט בלייבן ריווח. אין איין וועגס האָט ער אָנגעזאָגט, אז טאָמער וועט לייבקע צוריקקומען פון „פאָניע" — זאָל מען אים למען־השם געבן צו וויסן.

לאָזערס טאָכטער, שרה, וואָס האָט איבערן זומער געקריגן א קלאָר, געסקלאַרעוועט פּנים און גענומען אויף זיך ברייטע באָקעס, האָט אונדז דערלאַנגט שיסעלעך קנאָבל־באָרשט מיט צוגערייִשטע קאַרטאָפל, שטיקער פעטע שפּאָנדרע, מכבד געווען אונדז מיט ווישניאַק, וואָס זי אַליין האָט איינגעלייגט.

נאָכן כיבוד, אז מיר זענען שוין געזעסן צוריק אויפן וועגעלע, האָט זיך די מאַמע אָנגערופן, אז די מויד דאָרט, אין קרעטשמע, דאַרף זיין א בריה און א באַלעבאָסטע און, אז דער לאָזער מוז האָבן א גרויסן טייסטער מיט געלט, און אויב לייבקע וועט צוריקקומען פון „פאָניע" — דאַרף מען אפשר א שמועס טון מיט אים...

דער טאַטע האָט זיך נישט אָנגערופן. ער האָט אויסגעזען צו זיין טרויעריק. מיר אַליין איז אויך נישט גוט געווען אויפן האַרץ. אויפן וועגעלע האָט געפעלט טויבע. כ'האָב נאָך אַלץ געזען דעם מאַן אירן ליגן אויף דער פּאָדלאָגע מיט שוים אויף די ליפּן. דאָס פערדל אונדזערס האָט זיך נישט־ניחאדיק געשלעפּט. פון די טאָפּאָליעס האָבן אראָפּגעשריגן וואָראָנעס. אונטערן בריקל האָט מען שוין נישט געפּאָיעט דאָס פערדל. אפילו דאָ האָט מען געשפּירט, אז עס רוקן זיך אָן די „ימים־נוראימדיקע טעג" מיט זייער גאַנצער מרה־שחורה און פּחד.

אין שטאָט האָבן שוין יידן טאַקע אויסגעזען צעטראָגן. אויף זייערע

פנימער איז שוין געלעגן די נישט־אויסגעשלאָפנקייט פון די סליחות־נעכט, די פאַרדאַגהטקייט פון די עשרת ימי תשובה.

כ'האָב זיי נישט ליב, די דאָזיקע טעג. ס'קומט אַ צייט, ווען דער טאַטע וועט מיך אויפרייסן אינמיטן שלאָף און שלעפּן מיך אין פינצ־טערן שול־געסל אַריין צו סליחות. כ'וועל כסדר הערן מאַשקע חזנס געשפּאָלטן קול. אין שטוב וועט מען אַרומגיין פאַרזאָרגט. כ'וועל מוזן לויפן אינדערפרי דאַווענען אין בית־מדרש אַריין, הערן דאָס וואַכנדיקע, קאַלטע שופר־בלאָזן, וואָס דערמאָנט מיך תמיד אין טויט.

וואָס וואָלט דאָס עמעצן געאַרט, טראַכט איך מיר, ווען ס'קאָן זיין זומער אַ גאַנץ יאָר. וואָלט דען נישט שענער געווען, מען זאָל זאָגן סלי־חות, ווען אויף די פעלדער שטייט נאָך די תבואה? און וואָלט דען דעם רבש"ע נישט ליבער געווען, אַז דאַווענען פאַרן עמוד זאָל אַ יונגער חזן מיט אַ באַטעמטן קול, נישט מאַשקע גאַרקיכער, וואָס קרעכצט, אַזוי ווי פון אַ טעמפּער זעג אַרויס? און גלאַט — פאַרוואָס האָבן זיך יידן אויס־געקליבן אַזעלכע טרויעריקע ימים־טובים, אַזעלכע שוואַרצע?

אַט זענען מיר שוין פאַרפאַרן אין אונדזער גרויסן הויף אַריין.

יאַרמע בעל־עגלה מיטן אָמניבוס האָט געמוזט זיין אין וואַרשע. ס'איז קיינער נישט אַרויסגעקומען אונדז באַגעגענען.

דער סאַד איז געשטאַנען אַ פּייכטער. אַז מען האָט געעפנט די שטוב, האָט אַ שלאָג געטון אַ ריח פון מייז און פון שפּינוועבס. פון אַלע ווינק־לען האָבן זיך אַ לאָז געטון ווערים, שוואַרצע, געלע, אויסגעפּאַשעטע פון גאָרנישט.

די מאַמע, צוזאַמען מיט אַ געדונגענער גויע, איז אַרומגעגאַנגען מיט פאַרשאַרצטע עלנבויגנס, מיט פלעדערווישן, מיט שטשערקעס — מען האָט געראַמט און געוואַשן אויף יום־טוב.

איך האָב מיך אַרומגעדרייט ליידיק. אין חדר אַריין איז מען שוין פאַר די ימים־נוראים נישט געגאַנגען. און ס'אַנדערע — סימע־יוסף, דער רבי מיינער, איז דאָ געשטאָרבן, ווען מיר זענען געזעסן אין „לעניווע".

יאַרמע בעל־עגלהס ווייב האָט דערציילט, אַז נאָך דער לויה פון סימע־יוספן איז נאָכגעגאַנגען דער רב און ר' אהרן מורה־הוראה. מען האָט גאָרנישט געוווסט, וואָס פאַר אַן ערלעכער ייד דער סימע־יוסף איז געווען. מען האָט אים געפירט צו דער שול. דער רב אַליין האָט אים מספּיד געווען. די געוויינען מיט די געשרייען זענען געגאַנגען עד לב

השמים. בלויז די תּלמידים זיינע, די נאַרישע, לאַבוזעוואַטע ייִנגלעך, האָבן נישט געוויינט.

איך וואָלט, מן־הסתּם, אויך נישט געוויינט. וואָרום סימע־יוסף, דער ערלעכער ייִד, האָט ביים לעבן געהאַט אַ טבע צו קנייפּן די ייִנגלעך אין ווייכן פלייש אַריין פון געזעס. ער האָט געהאַט אַ טבע, דער ערלעכער ייִד, אין אַ מיטן מיטוואָך אַרויסצוטרייבן אונדז אַלע פון חדר מיט אַ פּאַטשיילע, אַזוי ווי מען טרייבט אַרויס הינער, און אַליין פאַרקייטלען די טיר. ווּעלוועלע „גוי", אַ ייִנגל, וואָס האָט שוין געהאַט געגעסן חזיר, האָט געזאָגט, אַז דער רבי טרייבט אונדז אַרויס דערפֿאַר, ווייל ער לייגט זיך מיט דער רביצין אין בעט אַריין. ער, וועלוועלע, האָט עס אַליין געזען. און נאָך אַ טבע האָט ער געהאַט, דער רבי סימע־יוסף צוצונעמען ביי די ייִנגלעך ס'עסן, באַרגן ביי זיי געלט און נישט אָפּגעבן.

אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, איז שוין סימע־יוסף אויפן עולם האמת. כּבוד האָט מען אים באַדאַרפֿט אָפּגעבן, ער איז דאָך פאָרט געווען אַ ייִד אַן אביון.

איך ווייס נאָך נישט, אין וועלכן חדר אַריין מען וועט מיך אָנדינגען. איך אַליין וואָלט געוואָלט צו פּאָמעראַנצן אין „שקאָלע". אָבער דאָרט לערנען בלויז גבירישע ייִנגלעך. מענדל דער מומע נעמיס לערנט אויך דאָרטן.

דערווייל טו איך גאָרנישט. יאַנקל איז נישטאָ. מען רעדט גאָר נישט פון יאַנקלען. יאַרמע בעל־עגלהס ווייב דרייט זיך אַרום מיט אַן אויפגעבלאָזענעם בויך.

— זי מוז טראָגן — זאָגט די מאַמע און וווּנדערט זיך — אין די יאָרן, ביסט אַ מבין?

דעם סטאַרשי סטראַזשניקס ווייב גייט אויך פאַררימן. זי האָט אַ פול פּנים מיט געלע פלעקן. די מאַמע קוקט נישט אויף איר. די רוסישע גויע דרייט אויך אַוועק דעם קאָפּ. זי רעדט נישט מיטן גאַנצן הויף, דעם סטאַרשי סטראַזשניקס ווייב. דער מאַן אירער גייט מיט ברייטע שפּרייזן, ער קלינגט מיט דער שווערד און ענטפערט נישט אויף קיין „גוט־מאָרגן".

און איך וואָלט אים דווקא געוואָלט פרעגן, וואָס עס הערט זיך דאָרט אין קרימינאַל, וואָס מאַכן דאָרט שטשעפּקע דער מערדער און שערמאַנדל דער רוצח. האָט מען זיי שוין אַוועקגעשיקט קיין סיביר? איך

וואָלט אויך געוואָלט רעדן מיט סטאַרשי סטראַזשניקס שיקסל, מיט יאַ־נינקען. זי איז אויסגעוואַקסן איבערן זומער. די אויגן אירע זענען גע־וואָרן טונקל־בלוי. זי גייט פאַרפלאָכטן אין די לאַנגע, פלאַקסענע האָר אַריין אַ בלויע, זיידענע סטענגע.

ס׳איז אָבער גאָרנישט צוזושטיין אַצינד צו יאַנינקען. זי טראָגט אַ גראַנאַט־קליידל מיט אַ שוואַרץ פאַרטיכל. יאַרמע בעל־עגלהס ווייב זאָגט, אַז יאַנינקע גייט שוין אין דער מיידלשער גימנאַזיע אַריין. זי איז אַ סטודענטל געוואָרן.

איך פיל, אַז איך וועל שוין צו יאַנינקען קיינמאָל נישט צוקומען. וואָס וועל איך רעדן אַצינד מיט איר? ווי וועל איך מיך געפינען, אַז מער, ווי אַביסל חומש מיט רש״י, קען איך נישט. אין „לעניווע״ האָב איך שוין באַלד דאָס אויך פאַרגעסן, נאָך גוט, וואָס עס גייט צו יום־טוב. אין די יום־טובדיקע טעג קלערט מען נישט פון קיין תכלית.

**
*

לכבוד יום־טוב איז אין שטוב ליכטיק געוואָרן. די מאַמע האָט גע־קויפט וויינטרויבן, האָניק, גרויסע געפלאָכטענע חלות, אַזוי ווי פייגל.

אין אַ שיסל וואַסער פּאַטשט אַרום אַ לעבעדיקער קאַרפּ. מען שפּירט אַ ריח פון אויסגעזאָטענער הון. ס׳איז נאָר אַ שאָד, וואָס היי־יאָר ראש־השנה איז צו אונדז קיינער נישט געקומען. נישט פון וואַרשע און נישט פון לאָדזש. אַפילו טויבע איז שוין אויך נישטאָ.

איז טאַקע ביי דער גאַנצער אויפגערוימטקייט און ביי דער גאַנצער באַטעמטקייט פון די מאכלים טרויעריק אין אונדזער שטוב. ביים טיש זיצן מיר נישט מער, ווי דריי. מען עסט שווייגנדיקערהייט. מען קוקט אין די קלאָר־געוואַשענע פענצטער אַריין, אַזוי ווי מען וואָלט פון דאָרטן עמעצן אויסגעקוקט.

איך טרייסט מיך דערמיט, וואָס אין „לעניווע״ מוז אַצינד זיין נאָך טרויעריקער. די פעלדער — שוין לאַנג אָפּגעשניטן. דער וואַלד — שוואַרץ, נאַס. אין שטוב דאָרט ברענט אַ נאַפט־לעמפּל, אָדער אַ חלבן ליכטל. און ווי עס זאָל נישט זיין, איז דאָך ביי אונדז ליכטיק. פון טיש שמעקן אַראָפּ די וויינטרויבן מיטן האָניק. און אַז מען וויל, איז גאָר־נישט אַזוי טרויעריק.

אַט האָט דער טאַטע אין אַנדערן טאָג יום־טוב מיטגעברענגט פון בית־מדרש אַן אורח. אַ יונג זעלנערל פון ראָסיי, מיט שוואַרצע וואָנסע־לעך, מיט רויטע, אויסגעקנייפּטע בעקלעך. ווען נישט דאָס, וואָס ד'ער קאָפּ זיינער איז געווען נידעריק אָפּגעשוירן, אַזוי ווי ביי אַ גנב, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז ס'איז מיין פאַרשטאָרבענער ברודער משה.

ער האָט גערעדט טיף ליטוויש, דאָס זעלנערל, מיט אַ סך געדרייטע רישן. עס האָט אים אָפּטמאָל פאַרפעלט אַ ליטוויש וואָרט, האָט ער זיך אַרויסגעהאָלפן מיט אַ רוסיש.

— דאַ — האָט ער געזאָגט — טאַק טאָטשנאָ, באַריניאַ.

און די „באַריניאַ", ס'הייסט די מאַמע, האָט גערן מיט אים איינגע־טענהט. זי האָט אים אויסגעפרעגט, פונוואַנען ער איז און וואָס זיין טון איז און ווי לאַנג ער האָט נאָך צו דינען. דערביי האָט זיך דאָס גוידערל אירס נגידישלעך־אויפגעבלאָזן געקנייטשט.

דאָס זעלנערל האָט דערציילט, אַז אַליין שטאַמט ער פון קיעוו, אַז זיין טאַטע איז דאָרטן „פּערוואַי גילדי קופּיעץ", אַז אַ שוועסטער האָט ער אַ „זובנאָי וראַטש" און אַז איין ברודער, דער עלטערער פון אים, איז אַן אַפּטעקאַר.

— אַ וואָס? — האָט דער טאַטע פאַרקנייטשט ס'גאַנצע פּנים.

— אַן אַפּטעקאַר.

— וואָס איז עס אַזעלכעס?

— אַפּטעקאַר — גיט דאָס זעלנערל צו פאַרשטיין — נו, אַזעלכער, וואָס מאַכט „לעקאַרסטוועס".

— אַפשר מיינט איר אַן אַפּטייקער? — האָט זיך די מאַמע אַריינ־געמישט.

— דאַ, דאַ, באַריניאַ, אַפּטעקאַר.

— קען אַ ייד אין ראָסיי זיין אַן אַפּטייקער.

— קאָניעטשנאָ.

— הער אַ מעשה — חידושט זיך דער טאַטע — גיי, ווייס. ביי אונדז אין פּוילן איז עס גאַרנישט געמאָלט.

— אַפילו אין וואַרשע — זאָגט די מאַמע — איז אויך נישטאָ קיין ייד קיין אַפּטייקער.

— ניעאַוזשעלי? — פאַרציט דאָס זעלנערל די שוואַרצע וואָנ־סעלעך.

— דא, דא — ענטפערט שוין די מאַמע אויך אויף רוסיש און דער־ציילט, אַז זי אַליין האָט אַ שטיקל שייכות מיט אַפּטייקערס מחמת איר זעליקער מאַן איז געווען סטאַרשי פעלדשער. און אַן עלטערן זון האָט זי, לערנט ער זיך אויך זיין פעלדשער.

דער טאַטע קוקט אַריין אין זעלנערל מיט איינגעהערטע אויגן, דאָס זעלנערל רעדט נאָך אַ סך פון זיין שטאָט, פון אַ גאַס וואָס הייסט קרעש־טשאַטיק. ער דערציילט, אַז יידן טאָרן נישט וווינען אין קיעוו, אַז זיי מוזן האָבן „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ", אַז עס קאָסט ממון מיט דמים, מען זאָל מעגן וווינען. און דער טאַטע קוקט אים אַזוי אין מויל אַריין, קוקט פאַרטון, ביז ער רייסט אינמיטן איבער:

— קאַטערינאָסלאַוו איז עפּעס ווייט פון קיעוו?

— ווייט, אוודאי ווייט.

— אַזוי — בלייבט דער טאַטע צוריקגעזעצט — כ'האָב געמיינט, אַז ס'איז נישט ווייט.

— צו וואָס דאַרפט איר עס וויסן?

— כ'האָב דאָרט אַ זון, אין קאַטערינאָסלאַוו.

— אין סלוזשבע?

— יאָ. ביי „פּאַניע".

— שוין לאַנג?

— ער האָט שוין באַדאַרפט אַהיימקומען.

— ווען?

— לויט מיין חשבון האָט ער שוין דאָ באַדאַרפט זיין.

— ער וועט, מן הסתם, קומען נאָך יום־טוב. „פּאַניע" לאָזט אָפּ ערשט אין אָקטיאַבר.

— טאַק טאַטשנאָ.

— חשון־צייט צו רעכענען.

***

„פּאַניע" האָט אָבער אָפּגעלאָזט דעם טאַטנס זון פריער. ער האָט אויסגערעכנט, „פּאַניע", אַז לייבקע זאָל אַהיימקומען גראַד אין ערב יום כפור.

ס'איז געווען נאָך מנחה. אויפן טיש, אין אַ מערזשער מיט זאַמד,

איז געשטאנען א לאנג, אויסגעדארט ליפט. אויף די אויבערשטע שויבן האט זיך ארויפגעצויגן א קילער, בלויער שאטן. מען האט געגעסן יויך מיט לאקשן, אויסגעזאטענע הון און צעקאכטע עפל.

דער טאטע איז נישט מער ווי טועם פון יעדן מאכל.

— וואס קנאפער מען עסט — זאגט ער — לייכטער קומט אן דער תענית.

די מאמע האט שוין אפגעשפילעוועט דאס ווייסע זשאבאטל אויף דער שווארץ־טאפטענער בלוזקע. איך העלף איר צו אראפרוימען פון טיש. דאס לאנגע, טויטע ליכט ברענט מיט א געל פלעמל אין שפיגל אריין. דארט, אין שפיגל, איז דאס ליכט ווייסער, און דער גאנצער שפיגל איז געל.

דער טאטע זוכט דאס ימים־נוראימדיקע קאפל, דאס באנייטע מיט זילבערנע פעדים, וואס זענען שוין דורך דער צייט געל געווארן.

— גיי, ריכט זיך, אז אין יענער מינוט וועט זיך עפענען די טיר און ס'וועט אריינקומען א פרעמדער מענטש מיט א וואליזקעלע, אין א שווארצן, קורצן פאלטן מיט א שווארצן, הארטן קאפעלוש. ס'האט אויסגעזען צו זיין א דאקטאר.

אין פלוג דאכט זיך מיר אויס, אז דער שווארצער, קורצער פאלטן הענגט אויף אים, אזוי ווי ער וואלט נישט געווען זיינער. דער קאפעלוש פאסט אים אויך נישט צום פנים.

דער טאטע זוכט נאך אלץ דאס קאפל. דער פרעמדער שטעלט אוועק פאמעלעך דאס וואליזקעלע, קוקט אזוי אויפן טאטן, ווי ער פארעט זיך פארטראגן, און רופט זיך אן מיט א שמייכל אויף די שפיציק־פארשוי־רענע וואנסעלעך:

— גוט יום־טוב!

דער טאטע האט געמאכט א טריט הינטער זיך. ער האט אויסגע־זען, ווי דערשראקן. זיין קול האט זיך אויך דערשראקן. מיט א האלב־דערשטיקט קרעכצל האט ער ראפטום א זאג געטון:

— לייבקע?

— איך, טאטע — האט לייבקע געמאכט א דרייסטן טריט אין שטוב אריין.

דער טאטע האט געוואלט נאך עפעס זאגן, נאר צי ס'האט אים

פארפעלט אָטעם, צי וואָס — ער האָט מער נישט, ווי אַ וויש געטון מיט דער האַנט איבערן שטערן, און נאָך אַמאָל אַרויסגעקרעכצט:

— לייבקע?

די מאַמע האָט זיך, זעט אויס, אויך נישט צוגעגלויבט. זי איז געשטאַנען אַ גאַנצע צייט פרעמד און פאַרחידושט. נאָר, אַז זי האָט געהערט דעם טאַטן איבערחזרן צוויי מאָל זיין זונס נאָמען, האָט זי אָפּגעענטפערט, ווי מיט אַ ווידער־קול:

— לייבקע? ס'קאָצל קומט. זע נאָר, אַ גאַסט!

פון מיר האָט זיך, אָן מיין ווילן און אָן מיין ווילן, אויך אַרויסגעריסן:

— לייבקע!

די גאַנצע שטוב איז פול געוואָרן מיט לייבקען.

דעם טאַטנס גרויסע באָרד האָט זיך פאַרקנוילט אין לייבקעס פאַרשפּיצטע וואָנסעס אַריין.

— ביסט אַ מבין? — האָט דאָס קול זיינס געציטערט — אַזוי אומגעריכט. און וואָס מאַכסטו? ווייז נאָר, ווי זעסטו עפּעס אויס?

די מאַמע איז געשטאַנען אָפּגערוקט. זי האָט געוואַרט דער טאַטע זאָל אָפּלאָזן דעם זון זיינעם, זי זאָל זיך אויך קענען מיט אים פרייען.

איך האָב אויך נישט געוווסט, וואָס כ'האָב צו טון, צי זאָל איך צוגיין צו לייבקען, צי זאָל איך אים אַרומנעמען, קושן זיך מיט אים. אָבער לייבקע אַליין האָט זיך אין אונדז דערמאַנט.

— מומע! — האָט ער שווער אַרויסגערעדט די מם — וואָס מאַכט עפּעס די מומע?

— אַ דאַנק פאַרן פרעגן. און דו?

ער האָט אַ קוש געטון דער מאַמען אין דער האַנט אַריין. מיך האָט ער אַרומגענומען, ווי גרויס איך בין געוואָרן. ער האָט מיך געקושט גלייך אין מויל אַריין און איבערגעלאָזט מיר אונטער דער נאָז אַ ריח פון טיטון.

— מענדל! קיין עין־הרע, אויסגעוואַקסן. זע נאָר, זאָלסט אַזוי געזונט זיין — אַ גאַנצער חתן־בחור.

מיר איז וואַרעם געוואָרן אין לייבקעס גרויסע הענט. כ'האָב אים דערפילט, דעם ברודער. אַ סך מער, ווי יונהן, ווען ער איז אַמאָל אַהיימגעקומען צו אונדז אויף פּסח.

— ביסט דאך, מן־הסתם, הונגעריק — האט זיך די מאמע ערשט אצינד דערמאנט — נא, זעץ דיך. עס עפּעס, ס'איז דאך פאר כל־נדרי.

— זאל זיך די מומע נישט מטריח זיין. כ'האב שוין געגעסן.

— ווו האסטו דאס געגעסן? ביסט דאך נאר־וואס געקומען?

— כ'בין שוין דא א פּאר שעה. כ'בין צוערשט פארפארן אין אן אכסניה. ארומגעוואשן זיך, אפּגעגעסן און אהערגעקומען א גרייטער.

— אין אן אכסניה גאר? האסט נישט קיין היים, צי וואס?

— ס'מאכט נישט, מומע. אזוי איז גלייכער.

— ווילסט דיך, מן־הסתם, איבערטון? — האט דער טאטע געפרעגט — טא אייל זיך צו. ס'ווערט שפּעט.

— ניין, כ'דארף מיך נישט איבערטון.

— ועסט אזוי גיין צו כל־נדרי?

— פארוואס נישט? ס'איז דען מיאוס אזוי?

דעם טאטן, זעט אויס, איז עס געווען איבער דער טבע. ווען לייבקע איז אוועק צו „פאניע", איז ער נאך געגאנגען אין א לאנגער קאפּאטע מיט א יידיש היטל. אצינד איז ער געקומען א שווארצער, א הארטער, א דייטש א גאנצער. ווי אזוי וועט זיך דאס דער טאטע מיט אים ווייזן אין בית־מדרש?

פונדעסטוועגן איז ער געגאנגען מיט זיין זון איבער דער גאס אקסל ביי אקסל. איך האב מיך אויך געשארט נאענט ביי לייבקעס שווארצי פאלטן. ער איז דאך עפּעס געקומען פון קאטערינאסלאוו. אדרבא, זאל מען זען, ווי אזוי מיין ברודער זעט אויס.

דער טאטע האט זיך אלע ווײלע אפּגעשטעלט, דא מיט דעם, דא מיט יענעם, געוווּנטשן א גמר חתימה טובה און אנגעוויזן אויף לייבקען.

— מיין זון, לייבקע. געקומען פון „פאניע".

— אזוי. ליב דיר דיין גאסט. און וואס הערט זיך דארט? וואס מאכט מען?

מען גיט לייבקען אפּ „שלום־עליכם", מען קוקט אים אין פּנים אריין. מען קוקט אים נאך. אונדז אלע קוקט מען נאך.

אפילו אין בית־מדרש, וואס איז שוין פול מיטן אויג, דערזעט מען אויך לייבקען. צווישן אזוי פיל קיטלען און טליתים איז ער דא דער איינציקער אין זיין הארטן, שווארצן קאפּעלוש.

ס'קאן זיין, אז ס'איז אפשר נישט גלייך געווען, וואס לייבקע איז

געקומען אין בית־מדרש אַריין אַזוי דייטשיש אָנגעטאָן. ער האָט באַ־דאַרפט גיין אין שול אַריין. דאָרטן זענען דאָ אַ סך אַזעלכע האַרטע קאַפּעלושן.

נאָר צי האָט זיך דער טאַטע געקאָנט אָפּזאָגן פון גרויסן נחת — נישט צו ווייזן זיך מיט זיין איינציקן זון פון ערשטן ווייב, וואָס איז די אותו רגע געקומען פון קאַטערינאָסלאַוו?

דאָס שטילע, צעקרעכצטע קול פון ר' אהרן מורה־הוראה האָט גאָר־נישט פאַרלוירן פון זיין צעבראָכנקייט און פחד, ווען מ'האָט מיט גרויס ציטערניש און אימה געזאָגט:

— על דעת המקום ועל דעת הקהל...

לייבקעס האַרטער, שוואַרצער קאַפּעלוש האָט מיט גאָרנישט גע־שטערט מאָשקע חזן טועה צו זיין זיך אין די „יעלהם" און פאַרפאָרן אויף אַ זייטיקן וועג.

לייבקע האָט געשמייכלט אין די וואָנסעלעך אַריין, ער האָט גע־זאָגט, אַז דאָרט, אין קאַטערינאָסלאַוו, אין דער סינאַגאָגע, קאָן גאָר אַזעל־כעס נישט געמאָלט זיין.

— ניעוואָזמאָזשנאָ — האָט ער געזאָגט — דאָרט איז אַזוי ווי אויף סלוזשבע. מען טאָר נישט כאַפּן און מען טאָר זיך נישט איילן. מען מוז הערן דעם סטאַרשי פּעלדפעבל — דעם קאַמערטאָן.

— אהא — זאָגט לייבקע — ס'איז דאָרט „סאָוסיעם דרוגאָי מאָ־לעבען אי סאָוסיעם דרוגאַיאַ זשיזן".

ביז אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין האָט אונדז לייבקע דערציילט, ווי אַזוי ס'איז דאָרט דאָס אַנדערע לעבן.

דער טאַטע, אין לאַנגן טלית־קטן, איז געזעסן אויפן קאַנט פון בעט און געעסקט זיך מיט זיין קראַנקן פוס. די מאַמע, אין אַ ווייס נאַכט־קופּקעלע מיט אַ פּריזע חינטערן האַלדז — אויפן אַנדערן בעט, איך נעבן לייבקען — האָבן מיר אַלע געהערט, אַז אין קאַטערינאָסלאַוו זענען דאָ אַ סך „באַרינס" מיט „באַריניעס". יידן זענען אויך „באַרינס". זיי טראָגן דאָרט גרויסע פּעלצן מיט שמוישענע שטריימלען. שבת האַלטן יידן אָפּן די געוועלבער און דאַוונען דאַוונט מען נאָר אין די ימים־טובים.

— און דו האָט אויך נישט געדאַוונט? — האָט דער טאַטע אויפ־געהויבן ס'פּנים פון קראַנקן פוס.

— אַז ס'איז געווען צייט, האָט מען געדאַוונט.

דער טאַטע האָט אָפּגעזיפֿצט:

— אַ ווילד לאַנד, אַ חזיריש לאַנד!

— ס'איז גאָרנישט אַזוי ווילד, טאַטע. די מענטשן דאָרט זענען רייכע „קופּצי". „פּערוואַי גילדי". „וטאָראַי גילדי".

— און ווי אַזוי איז עס דיר דערגאַנגען?

—כאָראָשאָ — זאָגט לייבקע מיט אַ זאַט קול — דער קאָמאַנדיר פּאָלקאָ וואָלט פֿאַר מיר קיין זאַק באָרשט נישט אַוועקגעגעבן. ליאָווקאַ — זאָגט ער — גיב נאָר אַ לויף. ליאָווקאָ — ברענג מיר נאָר אַ פֿלאַש ספּירט. ער האָט ליב געהאַט די כוסה, דער קאָמאַנדיר, הײַנט דער סטאַרשי פֿעלדפֿעבל — מיט אים בין איך גאָר געווען פּאַן־בראַט. פֿאַר אַ „גריוועניק" האָט מען מיט אים אַלץ געקאָנט מאַכן.

— און פֿון קעסל האָסטו געגעסן? — האָט דער טאַטע מיט צער אין קול געפֿרעגט.

— קאַקאַי טעביע קעסל? פֿון קעסל האָט געפֿרעסן איוואַן. איך האָב געגעסן אין שטאָט.

— האָסט כאָטש געמאַכט געלט ביי „פּאַניע"?

— ווער דאַרף געלט? צו וואָס האָט מיר געטויגט געלט?

לייבקע האָט געפּראָלט שוין נאָך דעם, ווי די מאַמע האָט זיך אויסגערעדט צו דער וואַנט און דער טאַטע איז פּאַרטיק געוואָרן מיט זײַן קראַנקן פּוס. ער האָט נאָך גערעדט, ווען ער איז שוין געלעגן צוזאַמען מיט מיר אין אײַזערנעם בעטל. פֿון זײַן לײַב איז געגאַנגען אַ ריח פֿון דזשענטש. דעם אייגענעם ריח האָט מען אויך געשפּירט פֿון יענעם זעלנערל, וואָס האָט געגעסן ביי אונדז דעם אַנדערן טאָג ראש־השנה.

איך בין שווער געשלאָפֿן. דער דזשענטש האָט זיך מיר אָפּגעזעצט אויפֿן גומען. לייבקעס ראָטני קאָמאַנדיר, די „באַרינס" מיט די „באַריניעס" — דאָס אַלץ האָט זיך געפּלאָנטערט אין מײַן דמיון, אויסגעמישט זיך צוזאַמען מיט לייבקען און מיט טאַטע־מאַמע.

צומאָרגנס בין איך אויפֿגעכאַפּט מיט אַ גלעזערנעם קאָפּ. אין בית־מדרש איז געשטאַנען אַן ענגער, הייסער ריח פֿון די האַלב־אָפּגעטריפֿטע ליכט. דער גוי מיטן הויקער איז אַרומגעקראָכן צווישן די שלחנס, אָרומגעציפּט דאָס חלב, גלייכגעשטעלט אַ ליכט און געווען טויב

צו די אַלע געוויינען און בקשות, וואָס די עדה יידן האָט אַריינגעקרעכצט אין די מחזורים אַריין.

פישל שוחטס יינגל, וואָס האָט שוין געלערנט גמרא מיט תוספות, האָט צוגעהאָלפן ביים עמוד צו שחרית. ער האָט געזונגען שענער, ווי מענדל דער מומע נעמים, באַטעמטער, פרומער.

אָבער מיך האָט דאָס היי־יאָריקע דאווענען נישט גענומען. מאָש־קע חזן האָט געהאַקט עברי, ווי אַ גוי. ס'האָט מיך געצויגן אין שול אַריין. כ'האָב געוואָלט הערן דעם אַלטן ליטווישן חזן, און דער עיקר — כ'האָב געוואָלט זיין צוזאַמען מיט לייבקען, וואָרום לייבקע איז טאַ־קע היינט געגאַנגען אין שול אַריין.

צום „אויסנעמען" האָב איך מיך טאַקע אַהין אַריינגעכאַפּט. מען האָט געלייענט. לייבקען האָב איך נישט געזען. אין דרויסן זענען געזעסן פאַרשוויצטע יידן, ווייסע, און געקרעכצט. אַנדערע זענען געגאַנגען משתין זיין אויף דער קעגנאיבערדיקער מויער אַרויף. יונגען האָבן געגעסן גרוי־סע המוציאס חלה מיט האָניג, און לייבקע איז אין ערגעץ נישט גע־ווען.

דער טאַטע האָט מיך דערנאָך געפרעגט, צי כ'האָב אים געזען דאָרט, לייבקען.

— אוודאי האָב איך אים געזען. וואָס דען, כ'האָב אים נישט געזען?

נאָר ס'הערץ האָט מיר וויי געטון, וואָס אום יום־כפור מוז איך אָפּנאַרן דעם טאַטן.

צו נעילה בין איך ווידער געווען אין שול. אָבער אויך דאָס מאָל האָב איך לייבקען נישט געזען.

מיר איז געווען אַ גרויסער שאָד, וואָס מיין ברודער איז אַצינד נישטאָ.

וואָרום נעילה האָט געדאַוונט דער רב אַליין. אָן משוררים און אָן נגינה. ער האָט נאָר בלויז געזאָגט. איז עס געווען אַזאַ מין זאָגעכטס, אַז די לייבן מיט די הירשן, די פּליימן מיט די פידלען, די פייקלעך מיט די טרומפּייטן, וואָס זענען געווען אויסגעשניצט אויף דער מזרח־וואַנט, זענען אַראָפּגעגאַנגען און געדאַוונט צוגלייך מיט אַלע יידן.

לייבקע וואָלט שוין נישט געזאָגט, אַז דאָרט, אין קאַטערינאָסלאַוו,

אין יענער סינאַגאָגע, ווו מען דאַרף האָבן אַ סטאַרשי פּעלדפֿעבל — איז שענער.

אָבער גיי זוך אים, אַז ער איז אינגאַנצן נישטאָ. כ'האָב אים געזען ערשט מוצאי־יום־טוב אין שטוב. ווער ווייסט, צי ער האָט גאָר אינגאַנצן געדאַוונט, צי ער האָט געפֿאַסט? אַז אָנגעהויבן האָט ער פֿון פּלוימען. ווער עסט דאָס פּלוימען אויפֿן ניכטערנעם מאָגן? און נאָכן גאַנצן עסן האָט ער ווידער פֿאַרזוכט פֿון די פּלוימען.

ס'האָט מיך געאַרט. וואָס עסט ער עפּעס אַזוי פֿיל פּלוימען, וואָס?

אַפֿילו, ווען עס זענען געקומען געסט, האָט ער אויך נישט אויפֿגעהערט צו קייען די פּלוימען. און געקומען איז אונדזער שוועסטער ביילע מיט איר הויכן, בלאָנדן וואָלף, יאַרמע בעל־עגלה מיט זיין טראַגנדיקן ווייב. לייבקע האָט זיך געקושט מיטן שוואָגער, אַרומגענומען די שוועסטער, וואָס האָט אים געגלעט איבער די אַקסלען, ווי מען גלעט אַ חיה, און אַליין האָט ער געכאַפּט אַ פּלוים פֿון טיש אַראָפּ.

דער שוואָגער אונדזערער און יאַרמע בעל־עגלה זענען געזעסן מיט צענומענע פּיס. פֿאַרגאַפֿיעטע האָבן זיי זיך איינגעהערט אין די קאַטערינאָסלאַווער גליקן, וואָס לייבקע האָט פֿאַר זיי פֿאַרגעשטעלט. זיי האָבן געהאַלטן אין איין פֿרעגן לייבקען, צי ער האָט עפּעס געמאַכט געלט ביי „פּאַניע". אָבער לייבקע האָט נישט קיין צייט געהאַט און אפשר נישט געוואָלט זיי אויסזאָגן דעם סוד. וואָרום, וואָס וועט ער דאָ גיין רעדן מיט פּראָסטע לייט, אַז אין שטוב ביי אונדז האָבן זיך פּלוצלינג באַוויזן דער סטאַרשי סטראַזשניק אַליין מיט זיין שיין רוסיש ווייב.

די גויים, זעט אויס, האָבן פֿאַרגעסן, אַז זיי זענען ברוגז מיט דער מאַמען. זיי זענען געקומען נישט־געבעטענע, צעשמייכלטע און אין גרויס פֿאַרלעגנהייט.

— זדראַסטיע — האָבן זיי געזאָגט און שטיין געבליבן נישט זיכער ביי דער טיר.

די מאַמע האָט זיך מיט די ברוגזע שכנים דערפֿרייט מער, ווי מיט די אייגענע געסט און מער אַפֿילו, ווי מיט לייבקען.

זי איז אַנטקעגנגעגאַנגען, ווי מען גייט אַנטקעגן ליבע מחותנים. זי האָט זיי אונטערגערוקט בענקלעך, און מיט נאָך מער פֿאַרלעגנהייט, ווי די גויים, האָט זי צעטראָגן גערעדט צו זיך און צו קיינעם נישט:

— ביסט א מבין. זי האָט זיך גאָרנישט געריכט. אזעלכע אָנגע־לייגטע געסט.

— ניטשעוואָ — האָט דער סטאַרשי סטראַזשניק מבטל געמאַכט מיט דער האַנט און ברייטלעך זיך צעזעצט, אויך מיט צענומענע פּיס.

די יידישע געסט זענען שטיל געוואָרן. זיי האָבן גענומען רוקן מיט די בענקלעך.

לייבקע האָט דערפילט, אַז עס זענען געקומען זיינע מענטשן. האָט ער אין איין אויגנבליק פאַרגעסן אין זיין אייגענער שוועסטער, אָן טאַטן מיט דער מאַמען — און גענומען דערציילן זיינע מעשיות אויף רוסיש, שוין נישט פאַר אונדז, נאָר פאַרן סטראַזשניק מיט זיין שיין ווייב.

ער האָט אויפסנײ אָנגעהויבן וועגן זיין ראָטני קאָמאַנדיר. ווי אַזוי יענער האָט אים גערופן „ליאָווקאַ", און וואָס פאַר אַ בריליאַנטישער מענטש דאָס איז געווען. דער סטראַזשניק האָט זיך אויך דערמאָנט וועגן זיין ראָטני און וועגן זיין וואָזוואָדני און וועגן איינעם אַ גענעראַל, וואָס זיין אייגן ווייב איז אַנטלאָפן מיט אַ ליובאָוווניק.

דערנאָך האָט די רוסישע גויע געפרעגט לייבקען, צי ער קען נישט אַמאָל דאָס שטעטל אירס, דאָרט אויפן דאָן.

— אוודאי קען ער עס! וואָס דען, ער קען עס נישט? ער איז דאָך דאָרט געווען אויף מאַניעווורעס.

— אַזוי, טאַקע? — האָט זיך די גויע טיפער אָוועקגעזעצט אויפן בענקל — טאָ וואָס הערט זיך דאָרט? האָט ער נישט געזען אַמאָל דעם דאָרטיקן פּאָפּ?

— אוודאי האָט ער אים געזען! וואָס דען, ער האָט אים נישט גע־זען? אַן אַלטער שוין דער פּאָפּ.

— אַן אַלטער זאָגסטו? ווי אַלט איז ער דען אינגאַנצן? אַז ווען זי איז אַוועק פון דער היים, האָט ער דאָך געהאַט אַ שוואַרצע באָרד, דער פּאָפּ.

— אָ, ניין, סודאַריניאַ. ער איז שוין אַלט, ער האָט שוין היינט אַ ווייסע באָרד.

— אפשר איז עס אַן אַנדערער?

— ניין, ס'איז דער אייגענער, סודאַריניאַ.

יאַרמע בעל־עגלה מיטן הויכן וואָלף האָבן זיך געוואָלט אַריינמישן.

זיי האָבן דאָך אויך אמאָל געדינט ביי „פאָניע״. אָבער דעם סטאַרשי סטראַזשניקס ווייב מיט לייבקען זענען אוועק אויף א ווייט, טיף רוסיש. ווער האָט זיי געקענט נאָכיאָגן?

בלויז דער טאַטע האָט געהאַט נחת. אז מען שטעלט צו היי פאַר רוסישע פערד, פאַרשטייט מען רוסיש.

איז ער טאַקע געזעסן מיט ווייסע, צעשמייכלטע ציין און אַלע פּאָר מינוט א קוק געטון צו דער מאַמען:

— הע, פרימעט. וואָס זאָגסטו עפּעס צו לייבקען? האָסט דיך גע־ריכט?

די מאַמע האָט געשוויגן. אזוי ווי זי האָט זיך פריער דערפרייט מיט די גויאישע שכנים, אזוי איז זי אַצינד שטיל געוואָרן. ס׳איז נישט גע־ווען אין איר טבע, אַנדערע זאָלן רעדן און זי זאָל שווייגן. זי האָט ליב געהאַט — מען זאָל זי אָנזען, מען זאָל זי הערן. אַצינד האָבן אַנדערע גערעדט. מען האָט זי נישט געזען.

האָט זי טאַקע צומאָרגנס, ווען לייבקע איז נישט געווען אין שטוב, עטלעכע מאָל געזאָגט, אז דער לייבקע דערציילט און דערציילט פון דעם קאַטערינאָסלאַוו, ווי ער וואָלט געקומען פון מעבר לים. און אז א ראָט־ני קאָמאַנדיר רופט שוין „ליאָווקע״, איז וואָס אזוי די גדולה?

— נאַרעלע — האָט דער טאַטע געענטפערט — ס׳איז דען נישט טשיקאַווע?

— איינמאָל. אָבער כסדר: ביי אונדז אין פאָלק אהין, ביי אונדז אין פאָלק אהער — קאַפּהענער ווערן דאָך אויך צוגעגעסן.

— און יאָך וואָלט אים געהערט און געהערט — האָט דער טאַטע געענטפערט מיט א וואַרעמען שמייכל אין דער באָרד אריין.

— געזונטערהייט. ווער ס׳פאַרגינט דיר נישט, זאָל אַליין נישט האָבן.

זי איז געווען געקרענקט, די מאַמע. ס׳איז איר צו ענג געווען מיט לייבקען. ער איז נישט געווען איר זון. ער האָט זי נישט גערופן, אזוי ווי טויבע — מומעשי, נאָר פּראָסט — מומע. ער איז איר נישט געגאַנגען אונטער די נעגל, אזוי ווי טויבע. דערפאַר, מוז זיין, האָט זי געהאַט טע־נות, אז ער שנאָרכט ביינאַכט, אז ער קומט נישט אהיים עסן צו דער צייט. זי איז דאָך נישט מחויב צו היטן אים די טעפּ.

דאָס אַלץ איז אָבער מיט איינמאָל אַפּגעווישט געוואָרן, ווען פֿון וואַרשע איז געקומען אַ קאַרטל, אַז ציפּע, דער מאַמעס איין־און־איינציקער טאָכטער פֿון ערשטן מאַן, קומט צו פֿאָרן אויף סוכות.

פֿון קאַרטל האָט מען נישט געקאָנט וויסן, צי קומט זי אַליין, צי מיטן חתן, דעם באַרשטן־מאַכער. די מאַמע האָט בכלל נישט געוווּסט, וואָס ס׳איז דאָרט געוואָרן מיטן חתן.

אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, דאַרף מען אָנגרייטן און שיין אָנגרייטן.

האָט זיך די מאַמע גענומען פֿאָרען. זי האָט אויפֿסניי געראַמט און געפּוצט. מיט די אייגענע הענט, מיט וועלכע זי האָט אַמאָל געקוועטשט מעשענע קליאַמקעס ביי די טירן, האָט זי איצט געוואַשן די פּאָדלאָגעס. אַז דער טאַטע האָט איר איבערגעלאָזט געלט אויף יום־טוב, האָט זי נישט ציילנדיק אפֿילו געדונגען זיך:

— וויפֿיל לאָזטו מיר עס איבער?

— וויפֿיל זאָל איך דיר איבערלאָזן?

— דו פֿאַרגעסט, אַז לייבקע איז אויך דאָ.

— כ׳פֿאַרגעס גאָרנישט. כ׳האָב דיר טאַקע איבערגעלאָזט מער.

די מאַמע האָט אויף דער גיך איבערגעציילט דעם טיטל קופּערנע מטבעות, און איידער דער טאַטע האָט נאָך צייט געהאַט אַרויספּצוציען אויף זיך די קאַפּאָטע, האָט זי שוין אַ וואָרף געטון מיטן אויפֿגעוויקלטן טיטול צעשיטע מטבעות.

— וואָס לאָזטו מיר איבער, וואָס? וואָס זאָל איך צוערשט קויפֿן?

— וואָס וואָרפֿסטו דיך? וויפֿיל איז דער שיעור איבערצולאָזן?

—ס׳הייסט? ווייסט דען נישט, אַז פּאַר יום־טוב איז אַ יקרות? און דיין לייבקע האָט ליב אַ בעסערן ביסן, און מיין ציפּעלע, זאָל געזונט זיין, קומט דאָך אויך אויף יום־טוב.

— דיין ציפּע? — האָט דער טאַטע טויבלעך געפֿרעגט — וואָס עפּעס?

— פֿאַרוואָס נישט? זי איז נישט מיין קינד?

— כ׳נעם זי, חלילה, נישט צו ביי דיר. אדרבא, פֿאַרוואָס נישט? אָבער ווו וועסטו זי לייגן?

— ווו כ׳על זי לייגן? וואָס רעכנסטו, זי וועט שוין נישט האָבן קיין אָרט ביי איר מאַמען?

— כ׳זאָג נישט. נאָר מען מוז דאָך, פונדעסטוועגן, קלערן וועגן א געלעגער.

— כ׳האָב שוין געקלערט. זי וועט שלאָפן אין מענדלס בעטל.

— און ווו וועט שלאָפן מענדל?

— מיט דיר.

דער טאַטע האָט א ווײַלע געשוויגן, געקוקט אויפן צעוואָרפענעם טיטל מטבעות און געפרעגט, אזוי ווי מיט א פאַרמאַכט מויל:

— און לייבקע?

— לייבקע קאָן גיין שלאָפן צו דיין שוועסטער, צו נעמי.

— צו נעמי גאָר? וואָסי? ער האָט נישט קיין טאָטן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר? פאַרוואָס זאָל דיין ציפּעלע נישט גיין צו מרימען שלאָפן?

— טרייבסט זי שוין? זי איז נאָך אפילו נישטאָ, טרייבסטו זי שוין?

— כ׳טרייב זי נישט, נאָר מיין לייבקע איז ביי מיר אזוי טייער, ווי ביי דיר דיין ציפּע.

— לייבקע איז א מאַנסביל. ער קאָן שלאָפן, ווו ער וויל. און מיין ציפּעלע איז דיר נישט דיין טויבע.

דער טאַטע האָט נישט אריינגעטראָפן מיט דער האַנט אין אַרבל פון דער קאַפּאָטע. אזוי ווי ער איז געשטאַנען, הויך, ברייטפּלייציק, האָט עס אים אראָפּגעזעצט.

ער האָט שוין מער נישט געפרעגט. מיט א קרעכץ האָט ער אָנגעטון די קאַפּאָטע, אַרויסגענומען פון זיין טיפער הויזן־קעשענע נאָך א פאַר־וויקלטן טיטל מיט מטבעות, איבערגעלאָזט א העלפט אויפן טיש און איז אוועקגעגאַנגען א שווערער, און איבערגעבויגענער, מיט א גרויס שוויַיגן אויף די אַראָפּגעלאָזטע אַקסלען.

די מאַמע האָט נאָך זיין אוועקגיין גענומען רוימען גיכער, פאַרבי־סענער. זי האָט הויך און א סך געשנייצט די נאָז. זי האָט באַהאַלטן ס׳פּנים אין די זאַכן אריין, וואָס זי האָט געפּוצט. די מאַמע האָט גע־ווײַנט.

און צו וואָס האָט מען עס אינגאַנצן באַדאַרפט, אז לייבקע אַליין האָט געזאָגט, מען זאָל אים אויסבעטן אין קיך אויף בענקלעך און ציפּען זאָל מען אָפּגעבן ס׳בעטל.

# קאפיטל זיבן און צוואנציק

געקומען איז ציפע ערב יום־טוב אינדערפרי, א רויטלעך־פארגאל־דעטע, א יונגע, מיט פרעמדע, גרויסשטאטישע ריחות, און מיט א פרעמדן, גרויסשטאטישן רעש. די גאנצע שטוב איז מיט איינמאל פול געווארן מיט ציפען. זי האט אנגעשטעלט פודלעס, קיישלעך, צעווארפן אויף די בעטן וואלקעס, הענטשקעס, בייטעלעך. זי איז געפלויגן איבער דער שטוב, ווי א צעפלאשעטע הון, אנגעמאכט א שטויב און באלד פון ערשטן טאג אן געהאט טענות צו דער מאמען, הלמאי דער שפיגל הענגט אזוי הויך און הלמאי מען קריגט אין אים א בלוי פנים.

ביי דער מאמען האט זיך ארויפגערוקט ס'שייטל. זי האט זיך נישט געהאט, ווו אהינצוטון.

— ציפעשי — האט זי זיך געדרייט א פארטראגענע — און וואס מאכסטו עפעס? און ווי גייט עס דיר? און ווי דינט דיר דאס געזונט? כ'האב געהערט, אז דו האסט, נעבעך, געהוסט.

— כ'בין געזונט, מאמע — האט ציפע גיך געענטפערט — כ'האב נישט געהוסט.

— טא פארוואס זעסטו מיר אזוי שלעכט אויס? האסט נישט, חלילה, קיין עגמת־נפש?

— ניין, מאמע. פון וואס זאל איך האבן עגמת־נפש?

— כ'ווייס. ביסט אזוי אליין אין ווארשע... — האט די מאמע גע־קרימט ס'פנים און דווקא געוואלט, ציפע זאל שלעכט אויסזען.

אבער ציפעס פנים האט געשיינט מיט אויסגעקנייפטע פלעקן פון בלוט און פון מילך. א בלאנדער טוי איז געלעגן אויף איר שיין גאמבע־לע. דאס גאמבעלע איז געווען געשפאלטן אינדערמיט מיט א חן־גריבל, וואס האט געשמייכלט פון זיך אליין, אפילו ווען ציפע האט נישט גע־וואלט. און האט ציפע געעפנט די קליינע פרישע ליפן, האבן זיך צע־שמייכלט נאך צוויי חן־גריבלעך פוןביידע זייטן פנים.

טויבע, וואס האט חתונה געהאט מיטן ליטווישן שוסטערל, האט געהאט קליינע ציין, קלאר־געוואשענע, ווייסע, אזוי ווי דער טאטע. צי־פעס ציין זענען געווען גרויסע, ברייטע. ווען נישט די דאזיקע ציין, וואלט מען ציפען נאכגעלאפן אין די גאסן.

מען איז איר סיי־ווי־סיי נאָכגעלאָפן. ס'בלויזע געשטעל אירס — דאָס גלייך־געשניטענע מיט די הויכע פיס און שמאָלע באַקעס, וואָס האָבן זיך געוויגט, ווי לעבעדיקע באַשעפענישן — האָבן צוגעצויגן אַלט און יונג. חוץ לזה האָט ציפּען באַשיינט דער געדיכטער קאָפּ האָר, טונקל־ברוין און פייכט, אַזוי ווי די קאַשטאַנעס, וואָס פּלאַצן אַרויס פון דער שאָל.

האָט טאַקע לייבקע נישט אַראָפּגענומען פון איר זיינע קליינע, שוואַרצע אויגן און נישט אויפגעהערט צו שמייכלען אין גרויס פאַר־לעגנהייט.

צוליב ציפּען האָט לייבקע באַנייט אויף סוכות אַ פּאָר לאַקירטע שיך מיט גרויסע, פּלאַטשיקע נעז. דעם שוואַרצן קאַפּעלוש האָט ער פאַר־רוקט אויף אַ זייט. אינדערפרי האָט ער זיך געוואַשן מיט שמעקנדיקן זייף, באַגאָסן זיך מיט אַ וואַסער, וואָס האָט געקיצלט אין דער נאָז. ער האָט זיך פאַרקעמט מיט אַ שרינט אינדערמיט און נישט אויפגע־הערט אַראָפּצונעמען פעדערלעך פון זיין נייעם אַנצוג.

מיט ציפּען האָט ער גערעדט רוסיש. זי האָט אויך געקאָנט דאָס דאָ־זיקע לשון. אַז נישט, וואָלט זי דאָך נישט געווען קיין פאַרקויפערין פון דאַמען־מלבושים אין גרעסטן געשעפט אין וואַרשע.

ציפּע האָט טאַקע געזאָגט, אַז אין יענעם געשעפט רעדט מען אַ גאַנצן טאָג אָדער רוסיש, אָדער פּויליש. עס קומט אויס צו רעדן פראַנ־צויזיש אויך. ווער עס רעדט פראַנצויזיש, האָט ציפּע נישט געזאָגט. נאָר, מן־הסתם, אויך ציפּע. עס קומען דאָרט קויפן בלויז ווייבער פון גענע־רעלער, פון כראַביעס, טענצערינס פון גרויסן טעאַטער — און ווער נישט?

ציפּע דערציילט, אַז דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פון וואַרשע האָט אַ „ליובאָווניצע", איז זי די שענסטע אין גאַנץ קרוין־פּוילן. זי, ציפּע, קען זיך מיט יענער, אַזוי ווי זי קען זיך, אַ שטייגער, מיט דער מאַמען. אפשר נאָך בעסער. אויף אַלע אָפּערעס און אויף אַלע טעאַטער־שטיק גייט ציפּע אָן אַ גראָשן געלט. זי איז שוין מיד פון דעם גיין אין די טעאַ־טערס אַריין. חוץ לזה מוז זי אויפשטיין אין וואַרשע פרי, גיין אין גע־שעפט אַריין, אכטונג געבן, צוגרייטן — זי איז דאָך די „סטאַרשע פּאַננע".

דערפאַר שלאָפט ציפּע ביי אונדז ביזן גרויסן טאָג אַריין. די טיר פון שטוב שטייט פאַרמאַכט. מען גייט אויף די שפּיץ נעגל. דער טאַטע

מוז דאוועגען פון פאַרנט אין קיך. לייבקע דרייט זיך אַרום אַ שטייפער, אַ שוואַרץ־אַנגעטוענער, אַזוי ווי אַ גאַסט אויף דערוויייל. די מאַמע קאָכט פאַר ציפּען מילך מיט קאַקאַאָ. זי דערלאַנגט ציפּען אין בעט אַריין לעקעך. ציפּע וואַשט זיך נישט אין קיך, ווי מיר אַלע, ביים גרויסן פּאַמיע־שאַף — נאָר דאָרט אין שטוב, אין אַ בלויע שיסל אַריין, וואָס די מאַמע באָרגט אַלע טאָג ביים סטאַרשי סטראַזשניקס ווייב.

ביז ציפּע שטייט אויף, געדויערט לאַנג. נאָך לענגער געדויערט, ביז זי טוט זיך אָן. זי האָט אַ סך שפּיגעלעך מיט אַ סך קעמעלעך. אויפן טיש און אויפן פענצטער וואַלגערן זיך האָר־נאָדלען, שפּילקעס, בראַשקעס, פלעשעלעך. פון דעם אַלעמען שלאָגט אַן ענגער, זיסלעכער ריח, וואָס מען שפּירט אים אפילו אין עסן.

אַ גאַנצן אינדערפרי זינגט ציפּע לידלעך אויף פּויליש און אויף רוסיש. נישט אַזוי ווי איטע, וועגן אַ יינגעלע, וואָס איז אַוועקגעפאָרן קיין ווין — נאָר וועגן איינער, וואָס האָט געהייסן „פּיענקנע העלענאַ" און וועגן נאָך איינער, וואָס מען האָט געמיינט, אַז זי איז אַ גלחס אַ טאָכטער, און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז גאָר אַ יידיש קינד. ציפּע זאָגט, אַז דאָס איז אַזאַ אָפּערע, „זשידוווקאַ" הייסט זי. מען שפּילט זי אין וואַרשע אין גרויסן טעאַטער. ציפּע זאָגט אויך, אַז זי קען איינעם אַ זינגער — באַטיסטיני — זינגט ער שענער, ווי די גאַנצע וועלט. מלאַכים זינגען נישט אַזוי, ווי דער דאָזיקער באַטיסטיני.

— דאַ, דאַ, — שאָקלט לייבקע מיטן קאָפּ — אין מאָסקווע איז ער אויך געווען, דער דאָזיקער באַטיסטיני.

—ער איז אומעטום — זאָגט ציפּע — אַ קלייניקייט, ער זינגט דאָך פאַרן קייסער.

— אַ ייד? — פרעגט די מאַמע מיט גרויס דרך־ארץ, נישט אַזוי פאַר באַטיסטיני, ווי פאַר איר איינציקער שיינער טאָכטער.

— אַנדערש נישט, נאָר אַ ייד. אַ ייד וועט מען לאָזן זינגען אין גרויסן טעאַטער?

די מאַמע קריגט אַ שמאָל פּנים. דאָס, וואָס באַטיסטיני איז נישט קיין ייד, און נאָך מער דאָס, וואָס ציפּע מאַכט אַזוי אַוועק יידן מיט דער האַנט, פאַרשאַפט דער מאַמען עגמת־נפש.

— און דאַווידאַוון האָט ציפּע געהערט? — גיט זיך אַ רוק אַרויס

לייבקע — קודי באַטיסטיני. ער, דאַווידאָוו, זינגט דאָך טאַקע פאַרן קייסער, פאַרן צאַר באַטיושקאַ אַליין.

— און לייבקע האָט יאָ געהערט דאַווידאָוון? — פרעגט ציפּע מיט אַ צוריקגעזעצטער שטים.

— אוודאַי, וואָס דען כ'האָב נישט געהערט? — גיט לייבקע אַ שטעל אַרויס אַ פוס, אַ מאַך מיט דער האַנט אינדערלופטן, אַ וויג מיטן קאָפּ און נעמט אויף אַ מוח־שטימע:

— וואָלגאַ, וואָלגאַ, מאַט ראָדנאַיאַ...

נאָר יענער דאָרט, דער דאַווידאָוו, האָט געמוזט אַנדערש זינגען. וואָרום ציפּע גיט ביטולדיק אַ מאַך מיט דער האַנט:

— זאָל שוין לייבקע בעסער אויפהערן...

שטענדיק מאַכט זי אַזוי. אַז לייבקע גייט דערציילן וועגן זיין קאַטערינאָסלאַוו, וועגן זיין פּאָלק מיטן ראָטני קאָמאַנדיר — פאַרקנייטשט ציפּע מיטן נעזל און גיט אַ זאָג אין דער זייט אַריין:

— מ'האָט שוין דאָס געהערט.

בלייבן לייבקעס ליפּן אַראָפּגעלאָזט. דער האַרטער קאַפּעלוש פאַררוקט זיך אויפן שטערן, און דווקא אין יענע מינוטן דערזעט מען, אַז לייבקע האָט שווערע, האַריקע הענט און איין „באַבע"־נאָגל.

ציפּע זאָגט, אַז מאַנסלייט מיט גרויסע הענט זענען איר נישט צום האַרץ.

ס'איז צו פאַרשטיין. זי אַליין איז דאָך איידל. זי קען פאַרציען ס'מויל אַזוי קליין, עס זאָל אויסזען, ווי אַ גראָשן. נישט נאָר זי אַליין איז איידל, נאָר אַפילו דער גרויסער הוט, וואָס דערמאָנט אָן אַ שוואָם, אַפילו די פאַלדיקע קליידער, וואָס רוישן מיט זיידנס, די לאַקירטע שיכלעך אויף די הויך־אויסגעהוילטע אַבצאַסן — אַלץ מאַכט ציפּען איידל און באַחנט. און אַז ציפּע טוט אָן דאָס קורצע זשאַקעטל מיטן אויפגעשטעלטן קאָלנער, וואָס זי רופט „מאַריאַ סטיואַרט" — גיט זיך לייבקע אַ דריי ביי אַ וואָנסע, אַ שאַר מיט אַ פוס און פרעגט אויף זיין קאַטערינאָסלאַווער רוסיש:

— מאָזשעט פּאָגוליאַט פּאָידיאָם?

— ספּאַסיבאָ — ענטפערט ציפּע מיט אַ שמאָל מיילכל און גייט אַוועק אַליין.

די מאַמע גייט אַרויס פאַר דער טיר נאָכקוקן. יאַרמע בעל־עגלהס

ווייב שטעלט זיך אויך אוועק מיט פארלייגטע הענט אויפן מעוברתדיקן בויך. דעם סטארשי סטראזשניקס ווייב קוקט דורכן פענצטער, און די נייע שכנטע, וואס וווינט איבער אונדז אין אן אויפגעשטעלט דאך־פענצ־טערל, שאקלט אראפ מיטן קאפ:

— א מלכותדיק מענטש דאס איז, קיין עין־הרע.

פון א זייט קומט צו גיין יארמע בעל־עגלה מיט פאמעלעכע, אויס־געדרוטע טריט.

— וואס עפעס אליין? — פרעגט ער — פארוואס נישט מיט לייב־קען?

— ווי קומט לייבקע צו איר? — פרעגט צוריק די מאמע מיט אזא גדלות, אזוי ווי זי וואלט געהאט שטיין אן אייגענע שיף אויפן ים.

פונדעסטוועגן, כאטש ציפע איז אזוי שיין, און כאטש לייבקע קומט נישט צו איר, איז אין שטוב קאלט מיט ציפען, פרעמד.

מ י ך זעט זי אינגאנצן נישט. פון ווארשע האט זי פאר מיינעט־וועגן גארנישט געברענגט. זי האט פאר קיינעם גארנישט געברענגט. אירע לידלעך פון דער „פיענקנא העלענא" און פון „זשידוווקא" זענען ווייטע, נישט מיינע. מיר איז ליבער געוועזן איטעם שיין יינגעלע, וואס איז אוועקגעפארן קיין ווין זען זיינע עלטערן.

און גלאט, אין דער גאנצער שטוב איז נישטא קיין אנדערער, אויסער ציפע. די מאמע הערט נישט אויף צו רעדן וועגן איר. מען קאכט און מען באקט פאר ציפען. די מאמע רייבט אליין די טעפ מיט די שיסלען, און ציפע שפיגלט זיך און פוצט זיך. די מאמע טראגט אליין עסן אין סוכה אריין, און ציפע זאגט נישט: „לאז מאמע, כ'על דיר צוהעלפן".

אפילו ביינאכט, ווען ס'גאנצע הויז שלאפט שוין, גייט די מאמע אראפ פון געלעגער א קוק טון צו ציפען. זי פרווט די פארמאכטע טיר, וואס פירט אין קיך אריין, וווּ לייבקע שלאפט. זי קוקט צו ציפען אין בעט אריין און הערט זיך איין אין איר אטעם.

ציפע אליין איז גאוהדיק, פאררים. זי ווייסט אויך, אז לייבקע קומט נישט צו איר. מיטן טאטן רעדט זי אינגאנצן נישט. אז זי איז גע־קומען, האט זי נישט געפרעגט:

— וואס הערט זיך, פעטער? וואס מאכט איר, פעטער?

נאר פונדערווייטנס, שטייענדיק איבערגעבויגן איבער אירם אן אפע־נער וואליזקע, האט זי דארטן אריינגעפרעגט:

— ווי גייט עס עפּעס, ר׳ לייזער?

דער טאַטע האָט נישט געענטפערט. די מאַמע האָט געשריגן צו אים:

— לייזער, מען פרעגט דאָך דיך עפּעס. פאַרוואָס ענטפערסטו נישט?

אָבער דער טאַטע האָט נישט געהערט. אַ גאַנצן יום־טוב האָט ער אַזוי נישט געהערט און — געשוויגן.

***

מוצאי יום־טוב האָט די מאַמע פאַרפּאַקט ציפּעס פּודלעס. יאַרמע בעל־עגלה, וואָס האָט שוין תחילת נאָכט געשפּאַנט די פערד, האָט גע־וואָלט פאַר דער „יאַזדע" קיין וואַרשע זעקס גילדן. מיט דער באַן האָט געקאָסט אַ רובל מיט פופציק קאָפּיקעס. האָט ציפּע בעסער אויסגעקליבן די באַן. זי וועט דאָך נישט גיין זיך „טליקען" אַ גאַנצן מעת־לעת מיט עפּעס אַ יאַרמע בעל־עגלה. וואָס וועט מען זאָגן אין וואַרשע?

נישט מער, כדי צו פאָרן מיט דער באַן האָט איר צוגעפעלט אַ גאַנצער רובל, די מאַמע האָט נישט געהאַט, דער טאַטע האָט נאָך הבדלה אַרויפגעצויגן די יום־טובדיקע קאַפּאָטע און געקליבן זיך אַוועקצוגיין אין גאַס אַריין. האָט אים די מאַמע פאַרשטעלט דעם וועג.

— לייזער — האָט זי געזאָגט — האָסט אפשר אַ רובל מיר צו געבן?

— אַ וואָ־עס?

— כ׳דאַרף האָבן אַ רובל.

דער טאַטע האָט נישט געענטפערט. ער האָט איינגעקנייטשט דעם קאָפּ אין קאָלנער אַריין און איז שטיל אַרויסגעגאַנגען. ציפּע האָט אים נאָכגעקוקט מיט אירע שיינע מאַנדל־אויגן, און גאַרנישט מאַנדלדיק אים נאָכגעוואָרפן:

— לייזער יאָלאָק!

מיר איז ס׳בלוט געקומען אין פּנים אַריין. „יאָלאָק" איז געווען אַ צונאָמען אויפן טאַטן. די מאַמע האָט טיילמאָל אויך געוואָרפן דאָס דאָ־זיקע וואָרט. איז ערשטנס — איז זי געווען אַ ווייב — אפשר האָט זי געמעגט, און צווייטנס, האָט די מאַמע ס׳גאַנצע לעבן געהאַלטן, אַז זי

האָט אַ טובה געטון דעם טאַטן, וואָס זי האָט חתונה געהאַט מיט אים.

אָבער ציפּע, וואָס איז דאָ געווען אַ גאַנצן יום־טוב און געגעסן פון טאַטנס האַראָוואַניע — וואָס פאַר אַ העזה האָט זי צו וואַרפן דאָס דאַזיקע וואָרט?

אין יענער מינוט, ווען כ׳קען צוגיין צו דער שיינער ציפּע, וואָס האָט געגריזשעט די מאַמע, אַז זי, ציפּע, וועט פאַרשפּעטיקן די באַן — ווען כ׳קען אַזוי צוגיין און געבן איר אַ פּאַטש אין געשליפענעם מויל אַריין, וואָלט מיר צוגעקומען צען יאָר לעבן.

כ׳האָב געהאַט אַ שטאַרקע הנאה, וואָס דער טאַטע האָט זיך נישט געמאַכט הערן און דעם רובל נישט געגעבן. כאָטש ציפּע איז סיי־ווי־סיי אַוועקגעפאָרן און טאַקע מיט דער באַן.

דעם רובל האָט געגעבן לייבקע. אַ קאַטערינאָסלאַווער איז ער געווען, דער רובל, אַ נייער, אַ קנאַקעדיקער. לייבקע האָט אויך געהאָלפן אַרומטראָגן ציפּעס פּודלעס אויף דער דראָשקע אַרויף.

מען איז געפאָרן איבער דער לובלינער גאַס. די מאַמע מיט ציפּען אויפן הויכן געזעס, איך מיט לייבקען — אויפן קליינעם בענקעלע. ביי דער באַן האָט לייבקע געקויפט אַ בילעט פאַר ציפּען, ער האָט אַריינגעטראָגן די פּודלעס אין וואַגאָן אַריין. אַ גאַנצע צייט האָט ער געשאַרט מיט די פיס, כסדר געשטעלט זיך פאַר ציפּען, ווי אַן אָפיציר. אַז די באַן האָט גערירט, איז ער נאָכגעגאַנגען, געפאָכעט אין דער לופט מיטן הארטן קאַפּעלוש און גערעדט אויף רוסיש:

— דאָ סווידאַניאַ, דאָ סווידאַניאַ!

די מאַמע האָט געווישט די אויגן. זי האָט זיך געקושט מיט ציפּען אַ סך מאָל און אָנגעזאָגט איר, זי זאָל האָבן גאָט אין האַרצן און נישט פאַרדרייען זיך קיין קאָפּ. מחמת ציפּע האָט יום־טוב דערציילט, אַז דער חתן אירער, דער באַרשטן־מאַכער, איז איר נישט צום האַרץ. ער איז אַ גרוביאַן, האָט זי געזאָגט, ער קען נישט קיין וואָרט פּויליש. ער קען זיך נישט געפינען צווישן מענטשן.

האָט די מאַמע געקרעכצט און געזאָגט, אַז זי, ציפּע, האָט זיך באַדאַרפט פריער אַרומזען. אַצינד, ווען זי גייט שוין מיט אים אַזוי לאַנג, איז שוין שפּעט. און ס׳אַנדערע, ער נעמט זי דאָך אָן אַ גראָשן נדן.

אָבער ציפּע האָט געטענהט, אַז זי ווייסט נאָך נישט. עס טרעפט

זיך איר, האָט זי געזאָגט, אַ בעסערער שידוך — אַ געלערנטער מענטש — אַ קאָנטאָזשיסט (בוכהאַלטער).

אַזוי איז זי אַוועקגעפאָרן אַן לעצט־געלט און אָן געזעגענען זיך מיט מיין טאַטן.

די מאַמע האָט שווער אָפּגעזיפצט. אַ סך טעג האָט זי אַזוי געזיפצט. דאָס זיפצן צוזאַמען מיטן ריח פון ציפּעס פּודעלעך און פלעשעלעך איז געהאָנגען ביי אונדז אין שטוב ביז אַ שטיק אין ווינטער אַריין.

## קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

נאָך יום־טוב איז דער סאַד אויף אונדזער הויף געוואָרן נאַס און שוואַרץ. זיינגוול סאַדאָווניק האָט אַהיימגעפירט אַ רויט, אויסגעקנוידערט איבערבעט און דאָס לעצטע וועגעלע ווינטער־עפּל. די פאַרנאַכטן זענען אַראָפּגעפאַלן אינמיטן טאָג — גערדיכטע, נעפּלדיקע מיט געלע בלעטלעך אויף פאַרהויכטע שויבן.

דער טאַטע איז אין די פאַרנאַכטן געזעסן אין שפּאַנצער און מיט קרייד אויפן טיש געחשבונט זיך פון „לעניוועו״ מיט זיין שותף מאָטל שטרוי.

לייבקע איז שוין נישט געווען אין שטוב. ער האָט געזאָלט פאָרן קיין וואַרשע זוכן אַרבעט. ער האָט נאָר געוואַרט אויף אַ בריוו פון ציפּען. זי האָט אים צוגעזאָגט צו שרייבן און אָפּצושיקן דעם קאַטערינאָסלאַווער קנאַקנדיקן רובל. אָבער ציפּע, זעט אויס, האָט פאַרגעסן. איז ער אַרומגעגאַנגען, לייבקע, איצט אַ שטילער, אַ פאַרמחמער. ער האָט שוין נישט דערציילט מער וועגן „פאַניע״ — דער דזשעגעטש האָט אויסגעוועפּט פון זיין לייב — ביז ער איז איינמאָל אַהיימגעקומען און געזאָגט, אַז ער גייט וויינען פאַר זיך. ער האָט געקריגן, האָט ער געזאָגט, אַרבעט ביי פּנחס שלאָסער. ער באַקומט דאָרט שכירות זעקס רובל אַ וואָך מיט מיטאָג.

האָט ער זיך אַרויסגעצויגן. שבת נאָכן עסן איז ער געקומען צו גאַסט. געברומט אונטער דער נאָז און צוגעטופּעט מיט אַ פוס. ער האָט

זיך געפרעגט אויף ציפּען, צי זי שרייבט, צי זי האָט שוין חתונה געהאַט — און געבעטן די מאַמע, זי זאָל צושרייבן פון אים אַ גרוס.

ליבקע האָט געמוזט זען, אַז אין שטוב ביי אונדז שווימט מען נישט אַרום אין קיין געלד. האָט ער איינמאָל געזאָגט דער מאַמען, אַז אויב זי דאַרף, קאָן זי ביי אים באָרגן עפּעס געלט.

די מאַמע האָט טאַקע באַדאַרפט. נישט, חלילה, פאַר זיך און נישט אויף קיין אויסטערלישע זאַכן, נאָר פאַר מיר. איך בין דאָך אין יענעם נאָך־יום־טוב געוואָרן אויס חדר־יינגל. די מאַמע האָט מיך אָנגעדונגען אין דער נייער „שקאָלע", וווּ ס'קאָסט טייער שכר־לימוד און וווּ מען לערנט רוסיש און דקדוק.

דער טאַטע האָט אפילו נישט געוואָלט. ער האָט געזאָגט אַז אין דער נייער שקאָלע מאַכט מען די קינדער פאַר גויים און מען לערנט מיט זיי אין די בלויזע קעפּ. האָט זיך אַריינגעמישט ליבקע. ער האָט געגעבן אַ משל פון קאַטערינאָסלאַוו — פון דאָרטיקן „קאַזיאָנני ראַווין", וואָס איז אויך געגאַנגען אין אַ שקאָלע אַריין. מען קאָן גאָרנישט וויסן, האָט ליבקע געזאָגט, אפשר וועל איך אויך אַמאָל ווערן אַ „קאַזיאָנני ראַווין".

ליבקע האָט, מן־הסתם, חוזק געמאַכט, אָבער אין דער נייער שקאָלע האָט מען טאַקע גאָר אַנדערש געלערנט. אַז מען איז אַרויס פון דער נייער שקאָלע, האָט מען געקאָנט לייענען דאָס ספר מיטן טראָפּ, מען האָט געקאָנט אַריינקוקן אין אַ „הצפירה" און מען האָט געקאָנט עוסק זיין אין ציונות.

ס'איז דאָ אינגאַנצן אַנדערש געווען, ווי ביי סימע־יוספן. נישט איין טונקעלע שטוב מיט פאַרשוויצטע בענק אַרום די ווענט, נאָר צוויי גרויסע, געראַומיגע חדרים מיט אַ סך קלאָר־געוואַשענע שויבן און מיט אַן אייזערנעם באַלקאָן אויף דער גאַס אַרויס. אינמיטן פון די צווייטע חדרים זענען געשטאַנען אַזוי ווי זעלנער איינער הינטערן אַנדערן, בענק: שוואַר־צע, קורצע, מיט לעבלעך אויף טינט און מיט קעסטלעך, וווּ יעדער איי־נער האָט געקאָנט באַהאַלטן ס'עסנוואַרג און די שרייב־מכשירים.

פון איין וואַנט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַן אַלטע, גרויסע מאַפּע, אַ בלויע, אַ האַלב־אָפּגעשיילטע, מיט שטעט און דערפער, מיט וואַסערן און ימען. פון דער אַנדערער וואַנט האָבן אַראָפּגעקוקט חיות מיט בהמות, פיש און עקדישן, געוויקסן און פירות.

און גאָר פון אויבן־אָן, דאָרט, וווּ ס'איז געהאַנגען דער געלער קייַ־

סער מיטן בלויען זיידענעם פּאַס אויפן האַרץ, זענען געהאָנגען נאָך צוויי פּאָרטרעטן.

איינער — פון א דיקלעכן פּאַרשוין אין אן אכט־קאַנטיק, זיידן קאַפּעלע מיט אַן אונטערגעשוירן, גרוי בערדל, און מיט א קורצן האַלדז, פון וועלכן ס'האָט אַרויסגעשטעקט א ווייס זשאַבאָטל. מען האָט געזאָגט, אַז דער דאָזיקער פּאַרשוין הייסט משה מאָנטעפיאָרע און איז א גרויסער שררה.

איך האָב אים ליב געקריגן דערפאַר, וואָס ער טראָגט אַזעלכע ווייסע זשאַבאָטלעך, ווי מיין מאַמע.

דער צווייטער פּאָרטרעט איז שוין געווען פון אַן אַנדערן מין. דאָ איז געשטאַנען א מענטש אָן א באָרד, מיט א גויאיש פּנים, ביסטרע אויגן, און שוואַרצע, אויפגעשטעלטע וואָנסעס.

מיר איז געווען חידושלעך: ווי קומט אַזא בייז, גויאיש פּנים אין דער נייער שקאָלע אריין? אָבער די יינגלעך האָבן מיר קלאָר געמאַכט, אַז דאָס איז, חלילה, נישט קיין גוי, נאָר א ייד, א מאַגנאַט א גרויסער, א שני למלך — ס'איז דער באַראָן הירש אליין, וואָס וויל, אַז יידן זאָלן אויסגעלייזט ווערן פון גלות.

כ'האָב מיר נישט געקאָנט צוגלויבן, און נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז געווען א שני למלך, האָב איך דעם דאָזיקן באַראָן נישט פאַרטראָגן. ער האָט שוין צופיל געשטאָכן מיט די שוואַרצע, אויפגעשטעלטע וואָנסעס זיינע. א מענטש זאָל דיר כסדר קוקן אין פּנים אריין. און נישט גלאַט אַזוי קוקן, נאָר שרויפן, אַזוי ווי מען וואָלט אים געדונגען — ער זאָל היטן יעדן טריט אונדזערן. יעדן קער און ווענד.

אַז אָן אים האָט מען אונדז אויך געגוג געהיטן. ער האָט זיך געקאָנט פאַרלאָזן, דער דאָזיקער באַראָן, אויף אונדזער רבין ר' דוד.

ער, דער רבי ר' דוד, איז געווען א מין סימע־יוסף אויף אַן אַנדערן שטייגער. א ייד א פּראָסטער, אין א פּראָסט, מעלאַנזשן כאַלאַטל, מיט א פּראָסטער, שיטערער באָרד, מיט א פּראָסטן, קורצן פּוס — האָט ער, א חוץ מלמדות, פאַרמאָגט זיין אייגנס א שפּייז־געוועלבל, א טאָכטער א בוגרת און א קיילעכדיק רימענדל פון א ניי־מאַשין אראָפּ.

דער דאָזיקער רבי האָט געלערנט מיט אונדז חומש מיט רש"י אַזן מעביר זיין די סדרה. אייגנטלעך, האָט נישט ער געלערנט, נאָר דאָס

קיילעכדיקע, בויגעוודיקע רימענדל, וואָס ער האָט געוויקלט צווישן די פינגער, אַזוי ווי אַ ווייכע שלאַנג.

ער האָט געהאַט אַ ברייט, נידעריק געזעס, דער רבי ר׳ דוד. דאָס דאָזיקע געזעס האָט ער אַרויפגערוקט אויף אַ „סקאַמעיקע", דעם קורצן פוס — אָנגעשפּאַרט אויף אַ נידעריק בענקעלע און אַזוי אַרום אַריבערגע־קוקט איבער די קעפּ פון אַלע תלמידים. ער האָט פאַרמאָגט קליינע, פאַר־זשמורעטע אויגן מיט שפּיציקע, רבנישע ברעמען. פונדעסטוועגן האָט ער געזען, וואָס עס טוט זיך ביי יעדן אין טאָפּ. און האָט ער עפּעס דערזען, האָט ער אַראָפּגענומען ס׳געזעס פון דער באַנק, געמאַכט זיך מכּלומרשט אַוועקקוקן, און צוהינקענדיק איז ער יענעם אונטערגעקומען מן הצד, ווי אַ שטילע קאַץ — אומגעריכט אַראָפּגעכאַפּט ס׳היטל פון יענעמס קאָפּ און אַ פּלי געטון מיטן לעדערנעם שלענגל איבער דער גאַנצער ברייט פון אָפּגעדעקטן קאָפּ.

— אַ כאַ־אָ־לערע זאָל דיך טרעפן — האָט ער פאַרקרימט ס׳מויל אין אַ זייט — וועסט מיר נישט אויפהערן צו שפּילן אין קנעפּ, ממזר איינער?

אויפן ממזרס קאָפּ איז אויפגעשפּרונגען אַ „פּרענגע". די פּרענגע האָט זיך אַריבערגעכאַפּט אויף אַ שטיק באַק אַרויף, און דאָרט שטיין געבליבן, ווי אַן אויפגעלאָפענער, פאַרבלוטיקטער אָדער.

מען האָט געזאָגט, אַז דער רבי ר׳ דוד האָט שוין דאָס דריטע ווייב, און אַז אויך זי וועט ער באַגראָבן. מען האָט געוווּסט אין שטאָט, אַז ער האָט זי פיינט, אַז ער רופט זי מנובלת און ווייל פונדעסטוועגן האָבן מיט איר קינדער, כאָטש ער האָט שוין געהאַט פון ערשטן ווייב אַ טאָכטער אַ בוגרת.

אין שקאָלע אַריין איז דער רבי ר׳ דוד געקומען שפּעטער, ווי די תלמידים. ער האָט אונטערגעהינקט אין אַ פּאָר אַלטע, פאַרדאַרטע לאַטשן, אין אַלטע צייגענע הויזן, פאַרדרייטע, אַזוי ווי רערן. אַליין האָט ער זיך געהאַלטן פאַר אַ ייד אַ תלמיד־חכם, אין די סליחות־טעג געריסן זיך צום עמוד, און שבת געלייענט דאָס ספר ביי די ציונים.

מען האָט אויך דערציילט, אַז דער רבי ר׳ דוד איז אַ גרויסער מתנגד, אַז ער האַלט נישט פון רביים און האָט זיי פיינט. ער זאָל האָבן אַמאָל בקול רם געשאָלטן אַ גוטן ייד — איז ער פון דעמאָלט אָן היני־קענדיק געוואָרן.

מילא, איז ער געווען א פראסטער ייד און א רבי א שלעגער. אבער איין מעלה האט ער געהאט, וואס צוליב איר האבן מיר אים מוחל גע־ווען נישט נאר זיין מתנגדות, נאר אפילו דאס פארשאלטענע, קייל־עבדי־קע רימענדל.

אזוי לערנען חומש, ווי דער רבי ר' דוד, האט קיינער נישט גע־לערנט. ער האט געהאט א ניגון, גאר נישט קיין מתנגדישן און גארנישט פון קיין שלעגער. ער האט די ווערטער צענומען, אזוי ווי מען צענעמט א שאל פון א נוס אראפ. ער האט אונדז די יאנדרע אריינגעלייגט אין מויל — מיר זאלן פילן דעם אמתדיקן טעם.

ביים רבין ר' דוד איז יוסף הצדיק אויסגעקומען א הויכער, שוואר־צער בחור, אזא שיינער, אז מען האט נישט געקאנט אין זיין פנים ארייג־קוקן. ס'איז נישט געווען יעקב אבינוס זון נאר א פרינץ, א פירשט, וואס האט געשפייזט גאנץ מצרים און אליין געהאלטן זיך פאר א גרויסן עניו.

משה רבנו האט נישט געהאט קיין ווייסע בארד, אזוי ווי אויפן פארטרעט, וואס הענגט ביי דער מומע מרים. ס'איז גאר געווען א יונגער־מאן מיט א געקרויזלטן קאפ האר, אזוי ווי א שעפס, הויך און שטארק, ווי א צעדערבוים. והא ראיה — פרעהס אייגענע טאכטער, די פרינצע־סין פון מצרים, האט דאך אים געוואלט פאר א מאן.

גאר שיין איז געווען צו הערן, ווי אזוי דער רבי ר' דוד האט אונדז פארטייטשט פרשת בשלח. ס'איז געווארן פון אים אן אנדערער ייד, שוין נישט יענער מיטן פראסטן פנים און מיטן מעלאנזשענעם כאלאטל.

ביי פרשת בשלח איז דעם רבינס קול שוין נישט געווען אזוי קארג און געשפאלטן, ווי אלע מאל. האפערדיק האט עס געקלונגען, רחבותדיק. ס'איז געגאנגען נישט פון מויל, נאר פון גאנצן גוף זיינעם. ער האט גע־זאגט און אויסגעזונגען די פסוקים נישט צו אונדז, נאר ערגעץ אין דער ווייטער וועלט אריין.

דא זענען מיר ארויסגעגאנגען פון מצרים צוזאמען מיט משה רבנו. מיר האבן געהערט דאס גיין, דאס פארן פון פרעהס רייטוועגן, פאר אונדזערע אויגן האט זיך געשפאלטן דער ים. מיר האבן געקוקט, ווי די מצרים מיט זייערע וועגענער און פערד זענען איינגעזונקען געווארן אין די וואסערן, געהערט, ווי משה רבנו האט געזונגען מיטן פאלק ישראל „אז ישיר" און ווי מרים הנביאה האט צוגעקלאפט מיט דער פויק.

ווען מען לערנט מיט אונדז א גאנץ יאָר פרשת בשלח, וואָלט עס אונדז קיינמאָל נישט פארמיאוסט געוואָרן. בפרט, אז דער רבי ר׳ דוד האָט דעמאָלט פארגעסן אין זיין לערערנעם רימענדל און אין די כּאָלע־רעס, וואָס ער האָט געשיט אויף אונדזערע קעפּ.

אָבער נישט אַלץ האָט דער רבי ר׳ דוד געלערנט. און אחוץ חומש מיט רש״י האָט מען נאָך עפּעס באַדאַרפט קענען.

איז געווען נאָך איין רבי. שוין גאָרנישט קיין פּראָסטער ייד און שוין גאָרנישט אין קיין מעלאַנזשן כּאַלאַטל — דער רבי ר׳ יאַנקעלע.

אין די ווינטערדיקע פארנאַכטן, ביי די צוויי רויט־צעגליטע בליך־לאָמפּן, האָט דער דאָזיקער ייד געלערנט מיט אונדז „פּסוק״ און דקדוק. ביי דער שיין פון טאָג האָט ער דעם פּסוק נישט געקאָנט לערנען. זיין קול, זיין גאַנץ געשטעל זענען געווען אַזוי טונקל און שאָטנדיק, ווי די ווינטערדיקע פארנאַכטן.

א הויכער, מיט איבערגעבויגענע אַקסלען, ארומגענומען דאָס בלייכע פּנים מיט א קליין, חריפותדיק, שוואַרץ בערדל — איז דער רבי ר׳ יאַנקעלע געקומען אין שקאָלע אריין פון גאַנץ ווייט — אַזש פון דער סקאַרשעווער ראָגאַטקע. ער האָט נישט געטראָגן קיין פאַרדאַרטע, אַלטע לאַטשן, ווי דער רבי ר׳ דוד, נאָר א פּאָר קליינע, אויסגעפּוצטע, נגידיש־לעך־סקריפּנדיקע שטיוועלעך־שבתדיקע, וואָס זענען אים נאָך געבליבן פון דער צייט, ווען ער האָט געהאַנדלט מיט וואַלד. דאָס שוואַרצע העבאַן־שטעקעלע מיטן ווייסן, ביינערנעם הענטל איז אים אויך געבליבן פון יענער צייט. דאָס פּאַמעלעכע, ישוב־הדעתדיקע גענגל, דער ווייסער, איבער־געלייגטער קאָלנער מיטן שוואַרצן שניפּסל — דאָס אַלץ איז אים געבליבן פון יענע יאָרן, ווען זיינע טראַטוועס זענען געגאַנגען איבער דער ווייסל קיין דאַנציג.

יענע יאָרן זענען שוין לאַנג אַריבער. דער רבי ר׳ יאַנקעלע האָט דעמאָלט געגרעדט הויך. ער האָט געקלאַפּט מיטן העבאַן־שטעקעלע אין דער פּאָדלאָגע אריין, ווען אַן אָרימאַן איז געקומען נאָך א נדבה. ער האָט דעמאָלט נישט געהאַט אַזא בלייך פּנים און אַזעלכע איינגעפאַלענע, פייכטע אויגן, ווי ער האָט היינט.

פון די אַמאָליקע וועלדער און טראַטוועס איז דעם ייד געבליבן נישט מער, ווי דער איידעלער נאָמען ר׳ יאַנקעלע, און די נאָך איידעלערע יידישע נביאים ישעיהו און יחזקאל.

מען האָט געזאָגט, אַז ר׳ יאַנקעלע איז אויף דער עלטער געוואָרן אַ מלמד נישט מחמת פרנסה און אויך נישט מחמת דעם, וואָס ער האָט אַמאָל געהאַט צער גדול בנים, נאָר פון גרויס ליבשאַפט צו תנ״ך.

אַז ער האָט אָנגעהויבן מיט אונדז דעם ערשטן פסוק פון ישעיהו, האָט מען געזען, ווי דער ייד, דער געוועזענער עושר און תקיף, האָט זיך איינגאַנצן אויסגעטון פון דער וועלט. נישט ישעיהו הנביא האָט גע־שטראָפט דאָס זינדיקע פאָלק ישראל, נאָר אונדזער רבי ר׳ יאַנקעלע. זיין קול איז דעמאָלט געוואָרן שוואַרץ, אַזוי ווי ער איינגאַנצן.

— בנים גדלתי ורוממתי! — האָט ער אַ וואָרף געטון דעם קאָפּ אַרונטער — והם פשעו בי — און זיי האָבן אין מיר ווידערגעשפעניקט — האָט ער אָפּגעקרעכצט אין דער שטיל, אַזוי ווי ער וואָלט זיך מיט עמעצן אויסגעטענהט און באַקלאָגט זיך אויף זיין אייגן ביטער מזל.

האָט ער געלערנט מיט אונדז איכה — איז ער געוואָרן קליין און איינגעפאַלן, אַזוי ווי דער נביא ירמיהו. ער האָט נישט אויסגעשריגן דאָס אומגליק פון חורבן, נאָר געברומט אין זיך אַריין, אַזוי ווי טויבן פאַרטאָג הינטער פאַרמאַכטע פענצטער.

דער ר׳ יאַנקעלע האָט געוווינט אין אַ באַזונדער אַלקער ביי זיין יינגסטער טאָכטער דבורה, וואָס האָט חתונה געהאַט, ווען דער טאַטע איז שוין געווען פאַראָרעמט און גענומען דעריבער נעמען אַ יונגנמאַן נישט פון גרויסן יחוס.

זי, דבורהלע, האָט אַלע טאָג געפּוצט די סקריפּנדיקע שטיוועלעך פון איר טאַטן. זי האָט אָפּגעווישט פון שטויב דאָס שוואַרצע העבאַן־שטעקעלע זיינס — און כאָטש זי האָט שוין געהאַט צוויי דערוואַקסענע יינגלעך, וואָס האָבן זיך געגרייט צו באַלייגן עקזאַמען אין דער גימ־נאַזיע — האָט זי נאָך אַלץ גערעדט צום פאָטער:

— טאַטעשי, אפשר וועט דער טאַטעשי עפּעס מיטנעמען? אַ קיכל, אַן עפּעלע?

מיין שוועסטערביילע, וואָס וווינט אין שכנות מיטן רבין ר׳ יאַנ־קעלע, דערציילט, אַז גאַנצע נעכט זיצט ער, דער ייד, ביי אַ חלבן ליכטל און שרייבט עפּעס. מען זאָגט, אַז ער מאַכט אַ ספר. אַלע שכנים ווייסן דערפון און אַלע דערציילן עפּעס אַנדערש וועגן אים. ער אַליין אָבער דערציילט גאָרנישט.

ער גייט אַרום אין שקאָלע אָנגעשפּאַרט אויפן העבאַן־שטעקעלע מיט

די איבערגעבויגענע אקסלען פאראויס, א שטילער, אן איינגעהערטער אין די פסוקים פון תנ"ך, א פארנומענער מיט זיינע אייגענע המיונות. און כאטש עס דאכט זיך, אז ער ווייסט נישט, וואס ארום אים טוט זיך, זעט ער פונדעסטוועגן ,ווער עס גיט אכטונג און ווער עס שפילט אין קנעפ־לעך.

גייט ער דעמאלט שטיל צו — נישט מיטן לעדערנעם רימענדל, ווי דער רבי ר' דוד, און נישט מיט דער כאלערע אויפן אויסגעקרימטן מויל, נאר גלאט אזוי שפארט ער זיך אן מיט איין האנט אויפן שטעקעלע און מיט דער צווייטער אויף דער באנק — און פרעגט:

— וועמענס ביסטו, בחורל?

— איטשע שניידערס.

— ווי הייסט די מאמע דיינע?

— פריידל.

— זאג זשע דער מאמען דיינער, און דער טאטע מעג אויך הערן, אז ס'איז א שאד זייער טרחה. דיין טאטע, מן־הסתם, הארעוועט שווער אויפן שטיקל ברויט. די מאמע, פארשטיי איך, קלויבט א גראשן צו א גראשן אויף שכר־לימוד, קומסטו און מאכסט א תל־עולם פון זייער הא־ראוואניע. דו מיינסט, אז די נביאים האבן גערעדט גלאט אין דער וועלט אריין? זיי זענען געווען אזעלכע ארעמעלייט, ווי דיין טאטע. קיין פרנסה האבן זיי פון זייערע רייד נישט געהאט. נישט מער, זיי האבן געוואלט, מען זאל זיי הערן. גייסטו און שפילסט אין קנעפלעך? אדרבא, זאג אליין, זינדיקסטו נישט דערמיט?

ער איז דאך כשר געוועזן, דער רבי. ווי קאן מען דאס שפילן אין קנעפלעך, בשעת ער לערנט מיט אונדז תנ"ך? און איז דען נישט שע־נער און בעסער צו הערן דעם ניגון זיינעם, ווי צו געווינען ביי א חבר נאך עטלעכע נארישע קנעפלעך? נאר איטשע דעם שניידערס א יינגל און נאך אזעלכע יינגלעך זענען געבליבן שוטים, ביז מען האט זיי געלייגט שערבע־לעך אויף די אויגן.

זיי האבן נישט פארשטאנען, אז אן קלעפ און אן קללות קאן מען זיך אויך עפעס אויסלערנען. פאר זיי איז גוט געווען דער רבי ר' דוד אדער מאטיאס לערער.

מוז זיין, אז נאר צוליב די דאזיקע יינגלעך האט מען דעם מאטיאס לערער צוגענומען אין דער נייער שקאלע אריין. ווארום ס'איז גארנישט

צו פארשטיין, ווי אזוי ס'האבן אונטער איין דאך געקאנט לערנען אזא רבי ר' יאנקעלע און אזא פארשוין, ווי ס'איז געווען מאטיאס לערער.

נישט קיין ייד און נישט קיין גוי, נאר א מאסקאוויטער, א קאצאפ, נישט אנדערש.

ער האט געלערנט מיט אונדז רוסיש, „טשיסטאפיסאניע" און חשבו־נען. דאס אלץ — מיט א שיכור, הייזעריק קול, מיט שיכורע הענט און מיט א שיכורן קאפ.

מאטיאס לערער האט ביים לערנען גערויכערט א פאפיראס נאך א פאפיראס. ער האט זיך פארהוסט און געשפיגן אין די ווינקלען אריין. ער האט געהאט א טבע ארויפצושארצן די קינבאקן. זיין צעקנייטשט, נישט אויסגעשלאפן פנים האט געקריגן דעמאלט א מראה פון איינגע־לאפן געוואנט. די פאפיראסן האט ער נישט געהאלטן צווישן די ליפן, נאר אויף די געלע, איבערגעבראכענע ציין, שפיציקע און הויליקע, ווי ביי א וואלף.

ער איז טאקע ארומגעגאנגען אין שקאלע, ווי א וואלף. ער האט נאר אויסגעקוקט די מינוט צו קענען עמעצן פון אונדז באפאלן און פארציקן. ס'איז נישט געווען משיג צו זיין מיטן שכל, פונוואנען אין אזא טרו־קענעם, דארן גוף האט זיך גענומען אזוי פיל כעס און רציחה.

מען האט דערציילט, אז מאטיאס לערער שלאפט שוין נישט מיטן ווייב א סך, א סך יארן. ער שלאפט איינגאנצן נישט. ער שפילט אין קארטן. זי, דאס ווייב זיינס, איז א גרינע. זי טראגט א לאנגע, געלע שובע פון פאניאטאוסקיס צייטן און גייט אין די אייגענע האר.

אלע אין שטאט האבן געוווסט, אז מאטיאס לערערס ווייב קויפט פלייש אין די גויאישע יאטקעס, זי מאכט נישט כשר און זאלצט נישט אוים. אין דער ניטל־נאכט שטעלט זי אויף ביי זיך אין שטוב א כאאינ־קע און צלמט זיך. מאטיאס לערער אליין, האט מען דערציילט, אז ער קומט אהיים פארטאג פון קארטן־שפילן, שלאגט ער דאס ווייב. ער שפייט אויף דער לאנגער, געלער שובע און צעברעכט אלץ, וואס עס קומט אים אונטער דער האנט.

דאס אלץ האט מען אין שטאט געוווסט — מען האט געהאט פאר־איבל און אויסגעמיטן דאס הויז, ווו מאטיאס לערער האט געוווינט.

פונדעסטוועגן האבן אלע מאמעס געוואלט, אז זייערע קינדער זאלן דווקא גיין אין דער נייער שקאלע אריין, ווו מאטיאס לערער לערנט.

מיין מאמע האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ערשטנס, ווען מען „סקינ־טשעט“ די נייע שקאָלע, קאָן מען „לייענען דאָס ספר“; צווייטנס — וויל זי טאַקע, כ׳זאָל קאָנען גראַמאַטיקע מיט „טשיסטאָפּיסאַניע“. זי אַליין האָט זיך אויך אַמאָל געלערנט „טשיסטאָפּיסאַניע“. קען זי טאַקע היינט שרייבן בריוו פאַר כלות צו זייערע חתנים וואָס דינען ביי „פּאַניע“, און פאַר ווייבער, וואָס זייערע קינדער זענען אין אַמעריקע.

די מאַמע זאָגט, אַז עס וועט מיר גאָרנישט זיין. שלמה המלך אַליין האָט געהייסן אַמאָל אַ זעץ טון אַ קינד, און אַז מען שלאָגט אַמאָל אין הינטן אַריין — גייט עס אין קאָפּ אַריין.

איז ערשטנס — בין איך שוין נישט אַזאַ קינד, מען זאָל מיר דאַרפן אַ זעץ טון, צווייטנס — שלאָגט נישט מאַטיאַס לערער אין הינטן אַריין, נאָר טאַקע אין קאָפּ אַריין, און דריטנס — וועט שוין דאָס שלאָגן אויך נישט העלפן, וואָרום אַזוי שרייבן, ווי די מאַמע שרייבט, וועל איך שוין קיינמאָל נישט קענען.

די מאַמע האָט געלערנט ביי אַן אַנדערן לערער. ער האָט געמוזט זיין אַ געלאַסענער, יענער לערער. מן־הסתם האָט ער נישט געהאַט קיין שיכורע הענט — אַז נישט, ווי אַזוי וואָלט ער געקאָנט לערנען „טשיס־טאָפּיסאַניע“. דאָ דאַרף מען דאָך אָוועקשטעלן די אותיות מיט ישוב־הדעת: אַמאָל גראָב און אַמאָל דין, אַן אַנדערש מאָל קיילעכדיק אָדער פאַרשפּיצט.

ווי אַזוי האָב איך דאָס אַלץ געקאָנט טון, אַז שוין די טריט אַליין פון מאַטיאַס לערער זענען געהאַנגען איבער מיין קאָפּ, ווי אַ חלף, און גע־מאַכט ציטערן אין מיר די נשמה מיטן גוף.

אָט האָט ער אָוועקגעוואָרפן אַ פּאַפּיראָס און פאַררויכערט אַ צווייטן. מיר אַלע זיצן מיט פאַרבויגענע קעפּ אויף אַ זייט און ציען מיט קלאָפּנדיקע הערצער די אותיות אויפן בלוי־געווירנטן פּאַפּיר.

דעם לערערס שיך סקריפּען אומהדיק איבער דער שטיל־אָטעמדי־קער שטוב. אפילו זיי, ד שיך, זענען אויך שיכורע.

ס׳באַגיסט מיך אַ שוויים. כאָטש צו מיר, אייגנטלעך, קאָן ער גאָר־נישט האָבן. איך האָב אויסגעקיילעכדיקט און אויסגעדריידלט אַלע אות־יות, וואָס שענער קאָן עס שוין נישט זיין, סיידן מיין מאַמע אַליין וואָלט זיי אויפגעשריבן.

אָבער אינמיטן דערפיל איך אַ ביטערן ריח פון פּאַפּיראָסן. עס

כאָרכלט עפּעס איבער מיר פון אַ צעריסענעם האַלדז אַרויס. כ'האָב אַפילו נישט קיין צייט אויפצוהויבן ס'פּנים, גיט מיר פּלוצלינג אַ קלונג אין קאָפּ אַן אומגעריכטער זעץ מיט אַ פויסט אונטער אַ גאָמבע.

— סוואָלאָטש — שרייט ער, דער לערער, און פאַרהוסט זיך — סוקין סין! אַזוי שרייבט מען אַ „שטשאַ"? אהין צו דער „דאָסקע". נאָכאַמאָל שרייב אויף, דו הונט איינער!

ער שלעפּט מיך אַרויס פאַר אַן אויער. ס'גאַנצע פּנים רייסט מיך. עס האַקט אין די שלייפן. פונקען פליען פאַר די אויגן.

די קעפּ פון אַלע מיינע חברים האָבן זיך איינגענורעט אין די אַקסלען אריין. זיי זענען אַצינד שוואַרץ, די קעפּ, אַזוי ווי אָפּגעזענגטע הייפּטלעך קרויט.

די „דאָסקע", דאָס שוואַרצע ברעט דאָרט, אויף די דריי צעשפּרייטע, הילצערנע פיס — איז אַצינד נישט קיין „דאָסקע", נאָר אַ טהרה־ברעט.

פאַר איר, פאַר דער „דאָסקע", האָט מען מער מורא, ווי פאַר מאַטיאַס לערער. זי איז זיינער אַ ליבלעכער ברודער. זי שטייט אויך אַזוי, ווי זי וואָלט געווען שיכור. דאָ קאָן מען זיך אין ערגעץ נישט אויסבאַהאַלטן. דאָ שטייט ער, מאַטיאַס לערער, אָנגעצויגן, מיט צענומענע פיס. ער טשאַיעט זיך, ווי אַ וואָלף אויפן שעפּסל. ס'וועט שוין גאָרנישט העלפן. מעג מען שוין גוט אויפשרייבן די „שטשאַ" — דער זעץ אונטער דער גאָמבע מוז קומען, די ציין אין מויל מוזן זיך צעקלינגען.

ביים קליינעם יאָסעלע האָט זיך אַנומלט איין צאָן אויסגעקרימט. ער האָט אים דערנאָך אַרויסגעגראַבלט מיט דער צונג אַ פאַרבלוטיקטן. ביי מיר — נאָכדעם, ווי כ'האָב געהאַט אויסגעשריבן אַ האַלבע „דאָסקע" מיט „שטשאַס", צוגעפּוצט מיט אַלע חזיר־ווידעלעך — איז דאָס לינקע אויער געווען אונטערגעריסן. אין האַלדז אריין איז גערונען אַ וואַרעם ריוועקל בלוט. מאַטיאַס לערער האָט געהאַט ווייסע ליפּן. דאָס ריוועקל בלוט האָט אים נישט געאַרט. ער האָט מיר נאָך געגעבן אַ צולאָג מיטן פוס אין געזעס אריין און אַ ריטשע אין אויער:

— פּאָשאָל וואָן, סוואָלאָטש!

אַזוי איז עס געגאַנגען אַלע טאָג. אַמאָל בין איך געפאַלן דער קרבן, אַמאָל — אַן אַנדערער. בלויז איין משהל שענקערס האָט נישט געפילט אויף זיך דעם טעם פון מאַטיאַס לערערס שיכורע הענט.

דער דאַזיקער משהל, כאָטש ער האָט געהאַט אַ פּנים פון אַ מיידל און כאָטש ער איז תמיד אַרומגעגאַנגען מיט פאַרנאַשטע ליפּן, איז ער פונדעסטוועגן געווען ביי מאַטיאַס לערער דער ערשטער תּלמיד.

ער האָט געגעסן אַ סך, דער דאַזיקער ערשטער תּלמיד, הויך און נאַס געזשאַמזשעט מיטן מויל. פון צופיל עסן האָט ער געקריגן אַן אויפגעבלאָזענעם בויך און ווייסע, קישלדיקע הענט.

ס'האָט אים אָבער נישט געשאַדט גוט צו קענען „טשיסטאָפּיסאַניע”, צו וויסן וויפיל ס'איז ניין מאָל ניין, און וואָס אַזעלכעס עס איז „אימיאַ פּרילאַגאַטעלנאָיע”.

אַלע אין שקאָלע האָבן משהלען פיינט געהאַט. ערשטנס דערפאַר, וואָס ער האָט טאַקע געקענט, צווייטנס, וואָס ער האָט קיינעם נישט געוואָלט צוווייזן און דריטנס, וואָס ער האָט אויף אונדז געמסרט.

אין שקאָלע האָט ער געהאַט נישט מער, ווי איין חבר — אַן אָרעם, דאַר יינגל, יוקעלע. ער האָט נישט געהאַט קיין טאַטן, דער יוקעלע. די מאַמע זיינע, אַ יונג, רויט ווייבל, איז געגאַנגען אין די הייזער און געזאָגט, אַז אים, יוקעלען, האָט זי געהאַט פון אַ בוים.

יוקעלע האָט נישט געצאָלט קיין שכר־לימוד. מען האָט אים אַריינגענומען אין דער נייער שקאָלע פון רחמנות.

איז אָט מיט דעם יוקעלע האָט זיך משהל שענקערס שטאַרק געחברט. ער האָט זיך געשפּאַסט מיט אים, ווי מיט אַן אייגענעם משרת. ער האָט אים ליב געהאַט צו קניפּן און צו קיצלען. פון קניפּן אין יוקעלעס פּנים פאַרגרינט פאַרגאַנגען מיט אַ ווייסער אויפגעלאָפנקייט. ער האָט אָבער געקריגן דערפאַר פון משהלען אַ קאַלט פּופּיקל, אַ געגרזן לעבערל, אַ האַרט איי, און טיילמאָל האָט אים משהל מיטגענומען צו זיי אין שענק אַריין, אים מכבד געווען מיט דער שוים פון ביר, וואָס בעלי־עגלה־יונגען האָבן איבערגעלאָזט אין די גלעזער.

צוליב משהל שענקערס האָט מען יוקעלען אויך פיינט געהאַט, כאָטש ער איז געווען אַזוי פאַרדאַרט און כאָטש ער האָט געהאַט אַ בוים פאַר אַ טאַטן.

קיינער האָט מיט זיי נישט גערעדט. זיי זענען געגאַנגען תמיד צוזאַמען. און האָט זיך עמעצן פון אונדז פאַרגלוסט מיט זיי צו טשעפּען, האָבן זיי זיך קיינמאָל נישט געוואָרט, שטענדיק אַנטלאָפן. ערשט צו־

מאַרגנס, ווען מאַטיאַס לערער איז געקומען, האָט זיך משהל אויפגע־שטעלט און געמסרט:

— גאַספּאַדין אוטשיטעל, זיי האָבן געוואָרפן אין מיר נעכטן שטיי־נער.

— ווער האָט געוואָרפן? — האָט מאַטיאַס לערער אַנגעשטעלט זיי־נע אונטערגעזעגנטע, געלע וואָנסעס.

— איציק האָט געוואָרפן, מענדל האָט געוואָרפן. אַלע האָבן גע־וואָרפן.

מאַטיאַס לערער האָט געזעצט מיט דער פויסט אונטער דער גאָמ־בע, געריסן אויערן און געבאָרכלט מיטן שיכורן האַלדז:

— סוואָלאָטש פּאַרשיוואַיאַ! יאַ טעביע פּאָקאַזשו...

ס'איז געווען ביטער ס'לעבן. אַלע האָבן געבעטן, אַז מאַטיאַס לע־רער, משהל שענקערס און די שוואַרצע „דאָסקע" זאָלן איינגעמען אַ מיתה משונה.

אָבער וואָס האָט געהאָלפן אונדזער בעטן, אַז מאַטיאַס לערער האָט ווייטער געטרונקען ביי משהלס טאַטן אין שענק, די שוואַרצע „דאָסקע" איז ווייטער געשטאַנען אויף אירע צעשפּרייטע, שיכורע פיס, און משהל האָט נאָך מער געמסרט, ווי פריער.

## קאַפּיטל ניין און צוואַנציק

דעם מאַטיאַס לערער האָבן אונדזערע קללות גאָרנישט געשאַדט. ער איז נאָך געזונטער געוואָרן. אָבער דעם רבין ר' יאַנקעלע האָט דער טויט יאָ אָוועקגעריסן, כאָטש מיר האָבן אים אַלע געבענטשט.

אין יענעם טאָג איז געגאַנגען אַ שניי מיט אַ רעגן. דער לאָדן ביי אונדזער פענצטער האָט זיך געריסן אויפן קייטל און געקרעכצט, ווי אַ קראַנקער מענטש. דער טאַטע איז נישט אַרויסגעפאָרן אין ערגעץ. מיך האָט די מאַמע נישט געלאָזט גיין אין שקאָלע אַריין.

— וועסט דיך נאָך, חלילה, צוקילן — האָט זי געזאָגט — בלייב אין שטוב.

אָבער מיך האָט דווקא אין יענעם טאָג געצויגן אין שקאָלע אַריין.

ביינאכט נאָך האָט מיך אויפגעוועקט אַ שווערונג אויפן האַרץ. ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דער געשטאָרבענער ברודער מיינער, משה, דרייט זיך אַרום אין קיך און זוכט דאָרט אין די טעפּ. כ׳האָב געהערט גראָבלען פּייז, און כ׳האָב בשום אופן נישט געקאָנט דערגיין, צי דער זייגער שטייט, צי ער גייט.

אין שטוב האָב איך נישט געזאָגט, וואָס ס׳האָט זיך מיר אויסגעדאַכט ביינאַכט, נאָר אַז די מאַמע האָט מיך נישט געהייסן גיין אין שקאָלע אַריין, האָט מיך אַרומגענומען אַ פּחד.

כ׳האָב געענטפערט, אַז כ׳מוז גיין. היינט וועט דער רבי ר׳ דוד מיך אויסרופן און הייסן פאַרטייטשן די סדרה פון דער וואָך.

דער רעגן מיטן שניי האָבן בייז מיר געפּאַטשט אין פּנים אַריין. דער ווינט האָט מיך געשטופּט צוריק, אַזוי ווי ער וואָלט אויך נישט געוואָלט, כ׳זאָל היינט זיין אין שקאָלע.

אָבער איך האָב מיך איינגעעקשנט.

די שווערונג פון ביינאַכט איז מיר נאָך אַלץ געלעגן אויפן האַרץ. כ׳האָב מיך זייער געאיילט — און פונדעסטוועגן פאַרשפּעטיקט. אָבער אין שקאָלע האָט מיר קיינער גאָרנישט געזאָגט. מען האָט מיך אפילו נישט געזען אַריינקומען.

די שקאָלע האָט אַצינד אויסגעזען אויסטערליש. קיין איין יינגל איז נישט געזעסן אויף זיין אָרט. מען האָט נישט געלערנט. אַלע זענען אַרומגעלאָפן. טירן זענען געשטאַנען אָפן. דער רבי ר׳ דוד האָט גיך געהינקט אויף זיין קורצן פוס און געמאַכט עפּעס מיט די הענט. מאַטיאַס לערער איז שוין אויך געווען. אַ שוואַרצער האָט ער אַצינד אויסגעזען, אַן איינגעפאַלענער. ער האָט גערויכערט פּאַפּיראָסן און נישט דעררויכערט זיי ביזן סוף. אַלע מינוט איז געקומען צולויפן אַן אַנדער יינגל, געזאָגט עפּעס דעם רבין ר׳ דוד און געוואָרט מיט אַ צעטראָגן פּנים. דער דאַרער, גרינער יוקעלע האָט שטיל געוויינט. זאָל אים משהל שענקערס האָבן אַזוי שטאַרק געקנייפּט?

נאָר אָט גייט טאַקע משהל אַליין. עס זעט אויס, ווי ער וואָלט געגאַנגען צו מיר. איך בין דאָך מיט אים ברוגז, וואָס גייט ער עפּעס? אָבער משהל שטופּט זיך מיטן אויפגעבלאָזענעם בויך. זיין ווייך, מיידלעריש פּנים איז ווייס, ווי טייג. ער פאַרקרימט זיך:

— ווייסט — זאגט ער מיט אן ענג קול — דער רבי ר׳ יאנקעלע איז געשטארבן.

— אוי וויי איז מיר!...

כ׳ווייס נישט, צי האב איך דאס אזוי אויסגעשריגן, צי משהל אליין. נאר די שווערונג אויפן הארץ איז מיר פלוצלינג צוגעקומען צום האלדז און ס׳האט מיך גענומען שטיקן. כ׳האב נישט געזען, ווען יוקעלע איז צו אונדז צוגעקומען. כ׳האב נאר דערפילט זיין קליינע, גרינע האנט אויף מיין אקסל.

— דער רבי ר׳ יאנקעלע, דער רבי ר׳ יאנקעלע — האט ער זיך צעהעשעט.

ער איז אויסגעגאנגען, דער רבי ר׳ יאנקעלע אינמיטן דער נאכט. טאקע פון א שווערונג אויפן הארץ. ס׳איז אים צוגעקומען, האט מען גע־זאגט, צום האלדז און ס׳האט אים דערשטיקט.

— אלע זענען דא? — האט זיך פלוצלינג דערהערט דעם רבין ר׳ דודס צעשפאלטן קול.

— אלע!

— שטעלטס ענק אויס. זאל זיין שטיל.

מאטיאס לערער איז געשטאנען מיט א געזונקענעם קאפ און גע־קוקט אונדז אויף די פיס.

— רינט קיינעם נישט אריין אין די שיך? — האט ער געפרעגט אויף יידיש מיט א טיף קול, גארנישט קיין פארשיכורטס.

— קיינעם נישט.

— מ׳עט דארפן גיין צו דער לויה.

— מ׳עמיר אלע גיין.

דער רבי ר׳ דוד האט אויפגעהויבן א האנט, א לייריקע, אן דעם לע־דערנעם רימענדל.

— קינדער — האט ער אויסגערופן — אייער רבי, דער רבי ר׳ יאנ־קעלע, איז געשטארבן.

— נפטר געווארן — האט יוקעלע א כליפע געטון.

דער רבי ר׳ דוד האט פארמאכט די אויגן, א וויש געטון דעם שטערן און שטיל צוגעשאקלט מיטן קאפ:

— יא. נפטר געווארן.

מאטיאס לערער האט אונדז געהייסן גיין צו דער סקארשעווער רא־

גאַטקע. דאָרטן זאָלן מיר זיך אויסשטעלן צו דריי ייִנגלעך אין איין שורה און וואַרטן, ביז ער מיטן רבין ר׳ דוד וועלן אונטערקומען.

נאָך האַלבן טאָג האָט מען דעם רבין ר׳ יאַנקעלע אַרויסגעטראָגן פון זיין טאָכטערס שטוב. דער לאַנגער ייִד מיט די איבערגעבויגענע אַקס־לען איז אַצינד געלעגן אין אַ שמאָלן, קליינעם ארון, וואָס האָט זיך געווינגט אינדערמיט פון אַ מחנה שוואַרצע, גייענדיקע היטלען. צום העכסטן האָט זיך געהויבן דעם רבס אַטלאַסענער צילינדער און ר׳ אהרן מורה־הוראהס געל, אויסגעקנייפּט שטריימל.

ס׳איז געווען פּרייטיק. דער ווינט, וואָס האָט אינדערפרי געהאַט געריסן די בלעך פון די דעכער, האָט זיך אַצינד איינגעשטילט. דער שניי מיטן רעגן האָבן זיך פאַרהאַלטן איבער דעם קליינעם, שוואַרצן ארון, אַפּגעוואַרט — מן־הסתם, די קבורה.

געוועלבער האָבן זיך אויף דער גיך פאַרמאַכט. ייִדן זענען מיטגע־גאַנגען בעטן מחילה — ווער אין דער צווייטער גאַס אַריין, ווער ביז צו די „דרייביימער".

די גאַנצע שקאָלע מיטן רבין ר׳ דוד און מיט מאַטיאַס לערער בראש זענען געגאַנגען פאָראויס פאַר דער מטה, צו דריי אין אַ שורה. מיטן גאַנצן הארץ, מיט אַלע אונדזערע חושים האָבן מיר געזאָגט אין די נאָסע, קאַל־טע גאַסן אַריין:

— צדק לפניו יהלך, צדק לפניו יהלך...

אין יענעם טאָג בין איך צום ערשטן מאָל געווען אויפן בית־עולם. ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אַפילו די לעבעדיקע קאָנען שוין נישט פונדאַנען צוריקקומען, און כ׳האָב נאָר געקוקט, צי פאַרמאַכט מען נישט אַמאָל דאָס בית־עולם־טויער.

דאָ, ביי דעם בוים, וועט ליגן דער רבי ר׳ יאַנקעלע, דער געוועזע־נער וואַלד־סוחר, דער בעל־תנ״ך, דער גרויסער משכיל. מן־הסתם וועלן אים אַנטקעגנקומען די צוויי נביאים זיינע, ישעיהו און יחזקאל; מן־הסתם וועט דער נביא ירמיהו וויינען אויפן טויט פון אַזאַ ערלעכן, שיינעם ייִד.

אָבער פאַרוואָס לייגט מען דעם דאָזיקן שיינעם, ערלעכן ייִד אין אַזאַ נאַסן, שמאָלן גרוב אַריין? וואָס איילט זיך אַזוי דער גרעבער? ווייסט ער דען נישט, דער פאַרגרעבטער ייִד, אַז אַזאַ נפטר דאַרף מען באַהאַנד־לען איידל, אַזוי ווי ער איז אַליין געווען?

ס׳איז אָבער געווען פרייטיק. דער ווינט האָט געוואַרט. דער רעגן

איז שטיין געבליבן אינמיטן. דער רב מיטן מורה־הוראה זענען שוין לאנג געהאט אוועקגעגאנגען. די איבערגעבליבענע יידן איילן זיך שוין אויך צוריק אין שטאט אריין. ווייבער זעצן זיך איין אין די בריטשקעס. בעלי־עגלה־יונגען דינגען זיך. און דער ווינט האט זיך אויך דערמאנט, אז ס'איז שוין נאך דער לויה. ער האט א פייף געטון צווישן די טאפאליעס. פון דארט האט געגומען יאגן מיט שניי און מיט רעגן. פון קבר גייען שוין צוריק דעם רבין ר' יאנקעלעס טאכטער, דער איידעם און די צוויי יינגלעך זייערע. בלויז מאטיאס לערער, מיטן קליינעם, פארגרינטן יוקעלע — זיי שטייען אזוי לאנג, ביז אין פענצטערל פון זלמן גרעבערס קברים־שטיבל באווייזן זיך צוויי חלבנע שבתדיקע ליכטלעך.

***

אין שקאלע האט מען נאך א צייט דערנאך געהערט די טריט פון רבין ר' יאנקעלעס סקריפנדיקע שטיוול. די בליך־לאמפן האבן נאך זיין טויט געברענט מיט געלע פלעמלעך. ס'האבן נישט געהאלפן די נייע גלעזלעך, וואס מען האט אריינגעשטעלט, ס'האט אויך נישט געהאלפן דער נאפט, וואס מען האט געקויפט אין אן אנדער געוועלבל. עפעס איז אלץ אין אונדזערע אויגן געווארן געל. די ווענט מיט דער מאפע, דער פארטרעט פון משה מאנטעפיארע, אפילו דער רבי ר' דוד האט אויך געהאט א פארגעלט פנים מיט אונטערגעשלאגענע אויגן.

מאטיאס לערער האט נאך מער גערויכערט און הייזעריקער גע־בארכלט מיטן האלדז. געפאטשט און אונטערגעריסן אויערן האט ער ווייטער. נישט מער, משהל שענקערס האט אויך פון מאל צו מאל דער־שפירט דעם טעם פון לערערס האנט. און ער אליין, דער לערער, איז דורך דער צייט געווארן מיט א האלבן קאפ נידעריקער.

תנ"ך האט אצינד מיט אונדז געלערנט דעם רבין ר' יאנקעלעס איי־דעם, דער בלאנדער יונגערמאן, דער משכיל און ציוני.

ער האט געהאט א ווייס פנים, דער דאזיקער איידעם, א פארמאכטס, א שיטער, ארעם בערדל. זיין קול איז געווען א פלאכס. אז ער האט פאר־טייטשט א פסוק, איז ער ארויסגעקומען טרוקן און קאלט. מען האט גע־זאגט אויף אים, אז ער פאשעט אונדז מיט פאסטנע חלה און מיט אי־בערגעשטאנענער גריץ.

ס׳איז אמת געווען. אין זיין הארט, ניכטערן קול האבן די רייד פון די נביאים אויסגעזען, ווי מידע פליגן, וואס האלטן זיך מיט די לעצטע כחות אויף אפגעקילטע שויבן. ער האט נישט געשלאגן קיינעם, נישט געזאגט קיינעם קיין מוסר. ער איז נאר ארומגעגאנגען צווישן די בענק מיט א ווייך יאמשן־שטעקעלע און געקלאפט דערמיט איבער די טישן.

מען האט נישט געוווסט, ווי אזוי ער הייסט. אין די ערשטע וואכן האט מען אים גערופן — דעם רבין ר׳ יאנקעלעס איידעם. שפעטער אריין האט עמעצער געלאזט פאלן א ווארט — „פאסטנע חלה" — און אזוי איז עס שוין געבליבן.

מען האט אים נישט ליב געהאט און נישט פיינט געהאט. געקומען איז ער מיט א טענצלדיק טריטל, אפגעקלאפט א פאר שעה מיטן יאמשענעם שטעקעלע, אפגעמאלט די פאר פסוקים און אנטלאפן מיטן איינענעם טענצלדיקן טריטל אן א „גוטע־נאכט".

מען האט געזאגט, אז די „פאסטנע חלה" לערנט מיט אונדז אויף דערווייל. אז צום נייעם זמן וועלן מיר קריגן אן אנדערן רבין — איינעם מיט א שארפן קאפ, וואס האט שוין „געסקינטשעט" די גימנאזיע און פאר ועמען מיין זיידע האט אמאל געגייט בלויע מונדירלעך מיט זילבערנע קנעפ.

אבער צום נייעם זמן איז ווידער געבליבן די „פאסטנע חלה", און מיין זיידע האט שוין אינגאנצן אויפגעהערט צו נייען די בלויע מונדירלעך.

***

ס׳איז שוין געווען נאך פסח. איבערן סאד זענען שוין געשטאנען בלויע,ווארעמע פרימארגנס. אין שטוב האט מען נאך געשפירט דעם ריח פון קלאר־איבערגעצויגן בעטגעוואנט און פריש־געוואשענע פאדלאגעס. ווער זאל זיך ריכטן, אז אין אזעלכע בלויע פרימארגנס זאל מיין זיידע קענען שטארבן? אז איך האב שטענדיק געמיינט, אז דוד פרויקע, מיט זיינע לידלעך, מיט זיין פרייליעכקייט, וועט שטארבן דער לעצטער אין שטאט.

צום סוף איז ער נאך געלעגן אויף דער פאדלאגע לאנג און שמאל, אזוי ווי אן אפגעשטאנענער שלייען.

די טיר פון זיידנס שטיבל איז געשטאנען אויפגעפראלט. פרעמדע יידן האבן זיך געדרייט אריין און ארויס. אויף דער פלומפ פון הויף איז געזעסן וולאדעק, דער נארישער גוי, מיט זיינע צוויי ליידיקע קאנען, גע־שאקלט מיט דער פארקנוילטער באָרד און געברומט אין זיך אריין:

— נימא פאנא קראַוצא, נימא.

די מאַמע, וואָס איז ארויס פון שטוב באַגינען א צעשויבערטע, מיט נישט־פארקנעפלטע שיך, איז אצינד געלעגן אויף דער באבעס צוואר־פענעם בעט מיטן פנים אין קישן אריין און נישט זי איז געשלאפן און נישט זי האָט געוויינט. זי האָט נאָר ארויסגעגעבן פון זיך הייזעריקלעכע גרעבצן און אפגעאָטעמט מיט א שלוקעכטס.

די מומע מרים, דעם זיידנס אנדערע טאָכטער, איז געשטאנען איי־בער איר טאַטנס ווארשטאטל און גערעדט דערצו מיט א גראב קול, אזוי ווי מען רעדט צו א לעבעדיק באשעפעניש:

— און ווער וועט ביי דיר ארבעטן? און ווער וועט ביי דיר זינ־גען?

זי האָט עס איבערגערעדט א סך מאָל. ס'האָט אויסגעזען אז עס רעדט שוין עפעס אליין ארויס פון איר, אז זי איז נישטאָ דערביי. אינ־מיטן האָט זי זיך אזוי ווי אין עפעס דערמאָנט, צעוואָרפן די הענט אויף דער שטוב ארויס און שטייענדיק אויף איין אָרט גערופן:

— לאָזט מיך, לאָזט מיך צו צום טאַטן מיינעם.

נאָר וואָס האָט איר שוין געקענט העלפן דער טאַטע אירער, אז ער איז שוין נישט געווען אין אונדזער רשות. ס'איז שוין נישט געווען נישט איר טאַטע און נישט מיין זיידע. נאָר א גוף, א בר־מינן.

פון אונטער דער שווארצער דעק האָבן ארויסגעקוקט צוויי גראָבע פינגער פון די פיס, געלע, איינגעדאַרטע, ארומגעבונדן מיט שטרוי.

אין שטוב זענען געזעסן פרעמדע ווייבער. מען האָט דערציילט די שבחים פון זיידן. אויף דער קיך זענען די טעפּ געשטאנען קאלטע, אָפּגע־שפּרונגענע. אָבער דאָס אַלץ ארום האָט מען נישט געזען. מען האָט נאָר געזען די צוויי גראָבע, טויטע פינגער און די באָבע ראכל.

א קליינע, אן איינגעשרומפּענע, איז זי געשטאנען איבער איר טויטן מאַן און געשאָקלט מיטן דראָבנעם קעפּל אין דער שווארצער דעק אריין:

— דוד — האָט זי זיך אויסגעטענהט — ביי וועמען לאָזטו מיך איבער, דוד? ווער וועט קידוש מאכן, הע? ביסט דאָך אויסגעגאנגען, ווי

א ליכט. וואָלסטו מיר כאָטש געזאָגט: „ראָכל, ס'איז מיר עפּעס נישט גוט" — נעמסטו און דרייסט דיך אויס צו דער וואַנט און... שוין. אויף דעם האָב איך באַדאַרפט אָפּלעבן מיט דיר אַ לעבן, כ'זאָל דיך אַפילו נישט קענען ראַטעווען?

זי רעדט שוין אַזוי אַ גאַנצן טאָג, די באָבע. זי רעדט וואָס אַמאָל שטילער, וואָס אַמאָל טויבלעכער. זי וויל גאָרנישט נעמען אין מויל אַריין, אַפילו קיין גלעזל טיי נישט. זי בלייבט שטיל ערשט אויפדערנאַכט, ווען די צוויי ווייסע ליכט ביים זיידן צוקאָפּנס נעמען ברענען מיט אַ געלער פאַרנעפּלטקייט.

די נאַכט קומט אַריין שוואַרץ, אַזוי ווי די דעק אויפן בר־מינן. אַ שוואַרצער ייד מיט אַן אונטערגעבונדענער באָרד זאָגט תהלים. די מאַמע שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף אַ קאָפּ־שטיק פון דער באָבעס בעט, די מומע מרים — אויפן צווייטן, איך צוזאַמען מיט דער מומע מרימס קינדער קנוילן זיך איין אין דער ברייט פון איינענעם בעט. די באָבע אַליין רוקט צו איר קופּערטל נענטער צום בר־מינן — זי בלייבט דאָרט אַ גאַנצע נאַכט היטן די צוויי געלע, טויטע פינגער...

צומאָרגנס נאָך האַלבן טאָג איז געווען די לויה. מען האָט גענוואָרט אויפן זיידנס צוויי זין: אויפן פעטער אברהם־אייזיק פון וואַרשע, וואָס האָט געקאָנט מאַכן פייגל אין דער לופטן און איז געווען אַ ביטערער אָרעמאַן, און אויפן פעטער לייזער פון לאָדזש, וואָס האָט נישט געקאָנט מאַכן קיין פייגל אין דער לופטן און איז געווען אַ ייד אַן עושר.

דער לאָדזשער איז געקומען מיט אַ נגידישלעך הוטל, מיט אַ שניי־ווייס טיכל, וואָס ער האָט כסדר גענומען צו דער נאָז. דער וואַרשעווער — אין אַן אכט־קאַנטיק היטל, אין ברילן, אַ דאַרער, מיט אַ בלאָנדער, אויסגעקעמטער באָרד. ער האָט אַרויפגעלייגט ביידע הענט צוזאַמען מיטן קאָפּ אויפן אָרון. פעטער לייזער פון לאָדזש איז געגאַנגען מיט פאַמעלעכע טריט און פון צייט צו צייט אומגעקוקט זיך אויף צוריק.

דער רב מיטן מורה־הוראה זענען נאָך מיין זיידנס לויה נישט נאָכגעגאַנגען. קיין געוועלבער האָט מען נישט פאַרמאַכט. קיין חדר־יינגלעך האָבן נישט געזונגען „צדק לפניו יהלך". מען האָט נישט געוווסט, ווער ס'איז געשטאָרבן. אַ גאַנצע שטאָט יידן האָט נישט געוווסט. בלויז די זון, קאָן זיין, האָט יאָ געוווסט. זי איז געלעגן אויפן אָרון, אויף די אַקסלען,

פאר די טריט פון די פערד — א שטייגער, ווי דער עמוד האש, ווען די
יידן זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים.

# קאפיטל דרייסיק

נאכן טויט פון זיידן איז טרויעריק געווארן אין אונדזער משפחה. דער רייכער פעטער לייזער איז נאך אין אייגענעם טאג צוריקגעפארן קיין לאדזש. דער ארעמער אברהם־אייזיק איז געבליבן זיצן שבעה ביי דער באבע ראכל אין שטיבל. מען האט דערציילט מעשיות פון זיידן. פעטער אברהם־אייזיק, וואס איז אליין געווען א שניידער, האט א טאג נאך דער שבעה ארויסגעפארטיקט דאס לעצטע בלויע מונדירל, וואס דער זיידע האט געהאט אנגעהויבן.

אויפדערנאכט איז ער איינגעזעסן אין יארמע בעל־עגלהס אמניבוס און אװעקגעפארן צוריק קיין ווארשע צו זיין ווייב און קינד.

די באבע איז געבליבן איינע אליין אין קליינעם, ווייסן שטיבל. עס האט קיינער נישט געפרעסט. ס'האט קיינער קיין לידלעך נישט געזונגען. דער איינציקער אפהיטער אירער איז געווען וולאדעס, דער נארישער גוי.

האט די באבע גענומען אביסל אויספארקויפן און אביסל צעטיילן פון דער ירושה, וואס איז געבליבן פון זיידן. פעטער אברהם־אייזיק האט מיטגענומען קיין ווארשע טלית־און־תפילין, א פאר מחזורים, וואקס און א טעווועלע נאדלען. מיין מאמע האט געקריגן ס'פסחדיקע געפעס מיט אליהו הנביאס כוס. די באבע אליין האט איבערגעלאזט פאר זיך נישט מער, ווי דעם זיידנס ווארשטאטל און איר אייגן קופערטל. מיטן דאזיקן ביסל ווירטשאפט האט זי זיך געברענגט צו ציען צו דער מומע מרים.

די מומע מרים האט שוין דעמאלט געוווינט אין א גרויס געמויערט הויז מיט א לאנגן, פיר־קאנטיקן הויף. איר שטוב מיט דער קיך איז געגאנגען אויף א גאניק. ס'איז געווען ענג. אבער פאר דער באבעס א בעט, פאר איר קופערטל און פארן זיידנס אויסגעהארעוועט ווארשטאטל האט זי נאך געפונען אן ארט.

דאכט זיך, אז אצינד, נאכדעם ווי די מומע מרים האט אויך גע־

טוישט איר דירה און נאָכדעם ווי די באָבע איז אויף אירע אַלטע יאָר פאַרוואַנדלט געוואָרן צו אַ קינד, איז נישט געווען קיין שום שכל, מיר זאָלן נאָך אַלץ בלייבן אין קרימינאַל־געסל. מכל־שכן, אַז די מאַמע האָט שוין לאַנג געוואָרפן אַן אומחן אויף אונדזער דירה.

האָט זי זיך גענומען נאָכפרעגן אויף אַזאַ דירה, וואָס זאָל זיין טרוקן און וואַרעם און זאָל נישט קאָסטן טייער.

דאָס נאָכפרעגן זיך האָט דאָס מאָל געדויערט לענגער ווי תמיד. נאָר אַז ס'האָט אָנגעשלאָגן דער גויאישער „שווענטי יאַן" און ס'האָבן זיך געשטעלט גרויסע היצן — האָט מען אויפסניי פאַרלאַדעוועט אונ־דזער ביסל ווירטשאַפט אויף אַ וועגעלע אַרויף, געזעגנט זיך מיט די שכנים און מיטן שיינעם סאַד, און פאַרקליבן זיך מיט מזל אויף דער אייגענער גאַס אַרויס, וווּ ס'האָט געלעבט און ס'איז געשטאָרבן דער זיידע דוד־פרויקע.

אַז איך האָב אַ קוק געטון אויף דעם נייעם מקום, וווּהין מען האָט אַרויפגעטראָגן אונדזער שאַנק מיט די בעטן, איז מיר פאַרגאַנגען אַ גע־וויין הינטערן האַרץ. דער טאַטע, וואָס האָט דאָס מאָל געהאָלפן איבער־ציען זיך, איז אַ ווײַלע שטיין געבליבן מיט אַ פאַרלוירן פּנים. נישט אַנ־דערש, נאָר ער איז על־פּי־טעות אַריין אין אַ פרעמדער שטוב און געטראָפן אויסטון זיך אַ נקבה.

וואָס איז דאָ דער מאַמען געפעלן געוואָרן? פאַרוואָס האָט זי אויס־געטוישט דעם סאַד מיטן גאָרטן אויף דער דאָזיקער צעפאַרענער קרעטש־מע? די פענצטער דאָ זענען דאָך גאָר קיין פענצטער נישט. צוויי טויבענ־שלאַגן שטייען אויפגעשטעלט אויפן דאַך. ס'ברענט אַ העלישע היץ אויף דער בלעך. איז וואָס, אַז מען זעט פונדאַנען די גאַנצע וואַרשעווער גאַס מיט אַלע קוימענס אויף די דעכער? אָבער פון אונטן, וווּ עס שטייען די שטאָט־דראָזשקעס, שלאָגט דאָך אַרויף אַ ריח פון פערדישער השתנה!

אפשר איז דער מאַמען געפעלן געוואָרן דאָס, וואָס אונדזערע פענצ־טער זענען געווען די איינציקע אויפן דאַך? און אפשר דאָס, וואָס אונטן, אויף דער גאַס, האָט דער משוגענער לייבל אַ גאַנצן טאָג אונטערגע־שפּאַרט די מויער און געקייעט פערדיש מיסט?

אַז אפילו קיין געשמירטע פּאָדלאָגע האָט די נייע דירה אויך נישט געהאַט. און וווּ איז אַהינגעקומען די קיך? ס'איז דאָך גאָר קיין קיך נישטאָ. איין שטוב איז עס. אַ גרויסע, ווי אַן איינפאָר־הויז, מיט אַ ני־

דעריקן בעליק, מיט א צעשוומענעם, אלט־פרענקישן לײמענעם אויוון, מיט צווײ קעמערלעך אויף ביידע זײטן װענט, פונוואנען עס גייט א ריח פון קעז.

מוז זײן, אז דער מאמען איז געפעלן דאס װינקל צווישן אויוון און צווישן דער וואנט, וואס זי רופט עס אן אלקיר.

— אז מען וויל — זאגט זי — איז עס נישט קיין אלקיר, נאר א גאנצע שטוב. מען קאן דא — זאגט זי — אװעקשטעלן צווײ בעטן מיט א קאמאדע, פארהענגען מיט א פארהאנג און פארדינגען עס פאר א שטוב. און אונטן —זאגט די מאמע — אויפן ערשטן שטאק, וווינט דער נאטשאלניק פון פאוויאט און די שטיגן זענען געפארבט אויף רויט.

דער נאטשאלניק פון פאוויאט וווינט טאקע אויפן ערשטן שטאק, אבער די שטיגן זענען געפארבט אויף רויט נאר ביז צו זײן טיר.

צו אונדז האט מען שוין געמוזט ארויפקלעטערן דורך קרומע, פאר־שטויבטע טרעפ. מען האט געמוזט פארבייגיין פאר א בוידעם, וווּ עס זע־נען געהאנגען שטיקער פרעמדע וועש און געשראקן מיט זייערע הוילע גופים. מען האט געמוזט שארן מיט די פיס, טאפן מיט די הענט, מען זאל נישט אנטרעפן אויף די קעז, וואס זענען דא ארויפגעקומען אפווײ־נען זיך און אפשרייען פון האריץ.

אפילו דער הויף אין דער נייער דירה איז אויך נישט געווען יענער, וואס אין קרימינאל־געסל. דא איז ער געווען אן ענגער, א פארמאכטער, מיט מויערן, מיט גאניקלעך, וואס האבן געפירט אין קעמערלעך אריין פון האלז און פון הינער. די איינציקע באשיינונג דא איז געווען די קײלעכ־דיקע, גרינע פלומפ.

דא, האב איך געטראכט, אויף דעם הויף, קאן מען שוין קיין מעשיות נישט דערציילן. דא וועל איך שוין קיין יאנקל יארמע בעל־עגלהס נישט האבן. קיין אמניבוס אוודאי און אוודאי נישט — טא ווו וועל איך מיך דא אהינטון?

מיר איז שטארק טרויעריק געווען אויפן האריץ. אזוי טרויעריק, אז א סך מאל האב איך מיך ארויפגעכאפט אין קרימינאל־געסל אריין א קוק טון אויפן סאד דארט, אויפן גארטן און אויף אונדזערע פענצטער, ווו עס זענען שוין אצינד געשטאנען גויאישע בלומען־טעפ.

נאר גאט פארלאזט נישט. אז מען האט אפגעוווינט א שטיקל צייט, האט די מאמע געשלאסן קאנטשאפט מיט איינער א שכנטע, וואס אין

גאַר געווען אַן אַנדער מענטש, מיט גאַר אַן אַנדער געשטעל, ווי אַלע ביז־איצטיקע אונדזערע שכנטעס.

— ס'איז נישט קיין יידענע — האָט די מאַמע געזאָגט — נאָר אַ פּרוי.

די דאָזיקע פּרוי איז געגאַנגען אין די אייגענע האָר, נישט גע־בענטשט קיין ליכט און קיינמאָל נישט געגאַנגען אין שול אַריין. פונ־דעסטוועגן האָט מיין מאַמע און נאָך אַנדערע ווייבער געזאָגט, אַז רייזע־לע די ווייַן־הענדלערין איז אַ צדיקת און אַ כשרע יידישע נשמה.

רייזעלע אַליין איז געווען אַ נידעריקע, אַ דיקלעכע, מיט אַן אויס־געפּופלט גוידערל. זי האָט גערעדט מיט אַ נגידישלעך שלוקעכצל און אַליין געפירט אַ געוועלב פון ווייַן, פון קיכלעך און פון צוקער־לעקעך.

רייזעלע, די פרוי, האָט געקענט רעדן דייטש און שרייבן פראַנצוי־זיש. אין איר ווייַן־געוועלב איז זי געזעסן אין אַ שוואַרץ, אַלפּאַגן פאַר־טוך, פאַרמאַכט פון אויבן ביז אַראָפּ, און דורך אַ פּאָר גאָלדענע ברילן האָט זי געלייענט ביכלעך אויף פרעמדע לשונות.

פון יאָר צו יאָר איז רייזעלע געפאָרן אין די וואַרעם־בעדער, צוריק־געקומען פון דאָרט אַן אָפּגעצערטע. אין שטוב האָט זי געהאַלטן אַ גוי־איש דינסטמיידל, און כאָטש זי אַליין איז געווען געלערנט און האָט גע־קאָנט שמועסן אַפילו מיטן גובערנאַטאָר, האָט זי פונדעסטוועגן דעם דינסטמיידל נישט געזאָגט „דו", נאָר „פּאַני".

נגידישע ווייבער האָבן עס איר פאַרגעהאַלטן:

— רייזעלע — האָבן זיי געטענהט — ווו איז דאָס געהערט גע־וואָרן? זי מאַכן דאָך קאַליע די דינסטן!

האָט רייזעלע געענטפערט, אַז דער רבש"ע האָט באַשאַפן אַלע מענטשן גלייך. נישט מער, די מענטשן האָבן זיך אַזוי איינגעטיילט מיטן וועלטל, אַז איינעם זאָל זיין גאָר גוט און דעם אַנדערן — גאָר שלעכט. וואָס איז, נעבעך, דאָס שיקסל שולדיק, אַז זי מוז זיין אַ דינסט ביי יע־נעם? און איז זי שוין יאָ אַ דינסט — פאַרוואָס קומט איר, מען זאָל זי מבייש זיין?

די נגידישע ווייבער האָבן געהאַלטן רייזלען פאַר אַ שטיקל חסר־דעהטע. זיי האָבן אין דער שטיל געמאַכט פון איר חוזק און געזאָגט, אַז דאָס מאַכט זי אַזאַ אָנשטעל — כדי מען זאָל מיינען, אַז זי איז טאַקע עפּעס.

פאר דאס אבער האבן די אָרעמע ווייבער שוין גארנישט חוזק גע־מאכט פון רייזעלען די פרוי.

זיי האבן געזאגט, אז אזא רייזעלע מיט אזא מאן, ווי זי האט, דארף מען זוכן אויף דער גאנצער וועלט מיט ליכט.

ס'קאן טאקע זיין, אז אזא ייד, ווי ס'איז געווען ר' מנחם, רייזע־לעס מאן, האט מען אויף אן אמת באדארפט זוכן מיט ליכט.

קודם־כל דערפאר, וואס ער איז געווען אן אויסטערליש הויכער. פון הויכקייט האט ער זיך אזש איבערגעבויגן. ביי דער גאנצער הויכקייט האט ער נאך געהאט א הויקער.

דער איינציקער הויכער הויקער אין אונדזער שטאט און אפשר גאר אויף דער גאנצער וועלט.

א ייד, א כהן, א בייזער, א למדן און א משכיל, האט ער געמוזט אויף זיינע עלטערע יארן ווערן א בוכהאלטער ביי איינעם א ייד אן עושר, מיט א ריין צעקעמטער באָרד, מיט אויסגעפוצטע, סקריפנדיקע שטיוועלעך און מיט א פויערישן קאפ.

ר' מנחם האט, פונקט אזוי ווי זיין ווייב, אויך נישט געהאלטן פון ליכט־בענטשן און נישט פון גיין דאווענען.

— זאל גיין — האט ער געזאגט — מיין בעל־הבית. ער איז א גנב און גנבים האבן מורא פאר גאט.

אז מען האט אים פארגעהאלטן, הלמאי ער רעדט אזוי אוים אויף אן אייגענעם בעל־הבית, האט ר' מנחם פארקנייטשט זיין ביינערדיק פנים און געענטפערט:

— כ'האב אים דען געבעטן, ער זאל ווערן מיין בעל־הבית? און צווייטנס, דער רבש"ע האט אים אויך פיינט. דריי זאכן האט דער רבש"ע פיינט: משומדים, חזירים און גבירים.

ר' מנחם האט געטראגן א הארטן, שווארצלעך־פארשטויבטן קאפע־לוש, א סוחרישן, לאנגן סורדוט מיט א שפאלט פון הינטן און א פאר נישט־אויסגעפוצטע שטיבעלעטן. ער האט אבער דעם הילוך זיינעם נישט איבעריק ליב געהאט.

— א מענטש — האט ער געטענהט — זאל דיר נישט טארן גיין אנגעטון, אזוי ווי ער וויל און אזוי ווי אים געפעלט.

— אוודאי — האבן באלעבאטישע יידן אביסל אפגעחוזקט פון אים

— פארוואס זאל אזא ייד, ווי ר׳ מנחם, נישט טראגן קיין סאמעטן היטל מיט קיין זיידענער קאפאטע?

ר׳ מנחם האט פארשטאנען דעם חוזק און אפגעענטפערט, אז אין א סאמעטן היטל איז גוט אריינצומלאכהנען און פון די אטלאסענע קאפאטעס דארף מען מאכן אונטערהויזן פאר ווייבער.

— יידן זענען דען אזוי אמאל געגאנגען? — האט ער זיך געקאכט

— אדרבא, ווייזט מיר, ווו שטייט עס אין דער תורה, אז יידן זענען פאר־צייטנס געגאנגען אין אטלאסענע קאפאטעס מיט סאמעטענע היטלען? ס׳איז דען נישט שענער און געזונטער צו גיין אין בלויזן קאפ, אן שיך און אן די אלע נארישע בגדים?

— איר גייט דאך שוין אין א סורדוט, וואס ווילט איר נאך?

— דער סורדוט טויג אויך אויף כפרות. דאס האט מיך מיין ווייב אזוי אויסגעשלייערט. ווען מען זאל פרעגן מיך, וואלט איך אלע געהייסן גיין אין פעלערינעס. נישטא קיין בעסערס, ווי פעלערינעס. ס׳איז פריי, לופטיק און מען האט ווו די הענט אהינצוטון.

— פונקט ווי טשאפעלע דער קונצנמאכער, אדער ווי דער שניידער דוד־פרויקע — האבן יידן געשמייכלט אין די בערד אריין און שטילער־הייט געסודעט זיך, אז מנחם בוכהאלטער איז אויך א שטיק חסר־דעה.

— טשאפעלע דער קונצנמאכער און דוד־פרויקע דער שניידער — איז ר׳ מנחם רויט געווארן — זענען דעם רבש״ע ליבער, ווי איר מיט אייערע פארשמאלצענע קאפאטעס און גנבהשע שטיקלעך. טשאפעלע קאן כאטש ווייזן קונצן, דוד־פרויקע — אויפנייען א מלבוש, און וואס קאנט איר? אז אפילו א פרשה חומש מיט רש״י קאנט איר רעכט נישט פאר־טייטשן.

ר׳ מנחם אליין האט יא געקענט. מען האט געזאגט, אז פון צופיל קענען איז ער געווארן אן אפיקורס און גענומען עוסק זיין אין ציונות. מיט יארן צוריק האט ער זיך געחברט מיט איינעם ר׳ ישראל לערער, וואס האט פארלייגט די נייע שקאלע און ארויסגעלאזט א דור „גויים״. ר׳ מנחם מיט ר׳ ישראלן האבן א גאנץ לעבן גערעדט פון ספרים, טאג און נאכט זיך מתוכח געווען און געריסן זיך ביי די בערד בשעתן שפילן אין שאך.

נאר זינט ר׳ ישראל לערער איז געשטארבן, האט ר׳ מנחם מיט

קיינעם קיין קאנטשאפט נישט געפירט, אויסער מיטן ליטווישן מלמד, וואס האט גערויכערט א לולקע ציביק און געהאלטן אין איין פרעגן:

— צי ס'איז דא א רבש"ע, צי ס'איז נישטא קיין רבש"ע?

איז א ווונדער, וואס אויף מיר האט געמאכט א גרויסן רושם די קאנטשאפט מיט עוזרן, מיטן יינגסטן זון פון ר' מנחם בוכהאלטער און פון רייזעלע די ווייז־העגדלערין?

פון עוזרן האב איך געהערט נאך ביי סימע־יוספן אין חדר. מען האט דערציילט, אז ער איז אזא בייזער, ווי דער טאטע זיינער, אז ער וואשט זיך נישט צום עסן און גייט ארום אין בלויזן קאפ. אויך אים, עוזרן, האט מען אין שטאט געהאלטן פאר א שטיקל חסר־דעה. אבער, אז כ'האב געשלאסן קאנטשאפט מיט אים, האב איך איינגעזען, אז אלץ, וואס מען האט גערעדט אויף אים, איז שקר וכזב.

ער איז גאר געווען אן אנדערער, דער דאזיקער עוזר. גארנישט פון יענעם שנים, וואס יאנקל יארמע בעל־עגלהס און גארנישט ווי די יינגלעך פון דער נייער שקאלע.

עוזר איז געווען דאר און הויך, שוין באלד אזוי הויך, ווי דער טא־טע זיינער. ער האט געהאט יענעמס ביינערדיק פנים און יענעמס שוואר־צע אומרואיקע אויגן. קיין הויקער האט עוזר נישט געהאט.

אז איך האב מיך באקענט מיט אים, איז ער שוין געגאנגען אין דער רוסישער גימנאזיע. ער האט געטראגן א בלוי מונדירל מיט זילבער־נע קנעפ וואס מיין זיידע האט געהאט אמאל פאר אים אויפגענייט. מיט דער צייט זענען די זילבערנע קנעפ געווארן געל, ווי מעש. דאס מונדירל אליין האט געביטן די קאליר פון בלוי אויף גרין. אבער עוזרן האט עס נישט געארט. ס'האט אים אויך נישט געארט, וואס פון זיין געדיכטער, שווארצער טשופרינע איז געגאנגען א טרוקענער שטויב. ער האט זיך נישט ליב געהאט צו קעמען. ער האט אויך נישט ליב געהאט דעם וויין מיט די קיכלעך פון זיין מאמעס געוועלב. ער האט געהאלטן, אז ס'בעס־טע עסן אויף דער וועלט זענען טרוקענע זעמל, קנאקנדיקע, גאר־וואס פון אויוון ארויס.

ער האט טאקע געברענגט א סך זעמל אויפן הויף ארויס, אוועקגע־לייגט זיי אויף דער פלומפ, אדער אויף די שטיינער, ארויפגעזעצט זיך אויף זיי, ווי א הון אויף אייער, און פון דארט ארויס געקנייפט און געלייגט אין מויל אריין.

ער איז, חלילה, נישט געווען קיין פרעסער, עוזר, קיין הונגער האָט ער אויך נישט געליטן.

— נאָר אַזוי — האָט ער געזאָגט — איז אים בעסער צו קלערן און צו רעדן.

און רעדן האָט עוזר ליב געהאַט.

אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן, ווען די זון איז אַ צעשטויבטע אַריינ־געפאַלן צו אונדז אין הויף אַריין, און איך בין שוין געהאַט געקומען פון שקאָלע — האָבן מיר זיך ביידע געטראָפן ביי דער פייכטער פלומפּ, אָדער אויף איינעם פון די גאַניקלעך, וואָס פירן אין די קעמערלעך אַריין.

עוזר האָט גערעדט פּאַמעלעך. ער האָט צוערשט געטראַכט, דערנאָך געזאָגט. ער האָט, אייגנטלעך, מער געפרעגט, ווי גערעדט.

כ׳האָב קיינמאָל נישט געזען, עוזר זאָל לאַכן, אָדער ער זאָל דער־ציילן אַ מעשה צום לאַכן. ער האָט בכלל נישט געהאַלטן פון קיין מע־שיות. ער האָט געזאָגט, אַז אַלע מעשה־ביכלעך זענען אויסגעטראַכט פון קאָפּ.

כ׳ווייס נישט, צי האָב איך עוזרן ליב געהאַט. כ׳האָב מיר קיינמאָל נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון. נאָר, אַז עס ציט מיך צו אים שטאַרקער, ווי אַמאָל צו יאַנקל יאַרמע בעל־עגלהס און ווי היינט צו די חברים פון שקאָלע — דאָס האָב איך יאָ געשפּירט. אַ סך מאָל, אין שלאָף, צי אַפילו אין שקאָלע, זענען עוזרס רייד געלעגן מיר אויפן האַרץ ווי אַ שטיין. כ׳האָב געפילט, אַז ס׳איז מיר שווער מיט עוזרן, אָבער נאָך שווערער איז געווען נישט צו טרעפן זיך מיט אים.

— דו גלויבסט אין גאָט? — האָט ער מיר איינמאָל אין אַ פאַר־נעם פאַרנאַכט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף אַן אַקסל און אַ קוק געטון גלייך אין פּנים אַריין.

כ׳ווייס נישט, צי מיר איז געוואָרן ענג פון דער היץ, צי פון עוזרס קשיא. איבערן רוקן איז מיר דורכגעלאָפן אַ שוידער פון קאָפּ ביז אין די פינגער פון די פיס.

וואָס האָב איך געקענט עוזרן ענטפערן? זינט איך לעב האָט מיך נאָך קיינער אַזאַ קשיא נישט געפרעגט. און קאָן מען דען אינגאַנצן אַזאַ קשיא פרעגן? וואָס הייסט, צי כ׳גלויב אין גאָט? און ווער גלויבט דאָס נישט?

— האָסט מורא צו זאָגן?

— כ'האָב נישט קיין מורא. פאַר וועמען זאָל איך מורא האָבן? נאָר מען טאָר דאָך נישט.

— ווער האָט דיר געזאָגט, אַז מען טאָר נישט?

— ס'שטייט אין דער תורה.

— וואָס מיינסטו, איז די תורה?

— הייליק.

עוזר האָט זיך אַביסל אָפּגערוקט פון מיר. אין הויף אַריין איז מיט געלאָסענע טריט אַריינגעקומען דער משוגענער לייבל, דער אייגענער, וואָס שטייט א גאַנצן טאָג אויף דער גאַס און קייעט דעם אָפּפאַל פון די פערד.

צווישן מיר מיט עוזרן איז געוואָרן זייער שטיל. מיר האָבן דעם משוגענעם לייבל נאָכגעקוקט, ביז ער איז פאַרשוואונדן אין זיין טאַטנס שטוב אַריין. דערנאָך האָט זיך עוזר אָנגערופן:

— ווייסטו, פאַרוואָס ער איז משוגע געוואָרן?

— כ'ווייס נישט.

— ווייל ער האָט געוואַרט אויף משיחן און האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן.

— אַלע יידן וואַרטן אויף משיחן.

— וועלן אַלע יידן משוגע ווערן.

ס'האָט מיך אָנגעהויבן שווינדלען. נישט אַנדערש, נאָר עוזר איז טאַקע א שטיק חסר־דעה. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז כאָטש אויפן הויף איז קיינער נישטאָ און כאָטש קיינער הערט אונדז נישט — וועט זיך פונדעסטוועגן א ליאַדע מינוט אַראָפּלאָזן אויף אונדז א האָגל מיט פייערדיקע שטיינער.

כ'האָב מורא געהאַט מיט עוזרן לענגער צו זיצן. א גאַנצע נאַכט האָב איך געזען עוזרן מיט אַן אויסגעקרימט מויל. כ'האָב אים געזען אַרומלויפן איבער די גאַסן מיט הערנער און מיט א קאָזע־בערדל. איך בין נאָכגעלאָפן און געבילט אויף אים. נישט אַנדערש, נאָר עוזר איז מגולגל געוואָרן אין א שד, און איך — אין א הונט.

צומאָרגנס האָבן מיר זיך ווידער געטראָפן. איך האָב עוזרן וועגן מיין חלום נישט דערציילט. אָבער כ'האָב גוט אַכטונג געגעבן, צי האָט ער טאַקע נישט קיין הערנער און קיין קאָזע־בערדל.

א צווייט מאָל האָט מיר עוזר א נייע קשיא געשטעלט:

— האסט געלערנט חומש?
— כ'האב געלערנט.
— ווי אזוי די וועלט איז באשאפן געווארן, ווייסטו?
— כ'ווייס. ס'שטייט אין „בראשית".
— און מיין טאטע זאגט, אז קיינער ווייסט נישט. דאס, וואס עס שטייט אין „בראשית", איז א מעשה.
— א מעשה?
— יא, א מעשה. מיין טאטע זאגט, אז ס'איז א שיינע מעשה, אבער זי איז נישט אמת.
— און דו גלויבסט, וואס דיין טאטע זאגט?
— מיין טאטע קען גאנץ חומש מיט רש"י, מיט תנ"ך, אפילו גמרא מיט תוספות קען ער אויך. ער זאגט, אז דאס אלץ האבן געשריבן מענטשן.
— און דו וואס זאגסטו?
— איך ווייס נישט. מיין טאטע לערנט מיט מיר תנ"ך. ער זאגט, אז א ייד דארף אלץ קענען. כ'מעג נישט האלטן דערפון, אבער קענען מוז איך.
— און תפילין וועסטו לייגן?
— כ'ווייס נישט. נאר דער טאטע לערנט מיך די דינים.
איך האב סיי־ווי־סיי געוווסט, אז עוזר קען א סך מער פון מיר. אבער צו וואס פרעגט ער אזעלכע אויסטערלישע קשיות? האט ער גאר קיין מורא נישט?
— אדרבא, אז דיין טאטע איז שוין יא אזא חכם, טא זאל ער מיר זאגן, ווער עס האט באשאפן די וועלט.
— קיינער נישט — ענטפערט עוזר — זי האט זיך אליין באשאפן.
— וואס הייסט אליין? וועלכע זאך טוט זיך דאס אליין?
— זעסט דאך.
— כ'זע גארנישט.
— און אז כ'על דיר שוין זאגן — ווערט עוזר אין כעס — וועסטו דען וויסן?
— אוודאי וועל איך וויסן.
— נו, שוין. די נאטור האט באשאפן די וועלט.

— די נאטור? — בלייב איך צוריקגעזעצט — ווער איז עס נאטור?

— זעסטו שוין, אז דו פארשטייסט נישט?

כ׳פארשטיי טאקע נישט. אבער כ׳גיב מיך אזוי שנעל נישט אונ־טער:

— און משה רבנו? און די לוחות?

— מען ווייסט נישט, צי ס׳איז געווען א משה רבנו.

ער האט מיך אין דער מינוט אנגעכאפט ביי דער האנט און צוגע־דריקט זיך צו מיר. פון זיין מויל איז געגאנגען א הייסער ריח. אין די אויגן איז געווען עפעס אזעלכעס, וואס כ׳האב נישט געקענט אנרופן מיט קיין קלארן נאמען. נאר אזוי, מוז זיין, זעט אויס איינער, וואס גייט משוגע ווערן.

כ׳האב מיך דערמאנט, ווי אזוי דער רבי ר׳ יאנקעלע ע״ה האט גע־לערנט מיט אונדז תנ״ך. זיין ישעיהו און זיין יחזקאל האבן דאך יא גע־לעבט. און דעם רבין ר׳ דודס משה רבנו האבן מיר דאך אלע געזען. און גלאט, ווי אזוי קאן עוזר זאגן, אז משה רבנו איז גארנישט געווען, אז ביי אונדז אין שטוב און אין א סך אנדערע יידישע שטובן הענגט זיין פארטרעט אויף דער וואנט. און חוץ לזה — ווער איז געגאנגען צו פרעהן? ווער האט די יידן ארויסגעצויגן פון מצרים? ווער האט צעבראכן דעם עגל־הזהב? שוין־זשע זאל א גאנצע וועלט יידן זיין משוגע, נאר איין עוזרס טאטע איז דער מיושבדיקער?

איך האב פאר דעם ייד מורא געקריגן. מיר האט זיך אויסגעוויזן, אז דער הויקער זיינער איז א לעבעדיק נפש, ער קוקט אויף מיר מיט לע־בעדיקע אויגן און לאכט מיר גלייך אין פנים אריין:

— אוודאי זענען אלע יידן משוגע. וואס דען, זיי זענען נישט משוגע?

עוזר אליין איז געווארן אין מיינע אויגן אויך א בייזער הויקער. זיי־נע רייד האבן מיך געפייניקט. זיי האבן מיר צוגענומען דעם טאטן מיט דער מאמען, ד י וועלט און יענע וועלט. ס׳האט זיך מיר אויסגעוויזן, אז שבת איז קיין שבת נישט, און יום־טוב איז קיין יום־טוב נישט.

און דאך האב איך מיך פון עוזרן נישט געקאנט אפרייסן, ער האט מיך געשראקן און געצויגן. און א חוץ לזה, האט עוזר א סך מאל פאר־געסן אין זיין טאטנס רייד און איז געווארן א חבר מיט חברים גלייך, א ייִנגל, ווי אלע ייִנגלעך.

ער איז דאָך שוין נעגאַנגען אין גימנאַזיע, און מען האָט אים דאָך געהאַלטן פאַר אַ סטודענטל — פונדעסטוועגן איז ער ארויפגעקומען צו אונדז אין שטוב אריין, שפּילן שבת־צונאַכטס אין „טערנישקע", און ווען די מאַמע איז נישט געווען — אין „פאַרשטעלטע".

דאָס איז געווען איינע פון אונדזערע שענסטע און בעסטע שפּילן. עוזר האָט ארויסגעבראַנגט פון זיין מאַמעס געוועלב קאָלירטע פּאַפּיר־לעך. מיר האָבן די פּאַפּירלעך באַשפּיגן, איז געגאַנגען פון זיי פאַרב. מיט דער דאָזיקער פאַרב האָבן מיר זיך באַשמירט די פּנימער, די נעז, איבער־געדרייט די בגדים אויף דער לינקער זייט, און מיט בעזימער אין די הענט האָבן מיר געשפּרייזט איבער אונדזער גרויסער, צעפּאָרענער שטוב. עוזר איז געווען משה רבנו, איך — דאָס פאָלק ישראל. דאָס האָט ער מיך אַצינד ארויסגעפירט פון לאַנד מצרים.

— קום — האָט ער געזאָגט — לאָז איבער פּיתום מיט רעמסס און לאָמיר גיין אין לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און מיט האָניג. גענוג גע־האָרעוועט פאַר פּרעהן, גענוג געווען קנעכט.

ער האָט מיך אָנגענומען ביי דער האַנט און געזאָגט:

— אַסטראָזשניע, פאָלק ישראל. דאָס איז דער ים. פאַל נישט אריין. באַלד וועט ער זיך שפּאַלטן. אָ, זע, די וואַסערן צערוקן זיך שוין אויף רעכטס און אויף לינקס. קום, האָב נישט קיין מורא.

מיר זענען אריין אין ים. ס'הייסט — אריבערגעשפּרייזט דאָס לאָקשן־ברעט, וואָס איז געלעגן אינמיטן שטוב. אז מיר זענען שוין גע־ווען אויף יענער זייט ים, טרוקענע און גאַנצע, האָבן מיר זיך אוועקגע־שטעלט זינגען שירה און צוגעקוקט זיך, ווי אַזוי די מצריים מיט זייערע פערד און רייטוואָגן ווערן פאַרגאָסן.

דאָס שפּיל איז געווען גאַנץ שיין. אָבער מיך איז אַ סך מאָל באַפאַלן אַן אויסטערלישע שרעק.

עוזר האָט אין יענע מינוטן געהאַט לעבער אין די באַקן און געלע ווייסלעכטסער אין די אויגן.

כ'האָב אוועקגעשליידערט דעם בעזים, אראָפּגעוואָרפן פון זיך די שמאַטעס און נישט מיט מיין קול געשריגן:

— עוזר, מען טאָר נישט חוזק מאַכן. עוזר, מ'עט אונדז ברענען און בראָטן אויף יענער וועלט.

עוזר, זעט אויס, האָט אויך מורא געקריגן. ער האָט גלייך אוועקגע־

ווארפן דעם בעזים, איבערגעדרייט צוריק ס׳היטל אויף דער רעכטער זייט, געשטאנען א צעטומלטער אינמיטן שטוב מיט בלויע ליפן און קרענקלעך שווער געאטעמט.

נישט אלע מאל אבער האבן מיר זיך פארשטעלט פאר משה רבנו און פארן פאלק ישראל.

טיילמאל האט עוזר פארגעשטעלט דעם רב, ווי אזוי יענער גייט שטיף אין גאס מיטן פאראסאל פאראויס, און ווי בן־ציון קהל־שרייבער לויפט אים נאך מיט אפגעהאקטע, קורצע טריטלעך.

ער האט נאכגעמאכט, ווי אזוי מענדל דער מומע נעמים בלאזט זיך אן ביים זינגען, ווי אזוי ער קריגט רויטע בעקעלעך און ארויסגעזעצטע אויגן.

איך האב געקייכט פון געלעכטער. מיר האט א הנאה געטון, וואס עוזר האט נישט קיין מורא חוזק צו מאכן פון רב, פון בן־ציון קהל־שרייבער, פון מענדל דעם זינגערל און אפילו פון אזא גביר, ווי ס׳איז געווען ראובעלע בעקערמאן.

צום שטארקסטן אבער איז מיר געפעלן, ווען עוזר האט ארויפגע־נומען א קאלדרע פון בעט, איינגעהילט זיך אין איר, ארויסגעשטעלט א פוס פאראויס און אויפגעהויבן א האנט אין דער הויך. זיין צעשויבערטער, שווארצער קאפ האט אויסגעזען אין אזא מינוט, ווי א פריש־געקויפטער בעזים.

מיך האט עוזר געהייסן שטיין רואיק און קוקן אויף אים. און אליין, נאכדעם ווי דער האלדז האט זיך אים אנגעגאסן מיט בלוט, האט ער אנגעהויבן מיט א שטייף קול און מיט א ציטערדיקער גאמבע:

קאק ניניע סביראיעטסיא וויעשטשי אלעג
אטאמסטיט ניערזומנים כאזאראם,
איך סיאלא אי ניווי זא בויני נאביעג
אבריאק אן מיעטשאם אי פאזשאראם.

זיין קול איז געשטיגן וואס אמאל העכער און קלארער. ער האט שוין נישט גערעדט, נאר געזונגען. אצינד איז עס נישט געווען יענער עוזר, וואס פרעגט ווילדע קשיות און ווייסט אליין נישט, ווי אזוי צו פארענטפערן. אן אנדערער עוזר איז געשטאנען. א העכערער, אן על־טערער, א פרעמדער און א שיינער.

— ווייסט, וואָס דאָס איז?

— כ'ווייס נישט.

— ס'איז „סטיכי". פּושקינס „סטיכי". ווייסט, ווער ס'איז געווען פּושקין?

— כ'ווייס נישט.

— און לערמאָנטאָוו ווייסטו, ווער ס'איז געווען?

— כ'ווייס גאָרנישט. מאַטיאַס לערער לערנט נישט מיט אונדז, נישט פּושקין און נישט לערמאָנטאָוו. מיר האַלטן ערשט ביי „טשיס־טאָפּיסאַניע".

— וואַרט — גיט עוזר אַ צעפּאַר מיט די הענט — כ'וועל דיר באַלד זאָגן לערמאָנטאָוו.

און ער שטעלט זיך אויפּסניי אַוועק מיט איין פוס אַרויסגעשפּאַרט. ער גיט אַ שאָקל מיטן צעשויבערטן קאָפּ און הייבט אָן מיט אַ מין גדלות און חוצפּה, אַז עס פינקלט אַזש פאַר די אויגן:

סקאַזשי־קאַ, דיאַדיאַ, וויעד ניעדאַראָם
מאָסקוואַ ספּאַליאָננאַיאַ פּאָזשאַראָם
פראַנצוזו אָטדאַנאַ.
וויעד בילי־זש סכוואַטקי באָיעוויע,
דאַ גאָוואָריאַט יעשטשאָ קאַקיע...

כ'פאַרשטיי ווידער גאָרנישט. איך פיל, אַז ער רעדט מיט עמעצן, אָבער כ'ווייס נישט מיט וועמען. ע ר איז עוזר און ע ר איז דער פרעמדער. ער פרעגט און ענטפערט זיך אַליין. ער שפּאַרט זיך און גיט נאָך.

ערשט שפּעטער דערציילט מיר עוזר, אַז דאָס איז אַ מעשה פון קייזער נאַפּאָלעאָן, וואָס איז געגאַנגען קיין מאָסקווע מיט זיינע חילות. רוסלאַנד האָט מען נישט געקענט בייקומען. ערשט, ווען נאַפּאָלעאָנס חילות זענען געפרוירן געוואָרן, האָבן זיי געמוזט אָפּטרעטן, און נאָך דער־ציילט מיר עוזר, אַז דער פּושקין פון די „סטיכי" — איז געווען אַן איינ־גייער אין קייזערלעכן הויף — אַז ער האָט פאַרפאַסט אַ מעשהלע פון אַ גאָלדן פישעלע און פון איינער, וואָס האָט געהייסן מיט אַ מיאוסן נאָ־מען, מאַזעפּאַ, און פון נאָך איינעם אַ פּריצישן זון יעווגעני אָניעגין —

און אַז בסך־הכל איז דער גאַנצער פּושקין אַלט געווען עטלעכע און צוואַנ־ציק יאָר און איז דערשאָסן געוואָרן פון אַ פּיסטויל.

עוזר זאָגט, אַז ווען ער וועט אויפוואַקסן, וואָלט ער געוואָלט זיין אַזעלכער, ווי פּושקין.

אָבער מיך גייט נישט אָן דער גאַנצער פּושקין. סיי־ווי־סיי ווייס איך נישט, ווער ער איז געווען. מיר איז גוט צו הערן עוזרן. אַצינד איז ער מיר נאָענט, ליב. ער זאָגט, אַז ער וועט מיך אויסלערנען די אַלע „סטיכים", ער וועט מיר ברענגען ביכלעך פון איינעם אַ טאָלסטאָי, וואָס איז פון אַ גראַף געוואָרן אַ פּראָסטער פּויער.

אַלץ ווייסט עוזר. אָבער מיר, זעט אויס, איז נישט באַשערט געווען צו וויסן. מחמת צווישן אונדז איז דורכגעלאָפן אַ שוואַרצע קאַץ און אויף אַ סך, אַ סך יאָרן איבערגעריסן אונדזער קאָנטשאַפט.

## קאַפּיטל איין און דרייסיק

כ'האָב פאַרגעסן צו דערציילן, אַז אַ חוץ די אַלע קעמערלעך מיט די גאַניקלעך און אַ חוץ דער גרינער פלומפ האָט אונדזער הויף נאָך פאַר־מאָגט אַ קליין מויערל, אַ זייטיקס, וואָס האָט געהאַט צוויי פענצטער און אַן אָפּגעשיילטע טיר אָן אַ קליאַמקע.

די צוויי פענצטער זענען געשטאַנען בלינדע, פאַרשטויבטע. מען האָט דערציילט, אַז אַמאָל האָט אין דעם דאָזיקן מויערל געוווינט אַ ייד אַ זייגערמאַכער. ער האָט אַ גאַנץ לעבן געקוקט דורך אַ שפּאַקטיוו. קוקנדיק אַזוי, האָט ער זיין ווייב אַלע יאָר מכבד געווען מיט אַ בן־זכר. אָבער די זכרים האָבן זיך נישט לאַנג געהאַלטן ביי אים. מען האָט געזאָגט, אַז אויף דעם דאָזיקן זייגערמאַכער איז נגזר געוואָרן מן השמים, אַז גראָד אין דער וואָך־נאַכט זאָל אַוועקגענומען ווערן דאָס ניי־געבוירענע נפש. מען האָט נישט געוווּסט, צי האָט עם פאַרצוקט אַ שוואַרצע קאַץ, צי די מוטער אַליין האָט עם דערשטיקט מיט אירע בריסטן. גענוג איז, אַז אַ גוטער ייד האָט געהייסן דעם זייגערמאַכער אַרויסציען זיך פון דעם מויערל, מחמת פאַרצייטנס איז דאָ געווען אַ בית־זונות.

דער זייגערמאַכער האָט זיך אַרויסגעצויגן. פון דעמאָלט אָן שטייט

דאָס מויערל פאַרהאַקט מיט די צוויי בלינדע, פאַרשטויבטע פענצטער, אַזוי ווי מיט צוויי אויסגעברענטע פלעקן אויף אַ קלאָר לייב.

נישט קיין גוי און נישט קיין ייד ווילן זיך דאָ אַריינציען. ביינאַכט רוישן דאָ פלעדערמייז. ווייבער זאָגן, אַז דאָס זענען די נשמות פון יענע אומגעקומענע, נישט־געיידישטע קינדער.

האָט זיך געמאַכט, אַז גראָד דעמאָלט, ווען מיר האָבן דאָ געוווינט, איז דאָס פאַרשאָלטענע מויערל אויפגעריכט געוואָרן.

פרעמדע מענטשן האָבן אויפגעריסן די טיר. עס זענען געקומען סטאַ־ ליאַרעס מיט מולאַזשעס. מען האָט געקלאַפּט און געזונגען, געשמירט און געזאָגט ראש־השנהדיקן יוצר.

דער גאַנצער הויף שכנים איז זיך צונויפגעלאָפן קוקן, ווער עס שטעלט זיך דאָס איין ס'לעבן און גייט זיך דאָ אַריינציען.

עוזרס טאַטע האָט אַריינגעשטעקט נ'קאָפּ און געזאָגט, אַז ס'איז גאַנץ גלייך, וואָס מענטשן ציען זיך דאָ אַריין. ער אַליין וואָלט זיך אויך דאָ אַריינגעצויגן — אויף צופּיקעניש אַלע בטלנים און שוטים, וואָס גלויבן אין רוחות און אין שדים.

די בעלי־מלאכות האָבן געאַרבעט בייטאָג און ביינאַכט. דער גאַנצער הויף האָט מיט גרוים נייגעריקייט געוואַרט, ווער עס וועלן דאָס זיין די נייע שכנים. זענען עס אַמאָל נישט קיין גויים?

ניין, קיין גויים זענען עס נישט געווען.

אין אַ ווינטערדיקן פרימאָרגן האָט זיך געברענגט צו ציען איינע מיט ווייסע, פאַרשאַרצטע הענט, געקנעטענע, אַזוי ווי פון ווייצן־מעל מיט מילך. ס'איז געווען חנטשע די אַלמנה, אַ ווייבל אָן אַ שייטל, מיט אַ שוואַרץ־פאַרקעמטן לאָק, אין דער גרוים פון אַ שוואַלב, אויפן סאַמע שטערן.

אין הויף האָט מען געוווסט, ווער חנטשע די אַלמנה איז. איר טאַ־ טע, אַ ייד אַ האַלב־בלינדער, האָט געלייגט לאַטעס אויף חסידישע יופּי־ צעס. די מאַמע אירע, אַן אויסגעקרימטע, אַזוי ווי אַ גויעלע פאַרן קלויס־ טער, האָט ליב געהאַט צו קויפן מציאות ביי פויערישע װעגעלעך און דינגען זיך אַזוי לאַנג, ביז דער פויער האָט פאַרלוירן דעם חשבון.

חנטשע אַליין איז יאָרנלאַנג געזעסן אין וואַרשע. מען האָט נישט געוווסט, וואָס זי טוט דאָרט, אין דעם וואַרשע. נאָר אַז דאָס זיצן איז איר פאַרמיאוסט געוואָרן, איז זי צוריקגעקומען אַהיים מיט אַ גרויסן,

גרינעם קופּערט אויף רעדער, מיט טישטיכער און לײַלעכער, מיט העמר דער און האַנטיכער און מיט אַ סך זײַדענע קליידער.

פון וואַרשע האָט חנטשע מיטגעבראַכט אַ טאָכטער פון אַ יאָר פּופּצן. מען האָט געזאָגט, אַז ס'איז נישט קיין טאָכטער, נאָר אַ ממזר. דאָס „ממזר" האָט געהאַט פרישע, אויסגעקנייפּטע בעקלעך, חן־גריבעלעך אין דער גאָמבע און אַ גרויסן קאָפּ גראַנאַטענע האָר.

פאַר חנטשען מיט דער טאָכטער האָט מען דאָס אַזוי געקלאַפּט אין פאַרשאָלטענעם מויערל, געזונגען זמירות און געהובלעוועט ברעטער. פאַר זיי האָט מען געלייגט אַ נײַע, ווײַסע פּאָדלאָגע, געקיטעוועט שויבן, געשמירט די טירן, און אַז ס'איז געקומען דער ערשטער אויפדערנאַכט — נאָכדעם, ווי זיי האָבן זיך אַרײַנגעצויגן — האָט אַ שלאָג אַרויס געטון אויפן הויף אַ פײַער פון צוויי בליץ־לאָמפּן, נישט אויסצוהאַלטן. די שכנים האָבן געמוזט פאַרהענגען די פענצטער מיט לײַלעכער און פאַרטשיילעס, וואָרום ווער האָט עס געקענט צוטון אַן אויג ביי אַזאַ ליכטיקייט?

חנטשע די אלמנה האָט אין פאַרשאָלטענעם מויערל געמאַכט זיך אַ טשאַיניע. זי האָט געלאָזט אײַנמויערן אין דער וואַנט אַרײַן אַ גרויסן קעסל מיט שווערע, מעשענע קראַנען, אַזוי ווי ברוגז־אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. זי האָט אָוועקגעשטעלט לאַנגע, געהובלטע טישן מיט בענק, און אין מויערל אַרײַן האָבן אָנגעהויבן קומען זעלנערלעך, בעלי־עגלה־יונגען מיט כלות און סתם יונגעלייט, וואָס האָבן נישט געהאַט ווו צו רויכערן אום שבת.

פון ווײַסע, גלאַנצנדיקע קרינן, געבייכטע, האָט מען געבלעפּטשעט טיי מיט לימענע, צוגעביסן מיט גרויסע אייל־קיכלעך, מיט שטיקער פלאָדן, וואָס חנטשע אַליין האָט געבאַקן, צוגעקנאַקט טרוקענע באַניקערן און געזונגען לידער — פון וואַרשע און פון ראָסיי, פון בוענאָס־איירעס און פון אַמעריקע.

פאַר מיר מיט עוזרן האָט זיך געעפנט אַ נײַע וועלט. מיר האָבן אויפגעהערט צו זיצן אויף דער גרינער פלומפּ און סודן זיך. עוזר האָט שוין מער נישט געפרעגט, צי כ'גלויב אין גאָט און צי משה רבנו איז טאַקע משה רבנו. אַז ער האָט גאָר קיין צייט נישט געהאַט צו אַזעלכע קשיות. גאַנצע אויפדערנאַכטן זענען מיר געשטאַנען הינטער די פענצטער פון דער טשאַיניע און געהערט די שיינע, ווייטע לידער.

כ'ווייס נישט, צי עוזרן האָט זיך אויך אַזוי אויסגעדאַכט. נאָר ביי מיר איז אויסגעקומען, אַז קיין שענערס און קיין בעסערס, ווי חנטשעס טשאַיניע, איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ.

ס'קאָן זיין, אַז ס'איז געווען דערפאַר, וואָס צוזאַמען מיט די אַלע ניגונים און מיט דער גאַנצער פריילעכקייט, האָבן מיר ליב געהאַט צו קוקן אויף רוכטשען, דער אַלמנהס מיידל.

איך האָב עוזרן גאָרנישט געזאָגט. עוזר מיר — דעסטגלייכן נישט. נאָר בשעת מיר ביידע זענען אַזוי געשטאַנען הינטער די האַלב־פאַרהאָנגענע פענצטער, האָבן מיר שטילערהייט געזוכט יענץ געשטאַלט, וואָס האָט געשוועבט אין אונדזער דמיון אַפילו דעמאָלט, ווען מיר האָבן געהאַלטן די אויגן פאַרמאַכט.

— ס'איז דיר קאַלט? — האָט עוזר געפרעגט.

— ניין, מיר איז נישט קאַלט — האָב איך איינגעגורעט דעם קאָפּ אין קאָלנער אריין.

— מיר אויך נישט — האָט עוזר געטופּעט מיט די פיס אויפן אָפּגעזעצטן שניי.

— זעסט זי? — האָט עוזר שטיל געפרעגט.

— יאָ, כ'זע זי — האָב איך נאָך שטילער געענטפערט, כאָטש כ'האָב אַ סך מאָל רוכטשען נישט געזען.

— איך זע זי גאָרנישט — האָט עוזר געפירט דאָס פּנים איבער דער קאַלטער שויב און געזוכט אַ ברייטערע שפּאַרע.

איך האָב געטראַכט, אַז ווען גאָט העלפט מיר און כ'קען אַזוי אַביסל אָוועקרוקן די פאַרהאַנג און זען רוכטשען אינגאַנצן, ווער וואָלט צו מיר גלייך געווען!

עוזר האָט זיינע מחשבות אַרויסגעזאָגט הויך. ער האָט געזאָגט, אַז ווען ער זאָל קיין מורא נישט האָבן, וואָלט ער אַ זעץ געטון אין דער שויב אַריין און אַראָפּגעריסן די פאַרהאַנג.

— אינעווייניק זיצן רשעים — האָב איך מיך אָנגערופן — וואָס וואָלט זיי געאַרט, די פענצטער זאָלן נישט זיין פאַרשטעלט?

האָט מיר אָבער עוזר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ס'מוז אַזוי זיין. אַז נישט, וואָלט אויפן הויף געווען שוואַרץ.

— זעסט דאָך — האָט ער צוגעגעבן — אַז עס זיצן דאָרטן יונגען

מיט מיידן. ער, עוזר אליין, האט געזען, ווי א זעלנער האט ארומגענו־מען א מויד און געקושט. אלע זעלנער האבן א טבע צו קושן מיידן.

כ׳ווייס נישט, וואס מיט מיר האט זיך אין יענער מינוט געטון. ס׳איז מיר הייס געווארן. מוז זיין, אז פון דער הייסקייט האט זיך ביי מיר ארויסגעריסן:

— עוזר, דו וואלסט געוואלט א קוש טון רוכטשען?

— ביסט משוגע געווארן? דו מיינסט, זי איז אבי ווער?

— חלילה, ווער זאגט עס דען? כ׳ווייס דען נישט. ווער זי איז?

— דו קענסט זי נישט — האט עוזר פארריסן נ׳קאפ — זי איז גאר אן אנדערע. נישט גלאט אזוי א מיידל.

ער האט עס געזאגט מיט אזא זיכערן אנשטעל, אז מיר האט זיך אויסגעוויזן, אז עוזר קען שוין רוכטשען מי יודע ווי לאנג; ער האט שוין גערעדט מיט איר, ער איז שוין געגאנגען מיט איר שפאצירן, און ס׳קאן זיין, אז ער האט זי שוין געקושט אויך.

אין יענעם אויפדערנאכט בין איך אוועקגעגאנגען פון עוזרן מיט א שווער הארץ.

ס׳האט מיך עפעס געפייניקט און כ׳האב נישט געוווסט וואס. וואס האט עוזר אזוי פאררוסן דעם קאפ? איז ער טאקע געגאנגען מיט רוכ־טשען? האט ער שוין טאקע גערעדט מיט איר? אויב אזוי, פארוואס היט ער זיך פאר מיר? און איז ער שוין יא געגאנגען, פארוואס שטייט ער הינטערן פענצטער און גייט נישט אריין אינעווייניק?

ס׳איז געווען פאר מיר א שווער רעטעניש. און נאכמער רעטעניש איז מיר אויסגעקומען דאס, וואס עוזר האט מיך איינמאל געבעטן, איך זאל אים מיטנעמען שבת אין דער טשאיניע אריין.

שבת בין א י ך געווען דער תקיף, איך — דער גאנצער דעה־זאגער. שבת האב איך געזען רוכטשען אינגאנצן, ווי גרויס זי איז גע־ווען.

ס׳האט זיך גענומען דערפון, וואס שבת נאכן עסן האט מיך די מא־מע אראפגעשיקט צו חנטשען נאך א טשאיניק געקאכט וואסער.

עוזרן האט זיין מאמע נישט געשיקט. ערשטנס — איז ער געווען א סטודענטל, צווייטנס — האט ביי זיי די גויאישע דינסט געקאכט און געבאקן אום שבת.

האָב איך מיך אָפּגעשמועסט מיט עוזרן, ער זאָל שבת פריער אַהיימ־קומען פון גימנאַזיע, וועל איך אים מיטנעמען.

די ביכלעך מיט די קאַיעטן האָט ער באַהאַלטן הינטער די שטיגן. דאָס היטל מיטן קריינדל האָט ער פאַררוקט אין אַ קעשענע אַריין, און אַזוי זענען מיר אַריין צו חנטשע אין דער טשאַיניע. ער — אין בלויזן קאָפּ, מיט דער צעשויבערטער, שוואַרצער טשופּרינע, איך — אין דער שבתדיקער קאַפּאָטע מיטן טשאַיניק אין דער האַנט. עוזר האָט גאוהדיק אַ שאָקל געטון מיט דער טשופּרינע און איז שטיין געבליבן ביי דער טיר, איך — כאָטש ס'האַרץ האָט געקלאַפּט, ווי אין אַ גזלן, בין געגאַנגען גלייך אַהין צו די צוויי מעשענע קראַנען.

רוכטשע אַליין האָט מיר אָנגעצאַפּט דאָס וואַסער. אַ הויכע מיט די חן־גריבעלעך אין דער גאָמבע, אין אַ ווייס בלוזקעלע, וואָס האָט גע־שמעקט מיט שבת־אויבס און מיט האָניג־קיכלעך, איז זי געשטאַנען אַביסל אָפּגעבויגן און געוואַרט, ביז דער טשאַיניק וועט פול ווערן. ביי די טישן זענען געזעסן מיידן מיט יונגען, רויטע, צענומענע. רוכטשעס מאַמע, חנטשע די אַלמנה, איז אויך דאָרט געזעסן מיט אַ יונג און אַריינ־געלאַכט אים אין פּנים. איך האָב אָבער דאָס אַלץ נישט געזען, אויסער רוכטשעס גראַנאַטענעם קאָפּ און אויסער די קליינע, ווייסע הענט אירע. כ'האָב אויך געזען, אַז בשעת דאָס קאָכנדיקע וואַסער איז געלאָפן אין טשאַיניק אַריין, האָט רוכטשע עטלעכע מאָל אויסגעדרייט ס'פּנים צו דער טיר, וווּ ס'איז געשטאַנען עוזר.

האָט זי זיך איבערגעוואונקען מיט עוזרן? קענען זיי זיך טאַקע?

מיר איז היים געוואָרן אין די אויגן. ווי דורך אַ נעפּל האָב איך גע־זען, ווי פון טיש אַוועק האָט זיך אויפגעהויבן אַ זעלנערל מיט אַ נידע־ריק־געשווירענעם קאָפּ און געשאַרט זיך אַהער צו רוכטשען. ער האָט גע־מוזט זיין שיכור. אַז נישט, וואָלט ער זיך אַזוי נישט געוואַקלט און וואָלט נישט געהאַט די העזה — אַרויפצולייגן אַ האַנט אויף רוכטשעס טאַליע און שטופּן די שוואַרצע וואָנסעלעך איר אין פּנים אַריין.

— קום — האָט ער געלאַכט מיטן גאַנצן מויל ציין — קראַסאַ־וויצע מיינע, גיב די מאָרדאָטשקע, פּרעלעסט מאָיאַ...

איך האָב שוין געהאַלטן דעם טשאַיניק וואַסער אין ביידע הענט. ער איז געווען שווער, אַזוי ווי אָנגעפּולט מיט זאַמד. אָבער נאָך שווערער איז געווען דאָס געפיל, וואָס האָט מיך צוגעדריקט ביים האַלדז. ווען כ'האָב

נישט קיין מורא, נעם איך דעם טשאַיניק און גיב אים אַ גאָס אויס אויפן קאָפּ פון געמיינעם זעלנערל...

ערגער אָבער איז געווען מיט עוזרן. ער איז געשטאַנען ביי דער טיר מיט איבערגעברענטע פּלעקן אויפן אויסגעצוויגענעם פּנים. ער איז אַצינד געווען העכער, ווי שטענדיק. אַזוי פלעגט ער אויסזען, ווען ער האָט געזאָגט „סטיכי".

כ'ווייס נישט, ווי אַזוי. נאָר מיטאַמאָל האָב איך דערזען עוזרן שטיין נעבן קעסל. ער איז געווען ווייס, ווי די קרוגן אויפן טיש. די אויבערשטע ליפּ זיינע האָט געשוויצט.

— סוואָלאָטש! — האָט ער פּלוצלינג אַ וואָרף געטון ביידע הענט אין דער לופט אריין — סוואָלאָטש, מערזאַוויעץ!

ס'האָט זיך דערהערט אַ רוקן מיט בענקלעך. עמעצער האָט לאַנג און פויל אַ שנאָפּל געטון אונטער דער נאָז:

— טשטשאַ־אַ־אָ?...

און געלאָזט זיך גיין מיט בערישע טריט אויף עוזרן און אויף מיר.

עוזרן האָט חנטשע די אַלמנה געגעבן אַ נעם אָן פון הינטן און גיך ארויסגעשטופּט. איך בין אַליין ארויסגעפאַלן. פון טשאַיניק האָבן גע־שפּריצט הייסע טראָפּנס וואַסער. כ'האָב נישט געזען, וווּ כ'גיי. נאָך אַ מינוט, און כ'וועל פאַלן. נאָך אַ מינוט, און כ'וועל זיך אָפּשרפּענען אויף ס'טוים.

אין דרויסן האָב איך שוין עוזרן נישט געזען. הינטער מיר האָב איך געהערט אַ געלעכטער, אַ פרעמדס, אַ שפּיציקס. דאָס דאָזיקע געלעכטער האָט נאָך ערגער געבריט, ווי דער קאָכנדיקער טשאַיניק.

אַ גאַנצן שבת האָב איך מיך געשעמט און מורא געהאַט אַראָפּצוגיין. ערשט אויפדערנאַכט, נאָך הבדלה, האָב איך מיך, אַזוי ווי אַראָפּגע־גנבעט.

אַז כ'האָב דערזען עוזרן, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ער איז קלע־נער געוואָרן.

עוזר האָט מיר געזאָגט, אַז ס'האָט ווייניק געפעלט, ער זאָל דאָס זעלנערל דערשטיקן. און אַז ער וועט אים נאָך דערשטיקן אויך. וואָרום, וואָס פאַר אַ „פּראַווע" האָט אַזאַ ליטוואַק־חזיר ארומצונעמען רוכטשען ביי דער טאַליע?

עוזר האָט אין יענעם אויפדערנאַכט אַ סך געשוויגן, זיין צעשווי־

בערטע טשופרינע האָט אויסגעזעזן צו זיין נישט־זיינע. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ס׳איז אים אַ רחמנות אויף רוכטשען. ווען ער זאָל האָבן געלט, וואָלט ער אויף גאָרנישט געקוקט און חתונה געהאַט מיט איר. ער וואָלט מיט איר אַוועקגעפאָרן אין אַ ווייט לאַנד אַריין. זי וואָלט נישט באַדאַרפט דערלאַנגען קיין טיי. ער, עוזר, וואָלט איר געזאָגט אַלע „סטיכים״ פון אויסנווייניק, ס׳וואָלט געווען גוט, זייער גוט.

כ׳פאַרשטיי, ס׳וואָלט טאַקע גוט געווען. אָבער וואָס וואָלט איך געטון איינער אַליין? צי וואָלט מיר אויך אַזוי גוט געווען? און גלאַט, וואָס הייסט, ער וואָלט חתונה געהאַט מיט רוכטשען? וואָס איז ער שוין ראוי לחופּה? און ווו וועט ער נעמען אויף פּרנסה? און וואָס וועט ווערן מיט דער גימנאַזיע?

מיר איז רוכטשע אויך אַ שאָד. כ׳האָב אויך רחמנות אויף איר. ווען איך זאָל האָבן געלט, וואָלט איך מיט רוכטשען נישט חתונה געהאַט. ס׳איז דאָך נאַריש צו רעדן. איך וואָלט איר געגעבן דאָס גאַנצע געלט — זאָל זי זיך אַרויסציען פון דער טשאַיניע אין אַ שענערער גאַס אַריין. זאָל זי דאָרט וווינען, עסן, טרינקען און שוין.

זאָגט מיר אָבער עוזר, אַז איך בין אַ שוטה און אַ בהמה. וואָס וועט זי טון איינע אַליין אין יענער דירה?

— וואָס זאָל זי טון? זי וועט עסן, טרינקען און לאָזן זיך ווילגיין.

— אַזוי ווי אין דער הגדה שטייט — מאַכט עוזר חוזק — דאָס איז גאָרנישט. דער עיקר איז, מען זאָל זי ליב האָבן.

— ווער זאָל זי דאָס ליב האָבן?

— איך — גיט עוזר אַ נעם צו די פּויסט צום האַרץ.

מיך דריקט ווידער עפּעס אין האַלדז. עס ווערט נאָך שווערער, ווי היינט בייטאָג, ווען דאָס זעלנערל האָט אַרומגענומען רוכטשען. איך פיל, אַז אַצינד וואָלט איך עוזרן געקאָנט אַראָפּלאָזן אַ פּאַטש.

— איבעראכטאָג שבת וועסטו ווידער גיין נאָך טיי? — פרעגט מיך עוזר זייער שטיל.

— כ׳ווייס נישט. מן־הסתם.

— זאָג זשע רוכטשען — רעדט עוזר פאַרקלערט — אַז איך וויל מיך זען מיט איר.

— וועסט דען נישט מיטגיין?

— ניין. זאָלסט איר זאָגן, אַז כ'על וואַרטן אויף איר שבת־צונאַכטס אויף דער וואַרשעווער גאַס, ביים קרימינאַל.

ער געזעגנט זיך נישט מיט מיר. ער לאָזט מיך זיצן איינעם אַליין אויפן גאַניקל און גייט אַראָפּ מיט פּאַמעלעכע טריט. ער גייט ווי אַ דער־וואַקסענער מענטש, וואָס האָט גרויסע דאגות.

***

צו שבת איז נאָך געבליבן אַ גאַנצע וואָך. אַז מען זאָל וועלן איבער־ציילן וויפיל שעה און וויפיל מינוט ס'איז נאָך געבליבן צו שבת, קען מען אַראָפּ פון זינען.

סײַ־ווי־סײַ ווייס איך נישט, וואָס עס טוט זיך מיט מיר. אומעטום גייען מיר נאָך רוכטשע מיט עוזרן. איך זע זיי אויפן אויפגעעמישטן חומש, אויף דער רוסישער גראַמאַטיקע, אויף דער שוואַרצער „דאָסקע” — אומעטום.

מאַטיאַס לערער רייסט שטאַרקער ביי די אויערן און שלאָגט מיט אַן אייזערנער פויסט אונטער דער גאָמבע. דער רבי ר' דוד האָט אָנגע־הויבן לערנען מיט אונדז דקדוק: פּקד, פּקדתי... מען ברעכט זיך אויס די ציין. ביי מיר אין קאָפּ קלינגען כסדר עוזרס רייד:

— זאָלסט איר זאָגן, אַז כ'על וואַרטן ביים קרימינאַל — פּקד, פּקדתי — אויף דער וואַרשעווער גאַס.

## קאַפּיטל צוויי און דרייסיק

אויפן אַנדערן שבת בין איך ווידער געגאַנגען נאָך קאַכנדיק וואַ־סער. אין דער טשאַיניע איז געווען אויסגעעשיט מיט טרוקן זאַמד. פון די צוויי לאַנגע טישן האָבן אַראָפּגעפּאַכלט פריש־געוואַשענע טישטיכער. ס'האָט דאָ היינט אויסגעזען, אַזוי ווי מען וואָלט געוואַרט אויף מחותנים.

ביי איין טיש, אין סאַמע שפּיץ, איז געזעסן אַ יונג מיט אַ מויד, זיי האָבן גערעדט צו זיך זייער שטיל און געקוקט זיך אין די פּנימער אַריין. מער קיין געסט זענען אַצינד נישט געווען. פון הינטער אַ רויט־געבלימטער פאָרהאַנג, וואָס האָט געפירט אין אַ טונקל אַלקערל אַריין, האָט זיך געשטיקט אַן איינגעהאַלטן, נחתדיק געלעכטערל.

— ער שוין אויף — האָט דאָס געלעכטערל געזאָגט — וואָס האָסטו נישט קיין צייט, וואָס?

לויטן קול האָב איך מיך משער געווען, אַז דאָס מוז זיין חנטשע די אַלמנה אַליין. רוכטשע האָט היינט אויסגעזען בלאָס. זי האָט מיר אָנגעצאַפּט וואַסער און אַלע פּאָר מינוט אומרואיק אויסגעדרייט ס׳פּנים צו דער געבלימטער פאָרהאַנג.

דאָס וואַסער אין טשאַיניק אריין האָט זיך געגאָסן פּאַמעלעך. איך בין געשטאַנען, אַזוי ווי אויף הייסע קוילן. כ׳האָב דאָך היינט געהאַט עפּעס צו זאָגן רוכטשען. אָבער ווי אַזוי זאָגט מען עס איר? פון וואָס הייבט מען אָן? און אפשר אינגאַנצן נישט זאָגן? וואָס בין איך עפּעס עוזרס שליח?

נאָר אָט האָט רוכטשע אויפגעהויבן אויף מיר איר בליק, באַטראַכט מיך מיט פאַרמרוזשעטע אויגן. מיר אָבער האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי קוקט נישט אויף מיר, נאָר צו דער טיר.

ס׳האָט מיר ווייַ געטון דאָס גאַנצע לייב. כ׳האָב איר געוואָלט זאָגן, אַז עוזר וועט היינט נישט קומען, ער וועט שוין קיינמאָל נישט קומען, עוזר איז געשטאָרבן. נאָר אינמיטן האָב איך ווידער דערהערט פון הינטער דער געבלימטער פאָרהאַנג אָפּער:

— וואָס טוסטו, פאַלעק? נו, הער שוין אויף...

רוכטשע האָט זיך אַ שאָקל געטון.

— ווי הייסטו? — האָט זי מיך צו הויך געפרעגט.

— מענדל.

— וועמענס ביסטו?

— פרומעט דוד־פרויקעס.

— עטס וווינט אויף דעם הויף?

— יאָ.

— און יענער דאָרט, מיט דער טשופּרינע, איז דיין חבר?

— יאָ. מיין חבר, עוזר.

— פאַרוואָס איז ער היינט נישט מיטגעקומען?

— ער גייט אין גימנאַזיע. ער האָט נישט קיין צייט. ער לערנט זיך.

— וואָס לערנט ער זיך?

— „סטיכי“.

— װאָעס? — האָט רוכטשע פאַרשאַרצט ס׳גאַנצע פּנים און פון אַלע קנײטשעלעך האָט אַרױסגעשטיקט א געלעכטער.

כ׳האָב נישט פאַרשטאַנען, פון װאָס ס׳איז דאָ אַזױ צו לאַכן. כ׳האָב אױך נישט פאַרשטאַנען, פאַרװאָס רוכטשע האָט אין א מינוט אַרום געזאָגט:

— זאָג אים, דעם חבר דײַנעם, אַז ער געפעלט מיר.

איך װײס נישט, װאָס מיט מיר איז אין יענער מינוט געװען. צי דער טשאַיניק איז געװאָרן צו שװער, צי איך אַלײן. נאָר כ׳האָב מיך בשום אופן נישט געקאָנט רירן פון אָרט.

— האָסט נאָך עפּעס געװאָלט?

איך האָב געפילט, אַז אַצינד װעט געשען אַן אומגליק. אָדער כ׳װעל אַנידערפאַלן און צעװײנען זיך, אָדער כ׳װעל מיטן טשאַיניק עמעצן פּלעטן ג׳קאָפּ.

רוכטשעס אױגן האָבן געקוקט אױף מיר גרױס און װאַרעם. פון איר װײס בלוזקעלע איז אױך געגאַנגען אַזאַ װאַרעמקײט.

זי האָט זיך צו מיר צוגעבױגן און נאָכאַמאָל, אָבער מיט אַן אײנגעהאַלטן פאַרסודעט קול, געפרעגט:

— האָסט נאָך עפּעס געװאָלט?

— עוזר — האָב איך גענומען שטאַמלען — עוזר װיל רעדן.

כ׳האָב נישט געקענט ענדיקן.

—ער האָט געזאָגט — האָב איך מיך געקרעקט מיט יעדן װאָרט — אַז ער װעט הײַנט אױפּדערנאַכט װאַרטן בײַם קרימינאַל.

בײַם טיש האָט זיך די מױד צעלאַכט. הינטער דער געבלימטער פאָרהאַנג איז געװען צו שטיל. רוכטשען האָב איך שױן אינגאַנצן נישט געזען. כ׳האָב נאָר געפילט אונטער דער גאָמבע א װאַרעמע האַנט, א גלאַטע, אַזױ װי סאַמעט.

— כ׳על קומען. זאָג עוזרן, אַז כ׳על קומען.

װי אַזױ איך בין אַרױס, װײס איך נישט. דאַכט זיך, אַז עמעצער האָט מיר נאָכגעװאָרפן דעם טשאַיניק.

אױף אונדזערע שטיגן האָב איך געטראָפן עוזרן.

— האָסט געזאָגט? — איז ער כמעט װי אַרױפגעפאַלן אױף מיר.

— כ׳האָב געזאָגט — האָב איך בײז געענטפערט.

— נו?

— זי וועט קומען.

ער האָט געקריגן אַ רויט פּנים מיט נאָך רויטערע אויגן.

— מענדל — האָט ער גענומען שפּרינגען — מענדל, וועסט זען, וועסט מיטפאָרן מיט אונדז. מ'עט דיך מיטנעמען.

זיין פרייד האָט מיך ניש ט געפרייט. פאַרקערט, אין מיר האָט געברענט, אַזוי ווי אין קאָכנדיקן טשאַיניק. כ'האָב פּלוצלינג געגור־מען לויפן אַרויף אויף די שטיגן, און ווען כ'בין שוין געווען נאָענט פון אונדזער שטוב, האָב איך מיטן גאַנצן כעס אַראָפּגעשריגן:

— גוי, אַפּיקורס! כ'וויל נישט מיטפאָרן. כ'האָב דיך אין דער ערד מיט דיין רוכטשע.

ער איז נאָכגעלאָפן:

— מענדל, מענדל! וואָס טוט זיך מיט דיר?

אָבער כ'האָב אים אַצינד אַזוי פיינט געהאַט, אַז מיך וואָלט גאָר נישט געאַרט, ווען ער פאַלט אַראָפּ און צעברעכט ביידע פיס.

אַ גאַנצן נאָכמיטאָג בין איך געלעגן אין שטוב. כ'האָב אָפּגעמאַכט ביי מיר, כ'זאָל אויפדערנאָכט אויך נישט אַראָפּגיין. בכלל, וועל איך מיך שוין מער אויפן הויף נישט ווייזן. די שוועל פון דער טשאַיניע וועט מיין פוס מער נישט איבערטרעטן. אויס. אויס מיט עוזרן, אויס מיט רוכ־טשען. כ'דאַרף זיי ביידע אויף כפּרות.

צו שלש־סעודות האָט זיך אויף אונדזער דאַך־פענצטער אַרויפגע־רוקט אַ בלויער שאָטן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ס'איז עוזר. אין שטוב האָט מען געשפּירט אַ ריח פון הערינג. די מאַמע מיט אַ שכנטע זענען געזעסן ביים אויוון און איינס ס'אַנדערע עפּעס איינגערוימט.

כ'האָב געקוקט אין הימל אַריין, צי מען זעט שוין שטערן. גלאַט אַזוי געקוקט. פאַר מיינעטוועגן האָט מען היינט אינגאַנצן נישט געמעגט אָנצינדן קיין ליכט. אַז סיי־ווי־סיי וועל איך נישט אַראָפּגיין.

אָבער נאָך הבדלה, ווען דער טאַטע אַליין האָט אַראָפּגענומען דאָס שבתדיקע טישטוך און אויפן נאַקעטן טיש אוועקגעלייגט אַ שטיקל קרייד, און די מאַמע האָט זיך געגרייט אַוועקצוגיין צו דער מומע מרים, האָב איך שוין לענגער אין שטוב נישט געקענט איינזיצן. כ'האָב געכאַפּט אויף מיר דעם פּאַלטן און בין געלאָפן צו דער טיר.

— וווהין לויפסטו דאָס אַזוי? — האָט די מאַמע מיך אָפּגעשטעלט אינמיטן.

— כ'לויף נישט, כ'גיי אראפ צו עוזרן.

— זע נאר, ווי דאס האט קיין צייט נישט. ער וועט נישט אנטלויפן, דער עוזר דיינער.

— ער ווארט אויף מיר אונטן.

— וועט ער ווארטן נאך א מינוט. קנעפל דיר צו ביים האלדז. זאלסט נישט לויפן, הערסט?

— ווער לויפט דען?

כ'בין טאקע ארויסגעגאנגען פון שטוב זייער פאמעלעך. אבער פון די שטיגן האב איך מיך געגעבן אזא לאז אראפ, אז כ'האב געהערט, ווי אין דער הויך, דארט ביי אונדז, רייסט זיך אויף די טיר.

די לבנה זעט אויס, האט היינט געשיינט אומישנע. א גאנצע, ארומגענומען מיט א ווייטער, קאלטער בלויקייט, איז זי געגאנגען איבער די דעכער און איבער די גאסן, ווי א ווייסער שטורקאץ. ס'איז געווען בלוי אויף די שויבן, ווייס אין די רינשטאקן און בלוי אויפן צלם פון דער רוסישער צערקווע.

די געוועלבער זענען אלע געשטאנען אפן. יידן זענען אויף דראזשקעס געפארן צו דער אכטער באן. איך האב מיך געשארט צווישן די געוועלבער אהין צום קרימינאל. כ'האב אינגאנצן פארגעסן, וואס כ'האב היינט געהאט אפגעמאכט ביי מיר. אז כ'האב גאר אינגאנצן נישט געטראכט דערפון אצינד. כ'האב נאר געוואלט זען, צי רוכטשע מיט עוזרן וועלן זיך טאקע טרעפן.

פונדערווייטנס זע איך, ווי אויפן טראטואר פאר דער רוסישער צערקווע ליגט א גרויסער, וויים־בלויער פלעק. שווארצע פיס שניידן אים פון צייט צו צייט דורך. דאס גערטנדל ארום קרימינאל פארשטעלט מיך. איך קאן אלץ זען. מיך זעט קיינער נישט.

זע איך טאקע, ווי אין גרויסן, בלוי־ווייסן פלעק האבן זיך אוועקגעשטעלט א פאר לאנגע פיס, קיינער אין שטאט האט נישט אזעלכע לאנגע פיס, ווי עוזר.

ער שטייט און קוקט זיך ארום אויף אלע זייטן. אז איך רוק מיך ארויס אביסל מער פון הינטערן גערטנדל, זע איך אפילו עוזרס פנים. עס איז פארריסן ארויף. ער זעט אויס, עוזר, ווי א גרויסער פויגל אויף א בארג.

צום ערשטן מאל, זינט איך קען עוזרן, זע איך אים מיט א שטע־

קעלע. ער גיט אזא דריי מיטן שטעקעלע אין דער לופטן, גיט אזא גיי הין און צוריק איבערן טראָטואַר און פאַררייסט נאָך מער דאָס פּנים אויף דער לבנה אַרויף.

איך אַליין רייס אויך מיט ס׳פּנים. נישט אַנדערש, נאָר פון דאָרטן טאַקע דאַרף אַראָפּפאַלן רוכטשע.

עוזר אַליין אַרט מיך נישט אַצינד. אין דער איצטיקער מינוט האָב איך אים אַפילו נישט פיינט אויך. עס גיט מיר נאָר אַ ברי אונטערן האַרץ דאָס ווויל־יונגערישע שטעקעלע זיינס און דאָס דרייען דערמיט אין דער לופטן.

רוכטשע, זעט אויס, איז נישט געקומען. אַנדערש נישט, נאָר קום אים אַהער צום קרימינאַל.

כ׳האָב אַ נקמה אָן עוזרן. זאָל ער נישט האָבן די חוצפּה צו זאָגן, אַז ער וויל חתונה האָבן מיט איר און נאָך דער חתונה וועט ער איר זאָגן אַלע „סטיכים״ פון אויסנווייניק.

לאַנג אָבער האָט מיין נקמה מיך נישט געוואַרעמט, רוכטשע איז יאָ געקומען.

אָט גייט זי אַריבער די וואַרשעווער גאַס. נישט זי גייט, נאָר זי לויפט אַריבער.

מיך זעט זי נישט, כאָטש זי גייט פאַרביי פאַרן גערטנדל פון קרי־מינאַל. עוזר שטייט שוין נישט אין סאַמע מיט פון פּלעק, נאָר אַביסל אָפּ־געריקט. מיטן שטעקעלע פאָכעט ער שוין נישט.

מיר דאַכט זיך, אַז וואָס נענטער רוכטשע דערגייט צו עוזרן, מער דערווייטערט ער זיך, עס קומט אויס, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געריקט הינטערווייַלעכטס.

איך גיי הינטער רוכטשעס פּלייצעס. זי בלייבט שטיין אין בלוי־ווייסן פּלעק, וווּ עוזר איז מיט עטלעכע מינוט פריער געשטאַנען. ער האָט זיך אַצינד אַריינגערוקט אין דער שפּאַציר־גאַס. רוכטשע גייט אויך אַהין.

אָבער מיט אַמאָל גיט זיך עוזר אַ דריי אויס מיטן רוקן צו רוכ־טשען. ער וואַרפט אַוועק דאָס ווויל־לערישע שטעקעלע אינמיטן גאַס אַריין, און אַליין, גאָרנישט מיט זיינע כחות, נעמט ער לויפן אַראָפּ צום אַלטן גאָרטן צו. נישט אַנדערש, נאָר ער האָט עמעצן דערזען, אָדער ער איז משוגע געוואָרן.

איך אַליין האָב אויך געמוזט משוגע ווערן. אַז נישט, וואָלט איך מיך

נישט געלאזט לויפן נאך עוזרן און וואלט אים נישט נאכגעשריגן מיט אזא בהלהדיק קול:

— עוזר, עוזר!

— שטיי, ווו לויפסטו? — האט מיך רוכטשע אנגעכאפט ביים קאל־נער און גענומען מיט מיר שאקלען, ווי מיט א לולב.

זי איז אויך געלאפן. אויפן ארט, וו זי האט מיך געכאפט, איז גע־ווען טונקל. כ'האב רוכטשעס פנים נישט געקאנט זען. כ'האב נאר גע־פילט, אז עס גייט פון איר א היץ און א כעס.

— לויף נישט — האט זי שווער געזאגט — ער איז א ראצפאס, דער חבר דיינער. דו דארפסט נישט לויפן, דו האסט דאך מיך ליב.

איך האב איר נישט געוווסט, וואס צו ענטפערן. פון אירע רייד איז מיר געווארן הייס אין די פיס. גאט איז מיין עדות, אז איך אליין וואלט אויך אצינד אנטלאפן.

— קום אביסל — האט זי געזאגט און גענומען מיך אונטערן ארעם.

אצינד איז מיר שוין היים געווארן אין קאפ אויך. כ'בין געגאנגען לעבן איר און געפילט, אז אהיימגיין וועל איך שוין היינט נישט. ס'וועט דא זיכער אן אומגליק געשען.

— פארוואס איז ער אנטלאפן, דער דרעקמאן? — האט זי בייז געזייעט צווישן די ציין.

איך האב אויך נישט געוווסט, פארוואס ער איז אנטלאפן. נישט אנדערש, נאר ער האט געמוזט דערזען דעם טאטן זיינעם, אדער עמעצן פון דער גימנאזיע.

— וואס האט ער מורא געהאט, דער ראצער? — האט זיך רוכטשע אלץ נישט געקאנט שטילן.

איך האב זי געוואלט פרעגן, צי עוזר האט איר טאקע געזאגט, אז ער וועט חתונה האבן מיט איר און אוועקפארן אין ווייטע לענדער אריין. כ'האב אויך געוואלט וויסן, צי זיי פירן א ליבע. אבער אינמיטן האט זיך רוכטשע אפגעשטעלט, ארויסגעלאזט מיין ארעם און געפרעגט:

— ווי אלט איז ער, דער יאט?

— ער לייגט שוין תפילין.

— און דו?

— כ'על שוין באלד אויך לייגן.

פון אונטערן קרימינאַל־פּאַרקאַן איז אַרויס די לבנה. די גאַנצע שפּאַציר־גאַס איז געוואָרן בלוי.

— לאָמיר זיך זעצן — האָט רוכטשע געזאָגט און צוגעפירט מיך צום דייטשישן קלויסטער.

אַרום איז געלעגן אַ בלויער שניי. מיר האָבן זיך געזעצט אויף די ברייטע טרעפּ, וואָס פירן אין קלויסטער אַריין. רוכטשע האָט מיך אַרומ־גענומען ביים אַקסל און צוגעלייגט איר באַק צו מיינער.

כ׳האָב מורא געקריגן. כ׳האָב נישט געוווּסט, וואָס צו טון. כ׳האָב אָבער געוואָלט, אַז עוזר זאָל אַצינד פאַרבייגיין און זען.

— האָסט שוין געקושט אַמאָל אַ מיידל? — האָט רוכטשע געפרעגט.

— ניין.

— און מיר וואָלסטו געוואָלט אַ קוש געבן?

כ׳ווייס נישט, צי כ׳האָב איר געענטפערט. כ׳האָב גאָר קיין צייט נישט געהאַט צו ענטפערן. רוכטשע האָט שוין געהאַלטן איר וואַרעם מויל אויף מיינע ליפּן. צי אפשר איז גאָר געווען פאַרקערט.

כ׳ווייס אויך נישט, צי האָב איך עפּעס געטראַכט אין יענער מי־נוט. דער קאָפּ איז מיר געהאַט אוועקגעפאַלן. כ׳האָב נאָר געהערט אַ שטיל, היים קול:

— פּאַמעלעך. ביים נישט. דו, ממזר דו, ווער האָט דיך אויסגע־לערנט אַזוי קושן?

ס׳האָט מיך קיינער נישט אויסגעלערנט. כ׳האָב צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן אויף אַן אמת געקושט אַ מיידל.

— האָסט מיך ליב? — האָט רוכטשע געוויקלט די הענט אַרום מיין האַלדז און אַרום מיין פּנים.

זי האָט אַצינד געהאַט נישט צוויי הענט, נאָר הונדערט הענט. אַר־מעטום זענען זיי געווען, די הענט אירע.

— כ׳האָב דיך ליב.

— וועסט חתונה האָבן מיט מיר?

— כ׳על חתונה האָבן.

— וואָס וועלן מיר טון נאָך דער חתונה?

— מ׳עמיר אוועקפאָרן אין אַ ווייט לאַנד אַריין — האָב איך שוין נאָכגעזאָגט עוזרס רייד — קיין אַמעריקע וועלן מיר פאָרן, כ׳על דיר זאָגן פון אויסנווייניק אַלע „סטיכים“...

— וואָעס? וואָס וועסטו טון?

— כ'על אַרבעטן — האָב איך מיך צוריקגעכאַפּט — כ'על דינגען אַ דירה. וועסט גאָרנישט טון, נאָר עסן און טרינקען און לאָזן זיך וווילגיין.

רוכטשע האָט זיך ווי אַ קאַץ, אָפּגערוקט פון מיר, פּאַמעלעך און פויל.

כ'האָב זי געוואָלט צוציען, נאָך איין קוש געבן. אָבער מיט איר איז אין איין רגע געשען אַן אויסטערלישער שינוי. זי האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט. אַז איך האָב געוואָלט זיין שטאַרקער פון איר, האָט זי מיך געגעבן אַ שטויס אָפּ פון זיך און מיט אַ פרעמד קול, אַ בייז, אַזוי ווי ביי אַן אַלטער גויע, האָט זי אַ וואָרף געטון:

— פּאָשאָל וואָן, ממזר איינער!

כ'האָב נישט פאַרשטאַנען. ביזן היינטיקן טאָג איז עס מיר נישט קלאָר. מוז זיין, אַז דאָס פאַרשאָלטענע וואָרט „סטיכי" האָט אויף אייביק צעשטערט מיין חלום וועגן רוכטשען.

זי האָט זיך אַפילו נישט געזעגנט מיט מיר. זי איז אַנטלאָפן, אַזוי ווי עוזר איז אַנטלאָפן פון איר.

אויף דער גאַנצער שפּאַציר־גאַס בין איך אַצינד געשטאַנען איינער אַליין. הינטער מיר — דער שוואַרצער דייטשישער קלויסטער; פאַר מיר — דאָס שלאָפנדיקע קרימינאַל, איבער וועלכן די לבנה רוקט זיך, ווי הינטער אַ הייטל.

אַ גאַנציע נאַכט האָט מיך רוכטשע געקושט אין חלום. אינדערפרי האָט מיר די מאַמע געקוקט אין די אויגן אַריין און מיט אַנגסט געפרעגט, וואָס כ'האָב אַזוי געשריגן אין שלאָף און פאַרוואָס כ'האָב געשאָלטן עוזרן.

כ'האָב אים טאַקע געשאָלטן נישט נאָר אין חלום, נאָר אויף דער וואָר אויך. כ'האָב זיך מער נישט געוואָלט זען מיט אים. דאָס איינציקע, וואָס מיך איז אָנגעגאַנגען, איז געווען רוכטשע. כ'בין געלאָפן צום דייטשישן קלויסטער, אפשר וועט זי קומען. כ'בין שבת געגאַנגען נאָך קאַכנדיק וואַסער, אָבער רוכטשע האָט מיר דאָס וואַסער נישט אָנגעצאַפּט. זי האָט זיך אַרומגעדרייט מיט צעשויבערטע האָר, מיט נאַקעטע הענט. זי איז פאַרבייגעגאַנגען פאַר מיר און האָט מיך נישט געזען.

# קאַפּיטל דריי און דרייסיק

ס'קאָן זיין, אַז אַ שטיק האָט עס זיך געגומען דערפון, וואָס אין דער טשאַיניע גופא איז איבערן זומער געשען אַ גרויסער שינוי.

עפּעס פון זיך אַליין האָבן צו חנטשע דער אַלמנה אָנגעהויבן קומען ווייניקער יונגען מיט ווייניקער מיידן. חנטשע אַליין האָט שוין נישט געבאַקן קיין האָניק-לעקעך און נישט אַכטונג געגעבן די קרוגן מיט די גלעזער זאָלן גלאַנצן. מען האָט שוין נישט געזונגען קיין לידער, און קיין פּריש-געפּרעסטע טישטיכער זענען שוין אויף די טישן אויך נישט געלעגן.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז חנטשע איז ברוגז מיט רוכטשען. כ'האָב געזען, ווי דער יונג פאַלעק, מיט די פאַרדרייטע, שטייענדיקע וואָנסעס, זיצט שוין נישט מיט חנטשען הינטער דער געבלימטער פאָרהאַנג, נאָר מיט רוכטשען. ער זיצט מיט איר ביים טיש און קוקט אין איר אַריין, ווי אין אַ אבן טוב.

כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז עפּעס נישט פּראָסט. האָט זיך מיין שנאה, וואָס כ'האָב ערשט נישט לאַנג געהאַט צו עוזרן, אַריבערגעטראָגן אויף דעם דאָזיקן שוואַרצן יונג. כ'האָב אים טויזנט מאָל מער פיינט געהאַט ווי עוזרן. ער האָט דאָך אפילו קיין „סטיכי" אויך נישט געקענט. טאָ וואָס פאַר אַ העזה האָט ער צו קוקן אַזוי אויף רוכטשען? ער עסט זי דאָך אויף מיט די אויגן.

חנטשע די אַלמנה האָט אים אויך געמוזט פיינט האָבן. אין מיינע אויגן האָט זי אים גערופן: „שנאָרער", „לויזן-פּויקער", גיי אַרבעטן, האָב דיר אַ שוואַרץ לעבן.

דער יונג האָט געלאַכט מיט אַ פול מויל ציין. ער האָט זיך נישט געבייזערט, נישט צוריקגעזידלט, ער האָט נאָר געזאָגט, אַז אויב זי וועט נישט אויפהערן, וועט ער מאַכן פון איר קרעפּל-פלייש.

אין הויף האָט מען געוווּסט, אַז חנטשע קריגט זיך אַרום מיט פאַלעקן. מען האָט געהערט די געשרייען און די קולות. מיין מאַמע האָט אָבער געהאַלטן, אַז כאָטש זיי רייסן זיך אַרום, וועט דער שוואַרצער פאַלעק איינגיכן חתונה האָבן מיט חנטשען.

זי האָט נישט געזאָגט קיין ליגנט די מאַמע. אין אַ שיינעם פריי-

מאָרגן האָט חנטשע געקויפט ביי זישע סופר אַ טלית מיט אַ בלוי־זיידע־נער עטרה. די געוועלבער אויף דער וואַרשעווער גאַס האָבן געלייזט פאַר שטיקלעך לייוונט און פאַר איבערציג. אויפן אייגענעם הויף האָט חנטשע געדונגען אַ שטוב מיט אַ קיך. נאָך דער חתונה וועט זי דאָך נישט גיין וווינען אין דער טשאַניע.

אברהמל דער מעבל־סוחר האָט אַריינגעשטעלט צוויי יעשענאָוועבעטן מיט אַ דעמבענער שפיגל־שאַנק.

חנטשע אַליין, כאָטש זי איז געווען פאַרטון און פאַרפאַרעט, האָט זי, פונדעסטוועגן, אין יענע טעג אויסגעזען וויסער און געסקלאַרעוועטער.

זי האָט געלאָזט אויפנייען פאַרן יונג אירן אַ קאַמגאַרענעם אַנצוג, באַשטעלט פאַר אים נאָך אַ פּאָר קאַמאַשן, מושווה געוואָרן מיט סימעק קלעזמער און צעשיקט חתונה־בריוולעך צו אַלע זעלנערלעך און צו אַלע יונגען מיט מיידן, וואָס זענען געווען איינגייער צו איר אין דער טשאַניע אַריין.

נאָר פלוצלינג, אַ טאָג צי צוויי פאַר דער חופה, ווען חנטשע האָט שוין געהאַט אָנגעבאַקן צוויי גרויסע צוקער־לעקעכער, און אין אַ באַליע זענען אַרומגעגאַנגען לעבנדיקע קאַרפּן — איז געשען אַ בראָך.

געוואָר געוואָרן איז מען באַלד אינדערפרי. ביי אונדז אין שטוב איז מען נאָר וואָס געהאַט אויפגעשטאַנען. דער טאַטע האָט געדאַוונט פון פאָרנט. אויף די שויבן איז געלעגן אַ גאָלדענער פאַס הימל. די מאַמע איז אַרומגעגאַנגען אין נאַכט־קופּקעלע און שטילערהייט אונטערגעקרעכצט. זי האָט זיך נישט גוט געפילט, די מאַמע. זי האָט נאָר געוואָלט צוגרייטן אָנבייסן און לייגן זיך צוריק אין בעט אַריין.

ס׳איז געווען שטיל. מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אויף די שטיגן אַ געלויפעריי, עטלעכע קולות האָבן גערעדט געדיכט.

— ווער רעדט דאָס אַזוי געדיכט באַלד אינדערפרי? — האָט די מאַמע געמאַכט אַ טריט צו דער טיר.

די טיר האָט זיך אָבער אַליין אויפגעפּראַלט. אַ פרעמד ווייבל מיט אַ טיכל אויפן קאָפּ האָט אין איין אָטעם אַריינגעוואָרפן:

— פרימעטל, גייען זי נאָר אַראָפּ. ס׳איז דאָך איר אַ וויסטע בראָך געשען.

ווען ס׳איז אַזאַ בראָך געשען, האָט דאָס ווייבל נישט געזאָגט.

זי האָט, זעט אויס, נישט קיין צייט געהאַט. אַ זאָג געטון — און צוריק אַראָפּגעלאָפן פון די שטיגן.

די מאַמע האָט גענומען פּאַכען מיט די הענט, אַזוי ווי אַ גאַנז, ווען מען יאָגט זי אונטער.

— און וויי מיר, נעבעך, נישט געשען — איז זי געלאָפן און גע־זוכט עפּעס צו נעמען אויף זיך — מענדל, לייזער, לויף נאָר אַראָפּ, זעטס נאָר, וואָס דאָרטן איז געשען?

דער טאַטע האָט געפירט זיינע טויבלעכע אויגן איבער דער צעטראָ־גענער מאַמע. ער האָט נישט געהערט, אָדער נישט פאַרשטאַנען. איך — אַ האַלב־אָנגעטועענער — האָב גיכער גענומען קנעפּלען די שיך, אַרויפּציען די שעלקעס. אָבער ווי אויף להכעיס, איז מיר אַלץ געפאַלן פון די הענט.

פון הויף האָבן זיך געטראָגן געשרייען מיט געוויינען. נישט אַנ־דערש, נאָר עמעצער איז, חלילה, געשטאָרבן. איך האָב מיך ווי עס איז אָנ־געטון און מיט איין שפרונג אַראָפּגעגליטשט זיך אויפן פּאָרענטש.

דער גאַנצער הויף איז פול געווען מיט מענטשן. פון אַלע גאַניקלעך און פון אַלע שטיגן זענען געלאָפן ווייבער מיט קינדער. אַלע האָבן גע־רעדט, אַלע האָבן געפרעגט און אַלע האָבן זיך געשטופּט אין דער אָפע־נער טיר אַריין פון דער טשאַיניע.

חנטשע די אַלמנה, אַ צעשויבערטע, אין אַ ווייס, קורץ הינטער־קלייד, אין אַ פּאָר רויטע נאַכט־לעטשלעך מיט פּאָמפּאָניקלעך, איז גע־לאָפן ווי אַן אונטערגעצונדענע.

— מענטשן! יידן! דערבאַרעמט אייך — האָט זי פאַרבראָכן מיט די הענט — זיי האָבן דאָך מיך איבערגעלאָזט אין איין העמד, דער גנב און די הור. זיי האָבן דאָך מיך בדלות געשטעלט. און וויי איז מיר, און אַ בראָך איז צו מיין לעבן... מענטשן, וואָס טוט מען?

זי האָט געקנייפּט שטיקער פון די באַקן, אויפגעפּראַלט די נייע דעמי־בענע שפּיגל־שאַנק, אויפגעהויבן דאָס דעקל פון קופערט און געוויזן:

— מיין שווערע האַרעוואַניע, מיין ביטערע פּראַצע. נעכט נישט גע־שלאָפן, נישט דערעסן, נישט דערטרונקען.

— ממזר! — האָט זי גענומען טופּען מיט די פיס — געמיינע הור, וואָס האָסטו געוואָלט פון דער איינגענער מאַמען, וואָס?

די ווייבער מיט די מיידן האָבן געשטעקט די נעז אין אָפענעם קו־

פערט אריין, אין דער ליידיקער שאַנק אריין, געפרעגט, ווי אזוי עס האָט געקענט געשען. האָט זי דען נישט געוווּסט, צי וואָס?

ווי אזוי האָט זי געקענט וויסן, אז זי האָט זיך גאָר געגרייט צו א חתונה. פונוואַנען האָט איר געזאָלט איינפאַלן, אז דאָס טעכטערל אירס, די הור, פירט גאָר א ליבע מיטן הינטישן יונג! ווער האָט זיך געזאָלט ריכטן אויף אזא צאָרן, אויף אזא פינצטערן גזר פון הימל...

חנטשעס פּנים איז געשוואָלן געוואָרן פון וויינען. זי האָט שוין נישט געהאַט קיין כח צו שרייען. זי איז געזעסן איבערן ליידיקן קופערט, ווי מען זיצט איבער אן אבל. פרעמדע מענטשן זענען געלאָפן נאָך פּאָליציי. נאָך איידער פּאָליציי איז געקומען, האָט זיך חנטשע אויפגעריסן פון ליידיקן קופערט און גענומען שמעטערן די ווייסע טיי־קרוגן, די טשאַיניקלעך מיט די גלעזער. זי האָט אראָפּגעריסן די געבלימטע פאָרהאַנג פון אַלקירל און געוויזן א צעקנוידערט אייזערן בעטל:

— דאָ איז זי געפּופן, דאָס ממזרת — האָט זי א כאַפּ געטון דאָס איבערבעט און צעריסן עס אויף צוויי שטיקער.

די גאַנצע טשאַיניע איז ווייס געוואָרן פון פעדערן. די פעדערן זענען דורך די אָפענע פענצטער ארויס אין הויף אריין, אָפּגעזעצט זיך אויף דער פּלומפּ, אויף די גאַניקלעך, אויף מענטשן. ווען פּאָליציי איז געקומען, איז חנטשע געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע, צווישן די פעדערן און צווישן די צעהאַקטע שאַרבענעס, און אריינגעקלאָגט דאָרטן, ווי מען קלאָגט אריין אין א קבר.

***

זי האָט, נעבעך, געהאַט אויף וואָס צו קלאָגן, די אָרעמע חנטשע. מען האָט געזאָגט, אז לאָ די, וואָס דער שוואַרצער פאַלעק האָט זי באַגנבעט און איז אַנטלאָפן מיט רוכטשען, האָט ער נאָך די אַלמנה איבערגעלאָזט מיט א בויך.

פון דער טשאַיניע איז קיין שריד ופליט נישט געבליבן. חנטשע איז געלאָפן צום נאַטשאַלניק פון פּאָוויאַט, זי האָט אַנגעשפּאַרט אפילו ביים גובערנאַטאָר, אָבער דער יונג מיט דער מויד זענען, ווי אין וואַסער אריין.

מען האָט געזאָגט, אז זיי זענען אַוועק קיין פּאַריז. מיין מאַמע איז אפילו געוואָר געוואָרן, אז פאַלעק האָט פאַרקויפט רוכטשען קיין בוענאָס־

איירעס, אָבער חנטשע האָט נאָך אַלץ נישט גערוט. געשריבן פּראָשע־ניעס קיין װאַרשע, געלאָפן צו אַדװאָקאַטן, ביז דאָס מױערל אױפן הױף האָט זיך אײנגעגאַנצן פֿאַרמאַכט.

קײנער האָט עס מער נישט געװאָלט דינגען. די קלאָר־געפּוצטע שױבן זענען שטילערהײט פֿאַרגאַנגען מיט שװאַרצן שטױב. עמעצער האָט אַראָפּגעריסן די קליאַמקע פֿון דער טיר. אױפֿן דאַך זענען געװאַקסן קעץ. חנטשע אַלײן איז אױפֿסנײ אַװעקגעפֿאָרן קײן װאַרשע.

אױפֿן הױף איז געװאָרן אַ פּוסטקע. אין די אױפֿדערנאַכטן האָב איך שױן מער נישט געקענט קוקן אין די פֿענצטער אַרײַן פֿון דער טשאַיניע.

מיט עוזרן האָב איך נישט גערעדט. נישט געטראָפֿן זיך מיט אים. כ׳האָב נאָר געזען, אַז ער איז אױפֿגעװאַקסן. ס׳האָט זיך מיר אױסגעװיזן, אַז ער איז צו הױך לױט זײַנע יאָרן. נאָך אַ טאָג, און ער װעט קריגן אַ הױקער, אַזױ װי דער טאַטע זײַנער.

איך האָב מיך נישט געהאַט װוּ אַהינצוטון. נאָכן אומגליק מיט חנ־טשען איז אין שטוב בײַ אונדז אױך געװאָרן מרה־שחורהדיק. אין די שבת־צונאַכטסן איז מאַטל שטרוי, דעם טאַטנס שותּף, נישט געקומען מער זיך חשבונען. ס׳איז נישט געװען, װאָס צו חשבונען, דאָס הײ אױף די לאָנקעס איז פֿאַרפֿױלט געװאָרן, ס׳איז נישט געװען, װאָס צו קױפֿן און װעמען צו פֿאַרקױפֿן.

דער טאַטע איז, װי געװענלעך, אױפֿגעשטאַנען פֿאַרטאָג. ער האָט זיך לענגער געעסקט מיט זײַן קראַנקן פֿוס, לענגער געזאָגט תּהלים און גע־דאַװנט פֿון פֿאַרנט. מען האָט געגעסן אָפּגעברענטע זופּ מיט זעלנעריש ברױט.

אױף שבת האָט די מאַמע געקױפֿט אַ שטיקל קאָפּ־פֿלײש, און אָנ־שטאָט פֿיש — געשטעלט אױפֿן טיש הערינג.

דער יעשען האָט זיך געשטעלט אַ שװערער, אַ רעגנדיקער. די קלײנע שױבן האָבן בײַטאָג און בײַנאַכט געװײנט. אױפֿן דאַך האָט כּסדר גע־קאַפּיעט.

די מאַמע מיט טונקעלע קנײטשן אַרום מױל האָט געקרעכצט:

— מיט װאָס האָב איך מיך פֿאַרזינדיקט, אַז איך דאַרף אָפּקומען מײַנע יאָרן אין אַזאַ בױדעם? לײזער, װי לאַנג איז דער שיעור דאָ צו זיצן, לײזער?

כ'האָב די מאַמע נישט פאַרשטאַנען. ערשטנס האָט זי דאָך דעם דאָזיקן בוידעם אַליין געדונגען, און צווייטנס, וואָס האָט דער טאַטע גע־קענט העלפן, אַז ס'היי איז אין דער גאַנצער געגנט געווען פאַרפוילט, און אַז פאָניע האָט גענומען קויפן געפרעסט היי, וואָס מען האָט צוגעשטעלט פון רוסלאַנד.

האָט זיך אָפּגעטון פון אונדזער שטוב די פּרנסה. דער טאַטע איז געגאַנגען צו מאָטל שטרוי באָרגן אַ גמילות־חסד, האָט מאָטל שטרוי גע־קנייטשט מיט די אַקסלען. פונוואַנען זאָל ער האָבן, אַז מען האַנדלט נישט?

אויפדערנאַכט איז דער טאַטע אַהיימגעקומען אַן איינגעפאַלענער. פון שפּאַנצער זיינעם האָבן אַרויסגעקוקט שוואַרצע שטיקלעך וואַטע. די מאַמע האָט נישט געהאַט נ'קאָפּ צו פאַרריכטן דעם שפּאַנצער. ס'האָט זי געיאָגט פון שטוב. אַז סיי־ווי־סיי איז נישט געווען וואָס צו קאָכן, וואָס וועט זי זיצן?

מיך האָט מען אַהיימגעשיקט פון שקאָלע.

האָט די מאַמע איינמאָל אָנגעשריבן אַ בריוו קיין לאָדזש, צום רייכן ברודער אירן. זי האָט אים געשריבן, דעם ברודער, אַז איך, דאָס יינגל אירס, זיץ אין דער היים, מחמת זי האָט נישט צו באַצאָלן קיין שכר־לי־מוד, אַז אין שטוב גייט מען אויס פון קעלט, אַז דער מאַן אירער, ליי־זער, פאַרדינט נישט. — בעט זי אים, דעם ברודער, ער זאָל זיך מרחם זיין און אַרויסהעלפן איר אין דער נויט.

קיין תשובה איז נישט געקומען. די שאָטנס אין שטוב זענען געוואָרן גרעסער און קעלטער. אין גאַס זענען שוין געפאָרן שליטעלעך. די גלעקלעך האָבן פריילעך אַרויפגעקלונגען, כ'זאָל אַראָפּקומען. אָבער כ'האָב מיך געשעמט צו ווייזן אין גאַס, מען זאָל מיך נישט פרעגן, פאַרוואָס איך קום נישט אין שקאָלע אַריין.

ערשט ביים לעצטן חנוכה־ליכטל האָט זיך איינמאָל נאָך האַלבן טאָג געעפנט די טיר און ס'איז אַריינגעקומען דער בריווטרעגער מיט דער ווייסער, יידישער באָרד.

— פּאַני לייזעראָווא — האָט ער גערעדט אויף דריי לשונות — דיענגי, געלט, פּיעניאָנדזע...

די מאַמע איז רויט געוואָרן. מיך האָט אָנגעהויבן דריקן הינטערן

האַרץ־גריבל. נישט אַנדערש, נאָר די ווייסע, יידישע באָרד פון בריוו־טרעגער געהערט צו אליהו הנביא.

ער האָט געברענגט אַ קוויטל, דער בריווטרעגער, אָפּצונעמען דאָס געלט אויף דער פּאָטשט.

די מאַמע, אַ קרענקלעך־פאַררויטלטע, איז גלייך אַהינגעלאָפן. ס'איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. מען האָט שוין היינט נישט אויסגעצאָלט. פונדעסטוועגן איז די מאַמע צוריקגעקומען אַן אויפגעהייטערטע. זי האָט גלייך געמאַכט פייער, צוגעשטעלט באָרשט מיט קאַרטאָפל, וואָס האָבן היינט געשמעקט ווי וויין. די לאָמפּ האָט געברענט ליכטיקער. אויפן קעגנאיבערדיקן דאַך איז געשטאַנען די לבנה, און פון אונדזערע שייבלעך איז פּאַמעלעך אַראָפּגעקראָכן די פראָסט.

איך האָב שוין מער גאָרנישט אין זינען געהאַט, ווי דאָס געלט, וואָס די מאַמע וועט מאָרגן אָפּנעמען פון דער פּאָטשט. כ'בין זיכער געווען, אַז אַצינד זענען מיר רייך געוואָרן. מען וועט זיך ציען אין אַ שיינער דירה אַריין. די מאַמע האָט אויך דערמאָנט וועגן אַן אַנדערער דירה און וועגן אַ פּאָר נייע שטיוול פאַר מיינעטוועגן.

בלויז דער טאַטע איז ביי דער היינטיקער וועטשערע געזעסן שווייגנ־דיקער ווי אַלע מאָל, ער האָט געגעסן געלאַסענער און געקוקט אין די שויבן אַריין מיט שטייענדיקע אויגן.

צומאָרגנס באַלד אינדערפרי איז די מאַמע געלאָפן אויף די פּאָטשט. איך האָב געוואַרט אין שטוב מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ. עטלעכע מאָל געעפנט די טיר און אַראָפּגעגאַנגען אויף די שטיגן.

ער האָט אָבער נישט געשיקט קיין סך, דער רייכער ברודער פון לאָדזש. ער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ס'איז אַ שלעכטע צייט, אַז ער האָט אַ טאָכטער חתונה צו מאַכן.

אָבער די שטיוול מיינע האָט מען פאַרראָכטן. שכר־לימוד האָט מען באַצאָלט און פאַרן טאַטן האָט די מאַמע געקויפט אַ נייעם שפּאַנצער.

— וואָס עפּעס? — האָט דער טאַטע געפירט מיט דער צונג פון איין ווינקל מויל אין צווייטן אַריין.

— אַ שפּאַנצער.

— כ'האָב דאָך אַ שפּאַנצער.

— מ'שטיינס געזאָגט. ס'פעלט דאָך פון אים שטיקער.

— נגע... אַן איינפֿאַל. — האָט ער דעם שפּאַנצער פֿאַמעלעך אָוועקגעלייגט און אַ שפּאַרע ווײַלע געקוקט אויף אים פֿונדערווײַטנס.

ער האָט אים אָבער נישט אָנגעטון. אַ פּאָר טעג איז ער אַזוי געלעגן, דער שפּאַנצער, און קיינער האָט זיך נישט צוגערירט צו אים.

ערשט שבת אינדערפֿרי, ביים איבערטון די וועש, ווען די מאַמע האָט געהאַט אויפֿגערוימט דעם אַלטן, צעריסענעם שפּאַנצער — האָט זיך דער טאַטע לאַנג געדרייט הין און צוריק און סוף־כּל־סוף אָנגעטון דעם נײַעם, דעם געקויפֿטן.

איך האָב אין יענע טעג אויך עפּעס באַנײַט. כ׳מיין נישט די פּאַררעכטענע שטיוול און אויך נישט דעם שכר־לימוד אין דער שקאָלע, נישט אַפֿילו די וואָלענע הענטשקעס, נאָר עפּעס אַזעלכעס, וואָס כ׳האָב גאָר קיין נאָמען נישט דערפֿאַר.

אפֿשר איז עס געווען דאָס שטילע קול פֿון טאַטן, וואָס זינט איך געדענק — איז עס נאָך אַזוי שטיל נישט געווען. און אפֿשר זענען דאָס געווען דער מאַמעס פֿאַרטרערטע אויגן, ווען אין אַ וואָכנדיקן טאָג האָט דער טאַטע מיר געהאָלפֿן אָנטון דעם פּאַלטן און איז געגאַנגען מיט מיר אין בית־המדרש אַרײַן צו אַ געלן ייִד מיט גרינע וואָנסעס, ביי וועמען איך האָב אָנגעהויבן לערנען די דינים פֿון לייגן תּפֿילין...